STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00459

ZIGELBOYM-BUKH

Szmul Zygielbojm

•

Permanent preservation of this book was made possible by
The Jacksonville Goldstein Family
in honor of
Bess & Shipley Glick; "May they Live to be 120"

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זיגעלבוים־בוך

געדרוקט 2,500 עקזעמפּלאַרן

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון די בונדיסטן אין מעקסיקע

צייכנונג פון שער־בלאַט — י. שלאָס

Printed in U. S. A.
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street, N. Y. C.

166

זינגלבוים-בוך

פאַרלאַג „אונזער צייט"
ניו-יאָרק
1947

צוזאמענגעשטעלט דורך י. ש. הערץ

ZYGELBOIM BOOK

Copyright 1947 by Farlag "Unser Tsait"

Published by
FARLAG "UNSER TSAIT"
175 East Broadway, New York 2, N. Y.

אינהאַלט:

לעבן און טויט

זייט

שמואל מרדכי זיגעלבוים — י. ש. הערץ — 11

פון זיגעלבוימס פען

מענטש און באַוועגונג — ש. מ. זיגעלבוים — 43

די פאַבריק — 45

וואָס טוט מען מיט די מענטשן — 54

וועלוול שוסטער — 59

די פירער פאַרראַטן — 64

ביים ראַדיאָ-הילכער — 70

מיר גייען ווייטער — 74

נח — 77

מיר קוקן מיט שטאָלץ צוריק — 79

די יידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין פּוילן — 85

אין אָנהויב פון חורבן — ש. מ. זיגעלבוים — 105

די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע — 107

דער אָנהויב — 116

די ערשטע גזירה וועגן וואַרשעווער געטאָ — 126

עפּידעמיעס און שפּיטאָלן — 137

מ׳כאַפּט אויף אַרבעט — 142

קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — 151

די גרושים — .58

די יידן אין דער פּראָווינץ — 167

עקאָנאָמישער חורבן — 173

די באַדייטונג פון דער יידישער אונטערערדישער אַרבעטער-באַוועגונג — 184

פּוילן האָט זיך נישט אונטערגעגעבן — 192

מיין אַפּפּאַר פון נאַצי-אָקופּירטן פּוילן — 198

צו די אויערן פון דער וועלט — ש. מ. זיגעלבוים — 317

	זייט
אנערקענונג און אונטערשטיצונג פון די יידישע ארבעטער אין אמעריקע	319
דעקלאראציע אין פוילישן נאציאנאל-ראט	321
געזעץ-פראיעקט קעגן אנטיסעמיטיזם	331
זארג פארן איבערבלייב פון די פוילישע יידן	334
שטעלט אפ דאס נאצי-פארברעכן !	341
רעדע אויף אן אינטערנאציאנאלן מיטינג	344
צו מיינע ברידער	349
רעטונג-אפיל פון די צום טויט געפירטע יידן	351
צו אייך, יידישע ארבעטער	353
ווענדונג צו פרעזידענט רוזוועלט און פרעמיער טשורטשיל	356
פון זיגעלבוימס לאנדאנער בריוו	357
לעצטער געזעגענונגס-בריוו	364
געזעגענונג מיט חברים און פריינד	366

פון אויפגערודערטן געוויסן

די שליחות פון געטא און זיגעלבוימס טויט — יאן קארסקי	371
אין נאמען פון דער סאציאליסטישער באוועגונג	376
אין נאמען פון דער פוילישער רעגירונג	376
סימבאל פון דער באוועגונג — עמנואל נאוואגרודסקי	377
די טאט — ש. מענדעלסאן	378
עקדת זיגעלבוים — ה. לייוויק	379
דער קדוש-השם נישט קיין צופעליקייט — ב. שעפנער	380
אויף אייביק פארבונדן — פראפ. ל. הערש	381
א טייל פון די ווארשעווער געטא-שלאכטן — „פארווערטס"	382
צוזאמען מיט זיי אין ווארשעווער געטא — „מצודה"	383
העראאיזם פון פארצווייפלונג — זיגמונט נאוואקאווסקי	383
א קעמפער נאכן טויט — מאריאן טשובנאווסקי	384
די באדייטונג פון קרבן — מארעק ארטשינסקי	385
זיגעלבוימס קאמף מיטן שאטן — ז. שניאור	387
דער יונגסטער זון — א. לעיעלעס (גלאנץ)	395
דארטן — ז. סעגאלאוויטש	403
שמואל זיגעלבוים — א. ב. שטענצל	407
צו אייך, פוילישע יידן — וול. בראניעווסקי	408

בילדער.

„איך קאָן ניט בלייבן שטיל. איך קאָן
ניט לעבן, ווען די רעשטלעך פון יידישן
פאָלק אין פוילן, וועמענס פאָרשטייער
איך בין, ווערן אומגעבראַכט.״

ש. מ. זיגעלבוים

פון דער טיפעניש פון פאָלק איז ער געקומען און צו די העכ־
סטע שפּיצן פון פאָלקס טרוימען איז ער דערגאַנגען. איינער פון
דער פאָדערשטער מחנה. פון די ערשטע צום קאַמף און גרייט צום
קרבן. אויף די בלעטלעך פון דעם בוך — אַן איבערפלאַנצונג
פון זיינע געפילן און געדאַנקען. לאָמיר ווידער הערן זיין האַרץ
קלאַפּן, זאָל די שטים ווידער קלינגען און זיין געשטאַלט זאָל פון
אונזער אויג נישט פאַרשווינדן. פון די פאַרבליבענע ווערטער זאָן
טאָטן ווייעט ווייטער דער אָטעם פון לעבן.

לעבן און טויט

י. ש. הערץ

שמואל מרדכי זיגעלבוים
(חבר ארטור)

שמואל מרדכי זיגעלבוים איז געבוירן געוואָרן דעם 21־טן פעברואַר, 1895, אין דאָרף באָראַוויצאַ, כעלמער פּאָוויאַט, לובלינער גובערניע. אין געבורטס־אָרט האָט ער פאַרבראַכט די ערשטע פיר יאָר פון זיין לעבן.

אין 1899 האָט די פאַמיליע זיך איבערגעצויגן אין שכנותדיקן שטעטל קראַסניסטאַוו, וואו שמואל מרדכי האָט פאַרבראַכט ווייטער־דיקע אַכט יאָר פון זיין קינדהייט. דאָס זענען געווען שווערע קינדער־יאָרן.

דער טאַטע, יוסף, אָדער יאָסקע דער לערער, ווי מ'האָט אים אין שטעטל גערופן, איז געווען אַ ייד אַ חלוש. אַ הויכער און אַ דאַרער, וועמען דער הוסט האָט נישט אָפּגעלאָזט. און דערצו אַ ליידענ־שאַפטלעכער רויכערער. אָט דער ייד מיטן געלבלעך־שפּיציקן בערדל איז געווען גוט באַקאַנט צווישן די קראַסניסטאַווער קינדער און יוגנט, וועלכע האָבן זיך ביי אים געלערנט שרייבן. הגם יאָסקע דער לערער איז געווען אַ ייד אַ פרומער, האָט מען אים דאָך געהאַלטן פאַר אַן אויפגעקלערטן, ווייל ער פלעגט לייענען ביכלעך און צייטונגען.

די מאַמע, העניע, איז געווען אַ הויכע ברייט־פּלייציקע יידענע. זי איז געווען די טאָכטער פון ר' יעקל שוחט, אַ חשובן ייד, וועלכער איז אחוץ שוחט אויך געווען דער מוהל פון שטעטל און חזן אין בית־מדרש פון קראַסניסטאַוו. דער קראַנקער יאָסקע דער לערער האָט פון זיינע קליינע פאַרדינסטן די פאַמיליע נישט געקענט מפרנס זיין. איז די שווערקייט פון עול פרנסה געפאַלן אויף דער פרוי. זי האָט געשטאַמט פון אַ לומדישער משפחה און אַליין איז זי געוואָרן אַ שניי־דערין. אויף זינגערס אַ ניי־מאַשין האָט זי גענייט קליידלעך. אין שטעטל האָט זי דערפאַר באַקומען דעם נאָמען — העניע די שניי־דערין. די אַרבעטס־הענט און די ברייטע פּלייצעס פון דער מאַמען זענען געווען דער גרונט־זייל פון דער היים, וואו עס זענען כסדר צוגעקומען יינגלעך און מיידלעך און ס'איז אויסגעוואַקסן אַ צאָל־רייכע פאַמיליע (11 קינדער).

פוןביידע פרנסות — לערעריי און שניידעריי — איז צום לעבן גענוג נישט געווען. זענען דעריבער די קינדער־יאָרן פון שמואל מרדכי געווען באַגלייט מיט הונגער און נויט. פונדעסטוועגן האָט ער אין דער פולער מאָס פאַרזוכט פון דער קינדערשער פרייד, וואָס איז אין יענער צייט מעגלעך געווען אין אַ שטעטל פון דער פּויליש־יידישער פּראָווינץ. געוואוינט האָבן זיי ביים טייך וויעפּזש און אין נאָנטער שכנות פון טריסקער חסידים־שטיבל. די שיינקייט און סודותדיקייט פון טייך, און דאָס דאַוונען און געזאַנג פון די טריסקער חסידים האָבן זיך צוזאַמענגעמישט און געשאַפן די אַטמאָספער פאַרן פאַנטאַזירנ־דיקן קינד.

אפשר דאָ, ביים ברעג פון טייך וויעפּזש, געפינט זיך דער אור־קוואַל פון זינגעלבוימס שפּעטערדיקע שטימונגען און פון זיין שטאַרקער ליבע צום יידישן פאָלק; אפשר דאָ איז אויך געווען דער אור־קוואַל פון זיין סענטימענט צום פּוילישן פאָלק. דער באַלעבאָס פון זייער דירה איז געווען אַ קריסט. פון די קאַרגע פאַרדינסטן האָבן טאַטע־מאַמע נישט געקענט שפּייזן די גרויסע פאַמיליע, אפשיטא צאָלן דירה־געלט. דער קריסטלעכער באַלעבאָס איז אָבער געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש, ער האָט זיי פון דער דירה נישט אַרויסגעוואָרפן און געלאָזט וואוינען אָן געלט. דאָס האָט מסתמא שטאַרק מיטגעהאָלפן, אַז ביים יינגן זינגעלבוים זאָלן אויפקומען פריינדלעכע געפילן צו נישט־יידן.

ביז צען יאָר האָט שמואל מרדכי געלערנט אין חדר און דורכ־געמאַכט דעם וועג פון דרדקי־מלמד ביזן גמרא־מלמד. קיין גרויסער למדן איז ער אָבער פון די חדרים נישט אַרויס. זיין קאָפּ איז נישט געווען ביים לערנען, כאָטש מ'האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די פעאיקסטע תלמידים. אָן באַזונדערער אָנשטרענגונג האָט ער זיך שנעל אויסגעלערנט דעם שיעור; דאָס געלערנטע איז אָבער נים אַריין טיף אין אים. וואָרום זיין קאָפּ און האַרץ איז געווען פאַרנומען אַנדערש־וואו, עס האָט אים געצויגן צו דער גאַס, צום טייך, צום פעלד, צו שטיפעריי, שפּיל און טרוימעריי.

צווישן די חדר־יינגלעך האָט שמואל מרדכי תמיד פאַרנומען דעם אויבנאָן. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך ענערגיע און איניציאַטיוו. אין יעדער קינדערשער אונטערנעמונג און שפּיל איז ער געווען דער נאַטירלעכער פירער.

די נויט אין דער היים האָט דערגרייכט אַזאַ שטופּע, אַז עלטער פון צען יאָר האָט ר' יעקל שוחטס אייניקל אין חדר שוין נישט גע־קענט גיין. אין יענער צייט האָבן אַ פּאָר יידן געמאַכט אַ שותפות און

געעפנט אין קראסניסטאוו א גרויסע פאבריק פון הילצערנע אפטייק־פודעלעך. שטעטלדיקע יידן האבן געזאגט, אז מען מאכט דארט פודע־לעך פאר פארבעס, ווייל זיי זענען געווען באשטימט פאר מאשטשן. די פאבריק האט זיך געפונען אויף דער גראבליע, אין ארימערן טייל פון שטעטל, אויף דער צווייטער זייט פון טייך וויעפזש, וואו עס גייט דער וועג קיין זאמאשטש. עס זענען געווארן באשעפטיקט בערך הונדערט פאר ארבעטס־הענט, כמעט בלויז קינדערשע. די קינדער זענען טאקע געקומען פון די ארימע שטיבן אויף דער גראבליע, אבער איינצלנע זענען אויך געקומען פון דער צווייטער זייט וויעפזש, פון מיוחסדיקע פאראימטע פאמיליעס. איינער פון זיי איז געווען יאסקע לערערס ייִנגל, פאר וועלכן ס׳איז נישט געווען צו צאלן קיין שכר־לימוד און וועלכער האט נישט געהאט קיין חשק צו גיין אין בית־מדרש אריין לערנען.

אין דער פאבריק האבן געארבעט יינגלעך און מיידלעך. די יינגלעך האבן געשניטן די דינע האלץ־פאסן און די מיידלעך האבן זיי צוזאמענגעקלעפט אין רונדיקע פארמען. געצאלט האט מען פון 20 ביז 30 גראשן א טאג. שמואל מרדכי פלעגט דעם פארדינסט אהיים־ברענגען און צושטייער געבן אויף פרנסה. תמיד איז ער געווען הונגעריק. אין שייכות מיט דעם איז געקומען זיינס אן אויפטו אין דער פאבריק, וואס האט אים פארשאפט א סך פריינד צווישן די קינדער־ארבעטער און גורם געווען א שטורם צווישן די באלעבאטים.

אין א געוויסן טאג האט מען זיך ארומגעזען, אז דער פאפ, וואס ווערט באנוצט צו באשמירן די עקן פון די פודעלעך, טויג נישט. די צוגעקלעפטע עקן האלטן זיך נישט צוזאמען. נאך א חקירה ודרישה איז פעסטגעשטעלט געווארן די סיבה. כדי דער פאפ זאל האבן די נויטיקע פעטקייט האט מען אין מעל ארײנגעטון א סכום ווייסן קעז. איינמאל איז דער 11־יאריקער שמואל מרדכי געקומען צו א גרופע הונגעריקע קינדער־ארבעטער און זיי אויפגעוויזן, אז ס׳וועט קלעקן, ווען מען וועט אין מעל ארײנשיטן ווייניקער און מיטן אפגעשפארטן קעז זיך אליין מחיה זיין. און ס׳איז אוועק א גאנג. וואס ווייטער, האבן די קינדער אלץ מער גענאשט דעם קעז און ווייניקער ארײנגעטון אין פאפ. ביז ס׳איז געקומען צו א קאטאסטראפע. איינער פון די באלעבאטים, חיים ברוך האלץ־הענדלער, האט דעם ענין ליקווידירט אויף אזא פרימיטיוון אופן: יעדן טאג, ווען ער פלעגט ארײנשיטן דעם קעז אין מעל, האט ער פאר די קינדער אין די אויגן ארײנ־געשפיגן און מיט דעם אפגעוואוינט די „נאשערס" פון זייער שלעכטער מידה.

אין דער פאבריק האט דער יינגער זיגעלבוים געהאט זיין ערשטע שווערע איבערלעבונג, ווען די פליגל פון טויט האבן א פאכע געטון איבער אים. ווייל ער איז געווען א פעאיקער און זיך געכאפט צו טון אפילו זאכן, וואס זענען געווען איבער זיינע כוחות, האט מען אים געגעבן איינע פון די פאראנטוואָרטלעכסטע און אויך געפערלעכסטע ארבעטן. מען האט אים אווקגעשטעלט ביי א שנייד־מאשין, ביי וועלכער מ׳האט געדארפט לויט א באשטימטער מאס צושניידן די האלץ־פאסן. ביי דער ארבעט האט מיט אים פאסירט אן אומגליק. שניידענדיק די פאסן צו די פודעלעך, האט ער איינמאל מיטגעשניטן זיין אייגן פלייש און ביין—2 שפיצן פינגער פון זיין האנט. דאס ערשטע מאל, ווען דער שווארצער טויט האט א בלענד געטון פאר זיינע אויגן. די צוויי פינגער האבן זיך פארהיילט, בלויז א פלאטשיקייט ביי די נעגל האט אים כסדר דערמאנט די דורכגעגאנגענע סכנה און דעם ווייטאג, וואס די שארף פון מעסער האט אים פארשאפט.

א שטיקל צייט נאך דעם אומגליק האט דאס ארבעטער־יינגל זיך אנגעדונגען אין א בעקעריי, ביי זיינס א מומע. ער האט געארבעט א צייט און איז אויך פון דארטן אוועק. ער איז דעמאלט אלט געווען סך־הכל 12 יאר.

ס׳האבן זיך געענדיקט זיינע קינדער־יארן אין דער היים, פונוואנען די נויט האט אים פארטריבן. אין 1907 לאזט זיך דאס 12־יאריקע יינגל אוועק אין דער פרעמד, אין דער גרויסער שטאט ווארשע. א קינד אן השגחה און אן ווארעמקייט פון טאטע־מאמע, איינער אליין אין אן אומרואיקער צייט און אין א צעברויזטן מענטשן־ים. ער קען אבער פארט מער נישט ליגן אויף די דארע פלייצעס פון קראנקן טאטן, און די שווער הארעווענדיקע מאמע ברענגט כסדר נאך קינדער, וועלכע זויגן אויס אירע זאפטן און נעמען צו איר גאנצע אויפמערקזאמקייט. ער וועט פרואוון זיך שטעלן אויף אייגענע פיס, ווערן א מענטש פאר זיך, פרואוון ס׳מזל אין דער גרויסער הור־האדיקער ווארשע. זיבן יאר פון זיין יוגנט־צייט האט שמואל מרדכי זיגעלבוים אין דער גרויסער שטאט פארברענגט, זיבן מאגערע יאר, וואס האבן קיין פעטע נישט געהאט איינצושלינגען.

אין דער גרויסער שטאט האט ער זיך גענומען צו א דריטער מלאכה: געווארן א לערן־יינגל ביי א הענטשקע־מאכער. א צייט האט ער געוואוינט ביים מייסטער, געטון אלע שטוב־ארבעטן. דער מייסטער פלעגט אים אמאל אויך מכבד זיין מיט קלעפ. די קלעפ פון מייסטער האבן דאס לערן־יינגל דערפירט צו אזא פארצווייפלונג,

אז ער איז איינמאָל אַנטלאָפן פון מייסטערס שטוב און אַ וואָך צייט געגעכטיקט אין גאַס, אויף אַ באַנק אין קראַשינסקיס גאָרטן. שפּעטער האָט ער זיך איינגעאָרדנט ביי אַ קראַסניסטאַווער פאַמיליע, וואָס האָט געוואוינט אין וואַרשע. די דירה האָט זיך געפונען אויף נייע־קאַרמעליצקאַ גאַס (שפּעטער האָט מען די גאַס גערופן — לובעצקעגאַ), וואו קיין נגידים האָבן נישט געוואוינט. די אָרימע קראַסניסטאַווער פרוי (אַ שוועסטער פון שפּעטער באַקאַנטן בונדיש טוער מנחם ראָזענבוים), וועלכע האָט שמואל מרדכין גוט געקענט פון דער היים, האָט אים אין אַ נויט געהאָלפן און באַמיט זיך צו פאַר־גרינגערן זיין עלנט און הונגער.

אין דער פרייער צייט האָט דער רייף־ווערנדיקער יינגל ליב געהאַט צו שרייבן לידער. דאָס „פּאָעטישע שאַפן" האָט נישט בלויז באַפרידיקט אַ באַדערפעניש אויסצודריקן זיינע שטימונגען און גע־דאַנקען אָדער אונטערהאַלטן די האָפנונג צו ווערן באַרימט, נאָר איז אויך געווען אַ מיטל צו פּטרן די צייט. וואָרום לאַנגע וואָכן און חדשים איז דער יינגער הענטשקע־מאַכער ארומגעגאַנגען ליידיק, אָן אַרבעט. דער בעסטער טאָג איז פאַר אים געווען שבת. אין דעם טאָג זענען זיך צוזאַמענגעקומען באַקאַנטע קראַסניסטאַווער בחורים, צוזאַמען פאַרבראַנגט און אויסגעהערט נייעס פון דער היים. און זיי, די קראַס־ניסטאַווער בחורים, זענען עס געווען די אוידיטאָריע, פאַר וועלכער דער יינגער פּאָעט האָט געלייענט זיינע לידער, געהערט זייער מבינות און אַמאָל באַקומען אַן אויפמונטערנדיק וואָרט. און כאָטש די פריינד האָבן אים געעצהט די לידער „אַוועקטראָגן אין רעדאַקציע", האָט אים דאָך קיין מוט דערויף נישט געקלעקט.

אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין זיין לעבן איז געקומען מיטן אויס־ברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט דעמאָלט באַשלאָסן צוריקצופאָרן אַהיים קיין קראַסניסטאַוו. דאָרט איז ער נישט פאַר־בליבן לאַנג. אין 1915 האָט זיין פאַמיליע פאַרלאָזט דאָס שטעטל, וואָס האָט שטאַרק געליטן בעת די שלאַכטן צווישן די רוסן און עסטרייכער, און זיך באַזעצט אין כעלם. אין יענער צייט און אין יענער שטאָט הויבט זיך אָן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אין וועלכער ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַלע זיינע חושים און לסוף אין איר זיך מקריב געווען.

דעמאָלט שוין אַ רייפער 20־יאָריקער יינגערמאַן, קומט אָן שמואל מרדכי זיגעלבוים אַרבעטן אַלס דינער אין אַ רוסישן מיליטערישן שפּיטאָל. אין דער נייער סביבה באַקענט ער זיך מיט אַ פּאָר דאָק־טוירים, אינטעליגענטע מענטשן, וועלכע וועקן אויף ביי אים אַ שטאַרקן

דראַנג נאָך בילדונג. אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט זיין אינטערעס געפאַנגען פון דער דערוואַכענדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

שוין אַלס קינד אין דער קראַסניסטאַווער פאַבריק האָט ער דורכ־געמאַכט אַ שטרייק. שפּעטער, אין וואַרשע, אין די יאָרן 1907—1914, איז אים אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן אין עקאָנאָמישע אַקציעס. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פּאָליטישן פּראָטעסט־שטרייק אין 1913, וועלכן דער „בונד" האָט פּראָקלאַמירט אין שייכות מיטן עלילת־דם־פּראָצעס, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אינסצעניזירט אין קיעוו. אַקטיוו אין דער באַוועגונג איז ער אָבער נישט געווען. די ערשטע בונדיסטן, וועלכע ער האָט באַגעגנט, זענען געווען די פירער פון הענטשקע־פאַך אין וואַרשע, אָבער נאָענט צום „בונד" איז ער דאָך נישט געוואָרן. זיין אַלגעמיינע שטימונג איז דעמאָלט געווען אַ נאַציאָנאַליסטישע. אין סאָציאַליזם האָט ער קיין אמונה נישט גע־האַט. אַ טיפע ענדערונג אין זיינע שטימונגען איז פאָרגעקומען אין 1915, אין כעלם.

ווען די עסטרייכישע חיילות האָבן פאַרנומען די שטאָט, איז, ווי אויפן גאַנצן שטח פון דער דייטשער און עסטרייכישער אָקופּאַציע, די אַרבעטער־באַוועגונג אַרויס אויפן אויבערפלאַך און איז זיך ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסן. נאָך פון די רוסישע צייטן זענען געווען אין שטאָט בונדיסטן, וועלכע האָבן איבערגעהאַלטן אַלע שווערע רעפּרע־סיעס פון דער צאַרישער מאַכט, ווי אויך די פאַרפאָלגונגען פון דער יידישער שוואַרצער חברה און פון מוסרים. אויף אַ ספּעציפיש כעל־מער שטייגער האָט מען אומגעבראַכט אין די יאָרן 1906־7 די אָרטיקע בונדישע אָרגאַניזאַציע. מוסרים האָבן צוגעשטעלט אַ רשימה ווער עס לייענט צייטונגען, וואָס דער „בונד" גיט אַרויס, און מען האָט אַלע פון דער רשימה אַרעסטירט.

נאָכן פאַרנעמען די שטאָט דורך די עסטרייכער איז אין כעלם געגרינדעט געוואָרן אַן „אַרבעטער־היים", צו וועלכער עס האָבן געהערט מיטגלידער פון פאַרשידענע פּאַרטייען. ש. מ. זיגעלבוים איז געוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „אַרבעטער־היים". דאָס איז געווען דאָס ערשטע פעלד פון זיין געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט. שפּעטער איז די „אַרבעטער־היים" אַריבער אין רשות פון „בונד" און אַרום איר האָט זיך גרופּירט די מערהייט פון די יידישע אַרבעטער אין כעלם. אין יענער צייט זענען דאָרט געווען אַקטיוו די בונדישע טוער ד"ר דוד מירלאַס פון וואַרשע און ד"ר ש. פענסטערבלוי פון קראָקע, וועלכער האָט אַלס אָפיציר פון דער עסטרייכישער אַרמיי בעת דער אָקופּאַציע געדינט אין אָרטיקן גאַר־

ניזאָן. זיגעלבוים האָט מיט ברען זיך געוואָרפן אין דער פּראַקטישער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעבליט.

סוף דעצעמבער 1917 איז אין לובלין פאָרגעקומען דער 1־טער צוזאַמענפאָר פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, וואָס האָט זיך געפונען אונטער צוויי אָקופּאַציעס — א דייטשער און אַן עסטרייך־אונגאַרישער. די בונדישע אָרגאַניזאַציע פון כעלם האָט געשיקט זיגעל־בוימען אַלס איר דעלעגאַט. אויף דעם צוזאַמענפאָר האָט דער יינגער טוער צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיט די וויכטיקסטע פירער און טוער פון „בונד". ער האָט געמאַכט זייער א גוטן איינדרוק מיטן זאַכלעכן באַריכט פון זיין שטאָט, ווי אויך מיט זיין ערנסטן אינ־טערעס צו די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען. אים גופא האָט אַמשטאַרקסטן אינטערעסירט די נאַציאָנאַליטעטן־פּראַגע, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון צוזאַמענפאָר אויפצוקלערן. די סיבה דערפון איז געווען אי זיין פּערזענלעכע שטאַרקע נאַציאָנאַל־יידישע שטימונג, אי די שאַרפ־קייט, מיט וועלכער די פּראַגע איז געשטאַנען אין כעלם, וואָס האָט געהאַט א דריי־נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם — יידן, פּאָליאַקן און אוקראַינער. אין יענער צייט איז אַפילו געווען א שאַרפער פּויליש־אוקראַינישער קאָנפליקט צוליב דער כעלמער געגנט.

די בונדישע באַוועגונג אין כעלם איז זיך שטאַרק פאַנאַנדער־געוואַקסן און זיגעלבוים איז געווען איינער פון אירע אַקטיווסטע און פעאיקסטע טוער. די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט דעמאָלט באַקומען פאַר זיך און פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זענען געשטאַנען אונטער איר השפּעה, אַן אייגן הויז. אין א גרויסער מאָס איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען די שטאַרקע באַמיאונגען פון זיגעל־בוימען. דער כסדרדיקער אויפשטייג פון דער באַוועגונג האָט אים צוגעגעבן שוואונג אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אַליין אָבער, אין פּריוואַטן לעבן, האָט ער ווייטער געליטן נויט און געלעבט אין אָרימקייט. נאָך אין דער מלחמה־צייט האָט ער חתונה געהאַט. ער האָט געאַרבעט אַלס הענטשקע־מאַכער און די פרוי — גאָלדע — אַלס שניידערין. ביידנס פאַרדינסטן זענען אָבער געווען אַזוי קנאַפּ, אַז ער האָט געמוזט וואוינען אין א קעלער־שטוב. זיין צייט איז געווען געטיילט צווישן גרויסן הויז פון די יידישע אַר־בעטער און דעם קעלער, וואו ער האָט געלעבט מיט זיין פרוי און ערשטן קינד יוסף לייב.

דאָס שווערע אָרימע לעבן און די פּאַרטיי־אַרבעט, אין וועלכער ער איז געווען פאַרטון טאָג און נאַכט, האָבן דעם יינגן אַרבעטער־

טוער נישט אָפּגעהאַלטן פון זאָרגן פאַר דער אייגענער אויסבילדונג. הגם דער פאָטער איז געווען אַ לערער, האָט אָבער דער זון קיין שום נאָרמאַלע שול נישט דורכגעמאַכט און עס האָבן אים געפעלט אַפילו עלעמענטאַרע קענטעניש. מיט ענערגיע האָט ער זיך גענומען טייל־ווייז צו דערגרייכן דאָס, וואָס ער האָט אַרורכגעלאָזט אין די יאָרן פון דער קינדהייט און יוגנט. אין כעלם האָט ער זיך נאָנט באַ־פריינדעט מיט אַ יינגער פּוילישער אינטעליגענטין (פרוי פון אַן אַלטן סאָ־ציאַליסט, פּראָפ. זיגמונט הערינג), און זי האָט אים אָנגעהויבן צו לערנען פּויליש. אויך שפּעטער האָט ער די שפּראַך ווייטער געלערנט ביז ער האָט זי גאַנץ גוט באַהערשט.

אין 1920 האָט זיגעלבוים פאַרלאָזט כעלם און זיך באַזעצט אין וואַרשע. דאָ עפנט זיך פאַר אים אַ נײַ און ברייט פעלד פון טעטיקייט. אין גרויסן יידישן אַרבעטער־צענטער האָט ער באַקומען די מעגלעכ־קייט אויסצולאָדן זיין גרויסע ענערגיע און צו אַנטוויקלען זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע, רעדנערישע און שרייבערישע פעאיקייטן. דער נאָמען — זיגעלבוים איז פאַר די וואַרשעווער יידישע אַרבעטער ווײַ־טער געבליבן ווייניק באַקאַנט. דערפאַר איז אָבער גאָר גיך געוואָרן פּאָפּולער דער נאָמען — חבר אַרטור (זיין פּאַרטיי־פּסעוודאָנים).

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער פּויליש־רוסישער מלחמה. די בונדישע באַוועגונג האָט דעמאָלט שטאַרק געליטן פון רעפּרעסיעס. ס'זענען געווען נויטיק נייע טוער. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט באַשלאָסן אַרויסצורופן קיין וואַרשע דעם יינגן פּראָ־ווינציעלן טוער. ער האָט באַלד באַקומען צוויי פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. ער איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַר־איין פון די יידישע מעטאַל־אַרבעטער און אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד". פון דעם מאָמענט הויבט זיך אָן זיין גרויסער געזעלשאַפטלעכער אויפשטייג און גאָר גיך ווערט ער איינער פון די צענטראַלע טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

יעדן פרימאָרגן האָט ער פאַרלאָזט זיין דירה אין דער געדיכטע־ניש פון דער יידישער אָרימקייט, אויף סטאַווקי גאַס, און זיך אַהין אומגעקערט שפּעט ביינאַכט, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ טאָג פון רווישיקע איבערלעבונגען, אָן אַ שיעור איינדרוקן און דערפאַרונגען, פרישע באַקאַנטשאַפטן און נייע פּראָבלעמען.

אויף עטלעכע געביטן האָט אַרטור אויסגעפּרוּווט זיינע כוחות. ער איז געווען אי אַ פּאָליטישער, אי אַ טרייד־יוניאָן־טוער. אויף ביידע פעלדער איז ער אַרויסגערוקט געוואָרן צו די העכסטע אַמטן.

ער האָט געוויזן זיינע פעאיקייטן ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר, רעדנער און שרייבער — אייגנשאַפטן וואָס נישט אָפט פאַראייניקן זיי זיך אין איין מענטשן.

שוין אין ערשטן צענדליק יאָר פון זיין בונדישער טעטיקייט אין וואַרשע, האָט ער דערגרייכט אַ ריי העכסטע פּאָזיציעס, וואָס די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט פאַרמאָגט. אויפן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, סוף דעצעמבער 1924, ווערט ער אויסגעוויילט אַלס מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״. פון דעמאָלט אָן איז זיגעלבוים אַ שטענדיקער מיטגליד פון דער העכסטער אָנפירונג פון „בונד״, ווייל אויף אַלע ווייטערדיקע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן איז ער ווידער געוויילט געוואָרן.

דער אַמט אַלס סעקרעטאַר פון פאַראיין פון די יידישע מעטאַל־אַרבעטער אין וואַרשע איז בלויז געווען אַ התחלה אויפן געביט פון דער טרייד־יוניאָן־טעטיקייט. ער איז דערנאָך אַריבער צו העכערע אַמטן. אַ צייט איז אַרטור געווען סעקרעטאַר פון צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די יידישע אַרבעטער אין וואַרשע. אויף אַזאַ אופן איז ער געקומען אין באַרירונג מיט די יידישע אַרבעטער פון די פאַרשידנסטע פאַכן, האָט זיך באַקענט מיט זייער לעבן און נויטן, מיט זייערע באַמיאונגען און קאַמפן. אויפן דאָזיקן אַמט איז אים אויך אויסגעקומען צו פאַרבינדן די יידישע אַרבעטער מיט די פּוילישע אויפן באָדן פון דער „ראַדע״ — דעם שטאָטישן ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער אין דער הויפּט־שטאָט.

זיגעלבוים איז אויך געווען טעטיק אין לאַנד־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן (דאָס איז געווען דער פאַרבאַנד פון די יידישע אַרבעטער־יוניאָנס אין גאַנצן לאַנד). ווי אַ מיטגליד און אַ לענגערע צייט ווי אַ סעקרעטאַר פון לאַנד־ראַט איז אים אויסגעקומען צו באַווירקן די טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די יידישע אַרבעטער אין אַלע עקן לאַנד. ביז 1930 איז ער אויך געווען רעדאַקטאָר פון די „אַרבעטער־פראַגן״, אַ טרייד־יוניאָן־צייטונג פון די יידישע אַרבעטער.

מיט דעם האָט זיך נישט אויסגעשעפּט זיין טרייד־יוניאָניסטישע טעטיקייט. ער האָט אויסגעפירט נאָך צוויי וויכטיקע פונקציעס. פון 1926 איז ער במשך פון איבער אַ צענדליק יאָר געווען דער פאָרזיצער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון לעדער־אַרבעטער אין פּוילן —

אן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ארומגענומען אי יידישע, אי פּוילישע און אנדערע קריסטלעכע אַרבעטער. ער האָט פיל בייגעטראָגן צום פּאַנ־אַנדערבוי און וואוקס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וואָס האָט באַדייטנדיק געהאָלפן די שוסטער, גאַרבער און אנדערע מינים לעדער־אַרבעטער פון פוילן צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. ווי אַ פאָרשטייער פון דעם לעדער־פאַראיין, איז זיגעלבוים יאָרן לאַנג געווען אַ מיטגליד פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער גאַנצער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין לאַנד — אין דער צענטראַל־קאָמיסיע פון דער פעדעראַציע פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען אין פוילן, אין וועלכער עס זענען געווען פאַראייניקט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון אַלע פעלקער אין דער פוילישער מלוכה. אַ מיטגליד פון דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז ער געווען פון יאָר 1924. אזוי איז מיט זיין וואָרט און טאַט באַווירקט געוואָרן די אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן.

פון יאָר 1927 האָט זיך פאַר ארטורן געעפנט אַ ניי פעלד פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין יענעם יאָר זענען פאָרגעקומען וואַלן פון אַ נייעם שטאָט־ראַט אין וואַרשע. די וואַרשעווער אָרגאַני־זאַציע פון „בונד" האָט אים ארויסגעשטעלט אלס איינעם פון אירע קאַנדידאַטן און צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע בונדישע פירער איז ער דורך דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג געוויילט געוואָרן אַלס איר שליח־צבור אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אויך אויף דעם פּאָסטן אַלס ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט האָט ער באַרעכטיקט דעם צוטרוי, וואָס מ'האָט אים ארויסגעוויזן. די אָנפאַר־טרויטע פונקציע האָט ער אויסגעפירט בשלימות. דער אַמט פון ראַטמאַן איז געווען פון וויכטיקער באַדייטונג, ווייל דער וואַרשעווער שטאָט־ראַט האָט געהאַט צו טון נישט בלויז מיט קאָמונאַלע ענינים, נאָר איז אויך געווען אַן ערשט־ראַנגיקע פּאָליטישע טריבונע — די שטים פון דער הויפּט־שטאָט.

אַ ריי טוער פון „בונד" איז אויסגעקומען אַ סך ארומצופאָרן און באַזוכן די שטעט און שטעטלעך אין לאַנד. ביי שטרייקן, וואַל־קאַמ־פּאַניעס, ערב פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, ביי פאַרשידענע וויכטיקע גע־לעגנהייטן אָדער סתם אויף אַ פאַרלעזונג פלעגן צענטראַלע טוער קומען פון דער גרויסער שטאָט אין דער ווייטער פּראָווינץ. זיגעלבוים איז געווען איינער פון די, וועלכער איז אַ סך ארומגעפאָרן. אַחוץ דער דירעקטער שליחות, וואָס ער האָט געהאַט צו דערפילן אויפן אָרט, פלעגט ער קיינמאָל נישט צוריקקומען מיט ליידיקע הענט. אויף די ערטער האָט ער זיך נישט בלויז פאַראינטערעסירט מיט די ענינים,

וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו זיין שליחות, נאָר זיין געניט און פאַרשעריש אויג איז אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון אָרטיקן לעבן און אויפגעכאַפּט אייגנאַרטיקע שטריכן. צוריק־קומענדיק קיין וואַרשע, פלעגט ער אָנשרייבן בילדער פון יידישן לעבן אין דער פּראָווינץ און זיי אָפּדרוקן, אונטער דעם פּסעוודאָנים ז. אַרטור, אין דער בונדישער פּרעסע. דער שרייבער אין אים האָט נישט גע־קענט בלייבן פּאַסיוו פּנים אל פּנים מיט די אינטערעסאַנטע שטייגער־בילדער און פאַרשווייגן עוולות פון קליינשטעטלדיקע תּקיפים און מאַכערס, די „בערל קוטשמעס", ווי ער האָט זיי גערופן. אין ריידן ווי אין שרייבן זאַכלעך און לאַגיש, האָט אַרטור געקענט נישט בלויז איבערציינגן, נאָר אויך מיטרייסן און דערהויבן.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן איז געווען אַ פּיל־זייטיקע, פול מיט שטורם און דראַנג. פאַר פּעאיקע מענטשן איז זי אויך געווען אַ פעלד, וואָס האָט געגעבן שאַנסן צו אַנטוויקלען איינגע־בוירענע טאַלאַנטן. אָרגאַניזאַטאָרן און רעדנער, טעאָרעטיקער און שרייבער האָבן געקענט ווייזן וואָס זיי קענען. נישט יעדער האָט גע־קענט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. און נישט אַלע, וועלכע האָבן דעם עקזאַמען יאָ אויסגעהאַלטן, האָבן פאַרמאַגט דעם אימפּעט, וואָס זאָל זיי אומ־אויפהערלעך טרייבן צו בלייבן אויף דעם שווערן פּאָסטן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ביי זייערע איינגעבוירענע פעאיקייטן האָבן אַ טייל נישט פאַרמאַגט דעם אויסדויער אָדער אפשר גאָר דעם אידעאַליזם, וואָס איז נויטיק געווען צו שטיין אומגעבראָכן אין שווערן געראַנגל, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן געפירט.

אין טאָל פון נויט און עלנט, וואָס זיגעלבוים איז דורכגעגאַנגען אין די יאָרן פון זיין קינדהייט און יוגנט, האָט ער שטענדיק געטרוימט זיך צו דערהויבן. ער האָט זיך געשטעלט ערנסטע ציִלן און געשטרעבט זיי צו דערגרייכן. ס'איז דעריבער אין אים געווען אַ טיפע דאַנקבאַר־קייט צום „בונד", וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באַ־פרייען די איינגעשלאָסענע אין אים דרעמלענדיקע כּוחות, צו אַנט־וויקלען זיינע פעאיקייטן און דינען אַ גרויסער זאַך. און הגם אין משך פון אַ קורצער צייט האָט דער פּראָווינצער יינגערמאַן געזעלשאַפטלעך אַ סך דערגרייכט און איז אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ צענ־טראַלן אַרבעטער־פירער, און הגם ער האָט געגלויבט און געהאַט צוטרוי צו זיינע כּוחות און מעגלעכקייטן, איז דאָך ביי אים נישט געווען קיין זעלבסט־צופרידנקייט. פאַרקערט, עס האָט אים שטענדיק באַגלייט אַ געוויסע אומצופרידנקייט — נישט קיין אָרגאַנישע וואָס

קען טרעפן ביי פאַרביטערטע מענטשן, נאָר אַ געפיל, וואָס קומט פון אַ ניכטערער אָפּשאַצונג. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען גרויס אין פאַרנעם און שיין אין איר אידעאַליזם, אָבער זי איז געווען ווייט פון שלימותדיקייט. אַרטורן — דעם ניכטערן רעאַליסט האָט שטענדיק באַגלייט אַרטור — דער טרוימער. ער האָט אויסגעצייכנט געקאָנט אָפּשאַצן וואָס ס'איז יאָ מעגלעך און וואָס ס'איז נישט צום דערגרייכן. פונדעסטוועגן האָט ער קיינמאָל אין דער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט נישט געוואָלט זיך צופרידנשטעלן מיטן מעגלעכן און דערגרייכבאַרן. ס'איז געווען אין זיין נאַטור דאָס אומאויפהערלעכע שטרעבן צום העכערן.

טאָג און נאַכט פאַרטון מיט אַלע חושים אין דער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט, האָט ער תמיד געזוכט נאָך עפּעס. ער ווענדט זיין אינטערעס אויך צו ליטעראַטור און טעאַטער, צו קולטור־טעטיקייט בכלל און אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן פאַרברענגט ער אפילו אַ יאָר צייט אין אַמעריקע מיט דער מיסיע צו פאַרשפּרייטן דאָ יידישע ביכער. שפּעטער האָט ער אָן ענדלעכע אַרבעט אויך געטון אין פּוילן, ווען ער איז געוואָרן דער אָפיציעלער פאַרשטייער פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע.

מיט ליבע און דרך־ארץ האָט ער זיך באַצויגן צו די אַלטע און אָנערקענטע פירער פון „בונד". די דאָזיקע פירער זענען אין זייער באַנעמונג געווען העכסט דעמאָקראַטיש און פּשוט. זיי האָבן אין באַציאונגען צו מענטשן אָפּגעשאַפט יעדע מחיצה צווישן זיך און דעם איינפאַכסטן פאַרטיי־חבר און פאַרווישט יעדע דיסטאַנץ. קיין שפּור פון קוקן פון אויבן אַראָפּ. אויב חברים האָבן דאָך געקוקט צו די אַלטע פאַרטיי־פירער פון אונטן אַרויף, איז עס געווען אַ טיפער געלייטער־טער דרך־ארץ, אַ נאַטירלעכער געפיל פון ליבע און פאַרערונג.

אין דעם פּרט איז אַרטור, וואָס איז שוין געשטאַנען אין סאַמע שפּיץ פון דער באַוועגונג, נישט געווען קיין אויסנאַם. פּריוואַטליך איז דורך אים אַליין איינגעהאַלטן געוואָרן אַן אינערלעכע דיסטאַנץ צו די אַלטע פאַרטיי־פירער, וועלכע זענען פאַר אים תמיד פאַרבליבן לערער און וועג־ווייזער, כאָטש אין זיינע אָנשויאונגען איז ער געווען און פאַרבליבן זעלבסטשטענדיק.

פון הערבסט 1936 איז געביטן געוואָרן די אַרענע פון אַרטורס טעטיקייט. ער האָט פאַרלאָזט וואַרשע און זיך באַזעצט אין לאָדזש.

דער אָנערקענטער פירער פון די יידישע אַרבעטער אין גרעסטן פּראָלעטאַרישן צענטער פון לאַנד איז לאַנגע יאָרן געווען ישראל ליכ־

טענשטיין, איינע פון די שענסטע און איידלסטע געשטאלטן, וואס דאס פוילישע יידנטום האט ארויסגעגעבן. די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין לאדזש, וועמען ישראל ליכטענשטיין האט אוועקגעשענקט זיין לויטערע נשמה און פיין־פילנדיק הארץ, איז נאך זיין טויט אין 1933 נאך מער זיך פאנאנדערגעוואקסן.

די לאדזשער יידישע ארבעטער האבן פון זיך גופא ארויסגערוקט א רייע אויסגעצייכנטע טוער. די ארטיקע בונדישע באוועגונג — סיי די פארטיי, סיי די יוגנט־ארגאניזאציע — האט פארמאגט א גרויסע מחנה גוטע יונגע טוער, וועלכע האבן זייער פולע מאראלישע קראפט און ווערט ארויסגעוויזן באזונדערס בולט אין די יארן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין שרעקלעכן געטא־גיהנום אונטער דער נאצי־ממשלה. דער פארלוסט פון ישראל ליכטענשטיין איז אבער געווען נישט צום פארגיטיקן. די שטארק אויסגעוואקסענע באוועגונג האט זיך געגויטיקט אין פירנדיקע פערזענלעכקייטן. און אזוי איז געבוירן געווארן דער געדאנק צו באזעצן אין לאדזש איינעם פון די צענטראלע בונדישע טוער. דער צענטראל־קאמיטעט פון „בונד" האט געהאלטן, אז ארטור וועט זיין דער פאסיקסטער צו דער אויפגאבע. און הגם אן ענטוזיאזם, האט ארטור, ווי א דיסציפלינירטער מיטגליד, אויסגעפירט דעם פארלאנג פון צענטראל־קאמיטעט.

ארטור האט זיך באזעצט אין לאדזש, וואו ער האט זיך מיט דער גאנצער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט אריינגעווארפן אין דער ארבעט. אפיציעל דער סעקרעטאר פון דער לאדזשער ארגאניזאציע פון „בונד", איז ארטור פאקטיש געווען פארבונדן מיט אלע צווייגן פון דער באוועגונג. סוף 1938 איז ער אויסגעוויילט געווארן אלס ראטמאן פון לאדזשער שטאט־ראט, וואס האט אים געגעבן א מעגלעכקייט אויף אן אלגעמיינער שטאטישער טריבונע צו דערשיינען פאר דער עפנטלעכקייט. זיינע רעדעס אין שטאט־ראט האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זאך־קענטעניש, פרינציפיעלער אויסגעהאלטנקייט און מיט דעם דעצידירטן קאמף־ווילן, וואס האט באהערשט די ברייטע שיכטן פון יידישן ארבעטנדיקן פאלק אין פוילן.

לאדזש, די צווייט גרעסטע שטאט פון פוילן, האט דעמאלט געהאט א שטאט־ראט און מאגיסטראט מיט א סאציאליסטישער מערהייט. אויך דער „בונד" האט פארמאגט א שטארקע פראקציע. די מינדערהייט איז אבער באשטאנען פון פארביסענע ענדעקעס, אנטיסעמיטן. מיט זיינע מוטיקע רעדעס אין שטאט־ראט האט זיגעלבוים דעמאסקירט דעם רעאקציאנערן פאלקס־פיינדלעכן פרצוף פון די ענדעקעס און זייערע שותפים, פארטיידיקט די רעכט פון דער יידישער

באפעלקערונג, אויפגעוויזן די פאלשקייט פון דער אנטיסעמיטישער דעמאגאגיע און איר אנטקעגנגעשטעלט די סאלידאריטעט פון די יידישע און פוילישע ארבעטער־מאסן.

אויף זיין פאראנטווארטלעכן געזעלשאפטלעכן פאסטן אין לאדזש איז זיגעלבוים פארבליבן ביזן אויסברוך פון מלחמה־שטורם, אין סעפטעמבער 1939.

5 טעג נאכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען שוין די דייטשע חיילות געשטאנען ביי די טויערן פון לאדזש. אונטערן שטארקן דרוק פון שונא איז דאס פוילישע מיליטער אפגעטרעטן און צוזאמען מיט די צעשאטענע פולקן האבן אויך מיטגעשטראמט מאסן פון דער ציווילער באפעלקערונג. זיי זענען געגאנגען אין דער ריכטונג פון ווארשע. אין דאזיקן מענטשן־שטראם האט זיך אויך געפונען שמואל מרדכי זיגעלבוים.
ער האט זיך דערזען פאר נייע גרויסע און שווערע פאדערונגען, וואס געפירט צווישן ברענענדיקע דערפער, אונטער קוילן און באמבעס פון די פיינדלעכע עראפלאנען. ביי אזעלכע אויסטערלישע באדינגונגען איז ער געגאנגען קיין ווארשע, וואו עס זענען אפגעלאפן זיינע בעסטע יארן און וואו ער איז געזעלשאפטלעך אויסגעוואקסן. אין דער זעלבער שטאט איז ער מיט בערך 3 צענדליק יאר צוריק געקומען ווי א פראווינצער יינגל צו זוכן ארבעט און ברויט, איצט איז געגאנגען א מענטש א רייפער מיט קרוב א פערטל יארהונדערט שטורמישער טעטיקייט אין דער ארבעטער־באוועגונג, וואס האט אים אויף איר רוקן ארויסגעהויבן הויך. שטויב און שוויים האבן באדעקט א פנים מיט קנייטשן, וואס דאס הארטע לעבן האט אויסגעקריצט.
געטריבן פון אימפעט צו דערגרייכן ווארשע נאך פאר די שנעלמארשירנדיקע דייטשע חיילות, האבן אין זיין קאפ זיך געפלאנטערט פארשידענע געדאנקען; בילדער פון דער נאנטער און וויטער פארגאנגענהייט האבן פארבייגעשוועבט און זענען פארטריבן געווארן פון די שרעקלעכע בהלה־בילדער, וואס דאס אויג זיינס האט איצט אויפגעכאפט אויף די וועגן און אין די ישובים צווישן לאדזש און ווארשע. צייטנווייז האט דער געדאנק זיינער זיך ארויסגעריסן פון דער קאשמארנערווירקלעכקייט און זיך אוועקגעטראגן העט־ווייט, אבער אין דעם אלעם איז נישט געווען קיין אנונג פון דער גרויסער היסטארישער אויפגאבע, וואס דער גורל האט פאר אים פארגעגרייט. ער איז געשטאנען פארן מארגן מיטן זעלבן פראגע־צייכן, ווי אלע אנדערע.

זיין קומען קיין ווארשע האט געענדערט ראדיקאל דאס בילד. ער האט זיך דערזען פאר נייע גרויסע און שווערע פאדערונגען, וואס ער האט גערנוויליק גענומען אויף זיך צו דערפילן.

דאנערשטאג דעם 7־טן סעפטעמבער 1939, 2 בייגאכט, האט ארטור, שוין מיט געשוואלענע פיס, זיך דערשלעפט קיין ווארשע. ער איז געקומען פון דער זייט פון דער פארשטאט וואליע און אנגע־קלאפט אין דער וואוינונג פון חבר אברהם קאסטעלאנסקי אויף לעשנא גאס. דארט האט ער זיך אפגערוט פון שווערן וועג.

זיין פלאן איז געווען צו גיין ווייטער, אזוי ווי צענדליקער טויזנ־טער אנדערע האבן געטון. מ׳האט נאך דעמאלט געלעבט מיטן גע־דאנק, אז ערגעץ־וואו אויף דער צווייטער זייט ווייסל וועט אויפ־געשטעלט ווערן א פעסטע פארטיידיקונג־ליניע, וואו מ׳וועט היטלערס געפאנצערטע ארמייען געבן דעם געהעריקן ווידערשטאנד. געצוואונ־גען זיין צו פאסיווקייט אונטער דער נאצישער טערראר־הערשאפט בעת דאס פאלק וועט טיפער אין לאנד פירן אן אקטיוון קאמף — דאס האט ער נישט געוואלט. פארן אוועקלאזן זיך ווייטער מיטן מענטשן־שטראם האט ארטור געהאלטן פאר נויטיק זיך גוט צו אינ־פארמירן וועגן דער לאגע. ער איז צוליב דעם צוועק אוועק צום פירער פון דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי (פ.פ.ס.) מיעטשיסלאוו ניעדזשאלקאווסקי. פון אים האט ער זיך דערוואוסט, אז מען האט פארווארפן דעם לכתחילהדיקן פלאן אפצוגעבן די הויפט־שטאט ווארשע אן א שלאכט. די פארטיידיקונג־כוחות וועלן זיין שוואכע, די אויס־זיכטן אויף דערפאלג קליינע, אבער נישט געקוקט דערויף וועט זיך ווארשע נישט אונטערגעבן.

פון ניעדזשאלקאווסקין איז ארטור צוריקגעקומען א צערודערטער און פאר א פאר נאנטע חברים האט ער דערקלערט, אז ער וועט פון ווארשע ווייטער נישט גיין. ער וועט בלייבן צו זיין בייהילפיק אין דער פארטיידיקונג פון דער שטאט. טרערן זענען אים גערונען פון די אויגן.

מיט א פרישן שטראם ענערגיע איז ארטור צוגעטרעטן צו דער ארבעט. אויף א זיצונג פון א גרופע אנפירנדיקע פארטיי־חברים איז אויסגעארבעט געווארן א פלאן פון טעטיקייט פאר די נאענטסטע טעג. צווישן אנדערן איז באשלאסן געווארן, אז די „פאלקס־צייטונג“, די טעגלעכע צייטונג פון „בונד“, זאל דערשיינען אויך בעת דער באלאגערונג, וואס האט זיך געדראפט אנהויבן א ליאדע טאג. ארטור איז באשטימט געווארן אלס דער פארבינדונגס־מאן מיט דער פויל־שער ארבעטער־באוועגונג און יעדן טאג האט ער זיך געזען מיט די

פירער פון פ.פ.ס. מיעטשיסלאוו ניעדזשאלקאווסקי און זיגמונט זארעמבא.

צו טון ארבעט איז געווען אן א שיעור. אין דער באלאגערטער ווארשע איז געווען איבער א מיליאן איינוואוינער, צווישן זיי א פאר הונדערט טויזנט יידן. מען האט געדארפט זארגן פאר דער דיסציפלין פון דער יידישער באפעלקערונג, פאר איר אנטייל אין קאמף קעגן נאצי־שונא, פאר געבן איר די נויטיקע דרינגנדיקע הילף. און פונקט ווי ביי די פאליאקן איז דער אקטיווסטער עלעמענט אין דער דריי־וואכיקער פארטיידיקונג פון ווארשע געווען די ארבעטערשאפט, אזוי איז אויך געווען ביי די יידן.

ארטור איז געשטאנען בראש פון אט דער גרויסער ארבעט. ער האט געשריבן די אויפרופן צו די יידן זיך צו באטייליקן אין דער פארטיידיקונג פון דער שטאט און זיך צו פארשרייבן אין די פריי־וויליקע קאמף־באטאליאנען. יעדן טאג האט ער געשריבן ארטיקלען אין דער „פאלקס־צייטונג", געווידמעט די ברענענדיקע טאג־בא־דערפענישן און אקטיוו זיך באטייליקט אין דער פראקטישער הילף־טעטיקייט פאר דער יידישער באפעלקערונג.

די ארבעט איז געווען א פארצווייגטע — פון קאמף אין די אקאפעס קעגן נאצי־שונא ביז בויען קיכן פאר דער הונגעריקער בא־פעלקערונג. ארטור איז געווען אין אויבנאן פון דעם אלעם. אויף אים איז אויך אויסגעפאלן די פליכט צו פארטרעטן די ווארשעווער יידן אין אלגעמיינעם פארטיידיקונגס־קאמיטעט פון דער שטאט. די יידישע ארבעטער האבן זיך מאסנווייז געמאלדן אין די פרייוויליקע קאמף־באטאליאנען. די יידישע סאציאליסטישע יוגנט, וואס איז געווען ארגאניזירט אין יוגנט־בונד „צוקונפט", האט אירע בעסטע און מוטיקסטע געהאט נישט בלויז אין די באוואפנטע קאמף־אפטייל־לונגען, נאר אויך אין ספעציעלע פייער־בריגאדעס. אנגעטון אין ארגאניזאציע־אוניפארם, איז די בונדישע יוגנט בעת די באמבארדירונ־גען טאג און נאכט געזעסן אויף די בוידימער און דעכער פון די היי־זער, גרייט יעדע רגע צו לעשן די שרפות, וואס די דייטשע צינד־באמבעס האבן גורם געווען.

דער אומפארמיידלעכער סוף איז געקומען; נאך א העראאישן אויסזיכטסלאזן קאמף ביזן לעצטן אטעם האט ווארשע זיך געמוזט אונטערגעבן. 21 טעג האט געדויערט די העלדישע פארטיידיקונג קעגן די באלאגערער; אין דער לעצטער רגע האט דער ארבעטער־פאר־שטייער אין דעם פארטיידיקונגס־קאמיטעט, מיעטשיסלאוו ניעדזשאל־קאווסקי, זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבן דעם קאפיטולאציע־אקט.

דערקלערנדיק: „דער ארבעטער־קלאס גיט זיך נישט אונטער״. דער שטאלצער זשעסט האט אבער נישט געקאנט ענדערן די פאקטישע לאגע. ווארשע מיט איר בראווער באפעלקערונג איז איבערגעאנגען אויפן אומגנאד פון דער נאצישער מאכט. פאר דער יידישער באפעלקערונג האט זיך אנגעהויבן דאס שוידערלעכסטע קאפיטל, פון וועלכן די געשיכטע ווייסט.

באלד ביים אריינמארש האט דער שונא פארלאנגט פון דער שטאט 12 פארשטייער פון דער באפעלקערונג אלס משכנות (זאקלאדניקעס), וועלכע זאלן מיט זייערע קעפ זיין פאראנטווארטלעך פאר די התחייבותן און ארדנונג פון דער שטאט.

דער שטאט־פרעזידענט סטעפאן סטאזשינסקי, וועלכער האט זיך אזוי שטארק אויסגעצייכנט בעת דער באלאגערונג, האט ארויסגערופן צו זיך די בונדישע טוערין אסתר איווינסקא (א שוועסטער פון וויקטאר אלטער) און איר דערקלערט, אז אויך די יידן דארפן צושטעלן זייערע פארשטייער אלס משכנות. ער האט פארגעלייגט דריי יידן — צוויי בונדיסטן און איין בירגערלעכן. אין רעזולטאט פון דעם געשפרעך איז געבליבן, אז יידן זאלן געבן בלויז צוויי פארשטייער — א בונדיסט און א בירגערלעכן. דער שטאט־פרעזידענט האט באשטימט, אז אסתר איווינסקא זאל זיין דער משכון מצד דעם „בונד״. אסתר איווינסקא האט געענטפערט, אז זי קען די זאך אליין נישט דעצידירן, זי מוז זיך וועגן דעם בעראטן מיט די אנפירנדיקע חברים פון „בונד״. זי האט אים צוגעזאגט באלד צוריקצוקומען מיט א תשובה.

ס׳איז גלייך צונויפגערופן געווארן א בעראטונג פון די אנפירנדיקע חברים. ארטור האט דערקלערט, אז ער וועט פאר קיין פאל נישט דערלאזן נעמען א פרוי אלס משכון און טאקע זיך אליין פארגעלייגט אלס קאנדידאט. די איבעריקע אנטיילנעמער פון דער בעראטונג האבן געגעבן דערויף זייער הסכם. פאר דעם איז אויף דער בעראטונג פון די אנפירנדיקע בונדישע טוער בכלל ארומגערעדט געווארן די פראגע צי דער „בונד״ זאל אין פרינציפ מסכים זיין צו געבן א משכון. ס׳איז באשלאסן געווארן יא צו געבן, כדי נישט ארפצוווארפן פון זיך די פאראנטווארטלעכקייט ווי פארשטייער פון דער יידישער באפעלקערונג.

חברטע אסתר איווינסקא איז אוועק צום שטאט־פרעזידענט און אים איבערגעגעבן וועגן דעם באשלוס פון „בונד״. פרעזידענט סטאזשינסקי האט גארנישט געהאט קעגן דער ענדערונג פון דער

פֿערזאָן, ער האָט אָבער אָנגעוויזן אויף דער שוועריקייט וואָס זיגעלבוים איז נישט קיין ווארשעווער איינוואוינער, נאָר אַ לאָדזשער. לסוף איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז מען וועט פֿעלשן די דאָקומענטן. מען האָט אים פֿאַרצייכנט ווי אַ ראַטמאַן פֿון ווארשעווער שטאָט־ראַט און אים אָנגעגעבן ווי דעם פֿאָרשטייער פֿון די יידישע אַרבעטער. בעת זיגעלבוים איז געוואָרן אַ זאַקלאַדניק אין ווארשע, האָט אים די געסטאַפּאָ אַרומגעזוכט אין לאָדזש, וואו זי האָט שוין געהאַט אַרעסטירט אייניקע אַנדערע טוער פֿון „בונד".

אויף אַזאַ אופֿן איז אַרטור באַלד פּרייוויליק אַנטקעגנגעגאַנגען דער ערשטער געפֿאַר, איינשטעלנדיק זיין קאָפּ אַלס גאַראַנטיע פֿאַר דער באַפֿעלקערונג פֿון ווארשע (דער צווייטער ייד פֿון די 12 זאַקלאַדניקעס איז געווען אברהם געפּנער, דער פֿירער פֿון די סוחרים).

אין אַ געוויסן טאָג אין חודש אָקטאָבער 1939 האָט פּאָליציי זיך אַרויסגעלאָזט אין ווארשע זוכן זיגעלבוימען. זי האָט געהאַט אייניקע אַדרעסן, אָבער אַזוי ווי מען האָט אים אין ערגעץ נישט געפֿונען, האָט מען דערווייל גענומען משכּנות פֿאַרן משכּון. עס זענען געוואָרן אַרעסטירט אַנדערע מענטשן אין די אָנגעגעבענע דירות. צווישן אַנדערע האָט מען אויך אַרעסטירט זיגעלבוימס ערשטע פֿרוי, גאָלדע, מיט וועלכער ער איז שוין געווען אַ סך יאָרן צעשיידט.*) דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען היטלער איז געקומען באַזוכן די צעשטערטע הויפּט־שטאָט פֿון פּוילן און בייזיין אויפֿן פּאַראַד פֿון זיינע זיגרייכע חיילות.

זייענדיק אַליין אַ משכּון — אַ גאַראַנט פֿאַר דער גוטער אויפֿפֿירונג פֿון דער באַפֿעלקערונג, איז זיגעלבוים גלייכצייטיק געווען איינער פֿון די ערשטע, וועלכע האָבן געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון אונטערערדישן „בונד" אין ווארשע, פֿון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע אויף וועלכער עס איז אויסגעפֿאַלן דער גורל צו שפּילן אַזאַ העראָאיש־טראַגישע ראָל, איז פֿאָרגעקומען אין מיטן אָקטאָ־

---

*) פֿון דער ערשטער פֿרוי האָט זיגעלבוים געהאַט אַ זון און אַ טאָכטער; די צווייטע פֿרוי — מאַניע ראָזען, אַ דראַמאַטישע אַרטיסטין — האָט אים געבוירן אַ זון. מאַניע, וועלכע איז געווען אַקטיוו אין אונטערערדישן „בונד", איז מיטן זון אַרטור טוביה אומגעקומען, ווארשיינלעך בעתן אויפֿשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ, בערך אין דער זעלבער צייט פֿון טויט פֿון זייער מאַן און פֿאָטער. אַלנפֿאַלס וועגן זייער אומקום האָט ער נישט געוואוסט. אויך די ערשטע פֿרוי, גאָלדע, און די טאָכטער רבקה, וועלכע האָבן געלעבט אין ווארשעווער געטאָ, האָבן געטיילט דעם גורל פֿון כּמעט אַלע פּוילישע יידן. דערלעבט דעם סוף פֿון דער מלחמה האָט בלויז דער עלטסטער זון, יוסף לייב.

בער 1939, בערך צוויי וואָכן נאָך דעם, ווי דער שונא האָט דעראָבערט די שטאָט. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין אַן ארבעטער־קיך אויף זאמענהאָף גאַס. עס זענען געווען עטלעכע און צוואַנציק דעלע־גאַטן — פאָרשטייער פון אַלע פאַכן. די ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו אָרגאַניזירן די פאַרבינדונגען מיט אַלע טייכן פון דער יידישער ארבעטערשאַפט. די דעלעגאַטן זענען געזעסן ביים טיש און פאַר זיי זענען געשטאַנען שיסעלעך זופּ, ווייל טאָמער קומט די געסטאַפּאָ, איז עס נישט קיין קאָנפערענץ, נאָר אַן אָרימע מאָלצייט. די גרינדונג־קאָנפערענץ פון אונטערערדישן „בונד" אין וואַרשע אונטער דער נאַצי־ממשלה האָט געעפנט ארטור. עס איז צווישן אַנדערן באַשלאָסן געוואָרן, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן ארבעטער־קיכן און אין אַלע לאָ־קאַלן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זאָלן איינגעאָרדנט ווערן טיי־האַלעס. דאָס האָט געדאַרפט זיין נישט בלויז אַ וועג צו העלפן די ארבעטער, נאָר אויך אַ מיטל נישט צו דערלאָזן, אַז זיי זאָלן ווי שטויב צעשאָטן ווערן. דער באַשלוס איז באַלד דערנאָך רעאַליזירט געוואָרן און דערמעגלעכט די ברייטע אונטערערדישע ארבעט פון „בונד".

ארטור איז אויך געווען אַ מיטגליד אין ערשטן וואַרשעווער קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד". אחוץ אים האָבן צו יענעם קאָמיטעט געהערט: אינזשעניער אברהם בלום (אַבראַשאַ), לוזער קלאָג, סאָניע נאָוואָגרודסקאַ, וויקטאָר שולמאַן, בערנאַרד גאָלדשטיין, צלובה קרישטאַל און ישכר אייכענבוים (אָסקאַר). געבליבן די גאַנצע צייט — איבער 5 יאָר — אין דער אָנפירונג פון אונטערערדישן „בונד" איז בלויז איינער, בערנאַרד גאָלדשטיין, וועגן וועלכן זיגעל־בוים האָט שפּעטער געשריבן, אַז דאָס איז דער דרייסטסטער מענטש, מיט וועלכן ער האָט זיך באַגעגנט אין זיין לעבן. אברהם בלום איז נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אין 1943, געוואָרן אַרעס־טירט דורך דער געסטאַפּאָ און זי האָט אים אומגעבראַכט. בעת דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז אומגעקומען לוזער קלאָג. סאָניע נאָוואָגרודסקאַ איז אין 1942 אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע. ישכר אייכענבוים האָט דערנאָך געקעמפט קעגן די נאַ־צים אין די רייען פון פּוילישן מיליטער אויפן איטאַליענישן פראָנט. דער בונדישער וועטעראַן וויקטאָר שולמאַן איז פאַרוואָרפן געוואָרן קיין אַמעריקע; צלובה קרישטאַל — קיין כינע.

צווישן די פאַרשידענע פונקציעס, וואָס דער אונטערערדישער „בונד" האָט אָנפאַרטרויט זיגעלבוימען, איז אויך געווען די ארבעט אין דער יידישער קהילה. אַזוי ווי זיגעלבוים, דער זאַקלאַדניק, איז שוין סיי ווי לעגאַליזירט געוואָרן ווי אַ יידישער ארבעטער־פירער,

האָט מען דעריבער אויף אים אויך ארויפגעלייגט נאָך א פונקציע, וואָס פאָדערט לעגאַליטעט: צו פאַרטרעטן דעם „בונד" אין נייעם „יודען־ראַט", וואָס איז געשאַפן געוואָרן לויטן באַפעל פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט.

אומפאַרגעסלעך וועט בלייבן איינער פון זיינע ארויסטריטן אויף א זיצונג פון קהילה־ראַט. שוין אין די ערשטע פּאָר וואָכן נאָכן פאַרנעמען די שטאָט האָבן די נאַציס געוואָלט פאַרשפּאַרן די יידן אין א געטאָ. זיי האָבן געפאָדערט, אַז די קהילה זאָל דאָס אַליין אדורכ־פירן.

אין משך פון די פּאָר טעג, ווען די פראַגע פון אויספירן דעם געטאָ־באַפעל איז באַהאַנדלט געוואָרן דורך דער קהילה־אָנפירונג, האָט שמואל מרדכי זיגעלבוים אַנטשידן געקעמפט קעגן דעם. צוליב מורא, אַז דאָס נישט אויספירן דעם באַפעל פון דער געסטאַפּאָ וועט ברענגען נייע צרות דער יידישער באַפעלקערונג, האָט די מערהייט באַשלאָסן די גזירה דורכצופירן. אין מאָמענט, ווען דער באַשלוס איז דורך דער קהילה־פאַרוואַלטונג אָנגענומען געוואָרן, האָט זיגעלבוים אָפּ־געגעבן א דערקלערונג מיט אַזאַ אינהאַלט:

„עס איז דאָ געפאַלן א היסטאָרישער באַשלוס. איך בין, ווייזט אויס, געווען צו שוואַך, כדי אייך צו איבערצייגן, אַז מיר טאָרן דאָס נישט טון. איך פיל אָבער ביי זיך נישט גענוג מאָראַלישע כוחות צו קאָנען אין דער זאַך אַנטייל נעמען. איך פיל, אַז איך וואָלט קיין רעכט נישט געהאַט צו לעבן ווייטער, אויב דער געטאָ זאָל איינגע־פירט ווערן און מיין קאָפּ זאָל דערביי בלייבן גאַנץ. איך דערקלער דעריבער, אַז איך לייג מיין מאַנדאַט. איך ווייס, אַז עס וועט זיין די פליכט פון פּרעזידענט תיכף וועגן מיין רעזיגנאַציע צו מעלדן דער געסטאַפּאָ און איך רעכן זיך מיט די קאָנסעקווענצן, וואָס דאָס קען האָבן פאַר מיר פּערזענלעך. איך קאָן אָבער אַנדערש נישט האַנדלען."

דער רושם פון דער דערקלערונג איז געווען אַן אומגעהויערער. די מורא איז אָפּגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונט און אַלעמען האָט באַהערשט דאָס געפיל פון מאָראַלישער אחריות פאַר דער ווירדע און גורל פון די יידן. דער באַשלוס פון קהילה־ראַט האָט פאַרלוירן זיין קראַפט און אין א טיף־ערנסטער שטימונג האָט זיך אויפסניי אָנגע־הויבן א דעבאַטע צי די קהילה זאָל אויספירן די געטאָ־גזירה פון דער געסטאַפּאָ. ס'איז דאַן געוואָרן אריינגעטראָגן און באַשלאָסן אַזאַ קאָמפּראָמיס־פאָרשלאָג: די קהילה אַליין פירט נישט אויס די גזירה, זי שיקט אָבער פאַנאַנדער שלוחים אין שטאָט צו מעלדן די יידן, אַז

ס'איז פאַראַן אַזאַ באַפעל, כּדי יידן זאָלן וויסן ביזן באַשטימטן טערמין זיך אַרויסצוציען פון די גאַסן, וואָס וועלן בלייבן מחוץ דעם געפּלאַנטן געטאָ.

דערוויסנדיק זיך פון די שלוחים וועגן באַפעל, זענען צוזאָמענגנס געקומען צום בנין פון דער וואַרשעווער קהילה אויף גזשיבאָווסקע גאַס טויזנטער יידן, וועלכע האָבן מיט אומגעדולד געוואָרט אויף אַ קאָנקרעטע תשובה צי זיי זאָלן פאַרלאָזן זייערע היימען, וואָס געפינען זיך נישט אויף די אָנגעמערקטע געטאָ־גאַסן. פאַר אַן עולם פון איבער 10 טויזנט פאַרזאַמלטע יידן האָט זיגעלבוים געהאַלטן אַ רעדע און זיי אויפגעפאָדערט פרייוויליק אין געטאָ נישט צו גיין. ער האָט זיי גערופן נישט צו פאַרלירן דעם מוט און געהייסן בלייבן אין זייערע היימען ביז מען וועט זיי נישט מיט ברוטאַלער גוואַלט פון דאָרטן אַרויסוואַרפן. די פאַרזאַמלטע יידן זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן דעצידירטן ווילן אין געטאָ פרייוויליק נישט צו גיין.

די רעדע אין גאַס, ווי אויך די דערקלערונג אויף דער זיצונג פון קהילה־ראַט זענען נישט געבליבן קיין סוד פאַר די געסטאַפּאָ־לייט. נאָך אַ זיצונג אין דער קהילה האָט דער פאָרשטייער פון געסטאַפּאָ צוגערופן צו זיך זיגעלבוימען און צו אים געזאָגט: דו ביזט דער פאַרטרעטער פון די יידישע אַרבעטער; קום מאָרגן אין געסטאַפּאָ; מיר דאַרפן זיך מיט דיר אַדורכריידן וועגן וויכטיקע ענינים.

וואָס די איינלאַדונג האָט באַדייט, איז געווען קלאָר; זיגעלבוים איז דעריבער אין געסטאַפּאָ נישט געגאַנגען. נאַטירלעך, אַז נאָכדעם האָט ער שוין געמוזט אויפהערן ווייזן זיך אין עפנטלעכע ערטער. ביי דער געסטאַפּאָ ווידער האָט דאָס פאַרשטאַרקט דעם חשק אים אויסצוזוכן פאַר יעדן פּרייז. סימנים פון נאָכשפּירן אים זענען שוין אויך געווען.

ביי אַזאַ לאַגע האָט די אָנפירונג פון אונטערערדישן „בונד" געהאַלטן פאַר גלייכער, אַז זיגעלבוים זאָל אַוועק פון פּוילן. בפרט, אַז דערמיט איז פאַרבונדן געוואָרן אַ ספּעציעלע מיסיע: ברענגען פאַר דער וועלט די ידיעות וועגן די גרויזאַמקייטן, וואָס די נאַציס טוען אָפּ לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. און הגם דער וועג פון וואַרשע קיין אויסלאַנד איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך ריזיקאַלישער און די מעגלעכקייט פון דער נסיעה איז געווען אַ שטאַרק צווייפלהאַפטע, איז דאָך זיגעלבוים אויף דעם ריזיקאַליש־צווייפלהאַפטן וועג געגאַנגען און נאָך באַדייטנדיקע שוועריקייטן איז ער אים בשלום אַדורך.

פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום, אויף אַ סעסיע פון עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן ארבעטער־אינטערנאַציאָנאַל האָט ש. מ. זיגעלבוים געשילדערט וואָס די נאַצים טוען אָפּ אין פּוילן בכלל און מיט יידן בפרט. דער איינדרוק פון זיין באַריכט איז געווען אַן אומגעהויערער. צום ערשטן מאָל האָט די פרייע וועלט געהערט אויטענטישע ידיעות פון אָפּגעצוימטן פייניקונג־ און מאָרד־לאַגער, אין וועלכן די נאַצים האָבן פאַרוואַנדלט פּוילן.

וועגן רושם פון באַריכט, וואָס עס האָט אָפּגעגעבן דער פאָר־שטייער פון „בונד״ אין פּוילן אויף דער סעסיע פון אינטערנאַציאָנאַל, אין די ערשטע וואָכן פון 1940 אין בריסל, האָט דערציילט ר. אַבראַ־מאָוויטש (אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״):

„דאָ אין בריסל, עטלעכע וואָכן פאַר דער דייטשער אינוואַזיע, צען טעג פאַר דער אינוואַזיע אין נאָרוועגיע, האָבן זיך צוזאַמענ־געקליבן עטלעכע צענדליק דעלעגאַטן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען פון אייראָפּע, כּדי צו באַטראַכטן די פּראָבלעמען פון קריג. און צווישן זיי האָט זיך אומדערוואַרטעט באַוויזן אַ מענטש פון גאָר אַן אַנדערן פּלאַנעט. און דאָס וואָס ער האָט אונז דערציילט אויף דער זיצונג פון אינטערנאַציאָנאַל אין פּשוטע, כּמעט רואיקע ווערטער — דאָס בילד פון אַ לאַנד אונטער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, די גאַנצע גרויזאַמקייט און אַנדערשקייט פון דעם היינטיקן קריג — איז גע־שטאַנען אין אַזאַ שוידערלעכן קאָנטראַסט צו יענער פרידלעכער, רואיקער אַטמאָספער, וואָס האָט נאָך געהערשט אין דעמאָלדיקן בריסל, אַז אַלע אַנוועזנדיקע זענען געווען ממש דערשיטערט ביז צו די סאַמע יסודות פון זייערע נשמות״.

„פאַר די אייראָפּעאישע מענטשן האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט, וועגן וועלכער זיי האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט, נישט געקוקט אויף אַלע באַריכטן אין דער פּרעסע. זיי האָבן דערשפּירט די גאַנצע אמת־דיקייט און אויפריכטיקייט פון די פאַקטן, וואָס ארטור האָט דער־ציילט, הגם די מענטשלעכע פאַנטאַזיע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גלויבן אין אַזעלכע שוידערלעכע זאַכן. איך קען זאָגן, אַז דורך ארטורן איז די אמתעווירקלעכקייט פון קריג צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט געוואָרן אַלס לעבעדיקע דערשיינונג פאַר די פאַרטרעטער פון דער אייראָ־פּעאישער ארבעטערשאַפט.״

„פון יענעם מאָמענט אָן איז ארטור געוואָרן אַ רעספּעקטירטע פיגור אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.״

נאָכן פאַרברענגען 6 וואָכן אין בעלגיע און 4 חדשים אין פראַנק־

רייך, וואו ער האָט איבערגעלעבט די גרויסע מיליטערישע קאַטאַסטראָ־פעס פון די עלאַים אין 1940, איז זיגעלבוים דעם 12־טן סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

אויך אין אַמעריקע האָט ער געהאַלטן פאַר זיין ערשטן חוב באַקאַנט צו מאַכן דער עפנטלעכקייט די מעשים־תעתועים, וואָס די נאַצים טוען אָפּ אין פּוילן. ער מאַכט דורך אַ טור איבערן לאַנד, אָרגאַניזירט דורכן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, און וויקלט פונאַנדער פאַר טויזנטער צוהערער די מגילה פון פּיין און באַליידיקונג, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. אויך אין אַ סעריע שילדערונגען אין „פאָרווערטס", סוף 1940 און אָנהויב 1941, ברענגט ער צום באַ־וואוסטזיין פון די אַמעריקאַנער יידן דעם ביטערן גורל פון זייערע פאָלקס־ברידער אויף יענער זייט ים.

אַ קורצע צייט אַרבעט אַרטור אין אַ ניו־יאָרקער שניידער־שאָפּ אַלס אָפּערייטאָר און דערנאָך ווערט ער דער פאַרוואַלטער פון חודש־זשורנאַל „די צוקונפט". מיט זיין גאַנצער נשמה, מיט אַלע זיינע חושים איז ער אָבער דאָרט, אויף די גאַסן פון וואַרשע און לאָדזש, פון לובלין און קראָקע. אין די ראַמען פון די באַגרענעצטע מעגלעכ־קייטן טוט ער וואָס ער קאָן פאַר די יידן אין פּוילן. ער איז טעטיק ווי אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" אין פּוילן, וואָס האָט שוין צו יענער צייט אָנגעהויבן באַקומען ידיעות פון אונטערערדישן „בונד" וועגן דעם שרעקלעכן גורל פון די יידן אין די געטאָס.

דער, וועלכער האָט מיט אייגענע אויגן געזען די אומענטשלעכע רציחה פון די נאַצים, האָט אַמבעסטן געקענט פאַרשטיין דעם באַטייט פון די ווערטער, וואָס זענען געקומען פון דאָרטן, האָט אַמבעסטן גע־קענט פילן דעם פלאַטער פון די יידישע געפּייניקטע הערצער און פאַרשטיין די עקשנות פון די אומדערשראָקענע אונטערערדישע קעמ־פער. איז דאָך אַרטור געווען איינער פון זיי.

ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן דעם מוט און דעם העראָאיזם פון די יידן אונטער די נאַצים און באַזונדערס פון זייער קעמפערישסטן טייל. שרייבנדיק וועגן די אומגליקן אין די ערשטע חדשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האַלט ער פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן:

„און ביי דעם אַלעמען, איז צו שטוינען און צו באַוואונדערן: די יידן אין פּוילן טראָגן אַריבער זייערע ליידן מיט אַזאַ ווירדע און שטאָלץ, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט."

און וועגן דער ווירקונג פון דער אונטערערדישער יידישער אר־בעטער־באַוועגונג:

„די געהיימע שלוחים, וועלכע האָבן פריוויליק איינגעשטעלט זייערע לעבנס צו העלפן אַנדערע, האָבן געגעבן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אַ ביישפּיל פון אידעאַליזם, אָפּפערוויליקייט און מוט. דער ביישפּיל האָט געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג. ס'איז די מענטשן געוואָרן גרינגער צו טראָגן די אייגענע ליידן.״

פון פרילינג 1942 ביז פרילינג 1943 האָט זיגעלבוים געלעבט אין לאָנדאָן. ער איז אַהין געפאָרן אויסצופירן אַ וויכטיקע שליחות: פאָרטרעטן דעם אונטערערדישן „בונד״ פון פוילן אין פוילישן גלות־פּאַרלאַמענט (נאַציאָנאַל־ראַט).

פריער נאָך איז שוין אין פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט געווען איין יידישער פאָרשטייער, וועלכער האָט פאָרטרעטן אַלע יידישע פּאַר־טייען, אחוץ דעם „בונד״. זיגעלבוים האָט באַלד פאַרנומען אַ שטעל־לונג, וואָס איז געווען אַנדערש ווי די פּראַקטיק פון פריערדיקן יידישן פאָרשטייער. אין הסכּם מיט דער שטעלונג פון אונטערערדישן „בונד״ אין פוילן און פון דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד״ האָט זיגעלבוים אָנערקענט די גלות־רעגירונג אַלס לעגיטימע פאָר־טרעטערין פון פוילן, ער איז אָבער געווען צו איר אין אָפּאָזיציע סיי צוליב איר צוזאַמענשטעל (עס האָבן צו איר געהערט אויך רעאַק־ציאָנערע עלעמענטן), סיי צוליב איר פּאָליטיק לגבי די יידן. ער האָט דאָס געבראַכט צום אויסדרוק אין זיינע רעדעס און אין די אָפּשטי־מונגען. זיגעלבוים איז געווען דער איין און איינציקער דעפּוטאַט, וועלכער האָט אין פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט נישט געשטימט פאַר די בודזשעטן פון דער רעגירונג.

אין זיינע רעדעס אין נאַציאָנאַל־ראַט האָט ער באַרירט אי אַלגע־מיינע מלוכהשע פּראָבלעמען, האַנדלדיק אויפן אויג די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע שיכטן און קעמפנדיק פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון לאַנד, אי ספּעציעל־יידישע ענינים. פיל האַרץ און ענערגיע האָט ער אַריינגעלייגט אין די פאַרלאַנגען לטובת דער יידישער באַפעל־קערונג, וואָס האָט געשמאַכט אין די געטאָס און איז געפּייניקט און געמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציסטישע סאַדיסטן.

פון דער פוילישער גלות־רעגירונג האָט ער כּסדר געפאָדערט מעשים אין שייכות מיט די יידן־שחיטות. אין אינטערווענצן ביים פּרעמיער גענעראַל וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי און ביים אי־נערן־מיניסטער סטאַניסלאַוו מיקאָלאַיטשיק, ווי אויך אויף די זי־

צונגען פון נאַציאָנאַל־ראַט איז זיגעלבוים געווען אומדערמידלעך אין מאָנען, פאָדערן, וועקן און ברענגען פּראַקטישע פאָרשלאָגן. אַזוי, למשל, האָט ער אויף אַ זיצונג פון נאַציאָנאַל־ראַט סוף נאָוועמבער 1942 אַריינגעטראָגן פאָלגנדיקע דריי פאָרשלאָגן:

1. דער נאַציאָנאַל־ראַט פאָדערט אויף די רעגירונג, אַז זי זאָל גלייך פאַרלאַנגען פון אַלע אַליאירטע מלוכות, באַזונדערס פון אַמעריקע און ענגלאַנד תיכף אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פון ספּעציעלע אַקטן קעגן דייטשלאַנד (רעטאָרסיע), וואָס זאָלן זי צווינגען אָפּצושטעלן די יידן־שחיטות.

2. די רעגירונג זאָל געבן די איניציאַטיוו, אַז גענויע באַשרייבונגען פון די יידן־שחיטות אין דער דייטשער שפּראַך זאָלן אין גרויסע צאָלן אַראָפּגעוואָרפן ווערן פון עראָפּלאַנען איבער דייטשלאַנד.

3. די רעגירונג זאָל אָננעמען שריט, אַז גאַר גיך זאָל צוזאַמענגערופן ווערן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון אַלע אַליאירטע רעגירונגען, וועלכע זאָלן אין נאָמען פון אַלע קעמפנדיקע פעלקער פאַרעפנטלעכן אַ פלאַמיקן פּראָטעסט און אַ שאַרפע וואָרנונג צום דייטשן פאָלק און זיין רעגירונג.

וועגן רעאַליזירן די דערמאָנטע דריי פאָרשלאָגן האָט נאָך זיגעלבוים קאָנפערירט מיטן פּוילישן אויסערן־מיניסטער ראַטשינסקי. די פאָרשלאָגן האָבן אָבער נישט געקענט רעאַליזירט ווערן צוליב דעם אומווילן פון די דעצידירנדיקע פאַקטאָרן פון די עלאַיס.

אומאויפהערלעך האָט זיגעלבוים אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די טראַגעדיע פון די יידן אין די געטאָס און לאַגערן. ער האָט דאָס געטון נישט בלויז אויף דער אַרענע פון פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט אין לאָנדאָן, נאָר אויך אין דער ענגלישער עפנטלעכקייט. מיט זיינע אינפאָרמאַציעס פון פּוילן האָט ער אָנגעשפּאַרט אין די איינפלוס־רייכסטע לאָנדאָנער ציימונגען און געפאָדערט פון זיי צו ברענגען די גרויזאַמקייטן אין דער עפנטלעכקייט. דאָס איז געווען איינע פון זיינע שווערסטע אַרבעטן, ווייל דאָ האָט מען באַגעגנט אַ האַרטן אומווילן און אומגלויבן. מער מול האָבן שוין געהאַט זיינע באַמיאונגען אַרויסצוברענגען פאַר דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי און פאַר די פאָרשטייער פון די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין איירָאָפּע דעם גרויל פון דער יידישער לאַגע. אויף אַ גרויסער צאָל מאַסן־פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן האָט מען פון זיין מויל געהערט די איוב־באַריכטן, וואָס זענען געקומען פון אונטערערדישן „בונד”. ער איז אויך אַרויסגעטרעטן אויף אַ ריי צוזאַמענקונפטן פון יידישע אינסטיטוציעס אין ענגלאַנד און באַמיט זיך זיי צו באַוועגן צו זיין

אקטיוו אין די פּרואוון פון הילף און רעטונג פאר די יידן אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

פאר זיין היילקסטער אויפגאַבע האָט זיגעלבוים געהאַלטן דאָס שטיין אין כסדרדיקער פאַרבינדונג מיט די יידן אין פּוילן, אַ פאַר־בינדונג דורך וועלכער עס זאָל זיי געשיקט ווערן מאַטעריעלע הילף און וויכטיקע אינפאָרמאַציע און דורך וועלכער זיי, די אָפּגעשלאָסענע און פאַרשפּאַרטע, זאָלן קענען אַרויסשיקן צו דער וועלט ידיעות וועגן זייע־רע נויטן און ליידן, פאַרלאַנגען און סכנות. אים איז געלונגען, דורך דער הילף פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג, איינצושטעלן אַזאַ פאַרבינדונג. דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמי־טעט פון אַמעריקע געשיקט גרעסערע געלט־סומעס, וועלכע זענען אין פּוילן פאַרווענדט געוואָרן אויף הילף פאַר יידן, אויף צו פירן דעם אונטערערדישן קאַמף קעגן די נאַציס, אויף שוץ און אָפּווער. דורך די זעלבע קאַנאַלן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ ריי באַריכטן פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן, באַריכטן וועגן די יידן־שחיטות, גאַז־קאַמערן און אַנדערע פּרעניותן. אָט די באַריכטן פון „בונד" זענען אַ לאַנגע צייט געווען דער איינציקער אַלאַרם־רוף פון די יידן אין פּוילן, וואָס איז אַרויס צו דער ברייטער וועלט, פון זיי האָט מען זיך דערוואוסט, וואָס היטלערס מאָרד־מאַשין טוט ווירקלעך אָפּ מיט די יידן אין אייראָפּע.

און פון דער צווייטער זייט האָט זיגעלבוים געפּרואווט ריידן צו זיינע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער. נישט בלויז דורך בריוו, געשיקט דורך אונטערערדישע קאַנאַלן, נאָר אויך דורכן ראַדיאָ זענען געגאַנגען זיינע ווערטער פון לאָנדאָן צו די יידן אין פּוילן. זיי פלעגן געהיים געהערט ווערן דורך ספּעציעלע אונטערהערער און זייער אינהאַלט איז דערנאָך פאַרשפּרייט געוואָרן פון מויל צו מויל. צו זיין פאָלק, וואָס האָט געטרויערט נאָך די אומגעקומענע נאָענטסטע און אַליין יעדע רגע דערוואַרט אַ משונהדיקן טויט, האָט ער געשיקט ווערטער פון טרייסט, דערמונטערונג און האָפענונג.

דאָס יאָר טעטיקייט אין לאָנדאָן איז געווען איין גרויסער פיבער. אַלע חושים פון דעם מענטש האָבן געגליט. איין געדאַנק האָט אים באַהערשט 24 שעה אין מעת לעת — ביי טאָג, ווען די חושים זענען געווען וואַך און ביינאַכט אין דרימל: העלפן, העלפן, העלפן. וואָסער ווירקזאַם מיטל געפינט מען אויס אָפּצושטעלן די מערדער־האַנט; ווי אַזוי ברעכט מען די גלייכגילטיקייט פון דער ברייטער וועלט? ווי אויפן ווייטן צפון איז שוואַך די מחיצה צווישן טאָג און נאַכט, אַזוי איז ביי אַרטורן בלאָס געוואָרן דער חילוק צווישן וואַך־זיין און

שלאָף. אומאויפהערלעך האָט געעגבערט דער געדאַנק — וואָס טוט מען, ווי אַזוי העלפט מען זיי? און די באַריכטן פון דער היים האָבן כּסדר דערציילט: די געטאָס ווערן שי־טערער, זייער צאָל ווערט קלענער, אויך די לאַגערן ווערן אויס־געליידיקט. און זיגעלבוים האָט געטראַכט: די פּוילישע יידן, אין ווע־מענס נאָמען איך רייד, ווערן ווייניקער און ווייניקער. פון דריי און אַ האַלבן מיליאָן זענען געבליבן הונדערטער טויזנטער און די מאָרד־אַרבעט גייט ווייטער און ווייטער, אָן אָפּשטעל. און אין מוח פון אַרטורן, דעם אומדערמידלעכן קעמפער, האָט אַ פּלאַטער געטון אַ צווייפל, אין האַרץ האָט אַ קלאַפּ געטון אַ שוואַכקייט. די שוואַרצ־קייט פון טויט אין וואַרשע און טרעבלינקע האָט אַ בלענד געטון פאַר זיינע אויגן. זיין געמיט ווערט באַהויכט מיט טויט־אָטעם.

אין אַ בריוו צו דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" אין פּוילן, מיט דער דאַטע פון 30־טן אַפּריל 1943, דערציילט זיגעל־בוים וועגן אַ דעפּעשע, וואָס ער האָט אויף געהיימע וועגן באַקומען פון אונטערערדישן „בונד". און ער שרייבט וועגן דעם: „עס אָטעמט דאָך פון איר אַרויס דער פאַקט, אַז אַ ל ץ ענדיקט זיך." „עס איז דאָך נישט מעגלעך מיט דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין צו אַרבעטן, צו לעבן."

ענלעכע געדאַנקען און שטימונגען וואַרפן זיך אויך אַדורך אין בריוו, וואָס ער האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן געשריבן צו חברים און פריינד. אין אַ בריוו צו זיינעם אַ יינגערן ברודער אין יאָ־האַנעסבורג, דרום־אַפריקע, האָט ער געשריבן: „איך אַרבעט שוין מיט די לעצטע כּוחות, נישט ווייל די אַרבעט אַליין איז שווער, נאָר צוליב דעם אומדערטרעגלעכן געפיל פון מאַכטלאָזיקייט. די באַריכטן, וואָס איך באַקום פון דערהיים, זענען מיט יעדן טאָג שרעקלעכער. מיך אָבער פּלאָגט: איך בין דאָרטן געווען צוזאַמען מיט אַלע — וואָסער רעכט האָב איך געהאַט זיך אַרויסצוראַטעווען? פאַרוואָס האָב איך נישט געדאַרפט טיילן זייער אַלעמענס גורל? איך האָב אַפילו נישט די דערלייכטערונג וואָס עס וואָלט געקאָנט געבן די איינ־ריידעניש, אַז מיין אַרבעט האָט עפּעס אַ באַדייטונג אויף קאָנקרעט אָפּצוראַטעווען ווען עס איז פון דער אומדערבאַרימדיקער שווערד פון אויסראָטונג."

ווי מיר ווייסן, איז נישט אין פרילינג 1943 צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן פאַר שמואל מרדכי זיגעלבוים פּ ע ר ז ע נ ל ע ך דאָס פּראָבלעם פון טויט. במשך פון צווייטן וועלט־קריג איז דער יידישער אַרבעטער־טוער אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַזעלכע פּאַ־

זיציעס, אויף וועלכע עס האָבן געמוזט אויסבאַלאַנסירט ווערן ווירדע — לעבן — טויט.

שוין אין די ערשטע וואָכן פון דער נאַצי־הערשאַפט אין וואַרשע דערקלערט זיגעלבוים אויף אַ זיצונג פון „יודען־ראַט": „איך פיל, אַז איך וואָלט קיין רעכט נישט געהאַט צו לעבן ווייטער, אויב דער געטאָ זאָל איינגעפירט ווערן און מיין קאָפּ זאָל דערביי בלייבן גאַנץ."

אין יענער צייט האָט שוין זיגעלבוים ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז ער איז מקריב זיין לעבן אין קאַמף פאַר דער ווירדע און פאַרן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג. און דאָס האָט אים געגעבן יענע זיכערקייט און אומדערשראָקנקייט, וואָס איז אים נויטיק געווען אַלס שליח־צבור. פון אים גופא שטאַמען די ווערטער, געשריבן וועגן ערשטן פּעריאָד פון דער היטלעריסטישער גוואַלט־הערשאַפט אין פּוילן: „גלויבט דאָס, אָדער נישט, אָבער עס איז די פולשטענדיקע גרייטקייט צו שטאַרבן, וואָס גיט איבערמענטשלעכע כוחות צו קאָנען קעמפן פאַרן לעבן. און אָט די פולשטענדיקע גרייטקייט רואיק אויפצונעמען דעם טויט, וואָס האָט זיך אין מיר געהאַט פאַרפעסטיקט זינט דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין געבליבן אין וואַרשע אונטער די נאַצים, האָט מיר אויך איצט צוריקגעגעבן מיין רואיקייט און פעסטקייט."

עס זענען געווען שווערע מאָמענטן, ווען דער, וועלכער איז געווען גרייט צו שטאַרבן, האָט אַליין געוואָלט דאָס צו־אייכן. געווען איז עס דעמאָלט, ווען מען האָט אים צוריקגעוואָרפן פון דער האָלענדישער גרענעץ, צוריק אין די הענט פון געסטאַפּאָ. „דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן — האָט וועגן דעם געשריבן זיגעלבוים — האָב איך געטראַכט וועגן טויט, ווי וועגן אַ דערלייזער; דאָס ערשטע מאָל האָב איך ערנסט געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד." און אַ פּאָר שעה שפּעטער: „וואָס איז דער מער — וועל איך אין ערגסטן פאַל אומקומען, בין איך דען נישט לאַנגע מאָנאַטן געווען גרייט צו שטאַרבן?"

דאָס אַלץ איז געווען דאָרטן, וואו די תליניש‌ע הענט פון דער געסטאַפּאָ האָבן אים געקענט אַריינגעמען צווישן זייערע נעגל. זיגעלבוים האָט אָבער זיין לעבן פאַרענדיקט אין פרייען טייל פון דער וועלט. דאָרטן האָט אים די גרייטקייט צו שטאַרבן געגעבן די רואיקייט אין די העכסטע געפאַרן אָנצוגיין מיטן לעבן; דאָ האָט אים די מעגלעכקייט פון לעבן געבראָכן אומרואיקייט און חרפּה אַרומצוגיין אויף דער ערד.

אין אַ רעדע דורכן לאָנדאָנער ראַדיאָ האָט דער פאַרמיטלער פון די יידישע ווײַ־געשרייען צו דער וועלט געזאָגט (2־טער יולי, 1942):

„שטעלט אייך פאר דאס גרויזאמע פארברעכן פון פלאנמעסיקן אויס־מארדן א גאנץ פאלק! יעדער פון אונז, וועלכער באנעמט דעם גרויל פון פארברעכן, מוז ארומגעכאפט ווערן מיט א געפיל פון חרפה וואס ער געפינט זיך נאך צווישן די לעבעדיקע." „יעדער פון אונז וואס וועט נישט טון אלץ, כדי אפצושטעלן די מאסן־שחיטות, וועט נעמען אויף זיך די מאראלישע פאראנטווארטלעכקייט פאר זיי." „די מאסן־גריבער, אין וועלכע טויזנטער יידישע פרויען, קינדער און זקנים ווערן יעדן טאג ארייננעשליידערט, זענען ברענענדיקע וואונדן, וואס יעדער אנשטענדיקער מענטש מוז עמפינדן, ווי א פיין און שענדונג וואס ווערט באגאנגען קעגן אים אליין."

ווען די יידן אין ווארשע און לובלין זענען געשענדט געווארן, איז זיגעלבוים אין לאנדאן אויך געשענדט געווארן; ווען די יידן אין לאדזש און ווילנע זענען געטויט געווארן, איז אויך ער אין לאנדאן געטויט געווארן, ווייל ער איז געווען א קליין טיילעכל פון זיי, א פעדימל פון גרויסן פאלקס־געוועב.

די אינטימקייט איז געווען אזוי שטארק, אז אויף א פארזאמלונג אין לאנדאן, אין פויליש־יידישן צענטער „אוהל", האט דער שליח־צבור פון די פוילישע יידן דערקלערט: „אויב דאס פוילישע יידנטום זאל אונטערגיין, פיל איך, אז איך האב נים קיין רעכט צו בלייבן לעבן".

פון דער פריערדיקער גרייטקייט צו שטארבן איז שפעטער גע־ווארן א חוב און לסוף — א מוז. קיין לאנדאן איז געקומען א שליח פון דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג, וועלכער האט אויך געהאט א שליחות פון די יידישע פארשטייער, צווישן זיי אויך פון „בונד". דער שליח, יאן קארסקי, האט אים געזאגט די ווערטער, וואס די יידישע פארשטייער אין פוילן האבן פארלאנגט איבערצוגעבן צו די יידישע פירער אין די פרייע לענדער פון דער וועלט. דאס זענען די ווערטער: „זאלן זיי גיין צו אלע וויכטיקע ענגלישע און אמעריקאנער אמטן און אגענטורן. זאג זיי, אז זיי זאלן פון דארטן נישט אפטרעטן ביז זיי וועלן נישט באקומען קיין גאראנטיעס, אז מען האט באשלאסן צו לאזן זיך אויף א וועג צו ראטעווען די יידן. זאלן זיי נישט עסן און נישט טרינקען, זאלן זיי פאמעלעך אויסגיין פנים אל פנים מיט דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט. זאלן זיי שטארבן. דאס וועט אפשר אויפטרייסלען דאס געוויסן פון דער וועלט."

אויף דעם איז פון זיגעלבוימען געקומען אן ענטפער:

„הער קארסקי, איך וועל טון אלץ וואס איך קען זיי צו העלפן. אלץ! איך וועל טון אלץ וואס זיי פאדערן — אויב איך וועל נאר האבן א שאנס. איר גלויבט מיר צי נישט?"

א יאָר צייט האָט זיגעלבוים אין לאָנדאָן אויסגעפּרוּבירט אַלע וועגן און זיי האָבן צו דער רעטונג פון די מיליאָנען קרבנות נישט געפירט. האָט דער שליח פון פּוילן געבּרענגט אַ נייעם „וועג" — ניין, אַ מאָנונג, אַ פאָדערונג פון די פירשפּרעכער פון די געמאָרדעטע יידן: שטאַרבט אַליין, „אפשר וועט דאָס אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון דער וועלט." שמואל מרדכי זיגעלבוים, דאָס קראָסניסטאַווער אַרבעטער־ייִנגל, דער וואַרשעווער אַרבעטער־טוער, דער שליח־צבור פון די פּוילישע יידן אין דער פרייער וועלט איז געווען פולשטענדיק גרייט אויסצופירן דעם באַפעל, וואָס עס האָבן אַרויסגעשיקט פון יאָמער־טאָל די פירער פון די געמאָרדעטע יידן. ער איז געווען דער איין און איינציקער, וועלכער האָט דעם באַפעל פון די יידישע פירער אין די געטאָס צו די יידישע פירער אין דער פרייער וועלט — צו ברענגען דעם העכסטן קרבן — אויסגעפירט. אין דער נאַכט פון 11־טן אויפן 12־טן מאַי 1943 האָט ער פאַרענדיקט זיין לעבן דורך זעלבסטמאָרד.

דער רושם פון זיין טויט איז געווען אַן אומגעהויער־שטאַרקער און ווייטער. הונדערטער צייטונגען און זשורנאַלן אין די פאַרשידנסטע לענדער האָבן וועגן דעם געשריבן. די ווערטער פון זיין צוואה, וואָס איז אויך אַריינגענומען געוואָרן אין אָפיציעלן רעקאָרד פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס, האָבן דורך דער פאַרשידנשפּראַכיקער פּרעסע און ראַדיאָ געפונען זייער וועג צו די פעלקער פון דער וועלט, אויף אַ וויילע זיי אַ ריר געטון פון זייער גלייכגילטיקייט און פאַרשעמט. זייער געוויסן איז אויף אַ רגע אויפגעטרייסלט געוואָרן. און אויפגעטרייסלט פון דעם פּריוואַטן אייזנאַל־טויט זענען אויך געוואָרן די רעשטלעך לעבן־געבליבענע יידן פון פּוילן, וועלכע האָבן געזען דעם מאַסן־טויט פון זייערע נאָענטסטע און אַליין דערוואַרט אַ באַלדיקן טויט פאַר זיך. אין אַ באַריכט פון אונטערערדישן „בונד", אַרויסגעשיקט פון פּוילן דעם 24־טן מאַי 1944, ווערט זיגעלבוימס זעלבסטמאָרד באַצייכנט ווי אַ העלדישע טאַט. יידישע אַרבעטער אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין אַרבעטס־לאַגערן זענען געהיים זיך צוזאַמענגעקומען און מיט קורצע שטילע ווערטער געערט זיין אָנדענק.

אזוי האָט געלעבט מיט זיין פאָלק און איז געשטאָרבן פאַר אים — שמואל מרדכי זיגעלבוים.

פֿון זיגעלבוימס פּען

מענטש און באַוועגונג

די פאַבריק

נאָוועלע

דער קליינער שמואליק האָט געטראָגן זיינע עלף יאָר, אָנגעפילט מיט ניט־דערעסענע אָנבייסנס, מיט ניט דערזיפטע האָפנונגען פון זיין איינגעקוואַרטער מאַמען און מיט טראַכטענישן וועגן תּכלית.
איבער דער היים איז געלעגן די מראה פון שטענדיקער זאָרג מיט וואָס צו פאַרשטופּן די הונגעריקע מײַלער פון די זיבן פּרעסערס, וואָס פון שמואליקן, דעם בכור, ביז צום לעצטן אייניעריקן פּענדריק האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט געזעטיקט מיטן טאַטנס מרה־שחורה און מיט דער מאַמעס קללות, און האָבן שטענדיק געוואָלט נאָך עפּעס...

האָט דער טאַטע — אַן אָנגעכמורעטער — געשפּרייזט גאַנצע טעג איבער דער שטוב, אַריינגעהוסט אין דער קנוידער־באָרד אַריין, אַרויסגעשפּיגן שטיקלעכווייז די שווינדזיכטיקע לונגען אין אַווינקל פון שטוב און שטילערהייט גענערט זיך מיטן אָנדענק פון זיין יחוס און גדלותדיקע צייטן, ווען מילן האָבן זיך געדרייט, תּבואות האָבן זיך געצייטיקט אויף די אַרענדירטע פעלדער, סאַדזעוועקעס האָבן געהאָדעוועט אַ שפע מיט פיש, סוחרים — גרויסע, בכבודיקע סוחרים פון די מרחקים — זענען געקומען און געפאָרן און אַ וועלט האָט געקלונגען.

אַזוי האָט דער טאַטע געטראָגן זיין געוועזן לעבן און זיין שווינדזוכט אַהין און צוריק איבער דער שטוב, און די מאַמע איז געזעסן גאַנצע טעג איבער פרעמדע העמדער, וואָס זי האָט געצערעט און געהאָפטן. אויף איר איינגעקנייטשטן פּנים זענען נאָך געלעגן די געצערטלטע יחוס־סימנים, איבער אירע מאַט־געוואָרענע אויגן זענען אין אויסגעבויגענע שנירלעך געלאָפן די צוויי שמאָלע, שוואַרצע ברעמען, וואָס זי האָט נאָך פון איר טאַטנס רבנישער שטוב מיטגעבראַכט. צייט שמואליק געדענקט, איז אויף דער מאַמעס פּנים און אין דער מאַמעס בליק, צוזאַמען מיטן צער און מיט דער בושה,

געלעגן אויסגעגאָסן אַ טענה — אַ טענה און אַ קלאָג צום רבונו־של־עולם, צו דער גאַנצער וועלט, פאַר איר צעבראָכן לעבן, פאַר אירע אויסגערונענע האָפנונגען, פאַר איר יחוס, וואָס איז פון אַלע־מען פארגעסן. און די טענה האָט זיך געריסן פון דער מאַמעס ליפּן, האָט זיך אויסגעגאָסן מיט אַ קללה און מיט שפּיזיקע בליקן אויפן טאַטן, אויף זיין לײדיק גיין און פאַר זיין אײביקער מחשבה. און אַז דער טאַטע פלעגט ווייטער אַזוי שפּרייזן, ווי ער וואָלט אַפילו נישט געהערט, איז אַן אויפגעפלאַמטע אויפגעשפּרונגען די מאַמע:

— און וואָס־זשע שווייגסטו נאָך, מאַן טײערער, פּרנסה־געבער מײנער? האָסטו שוין גוט באַזאָרגט דײן הויז־געזינט, האָסט שוין אָנגעגרייט אויף וואָרמעס, האָסט שוין באַזאָרגט דײן בכור מיט שכר־לימוד? — ווי ביי די גוים לויפט ער דאָך אַרום!

און שמואליק האָט, ווי דער טאַטע, געשפּרייזט מיט אויס־געבויגענער פּלייצע, מיט אַראָפּגעהאָנגענעם קאָפּ, און געטראַכט זיין מחשבה, ווי אַן אַלטער מאַן: „וואָס וועט זיין דער תּכלית? די מאַמע וויל — אַ רב. נו, האָט דאָך אויך דער טאַטע היתּר־הוראה — איז דאָס שוין אַ תּכלית?"

גאַנצע טעג האָט ער געשפּרייזט הינטערן פּלויט פון גלחס סאַד, געקוקט אַראָפּ, ווי עס קוילערן זיך די כוואַליעס פונם ווייפּוש און אַלץ אַרום האָט צוגעדריקט די משא פון שמואליקס עלף יאָר מיט דער ברענענדיקער קשיה:

— „וואָס וועט זיין דער תּכלית"?

— — — — — — — — — — — —

פון לובלין איז געקומען דער הויכער ייד ר' ברוך לוריע, פון זיין געשטאַלט און פּנים האָט אַראָפּגערעדט עשירות און זיין תּקיפ־דיקער גאַנג האָט דערציילט וועגן אָנגעשטאָפּטע טייסטערס. איבערן שטעטל האָבן גאַנצע טעג געסקריפּעט הויכע פורן, אָנגעלאָדן מיט שטאַמען פון אַלטע־בוימער. מ'האָט געשמועסט, אַז ר' ברוך לוריע האָט דעם גאַנצן וואַלד ביים פּריץ אָפּגעקויפט און ביי ר' חיים לאַרבער האָט ער אָפּגעקויפט דאָס אַלטע, חרובע הויז, מיט די גרויסע שטיבן ווי קאַזאַרמעס און מיטן גרויסן פּאָדווער, וואָס איז פול און הפקר אויסגעשפּרייט צווישן באַלמעלאָכישע און באַלעגאָלישע הייזלעך דאָרט איבערן ווייפּוש אויף דער גראָבליע. אַהין האָט מען געפירט די קלעצער, גוים האָבן אויפגעשטעלט געלענדערס, אַרויפ־געלייגט איינציקווייז די בוימער, ווי אברהם יצחקן אויף דער עקדה, און זיך אַריינגעשניטן מיט לאַנגע זעגן אין זייערע געדערים.

אין שטעטל האָבן אַלע שוין געוואוסט: ר׳ ברוך לוריע — דער פרעמדער ייד — מאַכט אַ פאַבריק פון הילצערנע אַפטייק־פודעלעך. יידן האָבן אין די פאַרנאַכטן באַטראַכט די אָנגעלאָדענע וועגענער, וואָס האָבן דורכן מאַרק פאַרבייגעסקריפּעט. יידן האָבן געשאַצט דאָס עשירות, האָבן דערציילט זיך וועגן דער פאַבריק:

— אַ פאַבריק — דאָס איז נישט קיין שפּאַס; שטאָט וועט אויפגעריכט ווערן; סוחרים וועלן קומען, אַכסניות וועט מען עפענען, גאָרקיכן...

— און אַזאַ פאַבריק מיט סוחרים דאַרף דאָך אוודאי מעק־לערס...

— און אפשר נאָך אַ באַן... אַ קליינינקייט — ר׳ ברוך לוריע!

— ער קאָן אַלץ פועלן.

— און פאַר די געמיינע לייט — די באַלמעלאָכעס — איז עס דאָך אוודאי אַן אויפריכטעניש: קליינע קינדער נעמט ער צו דער אַרבעט. דרייסיק קאָפּיקעס אַ וואָך! — פאַר אַ געמיינעם ייד איז עס דאָך אַ האַלבע פּרנסה. אַ קליינינקייט — דרייסיק קאָפּיקעס אַ וואָך יעדעס קינד!

אַזוי האָט מען געשמועסט אין מאַרק און פון די שטיבלעך אויף דער גראָבליע האָבן כאַפּטעסווייז די בלייכע קינדער געשפּרייזט אין די פאַרטאָגן צו דער פאַבריק.

— פאַר זיי, פאַר די גראָבליער, איז דאָס נאָך אַן עסק: יינג־לעך לערנען סיי־ווי־סיי נישט, פאַרגרעבט איז מען סיי־ווי, גייען יינגלעך און מיידלעך צוזאַמען, זיצן גאַנצע טעג אין די קאַזאַרמעדיקע שטיבן אָן השגחה, רעדן ניבול־פּה, פאַרדינען שוין אַליין און קויפן זיך גוישע הלבשה, — אַזוי האָט מען געשמועסט אין די יחוסדיקע הייזער פונם שטעטל. — פאַר זיי, פאַר די גראָבליער, אָבער נישט פאַר אַ באַלעבאַטיש קינד, — האָט אָפּגעזיפצט אַ מאַמע, געקוקט אויף אירע הונגעריקע קדישים און טיפער אַראָפּגערוקט די גזירה־קופּקע.

נאָר אָפּט און עפּטער אין די דאָזיקע פאַרטאָגן פלעגט זיך עפע־נען אין שטעטל אַ טיר פון אַ באַלעבאַטיש הויז און צוערשט נישט דרייסט, ווי בשעת גנבה, נאָר אויף דער בריק — שוין ייִנג און טענצלענדיק איז אַ באַלעבאַטיש קינד בלייך און דערשראָקן געלאָפן צו דער פאַבריק: אַ קליינינקייט — דרייסיק קאָפּיקעס אַ וואָך!

שטאָט האָט נישט געזען, שטאָט האָט נישט געוואוסט. נאָר אין דער שטיל האָבן ווייבער זיך געשושקעט, און די אויערן אריין דערציילט די חרפּה:

— ר׳ חיים יואלס ייִנגל...

— און מאטל דוואַשעס מיידל אויך...
— און צירל דעם דיינס...
— און ר׳ יעקל שוחטס איניקלעך — ס׳איז דאָך עק וועלט!...
— אַ בראָך איז צו מיר נעבעך! מיט די גראַבליער יינגען און מוידן צוזאַמען — אַ תּכלית פאַר באַלעבאַטישע קינדער!...

באַלעבאַטיש־פּרומע ווייבער מיט שטערן־טיכלעך האָבן אין דער שטיל זיך אויסגעצופּט שטיקער פּנים און אין שטעטל זענען אַלע פּלעצער פּוסט געוואָרן: ווייסע חברה האָט געאַרבעט אין פאַבריק און גערוט האָבן — דער פאַלענט און דער שטעטלדיקער פּלאַץ מיט דער אַלטאַנע אין מיטן מאַרק, דער גראַבליער ברעג פון וויעפּזש און דער וויעפּזש גופא. ווייל גראַבליער קליינוואַרג האָט שוין נישט געשניטן און געפּעטשלט זיינע כוואַליעס. און דער אַלטער שמש האָט געזאָגט, אַז ס׳האָט, אַפּנים, דאָס גהינום זיך איינגעשטילט, ווייל ווייסע חברה טומלט גאָרנישט אויפן שול־הויף און ער האָט שוין לאַנג ניט געקריגן מיט קיין איינגעוויקלטן האַנטוך אינם רוקן.

און אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז נעבע די דיינטע אַרויס אַזוי זיך פאַר דער טיר און אַ נישט־גוטקייט איז אויף איר געקומען. מיטביידע הענט האָט זי געכאַפּט זיך פאַרן פּנים:

— ווי צו מיינע אויגן, וואָס זי זעען — שמואליק, דעם אַלטן רבס איניקל אויך?...

און זי האָט געקוקט, ווי שמואליק, אַ בלייכער און אַ מידער, מיט אַ פאַרשטויבט כאַלאַטעלע, איז געגאַנגען צוריק פון דער פאַבריק און אַריין אין שטוב צו זיין מאַמען — נעבעכס חברטע פון מיידלוויַיז.

שמואליק האָט פאַרוואָרפן די הוועיות פון זיין טאַטן. ער האָט דעם קאָפּ ניט מער געבויגן צו דער ערד, דעם קליינעם רוקן האָט ער אויסגעגלייכט און זיין בליק האָט אָנגענומען דעם הפקר־חוצפּה־דיקן אויסדרוק פון די גראַבליער־יינגען.

יעדע שעה האָט אים אָנגעפילט מיט דער מידקייט און מיטן אימפּעט פון דער אַרבעט. ער האָט מיט נייגער און מיט הנאה גע־קוקט אַרום זיך, וואָס עס טוט זיך: ביי די גרויסע, גרויסע הובלס, מיט די הענטלעך פון ביידע זייטן, זיצן גרויסע יינגען, וואָס פּלעגן שטענדיק שיכּורן מיט שקצים פון די הינטערשטעטלדיקע בערג און די גאַנצע שטאָט האָט פאַר זיי מורא געהאַט, און זיי ציען מיט פיר הענט יעדן הובל — אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. און פון די הובלס פליען שפּענער און אין דעם באַרג זיצן קינדער — גראַב־ליער מיט באַלעבאַטישע צוזאַמען, און זיי לייגן גלייך שפּאָן צו שפּאָן.

יעדעם בינטל שפּענער גייט פון זיי אין דער צווייטער שטוב—צו דער מעסער־באַנק. דאָרטן שטייט דער פּערצן־יאָריקער כאַצקל און איז אַ גאַנצער מייסטער. מיט אַ גאַווהדיקער מינע לייגט ער בינטלעך שפּע־נער אויף דער באַנק. מעסט אָן די לענג ביי דעם ברעטל מיט די נומערן און לאָזט אַראָפּ מיט זיכערקייט דאָס גרויסע, שאַרפע מע־סער, וואָס איז צוגעשרויפט צו דער באַנק. אָט דער כאַצקל האָט אַ שטאַרקן אָרעם און נעמט שוין גאַנצע פּערציק קאָפּיקעס אַ וואָך.

אַך, ווי שמואליק איז אים מקנא!

שמואליק זיצט ביי אַ גרויסער רעם מיט פּאַכן, קלעפּט די אָנ־געשניטענע, ווייכע שפּענדלעך אויף די קיילעכדיקע פּאַרעמס, יעדעס לויט זיין נומער. שמואליק וואונדערט זיך: וואָס דאַרף די וועלט אַזוי פיל פּודעלעך? אים דאַכט זיך, אַז עס זענען גאָר נישטאָ אַזוי פיל מענטשן אויף דער וועלט, וויפיל מאַשטשן עס מאַכן די אַפּטייקן.

און עס רוקן זיך לאַנג די טעג — יעדער טאָג מיט זיין פאַר־נאַכט, ווען שמואליק לאָזט זיך מיד און מאַט פון דער פאַבריק, צו־זאַמען מיט די גרעסטע לאַבוזעס פון גראַבליע — מיט אַלע שוין „פאַן־בראַט". און אַז ער גייט שוין אויף דער בריק און קוקט אַראָפּ אין טונקל פונם טייך, וועקט זיך אויף נאָר בלויז אַ פונק פון דער אַלטער מחשבה, וואָס האָט אַמאָל געגאַנגט. נאָר אַ מידע טעמפּקייט איז אין קאָפּ און שמואליק טראַכט בלויז איין געדאַנק, וואָס ער האָט שוין אין דער שטיל דערטראַכט: אויף הוצאות וועט ער שוין האָבן און אַז ס'וועט קומען חול־המועד, וועט ער נעמען זיינע העמדער און וועט פאָרן קיין וואַרשע זיך אויסלערנען אַ מלאכה — אַז קיין אַנדער תכלית איז נישטאָ...

יעדן אָוונט, אין דער היים, קוקט די מאַמע שטום און שטאַר אויף איר בכור — דעם בעל־פּרנסה, ווי ער זיצט אַזוי אַ מידער, מיט די רויטע, אָנגעהאָרעוועטע הענטלעך אַראָפּגעהאָנגען צווישן ביידע קני, דאָס פּנים טעמפּ און מיד. ווי אַ גוי, אַ האָלצהעקער, נאָכן האַקן אַ פור האָלץ, — אַזוי זיצט ער, איר עלטסטער זון, וואָס זי האָט אירע אייגענע און טאַטנס האָפנונגען אויף אים גע־לייגט. און אויף דער מאַמעס פּנים ליגט נאָך מער ווי שטענדיק די מוראַדיקע טענה אויסגעגאָסן. אירע ליפּן ציטערן און פליסטערן פאַרבאָרגענע קללות, טויטע קללות פאַר אַלע וויסטע פעלדער. און די שמאָלע, שוואַרצע שנירלעך איבער אירע אויגן, הויבן זיך און קרימען זיך, אַרויף, אַרויף, ווי שלענגלעך, גלייך זיי וואָלטן וועלן אָפּשפּרינגען פון שטערן.

נאר דער טאטע קוקט אויף אים הכנעהדיק און שווייגנדיק. אין טאטנס אויגן ליגט עפעס אזא פארשולדיקטקייט, גלייך ווי ער וואלט וועלן ביי שמואליקן פאר עפעס מחילה בעטן. און אז שמואליק זעט דעם טאטן, ווי ער נישטערט מיט די דארע פינגער אין די קעשענעס פון וועסטל, זוכנדיק אומזיסט די קרישקעס פון טיטון צו מאכן זיך א פאפיראסל — כאפט אים אן אזא רחמנות אויפן טאטן וואס ער הוסט און וואס ער שווייגט און וואס ער טראכט אזוי טאג נאך טאג. און ער דערלאנגט דעם טאטן א זעקסער.

— קויף דיר, טאטע, פאפיראסן, נאר די גוטע זאלסטו קויפן! טורעצקע קויף, טורעצקע...

— — — — — — — — — — — —

שמואליק האט א נייעם חבר, כאצקל — דעם זון פון מייסטער, וואס ר' ברוך לוריע האט אים ערגעץ פון דער גרויסער וועלט געבראכט אהער, פאר גאנצע אכט רובל א וואך.

שפאצירן זיי צוזאמען יעדן אוונט, די הענט פארוואָרפן אויף די אקסל, לאזן זיך אראפ צום ברעג און גייען אוועק אזש צום צמענטאזש.

אויסגעוועזן שוין א וועלט איז ער, אט דער כאצקל, און ער ווייסט שוין אלע זאכן, וואס עס טוט זיך אין די גרויסע שטעט. הערט ער שמואליק אין די אוונטן צוזאמען מיטן פליסטערן פון טייך, מיטן רויש פון די בוימער ביים ברעג די רייד פון זיין חבר, וואס דערציילט אזעלכע וואונדער. שמואליק הערט און חידושט זיך צוזאמען: זאל עס טאקע זיין אזוי, אז דאס איז נאך נישט קיין אמתע פאבריק?

— אהא — דערציילט זיין חבר כאצקל — אין די גרויסע שטעט זענען דא פאבריקן גרויסע, גלייכע רויטע מויערן, הויכעהויכע קוימענס, וואס זיי הודיען און זיי פייפן אוים די שעה פון ארבעט. עפענען זיך שווארצע טויערן און עס שיטן זיך מענטשן־ארבעטארער — טויזנט־טויזנטער, גרויסע מענטשן ארבעטארער, אפילו יידן, אלטע יידן אויך — נישט קיין קינדער אזוי ווי דא.

— טאקיש, אלטע יידן אויך, יידן ווי מיין טאטע...

נאר עס פארשעמט זיך שמואליק פאר זיין אייגענער מחשבה: ס'הייסט, זיין טאטע — מיט אזעלכע נארישקייטן — פודעלע, צי עפעס אנדערש — ס'קאן דען זיין?...

און זיין חבר כאצקל אנטפלעקט אלץ נייע וואונדער:

— און אט די ארבעטארער האבן זיך אן אחדות און האבן גאר פאר קיינעם נישט קיין מורא, נישט פאר פאליציי, אפילו נישט פאר זעלנער, פאר קיינעם נישט?

— גאָר פאַר קיינעם נישט קיין מורא? ס׳קען דען זיין?

— און אַז מען טוט זיי עפּעס שלעכטס, שטרייקן זיי און האָבן נישט קיין מורא!

און עס ווייס דער קליינער שמואליק, אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַזוינס פאַרוואָס מען דאַרף אַוודאי מורא האָבן און ער פרעגט מיט אויגן און מיט ווערטער:

— וואָס־זשע מיינט מען דאָס: „זיי שטרייקן?"

— אָ, דו ווייסט דאָך טאָקע גאָרנישט? וועסט זען, ביי אונז וועט אויך נאָך זיין אַ שטרייק. מיינסט, אַז חיים גאָדער וועט שוין אייביק אַזוי אַרבעטן פאַר דריי קאַרבוינעס אַ וואָך? איך האָב אַליין געהערט ער האָט געזאָגט: מ׳דאַרף אַרויסטרייבן די קינדער און אַ סוף, זאָל זיין אַ שטרייק! אוי, וועט זיך דאָס דער גראָבער לוריע שרעקן!

שמואליק הערט מיט אַלע חושים. זיינע אויגן גרויסן זיך אין טונקל פון פאַרנאַכט און זיי זאַפּן איין אין זיך די גרינקייט פונם ברעג, די בלויע ראַזקייט פונם הימל און די טונקלקייט פון טייך, וואָס קוילערט זיינע וואַסערן אַוועק ערגעץ צו יענע גרויסע שטעט, וואו עס זענען דאָ פאַבריקן, מיט די גרויסע־גרויסע קוימענס און מיט דעם מאָדנעם פאָלק.

— — — — — — — — — — — —

כּאַצקל האָט זיין חבר שמואליק אויסגעלערנט שפּענער שניידן אויף דער מעסער־באַנק, און אַליין איז ער אַוועק שוין אויפן פאָדער, צווישן גרויסע יינגען, און ער שניידט שוין אויס די דנאָען אויפן קלאָץ, מיטן שאַרפן שטאַמס. פרייט זיך שמואליק: פערציק קאָפּיקעס אַ וואָך — און ער איז דאָך שוין אַן אַרבעטער. נאָר זיין אָרעם איז נישט אַזוי שטאַרק ווי כּאַצקלס, מוז ער אונטערשפּרינגען יעדעס מאָל, ווען ער גרייכט צום הענטל פונם מעסער. און דאָס מעסער איז שווער און דער מייסטער, כּאַצקלס טאַטע, לויפט פאַרביי און שרייט:

— אַרבעט, אַרבעט — דאָ איז נישט קיין בית־המדרש, וואו מען חלומט זיך אַ פּשטל!

בויגט זיך שמואליק איין אין דרייען און שוין ווידער שפּרינגט ער אונטער. גרויסע טראָפּנס שוויים קיצלען אויפן פּנים און עס שלאָבערן די הענט.

פילט ער, אַז די מידקייט איז אים שוין באַפאַלן און דאָ איז נאָך גרויסער טאָג — לאַנגע שעהן נאָך פון אַרבעט. כאַפּט ער אָן זיך מיטן לעצטן אימפּעט, טוט אַ שפּרונג צום מעסער־הענטל, נאָר

עס ציטערט די שלאָבערדיקע האַנט, שפּרינגט דאָס מעסער און טוט פּריציייטיק אַ פאַל אויפן צוגעשפּאַרטן בינטל. זייער שאַרף איז דאָס מעסער. האָט אין פלוג דער קליינער שמואליק אַפילו נישט גע־וואוסט, וואָס געשען איז: וואָס־זשע איז עפּעס אַ נאָדל אַזאַ אַריי־בערגעלאָפן איבער אַלע ביינער? נאָר אויף דער באַנק צווישן אויס־געשיטע, רויט־באַשפּריצטע שפּענדלעך האָבן זיך געוואַלגערט צוויי שאַרף־אָפּגעשניטענע האַלבע פינגער פון שמואליקס לינקער האַנט, ווי צעהאַקטע שטיקער ערד־ווערים. שמואליק ווייס נאָר, אַז די באַנק, די שפּענער און זיין לינקע האַנט האָבן עפּעס אָנגעהויבן אַוועקצור־טאַנצן אין חשכות אַריין.

אויף אַ באַרג הויבע שפּענער איז געלעגן שמואליק אַ בלייכער, ווי דער טויט. מען האָט געשפּריצט אויף אים מיט וואַסער, מען האָט געמינטערט און דערמינטערט דעם געחלשטן שמואליק. פּעסע די וואַרשעווערין — כאַצקלס מאַמע — האָט מיט מאַמישן רחמנות געבראַכט פון שטוב אַ ביסל יום־טובדיקן ווישניק צו דערלאַבן דעם געחלשטן. ביי דער האַנט, דער באַשניטענער, האָבן זיך געפּאַרעט כאַצקלס טאַטע און יענדער — דער הינטערשטעטלדיקער זנאַכער. שמואליק האָט געפילט, ווי מען טוט אים דאַרטן צרות, אַזוי ווי מען וואָלט אים געשיט זאַלץ אויף זיינע פרישע וואונדן.

נאָר דער זנאַכער איז צופרידן: „דאָס בלוט איז שוין פאַר־האַלטן. איבערבינדן יעדן טאָג און צולייגן אָט־דאָס" — ווייזט ער עפּעס ברודיקס אין אַ פלעשל.

— — — — — — — — — — — —

מיט אַ האַנט — אַ באַרג, אַרומגעבונדן מיט אַזוי פיל שמאַטעס און באַנדאַזשן, אַריינגעלייגט אין דער פּאַטשיילע, וואָס איז גע־האַנגען אויף זיין האַלז און אָנגעשפּאַרט אויפן אַקסל פון חבר כאַצקל, איז שמואליק געגאַנגען אַהיים. כאַצקל האָט אַלץ אין איי־נעם אים געלערנט:

— זאָלסט שטיין האַרדע, זאָלסטו! לוריע מוז דיר געבן וואָס עס קאָסט דאָס היילן און ער מוז דיר צאָלן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דו ביסט קראַנק, הערסט? — כ'האָב אַליין געהערט מיין טאַטן זאָגן — אַפילו אין סאָנד וועט ער מוזן צאָלן.

און שמואליק איז געשטאַנען ביי דעם גראַבליע־ברעג פון וויעפּזש און האָט געקוקט אויף יענער זייט, וואו פון דער קוילער־גאַס הויבט זיך אויף דאָס שטעטל און עס שפּאַרן זיך די דעכער פון באַלעבאַ־טישע הייזער. פון דער לינקער האַנט האָט אַ נאָגנדיקער ווייטאָג זיך

צעגאָסן איבער אַלע אברים און האָט אָנגעפּילט די ביינער מיט אַ שווינדלדיקן פיבער.

שמואליק האָט געהערט זיין חברס רייד און האָט פאַרטראַכט געקוקט אַריבער, ווייט איבער די דעכער פון זיין שטעטל: עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט, ווי אויפן הימל דאַרטן צייכענען זיך ערגעץ שאָטנס פון די שטעט מיט פאַנטאַסטיש־הויכע קוימענס פון פאַבריקן, און אין זייערע געדערים זעט שמואליק דאָס מאָדנע פאָלק פון אַרבעטאָרער און ער פילט אַ נאָענטקייט, עפּעס איז ער שוין אַן אייגענער.

ער וועט האָרדע מאָנען ביי דעם הויכן, רייכן לוריע פאַר זיין יעדן שטיקל פינגער, אַזוי ווי יענע דאַרטן, אין די גרויסע שטעט, וואָס האָבן גאָר פאַר קיינעם קיין מורא...

(„יוגנט־וועקער")

וואָס טוט מען מיט די מענטשן ?...

אינם „קעמפּ" (זומער־קאָלאָניע) פון אַמעריקאַנער יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד הינטער ניו־יאָרק האָב איך באַגעגנט אַ מענטש, אַן אָריגינאַל, אַ טיפּ, וועלכן מען קען אפשר נאָר טרעפן אין אַמעריקע.

ער איז אַלט געווען אַריבער פערציק; אַ מאָגערער, אַ מיטל־וואוקסיקער, מיט אַן אויסגעראַזירט פּנים, אַ שווייגער, אַ „פּרינציפּיעלער" בחור. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ בעקער־אַרבעטער פון דעטראָיט. אין „קעמפּ" איז ער געקומען מיט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, אין וועלכן ער פלעגט זיך יעדן טאָג אַרויסלאָזן אויף ווייטע, איינזאַמע שפּאַצירן. אין שיינע טעג פלעגט ער לאַנגע שעהן אָפּזיצן איינער אַליין אין אַ שיפל אויף דער אָזערע מיט זיין ווענדקע.

אַלע אינם „קעמפּ" האָבן אים געקענט ווי אַ בייזן שילינגער. און נישט נאָר דאָ — אין אַלע אַרבעטער־קעמפּס פון גאַנץ אַמעריקע האָט מען אים געקענט. יעדן זומער פלעגט ער אין זיין אויטאָ וואַנדערן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, פון איין קעמפּ צום צווייטן; אומעטום פלעגט ער אָפּזיין עטלעכע וואָכן און פאָרן ווייטער. די קעמפּ־געסט פלעגן פון אים חוזק, רופן אים „משוגענער פילאָזאָף", „אַלטער בחור", זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נאַר און פלעגן דאָס אים זאָגן אין די אויגן אַריין און דערביי זיך וויצלען אויף זיין חשבון. ווייבער, מיידלעך פלעגן זיך מכלומרשט חנדלען אים אין די אויגן אַריין און אַ פרעג טון:

— מיסטער פילאָזאָף, איר זענט שוין לאַנג אַזאַ צעדרייטער ?...

און ער פלעגט אַמאָל געבן אַ קורצן ענטפער שוין גאָרנישט פון אַ נאַר, נאָר אָפטער פלעגט ער שווייגן און קוקן אויף זיינע חוזקער מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס איז אין פלוג געווען גוטמוטיק נאַרישע־וואַטע, אָבער וואָס פלעגט אָפט באַגלייט ווערן מיט אַ בליק, אין וועלכן ס'האָט געגליט אַ טיפע, קלוגע איראָניע.

איך פלעג אים זען אין עס־זאַל, וואו ער האָט פון זיין איינזאַמען ווינקל אַרוים באַטראַכט די זומערדיק־אַנטפלויזטע, אָפּגעברענטע און טומלדיקע מענטשן.

דער מענטש האָט מיך פאַראינטערעסירט. כ'האָב זיך געפּרואווט צו אים דערנענטערן, אָבער נישט אַזוי לייכט איז געווען דורכצוהאַקן דאָס אייז, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעצוימט. איך האָב אים עטלעכע מאָל אָפּגעוואַרט, ווען ער איז אין דער פרי געגאַנגען צו דער אָזערע זיך באָדן און כ'האָב זיך געלאָזן גיין צוזאַמען מיט אים. אפשר וועט זיך איינגעבן אים אַריינצוציען אין אַ שמועס. אָבער ער פלעגט גיין לעבן מיר, אַ ברוינער פון דער זון, מיט בלויע אויגן געטונקט אינם גרינס פון וואַלד, מיט זיין קורצער פּייקע אין מויל און — שווייגן. אויף מיינע פראַגעס פלעגט ער ענטפערן מיט אַן אָפּגעהאַקטן בורטש דורך דער פּייקע, אָדער ער פלעגט אַרויסנעמען זיין שאַכטל פּאַפּיראָסן און עס אויסשטרעקן צו מיר:

— אַ פּאַפּיראָס?

אָבער איינמאָל האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט אין וואַלד און האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט אַ מין פאַרזאָרגטער מינע אויפן פּנים:

— איר אָבסערווירט מיך, חבר?

און באַלד האָט אַ דינע איראָניע זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין בליק און אין די קנייטשן פון זיין פּנים:

איר זענט, דאַכט זיך, אַ שרייבער, אַ זשורנאַליסט פון פויל? איר האָפט אפשר צו פּאַקן אין מיר אַן אוצר, אַן אומגליקלעכע ליבע, אַ צעדרייטן פילאָזאָף, אַ טיפּ, אַ סיוזשעטל פאַר אייער שרייבעכץ, האַ? איר וועט זיך ביטער אַנטוישן, מיסטער. קיין שום איבערלעבונג אַזעל־כע, קיין שום אינטערעסאַנטקייט איז אין מיר נישט פאַראַן. וואָס קאָן איך אייך אָנגיין?

מיר זענען געגאַנגען ווייטער און ער האָט אַ גאַנצן וועג גע־שוויגן, ווי תמיד. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס גייט מיר נישט אין די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט דאָ אויסגערעכנט. מיך ציט צו אים, ווי צו אַ מענטש, וואָס זעט און פאַרשטייט אַ סך. איך האָב אַן אינטערעס בלויז פאַר דעם מענטשן אין אים און נישט מער. ער האָט געשוויגן.

ביים ברעג פון דער אָזערע האָט ער מיט אַ שאָקל פון קאָפּ מיר דערלויבט זיך צו זעצן מיט אים אין שיפל. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיך לאָזן צו די רודערס און ער האָט זיך געזעצט אַנטקעגן מיר. מיר זענען אַרויס אין מיטן דער אָזערע. ער האָט געלאָזט קנוילן רויך פון זיין פּייקע און געשוויגן. דאַן האָט ער אַרויסגענומען די פּייקע פון מויל און, נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט ער אַ זאָג געטון מיט סאַר־קאַזם:

— דער מענטש...

אין די קנייטשן פון זיין פנים האט זיך אויסגעלייגט, ווי א שטי־לער צער: — וואס, אייגנטלעך, געפינט איר אינם מענטש ?...

און ער האט זיך ענערגיש גענומען ארויסקלאפן דאס אש פון זיין פייקע אין וואסער אריין.

⁂

דאס אייז איז געווען געבראכן...

אין די נאנטסטע טעג האט מען אין „קעמפ" גענומען שמועסן, אז צום שקר האט זיך אפגעזוכט א שלימזל. ס'איז צוגעקומען נאך א צעדרייטער... אנדערש איז דאך נישט מעגלעך, אז יענער פילאזאף זאל זיך מיט אים אזוי ארומשלעפן, ארומפארן צוזאמען אויף שפאצירן און גאנצע טעג שמועסן.

מ'האט דאך געמיינט, אז ער קען גארנישט ריידן... און דא גיט נאר א קוק, מיט זיינם גלייכן קען ער, ווייזט אויס, יא...

אין דער אמתן פלעגט ער מערסטנטייל שווייגן אויף די גע־מיינזאמע שפאצירן. נאר זעלטן פלעגט ער שמועסן און דערציילן פון זיך. ביסלעכווייז האט זיך דער מענטש אויפגעקנעפלט, אויפגעדעקט פאר מיר, דערציילט מיר זיינע איבערלעבונגען, מיינונגען און בליקן אויף מענטשן און זאכן. אין זיינע בליקן איז געווען א סך נאאיוויטעט, אבער עס איז געווען אין זיי די ערנסטקייט און אויפריכטיקייט פון א מענטש, וואס איז אליין דורך דער פיין פון לעבן צו זיי דערגאנגען און זיי האבן אפט א בליץ געטון מיט טיפער דורכגעטראכטקייט.

ער שטאמט פון ווארשע. מיט א דרייסיק יאר צוריק איז ער געווען א לערניינגל אין א בעקעריי אויף פראגע. פון זיין פריסטער קינדהייט האט ער געליטן פון מענטשן. זיין טאטע האט אים גע־פייניקט. א קינד נאך — האט ער אים אריינגעווארפן אין א בעקעריי און פלעגט קומען צונעמען די עטלעכע קאפיקעס, וואס ער האט פארדינט. פרעמדע מענטשן האבן אים געפייניקט, אפגענארט, באַ־שווינדלט, פארראטן. דאס אייגענע שפעטער אין אמעריקע. א גאנץ לעבן אזוי. דארף מען זיך היטן פאר די מענטשן, מען דארף שטענדיק האלטן אנגעשפיצט די אויגן און די אויערן, ווי צווישן חיות אין א וואלד...

— איר מיינט, ס'איז פון שלעכטקייט ? — ניין, פון טפשות איז עס... מענטשן זענען פראסט נאראנים, מענטשן זענען נודנע, נישט אינטערעסאנט...

דעריבער וויל ער זיך נישט צובינדן צו מענטשן. ער וויל נישט חתונה האבן. ער וויל נישט לאנג בלייבן אויף איין ארט. ער וויל נישט

ארבעטן א גאנץ יאר, נישט פארקויפן זיך אויף א גאנץ יאר צו מענטשן. א האלב יאר מוז ער ארבעטן, קיין ברירה נישטא. ער איז א גוטער בעקער־ארבעטער, ארבעט ער א גאנצן ווינטער און פארדינט גוט און א גאנצן זומער וואנדערט ער אין זיין אויטא איבער דער וועלט. די איינציקע זאך צו וועלכער ער איז צוגעבונדן — דאס איז זיין פרייהייט. און די גרעסטע שונאים און צעשטערער פון דער פריי־הייט זענען מענטשן.

— ווייל זיי זענען טפשים...

סאציאליזם? — יא. ער האט א סך געטראכט און געלייענט וועגן דעם. געוויס קאן זיין סאציאליזם אויף דער וועלט. ס'קאן זיין א גן־עדן. די וועלט איז דאך אזוי שיין און רייך. אבער — די מענטשן... ער קאן מארקסן, ער האט געלייענט. מארקס איז אין אלץ גערעכט, ער האט אלץ ריכטיק בארעכנט, נאר איין זאך האט ער פארגעסן אריינצונעמען אין חשבון:

— די מענטשן...

זיי וועלן צוליב זייער נארישקייט פון אלעמען מאכן אש, פון שענסטן בנין. וואס מער גליק און פרייהייט פאר זיי, אלץ גיכער וועלן זיי עס צעשטערן... מענטשן זענען פארריסענע נאראנים. איינגע־רעדטע ווערטן זענען פאר זיי א סך מער ווערט, איידער פאקטישע. זיי האבן זיך אליין ארומגעצוימט מיט אזוי פיל געזעצן און קינסטלעכע באגריפן וועגן כבוד, גליק, פרייהייט און שטאלץ, זיי האבן זיך ארומגעפלאכטן מיט אזוי פיל דראט, אז זיי קאנען זיך נישט פריי באוועגן. און זיי, די נאראנים, האלטן נאך שטאלץ די קעפ אין די צוימען, ווי פערד אין א כאמעט... זיי קלאגן אויף מיליאנען קרבנות פון דער מלחמה — ווען זיי וואלטן געהאט שכל צו וועלן, וואלט דען געווען א מלחמה?... זיי קרעכצן אויף די מיליאנען ארבעטלאזע און אויפן הונגער — ווען זיי וואלטן געהאט שכל, צי וואלט דען געווען הונגער?...

איך דערצייל אים די סיבות פון דער מענטשלעכער נארישקייט, אבער ער דרייט מיטן קאפ. די סיבות שטעקן, לויט זיין מיינונג, אינם מענטש גופא. אזוי זענען זיי, די מענטשן. מיר שמועסן וועגן דער שפע, וועגן דער רייכקייט און שאפונג־מעגלעכקייטן, וועלכע איך האב געזען אין פארשידענע ווינקעלעך פון אמעריקע. איך רעד וועגן דעם גרויסן גן־עדן, וואס וואלט דא געקענט זיין פאר אלע מענטשן, ווען דא ווערט איינגעשטעלט א יושרדיקע איינטיילונג פון די דאזיקע גיטער. איך פרואוו פאר אים מאלן בילדער פון גליק. מיליאנען זאטע, פריידיקע קינדער. מענטשן רואיקע, גליקלעכע, באפרייטע פון זארג.

קיין שפור פון אומגליק, פון בלוט־פארגיסונג; באנדיטיזם און פראסטיטוציע, ליגן, שווינדל און פארראט וועלן מער קיין פלאץ נישט האבן...

ער זיצט ביים קירעווער פון אויטאמאביל און הערט זיך איין און שאקלט מיטן קאפ: „יא, יא, דאס אלץ קען זיין". פלוצלונג שטעלט ער אפ דעם אויטא אין א זייט פונם אמעריקאנער אספאלט־שאסיי, ער שטרעקט אויס די הענט און זאגט מיט אמתער, טיפער זארג אויפן פנים:

— אבער וואס טוט מען מיט די מענטשן ?...

פארביי אונז קייקלען זיך אן אויפהער אויטאמאבילן מיט רואיקע זעלבסטצופרידענע יענקים און מיט יינגע פארלעך, די הענט פאר־פלאכטענע ארום די העלזער און מיין דעטראיטער בעקער זיצט אלץ אזוי מיט די אויסגעשפרייטע הענט און חזרט איבער א פארזארגטער:

— וואס טוט מען מיט די מענטשן ?...

***

וואס זאל איך לייקענען — גאנץ אפט דאכט זיך מיר, אז יענער מענטש האט מיך אביסל אנגעשטעקט מיט זיינע בליקן אויף די מענטשן...

טאקע אין דער אמתן, קוקט זיך ארום, וואס עס טוט זיך ארום אונז — אזוי פיל אומגליק און אזוי פיל טפשות. קוקסט זיך אזוי ארום, זעסטו וועגן וואס דערוואקסענע פאראנטווארטלעכע מענטשן ריידן אויף זייערע קאנפערענצן, קאנגרעסן, מיט וואס זיי פארנעמען זיך אין אנבליק פון אזוי פיל מענטשלעכע אומגליקן און פיין. דו זעסט ווי פיבערדיק מען גרייט זיך צו מלחמות און וויפיל הונדערטער מיליא־נען מענטשן אויף דער וועלט עס גליען מיט קינסטלעך־אויפגעבלא־זענעם פאטאס פאר מלחמה, פאטערלאנד א. ד. גל. ; קוקסטו אויף דער נעץ פון מענטשלעכער קליינלעכקייט, געמיינקייט, צביעות און טפשות — גלוסט זיך, פונקט ווי יענער, אויסצושפרייטן די הענט און מיט אמתער זארג אויסשרייען :

— וואס טוט מען מיט די מענטשן ?

(„נייע פאלקס-צייטונג", 24 סעפט. 1933)

וועלוול שוסטער

נאָך מיט א יאָר זיבן צוריק האָב איך אים באַגעגנט אין א ווייטער קרעסן־שטאָט. ס'איז געווען א נפשל א קליינס, א דאַרס, אַן אויס־געקרימטס מיט א גרויסן שפּיציקן קאָפּ פון ענגלישער קרענק, מיט א פּנים א צעפּרעסנס פון נויט און קרענק, מיט אַרויסגעשטאַרצטע קראַנ־קע אויגן—איינער פון יענע קינדער־פּאַרזעענישן, וואָס דאָס בלאַטיקע הפקר־געסל פון דער אָרימקייט האָדעוועט אויף. דאָס פּנים איז געווען אַלט, דאָס קערפּערל—פון א קינד. אַלט געווען איז ער אפשר א יאָר פופצן. אָנגעטון אין א פּאָר צעריסענע הויזלעך מיט א ברודיק, צע־האָדערט העמדל, וואָס איז געווען אָפן און האָט באַוויזן א שמאָל דאַר בריסטל מיט אויסגעבויגענע ברוסט־ביינער.

אויפגעוואַקסן אינם קעלערל פון א טאַטן א שוסטער־לאַטוטניק, איז ער איצט אַליין געווען א לערניינגל ביי אַזא לאַטוטניק. א פּנים האָט ער געהאַט פון א תם, האָט געשטאַמלט. עס האָט גענומען א צייט ביז וועלוול האָט אַרויסגעבאַלבעט א וואָרט. ער איז טאַקע געווען דער אָביעקט פאַר חוזק און הייטערקייט פאַר דעם גאַנצן ייִנגוואַרג אין שטאָט. ווער עס האָט געוואָלט, האָט פון אים געלאַכט, געחוזקט, גע־קיצלט מיט א שטרוי אין אויער, אונטערגעשטעלט אים א פוס, אַז וועלוועלע זאָל אַזוי קאַמיש מיטן גרויסן קאָפּ און מיט די לאַנגע הענט א באַץ טון אויף דער ערד... ווער עס האָט געוואָלט, האָט זיך מיט וועלוועלען געשאַפּט, געשיקט אים א גאַנג. ער איז געווען אַלעמענס און קיינער איז נישט געווען זיין.

„באַרישניעס" פון דער קרעסן־שטאָט פלעגן וועלוועלען אָפּשטעלן אין גאַס, אים ערגעץ א שיק טון נאָך עפּעס און, אַלס באַלוינונג, אים פרעגן אַזוי, אַז אַלע זאָלן פּלאַצן פון געלעכטער:

— ווע־ווע־וועלוועלע, וועסט מיך נעמען פאַר א כּלה?...

וועלוועלע פלעגט בלויז נאַרישוואַטע שמייכלען.

וועלוועלע טראַכט? וועלוועלע קוקט אַרום זיך מיט א קריטישן בליק? וועלוועלע אָבסערווירט און שטודירט זיינע חוזקער? — וועמען האָט אַזא זאַך גאָר געקאָנט איינפאַלן? אים אַליין איז עס אויך נישט איינגעפאַלן. אָבער אַזוי איז עס פאַרט געווען, כאָטש

קיינער און אפילו ער אליין האָבן וועגן דעם נישט געוואוסט. ביים קאָפּטשעדיקן נאָפּט־לעמפּל פון זיין טאַטנס קעלער־שטיבל האָט זיך וועלוועלע אויסגעלערנט לייענען צייטונגען און ביכלעך. ער האָט זיך דערוואוסט וועגן זאַכן, ער האָט זיך אויסגעאַרבעט זיין וועלטל. ער האָט געהערט, אַז ס'איז פאַראַן אַ לעדער־פאַראיין. אַ שוסטער איז ער — איז ער אַריינגעטרעטן אַהין. געקומען אויף פאַרזאַמלונגען, געהערט, געקוקט, איינגעזאַפּט אין גרויסן שווערן קאָפּ אַ געדאַנק נאָך אַ געדאַנק, אַ וועלט נאָך אַ וועלט. ער האָט זיך פאַרשריבן אין ביבליאָטעק און האָט געשלונגען אַ בוך נאָך אַ בוך שטיל און פאַרבאָרגן אין זיין ווינקל. און שטאָט מיט ייִנגוואַרג האָט נאָך אַלץ געהאַלטן וועלוועלען פאַר אַ תּם. ס'איז געגוג געווען אַ זאָג צו טון „וועלוועלע שוסטער", כּדי אויף אַלעמענס פּנימער זאָל זיך גלייך אויסשפּרייטן די הייטערע גרייטקייט צו חוזקן.

זיין פאַראיין איז דעמאָלט געווען באַהערשט דורך קאָמוניסטן. עס פלעגן פאָרקומען העפטיקע קאַמפן און דיסקוסיעס, מען פלעגט שיטן פעך און שוועבל אויפן „בונד". וועלוול שוסטער פלעגט זיצן אין אַ ווינקל, הערן און שווייגן.

ווען מען זאָל איינפאַלן, אַז ער הערט, הערט, אָבער טראַכט זיך דאָס זייניקע פאַר זיך. ווען מען האָט געקאָנט איינפאַלן, אַז וועלוול שוסטער קאָן מען נישט באַאיינפלוסן, מיטשלעפּן וואוהין מען וויל; אַז ער האָט גאָר זיין אייגענעם קריטישן בליק, זיין אייגענע וועלט־באַנעמונג. אָבער גראָד אין יענער צייט איז וועלוול שוסטער גע־קומען צו דער קליינער גרופּע „צוקונפטיסטן" און האָט דערקלערט:

— חברים, איך בין אייערער, נעמט מיך אַריין...

די ייִנגע חברים האָבן זיך איבערגעקוקט:

— וועלוול שוסטער?...

— זע נאָר, וועלוועלע תּם...

און מען האָט אים צוגענומען.

פון דעמאָלט אָן איז ביסלעכווייז פאַרגעסן געוואָרן דער נאָמען „וועלוועלע תּם" און ס'איז געבליבן „וועלוול שוסטער". ביסלעכווייז האָט מען אויפגעהערט צו חוזקן. אויפן אָרט פון חוזק איז ביסלעכ־ווייז אויפגעוואַקסן דרך־ארץ און אַ גרויסע פאַרוואונדערונג:

— דאָס איז ער?

— זע נאָר, ווער איז דאָס?...

— ס'איז דאָך, דאַכט זיך, וועלוועלע?...

— וועלוול שוסטער, זע נאָר, וואָס איז דאָ געוואָרן מיט אים?...

אין די ערשטע צייטן פלעגט וועלוול שוסטער נישט נעמען קיין

וואָרט אויף פאַרזאַמלונגען. ער פלעגט זיצן שטיל און הערן. אָבער דערפאַר האָט זיך וועלוול גלייך אָפּגעזוכט אַרבעט. וועלוול שוסטער האָט פיינט צו רעדן, ער האָט ליב צו טון. מען ווייסט נישט ווי אַזוי ס'איז געוואָרן, נאָר אין גאָר אַ קורצער צייט אַרום האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אָן וועלוולען קאָן זיך שוין די אָרגאַניזאַציע נישט באַ־גיין. ער האָט זיך מיט זיין מאָגערן לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. וועלוול ווערבירט נייע מיטגלידער, וועלוול טראָגט יעדן אויפן קאָפּ, וועלוול פאַרשפּרייט די פּרעסע, וועלוול מאָנט אויף דעם מיטגליד־אָפּצאָל, וועלוול אָרגאַניזירט די פאַרזאַמלונגען, וועלוול שאַפט אָוונט־קורסן פאַר דער אַרבעטער־יוגנט. וועלוול שוסטער — דאָס פאַרקריפּלטע קינד, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער פינצטערניש פון זיין טאַטנס קעלער און אין דער בלאָטע פון זיין אָרים געסל — דער וועלוול שאַפט און פאַרשפּרייט ליכט און פרייד אינם זעלבן געסל...

אַלע זענען פאַרנומען. דער איז ביי דער אַרבעט אין וואַר־שטאַט, יענער — אויפן שפּאַציר. וועלוול אָבער ווייסט נישט פון די אַלע זאַכן: וויבאַלד מען דאַרף טון פאַר דער באַוועגונג, איז וואָס הייסט נישטאָ קיין צייט? וועלוול קאָן דאָס נישט פאַרשטיין. מען ווייסט נישט וואָס ער עסט, ווי אַזוי ער לעבט, נאָר שטענדיק קאָן מען אים זען ביי דער אַרבעט פאַר דער באַוועגונג. אין מיטן טאָג צי אין מיטן נאַכט. זיין פּנים האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט באַ־קומען אַ קאָנצענטרירטן אויסדרוק, איז העלער און שענער געוואָרן, אַזוי ווי באַלויכטן פון אַן אינערלעכן פלאַם. זיינע אויגן האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן יענעם גלייכגילטיקן תמעוואַטן אויסדרוק און לויכטן מיט אַ שטענדיק פייערל.

— וועלוול איז געוואָרן אַ מענטש, — שמועסט מען.

אַזוי איז וועלוול שוסטער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַריין אין דער פּאַרטיי. פון דער „צוקונפט" — אינם „בונד" אַריין. אויך דאָ האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. ביסלעכווייז האָט וועלוול שוסטער אָנגעהויבן צו רעדן אויך. צוערשט האָבן אייגענע חברים אַפילו געפּרוווט חוזק.

— וועלוול נעמט אַ וואָרט...

— וועלוול גייט ריידן, וועסט באַלד עפּעס הערן...

אָבער באַלד זענען די חוזק־שמייכלען פאַרשוואונדן. וועלוול שטאַמלט אַפילו נישט. ער שטייט מיטן שפּיציקן קאָפּ פאָרויס, מיט גרויסע צעגליטע אויגן, מיט אַ קאָנצענטרירט פּנים און רעדט ערנסטע, דורכגעטראַכטע ווערטער.

וועלוול האָט אַ מיינונג, ער ווייסט וואָס ער וויל. און וועלוול קאָן אַרויסזאָגן זיין מיינונג. ער האָט אַפילו הומאָר און איראָניע. וועלוול קאָן דיסקוטירן קלוג, שאַרף און בייסיק.

וועלוול ווייסט ווי מען דאַרף זיך נעמען צו אַן אַרבעט. קודם־כּל איז אים נישט געפעלן, וואָס די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פאַרשפּרייט אַזוי ווייניק די „פאָלקס־צייטונג", און ער האָט זיך אַליין גענומען צו דער אַרבעט און אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט ער דעם טיראַזש אין זיין שטאָט פאַרגרעסערט אויף פינף מאָל אַזוי פיל.

וועלוול שוסטער האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן די אַרבעטלאָזע אין שטאָט. ער פירט זייערע דעלעגאַציעס צום מאַגיסטראַט, צו דער קהילה. די שטאָט־באַלעבאַטים, שיינע יידן, גבירים, קוקן מיט אַ חוזק־שמייכעלע, גיבן אַ שאַר די באָרד און מאַכן זיך גרייט צו האָבן הנאה, ווי פון אַ פאָרשטעלונג אין אַ צירק.

— מ'נאָ, וועלוועלע, עמיר דאָ באַלד עפּעס הערן...

אָבער וועלוול טרייבט זיי גלייך אַראָפּ דעם שמייכל פון פּנים. ער צווינגט מען זאָל אים ערנסט הערן — באַקעמפן אָדער נאָכגעבן.

דאָס אייגענע חזרט זיך איבער מיט די באַלעבאַטישע זינדלעך, סטודענטלעך און ליידיקגייער. וועלוול אָרגאַניזירט דיסקוסיעס מיט די ציוניסטישע פּאַרטייען. וועלוול שטופּט זיך נישט פאָרויס. ער אָר־גאַניזירט, אָבער אַרויסגיין פאָרנט זאָלן אַנדערע. אָבער ווען ער זעט, אַז זיין צד איז שוואַכלעך, דעמאָלט נעמט וועלוול אַליין אַ וואָרט. די באַלעבאַטישע קינדער פלעגן אין אָנהויב שמייכלען אין אַזעלכע פאַלן:

— וועלוועלע...

אָבער גאַנץ גיך ווערן זיי ערנסט. וועלוול שוסטער האָט זיי אויסגעלערנט דרך־ארץ און ער האָט אויך אויסגעלערנט דרך־ארץ די שטאָטישע „באַרישניעס", וועלכע קוקן איצט אויף אים גאָר מיט אַנדערע אויגן.

אָבער וועלוול האָט נישט קיין צייט זיך אויף זיי אומצוקוקן. וועלוול שוסטער איז פאַרנומען. ער אַרבעט טאָג און נאַכט פאַר דער אָרגאַניזאַציע. די חברים אין שטאָט רופן אים שוין לאַנג — דער „למדר־וואָוניק". אַ שטילער, אַ באַשיידענער, זעצט ער זיך שטענדיק פון הינטן, אָבער אַלע ווייסן, אַז ער איז די ספּרוזשינע פון אַלץ און אַן אים וואָלט זיך די אָרגאַניזאַציע פון אָרט נישט גערירט. האָט די אָרגאַ־ניזאַציע געהאַט אַ שלעכטן, ענגן לאָקאַל, האָט וועלוול אויף זיין שטילן, אָבער עקשנותדיקן אופן געפאָדערט צו מאַכן אַן אַקציע פאַר אַ נייעם לאָקאַל.

— וואו וועט מען נעמען? אלע זענען ארבעטלאז — אפאנירט מען.

אבער וועלוול טרעט נישט אפ. מען מוז אים נאכגעבן. וועלוול האט די אקציע אליין דורכגעפירט און — ס'איז דא א נייער לאקאל.

אין דעם לעצטן יאר האב איך ווידער געזען וועלוול שוסטער. ס'איז שוין נישט מער דאס קליינע דערשלאגענע וועלוועלע פון אמאל, אבער אפגעריסן און הונגעריק איז ער פונקט ווי אמאל.

וועלוול שוסטער האט אפגעגעבן א חשבון, א באריכט: ער האט פון בוזים־קעשענע ארויסגענומען קליינע, לייוונטענע זעקלעך. פון ערשטן האט ער ארויסגעשאטן אביסל מטבעות און עטלעכע צעטעלעך פאפיר, פארשריבענע מיט ציפערן און א מין העראגליפן־שריפט:

— דאס איז פרעסע־געלט... קאנטראלירט, חבר, צי עס פעלט נישט עפעס...

ער האט אויסגעשאטן דאס צווייטע זעקעלע:

— דאס איז פארטיי־שטייער...

און דאס דריטע זעקעלע:

— דאס זאמל איך אויף דירה־געלט פארן לאקאל...

ער איז געזעסן מיטן גרויסן קאפ אריבערגעבויגן איבערן טיש, האט געציילט דאס געלט, יעדעס קופקעלע ביי זיין זעקעלע, האט מיר געלייענט די צעטעלעך און רשימות און איך האב געקוקט אויף די אדערן וואס זענען ארויסגעטרעטן אויף זיין ארויסגעשטופטן שטערן, אויף זיין גוטן אויסגעדארטן פנים.

— איר ווייסט, חבר וועלוול, איר וואלט זיך געדארפט קויפן א ניי מלבוש... — האב איך זיך נישט איינגעהאלטן.

אבער ער האט גערעדט ווייטער דאס זייניקע, ווי ער וואלט מיך נישט געהערט:

— ביזן פופצעטן דארפן מיר דאס איינצאלן, אויב נישט ווארפט מען אונז ארויס...

⁂

וועלוול שוסטער, צוזאמען מיט נאך חברים האבן מיך אפגעפירט צום באן. אויפן וועג זאגט מיר וועלוול:

— דער צענטראל־קאמיטעט דארף ענערגישער פירן דעם קאמף קעגן ציוניזם און פאשיזם. מען דארף אן ארבעט טון, אויפמונטערן די ארבעטער אין לאנד, מען דארף מאכן א גרויסע אקציע. מען דארף...

— יא, חבר וועלוול, מיר וועלן אלץ מאכן. מיט אזעלכע חברים ווי דו, וועלוול שוסטער, קאן מען א סך באוויזן...

(„נייע פאלקס־צייטונג", 4 אקט. 1933)

די פירער פאַרראַטן...

צי איז מעגלעך, אַז פירער זאָלן פאַרראַטן?

— געווים, ס'זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי עס טרעפט. יעדער וועט אייך קאָנען אָנרופן פאַלן, ווען פירער האָבן פאַרראַטן די גע־פירטע.

דעם דאָזיקן פאַקט, וואָס בכלל קאָן אַזוינס פּאַסירן, פלעגן אָפט באַנוצן קעמפנדיקע צדדים — סיי אויפן מלחמה־פעלד און סיי אויפן פעלד פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף — פאַר פּראָוואָקאַטאָרישע צילן; מען פלעגט צווישן שונאס מחנה ארויסלאָזן אַ קלאַנג, אַז אירע פירער האָבן זי פאַרראַטן, מען פלעגט אפילו אָנגעבן ווען און וואו די פירער האָבן זיך כלומרשט געטראָפן מיט די שלוחים פון שונא, ווי אַזוי און פאַר וויפיל זיי האָבן פאַרקויפט. דאָס אַלץ וועט געטון, כדי צו ברעכן דעם מוט ביי דער קעמפנדיקער מחנה פון דעם שונא. „דעמאָראַליזירן דעם שונא" — הייסט די דאָזיקע מלאכה.

זינט ס'איז אַנטשטאַנען דער אָרגאַניזירטער קלאַסן־קאַמף, זינט די אַרבעטער־מאַסן האָבן אָנגעהויבן צו באַנוצן שטרייק אין קאַמף פאַר באַגרענעצן די עקספּלואַטאַציע, ווערט כמעט יעדער עקאָנאָמישער שטרייק באַגלייט מיט דער דאָזיקער דעמאָראַליזירונגס־סטראַטעגיע מצד די פאַבריקאַנטן; פון די אַלטע שטרייק־קאַמפן אָן ביז די לעצטע, פון די אַלטע וועבער־בודעס אין לאַנקאַשיר און מאַנטשעסטער ביז די קוילן־פעלדער פון שלעזיע, פון די אייזן־גרובן אין אַלאַבאַמאַ ביז די זייד־שפּינערייען אין שאַנכאַי — אומעטום און אַלעמאָל, ווי נאָר די אויסגעפּראַצעוועטע מאַסע פלעגט פאַרלירן דאָס לעצטע ביסל געדולד און מיט צאָרנדיקע פּנימער פאַרלאָזן די פאַבריקן, פלעגן זיך באַלד באַווייזן צווישן איר טונקעלע פיגורן, מיט באַרעמהערציקייט אויפן יראת־שמים פּנים, מיט אַ זיפצעלע אויף די דינע ליפּן פלעגן זיי, אַזוי ווי דרך־אגב און בסוד, יעדן פאַרחושכטן שטרייקער איינרוימען בלויז דריי ווערטער:

— די פירער פאַרראַטן...

דריי ווערטער — דריי שווערע סם־טראָפּנס, וואָס פלעגן טונקל־מאַכן אין מוח און פינצטער־מאַכן דעם בליק. די צונויפגעקוועטשטע

פויסט פלעגט שלאבעריק ווערן און אפט פלעגט זי אזוי אפגעווענדט ווערן פון פאבריקאנטס קאפ. ווי נאר די סם־טראפנס פלעגן זיך שוין האבן אפגעזעצט אין די הערצער פון די שווער־געפרואוועטע שטרייקער און זיי פלעגן שוין דארט נאגן ווי ווערים, האט מען שוין געמעגט אראפנעמען די זיפצעלעך און דאס שושקען אין אויער. מ'האט שוין געקאנט הויך שרייען צווישן די הונגעריקע ווייבער פון די שטרייקער: די פירער האבן פארראטן . . .

און אז אויף א מיטינג פון די שטרייקער פלעגט, ווי א שווערער שטיין, פאלן אויפן קאפ פון דעם שטרייק־פירער דאס ווארט „פאר־רעטער", דעמאלט פלעגן שוין די טונקעלע פארשוינען רואיק אוועק־גיין אין די קאנטארן פון די פאבריק־דירעקציעס אפצונעמען זייער לוין; זייערס האבן זיי שוין אפגעטון, די שטרייק־מחנה איז שוין געווען פארסמט, דעמאראליזירט און געבראכן, דער שטרייק — פארענדיקט, פארשפילט . . .

דעם זעלבן דעמאראליזאציע־מעטאד באנוצט די לעצטע יארן זייער ברייט און גרינדלעך דער פאשיזם אין זיין קאמף קעגן אלע ארבעטער־פארטייען, סאציאליסטישע ווי קאמוניסטישע. אין רוים, בערלין, אין ווין, ווי אין ווארשע—אומעטום איז עס די באליבטסטע טעמע פון פאשיסטישע פלוג־בלעטער און מיטינגען. היטלערס באַ־רימטע פראוואקאטארישע קאמוניקאטן וועגן די וויין־קעלערס, שאמ־פאניער־לאגערן און גרויסע באנק־דעפאזיטן פון די ארבעטער־פירער; דאלפוסעס שטינק־באמבעס וועגן קייזערלעכן לעבן און פארראט פון די סאציאליסטישע פירער, און — „פאטעל" און „סערדעל" . . . (פילסודסקים אויסדרוקן אין פוילן).

***

וועגן דעם, אז דער דאזיקער מעטאד פון „דעמאראליזירן דעם שונא" ווערט באנוצט קעגן ארבעטער־קלאס מצד זיין קלאסן־שונא, האט די ארבעטער־באוועגונג געוואוסט און זיך געווערט קעגן דעם. אז דעם זעלבן מעטאד האבן גענירשנט פון דער בורזשואזיע די קאמו־ניסטן און אים אנגעהויבן צו באנוצן קעגן גאנצן נישט־קאמוניסטישן ארבעטער־לאגער, האט דאס די סאציאליסטישע וועלט, שווער און מיט פארביטערונג, אויך גענומען צו קענטעניש און ווערט זיך קעגן דעם מיט דערפאלג. דער „דעמאראליזאציע־מעטאד" מצד די קאמו־ניסטן האט ביז היינט דעמאראליזירט קודם־כל . . . די קאמוניסטן גופא.

אָבער קיינער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די דאָזיקע דריי ווערטער: „די פירער פאַרראַטן" וועלן ווערן שיער נישט אַ וועלט־אַנשויאונג פאַר אַ באַוועגונג, אַן אוניווערסאַלער שליסל צו אַלע פּראָבלעמען, צו אַלע פאַרפלאָנטערטע סיטואַציעס. באמת, וואָס מער מען באַגעגנט זיך מיט קאָמוניסטן, אַלץ מער מוז מען זיי מקנא זיין: ווי גרינג ס'איז זיי צו לעבן אויף דער וועלט, ווי לייכט ס'קומט זיי אָן צו לייזן אַלע פּראָבלעמען. געווינט מען ערגעץ אַ שטרייק, האָבן די סאָציאַליסטישע פירער פאַרראַטן; פאַרשפּילט מען אַ שטרייק, האָבן דאָך די סאָציאַליסטישע פירער אוודאי פאַרראַטן... וואָלט גע־וואַקסן ערגעץ אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַ לאַנד, וואָלט עס געווען, ווייל די ס. ד.־פירער פאַרראַטן; דאַרן אָבער די קאָמוניסטישע פּאַר־טייען און עס וואַקסן, פאַרקערט, די ס. ד. — איז עס, ווידער, ווייל די ס. ד.־פירער פאַרראַטן און פאַרפירן... האָבן די ס. ד.־מאַסן אין דייטשלאַנד נישט געשטעלט היטלערן קיין אַקטיוון ווידערשטאַנד, איז עס געווען ווייל די ס. ד.־פירער האָבן פאַרראַטן; און האָבן די דייטשע קאָמוניסטישע מאַסן דאָס זעלבע געטון, איז עס אויך ווייל די ס. ד.־פירער האָבן פאַרראַטן... און האָט דער ס. ד. שוץ־בונד אין עסטרייך יאָ געקעמפט און העלדיש געקעמפט, האָבן די ס. ד.־פירער ערשט רעכט פאַרראַטן...

די פירער פאַרראַטן — דאָס איז געוואָרן די וועלט־באַנעמונג פון יעדן דורכשניטלעכן קאָמוניסט, מיט דעם פאַרענטפערט ער אַלץ. די פּראָלעטאַרישע וועלט שטייט פאַר אַ גאַנצן קאָמפּלעקס נייע דער־שיינונגען פון אומגעהויערער באַדייטונג, וועלכע דאַרפן גרינדלעך געפאָרשט ווערן; קאָמוניסטן אָבער פאַרשפּאָרן די אַרבעט. זיי האָבן אַ פאַרטיקע תשובה: די פירער פאַרראַטן...

***

אין די קרייזן, פאַר וועלכע קאָמוניסטישע יהי־רצונס זענען אַ תורה מסיני, האָט מען שוין לאַנג אויפגעהערט צו באַנעמען דעם אייגנטלעכן טייטש פון דעם וואָרט פאַרראַט. „פאַררעטער" — איז היינט ביי די קאָמוניסטן די קלענסטע, די מילדסטע קוואַליפיקאַציע פאַר יעדן, אפילו אין זייערע אייגענע רייען, וועלכער פּרוּווט נאָר זעלבשטענדיק אַ טראַכט צו טון, וועלכער וואַגט נאָר אפילו מיטן געדאַנק אָפּצוואַוויכן פון דער „גענעראַל־ליניע". און עס איז דאָך פאַרט פאַראַן אַ קאָלאָסאַלער אונטערשיד צווישן פירער, וועלכע האָבן אין גוטן גלויבן געפירט אויף אַ פאַלשן וועג און אַזעלכע, וואָס נאַרן

אָפּ די מאַסן באַוואוסטזיניק און שפּייזן זיי אין צינישער, קאַלטער אויסגערעכנטקייט מיט פֿאַלשע אינפֿאָרמאַציעס.

למשל, די געשעענישן אין עסטרייך. אפשר האָבן די פֿירער פֿון דער עסטרייכישער ס. ד. געמאַכט פֿעלערן, אפשר איז פֿון די דאָזיקע פֿעלערן יאָ געוועזן אָפּהענגיק דער ענדגילטיקער אויסגאַנג פֿון די קאַמפֿן און אפשר נישט. אָבער אין לעצטן סך־הכּל האָבן דאָך די עסטרייכישע פֿירער דערפֿירט צו אַן אומפֿאַרגלייכלעכן העראָאיזם. דער לעגענדאַרער העראָאיזם פֿון די עסטרייכישע שוץ־בונדיסטן האָט אויפֿגעלויכטן העל און דערמוטיקנדיק אין דער שווערער, בלייערנער אַטמאָספֿער פֿון מפּלה און רעזיגנאַציע, וואָס האָט געהערשט דאָס לעצטע יאָר. קאָמוניסטן זענען די ערשטע טעג פֿון די עסטרייכישע געשעענישן אַרומגעגאַנגען ווי אין הינער־פּלעט. אָבער ווער קאָן צווייפֿלען, אַז אויך די קאָמוניסטישע מאַסן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, אַז אויך זיי זענען אַ דאַנק די ווינער ס. ד. קעמפֿער אָנגעפֿילט געוואָרן מיט האָפֿנונג און נייעם גלויבן. די עסטרייכישע געשעענישן זענען דאָך פֿאַר די לעצטע יאָרן דער איינציקער גרויסער פֿאַקט, וואָס צינדט אָן אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן מוט. דער דאָזיקער אויפֿגעוואַכטער מוט איז דאָך אַליין אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקער פֿאַקטאָר. זענען אָבער באַלד געקומען די קאָמוניסטישע פֿירער און האָבן זיך מיט קאַלטער צינישער אויסגערעכנטקייט גענומען צו דער „דעמאָראַליזאַציע־סטראַטעגיע" און זיי לעשן דעם קוואַל פֿון מוט מיט דאַלפּוסעס עיפּושדיקע ידיעות: די פֿירער האָבן פֿאַרראַטן, האָבן זיך פֿאַרקויפֿט, זענען אַנטלאָפֿן...

וואָס גיבן די קאָמוניסטישע פֿירער זייערע מאַסן אויפֿן אָרט פֿון דער גרויסער פֿרייד פֿון נייעם גלויבן, וועלכן זיי לעשן איצט? וואָסער אַנדער זאַך (אַחוץ דער עקזיסטענץ פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, אין וואָס די קאָמוניסטן זענען זייער ווינציק שולדיק...) זאָל זייערע מאַסן באַגייסטערן, מאַכן קאַמף־פֿעאיק? די נישטיקייט פֿון די קאָמוניסטישע פֿאַרטייען פֿון דער וועלט? דער סם פֿון האַס, די ווערימדיקייט פֿון אומגלויבן צו דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג?

אויב שוין דאָ ריידן וועגן פֿאַרראַט, טאָ וועלכע פֿירער זענען אין פֿאַל עסטרייך באמת באַגאַנגען אַ פֿאַרראַט—די עסטרייכישע ס. ד.־פֿירער צי די קאָמינטערן־פֿירער?...

***

נאָר צו וואָס גיין אַזוי ווייט? — כ'וועל דערציילן צוויי פֿאַקטן פֿון אונזער אייגענער, נאָענטער ווירקלעכקייט. צוויי פֿאַקטן פֿון צוויי שטעט אין פּוילן.

אין אַלעקסאַנדראָוו־קויאַווסק האָט דאָס ביסל יידישע אַר־בעטער, וואָס איז פאַראַן — בונדיסטן און קאָמוניסטן — זיך גענומען ערנסט צום האַרצן די לאַגע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט און נאַאיווע קאָמוניסטן האָבן גענומען ערנסט די לאָזונגען פון זייער פירער וועגן אייניקייטלעכן פראָנט.

אויף אַ קעסטל־אָוונט אין בונדישן לאָקאַל זענען געקומען די קאָ־מוניסטן און פון דער טריבונע פאַרגעלייגט צו שאַפן אַן „אייניקייט־לעכן פראָנט". די בונדיסטן האָבן זיך אין דעם אָנגעכאַפּט און פאַר־לאַנגט, אַז ס'זאָל זיין גערעדט און געטון. ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון ביידע אָרגאַניזאַציעס פאַר אייניקייטלעכער אַרבעט. קאָמוניסטישע און בונדישע אַרבעטער זענען מונטערער געוואָרן, האָבן געשמועסט, אַז מ'דאַרף וועגן דעם צו וויסן טון אַלע שכנותדיקע שטעט, כדי מען זאָל דעם ביישפּיל נאָכטון.

דערווייל אָבער האָבן זיך די פירער, אָדער די פירערס משמשים דערוואוסט וועגן „פאַרראַט", וואָס אין אַלעקסאַנדראָוו איז באַגאַנגען געוואָרן. איז געקומען אַ פאָרשטייער פון ראַיאָן־קאָמיטעט און — וואָס צווישן די קאָמוניסטן האָט זיך געטון, ווייס איך נישט. כ'ווייס נאָר, אַז אויפן נאָכסטן קעסטל־אָוונט איז די זעלביקע קאָמוניסטישע גרופּע געקומען (פון וועלכער אַ טייל איז שוין געווען אויסגעשלאָסן) מיט דעם פּזמון פון פאַררעטער... די זעלביקע יאַטן, וועלכע האָבן מיט אַ וואָך פריער געשטורעמט וועגן אייניקייטלעכן פראָנט, האָבן איצט דערקלערט, אַז דער פּראַקטאַגעדיקער פאָרשלאַג איז געווען דיקטירט פון סאָציאַל־פאַשיסטישע איבערצייגונגען און איז אַ צופעל־ליקער, אַן אייניקייטלעכער פראָנט קאָן זיין נאָר „פון אונטן" א.אז.וו. ווען די איבעריקע קאָמוניסטן האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט און גע־מאָלדן, אַז זיי האַלטן ווייטער אונטער דעם פאָרשלאַג, האָבן די ערשטע געשריגן „סאָציאַל־פאַשיסטן", האָבן יענע געענטפערט „עפּיגאָנען", האָבן די געזאָגט...

ס'איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף די קאָמוניסטישע אַר־בעטער, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן דער „גענעראַל־ליניע" און זייער געוויסן...

דער צווייטער פאַקט, אויך פון די לעצטע טעג, איז געשען אין וולאָצלאַוועק. די שוסטער־אַרבעטער זענען געשפּאַלטן. אַ טייל געפינט זיך אונטער דער השפעה פון „בונד" און אַ טייל — ביי די קאָמוניסטן. פון דער דאָזיקער געשפּאָלטנקייט געניסן, פאַרשטייט זיך, די פאַבּרי־קאַנטן. קיין אַקציע איז שוין לאַנג נישט געווען, די אַרבעט־באַדינגונגען זענען שרעקלעכע.

האט גענומען דער בונדישער לעדער־פאראיין און גערופן א פארזאמלונג פון אלע שוסטער־ארבעטער וועגן ארגאניזירן א לוין־אקציע. די קאמוניסטישע שוסטער האבן נישט געטראכט וועגן דער גענעראל־ליניע און זענען אלע געקומען און זיי האבן מיט באגייס־טערונג אויפגענומען די פארשלאגן וועגן אויסקלייבן א געמיינזאמען שטרייק־קאמיטעט, וואס זאל צוזאמען מיטן פאראיין אדורכפירן א לוין־אקציע. צווישן די ארבעטער איז געווארן לעבעדיק. מ'האט אויס־געקליבן א שטרייק־קאמיטעט און מ'האט זיך גענומען גרייטן צו דער לוין־אקציע.

האבן אבער ווידער די קאמוניסטישע פירער נישט געקענט דערלאזן צו אזא אפנויג, צו אזא „פאררעט". זיי האבן זיך גענומען אריינמישן און זיי האבן אזוי לאנג געארבעט און „געגלייכט" די ליניע, ביז פון געמיינזאמען אקציע־קאמיטעט און פון דער אקציע גופא איז גארנישט געווארן.

צווישן די ארבעטער איז ווידער טויט, די ארבעט־באדינגונגען ווערן נאך ערגער. גרופעס פוילישע קאמוניסטישע שוסטער זענען פון פארצווייפלונג אוועק אין (רעגירונג־טרייען) מאראטשעווסקי־פאר־איין, כדי דארטן צו זוכן שוץ און ארגאניזאציע...

די דאזיקע צוויי פאקטן זענען אפשר קלייניקייטן. פון אלעק־סאנדראוו און פון וולאצלאוועק קאן אפשר סיי ווי נישט אויפגיין די רעוואלוציאנערע ישועה פאר דער ארבעטער־באוועגונג פון דער וועלט. אבער פונקט ווי די גרויסע פאקטן, באווייזן די דאזיקע קליינע, אז א געוויסער אמת איז אין דער קאמוניסטישער תורה דאך פאראן:

עס זענען באמת פאראן פירער, וואס פאררעטן...

(„נייע פאלקס־צייטונג", 23 מערץ 1934)

ביים ראדיא־הילכער

ס'איז געוועז אין זעלבן באראנאוויטש, אין וועלכן ס'איז מיר שוין מער ווי איין מאל אויסגעקומען צו קריגן אנשוילעכע לעקציעס, וואס עס הייסט אזוינס געזעלשאפטלעכע און פאליטישע פרייהייט. ווי נאר איך באטרעט דעם ברוק פון דער דאזיקער שטאט, אזוי שווימט מיר גלייך ארויף אין זכרון א בילד פון א יאר אכט צוריק, ווי מען האט מיך דורך די זעלבע גאסן, צוזאמען מיט פיר הונדערט מענטשן — דעם גאנצן עולם פון א ליקווידירטן מיטינג — געפירט אונטער א געדיכטן קארדאן פון רייטער־ און פוס־פאליציי אין ארעסט אריין. צווישן עולם זענען געווען מענטשן פון פארשידענעם עלטער, פון פארשידענעם אויסזען און הילוך. טייל זענען געגאנגען מיט באוואוסטזיניקער פארביסנקייט אויפן פנים, און טייל מיט ברייט־צע־עפנטע אויגן, פול חידוש און שרעק, ווי פיש אויף דער טריקעניש. אין שפיץ פון דעם אויסטערלישן צוג איז מיט א זיגערישן און העל־דישן טריט געגאנגען דער פאוויאטאווער פאליציי־קאמענדאנט און ס'האט אויסגעזען, ווי א פארצייטיקע ארמיי וואלט געפירט די גע־פאנגענע באפעלקערונג פון אן איינגענומענער שטאט.

ס'דערמאנט זיך מיר אויך, ווי אין דער זעלבער שטאט האב איך אמאל געדארפט איינטענהן מיטן דעמאלטיקן סטאראסטע מכּוח א טרויער־אקאדעמיע נאך וול. מעדעם און ער האט בשום אופן די אקאדעמיע נישט געוואלט לעגאליזירן, ביז . . . מעדעם אליין וועט זיך נישט מעלדן צו אים און זיך לעגיטימירן מיט זיינע פערזענלעכע דאקומענטן.

אין זעלבן באראנאוויטש בין איך אמאל באזוכט און ארומגע־טאפט געווארן פון „רעכטלעכע" הענט צוליב דער דייטשער רעוואָ־לוציע פון 1918, וואס עדוואַרד בערנשטיין האט צו מיין אומגליק באשריבן אין א בוך, און איך האב געהאט די אומפארזיכטיקייט צו האבן דאס דאזיקע בוך מיט זיך. אן אנדערש מאל האב איך געמוזט אויסשטיין דעם זעלבן פארגעניגן צוליב דעם, וואס מארקס און ענגעלס זענען געווען אזוי אומפארזיכטיק אנצורופן זייער בארימטן מאניפעסט מיטן נאמען „קאמוניסטישער", נישט רעכענענדיק זיך

לגמרי דערמיט, אַז מיט אַ וועלכע 80 יאָר שפּעטער וועלן די באַראַ־נאָוויטשער פּאָליציי־באַאַמטע נישט וועלן גלויבן, אַז אַ בוך מיט אַזאַ נאָמען זאָל קאָנען פאַרפּאַסט און אַרויסגעגעבן ווערן פון עמיצן אַנדערש, ווי פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל...

און כּדי צו פאַרענדיקן מיט די זכרונות, וועל איך דערמאָנען נאָך איין איינציקע זאַך: ס'איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען דאָ און אין אַנדערע שטעט פון די מזרח־געביטן צו פּראָטעסטירן ביי די אָרטיקע מאַכט־פאָרשטייער פאַרוואָס אין יענער געגנט האָט געהערשט אַן אַנדער רעזשים, ווי אין גאַנץ פּוילן, גלייך עס וואָלט געווען אַן אַנדער לאַנד מיט אַן אַנדערער קאָנסטיטוציע. אַלעמאָל פלעג איך באַקומען דעם זעלבן ענטפער: „דאָ איז נאָענט די סאָוועטן־גרענעץ, דאָ קומען פאָר „דיווערסיעס", דאָ זיצן מיר, ווי אויף אַ וואולקאַן, דאָ קאָן מען זיך נישט שפּילן מיט פרייהייטן"...

איצט בין איך ווידער געווען אין זעלבן באַראַנאָוויטש. און גלייך, ווי איך בין אַריין אין שטאָט, זיך געזען מיט חברים, אַריין אין בונדישן לאָקאַל, האָב איך דערשפּירט אַז — באַראַנאָוויטש איז זיך געבליבן געטריי, די אַלטע אַטמאָספער לעבט נאָך; פּאָליציי האַלט אין איין מאַכן רעוויזיעס אין בונדישן לאָקאַל און ביי בונדיסטן. וואָס זוכט מען? — מען זוכט „געווער" און מען זוכט סימפּאַטיעס צו ראַטן־רוסלאַנד; דעם סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַראיין האָט מען פאַרמאַכט; קומען זיך צוזאַמען עטלעכע חברים — זענען גלייך פאַראַן פּאָליציאַנטן, וועלכע שרייבן פּראָטאָקאָלן; אין פּאַרטיי־לאָקאַל איז כּמעט ווי איינגעשטעלט אַ שטענדיקער פּאָליציי־פּאָסטן. און די סיבה, ווידער — דער חשד, אַז די בונדיסטן האָבן סימפּאַטיעס צום ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס אַלטע געשפּענסט...

***

גלייך פון דער זיצונג מיט מיינע חברים, אויף וועלכער די לעצטע זענען געזעסן דענערווירטע פון יעדן ריר ביי דער קליאַמקע — טאָמער קומען די אויפמערקזאַמע „היטער" — בין איך אַוועק אין אַ רעס־טאָראַן עסן אָונט־ברויט. אין דעם רעסטאָראַן האָט אַ ראַדיאָ־הילכער געוויילט די געסט מיט לייכטער טאַנץ־מוזיק. פּלוצלונג איז די לאַקריץ־מוזיק אָפּגעהאַקט געוואָרן און אין מיינע אויערן האָבן זיך אָפּגע־שלאָגן ווערטער, צוליב וועלכע איך האָב מיך אַרומגעקוקט. צי פּאַלן נישט אָט־באַלד אַריין מונדירטע „געסט". ווער איז דאָס דער רעדנער? פון וואַנען קומען אַהער אַזעלכע „שרעקלעכע" דיבורים — דאָ אין באַראַנאָוויטש? די ווערטער שטאַמען טאַקע פון דעם

מלוכהשן ראַדיאָ־הילכער. דער גוטער כשרער, מלוכה־טרייער מאַן, וואָס שטייט דאָרטן ערגעץ ביים מיקראָפאָן אין וואַרשע, רעדט וועגן ראַטן־רוסלאַנד... אָבער ווי ער רעדט. איך הויב אָן צו גלויבן, אַז דאָס אומאָנגענעמע געפיל מיט וועלכן איך בין אַהער געקומען פון דער זיצונג איז געווען אַ מיספאַרשטענדניש, אַז די אַלע געשיכטעס, וועלכע כ'האָב ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק געהערט, האָבן געמוזט געשען אַמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, וואָרום — ווי פּאַרט זיך עס?...

דאָס ווייכע העפלעכע קול אין ראַדיאָ דערציילט וועגן אַן אויפגאַבע, וואָס דער מיטאַרבעטער פון „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" האָט באַקומען צו באַשרייבן „ערלעך און אָביעקטיוו", וואָס עס קומט פאָר אין סאָוועטן־לאַנד. „מען דאַרף נישט קוקן בלינד אויפן גרויסן שכן"... „דאָרטן ווערט געבויט אַ גרויס ווערק"... דאָס קול ציטירט דעם מיניסטער מיעדזשינסקי, זיין פאָרוואָרט צום בוך פון דעם שרייבער אין „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ": „דניעפּראָסטראָי האָט אָפּגעווישט די פּאָעזיע פון די מאָלערישע דניעפּר־ברעגעס, אָבער עס ווערט געשאַפן אויף דעם אָרט אַ נייע פּאָעזיע, די מעכטיקע פּאָעזיע פון מאָרגן, פון דער טעכניק, פון מענטשלעכן ווילן און זשעני"... „אין דעם לאַנד פון סאָוועטן הערשט אַ גרויסע לעבנס־פרייד, די פרייד פון בויען. מען פאַרשלינגט יעדעס בוך, וואָס באַווייזט זיך אויפן ביכער־מאַרק"... „אַפילו די מאַסן, וואָס לעבן אין נויט, קוקן מיט צוטרוי און האָפנונג צום מאָרגן"...

פון די זייטיקע קאַבינעטן קומען אַרויס אָפיצירן, פּאָליציירבאַאַמטע. זיי זענען נישט געקומען אַרעסטירן די רעדנער. ניין, זיי שטעלן זיך אויס ביים הילכער, זיי הערן דאָס ראַדיאָ־קול, וואָס טראָגט זיך איצט צום פאָלק פון פּוילן: „זאָל יעדער לייענען דאָס בוך וועגן ראַטן־פאַרבאַנד, זאָל יעדער לערנען און שטודירן דאָס גרויסע ווערק, דאָס לעבן פון גרויסן שכנישן פאָלק"...

איך ווייס נישט, וואָס עס פילן אין אַזעלכע פאַלן כשרע, סטאַליןטרייע קאָמוניסטן. ס'קאָן זיין, אַז עס זענען פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס אויך דעמאָלט האָבן זיי אַ קאַזיאָנעם „הורא" אין מויל, וואָס זעען אין דעם „אַ גרויסן אידייאישן נצחון". די קאָמוניסטישע צונג איז ווייך, זי קאָן אַלץ אויסדרייען. איך האָב אָבער געהאַט דאָס געפיל, ווי מען וואָלט מיר נאָר וואָס עפּעס אַרויסגענומען פון די קעשענעס...

גלייך פון דאָרטן בין איך ווידער געווען אויף אַן אַרבעטערפאַרזאַמלונג, שוין אַ גרעסערער און אַ לעגאַליזירטער. און יעדעס מאָל ווען איך האָב דערמאָנט דאָס וואָרט „ראַטן־רוסלאַנד", האָט זיך דער עולם דערשראָקן אַרומגעקוקט און דער פּאָליציאַנט האָט זיך שטרענג אַ הויב געטון פון אָרט...

סיי דאָ, סיי אויף יעדער אַנדערער פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער, וויפיל מאָל עס קומט אויס צו באַרירן די דאָזיקע טעמע, קעגנצושטעלן די פאַקטן פון מלחמה מצד די קאָמוניסטן קעגן סאָציאַליסטישן אַר־בעטער־קלאַס און קוצעניר־מוצעניו פון ראַטן־פאַרבאַנד מיט די קאַ־פּיטאַליסטישע און פאַשיסטישע מלוכות — זע איך אויף די פּנימער פון די אַרבעטער די אָפּשפּיגלונג פון זעלבן געפיל: צעמישעניש, צעטומלעניש, מען האָט זיי עפּעס אַרויסגענומען פון די קעשענעס...

דאָס זעלבע געפיל לעבט מסתמא איבער יעדער מענטש אין פּויבן, ווען ער הערט אין דעם ראַדיאָ־הילכער די אָפיציעלע שטים וועגן דער נויטיקייט צו אינטערעסירן זיך מיט ראַטן־רוסלאַנד און ער לייענט דערנאָך וועגן דער באַציאונג פון די זעלבע אָפיציעלע פאַקטאָרן צו די אַרבעטער, וועלכע ווייזן אַרויס אָט־די פאַראינ־טערעסירונג...

און איך שטעל זיך פאָר, אַז אַן ענלעך געפיל דאַרפן איבערלעבן אויך די מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען זיי הערן פון זייערע אָפי־ציעלע ראַדיאָ־הילכערס און פון די שפּאַלטן פון „איזוועסטיאַ" די נייע טענער אין באַצוג צו דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

איך ווייס נישט וויפיל נוצן וועט פון דער דאָזיקער צעטומלעניש האָבן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער אַז דער אַרבעטער־באַוועגונג קאָן פון איר קיין געזונט נישט צוקומען — דאָס איז קלאָר.

(„נייע פאָלקס־צייטונג", 24 דעצעמבער 1933)

מיר גייען ווייטער...

די יובל־פייערונגען פון „בונד" האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער פריידיקער מאַסן־אַקציע פון דער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן און האָבן געפונען דעם ברייטסטן אָפּקלאַנג אויסער די גרענעצן פון לאַנד.

ווער עס האָט געזען דעם מאַסן־שטראָם צו די יובל־אַקאַדעמיעס אין וואַרשע, די דעמאָנסטראַציעס פון טויזנטער מענטשן פאַר די אַקאַדעמיע־זאַלן אין לאָדזש, דעם אומגעהויערן דערפאָלג פון די יובל־אימפּרעזעס אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד; ווער עס האָט געזען וויפיל פרייד, טרייהייט און רעוואָלוציאָנערן גלויבן די טויזנטער מענטשן ברענגען מיט אויף אונזערע יובל־פאַרזאַמלונגען, — דער קאָן זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון, אַז דאָ האַנדלט זיך ווייט נישט וועגן אַ קאַמפּאַניע וואָס איז „אָרגאַניזירט" געוואָרן, נאָר אַז מיר האָבן צו טון ממש מיט אַ סטיכישער מאַסן־באַוועגונג.

די יובל־פייערונגען פון „בונד" פאַרמאָגן אין זיך, פּונקט ווי דער „בונד" אַליין, טיף עמאָציאָנעלע עלעמענטן, וואָס פליסן אַרויס פון נאַטירלעכן, אוממיטלבאַרן מהות פון „בונד". ווי עס רירט אונז און וועקט ביי אונז די טיפסטע עמאָציעס, ווען מיר קוקן ווי עס שפּראָצט אַרויס בלום און בלאַט פון דער שוואַרצער ערד; ווי אָט דער שטילער נאַטור־פּראָצעס פון שפּראָצן, וואַקסן און רייף ווערן פאַרמאָגט אין זיך פייערלעכקייט, וואָס רודערט אונז אויף, — אַזוי רירן און רודערן אונז אויף די בילדער און עפּיזאָדן פון דער געשיכטע פון וואַקסן און רייפן פון „בונד". דער „בונד" איז אויפגעגאַנגען פון דער טיפער שוואַרץ־ערד פון די יידישע מאַסן. ער האָט געבראַכט די בשורה וועגן אַ ניי לעבן, ער האָט באַזיגט יאוש און שטימונגען פון געפאַלנקייט, ער האָט באַדייט אויפברויז און לעבן.

אין דעם ליגט דער סוד פון זיין כּישוף. דעריבער האָט די דאַטע 40 יאָר „בונד" אַזוי אויפגערודערט די יידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט. דעריבער האָט די פייערלעכע יום־טובדיקייט אַרויסגעפּרעסט טרערן פון פרייד אַפילו ביי די פאַרהאַרטעוועטע „אייזערנע מענטשן" פון בונדישן דור... ס'איז די טיפע פרייד צו פילן זיך אַ גליד פון אַזאַ שטאָלצער מאַרשירנדיקער מחנה.

***

נאכן יובל־קאנגרעס אין ווארשע, אויף איינער פון די זאכלעכע לאנד־באראטונגען, אויף וועלכער מען האט ערנסט און אחריותדיק גערעדט וועגן טעגלעכע ארבעטן, האט מיר איינער א חבר פארטרויט:

— מיר דאכט זיך, אז ערשט איצט בין איך געווארן אויף אן אמת א בונדיסט; כ'האב ערשט דערזען מיט אייגענע אויגן דעם גרויסן „בונד"...

איך קאן דעם דאזיקן חבר שוין לאנגע, לאנגע יארן. ס'איז איינער פון די טויזנטער „אייזערנע בונדיסטן" פון היינט. ער זיצט אלע יארן אין א ווייט פארווארפן שטעטל. ס'איז דארטן ענג און פינצטער. יארן לאנג שטייט ער אויס נסיונות און רדיפות, יידישע און נישט־יידישע תקיפים און קנעפלעך האבן שוין צענדליקער מאל באדראט זיין פרייהייט און זיין ארים שטיקל ברויט, אבער ער איז געבליבן טריי.

אפט דאכט זיך אים דארט אין פארווארפענעם שטעטל, אז ער איז איינער אליין אין א וועלט פון פינצטערניש, פון שטריימלעך און בערל קוטשמעס. ער האט אליין אפט נישט פארשטאנען פון וואנען עס פליסן אזוי פיל כוחות צו אים — דעם טרעגער — צו קאנען בײ־שטיין א וועלט פון שטארקע און תקיפים.

און אט האט ער זוכה געווען צו קומען צום יובל־קאנגרעס פון „בונד". ער האט דערזען די טויזנט שלוחים פון יידישן ארבעטער־קלאס, ער האט דערהערט דאס געזאנג, וואס טראגט זיך פון אלע עקן לאנד און פון אומעטום, וואו עס לעבן יידישע ארבעטער; ער האט געזען די הייסע שטראמען, וואס שלאגן פון די טיפענישן פון די יידישע מאסן און ער האט זיך דערפילט צוזאמענגעהאפטן מיט א גרויסער, נאטירלעכער אורקראפט און —

— „מיר דאכט זיך, אז ערשט איצט בין איך געווארן אויף אן אמת א בונדיסט"...

***

דער דאזיקער חבר איז דער אויסדריקער פון די געפילן פון א סך.

און זיי, די טויזנטער פשוטע, נאמענלאזע בונדישע העלדן פון היינט באזיצן איצטער דעם כוח אויסצופירן אין שטעט און שטעטלעך די ראל פון די שטאלצע מאנער פון א נייער פריידיקער קולטור, כאטש זיי זענען נאך אלץ די—„ברידער און שוועסטער פון ארבעט און נויט"...

ווי קליין, אָרים און נעבעכדיק שטייען אַקעגן דער געשטאַלט פון אַט־דעם נאָמענלאָזן טרעגער און זיין שמחה די אַלע פון „יענער זייט באַריקאַדע”. צעטומלט, דערשראָקן ווי תמיד — דאָס בירגערלעכע באַלעבעסל; פרעמד און פיינדלעך — דער רייכער בעל־גוף; פאַרביטערט און מיט פיינשמעקערישן אומחן — דער בירגערלעכער אינטעליגענט...

די פאַלשע געטער, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט, ליגן צעשמעטערט אין שטויב; גרויסע ראָמאַנטישע חלומות, וואָס האָבן יאָרצענדליקער געקיצלט זייער אייגנליבע, זענען ווי רויך צעיאָגט געוואָרן דורך די שטורם־ווינטן פון לעבן. אַפּגענאַרט אין אַלע זיינע האָפנונגען און חלומות פּרואווט זיך ראַטעווען דער צעטומלטער בירגערלעכער פּאָליטיקער דורך איבערחזרן די פאַרברעכערישע עוואַקואַציע־לאָזונגען. אָבער די יידישע מאַסן — אפילו יענע וואָס זענען נאָך נעכטן געגאַנגען נאָכן בירגערלעכן מנהיג — פילן, אַז נאָר אין סאָציאַליזם ליגט זייער אויסלייזונג. דעריבער ציען זיי צום „בונד”. דעריבער האָבן זיי די בונדישע יובל־פייערונגען פאַרוואַנדלט אין אַזאַ גרויסן מאַסן־יום־טוב.

ס'איז גוט וואָס אונזער יובל פאַרענדיקט זיך מיט דער ווערבירונג־אַקציע פאַר דער פּאַרטיי. עס סימבאָליזירט דעם גייסט פון אונזערע יובל־פייערונגען: נישט נאָר אַ סך־הכל פון פאַרגאַנגענע שלאַכטן, נאָר אַ מאָביליזאַציע צו נייע קאַמפן. מעג די צייט זיין ווי שווער, מעגן די נייע קאַמפן פאַרלאַנגען די שווערסטע קרבנות — גייען מיר זיי אַנטקעגן מיט גרייטקייט און מיט האָפנונג.

(„נייע פאָלקס־צייטונג”, 14 יאַנואַר 1938)

נח

איך געדענק א גרויסע בונדישע מאסן־פארזאמלונג אין וואר־שע, אויף וועלכער עס האט געברויזט דער אייגנארטיקער ענטוזיאזם פון א סך הונדערטער יינגע און עלטערע מענטשן. א סך מאל האט זיך דער עולם אויפגעריסן פון די ערטער, מיטגעריסן פון די רייד פון די רעדנער, וועמען זיי האבן געקענט, געטרויט און ליב געהאט.

אין א געווויסן מאמענט האט זיך אויף דער בינע באוויזן א הויכער, שלאנקער מאן, מיט א פיין געטאקטן קאפ. ער האט א פיר געטאן זיין קלוגן, פאטערלעכן בליק פון אונטער זיינע געדיכטע, שווארצע ברעמען איבער דעם עולם אין זאל, און די שטורמישע באגייס־טערונג האט זיך מאמענטאל פארביטן אין א פארטיפטער, ערנסטער התלהבות. צוערשט איז א שטילער פליסטער אריבער איבערן גרויסן זאל און דאן איז א טיפע שטילקייט, א שטילקייט פון איינגעהאלטענעם אטעם צוליב טיפן יראת־הכבוד, געבליבן הענגען אין דער לופט.

לעבן מיר איז געזעסן דער פאעט אורי צבי גרינבערג. ער איז דעמאלט געווען אויף א קורצן באזוך אין ווארשע. אליין א ציוניסט־רעוויזיאניסט, איז ער געקומען צום בונדישן מיטינג, כדי אנצוקוקן זיינע קעגנער פון דער נאענט. דער נערוועזער דיכטער האט מיך אנגעכאפט ביי דער האנט:

— ווער איז דאס דער מאן, וואס האט זיך איצט באוויזן? זיין קאפ, זיין גאנצע געשטאלט איז — פאעזיע... האט איר נישט גע־פילט ווי אן עלעקטרישער שטראם איז אריבער דורכן זאל, ווען ער האט זיך באוויזן? דאס איז פאעזיע...

ער האט נערוועז געקלאמערט זיינע פינגער ארום מיין ארעם און, אויסגעבויגן פאראויס, האט ער זיין בליק איינגעגעסן אין דעם קאפ פון דעם מענטש אויף דער בינע, וועלכער איז גאנץ באשיידן געזעסן כמעט אין ווינקל.

— זאל ער נישט ריידן, ער דארף נישט ריידן... זאל ער נאר פון צייט־צו־צייט אזוי באווייזן זיין קאפ פון דער זייט...

מיט זיין דיכטערישער אינטואיציע האט דער פרעמדער, פיינד־לעך געשטימטער צו אונז אורי צבי גרינבערג, אין איין מאמענט

דערפילט די פערזענלעכקייט, די אייגנאַרטיקע קראַפט, וואָס האָט גע־שטעקט אין אונזער נחן.

נח האָט נישט גערעדט אויף יענעם מיטינג, ער האָט זעלטן גע־רעדט אויף אַנדערע מיטינגען. ער איז נישט געווען קיין רעדנער און נישט קיין שרייבער. און דאָך האָט קיינער נישט ווי ער מיטגעווירקט צום פאַרפעסטיקן דעם „בונדיזם", דעם בונדישן גלויבן אין די הערצער פון טויזנטער, און קיינער האָט נישט אין אַזאַ מאָס ווי ער גע־פורעמט דעם „בונד" און די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון בונדיסטן.

ווייל דער „בונדיזם" אַזוי ווי ער לעבט אין באַוואוסטזיין פון יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן איז נישט בלויז אַ באַשטימטע צאָל אידעען, אַ פראָגראַם מיט נומערירטע פאַראַגראַפן, נישט בלויז די אידעאָלאָגיע פון אַ פאַרטיי, נאָר אַ טיפע וועלט־באַנעמונג, אַ באַוואוסטזיין פון אַ באַנייטן דור, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים — אַ דור, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט פון דער טיפסטער שקלאַפעריי צו די העכסטע טרוימען פון פרייהייט. צוליב דעם האָט דער דור געמוזט פון זיך אָפּטרייסלען די זעלבסטפאַרלייקענונג און זיך דורכנעמען מיט דעם ניי־געפונענעם באַוואוסטזיין פון דער אייגענער פולווערטיקייט. די בונדיסטן זענען דעריבער נישט קיין פאַסיווע טרוימער פון אַ פרייהייט און יושר וואָס וועט קומען לעתיד־לבוא. אמתע בונדיסטן טראָגן שוין די אויסגעטרוימטע פרייהייט אין זיך, זיי זע־נען אינערלעך שוין באַפרייטע מענטשן. דעריבער — די בונדישע „שטיפקייט", די נישט־נאָכגיביקייט לגבי אויסערלעכע שונאים־אַנטי־סעמיטן; דעריבער — זייער עקשנות אין קאַמף פאַר פולע נאַציאָנאַלע רעכט און רעכט אויפן לאַנד אין וועלכן זיי לעבן; דעריבער — זייער עקשנות אינם קאַמף קעגן יענע יידישע פאַרטייען, וועלכע שטויסן צו אַזאַ אָדער אַנדערער קאַפּיטולאַציע פאַרן אַנטיסעמיטיזם.

און דעריבער אויך האָבן בונדיסטן זיך באַמיט זייער טרוים וועגן פרייהייט און יושר צו פאַרווירקלעכן שוין היינט אומעטום, וואו זיי האָבן געווירקט און מיט די מיטלען, וואָס זענען געווען מעגלעך אין די היינטיקע באַדינגונגען. דאָס פאָלק האָט דאָס געוואוסט. און סיי אַמאָל אין די צאַרישע צייטן, סיי אויך אין די לעצטע צוואַנציק יאָר אין פוילן, איז דאָס פאָלק געקומען צום „בונד" נאָך יושר און גערעכטיקייט אין אַלע פראַגן — געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, סאָ־ציאַלע און אפילו פערזענלעכע.

מיר קוקן מיט שטאָלץ צוריק

מיט 47 יאָר צוריק האָבן די ווילנער זאַקנמאַכער געשאַפן זייער ערשטע „פּראָפעסיאָנעלע קאַסע״. מיט 44 יאָר צוריק איז פאָר־געקומען דער ערשטער שטרייק פון יידישע אַרבעטער — דער שטרייק פון די גאָלדשמידן אין ווילנע. די דאָזיקע ערשטע שפּראָ־צונגען פון קלאַסן־באַוואוסטזיין און פון מאָדערנעם קלאַסן־קאַמף זענען מעגלעך געווען אין דער דעמאָלט פאַרגעשריטענער ווילנע. אָבער אַפילו דאָרטן איז עס פאַר דער יידישער געזעלשאַפט געווען ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. די דערשלאָגענע און הכנעהדיקע יידישע עדה איז פאַרציטערט געוואָרן: „אַזוינס זאָל גאָר קאָנען געשען ביי יידן — ס׳איז עק וועלט״...

אין יידישן תחום האָבן דעמאָלט די יידישע אַרבעטער געלעבט, „געגעסן און געשלאָפן״ ביי זייערע באַלעבאַטים, צוזאַמען מיט זיי געגאַנגען אין שול, געווען דערשלאָגענע הכנעהדיקע פּועלים, געטראָגן אויף זיך די גאַנצע טראַדיציע פון הונדערטער שווידערלעכע יאָרן.

סך־הכל עטלעכע צענדליק יאָר טיילן אונז אָפּ פון יענער צייט און דאָך — וואָס פאַר אַ מהלך האָט דער יידישער אַרבעטער דורכ־געמאַכט. ווען מען וואָלט געקענט לעבעדיק אויפשטעלן אַ יידישן פּועל פון יענער צייט און אים אַנטקעגנשטעלן אַן אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער פון היינט — זיי וואָלטן זיך איינער דעם אַנדערן נישט דערקענט: זיי וואָלטן אויף זיך געקוקט, ווי מענטשן צווישן וועלכע עס שטייען יאָרטויזנטער, ווי מענטשן פון גאַנץ באַזונדערע ראַסן.

וואָס פאַר אַ גיגאַנטישע אָנשטרענגונגען האָט מען געדאַרפט מאַכן, כּדי דעם מענטש פון דער פולשטענדיק פינצטערער און פאַר־ווילדעטער יידישער סביבה פון פאַר פערציק יאָר צו דערהויבן צו דעם קולטור־מצב פון אַ היינטיקן מיטגליד פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

די דאָזיקע ממש הערויִשע אַרבעט איז אָנגעהויבן און געפירט געוואָרן דורך נישט־געניטע, אָבער מסירת־נפשדיק־געטרייע חברים. מענטשן גרויסע און פלאַמיקע, רעוואָלוציאָנערן מיט לייב און לעבן זענען אויפגעשטאַנען אין מיטן אַ פינצטערער נאַכט און האָבן מיט

לעגענדארער העלדישקייט געפליקט די פינצטערניש אויף שטיקער, כדי די זון זאל פריי אויפשיינען פאר דעם נייעם דור.

הונדערטער העלדן פון די ערשטע „סכאָדקעס", פון די ערשטע „בירזשעס", האָבן מיט זייער פרייהייט און מיט זייערע לעבנס גע־פלאַסטערט דעם וועג פאַר אונזערע היינטיקע מאַסן־פאַראייננען. היינט, ווען מיר פייערן דעם יובילי פון די דאָזיקע פאַראייננען, ווען מיר קוקן צוריק צו די פאַרגאַנגענע יאָרן, הויבן מיר די קעפּ אין דער הויך — צו די פּרעכטיקע געשטאַלטן, וואָס שווימען פון דאָרטן אַרויס. מיט דאַנקבאַרקייט און ערפורכט גיבן מיר אָפּ כּבוד די, וואָס האָבן די ערשטע דורכגעהאַקט דעם געשיכטלעכן ווילד־וואַלד און האָבן געעפנט פאַר אונז דעם וועג — צו דער וועלט.

און היינט, נאָך מער ווי שטענדיק, געדענקען מיר מיט דאַנק־באַרקייט און אָנערקענונג וועגן יענער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט די דאָזיקע ערשטע קעמפער געוויזן אַ וועג, געגעבן אַ ריכטונג און פאַרוואַנדלט זייער ווילן אין ממשותדיקער טאַט. ס'איז געווען דער „בונד", וואָס האָט געפורעמט, אָנגעפילט מיט אינהאַלט די ערשטע, פונקט ווי די ווייטערדיקע עקאָנאָמישע קאַמפן פון די יידישע אַרבע־טער. ער האָט געלערנט די יידישע אַרבעטער פאַרבינדן זייער קאַמף פאַר קליינע ציל פון היינט מיטן גרויסן אידעאַל פון מאָרגן. דער דאָזיקער לערע זענען די יידישע אַרבעטער און זייערע פאַראיינען גע־בליבן טריי ביז היינט צו טאָג.

*
**

די צייט פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905 דאַרף אייגנט־לעך באַטראַכט ווערן ווי אַ מין צוגרייטונג־שול פאַר דער פּראָפע־סיאָנעלער באַוועגונג אין רוסלאַנד בכלל און אויך ביי יידישע אַר־בעטער. אָבער ווען מיר מעסטן מיט דער מאָס פון אַ היינטיקן, דער־פאַרענעם פּראָפעסיאָנעלן טוער, קוקט אויס אויך די צייט פון נאָך 1905 ביז דער וועלט־מלחמה, ווי אַ מין צוגרייטונג: מען האָט געטאַפּט אין דער פינצטער, מען האָט געזוכט פאָרמען און וועגן. אָפּטמאָל האָבן לעבן זיך עקזיסטירט הויך־מאָדערנע, כמעט מערב־אייראָפּעאישע און די סאַמע פּרימיטיווסטע מעטאָדן און פאָרמען פון פּראָפעסיאָנעלן קאַמף. דערצו האָבן די רדיפות, די אומלעגאַלע צאַרישע באַדינגונגען געמאַכט אוממעגלעך די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון דער פּראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג.

פונדעסטוועגן האָט די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער, שוין אין די ערשטע יאָרן פון איר אַנטוויקלונג, אַרויסגע־

בראַכט אויף דער איבערפלאך כמעט אַלע פרינציפיעלע און אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען, וואָס זענען געבליבן אַקטועל ביז היינט־צו־טאָג. טעאָרעטיש האָט די באַוועגונג שוין דעמאָלט געגעבן אויף די אַלע פּראָבלעמען לייזונגען, וואָס ווערן אויך היינט אָנערקענט פאַר ריכטיק; לייזונגען, וואָס האָבן אייגנטלעך ערשט אין דער נאָך־מלחמהדיקער אַנטוויקלונג פון די פאַראיינען געקאָנט באַקומען אַ תּיקון.

עס איז גענוג צו דערמאָנען, למשל, די הייסע שטרייטן, וואָס זענען אַמאָל געפירט געוואָרן וועגן דעם, צי איז עקאָנאָמישער טעראָר אַ ווירקזאַמער מיטל פון פּראָפעסיאָנעלן קאַמף. אַ צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט געדאַרפט אָננעמען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע, וואָס האָט פאַראורטיילט עקאָנאָמישן טעראָר אַלס אַ שעדלעכן מיטל, וואָס טויט־אָפּ די מאַסן־אַקטיוויטעט. ס'איז גאַרנישט אַזוי לאַנג, ווי מיר זענען געווען געצוואונגען דעם דאָזיקן אַלטן, ריכטיקן בונדישן שטאַנד־פּונקט אויפסניי צו פאַרטיידיקן אין געוויסע פאַראיינען...

פון אָנהויב אָן איז עס געווען די שטרעבונג פון דער באַוועגונג צו שאַפן אינטערנאַציאָנאַלע פאַראיינען. אָבער פון אָנהויב אָן איז עס געווען די שווערסטע זאַך דעם דאָזיקן פּרינציפּ צו פאַרווירקלעכן אין לעבן. דאָ האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנצער נעץ פון מניעות, אָנהויבנדיק פון ווירטשאַפטלעך־סטרוקטורעלע און ענדיקנדיק מיט קולטורעל־שפּראַכלעכע און פּסיכאָלאָגישע. ווי אַזוי זאָל מען אין לעבן פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּרינציפּ? ביז היינט הערן מיר אַזאַ פּרימיטיוון ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע: אינטערנאַציאָנאַלע פאַראיינען קאָן מען שאַפן נאָר דורך פּשוט צונויפגיסן די יידישע און פּוילישע אַרבעטער אין געמיינזאַמע אָפּטיילונגען. אָבער ביז היינט האָט זיך נאָך קיינעם נישט איינגעגעבן אין דער פולער מאָס צו פאַרווירקלעכן דאָס דאָזיקע פּשוטע „צונויפגיסן". עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון, וואָס האָבן געגעבן די ערגסטע רעזולטאַטן.

אויך ביי די בונדיסטן איז לכתּחילה געווען דער דאָזיקער פּשוטער ענטפער אויף דער פראַגע. ערשט די דערפאַרונג האָט געצוואונגען צו זוכן — נישט דעם אידעאַלסטן, נאָר דעם מעגלעכסטן וועג. צוערשט איז געווען אַ פּרוּוו פון פעדעראַטיוון בוי (דער גאַרבער־פאַרבאַנד). ערשט די נאָך־מלחמהדיקע דערפאַרונגען האָבן געגעבן אַ מער פול־קאָמע פאָרם, וואָס האָט זיך אין לעבן פולשטענדיק באַרעכטיקט.

אין סעפּטעמבער 1921 איז געשלאָסן געוואָרן דער פאַראייני־קונגס־אָפּמאַך פון דער יידישער מיט דער פּוילישער קלאַסן־באַוועגונג אויפן יסוד פון נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען. פון יענער צייט זענען אַוועק

פערצן יאָר דערפאַרונג און מיר קאָנען זאָגן, אַז די דאָזיקע יאָרן פון פּאַראייניקטער, אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, הגם מיט באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען, האָבן פיל מער אויפגעטון אין הינזיכט פון דערנענטערן די יידישע און פוילישע אַרבעטער, זיי זאָלן זיך פילן ווי מיטגלידער פון איין אָרגאַניזאַציע, איידער די פיליאַריקע פּלפּולים און עקספּערימענטן מיטן „גראַדסטן וועג". די יידישע אַרבעטער, אונזערע פּאַראיינס־מיטגלידער, האָבן היינט דעם פולסטן באַוואוסט־זיין, אַז זיי זענען אַ טייל פון אַ פּאַראייניקטער, אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג. זיי האָבן דאָס פולע באַוואוסטזיין וועגן זייער רעכט און איינפלוס אויף דער דאָזיקער באַוועגונג אַלס גאַנצער.

און לאָמיר שוין דערמאָנען נאָך אַ פראַגע, וואָס איז אַמאָל געווען אַקטועל און איז געבליבן אַקטועל ביז היינט־צו־טאָג: פּאַרטייאישע, אָדער אומפּאַרטייאישע, צי צווישנפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פּאַר־איינען? גלייך אין יאָר 1915, ווען עס זענען אַנטשטאַנען אונזערע לעגאַלע „בראַנזשע־פּאַראיינען", זיינען זיי געשטאַנען אויפן באָדן פון אַלגעמיינע אומפּאַרטייאישע פּאַראיינען. שטעלן זיך אויף אַן אַנדער באָדן, הייסט לכתחילה אָנערקענען די נויטיקייט פון געשפּאַלטנקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פּאַקטיש געשטעלט אויפן דאָזיקן באָדן שוין דעמאָלט (ס. ס., פּ. צ.). זיי האָבן געפּרואווט שאַפן פּאַרטייאישע קאָנקורענץ־פּאַר־איינדלעך און אַפילו אייגענע צענטראַל־ביוראָען. אין פאַרלויף פון אייניקע יאָר זענען זיי געווען געצוואונגען אויפצוגעבן זייער באַזונ־דערע עקזיסטענץ און זיך אַריינגיסן אין צענטראַל־ביוראָ פון די בראַנזשע־פּאַראיינען.

אין די לעצטע יאָרן (זינט 1928) איז אָבער דער אַלטער, פאַלשער פּרינציפּ פון פּאַרטייאישע פּאַראיינען אויפגעשטאַנען תחית המתים: די „לינקע ריכטונג", וואָס איז געווען דער סינאָנים פון איין באַשטימ־טער פּאַרטיי, האָט זיך געפּרואווט קאָנסטיטואירן אַלס באַזונדערע, זעלבשטענדיקע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג. פּראַקטיש האָט דאָס גע־הייסן נישט עפּעס אַנדערש, ווי באַשאַפן פּאַרטייאישע פּאַראיינען. פאַרשטייט זיך, מיטן ציל אויפצועסן די פּאַראיינען פון אַלע איבעריקע פּאַרטייען. דער רעזולטאַט האָט געמוזט זיין אַזאַ, ווי ער איז געווען: שפּאַלטונג, שווידערלעכער ברודער־קאַמף, אָפּשוואַכונג פון דעם אַלגע־מיינעם קאַמפס־כּוח פון פּראָלעטאַריאַט.

דעריבער באַגריסן מיר מיט נאָך מער פרייד דעם פאַקט, וואָס די „לינקע ריכטונג" אַלס פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג עקזיסטירט שוין נישט, וואָס אַט־די רומלאָזע יאָרן פון ברודער־קאַמף געהערן שוין

צו דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס דער גייסט פון איינהייט לעבט ווידער אין די רייען פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. צו אונזער יובילי קומען מיר געאייניקט און געשטאַרקט, אויסגעלייטערטע און אויסגעפּרוּוטע, פול מיט גלויבן און האָפנונגען אויף דער צוקונפט.

***

שטורמישע דערנערפולע 20 יאָר זענען אריבער. די נאָך־מלחמה־דיקע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט מיט אירע קאָניוקטורן און וואַקלונגען, מיטן גאַנצן קנויל פּאָליטישע פּראָבלעמען האָט געשאַפן אַ נישט גאָר לייכטן באָדן פאַר די עקאָנאָמישע קאַמפן פון אַרבעטער־קלאַס. די ספּעציפישע לאַגע פון די יידישע אַרבעטער, די אויפטרייסלונגען אין דער יידישער געזעלשאַפט, די קדחת־שפּרונגען פון מאַסן־שטימונגען — פון עקסטרע־לינק ביז עקסט־רעכט און צוריק — דאָס אַלץ האָט די לאַגע און די אויפגאַבן פון די יידישע פאַראיינען נאָך מער פאַרשווערט.

צי האָבן מיר אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען? צי זענען מיר געבליבן אויף די פּאָזיציעס?

איין ציפער:

בשעת דער פאַראייניקונג פון לאַנד־ראַט (פון די יידישע פאַראיינען) מיט דער צענטראַל־קאָמיסיע (פון די פּוילישע פאַראיינען) אין 1921 האָבן אַלע יידישע פאַראיינען אָנגעגעבן אַ ציפער פון 48,288 מיטגלידער, בשעת די צענטראַל־קאָמיסיע האָט בכלל געציילט 446 טויזנט מיטגלידער. מען דאַרף דערביי געדענקען צוויי זאַכן: עס זענען דאָך געווען די שטורמישע האָניק־יאָרן פון דער לעגאַלער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־באַוועגונג האָט דאַן געציילט מער ווי טאָפּלט מיטגלידער, איידער היינט. צווייטנס — דער באַגריף „מיטגליד״ איז נאָך דאַן געווען אַ פיל פּרימיטיווערער ווי היינט. אַלס מיטגלידער אין די פאַראיינען זענען דאַן באַטראַכט געוואָרן אַלע, וואָס זענען געווען רעגיסטרירט, בשעת איצט באַטראַכטן מיר אַלס מיטגלידער נאָר די, וואָס דערפילן זייערע פליכטן.

פונדעסטוועגן קאָנען מיר דרייסט פעסטשטעלן, אַז נישט געקוקט אויף די אַלע יאָרן פון שטרויכלונגען, פון רעאַקציע און פאַשיזם, בשעת די אַלגעמיינע באַוועגונג ציילט ווינציקער, ווי אַ העלפט מיטגלידער איידער דעמאָלט — פאַרמאָגן די פאַראיינען פון די יידישע

אַרבעטער, בפרט נאָכן פּטור ווערן פון דער שפּאַלטונג — נישט ווינציקער מיטגלידער איידער מיט פערצן יאָר צוריק.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָס צו פאַרדאַנקען דער ריכ־טיקער, רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער איינשטעלונג, די ריכטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַגריפן, דעם אומדערמידלעכן קאַמף־גייסט, מיט וועלכן אונזערע פאַראיינען זענען דורכגעדרונגען.

מיר קוקן מיט באַוואונדערונג אויפן נעכטן, אָבער נישט אָן שטאָלץ אויף אונזער היינט. מיר פילן זיך באַרעכטיקט צו רופן צו די אוועקגעגאַנגענע העלדן, מאַרטירער און פּיאָנערן:

— די יידישע אַרבעטער האַלטן הויך די פאָן, וואָס איר האָט מיט יאָרן צוריק זיי געגעבן.

— די יידישע אַרבעטער וועלן נישט אָפּשטעלן דעם קאַמף, וואָס איר האָט אָנגעהויבן, אַזוי לאַנג, ווי זיי וועלן נישט דערגרייכן דעם אידעאַל, וועלכער האָט אייך באַפליגלט צו העלדישע מעשים, דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם.

(„נייע פאָלקס-צייטונג", 15 נאָוועמבער 1935)

די יידישע פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין פוילן

1. אין די מלחמה-יאָרן 1914—1918.
2. דער אויפשטייג אין 1918—1921.
3. פאַראייניקונגס-אָנשטרענגונגען:
   א) פאַראייניקונג פון דער יידישער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג;
   ב) פאַראייניקונג מיט דער פוילישער אַרבעטער-באַוועגונג.
4. דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט.
5. קריטישע יאָרן.
6. דער אויפשטייג אין 1935—1939.

1. אין די מלחמה־יאָרן 1914—1918

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין פוילן, וואָס איז מיטן אויסנאַם פון גאַליציע און פון פויזנער געגנט געווען אַ טייל פון דער רוסישער אימפעריע, דורכגעמאַכט דעם זעלביקן אויפשטייג (אין די רעוואָלוציע־יאָרן 1905—1906) און דעם זעלביקן באַרג־אַראָפּ (נאָך דער רעוואָלוציע) ווי די אַלגעמיינע רוסישע אַרבעטער־באַוועגונג. זינט 1912 הייבט זיך ווידער אָן אַן אויפלעבונג אין דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. עס בילדן זיך ווידער אַ ריי פאַראיינען אין פאַרשידענע פאַכן, וועלכע פירן אָבער זייער אַרבעט על פי רוב אומלעגאַל.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז די טעטיקייט פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פונדעסטוועגן נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן. פאַרקערט, אין די גרויסע שטעט איז זייער אַקטיווקייט נאָך שטאַרקער געוואָרן. מען האָט אָבער איצט געמוזט צופּאַסן די אַרבעט צו נייע באַדינגונגען. די מאָביליזאַציע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן כאַאָס אין לאַנד, אַ ריי אינדוסטריעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ביי אַזאַ לאַגע איז, פאַרשטייט זיך, אויך נישט מעגלעך געווען קיין נאָרמאַלע אַרבעט פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, מען האָט קודם־כּל געדאַרפט זאָרגן וועגן סאָציאַלער הילף. שוין אין די ערשטע מלחמה־טעג האָבן די

אומלעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אָרגאַניזירט זייער הילף פאַר די אַרבעטלאָזע. מען האָט געעפנט קיכן, וואו עס זענען טעגלעך אַרויסגעגעבן געוואָרן טויזנטער מיטאָגן אומזיסט.

ווען די דייטשע און עסטרייכישע אַרמייען האָבן פאַרנומען פּוילן (זומער 1915), האָבן די טוער פון די יידישע אומלעגאַלע פאַראיינען אויף אַ באַראַטונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויפן צווייטן טאָג נאָכן אַריינמאַרש פון דייטשן מיליטער אין וואַרשע, באַשלאָסן תיכּף צו אָרגאַניזירן אָפענע פאַראיינען. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט 10 פאַראיינען (מען האָט זיי דעמאָלט אָנגערופן „בראַנזשע־פאַראיינען") פון די פאָלגנדיקע אינדוסטריעס: לעדער, נאָדל־פאַך, פּאַפּיר, האָלץ־גאַלאַנטעריע, לעדער־גאַלאַנטעריע, טעקסטיל, בוי, דערנערונג, מעטאַל, בעקער. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען צוגעקומען נאָך אַ דריי פאַראיינען: מאָדע (מילינערי), טאַבאַק און דרוקער. גלייכצייטיק איז געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלע פאַר אַלע פאַראיינען. אין איר זענען אַריין צו צוויי פאָרשטייער פון יעדן פאַראיין.

איבער נאַכט זענען די דאָזיקע פאַראיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין באַזונדערע לאָקאַלן. אויפן פראָנט פון די הייזער זענען אויפגעקלאַפּט געוואָרן שילדן. די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז דאָס זענען לעגאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט אויך פאַר דער רוסישער מאַכט. אין די סטאַטוטן פון די פאַראיינען, וואָס זענען שפּעטער אויף דער פאָדערונג פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט איר צוגעשטעלט געוואָרן, איז אין ערשטן פּונקט געזאָגט געוואָרן, אַז די פאַראיינען נעמען אַרום אַלע אַרבעטער פון געגעבענעם אינדוסטריע־צווייג אָן אונטערשיד פון רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט און פּאָליטישע איבערצייגונגען.

אין 1916 האָבן זיך אויך אויסגעבילדעט אין וואַרשע לעגאַלע פּוילישע פאַראיינען, וואָס האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די דריי פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען: פּ.פּ.ס.־ישע (רעכטע פּ.פּ.ס., די אַזוי־גערופענע „רעוואָלוציאָנערע פראַקציע") און „מאַרקסיסטישע", אַזוי האָט מען גערופן די פאַראיינען, מיט וועלכע עס האָבן אָנגעפירט די פּאַרטייען ס.ד.ק.פּ.ל. (סאָציאַל־דעמאָקראַציאַ קרולעסטוואַ פּאָלסקעגאָ אי ליטווי, בקיצור ס.ד.) און פּ.פּ.ס.־לעוויצאַ. די פאַראיינען פון די לעצטע צוויי פּאַרטייען האָבן אָרגאַניזירט אַ וואַרשעווער צענטראַלע — די „ראַדע" (ראַט) פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן צוזאַמען מיט די פּוילישע „מאַרקסיסטישע" פאַראיינען געפירט אויך אַ קאַמפּאַניע פאַר אַ געהעריקער פאַבריק־אינספּעקציע. די דאָזיקע אַקציע

אַרום דער פאַבריק־אינספּעקציע איז געווען אַ המשך פון דער אַקציע פאַר אַרבעטער־פאַרזיכערונג, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן נאָך פאַר דער מלחמה אונטערן צאַרישן רעזשים.

גלייכצייטיק האָבן סיי די באַזונדערע פאַראיינען און סיי דאָס „שטאָטישע צענטראַל־ביוראָ" פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס האָט זיך דעמאָלט שוין אָנגערופן: „אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון די בראַנזשע־פאַראיינען", זיך פאַרנומען מיט אַלע פּראָבלעמען פונם עפנטלעכן לעבן און דער עיקר מיט די פּראָבלעמען פונם יידישן לעבן. עס איז, צווישן אַנדערע, אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ברייט־מאָטיווירטע דעקלאַראַציע מיט פאָדערונגען בנוגע יידישע שולן.

די אייגנטלעכע פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט איז דעמאָלט געווען זייער באַשרענקט. די אינדוסטריע האָט נאָך, ווי אין אָנהייב פון דער מלחמה, נישט נאָרמאַל פונקציאָנירט. עס איז דער עיקר נייטיק געווען אַ ברייטע הילפס־אַקציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, כדי מעגלעך מאַכן פאַר די אַרבעטער־מאַסן אויסצוהאַלטן די מלחמה־יאָרן. באַלד נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז אין וואַרשע געשאַפן געוואָרן אַ געמיינזאַמער „ווירטשאַפטלעכער אַרבעטער־קאָמיטעט" פון פּוילישע און יידישע אַרבעטער, אין וועלכן עס זענען אַריין פאָרשטייער פון אַלע ראַיאָנען און פון די הילפס־אינסטיטוציעס פון אַלע אַרבעטער־ריכטונגען. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט פון אָנהייב־אָן אָרגאַניזירט אַ ביליקן ברויט־פאַרקויף פאַר די אַרבעטער, פלעגט אויך פאַרטיילן ברויט אומזיסט, האָט אָרגאַניזירט אייניקע אַרבעטער־קיכן. די מיטלען אויף דער דאָזיקער הילפס־אַרבעט פלעגן די פאַראיינען באַקומען פונם אַלגעמיינעם בירגער־קאָמיטעט, פון דער יידישער קהילה און דורך דירעקטע זאַמלונגען.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט לאָדזש (אָנהייב 1915) **האָבן זיך אויך דאָרטן** אָרגאַניזירט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ שטאָטיש צענטראַל־ביוראָ, וואָס האָט אין אָנהייב אַריינגענומען 16 פאַראיינען. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע פאַראיינען זענען געווען געמישטע — יידישע מיט פּוילישע אַרבעטער אינאיינעם. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די יידישע אַרבעטער אין לאָדזש האָבן געטאָן אַן ענלעכע אַרבעט ווי אין וואַרשע, דער עיקר אין פאָרם פון סאָציאַלער הילף. זיי האָבן אויך אַנטוויקלט אַ קולטור־אַרבעט. עס זענען אַנטשטאַנען ביבליאָטעקן, עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרשידענע קורסן, לעקציעס און פאָרלעזונגען, און עס האָט אויך אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט דער יידישער

ארבעטער־קולטור־פאראיין „הארפע". די „הארפע" איז געשאפן געוואָרן נאָך פאר דער מלחמה, אָבער זי האָט קוים געקענט ארבעטן, ווייל זי איז נישט געווען אימשטאנד בייצוקומען אַלע רעפּרעסיעס פון דער צארי־שער פאָליציי. אדאנק איר פארצווייגטער ארבעט איז די „הארפע" אין די מלחמה־יאָרן געוואָרן זייער פאָפולער צווישן די יידישע ארבעטער־ און קולטור־קרייזן אין גאנץ פוילן.

חוץ אין ווארשע און אין לאָדזש, זענען אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופאציע געשאפן געוואָרן פראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס פון יידישע ארבעטער אין ביאליסטאָק און אומגעגנט, אין ווילנע און אין אַ ריי אנדערע שטעט פון דעם אזוי־גערופענעם אָקופאציע־ראיאָן „אָבער־אָסט". זיי האָבן אויך געפירט אַן ענלעכע טעטיקייט ווי אין ווארשע און אין לאָדזש, הגם די באַדינגונגען אין דאָזיקן ראיאָן זענען געווען פיל שווערערע.

דער צענטער פון דער עסטרייכישער אָקופאציע אין פוילן איז געווען לובלין, וואו די פאראיינען האָבן זיך אָרגאניזירט אויפן זעלבן שטייגער ווי אין ווארשע, מיט אַ צענטראל־ביוראָ אין דער שפּיץ. אין לובלין האָבן אַלע פראָפעסיאָנעלע פאראיינען פון יידישע ארבעטער געציילט ארום 1,500 מיטגלידער. ארום לובלין, ווי אַ צענטער, האָבן זיך גרופירט די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען פון אַלע ארומיקע שטעט. אויפן ערשטן פלאַץ נאָך לובלין האָט זיך אונטער דער עסטרייכישער אָקופאציע ארויסגערוקט כעלם, וואָס האָט געהאַט 7 פאראיינען מיט ארום 500 מיטגלידער, אויך מיט אַ צענטראל־ביוראָ אין דער שפּיץ.

דאָס יידישע „אינפאָרמאציע־ביוראָ פון די פראָפעסיאָנעלע בראַנזשע־פאראיינען" אין ווארשע, וואָס האָט ארום זיך גרופירט די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די יידישע ארבעטער, האָט זיך גע־פונען אונטער דער השפּעה פון „בונד"; אין די פארוואלטונגען פון די פאראיינען און אין די פאך־קאָמיסיעס זענען אויך געווען מיטגלידער פון אנדערע פאָליטישע פארטייען, ווי פועלי־ציון, ס.ס., פּ.פּ.ס. (יידישע סעקציע), וועלכע זענען אויסגעקליבן געוואָרן אויף די אַלגעמיינע פארזאמלונגען אדאנק זייער איינפלוס אין געוויסע פאכן, וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אין די בראַנזשע־פאראיינען. אביסל שפּעטער האָט זיך אונטער דער השפּעה פון די „פועלי־ציון" אין ווארשע געשאפן אַן „אומפארטייאיש צענטראל־ביוראָ פון די פראָפעסיאָנעלע פאר־איינען"; צו אים האָבן געהערט די פאראיינען: פון קינסטלעכע בלומען־ און בלעטער־מאכערינס, נייטאָרינס, קאָלדרע־מאכערינס, קעלנער און האנדלס־אָנגעשטעלטע. אין 1916 האָט זיך אין ווארשע

אויך פאַרמירט אַ דריט צענטראַל־ביוראָ אונטער דער השפּעה פון ס.ס.:
„צענטראַל־ביוראָ פון די אומפּאַרטייאישע פאַך־פאַראיינען"; צו אים
האָבן געהערט: פלייִשער, וועש־נייטאָרינס, קאַשולקע־מאַכער, פרי־
זירער און טרעגער.

די ביידע נייע צענטראַלעס — די פּועלי־ציוניסטישע און די
ס.ס.־ישע — האָבן זיך גערופן „אומפּאַרטייאישע", וואָס איז געווען
אַן אָפּקלאַנג פון דעם אַמאָליקן קאַמף וועגן פּאַרטייאישע אָדער
נייטראַלע פאַראיינען. פאַקטיש אָבער האָבן מיט די דאָזיקע „אומ־
פּאַרטייאישע" פאַראיינען אָנגעפירט נאָר די פירער פון די דערמאָנטע
פּאַרטייאישע גרופּירונגען און עס האָבן צו זיי געהערט הויפּטזעכלעך
די מיטגלידער פון די דאָזיקע פּאַרטייען.

2. דער אויפשטייג אין 1918—1921

ווי שווער עס זענען געווען די אויפגאַבעס פון די פּראָפעסיאָנעלע
פאַראיינען אין די בערך פיר מלחמה־יאָר, קען מען זען פון אַ באַריכט,
וואָס איז אָפּגעדרוקט אין די „לעבנס־פראַגן" פון 6־טן פעברואַר 1917.
אין באַריכט ווערט דערציילט, אַז אַלע פאַכן, וואָס זענען צו יענעם
מאָמענט געווען אָרגאַניזירט אין יידישע פאַראיינען, האָבן בסך־הכּל
געציילט 41 טויזנט אַרבעטער, פון וועלכע 36 טויזנט זענען געווען
אַרבעטלאָז. פון דעם ווערט שוין קלאָר, פאַרוואָס די פּראָפעסיאָנעלע
פאַראיינען האָבן געמוזט אָפּגעבן אַזוי פיל מי און אַרבעט פאַר זייער
הילפס־טעטיקייט.

ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט די בערך פאַר יענער צייט
גרויסע צאָל לוין־אַקציעס און שטרייקן, וואָס די פאַראיינען האָבן
געפירט, איז קיין וואונדער ניט, וואָס די צאָל מיטגלידער איז כּסדר
געוואַקסן. מיר געפינען אין אַ באַריכט די ווייטערדיקע ציפערן וועגן
דעם וואוקס פון די מיטגלידער: אין נאָוועמבער 1915 (אין אָנהייב
פון דער דייטשער אָקופּאַציע) האָבן אַלע יידישע פאַראיינען אין
וואַרשע געציילט 7,300 מיטגלידער, אין פעברואַר 1916 — 9,300,
אין מאַי 1916 — 11,000 מיטגלידער (אין דעם — 2,700 פרויען).
צום סוף פון דער מלחמה, ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס זעלבשטענ־
דיקע פּוילן, זענען אין וואַרשע אַליין שוין געווען: 15 פאַראיינען
מיט איבער 15,000 מיטגלידער. זינט 1917 האָט אָנגעהויבן צו ווערן
קלאָר, אַז עס וועט פּוילן באַשערט זיין אָנצוהייבן אַ זעלבשטענדיק
מלוכה־לעבן און אַז אויך די אַרבעטער־באַוועגונג פון פּוילן וועט

דעריבער דארפֿן באַזונדער און זעלבשטענדיק פֿירן איר טעטיקייט. די פֿאַראיינען אין די גרויסע שטעט און די אָרטיקע צענטראַלעס האָבן דערפֿאַר אַלץ מער און מער אָנגעהויבן שפּילן די ראָלע פֿון די העכסטע אָנפֿירנדיקע צענטערס פֿאַר די ענלעכע אינסטיטוציעס אין דער פּראָווינץ. ווען סוף 1918 איז די מלחמה געווען פֿאַרענדיקט און עס האָט זיך קאָנסטיטואירט דאָס זעלבשטענדיקע פּוילן, זענען די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען פֿון די יידישע אַרבעטער פּ ו ל ש ט ע נ ־ ד י ק צ ו ג ע ג ר י י ט ג ע װ ע ן צ ו ד ע ם ד אָ ז י ק ן מ אָ ־ מ ע נ ט.

פֿונם ערשטן טאָג אָן האָט מען אָנגעהויבן צו זאָרגן פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון צענטראַליזירטע לאַנד־פֿאַראיינען לויטן אייראָפּעאישן מוסטער. ביי יעדן וואַרשעווער פֿאַראיין איז געשאַפֿן געוואָרן אַ „צענ־טראַלע אָרגאַניזיר־קאָמיסיע", וואָס האָט זיך באַמיט זיך צו פֿאַרבינדן מיט די פֿאַראיינען פֿון די זעלבע אינדוסטריע־צווייגן אין דער פּראָ־ווינץ און האָט לגבי זיי געשפּילט די ראָלע פֿון אַ צייטווייליקער צענטראַל־פֿאַרוואַלטונג פֿונם אינדוסטריע־פֿאַראיין אין גאַנצן לאַנד. פּונקט אַזוי איז ביים וואַרשעווער צענטראַל־ביוראָ פֿון אַלע בראַנזשע־פֿאַראיינען אויך געשאַפֿן געוואָרן אַ צענטראַלע אָרגאַניזיר־קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך פֿאַרבונדן מיט די עקזיסטירנדיקע צענטראַל־ביוראָען פֿון אַנדערע שטעט, האָט אויך געשאַפֿן נייע צענטראַל־ביוראָען אין אַזעלכע שטעט, וואו זיי זענען נאָך נישט געווען.

אין די יאָרן 1919—1922 איז פֿאָרגעקומען אין אַ שטאַרקן טעמפּ דער פּראָצעס פֿון צענטראַליזירן און אויסבויען די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. אין 1920 ווערט דער דאָזיקער פּראָצעס אויף אַ ווייל איבערגעריסן דורך דער מלחמה צווישן פּוילן און סאָוועט־רוסלאַנד און דורך די רעפּרעסיעס אויף דער בונדישער באַוועגונג. אָבער גלייך ווי די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט, שטעלט זיך די באַוועגונג צוריק אויף די פֿיס.

אין 1921 האָט די „צענטראַלע אָרגאַניזיר־קאָמיסיע" פֿון אַלע יידישע פֿאַראיינען אין פּוילן, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן ביים וואַר־שעווער צענטראַל־ביוראָ, לעגאַליזירט דעם סטאַטוט פֿון „פֿאַרבאַנד פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע קלאַסן־פֿאַראיינען אין פּוילן". אין יוני 1921 איז דורך דער דאָזיקער „צענטראַלער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע" אויפֿן סמך פֿונם נאָר־וואָס לעגאַליזירטן סטאַטוט צונויפֿגערופֿן געוואָרן דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע צענטראַלע פֿאַראיינען און פֿון די אָרטיקע צענטראַל־ביוראָען פֿון די יידישע פֿאַראיינען. דער צוזאַמענ־

פאַר האָט באַשטעטיקט דעם סטאַטוט, האָט באַשטימט די ריכט־ליניעס און די טאַקטיק פון דער גאַנצער באַוועגונג און האָט אויס־געקליבן דעם העכסטן אָנפירנדיקן אָרגאַן, וואָס האָט לויטן סטאַטוט באַקומען דעם נאָמען „לאַנד־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען אין פּוילן".

3. פאַראייניקונגס־אָנשטרענגונגען

נאָך זיין קאָנסטיטואירונג האָט דער לאַנד־ראַט פון די פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען אָנגעהויבן צו מאַכן ענערגישע באַמיאונגען צו פאַראייניקן די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג: סיי די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און סיי די יידישע מיט די פּוילישע פאַראיינען.

א) פאַראייניקונג פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג

נאָך אַ צייט פאַר דעם אויבן־דערמאָנטן ערשטן לאַנד־צוזאַמענ־פאָר פון די יידישע פאַראיינען האָט די „צענטראַלע אָרגאַניזיר־קאָ־מיסיע" פון די בראַנזשע־פאַראיינען אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונ־גען מיט די „אומפּאַרטייאישע צענטראַל־ביוראָען" פון די פּועלי־ציון און ס.ס. וועגן פאַראייניקן זיך און וועגן אַריינגיסן זייערע פאַראיינען אין די בראַנזשע־פאַראיינען. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט אין 1920 דאָס ס.ס.־ישע צענטראַל־ביוראָ זיך פאַראייניקט מיטן בונדישן „צענטראַל־ביוראָ פון די בראַנזשע־פאַראיינען" און עס איז אויסגעבילדעט געוואָרן אַ געמיינזאַמער „צייטווייליקער צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין וואַרשע". שפּעטער־צו, אין 1921, איז צו דער פאַראייניקונג צוגעשטאַנען אויך דאָס פּועלי־ציוניסטישע צענטראַל־ביוראָ און עס איז געשאַפן געוואָרן דער „וואַרשעווער צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַר־איינען", וואָס האָט אַרומגענומען אַלע וואַרשעווער פאַראיינען פון די יידישע אַרבעטער.

ב) פאַראייניקונג מיט דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג

די וויכטיקסטע אויפגאַבע, וואָס איז איצט פאַרבליבן אין אָרגאַ־ניזאַציאָנעלער הינזיכט, איז געווען צו פאַראייניקן די יידישע מיט דער פּוילישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. נישט געקוקט דערויף,

וואָס טיילווייז האָט זיך איינגעגעבן אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די פּוילישע פאַראיינען, זענען דאָך פון די פריערדיקע יאָרן מיטגעבראַכט געוואָרן אין דער נייער לעגאַלער באַוועגונג אַריין פאַרשידענע פאָראורטיילן, מיספאַרשטייעניש אוּן אַ באַזונדער קוק אויף די פאָרמען פון אַ פּויליש־יידישער געמיינזאַמער באַוועגונג. דאָס אַלץ האָט פריער געמוזט באַזייטיקט ווערן, כדי די פאַראייניקונג זאָל פּראַקטיש מעגלעך ווערן.

נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז ענדלעך דעם 25־טן נאָוועמבער 1921 אונטערגעשריבן געוואָרן אַ פאַראייניקונגס־אָפּמאַך צווישן דער „צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען" (פּויליש) און דעם „לאַנד־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען" (יידישע). לויטן דאָזיקן אָפּמאַך ווערן די יידישע פאַראיינען פאַרוואַנדלט אין פיליעס (אָפּטיילונגען) פון די אַלגעמיינע, מיט רעכט איינצוהאַלטן זייער אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט (פּונקט 1). די יידישע אָפּטיילונגען האָבן דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט דער יידישער שפּראַך אין דער גאַנצער פאַראיינס־טעטיקייט, אָבער די הויפּט־קאַסע־ביכער און די קאָרעספּאָנדענץ צווישן דער יידישער אָפּטיילונג און דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג דאַרף געפירט ווערן אין פּויליש (פּונקט 3). אַלע פאַראיינס־אויסגאַבעס (צירקולאַרן, אויפרופן, פּרעסע א"א) דאַרפן פאַר די יידישע מיטגלידער אַרויסגעגעבן ווערן אין יידיש, אויב ס'איז דאָ אַ געהעריקע צאָל יידישע מיטגלידער אין געגעבענעם פאַראיין (פּונקט 4). יעדער באַזונדערער פאַראיינס־מיטגליד קען זיך ווענדן צו דער אַלגעמיינער צענטראַל־פאַרוואַלטונג אויך אין יידיש (פּונקט 5). די יידישע מיטגלידער דאַרפן באַקומען לויט זייער וואונטש אַ געהעריקע פאַרטרעטערשאַפט אין אַלע צענטראַל־ און קרייז־אינסטאַנצן פון דער באַוועגונג (פּונקט 6). ביי דער צענטראַל־קאָמיסיע ווערט, אין הסכם מיט די יידישע אָפּטיילונגען, געשאַפן אַ צענטראַלע אָפּטיילונג (קולטור־אַמט) אויף אָנצופירן מיט דער אַגיטאַציע, קולטור און אויפקלערונגס־אַרבעט. דער סעקרעטאַר פון דעם דאָזיקן קולטור־אַמט ווערט באַצאָלט דורך דער צענטראַל־קאָמיסיע.

דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט פאַרפיקסירט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג דעם אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ, צו וועלכן די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַלע יאָרן געשטרעבט.

אויפן סמך פון דעם דאָזיקן אָפּמאַך איז דער לאַנד־ראַט מיט זיינע אָנגעשלאָסענע פאַראיינען אַריינגעטרעטן אין דער צענטראַל־קאָמיסיע און די יידישע פאַראיינען האָבן זיך שוין באַטייליקט מיט אַרום 30 אייגענע דעלעגאַטן אויפן צווייטן אַלגעמיינעם קאָנגרעס

פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פוילן, וועלכער איז פאָר־געקומען אין קראָקע אין יוני 1922. דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט איינשטימיק אָקצעפּטירט דעם פאַראייניקונגס־אָפּמאַך און די דעלע־גאַטן פון די יידישע פאַראיינען האָבן דאָרטן פאָרטרעטן אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס זענען שוין געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון איין געמיינ־זאַמער באַוועגונג.

די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פוילן האָבן צום מאָמענט פון דער פאַראייניקונג מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַדייטנדיקן כוח. דער לאַנד־ראַט פון די יידישע פאַראיינען האָט אריינגעפירט אין דער צענטראַל־קאָמיסיע 7 צענטראַליזירטע לאַנד־פאַראיינען מיט 205 לאָקאַלע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן צוזאַמען געציילט העכער 46 טויזנט מיטגלידער. אָט איז די רשימה פון די יידישע פאַראיינען, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט פאַראייניקט מיט די פוילישע:

פאַראיין	צאָל אָפּטיילונגען	צאָל מיטגלידער
דערנערונג — — — — — — —	17	3,085
דרוקער — — — — — — — —	10	1,774
האָלץ — — — — — — — —	23	2,575
באַקלייד — — — — — — —	79	14,680
מעטאַל — — — — — — — —	10	2,040
לעדער — — — — — — — —	54	10,972
טעקסטיל — — — — — — —	12	11,075
סך־הכל — — — — — —	205	46,201

איידער דער פאַראייניקונגס־אָפּמאַך איז באַשטעטיקט געוואָרן אויף דעם אַלגעמיינעם קאָנגרעס אין יוני 1922, איז מיט אַ חודש פריער פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון אַלע יידישע צענטראַלע פאַראיינען און אָרטיקע ראַטן, וועלכער האָט אָקצעפּטירט דעם אָפּמאַך מיט די פוילישע פאַראיינען. אויף דעם דאָזיקן צווייטן צוזאַמענפאָר פון די יידישע פאַראיינען זענען געווען 39 דעלעגאַטן. לויט דער אַנקעטע, וואָס אַלע דעלעגאַטן האָבן אויסגעפילט, האָבן 29 פון זיי געהערט צום „בונד", 5 — צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, 4 — צו די „פּועלי־ציון", 1 — צו די „פאַראייניקטע" (ס.ס.).

עטלעכע יאָר האָט געדויערט ביז די פאַראייניקונג פון די איינצלנע פאַראיינען איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן. עס זענען פאַראייניקט געוואָרן די פוילישע מיט די יידישע פאַראיינען אין די פאַכן: באַקלייד, טעקסטיל, דערנערונג, לעדער, האָלץ, כעמישע, פריזירער, טראַנספּאָרט.

די יידישע מיט די פּוילישע אַרבעטער האָבן נאָך דעם קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר געאַרבעט און געקעמפּט אין געמיינזאַמע פּאַראיינען. אַמאָל זענען דאָ און דאָרט אויפגעקומען רייבונגען אָדער מיספאַרשטייעניש, בפרט אין די פּעריאָדן פון שאַרפע פּאַרטייאישע קאַמפן און שפּאַלטונגען, וואָס איז דורך די קאָמוניסטן אָנגעווענדעט געוואָרן אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. סוף־כל־סוף אָבער האָבן סיי די פּוילישע און סיי די יידישע אַרבעטער זיך צוגעוואוינט צו די פאָרמען פון צוזאַמענאַרבעט. יידישע דעלעגאַטן פלעגן אָפּט אַרויסטרעטן אויף געמיינזאַמע פאַראיינען־צוזאַמענפאָרן אין יידיש. די יידישע דעלעגאַטן פלעגן בילדן אַ גאַנץ היפּשן כּוח אויף די געמיינזאַמע פאַראיינען־צוזאַמענפאָרן, ד"ה אַז די יידישע מיטגלידער האָבן געבילדעט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער אַלגעמיינער פאַראיינען־מיטגלידערשאַפט. אין באַקליידפאַראיין האָבן די יידישע מיטגלידער אויסגעמאַכט אַן איבערוועגנדיקע מערהייט, אין לעדער־פאַראיין — צייטנווייז אַ מערהייט, צייטנווייז אַ העלפט. אין דערנערונגס־פאַראיין זענען יידן געווען אַ דריטל פון אַלע מיטגלידער, אין טעקסטיל־פאַראיין — 17 — 20 פּראָצענט, אין טראַנספּאָרט־פאַראיין 33 — 40 פּראָצענט. נאַטירלעך, אַז צו די אַלע צוזאַמענפאָרן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פלעגן אויסגעקליבן ווערן יידישע דעלעגאַטן כּמעט אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ. אויך אין די צענטראַל־פאַרוואַלטונגען פון די פאַראיינען פלעגט געוויילט ווערן אַ געהעריקע צאָל יידישע מיטגלידער, וועלכע פלעגן אויסבילדן כּמעט ווי אַן אויטאָנאָמע קערפּערשאַפט צו באַדינען די יידישע פאַראיינען־אָפּטיילונגען אויף אַלע געביטן, וואָס זענען געווען פאַרויסגעזען אין דעם פאַראייניקונגס־אָפּמאַך.

דער לאַנד־ראַט פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכער האָט לויטן פאַראייניקונגס־אָפּמאַך געזאָלט בילדן בלויז אַ „צענטראַלן יידישן קולטור־אַמט" ביי דער אַלגעמיינער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, האָט זיך פּאַקטיש קיין מאָל נישט באַשרענקט מיט די פונקציעס פון בלויז אַ „קולטור־אַמט". דאָס באַדינען די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציאָנעל און דאָס פאַרטיידיקן די עקאָנאָמישע אינטערעסן זייערע האָט פאַרלאַנגט אַ כּסדרדיקע ספּעציעלע וואַכזאַמקייט און זאָרג. דער לאַנד־ראַט איז דעריבער די גאַנצע צייט געווען פּאַקטיש אַ יידישע אָפּטיילונג פון דער אַלגעמיינער צענטראַל־קאָמיסיע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער נישט בלויז אין די ענגע ראַמען,

וואָס דער פאַראייניקונגס־אָפּמאַך האָט פאָרויסגעזען, נאָר אויף אַלע געביטן.

עס דאַרף נאָך באַמערקט ווערן, אַז צום מאָמענט פון דער פאַר־אייניקונג איז די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער ווייט נישט געווען פאַרענדיקט. חוץ די פריער דערמאָנטע 7 צענטראַלע פאַראיינען פון יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן שוין עקזיסטירט צום מאָמענט פון דער פאַראייניקונג, זענען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער פאַראייניקונג נאָך צוגעקומען אַ ריי גרעסערע פאַראיינען, וואָס זענען דורך דעם לאַנד־ראַט אָרגאַניזירט געוואָרן. אַזוי איז אין די יאָרן 1925—1926 אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צענטראַליזירטער פאַראיין פון יידישע טראַנספּאָרט־אַרבעטער מיט אַרום 15 אָפּטיילונגען און אַ 7,000 מיטגלידער אין לאַנד. דער דאָזיקער יידישער פאַראיין איז געוואָרן דער קערן פאַר אַן אַלגעמיינעם טראַנספּאָרט־פאַראיין פון פוילישע און יידישע אַרבעטער אין פוילן. אין דער זעלבער צייט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסער צענטראַלער פאַראיין פון האַנדלס־ און ביוראָ־אַנגעשטעלטע. עס האָבן פריער עקזיסטירט בלויז אין איינציקע שטעט פאַראיינען פון האַנדלס־ און ביוראָ־אַנגעשטעלטע. אין וואַרשע האָט נאָך פון פאַר דער מלחמה צענדליקער יאָרן עקזיס־טירט די „געזעלשאַפט פון האַנדלס־ און ביוראָ־אַנגעשטעלטע" באַוואוסט מיט איר פאַרקירצטן נאָמען „קאָמי־פאַראיין". בעת די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט דער „קאָמי־פאַראיין" געענדערט זיין סטאַטוס אויף אַ קלאַסן־פאַראיין (לויטן סטאַטוט פון די צאַרישע צייטן איז ער געווען בלויז אַ פאַראיין פאַר קעגנזייטיקער הילף) און האָט אַרומגענומען אַ גרויסע צאָל יידישע האַנדלס־ און ביוראָ־אַנגעשטעלטע. אָבער דער הויפּט־קערן זיינער זענען געווען די בעסער־סיטואירטע גאַנץ און האַלב אַסימילירטע אַנגעשטעלטע און ביוראָ־ליסטן; די ברייטע מאַסע אַנגעשטעלטע האָבן צו אים קיין צוטריט נישט געהאַט. עס האָט אויך עקזיסטירט אַ ספּעציעלער פאַראיין פון די מאַנופאַקטור־אַנגעשטעלטע, וועלכער האָט אַרומגענומען די מער נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן פון דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע. שפּעטער איז דער קאָמי־פאַראיין געשלאָסן געוואָרן דורך דער מאַכט. ענלעכע פאַראיינען האָבן עקזיסטירט אין לאָדזש, טשענסטאָכאָוו און לעמבערג. מיט דער הילף פון לאַנד־ראַט און אונטער זיין השפּעה איז אויפגעקומען אַ גרויסער מאָדערנער צענטראַלער מאַסן־פאַראיין פון האַנדלס־אַנגעשטעלטע מיט אַ גרעסערער צאָל אָפּטיילונגען און אַרום 15,000 מיטגלידער.

ס'האָבן זיך נאָך אָנגעשלאָסן אין לאַנד־ראַט און צו דער אַלגע־מיינער באַוועגונג אין לאַנד די פאַראיינען פון ווילנער און פּינסקער געגנט מיט דער גרויסער צאָל יידישע אַרבעטער פון דער פּינסקער שוועבעלעך־פאַבריק, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין צענטראַלן פאַראיין פון דער כעמישער אינדוסטריע. גלייכצייטיק זענען אויך אויפגעקומען אַ ריי קלענערע פאַראיינען, סיי צענטראַלע און סיי לאָקאַלע. אַזוי, למשל, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פאַראיין פון צייטונגס־פאַרשפּרייטער און צייטונגס־פאַרקויפער מיט איינציקע אָפּטיילונגען אין לאַנד, אַ ריי לאָקאַלע פאַראיינען, באַזונדערס אין דער געגנט פון ווילנע.

אין יאָר 1925 איז אין די רייען פון די פּראָפעסיאָנעלע טוער אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז מען זאָל די קליינע פּערמיטלערס (קאָנטראַקטאָרס), וואָס פּלעגן נעמען אַרבעט ביי די גרויסע אונטערנעמער, און קליינע האַנטווערקער אָרגאַניזירן אין אַ פּראָלעטאַרישן פאַראיין, וועלכער זאָל זיין אָנגעשלאָסן אין דער משפּחה פון פּראָלעטאַרישע קלאַסן־פאַראיינען. דער געדאַנק האָט לכתּחילה אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט צווישן אַ גרויסן טייל פאַראיינס־טוער. צענדליקער יאָרן פון קאַמפן און אומצוטרוי צו די פּאַרמיטלער, אין וועמען מען האָט געזען אַ דירעקטן אַרבעטגעבער פון לוין־אַרבעטער, האָבן גורם געווען, אַז אַ סך זאָלן נישט קענען מסכּים זיין מיטן געדאַנק, אַז דער פּאַרמיטלער איז לויט זיין סאָציאַלן באַשטאַנד אויך אַ פּראָלעטאַריער. אַ לאַנגע צייט האָבן זיך געפירט די דיסקוסיעס וועגן דער דאָזיקער פראַגע. אין 1926 איז זי פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ באַשלוס לטובת די פּאַרמיטלער. דער דאָזיקער באַשלוס איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם פּאַרטיי־ראַט פון „בונד" דעם זעלבן יאָר. אין 1927 איז געגרינדעט געוואָרן דער פאַראיין, וועלכער איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען: „סאָציאַליסטישער האַנטווערקער־ און כאַלופּניקעס־פאַראיין" (כאַלופּניקעס מיינט היים־אַרבעטער). דער דאָזיקער פאַראיין האָט זיך אַנטוויקלט און איז אין די ווייטערדיקע יאָרן אויסגעוואַקסן צו אַ צענטראַלן פאַראיין מיט 100 אָפּטיילונגען און אַרום 12,000 מיטגלידער.

4. דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט

שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די יידישע אַרבעטער נישט געהאַט קיין צוטריט צו אַ ריי פאַכן. זיי זענען געווען קודם־כּל אויסגעשלאָסן פון אַלע עפנטלעכע אַרבעטן, סיי מלוכהשע, סיי מוני־

ציפֿאַלע. יידישע אַרבעטער זענען אויך כּמעט נישט געווען אין דער גרויס־אינדוסטריע, הגם אין דער קליין־אינדוסטריע פֿון די זעלבע פֿאַכן זענען זיי געווען באַשעפֿטיקט. אין זעלבשטענדיקן פּוילן, אין צוזאַמענהאַנג מיט די ווירטשאַפֿטלעכע שוועריקייטן און דער אַרבעט־לאָזיקייט אין שטאָט און דאָרף, האָט זיך די לאַגע וויניק וואָס געביטן, צום טייל אַפֿילו פֿאַרערגערט. אין דער עפֿנטלעכער ווירטשאַפֿט זענען קיין יידן כּמעט נישט געווען. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס ס'האָט זיך כּמעט אָפּגעשטעלט די עמיגראַציע, און דאָס האָט פֿאַר־שטאַרקט די אַרבעטלאָזיקייט נישט בלויז ביי יידן, נאָר אויך ביי דער פּוילישער באַפֿעלקערונג. די אַלגעמיינע ווירטשאַפֿטלעכע שוועריקייטן אינם פּעריאָד צווישן די צוויי מלחמות האָט פֿאַרשטאַרקט די אַנטי־סעמיטישע קאַמפּאַניע פֿון די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. דער קאַמף קעגן יידן האָט כּלומרשט געדאַרפֿט לייזן די עקאָנאָמישע פֿראַגע פֿון פּוילן. דער רעצעפּט איז געווען גאָר אַ פּשוטער: אַרויסשטויסן די יידישע מאַסן פֿון זייערע ווירטשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס, וועט ווערן מער פּלאַץ פֿאַר די פּאָליאַקן. די דאָזיקע שטרעבונג איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ ברייטער פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע און אין דער ווירטשאַפֿטלעכער פּראָגראַם פֿון דער ע נ ד ע צ י ע, מיט וועלכער עס זענען ביסלעכוויז מער אָדער וויניקער אָנגעשטעקט געוואָרן אויך די אַנדערע בירגערלעכע ריכטונגען אין דער פּוילישער גע־זעלשאַפֿט.

די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניקונגען פֿון די יידישע אַרבעטער האָבן באַטראַכט פֿאַר זייער חוב צו פֿירן אַ קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון יידישן אַרבעטס־מענטשן אויף אַן אַרבעטס־פּלאַץ און נישט צו דערלאָזן, אַז די אַנטיסעמיטישע העצע זאָל אַרויסשטופּן די יידישע מאַסן פֿון זייערע ווירטשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס.

אין 1925 איז ביי די אָנפֿירנדיקע אינסטאַנצן פֿון דער יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג באַשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעל „ביוראָ פֿאַר רעכט אויף אַרבעט". דאָס ביוראָ האָט זיך פֿאַרנומען מיט צונויפֿ־זאַמלען פֿאַקטן פֿון באָיקאָט קעגן יידישער אַרבעט און אַנדערע פֿאַקטן פֿון ווירטשאַפֿטלעכער עקסטערמינאַציע. דאָס ביוראָ פֿלעגט די אָנגעזאַמלטע פֿאַקטן פּובליקירן און העלפֿן די פֿאַראייניקונגען אָרגאַ־ניזירן דעם קאַמף פֿאַר רעכט אויף אַרבעט אויף יעדן געביט באַזונדער. אין פֿאַרלויף פֿון אַ קורצער צייט איז די פֿאָדערונג „גלייכע רעכט אויף אַרבעט" אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פֿון די ווירט־שאַפֿטלעכע פֿאָדערונגען פֿון די יידישע מאַסן אין פּוילן און איז געוואָרן די הויפּט־לאָזונג אין דעם פּאָליטישן קאַמף פֿאַר פֿולער

גלייכבארעכטיקונג, וואס די יידישע ארבעטער־באוועגונג האט געפירט. דערביי אבער האבן די פראפעסיאנעלע פאראיינען פון די יידישע ארבעטער באוויזן צו פארוואנדלען די לאזונג „גלייכע רעכט אויף ארבעט" אין א לאזונג פון דער גאנצער פראפעסיאנעלער באוועגונג אין פוילן. אויף אלע זיצונגען פון געמישטע צענטראל־פארוואלטונגען פון פאראיינען, אויף אלע קאנגרעסן פון באזונדערע פאראיינען, אויף אלע געמישטע פאראיינס־קאנפערענצן און אויף פארזאמלונגען פון פוילישע ארבעטער האבן די פארשטייער פון די יידישע פאראיינען באלויכטן די פראגע פון באיקאט קעגן יידישע ארבעטער און האבן וועקגעשטעלט די פאדערונג פון גלייכע רעכט אויף ארבעט. אומעטום זענען די רעזאלוציעס „פאר גלייכע רעכט אויף ארבעט" פאר די יידישע ארבעטער אנגענומען און געשטיצט געווארן דורך די פוילישע פאראיינען און דורך אלע זייערע אינסטאנצן, אפילו דורך אזעלכע פוילישע פאראיינען, וועלכע האבן ביי זיך קיין יידישע מיטגלידער נישט געהאט.

אין 1926 האט זיך די קאמפאניע פאר „גלייכע רעכט אויף ארבעט" נאך מער פארשטארקט. זי האט זיך פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד און האט זיך פארוואנדלט אין א גרויסער באוועגונג, וואס האט מיטגעריסן די פוילישע פאראיינס־טוער און גרויסע טיילן פון די פוילישע ארבעטער־מאסן, נישט געקוקט אויף דעם, וואס אויך צווישן די פוילישע ארבעטער האט דעמאלט געהערשט א גרויסע ארבעטלאזיקייט. כדי צו געבן דער מאסן־קאמפאניע א קאנצענטרירטן אויסדרוק, האט דער לאנד־ראט באשלאסן צונויפצורופן א גרויסן יידישן ארבעטער־קאנגרעס פאר „גלייכע רעכט אויף ארבעט". דער קאנגרעס איז פארגעקומען דעם 1־טן אפריל 1926. ער האט צוגע־צויגן צו זיך א זייער גרויסע אויפמערקזאמקייט. אלע נישט־יידישע סאציאליסטישע פארטייען, א ריי צענטראלע פארוואלטונגען פון פוילישע פאראיינען, די צענטראל־קאמיסיע פון אלע פראפעסיאנעלע פאראיינען אין פוילן, ווי אויך די ווארשעווער „ראדע" פון די פרא־פעסיאנעלע פאראיינען האבן צוגעשיקט זייערע פארטרעטער צו בא־גריסן דעם קאנגרעס און צו סאלידאריזירן זיך מיט די יידישע אר־בעטער. אויף דעם קאנגרעס זענען געווען 589 דעלעגאטן פון 87 שטעט. חוץ דעם זענען געווען אן ערך 1,000 געסט. די 589 דעלעגאטן האבן זיך פארטייאיש פארטיילט אזוי: 422 — בונדיסטן, 96 — „פועלי־ציון" לינקע, 15 — „פועלי־ציון" רעכטע, 39 — קאמוניסטן, 17 — „אומאפהענגיקע" און אומפארטייאישע.

דער קאָנגרעס האָט סיי לויט זיין כאַראַקטער און סיי לויט זיין צוזאַמענשטעל געמאַכט אַן אומגעהויער אימפּאָזאַנטן איינדרוק. אויף אַ פייערלעכן אופן האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען זיין דעקלאַראַציע, וועלכע איז שפּעטער פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן אויף יידיש און אויף פּויליש.

אין רעזולטאַט פון אַט דער קאַמפּאַניע האָט מען אָנגעהויבן אין אַ ריי שטעט טיילווייז דורכצוברעכן דעם באָיקאָט קעגן יידישע אַרבעטער אין די קאָמונאַלע אונטערנעמונגען. אין וואַרשע, לאָדזש, פּיעטריקאָוו, לובלין, ביאַליסטאָק, גראָדנע, ווילנע און אין אַ ריי אַנדערע קלענערע שטעט האָט זיך איינגעגעבן דורכצוזעצן אַ געוויסע צאָל יידישע באַאַמטע און אַרבעטער. אַדאַנק דער דאָזיקער קאַמפּאַניע און די דירעקטע באַמיאונגען פון דעם ספּעציעלן ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט, האָט זיך אויך איינגעגעבן טיילווייז דורכצוברעכן די וואַנט, וואָס האָט פאַר יידישע אַרבעטער פאַרשטעלט דעם וועג צו פּריוואַטע גרעסערע פאַבריקן אַפילו פון יידישע אייגנטימער.

חוץ דעם דירעקטן קאַמף פאַר גלייכע רעכט אויף אַרבעט, האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון יידישע אַרבעטער געפירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן אַלע אַנדערע דערשיינונגען פון ווירטשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם. אַזוי, למשל, האָבן זיי באַקעמפט יענע פּאַראַגראַפן אין די געזעצן וועגן סאָציאַלער פאַרזיכערונג, לויט וועלכע ס'ווערן אויסגעשלאָסן די אַרבעטער פון קליינע אונטערנעמונגען. דאָס האָט קודם־כל געטראָפן די יידישע אַרבעטער. ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן דער „צעכן־געזעץ", אין וועלכן ס'האָט געשטעקט אַ געפאַר פאַר די יידישע אַרבעטער און יידישע בעלי־מלאָכות, האָבן די יידישע פאַראיינען געפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם דאָזיקן געזעץ און גערופן אים צו באָיקאָטירן.

5. קריטישע יאָרן

אָנגעהויבן פון 1928—1929 האָט די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין פּוילן דורכגעמאַכט עטלעכע יאָר פון שווערן קריזיס. דער פּילסודסקי־לאַגער, וועלכער האָט זינט דער איבערקערעניש פון מאַי 1926 איבערגענומען די ממשלה אין לאַנד, האָט זיך גערוקט אַלץ מער און מער אויף רעכטס און האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן די נטיה צו קאָנקורירן מיט דער אַנטיסעמיטישער ענדעציע אין רעאַקציאָנערע לאָזונגען. דער דאָזיקער לאַגער האָט זיך פאַרמאָסטן צו ליקווידירן די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג און צו געווינען די אַרבעטער־

מאסן אויף זיין זייט. אויסנוצנדיק די אַלטע פּראָ־פּילסודסקי־סענטי־מענטן, וואָס האָבן געהערשט ביי אַ טייל פּ.פּ.ס.־ישע טוער, האָט זיך אים איינגעגעבן צו געווינען אויף זיין זייט דעם פירער פון דער וואַרשעווער פּ.פּ.ס., יאַוואָראָווסקי, וואָס האָט מיט אַ מערהייט פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און מיט אַ גרויסער צאָל פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון פּוילישע אַרבעטער אין וואַרשע זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג און געבילדעט אַ באַזונדערע פּאַרטיי אונטערן נאָמען „פּ.פּ.ס.־פראַקציע".

חוץ די יאַוואָראָווסקי־פאַראיינען איז אויפגעקומען נאָך אַ צווייטע אַרבעטער־ריכטונג, אויך פון אָנהענגער פון פּילסודסקי־רעזשים, אונטער דער אָנפירונג פון דעם אַלטן פּ.פּ.ס.־ישן טוער מאָראַטשעווסקי. אויך די דאָזיקע ריכטונג האָט פון איר זייט געטאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך, כּדי צו צעברעכן די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען.

דער אָנגריף פון אָט די ביידע ריכטונגען און פון דער גאַנצער רעאַקציע, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעמיטן אויך די יידישע פאַראיינס־אָפּטיילונגען. דער טעראָר פון די נייע פאַראיינען האָט געהאַט אַ געוויסע דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג אויף אייניקע יידישע אַרבעטער־צווייגן, ווי, למשל: פליישער־אַרבעטער, צייטונגס־פאַרשפּרייטער.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך געווירקט די שפּאַלטונגס־טאַקטיק פון די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל פון „פראָפינטערן" איבערצונעמען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אויף אַסך פאַכן איז גלייכצייטיק געקומען דער אָנגריף סיי פון די רעאַקציאָנערע יאַוואָראָווסקי־ און מאָראַטשעווסקי־פאַראיינען און סיי פון די קאָמוניסטן.

חוץ דעם אינעווייניקסטן קריזיס האָט די גאַנצע באַוועגונג גלייכצייטיק שטאַרק געליטן פונם ווירטשאַפטלעכן קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1929 און האָט זיך כּסדר פאַרשטאַרקט. די צאָל מיטגלידער אין דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז אין יענע יאָרן שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אויך געפאַלן די צאָל מיטגלידער אין די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אָבער דאָך האָבן די יידישע אַרבעטער אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע ווידערשטאַנדס־פעאיקייט: די צאָל מיטגלידער אין די יידישע פאַראיינען איז געפאַלן אין אַ פיל קלענערער מאָס איידער אין די פּוילישע. בעת די צאָל מיטגלידער אין די פּוילישע פאַראיינען האָט זיך פאַרקלענערט פון איבער 400 טויזנט אין 1922 ביז 220 טויזנט אין די קריטישע יאָרן, האָבן די יידישע פאַראיינען אין די קריטישע

יאָרן פאַרלוירן בלויז דעם צופלוס, וואָס זיי האָבן געהאַט זינט 1922.
אַפילו אין די ערגסטע צייטן האָבן די יידישע פאַראיינען נישט גע־
ציילט ווייניקער פון 40 טויזנט מיטגלידער.

6. דער אויפשטייג אין 1935—1939

אין די יאָרן 1935—1936, ווען אונטער דער ווירקונג פון היט־
לעריזם האָבן די רעאַקציאָנערע גרופּעס אין פּוילן אומגעהויער פאַר־
שטאַרקט זייער טעטיקייט, האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די אַקטיווקייט
פון די אַרבעטער־מאַסן. די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן און די פּסדר־
דיקע פּאָגראָם־העצע האָט געצוואונגען די יידישע אַרבעטערשאַפט
צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיידיקונגס־קאַמפּאַניע און אַ פּראָטעסט־אַקציע.
איבערן גאַנצן לאַנד ווערן אָרגאַניזירט אָפּטיילונגען פון זעלבסט־
שוץ קעגן פּאָגראָם־איבערפאַלן. אַן אויסערגעוויינלעכן רושם האָט
אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג געמאַכט דער אַלגעמיינער
פּראָטעסט־שטרייק קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָגראָם־העצע (נאָכן
פּאָגראָם אין שטעטל פּשיטיק), וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם
17־טן מערץ 1936. דער פּראָטעסט־שטרייק איז פאַקטיש געוואָרן
אַ ווענד־פּונקט אין די שטימונגען פון די יידישע מאַסן אין פּוילן.

פאַר די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס איז אָבער געווען
קלאָר, אַז די אַקציע קעגן דער אַנטי־יידישער פּאָליטיק פון דער רעגי־
רונג און קעגן דער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע פון די רעאַקציאָנערע
פּאַרטייען טאָר נישט אָפּגעשטעלט ווערן. דער לאַנד־ראַט האָט אין דעם
פּרט אויך געהאַט די פולע מאָראַלישע אונטערשטיצונג פון דער
פּוילישער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. באַלד נאָכן שטרייק האָט
דער „בונד" צוזאַמען מיטן לאַנד־ראַט באַשלאָסן צונויפצורופן
אַ יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. דער
הויפּט־קאָמיטעט צו אָרגאַניזירן דעם קאָנגרעס האָט אין זיין אויפרוף
צו דער יידישער באַפעלקערונג דערקלערט: „די יידישע פאָלקס־מאַסן
פון פּוילן באַטראַכטן זיך פאַר איינגעוואָרצלטע און פול־באַרעכטיקטע
בירגער פון לאַנד און אַז זייער גורל איז אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיט
די אַרבעטער־מאַסן פון פּוילן און מיט דעם קאַמף פאַר באַפרייאונג
פונם יאָך פון די באַזיצנדיקע קלאַסן". דער קאָנגרעס האָט זיך געזאָלט
צונויפקומען אין יוני, אָבער אין די סאַמע לעצטע טעג האָט דער
וואַרשעווער רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט אים פאַרווערט. נישט געקוקט
דערויף, איז אָבער דער ציל פון קאָנגרעס צום טייל דערגרייכט גע־

ווארן. די צוגרייט־קאמפּאַניע צום קאָנגרעס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אימפּאָזאַנטער מאַניפעסטאַציע. אין גאַנצן לאַנד זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן 600 מיטינגען מיט אַן ערך 300 טויזנט אָנטיילנעמער. אין די וואַלן צום קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט קרוב צו 400 טויזנט יידישע אַרבעטס־מענטשן.

דער ענערגישער קאַמף פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט זייער אויטאָריטעט און צוצי־קראַפט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זייער גיכער באַרג־אַרויף. די צאָל מיט־גלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז זייער גיך געוואַקסן.

צום 6־טן קאָנגרעס פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (1937) זענען געווען פאַרטרעטן 72,000 מיטגלידער. זינט 1937 איז דער באַרג־אַרויף געגאַנגען נאָך שטאַרקער. עס איז געלונגען צו ליק־ווידירן די אָפּשפּליטערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן פון שפּאַלטונגען. עס זענען צוריק צוגעצויגן געוואָרן צו די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען יענע אַרבעטער־שיכטן, וואָס זענען מחמת די שפּאַלטונגען און ברודער־קאַמפן בכלל געוואָרן אַפּאַטיש און זענען אָפּגעפאַלן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג; מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1939, אויפן 7־טן קאָנגרעס פון די יידישע פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען, האָבן זיי שוין געציילט 98,810 מיטגלידער.

די ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון די יידישע מאַסן זענען דורך דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אויפגענומען געוואָרן נישט נאָר אין דער פאָרם פון פּאָליטישן קאַמף, נאָר אויך אין דער פאָרם פון פּראַקטישער טעטיקייט. אַזוי, למשל, האָט דער לאַנד־ראַט פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען דעם 17טן יאַנואַר 1938 באַשלאָסן אויסצו־ברייטערן זיין טעטיקייט אויפן געביט פון פאַך־בילדונג און איבער־שיכטונג און האָט געעפנט אַ ריי פאַך־קורסן אין ווארשע, לאָדזש, ווילנע, לובלין, ביאַליסטאָק, מעזריטש און אַנדערע שטעט.

צו דעם דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן די זייער גרויסע און פאַר־צווייגטע קולטור־טעטיקייט אין די פאַראיינען. חוץ די גרויסע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, ווי די שול־אָרגאַניזאַציע, „קולטור־ליגע" מיט זייערע אינסטיטוציעס און אָפּטיילונגען אינם לאַנד, אין וועלכע די פּראָפע־סיאָנעלע באַוועגונג האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט, האָבן די פאַר־איינען נאָך געפירט אַ באַזונדער גרויסע קולטור־ און אויפקלערונגס־אַרבעט. די יוגנט־סעקציעס ביי די פאַראיינען, אָנגעפירט דורך דער צענטראַלער יוגנט־אָפּטיילונג ביים לאַנד־ראַט, האָבן פאַרמאָגט אין פאַרלויף פון אַ גאַנצע ריי יאָרן אַ סך אָוונט־שולן פאַר פאַרשידענע

לימודים. די וואַרשעווער אָוונט־שולן האָבן אין די יאָרן 1936—1938 געהאַט 500 שילער.

אין די יאָרן 1923—1924 פלעגט אַרויסגיין יעדן חודש דער זשורנאַל „די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג", זינט 1925 האָט דער זשור־נאַל פונם לאַנד־ראַט געטראָגן דעם נאָמען „אַרבעטער־פראַגן" און פון 1938 פלעגט דער לאַנד־ראַט אַרויסגעבן זיין אָרגאַן אונטערן נאָמען „דער רוף", וועלכער איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין 70 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

צו דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון די פאַראיינען דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן די ספּעציעלע זאָרג פאַר די אַרבעטלאָזע מיטגלידער. אַזאַ זאָרג און ממשותדיקע הילף פלעגן אַרויסווייזן אַלע פאַראיינען. אָבער אויף אַ פעסט־אָרגאַניזירטן שטייגער, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע אַרבעטלאָזע, האָבן די דאָזיקע הילף אָרגאַניזירט בלויז 3 פאַר־איינען: דרוקער, פריזירער און בעקער, וואָס האָבן געהאָלפן זייערע אַרבעטער־מיטגלידער טיילווייז מיט געלט־שטיצע און טיילווייז מיט אַרבעטס־טעג.

(אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ג)

אין אָנהויב פון חורבן

די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע

דעם ערשטן אָקטאָבער 1939 האָבן די היטלערישע מיליטער־באַנדעס אַריינמאַרשירט קיין וואַרשע. זייער אַריינמאַרש האָט זיי נישט געבראַכט קיין מיליטערישן רום. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט גרויסן, אַז זיי האָבן באַזיגט אַ שונא, וואָס איז אין כּוחות געווען גליך צו זיי; זיי האָבן מאַרשירט צווישן רויך און פלאַמען פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך די ערשטע פרייוויליק אויפגעאָפּפערט, אין איר גרויסן, פלאַמיקן האַס צום היטלעריזם, און אין איר הייליקער ליבע צו פרייהייט. זיי האָבן מאַרשירט פאַרביי די אומצייליקע קברים פון טויזנטער מענער, פרויען און יוגנטלעכע, וועלכע האָבן בעסער אויסגעקליבן דעם העלדן־טויט אויף די גאַסן פון וואַרשע, איידער צו דאַרפן לעבן אין די ד׳ אמות פונם היטלעריזם. זיי האָבן מאַרשירט אין אַן אַטמאָספער פון טויטלעכן האַס און פאַראַכטונג פון דער גאַנצער לעבן־געבליבענער באַפעלקערונג, און פון די שטום־פאַרביי־סענע פּנימער, וועלכע די „זיגער״ האָבן געזען ביי זייער אַריינמאַרש, האָבן זיי דייטלעך געקאָנט אַראָפּלייענען, אַז דער קאַמף האָט זיך נאָך ווייט נישט געענדיקט, דער אייגנטלעכער קאַמף הויבט זיך ערשט אָן.

כּמעט דאָס גאַנצע לאַנד איז שוין פריער געווען באַהערשט פונם שונא. די אָפיציעלע אַרמיי איז שוין געווען כּמעט אינגאַנצן צעשלאָגן, אַלנפאַלס, קיין אָרגאַניזירטע צענטראַלע פלאַנמעסיקע אָנפירונג פון דער אַרמיי איז שוין מער ניט געווען. די רעגירונג און דער שטאַב האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן די הויפּט־שטאָט און דאָס לאַנד, מיט דער דעציזיע אָפּצוגעבן וואַרשע צום שונא אָן קאַמף. פאַרלאָזנדיק די שטאָט, האָבן די אָפיציעלע פאַקטאָרן אַרויסגעפירט פון איר כּמעט אַלץ, וואָס האָט געקאָנט האָבן אַ ווערט בשעת דער פאַרטיידיקונג; די פאַרטיידיקער פון וואַרשע האָבן ניט פאַרמאָגט אַפילו איין אייג־ציקן עראָפּלאַן. היינט ווייסן שוין דאָס אַלע, אָבער דעמאָלט איז עס געווען באַשערט דער באַפעלקערונג פון וואַרשע אויף איר אייגענער הויט די ערשטע פּראַקטיש אויסצופּרובירן, אַז מיט בלויזע לופט־

הארמאטן אליין קאָן מען זיך ניט מיט דערפאָלג פאַרטיידיקן קעגן לופט־אָנגריפן. מען מוז דערצו האָבן אַן אייגענעם לופט־פלאָט. בפרט, אַז די צאָל לופט־הארמאטן, וואָס די פאַרטיידיקער פון וואַרשע האָבן פאַרמאָגט, איז געווען נישטיק. קעגן די ריזיקע מחנות פון הונדערטער נאַציִשע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן טאָג־איין טאָג־אויס געהאָנגלט מיט פייער און פאַרניכטונג אויף דער שטאָט, האָט מען זיך דער עיקר געווערט מיט מאַשין־ביקסן פון די דעכער. מען האָט זיך געפילט פולשטענדיק שוצלאָז קעגן דעם איבערמעכטיקן שונא, און דערצו איז מען געווען באַלאַגערט און אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. פון ערגעץ נישט קיין הילף, פון ערגעץ איז נישט דערגאַנגען אַפילו קיין איין טרייסט־וואָרט. מען האָט זיך געפילט, ווי אַ קליין אינזעלע אין דעם צעבושעוועטן נאַצי־ים, וואָס האָט פון אַלע זייטן געשליידערט זיינע פייערדיקע כוואַליעס אויף דער שטאָט, און עס איז נישט געווען קיין שום הילף, קיין שום האָפענונג. נישט נאָר איז די שטאָט געווען אויסגעליידיקט פון די נויטיקסטע אָפּוועהר־מיטלען, נאָר אַפילו די נויטיקסטע זאַכן צו קאָנען היילן און ראַטעווען די פאַרוואונדעטע האָבן געפעלט. שוין אויפן דריטן טאָג פון דער פאַרטיידיקונג האָבן די איינוואוינער פון וואַרשע מיט בלוטנדיקע הערצער געמוזט אויסהערן דעם פאַרצווייפלטן אַפּיל, וואָס דאָקטוירים האָבן געמאַכט דורכן ראַדיאָ, אַז ווער עס פאַרמאָגט איינשפּריצונג־מכשירים, גאַזע, באַנדאַזשן, זאָל זיי ברענגען תיכף אין די שפּיטאָלן, ווייל די דאָקטוירים שטייען איבער די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן און קאָנען זיי די נויטיקע אָפּעראַציעס נישט מאַכן אָן די דאָזיקע זאַכן...

און דאָך, נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, האָט די באַפעלקערונג פון וואַרשע מיט דער גרעסטער עקשנות געקעמפט און ניט געוואָלט אויפגעבן דעם קאַמף. אומצייליקע מאָל האָבן די מחנות היטלעריסטישע סאָלדאַטן געפּרואווט אַריינדרינגען אין דער שטאָט דורך אַלע פאָרשטעט, וואָס זענען געווען אין זייערע הענט, אָבער אַלע מאָל זענען זיי אָפּגעשטויסן געוואָרן דורך די פאַרטיידיקער. אין דירעקטן קאַמף פון מענטש צו מענטש, האָבן זיי בשום אופן ניט געקענט נעמען די פאַרעקשנטע שטאָט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס קעגן זייערע רעגולערע פאָלקן זענען אַרויסגעטרעטן — צופעליקע און אויף גיך צונויפגעשטעלטע און שלעכט באַוואָפנטע אָפּטיילונגען, פון וועלכע בלויז אַ טייל האָט געהערט צו דער רעגולערער אַרמיי. זיי האָבן געגומען די שטאָט ערשט דעמאָלט, ווען די פאַרטיידיקער אַליין האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן דעם קאַמף אויפצוגעבן, שוי־

נענדיק די רעשטלעך פון דער שטאָט און די אויסגעפּייניקטע פרויען און קינדער, וועלכע האָבן דריי וואָכן צייט געליטן טויט־שרעק, הונגער און דורשט, און האָבן ניט געהאַט מער קיין כוחות אויסצוהאַלטן.

וואָס איז געווען די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן אַקט? — די היטלעריסטישע קאָמיסאַרן איבער פּוילן האָבן די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע דערקלערט אַלס „פאַרברעכן" און זיי האָבן זיך אַפילו געגרייט צו מאַכן אין וואַרשע אַ גרויסן פּראָצעס, אַ מין רייכסטאַג־בראַנד־פּראָצעס, קעגן די „שולדיקע". פון זייער זייט איז דאָס געווען פאַרשטענדלעך. אָבער צו יענער צייט זענען אויך פון דער זייט פון די קאָמוניסטן געפאַלן ווערטער פון פאַראורטיילונג פאַר דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע. מען האָט גערעדט וועגן „אומזיסטע"ליידן און קרבנות און געפרעגט: „צו וואָס האָבן זיי דאָס באַדאַרפט? ווער האָט זיי געבעטן דאָס צו טאָן?"... מיר גלויבן, אַז היינט וועט זיך מער קיינער, אַחוץ די היטלעריסטן אַליין, נישט דערלויבן אַזוי צו רעדן וועגן דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע.

די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע איז אין פּאָליטישן זין געווען דער ערשטער באַווייז פון גרייטקייט פון די מאַסן צו פירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן דער היטלעריסטישער באַהערשונג פון דער וועלט.

די באַפעלקערונג פון פּוילן, איר איבערוועגנדיקע מערהייט, האָט אַלע יאָרן געהאַסט די קליקע, וואָס האָט געהערשט איבער איר און זי האָט מיט איר גאַנצן וועזן פאַראורטיילט די אונטערשטיצונגס־פּאָליטיק, וואָס די דאָזיקע קליקע האָט געפירט לגבי היטלער־דייטשלאַנד. אָט די דאָזיקע שטימונג האָט אוממעגלעך געמאַכט אין אַנטשיידנעם מאָמענט אַ קאַפּיטולאַציע־פּאָליטיק לגבי היטלער־דייטשלאַנד. און ווען די שלימזלדיקע, רעאַקציאָנערע רעגירונג און מיליטער־פירונג האָבן שוין געהאַט צוזאַמענגעבראָכן און אַנטלאָפן פון פּוילן, האָט דאָס פאָלק פון וואַרשע פריי און אומגעשטערט ערשט געקאָנט אין מעשים ברענגען צום אויסדרוק זיינע אמתע געפילן; די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע האָט אויסגעדריקט סיי דעם פּראָטעסט און פאַראַכטונג פונם פאָלק צו דער אייגענער רעאַקציע ווי אויך דעם פּראָטעסט און טויט־האַס לגבי דעם נאַציסטישן דעראָבערער. די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע אין דער פאָרם, ווי זי איז פאָרגעקומען, איז צושטאַנדגעקומען אויסשליסלעך לויטן פאַרלאַנג פון די פאָלקס־מאַסן און לויטן באַשלוס פון די סאָציאַליסטישע און אַנדערע ראַדיקאַלע פּאַרטייען. געוויס האָבן אין די רייען פון וואַרשעס פאַרטיידיקער געקעמפט אויך אַ גרויסע צאָל סאָלדאַטן פון דער רעגולערער

ארמיי, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ווארשע בשעתן אָנהויב, אָדער וועלכע האָבן זיך שפּעטער דורכגעריסן קיין ווארשע אין מיטן פון דער פאַרטיידיקונג; און געוויס האָט מען אין שפּיץ פון דער מיליטערישער פאַרטיידיקונג געשטעלט יענע אָפיצירן פון דער ארמיי, וועלכע האָבן זיך צו יענעם מאָמענט געפונען אין ווארשע, און בנוגע וועלכע מען האָט געקענט האָבן צוטרוי, אַז זיי וועלן זיין לאָיאַל צו דער בירגערלעכער אָנפירונג פון דער פאַרטיידיקונג. אָבער דער גייסט, די פּאַקטישע פאַרטיידיקונג, איז געשאַפן און דורכגעפירט געוואָרן דורך די פאָלקס־מאַסן גופא, דורך זייערע אָרגאַניזאַציעס, דורך די פרייוויליקע אַרבעטער־באַטאַליאָנען.

פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט איז אפשר די פאַרטיידיקונג טאַקע געווען אַן „אומפּראַקטישע", אַן „אומנויטיקע". אַ רעגולערע ארמיי, געפירט לויט די פּראַקטישע חשבונות פון מיליטערישע סטראַטעגן, וואָלט קיין מאָל אַזוי ניט געקעמפט און אַזוי לאַנג ניט געקעמפט, ווי דאָס האָבן געטאָן די פאַרטיידיקער פון ווארשע. אויב ווארשע האָט זיך אין די שרעקלעכע באַדינגונגען געקאָנט האַלטן דריי וואָכן צייט, איז עס ניט געווען אַ דאַנק דער צאָל גע־שולטע זעלנער און געווער, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, נאָר אַ דאַנק דעם פאַרצווייפלטן ווילן פון דער באַפעלקערונג, אַ דאַנק דעם גייסט, וואָס אירע זין אין די פרייוויליקע אַרבעטער־באַטאַליאָנען האָבן אין דעם קאַמף אריינגעבראַכט. ווער עס האָט ניט געזען די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אויף די ווערביר־פּונקטן, אין וועלכע מען האָט אָנ־גענומען די קאַנדידאַטן צו די אַרבעטער־באַטאַליאָנען אין די ערשטע עטלעכע טעג פון דער פאַרטיידיקונג; ווער עס האָט ניט געזען דעם ענטוזיאַזם, מיט וועלכן די מענטשן אויף די גאַסן האָבן אויפגע־נומען די אָפּטיילונגען פון די פרייוויליקע אַרבעטער־באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן אָפּמאַרשירט פון די ווערביר־פּונקטן צו די ערטער, וואו מען האָט זיי אויף גיך אויסגעמושטירט, געגעבן געווער און ארויס־געשיקט אויפן פראָנט; ווער עס האָט אַליין נישט געזען די פאַר־צווייפלונג פון הונדערטער יינגע אַרבעטער, פאַרוואָס מען נעמט זיי מער ניט אָן אין די אַרבעטער־באַטאַליאָנען, פאַרוואָס מען שיקט זיי ניט תיכף ארויס אויף די ליניעס פון פייער און טויט, — דעם איז באמת שווער זיך צו מאַכן אַ באַגריף וועגן דעם אייגנאַרטיקן, העל־ראָאישן גייסט, מיט וועלכן די באַפעלקערונג פון ווארשע איז געווען באַהערשט. צו אַזאַ זעלטענעם עקסטאַז און זעלבסט־אָפּפערונג פאַר הייליקע אידעאַלן, קאָן זיך אַ פאָלק דערהויבן נאָר אין זייער זעל־טענע מאָמענטן פון זיין געשיכטע.

די פּאַרטיידיקער פון וואַרשע זענען געווען — די רעגולערע און פּריוואַטע סאָלדאַטן, וואָס זענען געשטאַנען אויף זייערע פּאָזיציעס אויף די פראָנטן; די פּאַרטיידיקער פון וואַרשע זענען געווען — די טויזנטער פרויען, וועלכע פלעגן צוזאַמען מיט זייערע מענער, מיט העק, מיט קיך־מעסערס, אָפטמאָל מיט בלויזע שטעקנס אין זייערע הענט, זיך וואַרפן צו הילף די סאָלדאַטן אויף יענע פּונקטן, וואו די דייטשע אינפאַנטעריע האָט געפּרואווט זיך אַריינצורייסן אין דער שטאָט; די פּאַרטיידיקער פון וואַרשע זענען אויך געווען יענע צענדליקער טויזנטער מענער און פרויען, וועלכע האָבן אין די שרעקלעכע טעג און נעכט, ווען פייער און טויט האָבן אומאויפהערלעך געגרענגט פון דער לופט און פון אַלע זייטן אויף דער באַלאַגערטער שטאָט, געהאַלטן וואַך ביי די טויערן פון די הייזער, געטראָגן טרייסט און דערמוטיקונג צו די הונדערטער טויזנטער געפּייניקטע מענטשן אין די קעלערס, אויפגעהאַלטן דעם גייסט פון ווידערשטאַנד און קאַמף, ווי אַ הייליקן פייער, וועלכן זיי האָבן ניט געלאָזן פאַרלאָשן ווערן.

און די גאַנצע הערָאָאישע עפּאָפּיע, וועלכע רופט זיך די „פּאַרטיידיקונג פון וואַרשע", וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער וועלט און אין דער געשיכטע פון פּוילן — אַ נר־תּמיד, וואָס וועט סימבאָליזירן און באַלויכטן דורך דורות און דורות די שענסטע אידעאַלן און שטרעבונגען צו פרייהייט, די פעאיקייטן זיך צו קאָנען מקריב זיין פאַר די דאָזיקע אידעאַלן, וועלכע לעבן אין דער טיפעניש פון פאָלק.

צווישן די פאַרטיידיקער פון וואַרשע — סיי צווישן די רעגולערע זעלנער, סיי אין די רייען פון די פּריוואַטע אַרבעטער־באַטאַליאָנען און סיי צווישן די צענדליקער טויזנטער העלדן פון דער ציווילער באַפעלקערונג, האָבן די יידישע מאַסן פון וואַרשע פאַרנומען דעם געהעריקן פּלאַץ. ערב ראש־השנה, אויפן 8טן טאָג פון דער פּאַרטיידיקונג פון וואַרשע, האָט דער נאַציישער לופט־פלאָט געמאַכט דעם גרעסטן ביז דעמאָלט מאַסנהאַפטן לופט־אָנפאַל אויף דער שטאָט. און אויסגעקליבן האָבן זיי בכיוון די יידישע געגנט פון דער שטאָט. הונדערטער עראָפּלאַנען זענען געפלויגן גאַנץ נידעריק איבערן יידישן קוואַרטאַל און האָבן באַשאָטן מיט באָמבעס די נאַלעווקעס, סמאָטשע, דזיקע, ניסקע, מילע, וואָלינסקע, קראָכמאַלנע, נאָוואָליפּיע, מילנע און אַנדערע יידישע געסלעך פון וואַרשע. טויזנטער מענטשן זענען צעריסן געוואָרן, הונדערטער הייזער זענען פאַרניכטעט געוואָרן און הונדערטער הייזער זענען אָנגעצונדן געוואָרן. אין די טויזנטער

קברים, וואָס זענען אין די וואָכן פון דער פּאַרטיידיקונג אויסגע־
גראָבן געוואָרן אויף די גאַסן פון וואַרשע, האָט די יידישע באַפעל־
קערונג פאַרמאָגט אַן אָנגעזעענעם חלק. די יידישע באַפעלקערונג
פון וואַרשע האָט אין די היסטאָרישע טעג זיך אַרויסגעוויזן פאַר געגוג
רייף אויף אַקטיוו אָנטיילצונעמען אין דער געשיכטלעכער דראַמע.

און אין איר שפּיץ האָט זיך אין יענע טעג, זעלבסטפאַרשטענד־
לעך, אַרויסגערוקט איר קאַמפּס־פּאַרטיי, דער „בונד". דאָס באַדייט
ניט, אַז נאָר בונדיסטן אויף דער יידישער גאַס האָבן געוואָלט די
פאַרטיידיקונג. אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז דער איינציקער, וואָס
האָט דעם 8טן און 9טן סעפּטעמבער אַרויסגעלאָזט צו דער יידישער
באַפעלקערונג דעם רוף צו דער פאַרטיידיקונג, אַריינצוטרעטן אין
די פרייוויליקע אַרבעטער־באַטאַליאָנען, צו שטעלן זיך בויען באַריי־
קאַדן, איז געווען דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד". און עס
איז אויך אַ פאַקט, אַז די איינציקע צייטונג, וואָס האָט אויף דער
יידישער גאַס, אַפילו אויף קיין איין טאָג נישט אויפגעהערט צו
דערשיינען, איז געווען די בונדישע „פאָלקס־צייטונג", פּונקט ווי די
איינציקע פּוילישע צייטונג, וואָס איז אָן הפסקה דערשינען די
גאַנצע צייט, איז געווען דער פּ.פּ.ס.'ישער „ראָבאָטניק". אַנדערע
צייטונגען, פּוילישע ווי יידישע, האָבן אָנגעהויבן ווידער צו דערשיינען
ערשט צו דער צווייטער וואָך פון דער פאַרטיידיקונג, נאָכדעם, ווי
דער פּרעזידענט סטאַזשינסקי האָט דורכן ראַדיאָ אויפגעפאָדערט
אַרויסצוגעבן די צייטונגען און זיך באַמיען צו מאַכן דעם אויסזען
פון דער שטאָט נאָרמאַל. און עס איז אויך אַ פאַקט, אַז די איינציקע
יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען אָן אַן איבעררייס געווען טעט־
טיק בשעת דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע, זענען געווען די בונדישע
אינסטיטוציעס. די בונדישע קיכן זענען די ערשטע און די איינציקע
געווען אָפן אין מיטן דעם מבול פון באָמבעס; און זיי זענען גע־
ווען דער איינציקער אַדרעס, צו וועלכן ניט נאָר די וואַרשעווער הונ־
געריקע און היימלאָזע, נאָר אויך די טויזנטער פּליטים, וואָס האָבן
זיך געוואָלגערט אין שטאָט, האָבן זיך געקאָנט ווענדן. ערשט שפּע־
טער, אין דער לעצטער וואָך פון דער פאַרטיידיקונג, האָבן אויך
אַנדערע געפּרואווט נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון „בונד" און עפענען
עטלעכע קיכן. אַרום „דזשאָינט", וואָס איז אַגב געווען די איינציקע
אַלגעמיין יידישע אינסטיטוציע, וואָס האָט אין דער צווייטער וואָך
פון דער פאַרטיידיקונג געעפנט איר ביוראָ, האָבן זיך אָנגעהויבן
גרופּירן אייניקע טוער מיט דער אידעע צו אַנטוויקלען אַ געוויסע
הילפס־טעטיקייט מיט די פאָנדן פון „דזשאָינט". אַרום „דזשאָינט"

איז שפּעטער, שוין נאָכן סוף פון דער פאַרטיידיקונג, ביי דער אַק־טיוועסטער מיטווירקונג פון „בונד" און פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען, אַנטשטאַנען אַ „קאָאָרדיניר־קאָמיטעט" פון די וויכטיקסטע ייִדישע אינסטיטוציעס, כּדי צו אָרגאַניזירן אַ פּלאַנמעסיקע הילף. בשעת דער פאַרטיידיקונג אָבער איז אַזאַ קאָאָרדיניר־קאָמיטעט געווען בלויז אַן אידעע. (פּונקט אַזוי איז ביי אַנדערע ייִדן, מיט דעם חשובֿן ה' געפּנער אין דער שפּיץ, דעמאָלט אַנטשטאַנען אַן אידעע צו באַשאַפן אַ ייִדישן „בירגער־קאָמיטעט" אַנשטאָט דעם „קאָ־אָרדיניר־קאָמיטעט". דער דאָזיקער „בירגער־קאָמיטעט" איז קיין מאָל נישט געשאַפן געוואָרן).

די בונדישע קיכן האָבן נישט געוואַרט אויף די פאָנדן פון „דזשאָינט" אָדער פון אַנדערע קוועלן. אַליין, מיט אייגענע כּוחות און מיט דער מיטווירקונג פון צענדליקער אַרבעטער און פון העל־דישע אַרבעטער־פרויען, וועלכע פלעגן זיך יעדן טאָג לאָזן צו די פאַרשטעט, דורכן פייער פון די פראָנטן, כּדי צו געפינען פּראָדוקטן, — האָבן זיי געאַרבעט, געשפּייזט, געהאָלפן און געמוטיקט. דעלע־גאַציעס פון די פאָלקן, פון די פרייוויליקע אַרבעטער־באַטאַליאָנען פלעגן קומען אין דער רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג" מיט ביטעס מען זאָל זיי העלפן: אין די אימפּראָוויזירטע קאַזאַרמעס, לעבן די שלאַכט־פעלדער, האָבן זיי ניט געהאַט קיין בעטלעך, וואו דעם קאָפּ אוועקצו־לייגן, קיין שיסעלעך, קיין לעפל מיט וואָס צו עסן, קיין טעפּלעך מיט וואָס צו נעמען אַ טרונק וואַסער. און אונזערע חברים, מענער און פרויען, פלעגן זיך לאָזן אונטערן פייער איבער דער שטאָט, כּדי צו זאַמלען די נויטיקע זאַכן פאַר די פאַרטיידיקער פון דער שטאָט.

די ייִדישע מאַסן פון וואַרשע האָבן אַריינגעשריבן זייערע ווערט־פולע שורות אין דעם גאָלדענעם בלאַט, וואָס די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע בילדעט אין דער געשיכטע פון דער הייליקער אָפּווער־מלחמה קעגן שקלאַפעריי. עס וועט קומען די צייט, ווען מען וועט שרייבן אויף די פענער פון דער באַפרייטער וואַרשע די נעמען פון יענע העלדן, וועלכע האָבן זייערע לעבנס אָפּגעגעבן אין דעם לעגענדאַרן קאַמף. און צווישן די נעמען וועלן זיך אויך געפינען נישט ווייניק ייִדישע.

דאָס וואָס בראש פון דעם ייִדישן אָפּשניט פונם קאַמף איז געשטאַנען דער „בונד", איז נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, פּונקט ווי עס איז נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס בראש

פון פוילישן אָפּשניט פון קאַמף איז געשטאַנען די פוילישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי: כּדי צו קאָנען קעמפן, אַזוי ווי מען האָט געקעמפט אין וואַרשע, איז ווינציק בלויז מורא האָבן פאַר היטלערן, אָדער אים בלויז פיינט האָבן. מען מוז נאָך אַחוץ דעם פאַרמאָגן אַן אייגענע שטרעבונג, אַן אייגענעם אידעאַל פון אַן אַנדערער וועלט, נאָך וועלכער מען גאַרט, צו וועלכער מען שטרעבט. און דאָס האָבן פאַרמאָגט נאָר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע איז בלויז געווען דער אָנהויב פון אַ לאַנגן, אומדערמידלעכן און אומגעהויער העלדישן קאַמף קעגן דעם היטלעריזם, וואָס האָט אָנגענומען די פאָרם פון דער אונ־טערערדישער באַוועגונג. און פּונקט אַזוי ווי אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע, האָבן די יידישע מאַסן פון פוילן זייער גרויסן, בּכּבודיקן אַנטייל אויך אין דעם ווייטערדיקן קאַמף. היינט ווייסן שוין אַלע, אַז דער דאָזיקער העלדישער און ברייט־פאַרצווייגטער אונטערערדישער אַנטי־נאַצי־קאַמף פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פוילן איז ניט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט אַפילו פאַר דער נאַצישער מילי־טער־מאַשין. דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט אין פוילן האָט אויס־צושטיין אומגעהויערע צרות מצד אָט דער אונטערערדישער באַ־וועגונג. און ווען עס וועט קומען היטלערס צוזאַמענבראָך, וועט קיי־נער ניט קאָנען פאַרלייקענען, אַז צווישן די כּוחות, וואָס האָבן דעם צוזאַמענבראָך גורם געווען, פאַרנעמט ניט קיין קליינעם אָרט אויך די עקשנותדיקע און העראָאישע אונטערערדישע באַוועגונג פון די מאַסן אין פוילן.

אָבער אומגעהויער גרויס איז די מאָראַלישע באַדייטונג פון אָט דער באַוועגונג, וואָס לאָזט זיך ניט אָפּשרעקן אַפילו פון דעם שרעקלעכסטן טעראָר פון דער געסטאַפּאָ. דער גייסט פון דער פאַר־טיידיקונג פון וואַרשע, די דערהויבענע ליבע צו דער פרייהייט, וועלכע ווערן ווייטער געטראָגן דורך דער אונטערערדישער באַווע־גונג, זענען אַן אָנזאָג און אַ גאַראַנטיע פאַר דעם גייסט, וואָס וועט באַהערשן דאָס קינפטיקע פוילן. שנאה צו דער אייגענער און פרעמ־דער רעאַקציע און ליבע צו אמתער פרייהייט — דאָס זענען די גע־פילן, וואָס באַפליגלען סיי די פוילישע מאַסן און סיי די יידישע מאַסן אין דעם געמיינזאַמען אונטערערדישן קאַמף. נישט טעראָר פון דער געסטאַפּאָ און נישט די געטאָ־מויערן האָבן געקאָנט צערייסן אָט די קאַמף־געמיינזאַמקייט.

ווען מיר דערמאָנען מיט ערפורכט און באוואונדערונג די העלדן פון דער פארטיידיקונג פון ווארשע, דארפן מיר אויך אין טיפער פארערונג און באוואונדערונג ארויפקוקן אין דער הויך — צו אונזערע טויזנטער באשיידענע העלדן פון די געטאָס אין פוילן, וועלכע האָבן אפילו אין די שרעקלעכע באדינגונגען פון נאצישן מיטל־אלטער, נישט פארלוירן דעם מוט, נישט ארויסגעלאָזן פון האנט אונזער אלטע פאָן פון קאמף, פון שטאָלצן ווידערשטאנד, פון סאָ־ציאליזם.

דער אָנהויב

די נאַציִשע ברוטאַליטעט צו ייִדן אין וואַרשע, ווי אין אַנדערע ערטער אין פּוילן, האָט זיך אָנגעהויבן גלייך, ווי די דייטשן זענען אַהין אַריינגעקומען. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך די געסטאַפּאָ אַ נעם געטאָן „אָרגאַניזירן" אין יעדער שטאָט אַ ייִדישן קהילה־ראַט דורכצופירן אירע באַפעלן בנוגע דער ייִדישער באַפעלקערונג. אָבער דער קהילה־ראַט האָט אין דער ווירקלעכקייט געהאַט אויף זיך די גרויסע און שווערע לאַסט צו העלפן ווי ווייט מעגלעך די געפּייניקטע, באַליידיקטע און הונגעריקע ייִדן.

נאָכדעם ווי די שטאָט האָט זיך נאָך דער באַרימטער העלדישער פאַרטיידיקונג געמוזט אונטערגעבן, האָבן די נאַצים אונטערגעשריבן אַן „אָפּמאַך" מיט די פאָרשטייער פון דער שטאָט וואַרשע. אין „אָפּמאַך" האָבן די דייטשן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן די ערשטע צייט פאַרטיילן 160 טויזנט פּאָרציעס זופּ אַ טאָג צו דער הונגעריקער באַפעלקערונג. די ערשטע וואָך זענען טאַקע נאַציִשע טראָקס אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט און געטיילט זופּ — נישט 160 טויזנט פּאָרציעס, ווי זיי האָבן זיך געהאַט פאַרפליכטעט, נאָר אַ 40 אָדער 50 טויזנט פּאָרציעס. די נאַצים האָבן דערצו נישט צוגעלייגט. פאַרקערט, זיי האָבן דערפון געהאַט אַ זייער פעטן ביסן. די זופּ האָבן זיי געקאָכט פון פּוילישע פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן צוגערויבט אין פּוילן. אָבער דאָס איז זיי נאָך נישט געווען גענוג. באַלד אויפן צווייטן טאָג זענען די נאַצים געקומען אין וואַרשעווער מאַגיסטראַט און געפאָדערט ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַ מיליאָן זלאָטעס „האַנט־געלט" פאַר דער צדקה־זופּ. און די וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט געמוזט באַצאָלן.

אין דעם אָפּמאַך איז געווען געזאָגט אויסדריקלעך, אַז די זופּ דאַרף געגעבן ווערן צו אַלע הונגעריקע אין שטאָט אָן אויסנאַם; טראָץ דעם, האָבן די נאַצים גלייך דעם ערשטן טאָג געלאָזט וויסן, אַז ייִדן זענען אויסגעשלאָסן. דאָך זענען טויזנטער און טויזנטער ייִדישע פרויען און מענער געלאָפן מיט טעפּלעך און זיך געשטעלט

אין די רייען נאָך זופּ — אפשר וועט דאָך געלינגען צו קריגן אַ ביסל זופּ. די דערוואַקסענע וואָלטן אפשר פאַר זיך אַליין נישט איינגעשטעלט זיך, אָבער אין טויזנטער און טויזנטער יידישע היימען זענען געלעגן פאַרשמאַכטע קינדער, אויסגעמאַרעטע פון הונגער. און וואָס טוט נישט אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע צוליב אַ קינד? אָבער די „וואָוילטעטיקע" נאַציס האָבן מיט זייערע שטיוול „ארויסגעהאַקט" די יידישע מענער און פרויען פון די זופּ־רייען. דערצו האָבן זיי נאָך געהעצט אויף זיי די פּאָליאַקן. זיי האָבן געהייסן די פּאָליאַקן ארויסשטויסן יעדן ייד, וואָס זיי וועלן דערקענען, „ווייל די יידן נעמען צו ביי די פּאָליאַקן דעם לעפל זופּ פון מויל"... דערביי האָבן זיי גערדרשנט פאַר די פּאָליאַקן וואָס פאַר אַ „גן־עדן" פּוילן וועט זיין, ווען די נאַציס וועלן מאַכן דאָס לאַנד „יידן־ריין".

די „וואָוילטעטיקע" נאַציס האָבן אין עטלעכע טעג אַרום אויפגעהערט צו געבן די זופּ און האָבן געהייסן אַ שטאָטישן הילף־קאָמיטעט זאָרגן פאַר דער הונגעריקער באַפעלקערונג.

אין וואַרשע איז שוין געווען אַן אָפּטיילונג פון דער נאַציפּאַרטיי מיט אַן איינעם „פירער", אַ געוויסן יאַנאָווסקי, וועלכער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד. דער דאָזיקער יאַנאָווסקי האָט געשיקט רופן צו זיך די אָנפירער פון דעם אַלגעמיינעם שטאָטישן הילפס־קאָמיטעט און זיי געמאָלדן, אַז היטלער האָט אים געהייסן נעמען זייער טעטיקייט אונטער זיין קאָנטראָל. דערביי האָט ער זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן זיין הונדערט פּראָצענט לאָיאַל און נאָכקומען איין תּנאי — יידן זאָלן נישט געניסן פון אַלגעמיינער שטאָטישער הילף. „יידן פאַר יידן דורך יידן" — זאָלן יידן זיך אַליין העלפן.

די פאָרשטייער פון דעם שטאָטישן קאָמיטעט האָבן געטענהט, אַז די הילפס־פאָנדן קומען פון אַלע בירגער, און זיי קאָנען דעריבער נישט מאַכן קיין אויסנאַם און אויסשליסן איין גרופּע בירגער. דער וואַרשעווער נאַצי־פירער האָט געפאָדערט דאָס זייניקע.

טעג נאָכאַנאַנד האָבן אָנגעהאַלטן די דיסקוסיעס אין דעם שטאָטישן הילפס־קאָמיטעט וועגן דער שטאָטישער הילף פאַר יידן. אַ ריי מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט האָבן געוואָלט, אַז דער קאָמיטעט זאָל זיך אינגאַנצן פאַנאַנדערלאָזן, איידער נאָכגעבן די אַנטיסעמיטישע פאָדערונג פון די נאַציס, ווייל נאָכגעבן וואָלט געמיינט לכתחילה זיך אָפּזאָגן פון יעדער זעלבשטענדיקייט. **אָבער** פאַנאַנדערלאָזן דעם קאָמיטעט איז געווען אוממעגלעך, ווייל די דייטשן האָבן באַטראַכט פאַר „סאַבאָטאַזש" יעדן פּרואוו פון אַ

פוילישן באַאַמטן זיך אָפּצוזאָגן פון זיין פריערדיקער אַרבעט. פאַר „סאַבאָטאַזש" האָבן די נאַציס באַשטראָפט מיט טויט. דערצו זענען אין דעם קאָמיטעט געווען אויך פוילישע אַנטיסעמיטן—„ענדעקעס" און „אָזאָניסטן" — וועלכע זענען גאָרנישט געווען קעגן לייזן די יידן־פראַגע אויפן היטלעריסטישן אופן.

אין יענער צייט פלעגט זיך אַ פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער, וועלכער איז געווען אויך אַ מיטגליד אין קהילה־ראַט*), יעדן טאָג באַגעגענען מיטן באַרימטן וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט (מעיאָר) סטעפאַן סטאַזשינסקי און אים צושטעלן אַ צעטל פון דייטשע גרויזאַמקייטן קעגן די יידן און אָפטמאָל אויך פון געמיינהייטן, וואָס געוויסע פּאָליאַקן זענען באַגאַנגען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. סטאַזשינסקי פלעגט נאָך דאַן אָפיציעל פאַרהאַנדלען מיט די פאַרשטייער פון דער נאַצי־מאַכט און ער האָט זיך אָפטמאָל איינגעשטעלט פאַר יידן. דאָס מאָל, ווען די נאַציס האָבן געפאָדערט, אַז יידן זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער שטאָטישער הילף, איז דער פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער אין דער קהילה ווידער אַוועק צו סטאַזשינסקין. אָבער סטאַזשינסקי, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן מוטיק, האָט שוין דאָס מאָל געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געבראָכענעם מענטשן. דאָך האָט ער צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס ער וועט נאָר קענען.

דערוויילע האָבן די נאַציס גערופן סטאַזשינסקין אויף אַ „קאָנפערענץ" וועגן דעם זעלבן ענין. זיי האָבן געוואָלט רעאָרגאַניזירן די גאַנצע שטאָטישע הילפס־אַרבעט אויף דעם נאַצישן שטייגער, דערביי איז זיי געגאַנגען אין לעבן צו „באַווייזן" דער פוילישער באַפעלקערונג, אַז די פוילישע פירער זענען פרייוויליק צוגעשטאַנען צו די היטלעריסטן און האָבן אַליין אָנגענומען היטלעריסטישע מעטאָדן.

פיל, פיל שעהן האָבן די נאַציס געהאַלטן סטאַזשינסקין אויף דער „קאָנפערענץ". מיר ווייסן נישט וואָסערע מיטלען די געסטאַפּאָ האָט אָנגעווענדט אים צו „באַאַרבעטן" אויף דער דאָזיקער „קאָנפערענץ". אָבער אויף צומאָרגנס האָט זיך אין שטאָט באַוויזן אַ פּלאַקאַט וועגן דעם נייעם שטייגער, לויט וועלכן עס ווערט אָרגאַניזירט די גמילות־חסד־הילף...

*) דאָס איז געווען ש. מ. זיגעלבוים. — רעד.

לעצטער פּאַראַגראַף האָט זיך געלייענט אַזוי: „פון דעם אַלעמען קענען גענומען די אַלע פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג, וועלכע זענען באַרעכטיקט צו באַקומען שטיצע. די יידן זענען פון דעם אויס־געשלאָסן". אונטערן פּלאַקאַט זענען געווען אונטערגעשריבן דער „פירער פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן וואָלפאַרט" יאַנאָווסקי און אויך דער שטאָט־פּרעזידענט סטאַזשינסקי...

עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי די געסטאַפּאָ האָט סטאַזשינסקין צו דעם דערפירט, האָט זי אים אַרעסטירט. פון דעמאָלט אָן האָט מען נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. די נאַצים האָבן אים אײנגיכן דערמאָרדעט.

גלייך דערנאָך האָבן די נאַצים געגעבן אַ באַפעל דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַז אַלע יידן מוזן אויסגעשלאָסן ווערן פון יעדער מין שטאָטישער הילף און פון רעכט צו גענוסן פון שטאָטישע שפּיטאָלן, מושב־זקנים, יתומים־הייזער, שטאָטישע וואוינונגען און אַזוי ווייטער.

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר דער גאַנצער יידי־שער באַפעלקערונג. אפילו ביי דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער פריערדיקער פּוילישער שטאָט־פאַרוואַלטונג זענען דאָך געווען הונדערטער פון די אָרימסטע יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן טייל־ווייז געלעבט פון דער שטיצע, וואָס זיי פלעגן באַקומען פון דער שטאָטישער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף. עס זענען געווען אַ ריי אינסטיטוציעס — שפּיטאָלן, יתומים־הייזער, מושב־זקנים, אַנש־טאַלטן פאַר גייסטיק־קראַנקע און עלנטע, וועלכע פלעגן אַריינעמען יידן און זיי אינגאַנצן אָדער טיילווייז אויסהאַלטן דורך דער שטאָ־טישער הילף. אייניקע יידישע אַנשטאַלטן פלעגן באַקומען אַ טייל פון זייערע פאָנדן פון דער שטאָטישער קאַסע. איצט האָט מען פּלוצ־לונג אַלץ אָפּגעשטעלט. די גאַנצע פאַראָרימטע יידישע באַפעלקערונג און אַלע יידישע אַנשטאַלטן האָט מען אָפּגעשיקט צו דער יידישער קהילה, זי אַליין זאָל זיי אויסהאַלטן. מען איז זיך דערביי נישט באַ־גאַנגען אָן דער נאַצישער ברוטאַליטעט און סאַדיזם.

די אומגליקלעכע זענען געקומען אין דער יידישער קהילה. דאָרטן האָבן זיך יעדן טאָג אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס. אָבער די קהילה גופא האָט אַליין נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. דער יודן־ראַט איז נאָר־וואָס געשאַפן געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. ער האָט נאָך נישט געוואוסט וואָס ער מעג טאָן און וואָס נישט. דער עיקר — ער האָט נישט געהאַט קיין מיטלען, קיין געלט.

כדי קלאָר צו מאַכן אין וואָס פאַר אַ לאַגע די יידישע קהילות האָבן זיך געפונען, מוזן מיר דערציילן, ווי אַזוי די יידן־ראַטן זע־נען אַנטשטאַנען און וואָס פאַר אַ פליכטן די געסטאַפּאָ האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן. מיר וועלן אָנהויבן פון דער וואַרשעווער קהילה.

צען טעג נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, איז אָנגעקומען די אָפיציעלע געסטאַפּאָ. אייניקע געסטאַפּאָ־לייט זענען געקומען אין דער געביידע פון דער וואַרשעווער קהילה־פאַרוואַל־טונג, אויף גזשיבאָווסקע נומער 26, און האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען געקומען זוכן געווער. זיי האָבן געהייסן עפענען די קאַסע און האָבן צוגענומען 26 טויזנט זלאָטעס, וואָס זענען געווען אָנגעגרייט אויסצוצאָלן די קהילה־אָנגעשטעלטע און די לערער פאַרן חודש שכירות.

אַזוי ווי דער פאָרזיצער פון דער קהילה, מייזעל, וועלכער איז אויף דעם אַמט געווען באַשטימט פון דער רעאַקציאָנערער פּוילי־שער רעגירונג קעגן דעם ווילן פון אויסגעווײילטן קהילה־ראַט, איז נישט געווען אין וואַרשע, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט באַפוילן דעם וויצע־פאָרזיצער (אַדאַם טשערניאַקאָוו) זיך צו מעלדן אין אָפיס פון דער געסטאַפּאָ. דאָרטן האָט מען אים צוויי טעג געמאַטערט ער זאָל געבן די נעמען פון רייכע יידן, ער זאָל געבן אינפאָרמאַציע וועגן יידישע אינסטיטוציעס און יידישע כלל־טוערס. ער האָט דערביי געמוזט אויסהערן נאַצישע אַנטיסעמיטישע דרשות און נאַצישן מוסר. צום סוף האָט אים די געסטאַפּאָ געמאָלדן, אַז זי באַשטימט אים אַלס „עלטסטן" איבער דער יידישער געמיינדע. זיי האָבן אים געהייסן צושטעלן אַ צעטל פון 24 יידן, וועלכע וועלן באַשטימט ווערן אַלס „עלטסטן־ראַט", און נאָך אַ צעטל פון 24 אַלס זייערע שטעל־פאַרטרעטער. דער דאָזיקער ראַט וועט האָבן די אויפגאַבע בלויז דורכ־צופירן די באַפעלן, וואָס די געסטאַפּאָ וועט געבן אים, דעם „עלטסטן".

די ערשטע זיצונג פון „ראַט", וועלכער איז אויף דעם אופן באַשטימט געוואָרן, איז פאָרגעקומען אין מיטן אָקטאָבער. צו דער זיצונג איז געקומען אַ געסטאַפּאָ־אָפיציר מיטן נאָמען מ ע נ ד ע. ער האָט געהאַלטן אַ דרשה, ווי פאַר פאַרברעכער. דער „ראַט" האָט געמוזט זיין רעדע אויסהערן שטייענדיקערהייט. ער האָט דערקלערט, אַז דער גורל פון די יידן און פון דער קהילה געפינט זיך אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. צו קיין שום אַנדערע נאַצי־באַאַמטע טאָר זיך די קהילה נישט ווענדן. קיין שום דיסקוסיעס זאָלן דאָ נישט זיין. „ביי אונז הערשט פירער־פּרינציפּ". וואָס די געסטאַפּאָ

וועט באַפעלן, זאָל אויסגעפירט ווערן שנעל און אין אָרדנונג, „נישט אויפן יידישן שטייגער". ער, מענדע, וועט שוין זאָרגן דערפאַר, אַז די יידן זאָלן אַלע באַפעלן אויספירן אין אָרדנונג! טאָמער נישט...

די מיטגלידער פון דעם „עלטסטן־ראַט" האָבן באַקומען פון דער געסטאַפּאָ פּאַספּאָרטן־קאַרטלעך פון פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„דער... (נאָמען און פאַמיליע) איז אַ מיטגליד פון עלטסטן־ראַט פון דער יידישער קולטוס־געמיינדע אין וואַרשע, וועלכער האָט פון מיר ספּעציעל־געשטעלטע אויפגאַבן צו דערפילן.

„זיכערהייטס־פּאָליציי, איינזאַץ־גרופּע 4, אָדער גרופּענפירער. (אונטערשריפט)".

וואָס זענען עס געווען די „ספּעציעל־געשטעלטע אויפגאַבן" פון דער געסטאַפּאָ פאַרן יידישן קהילה־ראַט? צוערשט האָט מען די קהילה באַפוילן דורכצופירן אַ ציילונג פון דער יידישער באַפעלקע־רונג פון וואַרשע. עס איז געווען אַ פולשטענדיקע פאָלקס־ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, מיט פראַגע־בויגנס און מיטן גאַנצן קלאַפּערגעציייג. די פראַגע־בויגנס זענען געווען צוזאַמענגעשטעלט דורך דער געסטאַפּאָ. זי האָט געוואָלט וויסן נישט נאָר די צאָל יידן, נאָר אויך די אָפּשטאַמונג, בילדונג, פאַרמעגן און באַשעפטיקונג פון יעדן ייד. יעדער ייד אין וואַרשע האָט געדאַרפט אין אַ באַשטימטן טאָג אויספילן דעם פראַגע־בויגן און אים צושטעלן צו זיין הויז־פאַרוואַלטער, וועלכער האָט די בויגנס געדאַרפט אין אַ באַשטימטן טאָג צושטעלן אין די ספּעציעלע ציילונגס־פּונקטן. די קהילה האָט דעם גאַנצן מאַטעריאַל צוזאַמען מיט די באַאַרבעטע רעזולטאַטן גע־דאַרפט אין אַ באַשטימטן טאָג צושטעלן דער געסטאַפּאָ.

וועגן דער דאָזיקער יידישער פאָלקס־ציילונג איז אויסגעהאַנגען געוואָרן אַ פּלאַקאַט אויף דייטש, פויליש און יידיש, מיט דער אונ־טערשריפט פון דער דייטשער געסטאַפּאָ. די יידישע שפּראַך אויפן געסטאַפּאָ־פּלאַקאַט האָט אין יענע טעג אַראָפּגעשריגן פון די וואַר־שעווער ווענט, ווי אַ מאָדנער טייוולשער שפּאַס, און דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט די שרעק פון די וואַרשעווער יידן.

די גאַנצע צייט, וואָס דאָס באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל פון דער פאָלקס־ציילונג האָט געדויערט, איז דער געסטאַפּאָ־אָפיציר מענדע יעדן טאָג געקומען אין דער קהילה, קאָמאַנדעוועט, געשריגן, געזידלט און געדראָט מיט דערשיסן. אָפט פלעגט ער מיטברענגען זיינע קאָלעגן פון דער געסטאַפּאָ, וועלכע פלעגן זיך לוסטיק מאַכן איבער די יידן.

אזוי ווי דאָס גאַנצע מזומן געלט, וואָס די קהילה האָט פאַר־מאָגט, האָבן די געסטאַפּאָ־באַנדיטן ביי איר צוגערויבט בשעת זייער ערשטן וויזיט, און אַזוי ווי באַנק־דעפּאָזיטן פון דער קהילה זענען, אַלס יידישע, געווען „אַרעסטירט" און די קהילה האָט זיך מיט זיי נישט געטאָרט באַנוצן, זענען געווען שוועריקייטן מיטן באַקומען די נויטיקע סומע אויף דורכצופירן די פאָלקס־ציילונג. קוים מיט צרות האָט די געסטאַפּאָ דערלויבט דער קהילה צו קענען אַרויסנע־מען פון איר איינענעם באַנק־דעפּאָזיט די סומע, וואָס איז נויטיק געווען.

די פאָלקס־ציילונג אין וואַרשע האָט געוויזן, אַז אין וואַרשע זענען דעמאָלט געווען 361,600 יידן. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1939, נאָכדעם ווי צענדליקער טויזנטער יידן זענען געהאַט אַוועק אין דעם טייל, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען. שפּעטער אָבער זענען די דאָזיקע יידן אין די טויזנטער געקומען צוריק צו־לויפן פון דעם באָלשעוויסטישן אָקופּאַציע־געביט, און עס זענען צוגעקומען נאָך הונדערטער טויזנטער יידן, וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן דורך די נאַצים פון די שטעט און שטעטלעך פון מערב־פּוילן.

אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט, וואָס די אַרבעט אַרום דער פאָלקס־ציילונג האָט געדויערט, האָט די געסטאַפּאָ יעדן טאָג אויס־געטראַכט אַלץ נייע אויפגאַבן פאַר דער קהילה, — „אויפגאַבן", פון וועלכע איינע איז געווען שענדלעכער פאַר דער אַנדערער.

פריער האָט דער דערמאָנטער געסטאַפּאָ־אָפיציר מענדע פאַר־לאַנגט, אַז די יידישע קהילה זאָל צושטעלן די דייטשן עטלעכע געביידעם אויף איינצואָרדענען שאַנד־הייזער פאַר די דייטשע זעל־נער. צוליבן מאַנגל אין אַזעלכע שאַנד־הייזער, — האָט ער גע־טענהט, — שלעפּן זיך די דייטשן אַרום מיט אַלערליי פרויען. די געסטאַפּאָ וויל נישט, אַז די דייטשן זאָלן האָבן צו טאָן מיט יידישע פרויען, דעריבער מוז זי האָבן שאַנד־הייזער.

אין דער זעלביקער צייט האָט דער ספּעציעל־געקומענער „הויפּט פון סאַניטאַרע איינריכטונגען" ביי דער געסטאַפּאָ, אַ גע־וויסער „פּראָפעסאָר ריכטער", באַפוילן דער שטאַטישער געזונט־הייטס־אָפּטיילונג אין וואַרשע, זי זאָל צונויפרופן אַלע וואַרשעווער דאָקטוירים. דער דאָזיקער נאַצישער „פּראָפעסאָר" האָט פאַר די דאָק־טוירים געהאַלטן אַ זעלנערישע רעדע, וועלכע זיי האָבן געמוזט אויס־הערן שטייענדיקערהייט. ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן אַרבעטן אונטער זיינע באַפעלן. ווער עס וועט נישט אויספאָלגן זיינעם אַ

באַפעל, וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט. ער האָט פאַר זיי אַנט־וויקלט זיין „אַרבעטס־פּלאַן" פאַרן סאַניטאַרן צושטאַנד פון וואַר־שע: ער וועט אָרגאַניזירן מאָדערנע שאַנד־הייזער. עס איז שווער צו באַקומען פאַר דעם לאָקאַלן אין דעם חרובן וואַרשע, אָבער די געסטאַפּאָ וועט שוין געפינען...

אין פאַרניכטעטן וואַרשע, וואָס איז געפּייניקט געוואָרן פון הונגער און עפּידעמיעס, האָט דער נאַצישער „פּאַרזאָרגער" פון דער געזונטהייט געפונען איין אויפגאַבע, אין איינקלאַנג מיט דער נאַצישער „קולטור": שאַנד־הייזער, וואָס מער שאַנד־הייזער...

די יידישע קהילה האָט זיך אָפּגעזאָגט די דאָזיקע אויפגאַבע צו דערפילן. די געסטאַפּאָ האָט געמוזט אָנערקענען, אַז די קהילה איז נישט אימשטאַנד צו געפינען קיין געביידעס אין דער חרובער שטאָט, און זי איז מער נישט באַשטאַנען אויף איר פאָדערונג.

אָבער גלייך נאָכדעם האָט די געסטאַפּאָ דערלאַנגט דער קהילה אַ נייע „אויפגאַבע", וואָס איז געווען נישט ווייניקער שענדלעך, ווי די ערשטע.

אין אָנהויב נאָוועמבער האָט די געסטאַפּאָ אַרויסגערופן צו זיך דעם פאָרזיצער פון דער קהילה און אים דערקלערט, אַז אַזוי ווי עס האָט זיך באַוויזן אַן אומלעגאַלער פּוילישער פּאַטריאָטישער אויפרוף, וועלכער איז געצילט קעגן דער דייטשער גוואַלט־הער־שאַפט איבער פּוילן, פאָדערט די געסטאַפּאָ, אַז די יידישע קהילה זאָל פאַר איר אויסגעפינען דעם נאָמען פון מחבר פון דעם אויפרוף...

אויף דער טענה, אַז די קהילה ווייס דאָס נישט און קאָן דאָס נישט וויסן, האָט דער דערמאָנטער געסטאַפּאָ־אָפיציר מענדע גע־ענטפערט: „דריי הונדערט מיט זעכציק טויזנט יידן איז גענוג צו קאָנען אויסגעפינען אַזאַ זאַך"... און ער האָט באַפוילן צו רופן אַן עקסטרא זיצונג פונם ראַט און אים מיטטיילן די אויפגאַבע, מיט אַ טערמין פון 24 שעה זי אויסצופירן...

פאַרשטייט זיך, אַז די קהילה און קיינער פון די דריי הונדערט מיט זעכציק טויזנט וואַרשעווער יידן האָט דער געסטאַפּאָ **נישט** צוגעשטעלט דעם נאָמען פון דעם מחבר פון אויפרוף. דאָס איז געווען אַ פּרואוו צו צווינגען די יידישע קהילה, אַז זי זאָל טאָן שפּיאָנאַזש־אַרבעט פאַר דער געסטאַפּאָ. אַזעלכע פּרואוון האָבן זיך אָפט איי־בערגעחזרט, כאָטש די געסטאַפּאָ האָט געוואוסט, אַז יידן וועלן קיין שפּיאָנען פאַר די נאַצים נישט זיין. דאָס איז געטאָן געוואָרן צו דערני־דעריקן די יידן און זיי צו האַלטן אין אייביקער מורא.

אויף דער לעצטער, באמת שווידערלעכער זיצונג פון דער וואר־שעווער קהילה־פאַרוואַלטונג, וועלכע איך האָב בייגעוואוינט, איז די געסטאַפּאָ געקומען מיט אַ פּראָוואָקאַטאָרישער פאָדערונג צו די וואַרשעווער יידן.

ווידער האָט מען דעם קהילה־פּאָרזיצער אינמיטן דער נאַכט געשלעפּט אין דער געסטאַפּאָ. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער דאָרטן גע־מוזט וואַרטן. אין דער פרי ערשט האָט מען אים געזאָגט די פאָלגנ־דיקע געשיכטע: די געסטאַפּאָ האָט אַנטדעקט אַ פּוילישע אונטער־ערדישע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ ייד מיטן נאָמען קאַט. די געסטאַפּאָ זוכט דעם דאָזיקן קאַט, אָבער ער איז פאַרשוואונדן. די געסטאַפּאָ פאָדערט, אַז די וואַרשעווער יידן זאָלן איר אַרויסגעבן דעם קאַט. אַלס באַוואָרעניש, אַז די יידן וועלן דעם באַפעל אויספירן, האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט 150 יידן. זי וועט זיי האַלטן 48 שעה. אויב די קהילה וועט אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט נישט אַרויסגעבן קאַטן, וועט מען די אַרעסטירטע יידן דערשיסן און מען וועט נעמען נייע 150 יידן, מען וועט זיי ווידער האַלטן 48 שעה און אויב מען וועט אין די צווייטע 48 שעה נישט אַרויסגעבן דעם „פאַרברעכער", וועט מען אויך די צווייטע 150 יידן דערשיסן און מען וועט אַרעסטירן נייע 150 און אַזוי ווייטער. אַזוי לאַנג וועט מען די געשיכטע מיט אַרעסטירן און דערשיסן יעדע 48 שעה איבערחזרן, ביז די יידן וועלן צושטעלן דער געסטאַפּאָ דעם געזוכטן קאַט.

דער פּאָרזיצער האָט אונז די שרעקלעכע זאַך מיטגעטיילט אויף אַ ספּעציעלער זיצונג. דאָס האָט אונז אויפגעקלערט די כוונה פון די מאַסן־אַרעסטן, וואָס די געסטאַפּאָ האָט מיט אַ טאָג פריער געהאַט דורכגעפירט צווישן דער יידישער אינטעליגענץ אין וואַרשע.

מיר זענען געזעסן דערשלאָגענע און אויפגעברויזטע פון נייעם קלאַפּ. מיט פאַרקריצטע ציין האָבן מיר זיך אַליין באַצוואונגען צו זיין רואיק, צו רעדן געלאַסן, צו באַטראַכטן וואָס מיר האָבן צו טאָן און צו באַשליסן וואָס מיר קאָנען טאָן קעגן דער נייער בלו־טיקער גזירה.

ווען מיר זענען אַרויס אין גאַס, זענען געהאַנגען פּלאַקאַטן פון דער געסטאַפּאָ, אַז זי זוכט אַ יידן מיטן נאָמען סטאַניסלאַוו קאַט, וועלכער איז באַגאַנגען רויבערייען און אַנדערע קרימינעלע פאַרברעכנס. זי זאָגט צו אַ גרויסע באַלוינונג פאַר העלפן אים גע־פינען. אין מיטן פּלאַקאַט איז געווען אָפּגעדרוקט דאָס בילד פון „פאַרברעכער" — אַ בילד פון אַ ייִנגנמאַן, כמעט נאָך אַ קינד.

די געסטאַפּאָ האָט נישט אויסגעזאָגט די פּאָליאַקן, אַז זי זוכט „דעם ייד קאָט", ווייל ער איז אַן אָנפירער פון אַ געהיימער פּוילי־שער פּאַטריאָטישער אָרגאַניזאַציע קעגן די נאַצים, נאָר אַז דער גע־זוכטער ייד איז אַ קרימינעלער פאַרברעכער.

די געסטאַפּאָ־לייט זענען אַרומגעלאָפן אין דער יידישער געגנט און געזוכט צו אַרעסטירן יידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און אַנדערע יידן פון דער אינטעליגענץ. זיי האָבן געגרייט די צווייטע קרבנות־גרופּע פון 150 יידישע אַרעסטאַנטן, וועלכע זאָלן זיין פאַראַנטוואָרט־לעך פאַרן צושטעלן קאָטן. מאַסן־אַרעסטן זענען נאָכדעם פאָרגע־קומען צווישן וואַרשעווער יידן עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז די וואַרשעווער קהילה און קיינער פון די וואַרשעווער יידן האָט ניט געטראַכט און ניט געקענט טראַכטן וועגן צושטעלן, אָדער אפילו בלויז וועגן זוכן דעם דערמאָנטן „סטאַניסלאַוו קאָט".

די ערשטע גזירה וועגן וואַרשעווער געטאָ

דריי וואָכן נאָכדעם ווי די געסטאַפּאָ האָט באַשטימט דעם „עלטסטן־ראַט" פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע, זענען די מיטגלידער פון דעם ראַט פּלוצלונג גערופן געוואָרן אויף אַ דרינגנדיקער זי־צונג.

ס'איז געווען שבת. אין דער לופטן איז געהאַנגען די אומבאַ־שרייבלעכע אַטמאָספער פון העכסטער נערוועזיטעט, טעראָר און טויט־אַנגסט. 12 אַזייגער זענען געסטאַפּאָוועס געקומען צום פאָר־זיצער פון קהילה־ראַט און האָבן פון אים געפאָדערט, אַז אויף 4 אַזייגער זאָל ער צונויפרופן אַן עקסטרא זיצונג פונם ראַט.

פיר אַזייגער זענען פון די 24 ראַט־מיטגלידער געווען פאַר־זאַמלט נישט מער ווי זעכצן. די איבעריקע האָט מען אין פאַרלויף פון די עטלעכע שעה נישט געקענט געפינען. זענען מיר געדריקט פון שווערע פאָרגעפילן, געזעסן אין קאָנפערענץ־זאַל פון דער וואַר־שעווער יידישער קהילה. נישט דאָס ערשטע מאָל זענען מיר אויף אַזאַ אופן פּלוצלונג צוזאַמענגערופן געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. און יעדעס מאָל האָט דאָס באַדייט עפּעס אַ שווערע גזירה, אָפט־מאָל אַן עקלהאַפטע אויפגאַבע, וועלכע מיר האָבן זיך געמוזט אָפּ־זאָגן אויסצופירן. מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר שפּילן מיט פייער, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט די געסטאַפּאָ אונז דערפירן צו אַזאַ לאַגע, ווען מיר וועלן זיין געצוואונגען צו פּראָטעסטירן, און דאָס וועט דינען פאַר איר ווי אַן אויסרייד נישט נאָר אונז אַליין צו פייניקן און אפשר צו דערשיסן, נאָר אויך זיך נוקם זיין אין אַלע וואַרשעווער יידן.

זענען מיר געזעסן אין דעם האַלב־טונקעלן זאַל און געוואַרט. דעם זעלבן טאָג האָבן מיר דערהאַלטן די ידיעה, אַז אין קראָקע איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז יידן וועלן מוזן טראָגן אַ ספּעציעלן „שאַנד־צייכן" — אַ ווייסע לענטע מיט אַ בלויען מגן־דוד אויפן רעכטן אָרעם. האָבן מיר געפּרואווט טרעפן, אַז אפשר באַטייט דאָס היינטיקע צונויפרופן אונז אויך אַזאַ באַפעל פאַר וואַר־שע, וועלכן מיר וועלן מוזן דורכפירן.

אויך דאָס האָבן מיר באַטראַכט פאַר אַ שווערע, דערנידערנ־דיקע גזירה און טייל פון אונז האָבן געפּרואווט אַרויסברענגען פּלע־נער, ווי אַזוי מען זאָל זיך קעגן דעם ווערן, אויב וועגן דעם וועט זיך טאַקע האַנדלען. אָבער דאָס, וואָס די געסטאַפּאָ האָט געהאַט פאַר אונז צוגעגרייט, איז געווען נאָך פיל שרעקלעכער, איידער דאָס, וואָס מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט.

15 מינוט נאָך פיר האָט זיך פּלוצלונג אויפגעריסן די טיר פון קאָנפערענץ־זאַל און געסטאַפּאָ־לייט מיט ביקסן, רעוואָלווערן און נאַהייקעס אין די הענט האָבן זיך האַסטיק אַריינגעריסן אין צימער. זיי זענען געווען אַ מאַן אַכט. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום אונז אין אַ האַלבן קרייז און מיט פינצטערע, רשעותדיקע גע־זיכטער האָבן זיי אונז שטומערהייט באַטראַכט. זייער אַריינקום איז געווען אַזוי האַסטיק, אַז די זעכצן יידן, וועלכע זענען געזעסן אַרום דעם לאַנגן קאָנפערענץ־טיש, האָבן זיך איינציקווייז אויפגעשטעלט פון די ערטער. אַ לאַנגע צייט האָט אָנגעהאַלטן אַ פּייניקנדיקע, דריקנדיקע שטילקייט. עס זענען געשטאַנען אַרום טיש אַלטע יידן מיט בערד, פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער יידישער אָרטאָדאָקסיע; עס זענען געשטאַנען אייראָפּעאיש־געקליידעטע פאָרשטייער פון די יידישע סוחרים, אייניקע יידישע אינטעליגענטן, עס איז געשטאַנען אַ באַוואוסטער אַלטער יידישער היסטאָריקער *) וועלכער איז געווען איינער פון קהילה־ראַט, און עס איז געשטאַנען אַ פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער.

די געסטאַפּאָ־לייט שטייען אַלץ שטום, קוקן יעדן אין פּנים מיט אַ פינצטערן בליק, ביי מאַנכע פון זיי מערקט זיך אַ ביטערע בייז שמייכעלע אויף די ליפּן. ענדלעך האָט זיך איינער פון זיי אָנ־געריפן מיט אַן אויסגעשריי, ווי צו רעקרוטן אין קאַזאַרמע:

— זענען אַלע דאָ?

דער פאָרזיצער האָט אים דערלאַנגט דעם צעטל פון די ראַט־מיטגלידער און ער האָט גענומען אויסרופן די נעמען. גראָד איז דער נאָמען פון דעם אַלטן געלערנטן היסטאָריקער געווען אויפן ערשטן פּלאַץ און דער אַלטער מאַן האָט שטיל געענטפערט: „יאָ". דער געסטאַפּאָ־יינג האָט מיט אַ רציחה אַ געשריי געטאָן: „היר, דאַרף מען זאָגן!". און דער אַלטער האָט געמוזט הויך אויסרופן דאָס וואָרט: — „היר". נאָך אים האָבן אַלע, וועמענס נעמען עס זענען אויסגערופן געוואָרן, אויף דעם זעלבן אופן געמוזט זיך אָפּ־

*) פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן.

רופן, גלייך זיי וואָלטן געווען רעקרוטן אין א קאַזאַרמע אָדער פאַרברעכער.

נאָכן אויסרופן די נעמען זענען די געסטאַפּאָ־לייט אוועק מיטן פאַרזיצער אין זיין קאַבינעט פעסטצושטעלן ווער עס פעלט. מיר זענען ווידער געבליבן זיצן און געוואַרט א פערטל שעה. וועגן וואָס עס גייט האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געוואוסט, אָבער די נאַר־וואָס איבערגעלעבטע סצענע האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. אַלע זענען נאָך געווען אונטער איר טיפן איינדרוק. אָט זעצט זיך דער פאַר־שטייער פון די פרומע יידן לאַנגזאַם צוריק אויף זיין פּלאַץ און זיין פּנים און באָרד ציטערן פון אויפטרייסלונג. איינער פון די אָנגעזעענסטע וואַרשעווער סוחרים *) זאָגט פּלוצלונג אין דער שטיל־קייט: — איך האָב מיך גלייך נישט געריכט נאָך היינט צו קאָנען שלאָפן אין מיין בעט. זעט איר, איך האָב מיר מיטגענומען א צאָן־בערשטל און א האַנטוך... — און ער שלעפּט ארויס פון טאַש די דאָזיקע זאַכן און באַווייזט זיי אַלעמען.

נאָך 15 מינוט וואַרטן האָט זיך ווידער געעפנט די טיר און ס׳איז אריינגעקומען א געסטאַפּאָ־אָפיציר. ער האָט דערקלערט דאָס פאָלגנדיקע: — הערט זיך אויפמערקזאַם צו. דער ראַט באַשטייט פון 24 מיטגלידער און 24 פאַרטרעטער. דאָ זענען אַנוועזנד נאָר 16. איך גיב אייך א האַלבע שעה צייט צו ברענגען אַלע אַנדערע. 48 יידן מוזן דאָ זיין. יעדע דיסקוסיע וועגן דעם איז אויסגעשלאָסן. באַפעל איז באַפעל.

דער געסטאַפּאָ־אָפיציר איז ארויס. דער פאַרזיצער פון קהילה־ראַט איז צוריק אריינגעקומען און מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וואָס צו טאָן. דער פאַרשטייער פון די יידישע ארבעטער האָט פאָר־געלייגט מען זאָל גאָרנישט טאָן, מען זאָל פּשוט דערקלערן, אז דער פאַרזיצער האָט אויסגעפירט דעם באַפעל פון געסטאַפּאָ, ער האָט אַלעמען געשיקט איינלאַדונגען צו דער זיצונג, אָבער אַזוי ווי די מיטגלידער פון קהילה־ראַט קאָנען דאָך נישט זיצן א גאַנצן טאָג אין זייערע היימען, האָבן א סך פון זיי די איינלאַדונג נישט באַ־קומען און זיי ווייסן נישט וועגן דער זיצונג.

די איבעריקע מיטגלידער האָבן אָבער נישט מסכים געווען: „לאָמיר נישט צופיל רייצן די רשעים״, — האָבן זיי געזאָגט. עס איז דעריבער געבליבן, מען זאָל צונויפשטעלן א פולע צאָל מיט־

---

*) אַברהם געפּנער.

גלידער פון „עלטסטן־ראט", צוציענדיק צופעליקע יידן, וועלכע מען וועט נאָר קאָנען געפינען.

מען האָט אַריינגערופן אַלע אָנוועזנדיקע באַאמטע פון דער יידישער קהילה, מען האָט פון גאַס אַריינגערופן אייניקע יידן, וועלכע זענען צופעליק פאַרבייגעגאַנגען און אויך די יידן, וועלכע האָבן אין שכנות מיט דער קהילה־געביידע פאַרמאָגט לוויה־ביוראָס.

מען האָט דעם געסטאַפּאָ־לייטענאַנט צוגעשטעלט דעם צעטל פון די אָנוועזנדיקע, צווישן וועלכע מער ווי העלפט זענען געווען צופעליקע יידן. ער האָט קיין צעטל פון די ראַט־מיטגלידער מיט זיך נישט געהאַט און ער האָט אָנגענומען פאַר גוט דעם צעטל, וואָס מ'האָט אים צוגעשטעלט. ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן אַריין אין גרויסן זיצונג־זאַל פון דער קהילה און זאָלן זיך אויסשטעלן אין צוויי רייען: באַזונדער די אַקטיווע מיטגלידער און באַזונדער די פאַרטרעטער פונם ראַט.

אַ היבשע ווייל זענען מיר אַזוי געשטאַנען אויסגעשטעלט אין דעם גרויסן זיצונג־זאַל פון דער קהילה און געוואַרט, עס האָט זיך געעפנט די טיר און אין זאַל זענען אַריין אַ מאַן פופציק מונדירטע געסטאַפּאָ־לייט מיט דעם אָפיציר אין דער שפּיץ. אַלע האָבן געהאַט רעוואָלווערן און נאַהייקעס אין די הענט. צווישן זיי זענען אויך געווען צוויי ציוויל־געקליידעטע, וועלכע האָבן גערעדט פּויליש.

אַ לאַנגע ווייל זענען מיר אַזוי געשטאַנען שטיל: די צוויי רייען יידן, אויסגעשטעלט לענג־אויס דעם האַלב־טונקעלן זאַל און אין מיטן — די גרופּע געסטאַפּאָ־לייט. די רוצחים און די קרבנות האָבן שטום זיך געמאָסטן מיט די בליקן, און אויף אונז האָבן פון די ווענט אַראָפּגעקוקט די פּאָרטרעטן פון דורות וואַרשעווער רבנים. מאַנכע געסטאַפּאָ־לייט האָבן אָנגעשפּאַרט זייערע הענט אויף די באַקעס און האָבן זיך געוויגט אויף זייערע גלאַנציקע שטיוול, קוקנדיק אַרום מיט אַ חוזקדיקן און דראָענדיקן שמייכל. אַנדערע האָבן געהאַט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. אייניקע מאָל האָבן די אַפּאַראַטן אויפגעבליצט: זיי האָבן פאָטאָגראַפירט די סצענע. לאַנג זענען מיר אַזוי געשטאַנען און געוואַרט אויף אונזער גורל.

ענדלעך האָט זיך דער אָפיציר אָנגערופן מיט אַ באַפעלנדיקער שטימע · הערט זיך איין יידן, מיט אויפמערקזאַמקייט! די קאָמענדאַנטור האָט צוליב געוויסע סיבות באַשלאָסן צו פאַראָרדנען דאָס פאָלגנדיקע: אַלע יידן פון גאַנץ וואַרשע מוזן זיך ביז דינסטאָג אין דער פרי אַרויסציען פון זייערע וואוינונגען און אַריינציען זיך אין די גאַסן, וועלכע ווערן באַשטימט אַלס געטאָ פאַר די יידן". — און

ער האָט געוויזן אַ מאַפּע פון וואַרשע, אין וועלכער די עטלעכע גאַסן, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן אַלס ייִדישער געטאָ, זענען געווען אַרומגעצייכנט מיט אַ רויטן בלייַשטיפט.

„ווי אַ גאַראַנטיע, אַז דער באַפעל וועט פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן, ווערן אַלע 24 פאַרטרעטער גענומען אַלס משכנות. זיי זענען מיט זייערע קעפּ פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר. אויך איר אַלע, די אַקטיווע מיטגלידער פון ראַט, זענט מיט אייערע קעפּ פאַראַנטוואָרט־לעך. אָבער אייך נעמען מיר דערווייל נישט, ווייל עס מוז דאָך זיין ווער עס זאָל אויספירן אונזער באַפעל".

און באַלד האָבן די געסטאַפּאָ־לייט אַרומגערינגלט די 24 גאַנץ צופעליקע ייִדן, האָבן אַרויסגעגעבן דעם באַפעל: „רעכטס־אום, מאַרש!" און זיי האָבן די ייִדן אַרויסגעפירט פון זאַל. אונטן האָבן שוין אויף זיי געוואַרט לאַסט־אויטאָמאָבילן, אין וועלכע מען האָט די ייִדן אַרויסגעפירט. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט אפילו נישט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און וואָס מען וויל פון זיי.

נאָכדעם ווי די געסטאַפּאָ־לייט זענען אַוועק, זענען מיר אַלע אַ לענגערע צייט געשטאַנען דערשלאָגענע. ביים פאָרזיצער אין די הענט איז געבליבן די מאַפּע פון וואַרשע. נאָכדעם האָבן פּלוצלונג אַלע אויף אַמאָל גענומען רעדן, אויספרעגן זיך איינער ביים אַנדערן ווי אַזוי האָט ער דאָס פאַרשטאַנען, וואָס מען דאַרף טאָן. מאַנכע האָבן שוין אָנגעהויבן געבן פּראַקטישע עצות, ווי אַזוי דעם באַפעל דורכצופירן.

אָבער דער זייגער איז שוין געווען נאָענט צו 7. גיין אין גאַס האָט מען געמעגט נאָר ביז 7 אָוונט. ס'איז געבליבן מיר זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין, איבערשלאָפן מיט דער צרה און מאָרגן 8 פרי זאָלן מיר זיך צונויפקומען, כדי צו באַטראַכטן די לאַגע.

צומאָרגנס אין דער פרי זענען מיר זיך צונויפגעקומען מידע, דענערווירטע און נישט אויסגעשלאָפענע.

די געטאָ־גזירה האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן ביז דינסטאָג, אין פאַרלויף פון צוויי טעג. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די צאָל ייִדן, וועלכע איז געטראָפן פון דעם געסטאַפּאָ־באַפעל און וועט זיך דאַרפן אַרויסציען פון די אַלטע וואוינונגען, באַטרעפט איבער 80 טויזנט. קיין אָפיציעלן באַפעל וועגן דעם האָט די נאַצי־מאַכט נישט פאַרעפנטלעכט. דאָס הייסט, אַז די געסטאַפּאָ צווינגט די ייִדישע קהילה, אַז זי זאָל פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג אַליין איינפירן אַ געטאָ. צי דאַרף מען דאָס טאָן?

דער פאָרשטייער פון די אַרבעטער (ש. מ. זיגעלבוים) האָט פאָרגעלייגט, אַז די קהילה זאָל זיך אָפּזאָגן פון אויספירן דעם דאָזיקן באַפעל. ס'איז אַ טראַגישער, אַ געפערלעכער מאָמענט. מיר טאָרן נישט גיין אין געטאָ אָן אַ פּרואוו זיך צו ווערן קעגן דעם. וואָס פאַר אַ פאַרענטפערונג וועלן מיר האָבן פאַר די יידן פון היינט און פאַר אונזערע קינדער אין דער צוקונפט? לאָמיר אַלע צוזאַמען אַוועקגיין אין דער געסטאַפּאָ און מעלדן, אַז מיר קענען דעם באַפעל נישט אויספירן און זאָל די געסטאַפּאָ טאָן מיט אונז וואָס זי וויל.

דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פון אייניקע ראַט־מיטגלידער. די מערהייט האָט געגלויבט, אַז מיר קענען אויף אַזאַ וועג נישט גיין. מאַנכע האָבן אויפגעהויבן די פראַגע: וואָס וועט זיין, אויב מיר וועלן אַליין די גזירה נישט דורכפירן? נאַצי־זעלנער וועלן קומען אין יידישע הייזער, מיט גוואַלט אַרויסוואַרפן די יידן פון זייערע וואוינונגען. וואָס וועלן זיי טאָן מיט אונזערע פרויען און קינדער?

ס'איז געווען אַ טראַגישע זיצונג. פיל האָבן געוויינט. ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ פאָרשלאָג, מען זאָל אַוועקשיקן אַ דעלעגאַציע צו דער העכסטער דייטשער מאַכט אין שטאָט — צום דעמאָלסטדיקן דייטשן קאָמענדאַנט, גענעראַל נויראַט, און אים אויפקלערן, אַז סיי פאָרמעל און סיי פּראַקטיש לאָזט זיך דער באַפעל נישט דורכפירן. ס'איז נישט מעגלעך צו באַקומען אַזאַ גרויסע צאָל וואוינונגען אין די עטלעכע יידישע גאַסן און געסלעך, ספּעציעל נאָך ווען אַזוי פיל הייזער זענען צעשאָסן געוואָרן.

די ראַט־מיטגלידער האָבן זיך אויך פאַר דעם דאָזיקן פאָרשלאָג געשראָקן, ווייל די געסטאַפּאָ האָט עטלעכע מאָל געמאָלדן, אַז די יידן טאָרן זיך נישט ווענדן צו קיינעם, אחוץ צו איר. די לאַגע איז אָבער געווען אַזוי ערנסט, אַז דער קהילה־ראַט האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. אַ דעלעגאַציע איז אויסגעקליבן געוואָרן און זי איז אַוועק צום דייטשן מיליטער־קאָמענדאַנט.

צומאָרגנס פרי זענען מיר זיך ווידער צוזאַמענגעקומען אויף אַ זיצונג, כאָטש דעם גאַנצן פאַרגאַנגענעם טאָג איז קיינער אַהיים נישט געגאַנגען. במשך פון דער צייט זענען צווישן די ראַט־מיטגלידער אָנגעגאַנגען שטרייטן, צי זאָל מען דערווייל אָננעמען פּראַקטישע מיטלען, כּדי צו קאָנען די גזירה דורכפירן.

די דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען און האָט צומאָרגנס פרי אויף דער זיצונג אָפּגעגעבן איר באַריכט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אחוץ דער געסטאַפּאָ, האָט קיינער פון די הויכע דייטשע באַאַמטע

פון דער גאַנצער מעשה נישט געוואוסט. עס איז געווען אַן אויפטו בלויז פון די געסטאַפּאָ־באַאַמטע. די דעלעגאַציע האָט אויך גע־שילדערט פאַר דעם דייטשן גענעראַל די סאַניטאַרע לאַגע פון דער שטאָט. עס בושעווען מגפות. דאָס איינפירן דעם געטאָ וואָלט גע־מוזט אין אַן אומגעהויערער מאָס פאַרגרעסערן דאָס פאַרשפּרייטן די עפּידעמיעס. דער גענעראַל האָט צוגעזאָגט דער דעלעגאַציע זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער געסטאַפּאָ און ער האָט געראָטן דערווייל גאָרנישט צו טאָן ביז די קהילה וועט באַקומען אַ נייעם באַפעל.

אין דעם מאָמענט ווען מיר האָבן אויסגעהערט דעם באַ־ריכט פון דער דעלעגאַציע, איז געקומען אַ שליח פון דער געסטאַפּאָ און באַפוילן דעם פאָרזיצער פון קהילה־ראַט זיך צו מעלדן אין דער געסטאַפּאָ 4 אַזייגער נאָכמיטאָג. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער וועט דאָרטן האָבן אַ פּיינלעכע דערפאַרונג און מיר האָבן נישט געוואָלט לאָזן אים אַליין גיין. מיר האָבן געפּועלט ביי ד"ר שאָשקעס, מיטצוגיין מיט דעם פאָרזיצער. די ביידע האָבן אונז שפּעטער איבערגעגעבן די שרעקלעכע סצענע, וואָס זיי האָבן געמוזט איבערלעבן אין דער געסטאַפּאָ. עס האָט זיי אויפגענומען אַן „אָבער־גרופּן־פירער" מיטן נאָמען באַץ. איבער אַ שעה האָט ער געשטורעמט מיט שרעקלעכער רציחה, געפּאַטשט מיט אַ נאַהייקע איבער זייערע קעפּ, געקלאַפּט מיט איר אָן טיש און צעבראָכן אַלע טינטערס: ווי האָבן זיי געוואַגט צו גיין צו אַן אַנדערן באַאַמטן? האָט ער זיי דען נישט געוואָרנט, אַז זיי טאָרן צו קיינעם נישט גיין? אַז ער איז דער באַלעבאָס איבערן לעבן און טויט פון די יידן? ער וועט זיי צעשיסן, אויסראָטן.

נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעלאָדן זיין כּעס, איז ער פונדעסט־וועגן ווייכער געוואָרן. ער האָט פאַרגרעסערט דעם געטאָ מיט איי־ניקע גאַסן און האָט פאַרלענגערט דעם טערמין דורכצופירן דעם באַפעל ביז מיטוואָך, דערביי האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט אַרויס־געבן אַן עפנטלעכן באַפעל וועגן דעם. נאָכן אויסהערן דעם דאָזיקן באַריכט האָט דער קהילה־ראַט באַשלאָסן צוצוטרעטן פּראַקטיש דורכ־צופירן די גזירה. אַ ספּעציעל אויסגעקליבענע קאָמיסיע האָט געגרייט צעטלען פון די גאַסן, פון וועלכע די יידן מוזן זיך אַרויסציען, און פון יענע גאַסן אין וועלכע די יידן דאַרפן זיך אַריינציען. מען האָט אָרגאַניזירט אַ קערפּערשאַפט פון עטלעכע הונדערט יינגעלייט, וועלכע האָבן געדאַרפט גיין פון הויז צו הויז און אָנזאָגן דער יידישער באַפעלקערונג די „גוטע בשורה" און געבן איר די נויטיקע אינ־פאָרמאַציעס.

הגם עס זענען קיין צייטונגען און קיין ראַדיאָס נישט געווען, האָט זיך די ידיעה וועגן דער געטאָ־גזירה בליץ־שנעל פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און האָט אַרויסגערופן אַ גוואַל־טיקע פּאַניק. טויזנטער מענטשן האָבן זיך געזאַמלט פאַר דער קהילה־געביידע און געפאָדערט מען זאָל זיי זאָגן גענוי וואוהין זיי דאַרפן זיך ציען, מען זאָל זיי העלפן געפינען דירות, מען זאָל זיי באַשיצן, אַז זייער ביסל האָב און גוטס זאָל דורך די דייטשן נישט צערויבט ווערן בשעת זיי וועלן עס מוזן פירן פון איין הויז אין צווייטן דורך די גאַסן פון וואַרשע. מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן די נערוועזי־טעט און עס איז געוואַקסן די צאָל יידן, וועלכע האָבן באַלאַגערט די קהילה־געביידע. טויזנטער מענטשן, דער עיקר די פאַרמעגלעכע, האָבן נישט געוואָלט וואַרטן און זענען געלאָפן אין די יידישע גאַסן זוכן פאַר זיך וואוינונגען.

צווישן די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער קהילה איז דער־ווייל ווייטער אָנגעגאַנגען דער שטרייט, צי זאָל מען די גזירה דורכ־פירן אָדער נישט. דער פאָרשטייער פון די אַרבעטער האָט זיך אַלץ אַנטקעגנגעשטעלט. די געסטאַפּאָ האָט ווייטער עפּנטלעך די גזירה נישט געמאָלדן. זי האָט נאָר דערקלערט, אַז זי וועט עס טאָן. עס איז געקומען דער פאַרלעצטער טאָג פון דעם טערמין, ביז וועלכן די גזירה האָט געזאָלט דורכגעפירט ווערן. די נערוון־שפּאַנונג האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. פאַר דער קהילה־געביידע איז געווען פאַרזאַמלט גלייך פון אינדערפרי אָן אַ ריזיקע מאַסע יידן, וואָס האָט געוואַרט אויף נייעס. דעלעגאַציעס פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג זענען נאָך אַלץ געגאַנגען צו פאַרשידענע הויכע באַאַמטע פון דער געסטאַפּאָ און געפּרואווט אויסדינגען נאָך אַ גאַס און נאָך אַ גאַס, מיט וועלכע דער געטאָ זאָל אויסגעברייטערט ווערן, ווייל די געסטאַפּאָ האָט אין איר באַפעל אויסגעשלאָסן פון געטאָ אַזעלכע ריין־יידישע גאַסן, ווי פּאַנסקע, שליסקע און ענלעכע.

אין מיטן טאָג איז די נערוועזיטעט פון דער פאַרזאַמלטער מאַסע יידן אויף דער גאַס דערגאַנגען צו אַזאַ שטופע, אַז עס האָט זיך נעדאַכט, אַז מען וועט צעטראָגן די געביידע. דעמאָלט האָט זיך דער פאָרשטייער פון די אַרבעטער (ש. מ. זיגעלבוים) אַנטשלאָסן אויף אַ געוואָגטער זאַך: מיטנעמענדיק הער שאָשקעס, האָט ער אים פאַר־געלייגט מען זאָל רעדן צום עולם און אים באַרואיקן. נאָכדעם ווי שאָשקעס האָט געגעבן דעם עולם אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע, האָט דער אַרבעטער־פאָרטרעטער זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער גאַס און געהאַלטן אַ רעדע צו די איבער צען טויזנט יידן, וועלכע זענען

דאָרט געווען פאַרזאַמלט. ער האָט זיי געמונטערט און געטרייסט, ער האָט זיי געמוטיקט און געוועקט זייער ווירדע, ער האָט זיי גע־רופן צו בלייבן אין זייערע וואוינונגען, ביז מען וועט זיי נישט מיט גוואַלט אַרויסוואַרפן. קיינער זאָל פרייוויליק אין געטאָ נישט גיין.

גלייך נאָך דעם איז פאָרגעקומען אַ נייע זיצונג פון קהילה־ראַט, וועלכע איז געווען פול מיט טראַגיזם. אין דעם גרויסן זאַל זענען געווען פאַרזאַמלט אַ 400 יינגעלייט, וועלכע מען האָט גע־זאָלט אַרויסשיקן איבער די יידישע הייזער צו מעלדן וועגן איינ־פירן דעם געטאָ. דער פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער האָט אויף דער זיצונג פון קהילה־ראַט אָנגעווענדט זיין גאַנצע איבערצייגונגס־קראַפט צו פועלן מען זאָל עס נישט טאָן. ס'איז געווען דער לעצטער אַנטשיידנדיקער מאָמענט. די מערהייט פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אויס מורא, אַז די יידישע מאַסן וועט טרעפן נאָך אַ גרעסערער אומ־גליק אויב די יידן אַליין וועלן די גזירה נישט אויספירן, האָט זיך נישט געשטעלט אויף זיין שטאַנדפונקט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן די יינגעלייט דאָך פאַנאַנדערצושיקן איבער די יידישע הייזער. דער אַרבעטער־פאָרשטייער (ש. מ. זיגעלבוים — רעד.) האָט דאַן אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, וואָס האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט:

„עס איז דאָ געפאַלן אַ היסטאָרישער באַשלוס, — האָט ער געזאָגט. — איך בין, ווייזט אויס, געווען צו שוואַך, כדי אייך צו איבערצייגן, אַז מיר טאָרן דאָס נישט טאָן. איך פיל אָבער ביי זיך נישט גענוג מאָראַלישע כוחות צו קאָנען אין דער זאַך אַנטייל־נעמען. איך פיל, אַז איך וואָלט קיין רעכט נישט געהאַט צו לעבן ווייטער, אויב דער געטאָ זאָל איינגעפירט ווערן און מיין קאָפּ זאָל דערביי בלייבן גאַנץ. איך דערקלער דעריבער, אַז איך לייג מיין מאַנ־דאַט. איך ווייס, אַז עס וועט זיין די פליכט פון פאָרזיצער תיכף וועגן מיין רעזיגנאַציע צו מעלדן דער געסטאַפּאָ און איך רעכן זיך מיט די קאָנסעקווענצן, וואָס דאָס קען האָבן פאַר מיר פערזענלעך. איך קאָן אָבער אַנדערש נישט האַנדלען".

דאַן איז געקומען אַן איבערראַשונג, וואָס קיינער האָט נישט דערוואַרט. צומאָרגנס אינדערפרי איז דער פאָרזיצער פון דער קהילה אַוועק צו אַ העכערן געסטאַפּאָ־באַאַמטן און ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער אויבנדערמאָנטער נאַצי־באַאַמטער באַץ, וועלכער איז געווען דער מחבר פון דער גזירה, איז פלוצלונג אַרויסגערופן געוואָרן קיין בערלין. דער העכערער געסטאַפּאָ־באַאַמטער האָט גע־מאָלדן, אַז ער לייגט אָפּ די גזירה אויף נאָך אַ וואָך. און נאָך דער

וואָך האָט די געסטאַפּאָ געמאָלדן דער יידישער קהילה, אַז די געטאָ־גזירה ווערט אָפּגעלייגט אויף „מערערע מאָנאַטן".

די גזירה וועגן געטאָ אין וואַרשע, אין דער פאָרם ווי ס'איז פריער דערמאָנט געוואָרן, האָט זיך מער נישט איבערגעחזרט. אָבער פּאַקטיש האָט זיך אין די שפּעטערדיקע חדשים איינגעשטעלט אַ געטאָ פון די וואַרשעווער יידן, הגם אָן אַן אָפיציעלן געטאָ־באַפעל.

דאָס כאַפּן אויף אַרבעט, דאָס רויבן אין די גאַסן, דאָס אַרויסוואַרפן פון די וואוינונגען, דאָס מוזן טראָגן אַ ספּעציעלן יידן־צייכן — האָבן פאַר יידן שווער געמאַכט דאָס גיין און וואוינען אין די נישט־יידישע גאַסן: דאָרטן האָט זיך יעדער ייד באַזונדער מער געוואָרפן אין די אויגן. אין די קריסטלעכע גאַסן האָבן זיך די נאַצי־רויבער געריכט צו געפינען רייכערע יידן און זיי האָבן געניטער אויסגעזוכט יעדע יידישע וואוינונג. אַ סך יידן האָבן דעריבער אַליין זיך אַרויסגעצויגן פון די קריסטלעכע גאַסן און זענען געקומען צו קרובים און פריינד אין די יידישע גאַסן. אין דער דאָזיקער שווערער און ביטערער צייט האָבן די יידן געוואָלט זיך האַלטן צוזאַמען, טו־ליען זיך איינער צום אַנדערן.

אָבער אַחוץ דעם האָבן די דייטשן אויסגענוצט די טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט געבושעוועט די גאַנצע צייט אין דער געדיכט־באַוואוינטער יידישער געגנט. זיי האָבן די יידישע גאַסן אָפּגעצוימט אַלס געפערלעכע מגפה־געגנט. נאָך אין אָקטאָבער 1939 האָט די היטלעריסטישע „סאַניטאַר־מאַכט" געהייסן אָפּצוימען מיט שטעכיקן דראָט די אויסגאַנגען פון דער יידישער געגנט. אַזוי האָט מען אין איין שיינעם פרימאָרגן געפונען פאַרצוימט אַזוינע יידישע גאַסן, ווי שעננע, זלאָטע, פּרוזשנע א"א. אין דעצעמבער האָט מען געצוואונגען די יידישע קהילה זי זאָל מאַכן 34 אויפשריפטן אויף הילצערנע טאָוולען: „אַכטונג, עפּידעמיע־געגנט". די דאָזיקע טאָוולען, אַרויפגעקלאַפּטע אויף הילצערנע סלופּעס, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר 34 גאַסן, וועלכע פירן אין דער יידישער געגנט. לעבן די דאָזיקע סלופּעס האָט די דייטשע מיליטער־מאַכט אויסגעקלעפּט וואָר־נונגען צו די דייטשע זעלנער, זיי זאָלן זיך היטן פאַר די דאָזיקע „פאַרפּעסטעטע גאַסן".

דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געשטערט די געסטאַפּאָ־לייט און אַנדערע דייטשן גאַנצע טעג צו רויבן אין דער יידישער געגנט. אונטערן אויסרייד פון קאַמף מיט דער עפּידעמיע פלעגט מען אָפט אָפּשליסן גאַנצע יידישע גאַסן און צוויי וואָכן צייט קיינעם נישט דערלויבן אַרויסצוגיין פון שטוב.

ערשט שפעטער — אין אפריל און מאי 1940 — האָט מען פאַראָרדנט די 34 אויסגאַנגען פון דער יידישער געגנט איינגאַנצן צו פאַרמויערן, כּדי די יידן זאָלן וואָס ווייניקער קענען אַרויסקומען פון זייערע גאַסן אין די קריסטלעכע. אַזוי אַרום איז פּאַקטיש גע־שאַפן געוואָרן אַ געטאָ נאָך איידער ער איז שפּעטער אָפיציעל און פולשטענדיק איינגעשטעלט געוואָרן.

עפּידעמיעס און שפּיטאָלן

איינע פון די אויפגאבן וואָס היטלערס געסטאַפּאָ האָט זיך געשטעלט, איז געווען צו באַרויבן די יידישע באַפעלקערונג, צו גזלענען כּסדר און ניט לאָזן דעם אָטעם אָפּכאַפּן. און איינער פון די מיטלען איז געווען — ארויפלייגן געלט־קאָנטריבוציעס.

די קהילה האָט זיך געווענדט מיט פאָרשלאָגן צו דער געסטאַפּאָ, אַז מען זאָל איר דערלויבן צו געניסן פון די „ארעסטירטע" געלטער פון יידן אין די באַנקען, אָבער די פאָרשלאָגן זענען געבליבן אָן ענטפער. ס'איז געווען גאַנץ קלאָר, אַז מען וויל נישט איינאָרדענען דאָס יידישע לעבן, אפילו לויטן היטלעריסטישן שטייגער, ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין דייטשלאַנד גופא, נאָר מען האָט בדעה אויסצורויבן, צעשטערן און פאַרניכטן דאָס יידישע לעבן אין פוילן.

אָפיציעל איז געווען דער באַלעבאָס איבער אונז די געסטאַפּאָ, וועלכע האָט אָפן איגנאָרירט אַלע אַנדערע צווייגן פון דער דייטשער מאַכט אין פוילן און האָט דערקלערט, אַז די יידן קאָנען קעגן אירע באַפעלן ניט אַפּעלירן אפילו צום גענעראַל־גאָווערנאָר איבערן אָקו־פּירטן פוילן.

אָבער אין דער געסטאַפּאָ גופא איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן פאַרשידענע פאַרשוינען, ווער עס זאָל זיין דער האר איבער די יידן. די געסטאַפּאָ־לייט פלעגן דערביי שפּיאָנירן איינער דעם אַנדערן און קעגנזייטיק זיך אונטערשטעלן פיסלעך. אַלס ביישפּיל וועל איך דאָ איבערגעבן דאָס פאָלגנדע:

אַ פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה איז ארויסגערופן גע־וואָרן אין אָפיס פון דער געסטאַפּאָ. ווען ער איז אהין געקומען, האָט אים אַ געסטאַפּאָ־אָפיציר אַריינגענומען צו זיך און דער־קלערט, אַז ער נעמט איבער די אויפזיכט איבער דער קהילה, וועל־כע דאַרף זיך רעכענען נאָר מיט זיינע באַפעלן. ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים אין פאַרלויף פון אַ טאָג צושטעלן אַ באַריכט פון די פאַרשידענע טעטיקייטן פון דער קהילה און וועגן אירע נייע פּראָיעקטן.

ווען דער קהילה־פּאַרשטייער האָט אים געפּרואווט זאָגן, אַז דאָס זעלבע האָט שוין פריער דערקלערט אַן אַנדערער געסטאַפּאָ־אָפיציר, אַז נאָר יענער איז דער באַלעבאָס איבער דער קהילה, — האָט דער לעצטער גענומען קלאַפּן אין טיש מיט אַ שרעקלעכער רציחה: צי וויל דער ייד אים לערנען? אָדער וויל ער איגנאָרירן, אַקעגנשטעלן זיך זיינע באַפעלן?... „אויספירן דעם באַפעל און נישט טענהן, פאַרפלוכטער יודע!"

ווען דער קהילה־פּאַרשטייער איז אַרויס פון דעם צעבייזערטן געסטאַפּאָ־אָפיציר, האָט אים אַריינגערופן צו זיך אַ צווייטער געסטאַפּאָ־אָפיציר — דער וועלכער איז שוין איינציקע מאָל געהאַט געווען אין דער קהילה מיט באַפעלן. דער האָט געגעבן פּונקט די זעלבע באַפעלן, וואָס דער ערשטער: נאָר ער איז דער באַלעבאָס איבער דער קהילה, נאָר אים זאָל מען צושטעלן די באַריכטן און נאָר זיינע באַפעלן זאָל מען פאָלגן... ווען דער ייד האָט אים דערציילט, אַז נאָר־וואָס האָט גאָר אַן אַנדערער פון אים דאָס זעלבע געפאָדערט, איז דער צווייטער אויפגעשפּרונגען:

„ווער איז דאָס?" האָט ער געפרעגט. ווען ער איז דערגאַנגען ווער עס קריכט אים „אין דער פּרנסה אַריין", האָט ער געקריצט מיט די ציין: „איך וועל אים ווייזן!" „איך וועל אים שוין ליקווידירן!"...

אַז דער יידישער קהילה־פּאַרשטייער איז אַרויס פונם צווייטן געסטאַפּאָ־אָפיציר, האָט שוין אַ דריטער געוואַרט אויף אים אין קאָרידאָר. דער דריטער האָט אים אויך אַריינגענומען צו זיך אין צימער, האָט פאַרמאַכט די טיר און האָט געהייסן, אַז דער ייד זאָל אים גענוי דערציילן וועגן וואָס די ערשטע צוויי האָבן מיט אים גערעדט.

אָט אַזוי איז פאָרגעקומען דער קאַמף צווישן די געסטאַפּאָ־באַנדיטן איבער די יידן, און די יידן זענען געוואָרן דערביי טאָפּלט און דרייפאַך געפייניקט.

ווי אַזוי האָט די קהילה געאַרבעט אונטער אַזעלכע אומשטענדן? פון וואַנען האָט די קהילה פונדעסטוועגן גענומען געלט אויף צו דעקן אירע גאַנץ גרויסע אויסגאַבן? קודם־כל פונם אומגליק, פון דער מגפה, פון דער אומגעהויערער גרויסער שטערבלעכקייט, וואָס איז ביי די וואַרשעווער יידן געוואָרן צוואַנציק־פאַך גרעסער, ווי זי איז געווען נאָרמאַל, פאַר דער מלחמה. דער איינציקער קוואַל פון נאָרמאַלן איינקונפט איז געווען די בית־עולם־אָפּטיילונג. די געסטאַפּאָ האָט שוין געזאָרגט, אַז אַפילו שטאַרבן זאָל אַ ייד ניט קאָנען צו־

גלייך מיט אַן אריער. זי האָט באַשטימט אַן אָפּצאָל פאַר באַגראָבן אַ טויטן. פאַר קריסטן האָט זי באַשטימט אַ פיל קלענערן אָפּצאָל, ווי פאַר יידן. אויפן גענשער בית־עולם מוז מען באַצאָלן 500 זלאָטעס פאַר אַ קבר. די וואָס קאָנען ניט באַצאָלן, טאָרן ניט באַגראָבן ווערן אויפן גענשער בית־עולם, נאָר אין ברודנע (ווייט הינטער דער שטאָט). אַזוי ווי די יידישע משפחות איז עס געגאַנגען אין לעבן צו האָבן זייערע מתים אויפן גענשער בית־עולם, פלעגן זיי אַלע מיטלען אָנווענדן, אַבי צו קאָנען איינצאָלן די 500 זלאָטעס.

אחוץ דעם האָט די קהילה ארויפגעלייגט אויף אַלע, וואָס האָבן נאָך עפּעס פאַרמאָגט, אַ ספּעציעלן שטייער פאַרן „ארבעטס־באַטאַליאָן" (אַזוי האָט מען גערופן די יידישע ארבעטער, וואָס די קהילה האָט געמוזט צושטעלן די דייטשן).

אָבער דאָס אַלץ איז נישט געווען גענוג צו קאָנען דערפילן די אַלץ נייע און נייע אויפגאַבן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט. עס זענען ניט געווען קיין גענוגנדע פינאַנציעלע קוועלן צו קאָנען אַלץ באַזאָרגן. אַט האָט מען דער קהילה פּלוצלונג צוגעשטעלט אַ באַפעל, אַז אין פאַרלויף פון צוויי טעג זאָל זי איבערנעמען אָנצופירן און אויפצוהאַלטן דעם יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע גאַס, וואָס איז ביז דאַן אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער שטאָט און וואָס האָט פאַר דער מלחמה געקאָסט איבער אַ מיליאָן זלאָטעס אויסצוהאַלטן. דערצו איז דער שפּיטאָל געווען איבערפולט. אויף די ניין הונדערט קראַנקן־פּלעצער, וואָס דער שפּיטאָל האָט פאַרמאָגט, זענען געווען דריטהאַלבן טויזנט טיפוס־קראַנקע. טויזנטער קראַנקע אויף בויךטיפוס און פלעקן־טיפוס האָבן אחוץ דעם געוואַרט אויף אַ פּלאַץ אין שפּיטאָל. די קהילה האָט ניט פאַרמאָגט קיין געלט־מיטלען און קיין אויסזיכטן צו קאָנען זיי שאַפן. זי האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן. וואָכן און חדשים זענען די קראַנקע געלעגן אין אומגעהייצטע צימערן אין אַ ביטערן פראָסט, אָפּט אָן עסן, ווייל דעם זעלבן טאָג, וואָס די דייטשן האָבן באַפוילן אויסצושליסן די יידן פון דער שטאָטישער הילף און איבערצוגעבן דאָס יידישע שפּיטאָל דער יידישער קהילה, האָט מען פון דאָרט צוגענומען דעם גאַנצן זאַפּאַס קוילן און שפּייז, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען. די קהילה האָט אַזוי גיך נישט געקענט שאַפן קיין אַנדערע זאַפּאַסן. לאַנגע חדשים האָט קיינער נישט געצאָלט קיין געהאַלט די אָנגעשטעלטע פון שפּיטאָל. ווער עס האָט געקענט, איז אַנטלאָפן, כּדי נישט אויסצוגיין פון הונגער. אין אָפּעראַציע־זאַל האָט מען געמוזט דורכפירן אָפּעראַציעס אין אַ ביטערער קעלט. די דאָקטוירים זענען געווען פאַר־

צווייפלט, ווייל קיינעם פון די אפעריַרטע אין די באַדינגונגען איז נישט געלונגען צו ראַטעווען פון טויט.

אָבער אחוץ דעם גרויסן שפּיטאָל אויף טשיסטע, זענען צו־געפאַלן נאָך אַנדערע שווערע לאַסטן: דאָס יידישע קינדער־שפּיטאָל אויף שליסקע, וואָס איז פריער אויסגעהאַלטן געוואָרן הויפּטזעכ־לעך פון שטאָטישע געלטער, איז געבליבן אויף הפקר. דאָס דאָזיקע נויטיקע קינדער־שפּיטאָל איז דאָך געבליבן עקזיסטירן אַדאַנק דער אומגעהויערער ענערגיע און מסירת־נפש פון זיין אָנפירערין — אַ באַקאַנטער יידישער דאָקטאָרין פון וואַרשע (ד״ר אַננאַ בראַודע־העלער). עס איז אחוץ דעם געווען דער יידישער אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע, „זאַפּראַוווקאַ״, און אַ ריי אַנדערע אַנשטאַלטן, פון וועלכע מען האָט פּלוצלונג צוגענומען די מיטלען צו עקזיסטירן און מען האָט זיי, איבערגעפּולטע מיט קראַנקע, צוגעוואָרפן דער קהילה, וועלכע איז אַבסאָלוט ניט געווען צוגעגרייט זיי צו פינאַנ־סירן.

אָבער אויסער די אַלטע שפּיטאָלן און ענלעכע אַנשטאַלטן, זענען אַנטשטאַנען נייע צרות: צוליב די עפּידעמיעס, וואָס האָבן אין שטאָט געהערשט, האָט די דייטשע מאַכט אויך אויפגעפאָדערט די קהילה, זי זאָל אין פאַרלויף פון 24 שעה איינאָרדענען צוויי נייע צייטווייליקע שפּיטאָלן און קאַראַנטין־פּלעצער אין דער יידישער געגנט. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּלוצימדיקער אויסגאַבע פון עטלעכע הונדערט טויזנט גילדן, וואָס האָבן געמוזט געשאַפן ווערן אין פאַרלויף פון געציילטע שעהן. אַניט, וואָלט עס געהייסן „סאַבאָטאַזש״ פון דייטשע באַפעלן, און — טויט־שטראָף, קיינע פאַרענטפערונגען זענען ניט גילטיק. די נייע צייטווייליקע שפּיטאָלן, וואָס די יידישע קהילה האָט אויף אירע פאָנדן געמוזט איינאָרדענען, זענען געווען באַשטימט ניט דווקא בלויז פאַר יידישע קראַנקע.

די געסטאַפּאָ האָט דערביי דורכגעפירט אַ טייוולאָנישן פּלאַן: זי האָט די יידישע געגנט פון וואַרשע פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרפּעס־טעטן ווינקל פון דער שטאָט. אַלע טיפוס־קראַנקע און אַלע אַנדע־רע אַנשטעקנדיקע קראַנקע פון דער גאַנצער שטאָט פירט מען אַריבער אין דער יידישער געגנט.

דערווייל האָט די געסטאַפּאָ אָפּגעצוימט די יידישע גאַסן מיט שטעכיקן דראָט און האָט באַפוילן דער קהילה אוועקצושטעלן ביים אַריינגאַנג פון די יידישע גאַסן טאַוולען מיט אויפשריפטן: „אַכטונג, עפּידעמיע־געביט״. אין דער זעלבער צייט האָבן די דייטשן איינגע־פירט באַזונדערע וואַגאָנעס פאַר פּאָליאַקן און באַזונדערע פאַר יידן

אין די טראַמווייען אויף די דריי קורצע ליניעס, וואָס זענען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג.

אין דעם יידישן קינדער־שפּיטאָל האָבן די דייטשן צוגערויבט דעם גאַנצן זאַפּאַס „עטער"־שטאָף, מיט וועלכן מען שלעפערט איין קראַנקע פאַר אָפּעראַציעס, און אַנדערע מעדיקאַמענטן. קויפן דאָס אַלץ אין וואַרשע, האָט מען שוין דעמאָלט נישט געקענט פאַר קיין שום געלט. די דאָקטוירים האָט געבעטן ביי די דייטשן, אַז זיי זאָלן כאָטש אַ ביסל איבערלאָזן, עס איז דאָך אַ שפּיטאָל, יעדן טאָג מוזן עטלעכע קינדער אָפּערירט ווערן, ווי זאָל מען דאָס מאַכן אָן די נויטיקסטע מעדיצינישע מיטלען, וואָס די דייטשן נעמען צו? די דייטשן האָבן די יידישע דאָקטוירים אַרעסטירט פאַר איר „פרעכהייט".

אַלע יידישע שולן זענען דורך דער געסטאַפּאָ געשלאָסן געוואָרן. יידן זענען דורך די היטלער־בעסטיעס פאַראורטיילט אויף אונטערגאַנג, אויף אויסראָטונג — צו וואָס דאַרפן זיי שולן? די קהילה האָט זיך פיל מאָל געווענדט צו דער געסטאַפּאָ מען זאָל דערלויבן צו עפענען די שולן פאַר יידישע קינדער, אָבער אָן דערפאָלג. פריער האָט מען פאַרמאַכט אויך די פּוילישע שולן, אונטערן אויסרייד פון די עפּידעמיעס, שפּעטער אָבער האָט מען פאַר די פּוילישע קינדער דערלויבט צו עפענען בלויז די אָנפאַנגס־שולן (מיטל־ און הויך־שולן זענען געבליבן פאַרבאָטן אויך פאַר פּאָליאַקן). פאַר די יידישע קינדער אָבער זענען אויך די אָנפאַנג־שולן אָפיציעל פאַרבאָטן. לערנען יידישע קינדער מוז מען אין געהיים, אונטער דער גרעסטער געפאַר.

מ׳כאַפּט אויף אַרבעט

איינע פון די שרעקלעכסטע זאַכן, וואָס פּילט אָן דאָס געפּייניקטע יידישע לעבן אין פּוילן אונטער די נאַציס, איז — דאָס כאַפּן אויף אַרבעט. די דייטשן כאַפּן אין די גאַסן אַלט און יינג און שלעפּן זיי אַוועק צו טאָן די שווערסטע אַרבעט. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. יידן ווערן דערביי שטענדיק ברוטאַל געפּייניקט און אָפּטמאָל דערמאָרדעט. די נאַציס איזדיעקעווען זיך איבער יעדן געכאַפּטן יידן אויפן לומפּיקסטן און בעסטיאַלישסטן שטייגער. און אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אין וואַרשע דעם 2טן אָקטאָבער 1939, אויף מאָרגן נאָכדעם, ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען די פּוילישע הויפּט־שטאָט.

וואַרשע איז נאָך אַ העלדישן ווידערשטאַנד געפאַלן. די שיסערייען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דאָס סווישטשען פון לופט־באָמבעס און פון האַרמאַטן־קוילן, דאָס קראַכן און קנאַלן, וואָס האָבן געדרויערט פיר וואָכן צייט, האָבן אויפגעהערט. די פריערדיקע טויט־אַנגסט איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ נייער שרעק: די דייטשן! איצט זענען מיר ביי זיי, ביי די נאַציס אין די הענט. וואָס דערוואַרט אונז איצט? מיר האָבן זיך אַלע געפילט ווי אין אַ פאַסטקע, אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. וואָס וועלן די נאַציס מיט אונז טאָן? — דאָס איז געווען די פראַגע, וואָס יעדער ייד האָט זיך מיט אַנגסט געשטעלט אין דער נאַכט, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט.

מיט קלאַפּנדיקע הערצער איז מען געלעגן אין די פינצטערע צימערן, פאַר די נישט באַלויכטענע פענצטער, וואָס זענען אַלע געווען אָן שויבן, פאַרהאָנגענע מיט שמאַטעס, און מען האָט זיך איינגעהערט צום ריטמישן קלאַפּן פון די שטיוול פון די נאַצי־זעלנער, וועלכע האָבן אָן אויפהער מאַרשירט דורך די גאַסן. וואָס וועט אונז ברענגען די דאָזיקע נייע, פרעמדע, פאַרהאַסטע און בעסטיאַלישע מאַכט? פול מיט שרעק און מיט שווערע פאַרגעפילן האָבן מיר אַלע געוואַרט אויף אונזער נייעם גורל.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען פרובירט אַרויסקוקן אויף די גאַסן. מענטשן האָבן געמוזט אַרויסגיין פון די שטיבן — מ׳האָט

געמוזט זוכן אַ ביסל שפּייז, אַ ביסל וואַסער אין דער צעשאָסענער און חרובער שטאָט; מען האָט געמוזט זוכן אַ מעדיצין, אַ באַנדאַזש פאַר די טויזנטער קראַנקע און פאַרוואונדעטע, וועלכע האָבן פול געמאַכט די הײמען.

פּאַרזיכטיק האָבן ייִדן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די טויערן, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, און פּאַמעלעך אָנגעהויבן אַרויסצוקומען אין גאַס.

די זון האָט געשיינט וואַרעם און ליכטיק. די גאַסן זענען פול געווען מיט רויך פון די טויזנטער פייערן, וואָס האָבן נאָך געברענט אומעטום. די נאַצים אויף די גאַסן האָבן נאָך דערווייל קיינעם נישט געטשעפּעט. מען איז געוואָרן דרייסטער, און אַלץ מער ייִדן האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן, זיך אויסגעשטעלט אין די טויזנטער אין רייען פאַר די פּלעצער, וואו מען האָט געהאַט אַן אויסזיכט צו באַקומען אַ שטיקל ברויט אָדער אַ ביסל וואַסער.

מיטאָגצייט האָבן זיך צווישן די ייִדן פאַרשפּרייט די ערשטע באַאומרואיקנדיקע קלאַנגען: די דייטשן האָבן פון אַ געדיכט־באַוואוינטער ייִדישער גאַס פּלוצלונג אַרויסגעוואָרפן אַלע ייִדן פון זייערע וואוינונגען, נאַקעטע און באָרוועסע, און נישט געלאָזט זיי מיטנעמען אַפילו אַ פאָדעם.

אָבער טויזנטער ייִדן זענען ווייטער געשטאַנען אין די רייען. יעדער טראָפּן וואַסער וואָס מען האָט געהאַט אַן אויסזיכט צו באַקומען, יעדער ביסן ברויט איז געווען אַן אומשאַצבאַרער אוצר דאָס לעבן צו דערהאַלטן. יעדערער האָט געהאָפט, אַז אפשר וועט אים דאָס אומגליק אויסמיידן. די יעניקע, וועלכע זענען נישט געשטאַנען אין די רייען צו קריגן עפּעס עסן אָדער אַ ביסל וואַסער פאַר זיך און די נאָענטסטע, זענען געלאָפן צו די קרובים זיך צו דערוויסן ווער עס איז לעבן געבליבן נאָך די באָמבאַרדירונגען.

פּלוצלונג, נאָך האַלבן טאָג, האָט זיך עס אָנגעהויבן. אויף די ייִדישע גאַסן האָט מען אָנגעהויבן הערן די שוידערלעכע ווערטער:

— ייִדן, מען כאַפּט!...

באַלד האָט זיך דאָס באַשטעטיקט. אויף יעדער גאַס האָבן דייטשן געשריגן:

— העי, יודע, קאָם הער!

— שטיי, פאַרפלוכטער יודע!

לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר די פּלעצער, וואו ייִדן זענען געשטאַנען אין לאַנגע רייען און געוואַרט אויף אַ

שטיקל ברויט. נאַציס אין בלויע מונדירן, מיט ביקסן, רעוואָלווערן און בייטשן אין די הענט האָבן גענומען מאַכן די רייען יידן־דריין. יידישע פרויען, יינגע און אַלטע, האָט מען מיט די קולאַקעס, מיט רייסן פאַר די האָר, מיט קאַפּען מיט די שטיוול אין די בייכער, אַרויסגעשליידערט פון די רייען. יידישע מענער האָט מען געכאַפּט פאַר די קאָלנערס, אַרויסגעשלעפּט פון די רייען און אַריינגעשליידערט אין די פינצטערע פאַרמאַכטע לאַסט־אויטאָס.

עס איז געווען דער אָנהויב. וואוהין מען שלעפּט די מענטשן, וואָס עס וועט מיט זיי געשען, האָט קיינער נישט געוואוסט. יענע יידן — מענער, פרויען און קינדער, — צו וועמען די דייטשן זענען נאָך נישט צוגעקומען, האָבן גענומען לויפן וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן. אָבער וואוהין לויפט מען? וואו באַהאַלט מען זיך?

אַט לויפט אַ ייד מיט אַ צעפּלאָשעטער באָרד, מיט טויט־אַנגסט אין די אויגן. אָבער אַ יינגער נאַצי דעריאָגט אים, מיטן גאַנצן כוח דערלאַנגט ער דעם יידן מיטן הענטל פון דער ביקס איבערן קאַרק. דער ייד פאַלט מיטן פּנים אויף די שטיינער פון דער גאַס. דער נאַצי קאַפּעט אים מיט די שטיוול. דער ייד פּרובירט זיך אויפצושטעלן, אָבער ער פאַלט ווידער אום נאָך יעדן שטויס, וואָס ער באַקומט פון באַנאָגלטן שטיוול. זיין פּנים איז טויט־בלאַס, איבער זיין באָרד רינט בלוט. און אַזוי ווערט ער אַריינגעטריבן אין נאַצישן אויטאָ.

אַט קלאַמערט זיך אַ יידענע אָן די פּאָלעס פון איר מאַן, וועמען צוויי דייטשן שלעפּן צום אויטאָ. פאַרצווייפלט, מיט די לעצטע כּוחות, שרייט די יידישע פרוי:

— יידן, גוואַלט! ראַטעוועט דעם טאַטן פון מיינע קינדער! יידן!...

אָבער מיט אַ שטויס פון אַ זעלנערישן שטיוול ווערט זי אָפּגעשליידערט, און דער ייד ווערט אַריינגעוואָרפן אין אויטאָ, ווי אַ פּעקל, ווי אַ טויטע זאַך...

דאָס איז געווען דער אָנהויב. איך האָב דאָס אַליין צוגעזען, אַליין איבערגעלעבט. שפּעטער האָב איך נאָך ערגערס צוגעזען און איבערגעלעבט.

גרויס און טיף זענען די ליידן, וואָס די נאַצי־יינגען פאַרשאַפן יעדן טאָג די יידן פון פּוילן. פאַרשידן זענען די מיטלען, מיט וועלכע זיי פּייניקן זיי. אָבער איינס פון די שרעקלעכסטע מיטלען איז דאָס כאַפּן יידן אויף אַרבעט. אויף די עקן פון די גאַסן שטייען גרופּעס דייטשן און קוקן אין פּנים אַריין יעדן פאַרבייגייער. ווער עס איז אַ ייד, באַקומט דעם באַפעל: „יודע, הערקאָם!" און שוין

— ער איז אַ פאַרפאַלענער, אַ געפאַנגענער. אָפּט שטייען מיט די דייטשן יינגע פּאָליאַקן־אַנטיסעמיטן און העלפן די נאַצים דערקענען ווער עס איז אַ ייד. די אָנשטענדיקע פּאָליאַקן זיינען אין כעס דערויף. זיי גייען פאַרביי מיט פינצטערע געזיכטער, שעלטן מיט טויטע קללות די פאַררעטער, וועלכע העלפן דעם פאַרהאַסטן שונא.

די נאַצישע יידן־כאַפּער טוען זייער פינצטערע אַרבעט נישט נאָר אויף די עקן פון די גאַסן. זיי באַנוצן אויך אַנדערע מיטלען. אָט פאָרט אַ פאַרמאַכטער לאַסט־אויטאָ איבער דער גאַס. מען זעט נישט אין דעם קיין שום פאַרדעכטיקעס. פּלוצלונג גיט זיך דער אויטאָ אַ שטעל אָפּ, זיינע טירלעך עפענען זיך און נאַצים שפּרינגען אַרויס מיט אַ שניידנדיקן באַפעל:

— יודען, הערקאָממען!

אַלע ווייסן שוין וואָס דאָס באַדייט. מען ווייסט, אַז אַנטלויפן געלינגט זייער זעלטן. מען שפּילט דערביי מיטן לעבן. מיט פאַר־ביסענע ליפּן און מיט גליענדיקן האַס אין די אויגן גיבן זיך אונ־טער די יידן, וועלכע מען כאַפּט אויף אַזאַ אופן.

גלייך אויף מאָרגן נאָכדעם, ווי דאָס כאַפּן האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיך גאַנץ וואַרשע דערוואוסט וועגן דעם ערשטן שוידערלעכן מאָרד איבער אַזאַ געכאַפּטן ייד. אַנדערע יידן, וועלכע האָבן דעם מאָרד בייגעוואוינט, האָבן מיר די שרעקלעכע געשיכטע דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן.

אַ גרופּע פון די געכאַפּטע יידן האָט מען אַוועקגעפירט אויף וואָלסקע גאַס, וואו מען האָט זיי געצוואונגען פאַנאַנדערצונעמען אַ באַריקאַדע און צו פאַרשיטן מיט די הענט די אַנטי־טאַנק גרי־בער, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן בעת דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע. דערביי האָט מען זיך איבער די יידן איזדיעקעוועט, גע־פּייניקט זיי, געקאָפּעט מיט די שטיוול. איינער אַן עלטערער ייד האָט פאַרטשעפּעט אַ פוס ביי אַ שטיין, וואָס האָט אַרויסגעשטאַר־טשעט פון דער ערד. דער ייד איז אומגעפאַלן און האָט אַזוי גיך נישט געקענט אַרויסשלעפּן זיין פוס פון אונטערן שטיין. איינער פון די נאַצישע זעלנער, וועלכער האָט מיט די יידן קאָמאַנדעוועט, האָט גענומען דעם יידן זידלען און קאָפּען אים מיט די שטיוול ער זאָל זיך וואָס גיכער אויפשטעלן. דער ייד האָט אָבער אַלץ נישט געקענט באַפרייען דעם פוס פון אונטערן שטיין. דער נאַצי האָט מיט רציחה געקלאַפּט דעם יידן מיטן באַנאָגלטן שטיוול איבערן קאָפּ, ביז דער אומגליקלעכער ייד איז געבליבן ליגן טויט. דעמאָלט האָט דער נאַצי־רוצח באַפוילן די אַנדערע יידן: — נעמט צו דאָס שמוץ...

טויזנטער יידן זענען אויף אַזאַ אופן דערמאָרדעט געוואָרן „ביי דער ארבעט".

נישט יעדער געכאַפּטער ייד האָט דעם זעלבן מזל. א טייל כאַפּט מען און מען פירט אוועק רייניקן א וואוינונג פון א נאַצישן אָפיציר, איבערטראָגן מעבל, אָפּרייניקן א גאַס, אָפּטראָגן סחורות און מעבל, וואָס מען האָט צוגערויבט ביי אַנדערע יידן. אַזאַ ייד האָט אָפּט מזל — נאָך א טאָג ארבעט לאָזט מען אים אָפּ, ביז... מען וועט אים ווידער כאַפּן. אַנדערע האַלט מען א וואָך אָדער צוויי ביי פאַרשידענע ארבעטן און דערנאָך לאָזט מען זיי אָפּ פאַרפּייניקטע אָפּגעריסענע, באַליידיקטע, מיט טויט־שרעק אין די אויגן.

עס זענען אויך געווען פאַלן, אַז טויזנטער געכאַפּטע יידן פון דער גאַס אָדער פון די וואוינונגען זענען ערגעץ פאַרשלעפּט געוואָרן און קיינער ווייסט נישט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. הונדערטער מענטשן גייען אינדערפרי ארויס פון זייערע שטיבן און קומען שוין מער נישט צוריק.

די דייטשן האָבן שפּעטער אָנגעהויבן צו מאַכן אַבלאַוועס אויך אין די יידישע הייזער צו כאַפּן אויף ארבעט. פון דעמאָלט אָן האָט שוין א ייד אין ערגעץ קיין רו נישט, אין ערגעץ קיין באַהעלטעניש נישט. יעדן טאָג קומען אין דער יידישער קהילה הונדערטער פרויען און מוטערס דערציילן, אַז מען האָט שוין מיט וואָכן צוריק זייערע מענער און זין ארויסגעשלעפּט פון די בעטן און זיי ווייסן נישט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. אַנדערע דערציילן, אַז זייערע מענער און זין זענען מיט וואָכן צוריק ארויס פון זייערע היימען און זענען מער נישט צוריקגעקומען...

צו מיר איז געקומען א ייד, האָט זיך א צעשראָקענער ארומ־געקוקט, צי איז נישטאָ עמעצער וואָס הערט זיך אונטער און דער־ציילט אַזאַ געשיכטע:

מען האָט אים, צוזאַמען מיט נאָך א גרופּע געכאַפּטע יידן, אוועקגעפירט אין דער געביידע פון דעם געוועזענעם פּוילישן אינ־נערן־מיניסטעריום אויף נייע וועלט. דאָרטן האָט מען זיי באַפוילן איבערצוטראָגן מעבל פון איין שטאָק אויפן צווייטן. א גאַנצן טאָג האָבן זיי ביי דעם געאַרבעט. צווישן זיי איז געווען אַן עלטערער ייד, זיינער א שכן. יענער עלטערער ייד האָט געדאַרפט איינער אליין אַראָפּטראָגן א גרויסע קליידער־שאַנק. דער ייד האָט זיך געמאַטערט מיט אַלע כוחות און האָט פּאַרט נישט געקענט די שאַנק רירן פון אָרט. איז אָנגעקומען א געסטאַפּאָ־אָפיציר מיטן נאָמען ריעזע. ער

האָט אַ ווייל געקוקט ווי דער ייד מאַטערט זיך און דאַן אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, יודע, פאַרוואָס אַרבעטסטו נישט?

דער ייד האָט אים געענטפערט, אַז עס איז נישט מעגלעך פאַר איין מענטש צו רירן פון אָרט אַזאַ שווער שטיק מעבל. מען דאַרף נאָך עמעצן צוהילף.

— ס'איז דיר שווער? — האָט דער געסטאַפּאָ־אַגענט אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, צו שווער, — האָט דער ייד געענטפערט.

דער נאַצי־אָפיציר ריעזע האָט דאַן גערופן באַפּוילן דעם יידן:

— אויב אַזוי, קום מיט מיר, איך וועל דיר געבן לייכטערע אַרבעט.

ריעזע האָט דעם יידן אַראָפּגעפירט אויפן הויף און געהייסן גראָבן אַ גרוב. ווען ס'איז שוין געווען פאַרטיק, האָט ריעזע באַטראַכט דעם גרוב, אָנגעוויזן אויף חסרונות, געלאַכט, כמעט מיט אַ פריינדלעכן טאָן האָט ער דעם יידן געהייסן אויסגלייכן אַ וואַנט אין גרוב, ווייל זי איז געווען צו קרום. ווען אַלץ איז אים שוין געפעלן געוואָרן, האָט ער געהייסן דעם ייד אין גרוב זיך שטעלן גלייך. דאַן האָט דער נאַצי אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און האָט דעם יידן דערשאָסן. די איבעריקע יידן האָט ער געהייסן באַגראָבן דעם דערשאָסענעם און פאַרטרעטן מיט די פיס דאָס אָרט.

יידן זענען געצוואונגען געוואָרן צו טאָן אַזעלכע אַרבעטן, וואָס זענען געווען פאַר זיי נאָך ערגער ווי דער טויט. אַן אָפּטיילונג פון דער געסטאַפּאָ האָט פאַרנומען פאַר זיך די געביידע פון פּוילישן סיים (פּאַרלאַמענט), וואָס איז בעת דער באָמבאַרדירונג האַלב צעשאָסן געוואָרן. די דאָזיקע געביידע געפינט זיך אין אַ קליינעם פּאַרק. אַ טייל פון די יידן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט, זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין יענער געביידע, און יעדערער האָט דאָרטן געדאַרפט אַרבעטן צוויי וואָכן. דערביי פלעגט מען די יידן יעדן אָוונט אָפּלאָזן אַהיים און פאַרטאָג פלעגן זיי זיך מוזן שטעלן צוריק צו דער אַרבעט.

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן אַרבעט וואָס די יידן האָבן דאָרט געמוזט טאָן?

גאַנצע טעג האָבן יידן געגראָבן גריבער, געשלעפט שטיינער און געטאָן אַנדערע שווערע אַרבעטן. אָבער עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט מען אַהין ברענגען גרופּעס געפאַנגענע מענטשן, מען פלעגט

זיי אויסשטעלן אין פּאַרק און זיי אויסשיסן. און די יידן פלעגן מוזן מאָמענטאַל באַגראָבן די קרבנות.

די גרופּעס מענטשן צום דערשיסן זענען באַשטאַנען פון פּאַליאַקן און יידן. מען האָט געבראַנגט אין פּאַרטיעס צו 20, צו 30 און אָפט צו 50. עטלעכע הונדערט מענטשן אַ טאָג זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן און די יידן, וועלכע מען האָט אויף די גאַסן געכאַפּט אויף אַרבעט, האָבן געמוזט די דערשאָסענע באַגראָבן.

עס זענען געווען פאַלן, ווען מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַגראָבן די ערשט־דערשאָסענע. אַזעלכע „בונטאָווטשיקעס" האָט מען אויפן אָרט דערשאָסן און באַגראָבן צוזאַמען מיט די אַנדערע.

איך אַליין קען פּערזענלעך אַ היבשע צאָל יידן, וועלכע זענען צוזאַמענגעבראַכן געוואָרן ביי דער דאָזיקער אַרבעט, צווישן זיי אַן 18־יעריקער בחור, אַ זון פון אַן אינזשעניער, וועלכער איז אַ יידישער כלל־טוער אין וואַרשע. דער בחור איז חדשים אָפּגעלעגן קראַנק אויף אַ נערוון־דערשיטערונג, נאָכדעם ווי ער איז עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געצוואונגען געוואָרן בייצוואוווינען די עקזעקוציעס און האָט שפּע־טער געמוזט העלפן באַגראָבן די דערשאָסענע ביי דער וואַרשעווער סיים־געביידע.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די פּנימער פון אייניקע יידן, וועלכע זענען געקומען אין דער קהילה דערציילן וועגן די שווי־דערלעכקייטן: איינער איז געווען אַ יינגער, קרעפּטיקער אַרבעטער. נאָך דריי טעג אָפּאַרבעטן אין דער סיים־געביידע, איז ער געקומען צולויפן. זיין פּנים — ווייס ווי קרייד, אויסגעקרימט אין אַ נער־וועזער גרימאַסע. ער האָט געוויזן אויף זיינע קליידער, וועלכע זע־נען געווען אויסגעשמירט אין בלוט. ער האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, געקלאַפּט זיך מיט די פויסטן אין אייגענעם פּנים און האָט ווי גערעוועט נישט ווי מיט זיין קול:

— קוקט, זעט! מען צווינגט מיך צו וואַיקן זיך אין בלוט! ס׳איז דאָס בלוט פון מיינע ברידער... איך וועל דאָס נישט אַריבערטראָגן! העלפט, טוט עפּעס, העלפט מיר זיך אַרויסראַטעווען דערפון, ווייל כ׳וועל אָפּטאָן עפּעס שרעקלעכעס...

אַ צווייטער, וועלכער איז געקומען אין דער קהילה, איז געווען איינער פון די באַקאַנטסטע און בעסטע יידישע אַקטיאָרן. זיינע קליידער זענען געווען צעריסן און איינגעשמירט אין בלאָטע און אין בלוט. זיינע הענט זענען געווען צעהאַקט און צעשניטן פון דער שווערער אַרבעט, וואָס מען האָט אים געצוואונגען צו טאָן. ער האָט דערציילט, ווי די אַרבעט אין דער סיים־געביידע האָט אויסגעזען.

ווער זענען די מענטשן וואָס די געסטאַפּאָ שיסט אויס טאָג־טעגלעך אין די הונדערטער אין פּאַרק פון דער וואַרשעווער סיים־געבײַדע? זייערע נעמען ווייס קיינער נישט. קיין שום געריכט איז איבער די מענטשן נישט פאָרגעקומען, קיין געריכט־אורטיילן זענען קעגן זיי נישט אַרויסגעטראָגן געוואָרן. דאָס זענען מענטשן, אויף וועלכע די געסטאַפּאָ האָט אַ פאַרדאַכט, אַז זיי געהערן צו אַנטי־נאַציישע און פּאַטריאָטישע פּוילישע אָרגאַניזאַציעס. דאָס זענען קרבנות פון נאַצי־טעראָר.

יעדע דייטשע אָפּטיילונג כאַפּט יידן פאַר אירע אייגענע צוועקן. און נאַצי־אָפּטיילונגען זענען פאַראַן אָן אַ שיעור. דאַרף אַ דייטשע אָפּטיילונג אויסרוימען אַ הויז פאַר זיך — כאַפּט זי יידן דערצו; רויבט אַ דייטש צו אַ פּאַק זאַכן אין אַ יידישער וואוינונג — צווינגט ער דעם בארויבטן יידן, אָדער ער גייט אַרויס אויף דער גאַס, כאַפּט אַ יידן און צווינגט אים ער זאָל אים אָפּטראָגן דעם פּאַק. דערבײַ שלאָגט ער אים, באַליידיקט און דערנידעריקט.

אָפט כאַפּן נאַציס יידן סתם אַזוי זיך צו פאַרווײַלן, צו פּײַניקן זיי, צו איזדיעקעווען זיך איבער זיי. אין וואַרשע האָט מען אין אַ קאַלטן, רעגנדיקן טאָג געכאַפּט עטלעכע הונדערט יידן און מען האָט זיי אוועקגעפירט צו דער גריצער ראָגאַטקע. דאָרטן האָט מען צונויפגערופן די פּאָליאַקן פון די שכנותדיקע הייזער און פון דער גאַס צו זען וואָס מען מאַכט מיט די יידן, ווי די דייטשן באַפרייען פּוילן פון דער „יידישער פּעסט". קודם האָבן די דייטשן אַראָפּגעצויגן פון די יידן די מאַנטלען און זיי געוואָרפן צו די פאַרזאַמלטע פּאָליאַקן. שפּעטער האָט מען אַראָפּגעצויגן פון די יידן די הויזן און דאָס אַלץ געוואָרפן צו די פּאָליאַקן. האַלב־נאַקעטע, אין דער בלויזער אונטערוועש, האָט מען דאַן געצוואונגען די יידן צו פאַרשיטן מיט די בלויזע הענט די אַנטי־טאַנק גריבער אין יענער געגנט.

אין וואַרשע האָט מען אין אָנהויב געכאַפּט בלויז מענער. ערשט פון חודש מערץ 1940 האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן אויף אַרבעט אויך פרויען.

מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס דערנידעריקנדע כאַפּן יידן פון די גאַסן, ווי היצלעס כאַפּן הינט. מיר האָבן געזוכט עצות קעגן דעם. די וואַרשעווער יידישע קהילה האָט זיך געווענדט צו דער געסטאַפּאָ מיט אַ פאָרשלאָג: אויב די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט דאַרף האָבן מענטשן צו דער אַרבעט, זאָל מען דאָס מאַכן אויף אַן אָרגאַניזירטן שטייגער, אָבער זאָל אויפהערן דאָס כאַפּן מענטשן

פון די גאסן. זאָל מען פעסטשטעלן וויפיל יידן א טאָג די דייטשן דארפן צו דער ארבעט, וועט זיי די קהילה צושטעלן מענטשן.

די געסטאפּא האָט דעם פאָרשלאָג בלומרשט אָנגענומען. פון דעמאָלט אָן (נאָוועמבער 1939) האט טאקע די ווארשעווער יידישע קהילה צוגעשטעלט צו צוויי טויזנט יידן א טאָג צו דער ארבעט. אָבער דאָס כאפּן יידן אויף די גאסן האָט פאָרט נישט אויפגע־הערט.

אויף די פּראָטעסטן פון דער קהילה האָט די געסטאפּאָ געענט־פערט, אז זי וועט דאָס אויספאָרשן. שפּעטער האָט זי דערקלערט, אז דאָס כאפּט די מיליטערישע מאכט און צו דעם האָט זי, די גע־סטאפּאָ, קיין עצה נישט.

דאָך איז די פליכט, וואָס די קהילה האָט אויף זיך גענומען, געבליבן ווי א געזעץ: זי האָט ווייטער געמוזט צושטעלן די צוויי טויזנט ארבעטער א טאָג, הגם אויף די גאסן האָט מען געכאפּט סיי־ווי.

קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט

איין פרימאָרגן זענען די מיטגלידער פון וואַרשעווער קהילה־ראַט אויפגעוועקט געוואָרן אויף אַ דרינגענדיקע זיצונג אויף 8 אינ־דערפרי.

8 אַ זייגער אינדערפרי האָבן זיך אין פּאָרזיצערס קאַבינעט פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון ראַט און מיט אומרואיקייט איינער דעם אַנדערן געפרעגט, צי עמעצער ווייס וועגן וואָס עס גייט. דער פּאָרזיצער איז געקומען אַ מידער, אַ בלאַסער און נישט אויסגע־שלאָפענער. שוין די וויפּלטע נאַכט שלעפּט אים די געסטאַפּאָ אַרויס פון בעט און מאַטערט אים לאַנג אין איר אָפיס מיט פאַרשידענע פראַגן און פאָדערונגען. אויך דאָס מאָל איז ער אינמיטן דער נאַכט גערופן געוואָרן אין דער געסטאַפּאָ, וואו מען האָט אים געמאָלדן דאָס פאָלגנדיקע:

אין טויער אויף די נאַלעווקעס 9 האָט אַ יידישער אונטערוועלט־פאַרשוין דערשאָסן איינעם פון די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס שטייט אונטער דער קאָמאַנדע פון דער געסטאַפּאָ. די נאַציס האָבן דערפאַר אַרומגערינגלט דאָס הויז נומער 9 אויף די נאַלעווקעס און האָבן אַרעסטירט אַלע מענער, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, צוזאַמען 53. באַשטראָפט ווערן מוזן אָבער ניט בלויז די יידן פון נאַלעווקעס 9, נאָר אַלע יידן פון וואַרשע, ווייל אונטער די נאַציס איז פאַר די יידן גילטיק די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס הייסט, אַז אַלע יידן זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער טאַט פון איינעם פון זיי. דעריבער ווערט אויף די וואַרשעווער יידן אַרויפגעלייגט אַ שטראָף־קאָנטריבוציע פון 300,000 גילדן. די סומע דאַרף איינגעצאָלט ווערן ביז מאָנטאָג 8 אינדערפרי. די אויפפאָדערונג איז געגעבן געוואָרן שבת אינדערפרי. אַלס גאַראַנטיע, אַז די קהילה וועט די שטראָף איינצאָלן צו דער צייט, זאָל דער קהילה־ראַט דורך אַ גורל באַשטימען 5 פון זיינע מיטגלידער אַלס ערבניקעס. אויב די שטראָף־קאָנטריבוציע וועט ביז מאָנטאָג, 8 אינדערפרי, ניט איינגעצאָלט ווערן, וועט מען 9 אַ זייגער דערשיסן די פאַרמשכנטע 5 מיטגלידער פון יידישן קהילה־ראַט.

דער קהילה־פּאַרזיצער האָט געפרעגט אין דער געסטאַפּאָ צי קאָן מען די סומע איינצאָלן פון די יידישע קאָנטעס, וואָס זענען בלאָקירט געוואָרן — פאַרהאַלטן געוואָרן — אין די באַנקן, ווייל יידן טאָרן קיין מזומן געלט ניט האָבן, האָט מען אים געענטפערט, אז ניין און **דערביי צוגעגעבן**, אז „די יידן האָבן נאָך פאַרשטעקט גענוג געלט און בריליאַנטן".

דער פאַרזיצער האָט געענדיקט זיין טרויעריקע מעלדונג און מיר אַלע זענען אַ ווייל געזעסן שטיל, ווי דערדריקט פון דעם נייעם קלאַפּ. שטילערהייט האָט מען זיך אַרומגעקוקט: אויף וועמען וועט פאַלן דער גורל? ווער וועט אַריינפאַלן צווישן די 5 משכנות?

דער פאַרזיצער האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— אַלזאָ, מיינע הערן, וואָס טוען מיר?

איינער פון די ראַט־מיטגלידער האָט מיט אַ רואיקער שטימע געמאַכט אַ פאָרשלאָג:

— לאָמיר אינגאַנצן קיין גורל נישט וואַרפן. פון די 24 מיטגלידער פון ראַט זענען דערוויל צו דער זיצונג געקומען נישט מער ווי 12 מאַן. מיר שליסן אוים אַלע עלטערע יידן. בלייבן סיי־ווי 5 יינגערע. די דאָזיקע פינף זאָלן זיין די ערבניקעס...

ווידער לויפן אַלע דורך מיט די בליקן די פּנימער פון די אַנוועזנדע: וועמען מיינט ער?

פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שטילער קרעכץ. איינער פון די ראַט־מיטגלידער, אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט, גליטשט זיך אַראָפּ פון זיין שטול און פאַלט אויף דער ערד: ער האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן די נערוון־שפּאַנונג. ער האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע. מען טראָגט אים אַרוים אין צווייטן צימער און אַן אַנדער מיטגליד פון ראַט, אַ דאָקטאָר, פאַרנעמט זיך מיט אים.

די דאָזיקע פּאַסירונג האָט אַזוי ווי אויפגעוועקט אַלעמען פון דער פאַרגליווערונג; מען מוז דאָך פאָרט עפּעס טאָן, מען מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין.

מען האָט אָנגעהויבן רעדן. איינער פון די ראַט־מיטגלידער פּרואווט אויפקלערן די פּאָליטישע זייט פון דעם ענין. די געסטאַפּאָ וויל אויסנוצן די גאַנצע זאַך פאַר אירע צוועקן. „יידן האָבן דערשאָסן אַ פּויליש פּאָליציאַנט". זי וויל דעם פאַל באַנוצן אויפצוהעצן די פּאָליאַקן קעגן די יידן. זי וועט פון דעם מאַכן אַ מין עלילת־דם. „יידיש קהל האָט דערמאָרדעט אַ פּאָליאַק, יידיש קהל ווערט באַשטראָפט". זיך אַליין וועט די געסטאַפּאָ דערביי אַרויסשטעלן אַלס באַשיצער פון די פּאָליאַקן קעגן דער „יידישער בלוטדורשטיקייט". מיר זענען גע־

פאַנגען פון באַנדיטן. זיי פאָדערן געלט, וועלן מיר דאָס מוזן געבן, אויב מיר וועלן דאָס קענען צוזאַמענגעמען, פונקט ווי אַ סך יידישע קהילות האָבן שוין געמוזט איינצאָלן קאָנטריבוציעס. אויב מיר וועלן איינצאָלן די קאָנטריבוציע אָן אַ וואָרט פּראָטעסט, דאַן קאָן דער דאָזיקער פּאַל אויך אין דער צוקונפט באַנוצט ווערן אַלס העצע־מאַטעריאַל קעגן יידן.

דער דאָזיקער ראַט־מיטגליד האָט דעריבער פאָרגעשלאָגן, מען זאָל דערלאַנגען אַ שריפטלעכע דערקלערונג דער געסטאַפּאָ, אין וועלכן מיר זאָלן אויסדריקלעך זאָגן, אַז די יידישע באַפעלקערונג פון וואַרשע קען נישט און וועט נישט אָנערקענען, אַז אַלע יידן זענען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר אַ טאַט פון אָן איינצלנעם. די יידן האָבן נישט קיין שום שולד און זעען נישט קיין שום סיבה צו טראָגן וועלכע עס איז שטראָף. דאָס געלט צאָלן מיר איין, ווייל מען צווינגט אונז, אָבער נישט אַלס שטראָף.

קאָפּיעס פון דער דאָזיקער דערקלערונג זאָל מען שיקן צו אַלע פּוילישע געזעלשאַפטלעכע טוער.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע. יעדער פון אונז האָט גע־מאָסטן די ווערטער, פילנדיק אָן אומגעהויערע לאַסט פון פאַראַנט־וואָרטלעכקייט ניט נאָר, ווייל אונזערע אייגענע לעבנס זענען געווען אין באַלדיקער געפאַר, נאָר אויך פאַר דעם לעבן און זיכערקייט פון טויזנ־טער, טויזנטער יידן.

דער קהילה־ראַט האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט דער קהילה־פאָרזיצער אָפּגעגעבן אַזאַ דערקלערונג אין דער געסטאַפּאָ, הגם נישט אין קיין שריפטלעכער, נאָר אין אַ מינד־לעכער פאָרם. דעם זעלבן טאָג האָבן זיך אויך אייניקע מיטגלידער פון קהילה־ראַט געזען מיט אַ רייע פאָרשטייער פון דער פּוילישער געזעלשאַפט און האָבן זיי מיטגעטיילט וועגן דער גאַנצער זאַך.

אין די פאָר טעג פון שבת ביז מאָנטאָג האָבן מיר געהאַט פאַר זיך צוויי דרינגענדיקע אויפגאַבן:

מיר האָבן געמוזט צונויפזאַמלען דאָס געלט (300 טויזנט גילדן) פאַר דער קאָנטריבוציע און מיר האָבן אויך געמוזט פעסטשטעלן דעם גורל פון די 53 אַרעסטירטע יידן פון נאַלעווקי 9 און פּרואוון זיי ראַטעווען.

מיר האָבן אויף צו מאָרגנס אַרויסגערופן אין דער קהילה עט־לעכע הונדערט יידן, פון וועלכע די קהילה האָט געוואָלט באַקומען די געפאָדערטע סומע. ס'איז געווען איינע פון די טרויעריקסטע פאַר־זאַמלונגען, וועלכע מען קאָן איבערלעבן.

קלאנגען וועגן די 53 יידן האבן זיך שוין געהאט פארשפרייט איבער דער גאנצער שטאט. די יידישע באפעלקערונג איז געווען אויפגעטרייסלט. יעדער ייד האט שוין געהאט איבערגעלעבט ניט ווייניק דערנידעריקונגען און שרעקן. ס'איז שוין נישט געווען כמעט קיין הויז, אין וועלכן עס זאל שוין נישט האבן געטראפן עפעס אן אומגליק, ס'איז נישט געווען קיין איין הויז, פון וועלכן מען זאל נישט האבן עמעצן ארויסגעריסן און ערגעץ פארשלעפט אדער אין וועלכן עמעצער זאל נישט האבן דערמארדעט געווארן. פונדעסטוועגן האט דער ארעסט פון די 53 יידן געמאכט אויף אלעמען א דערשיטערנ־דיקן איינדרוק און האט ארויסגערופן שרעק פאר ווייטערדיקע גע־שעענישן.

קלאנגען האבן זיך אנגעהויבן פארשפרייטן, אז די 53 יידן זענען שוין דערשאסן געווארן. מיר אליין, די מיטגלידער פון קהילה־ראט, זענען אויך נישט געווען זיכער ביי זיך, אז די 53 יידן לעבן נאך.

יידישע איינוואוינער פון די שכנותדיקע הייזער אויף נאלעווקעס האבן אנגעהויבן זוכן וועגן ווי אזוי ארויסצוקלייבן זיך אין נייע דירות ערגעץ ווייט פון דעם אומגליקלעכן הויז, ווייל טאמער וועט איינפאלן דער געסטאפא אויסצובריייטערן די „קאלעקטיווע פאראנט־װאָרטלעכקייט" אויך אויף די יידן פון די שכנותדיקע הייזער.

די עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע מיר האבן ארויסגערופן אין דער קהילה, האבן מיט זיך מיטגעבראכט די שטימונג פון דער גאס. עס זענען געזעסן מענטשן, מענער און פרויען, אויף וועמענס פנימער עס איז געווען אויסגעגאסן די גרויל און שרעק פון די דאזיקע טעג.

אין קורצע ווערטער האט דער פארזיצער מיט א געבראכענער שטים איבערגעגעבן די פארזאמלטע וועגן וואס עס גייט און גע־בעטן דעם עולם זיך צו באשטייערן, כדי מיר זאלן קענען די סומע איינצאלן מאנטאג גאנץ פרי און ראטעווען דאס לעבן פון די 5 פאר־משפחטע קהילה־ראט־מיטגלידער און אפשר אויך די אנדערע 53 יידן.

מענטשן פון דעם פארזאמלטן עולם האבן אנגעהויבן דערקלערן וויפיל יעדער פון זיי קען ביישטייערן, אנדערע האבן באלד דערלאנגט געלט. נאך אנדערע האבן זיך גענומען דינגען. גערופן האט מען נאר אזעלכע יידן, וועלכע זענען אין די ביכער פון דער קהילה געווען פארשריבן אלס פארמעגלעכע. ארויסגעוויזן האט זיך, אז א סך פון זיי זענען שוין איצט געוויינלעכע קבצנים. זייער האב און גוטס איז פארברענט אדער צעראבירט. עס זענען דאך געווען אייניקע, וועלכע האבן עפעס פארמאגט, און מיט זיי האט מען זיך צום מייסטן גע־דארפט דינגען. ווידער איז געווען רירנד די גרייטקייט פון א סך אנ־

דערע אוועקצוגעבן דעם לעצטן גראָשן. אַ סך איינפאַכע יידן, בעל־מעלאָכעס און קליינע קרעמער, זענען ניט געווען פעאיק צו דערגרייכן מיט זייערע לעצטע גראָשנס.

די קאָנטריבוציע איז דורך דער ווארשעווער יידישער קהילה צו דער צייט איינגעצאָלט געוואָרן און אין יעדן פון אונז האָט געגאָנגט די מורא, צי דאָס וועט ניט, פונקט ווי אין אַנדערע יידישע שטעט, ארויסרופן נייע קאָנטריבוציע־גזירות.

יעדן טאָג פלעגן קומען אין דער קהילה די ווייבער און די קינדער פון די 53 יידן פון נאַלעווקעס 9 נאָכצופרעגן זיך, ווי עס האַלט מיט זייערע מענער, פאָטערס און ברידער. ארעסטירט האָט מען אַלע יידישע מענער, וועלכע האָבן זיך צופעליק אין דעם מאָמענט פון מאָרד געפונען אין יענעם הויז. ס'איז געווען צווישן זיי, למשל, אַ רב פון אַ קליין שטעטל, וועלכער איז גראָד דעם זעלבן טאָג געקומען מיט זיין ווייב קיין ווארשע צו אַ דאָקטאָר און האָט אָפּגעטרעטן אויף נאַלעווקעס 9 ביי זיינעם אַ קרוב. ס'איז דאָרט געווען אַ יינגערמאַן, וועלכער איז צופעליק אריינגעגאַנגען צו זיין ברודער אין יענעם הויז. עס זענען געווען צופעליקע הענדלער, וואָס זענען פונקט אין דעם מאָמענט געגאַנגען דאָרטן פעדלען. די אַלע האָט מען צוגענומען צוליבן חטא פון אַ יידישן אונטערוועלט־פארשוין, וועלכער האָט געהאַט אַלטע חשבונות מיט אַ פוילישן פאָליציאַנט און איז גראָד אריין מיט אים אין טויער פון נאַלעווקעס 9 די חשבונות צו פארענדיקן.

צען טעג נאָכאַנאַנד האָט מען די קהילה־פאָרשטייער נישט געוואָלט געבן קיין ענטפער וועגן דעם גורל פון די 53 יידן. די געסטאַפּאָ האָט געענטפערט אַז זי ווייס גאָרנישט, ווייל די יידן געפינען זיך אין דער מאַכט פון דער פוילישער פּאָליציי. די פוילישע פּאָליציי האָט דאָס געלייקנט און דערקלערט, אַז זי ווייסט גאָרניט וועגן די ארעסטירטע יידן.

ערשט אויפן צענטן טאָג האָט מען אין דער געסטאַפּאָ געמאָלדן דעם קהילה־פּאָרזיצער, אַז ער זאָל גיין צום דייטשן קאָמענדאַנט פון דער פוילישער פּאָליציי, וועט ער דאָרט באַקומען אַן ענטפער וועגן די 53 יידן. דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט אים רואיק דערציילט, אַז די 53 יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן צווייטן טאָג נאָכן ארעסט, „ווייל זיי האָבן זיך אויפגעפירט פרעך בעת דער אויספאָרשונג".

אין דעם זעלבן גייסט איז צוזאָרגנס געווען מיטגעטיילט אין דעם פוילישן געסטאַפּאָ־בלעטל „נאָווי קוריער ווארשאַווסקי" וועגן דער דערשיסונג פון די 53 יידן. די נאָטיץ האָט זיך געענדיקט מיט דער

באמערקונג, אז די ידיעה וועגן דערשיסן „די פרעכע יידן" וועט זיכער ארויסרופן א גרויסע צופרידנהייט אין דער פוילישער געזעלשאפט.

ווידער איז געווען א פיינלעכע זיצונג. דער פארזיצער האט מיט־געטיילט די טרויעריקע ידיעה. אין ווארטע־זאל זענען געזעסן די פרויען פון די דערשאסענע און געווארט אויף א ווארט וועגן דעם, ווען מען וועט זייערע מענער באפרייען... אויף דער זיצונג איז באשלאסן געווארן, אז מען מוז איצט די אומגליקלעכע פרויען מיטטיילן דעם אמת. א סך מיטגלידער פון קהילה־ראט האבן געבראכן די הענט: ווי קאנען מיר דאס טאן? ווער האט דאס הארץ דערצו? וואו נעמט מען כּוח בייצוואוווינען אזא סצענע?

דער פארזיצער האט געהייסן ארייערופן 5 פון די פרויען און געבעטן, אז ווער פון די ראט־מיטגלידער עס פילט זיך צו שוואך בייצוואוווינען אזא סצענע, זאל ארויסגיין. אנוועזנד זענען סך־הכּל געווען עטלעכע ראט־מיטגלידער און אלע זענען ארוים פון צימער אחוץ איינעם, וועלכער איז געבליבן שטיין אין ווינקל ביים פענצטער. אין גרויסן קאבינעט זענען געבליבן די צוויי — דער פארבליבענער מיט־גליד און דער פארזיצער — וועלכע האבן שווייגנדיק אויף זיך גע־קוקט...

עס זענען ארייגעקומען די פרויען. זיי האבן זיך געזעצט אויף די אנגעוויזענע שטולן. א ווייל האט געהערשט א שרעקלעך שטילשווייגן. דאן האט דער פארזיצער אנגעהויבן:

„שטארקט זיך, שוועסטער, זייט גרייט אויפן ערגסטן", — און ער האט זיך צעוויינט.

די פרויען זענען געזעסן מיט ברייט צעעפנטע אויגן, ווי זיי וואלטן נישט אימשטאנד געווען צו פארשטיין די באדייטונג פון זיינע ווערטער. איינע פון זיי האט מיט א טרוקן קול געפרעגט: „שוין? זיי?..."

„יא", — האט דער פארזיצער געענטפערט, — „זיי לעבן שוין נישט"...

די פרויען האבן א ווייל געפינטלט מיט די אויגן און זיך איי־בערגעקוקט, ווי זיי וואלטן נאך אלץ נישט פארשטאנען וואס דער פארזיצער האט זיי געזאגט. ביסלעכווייז, פאמעלעך איז די שרעקלע־כע באדייטונג פון זיינע ווערטער דערגאנגען צו זייער באוואוסטזיין. איינע פון זיי, א פרוי אין די מיטעלע יארן, איז פלוצלונג ארוים מיט א יאמערלעכער פראגע:

— אבער פארוואס?

אלע פרויען האבן אויסגעבראכן אין א יאמערלעכן געוויין.

בלויז איינע פון זיי, אַ פרוי, וועלכע האָט געהאַט צווישן די דערשאָסענע איר מאַן אוןביידע זין, האָט נישט געיאָמערט. מיט פאַרביסענע ליפּן און טרוקענע אויגן איז זי געזעסן אַן אויסגעגליכטע, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין און האָט מיט קלאָרע ווערטער געפרעגט:

— יידן, זענט איר איינגאַנצן זיכער, אַז זיי לעבן שוין נישט? קענט איר גאַראַנטירן, אַז זיי זענען אַלע טויט. ווייסט איר דאָס גע־ווים?

דער פאָרזיצער האָט געענטפערט, אַז ליידער, צו אונזער גרויסן אומגליק, ווייסט מען עס שוין אויף זיכער. די פרוי איז אויפגעשטאַנען אַ הויכע, אַן אויסגעגליכטע, און מיט אויגן, וואָס האָבן אַזוי ווי גע־קוקט ווייט דורך די ווענט, זיך געלאָזט צו דער טיר און ווי געווענדט צו זיך אַליין, האָט זי געזאָגט:

— איך ווייס שוין איצט, וואָס איך האָב צו טאָן.

אַזוי האָט זי אָנגעזאָגט, אַז זי האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסט־מאָרד.

די איבעריקע פרויען, וועלכע האָבן געוואַרט אין דרויסן, האָבן זיך שנעל דערוואוסט די שרעקלעכע בשורה און גלייך איז די גאַנצע קהילה־געביידע אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם שרעקלעכן יאָמערן פון צענדליקער פרויען און קינדער. די פרויען און קינדער האָבן דאָ געיאָמערט שעהן־לאַנג. זיי האָבן נישט געוואָלט זיך פונאַנדערגיין. זיי האָבן נישט געהאַט צו וועמען אהיים צו גיין.

עס האָט זיך אין די ווייטערדיקע טעג אַרויסגעוויזן, אַז קעגן די 53 יידן איז בכלל קיין שום אויספאָרשונג נישט געפירט געוואָרן. זיי זענען פשוט גלייך אויפן אָרט אויסגעשאָסן געוואָרן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועמ.

די גרושים

עס איז געווען צום סוף פון חודש נאָוועמבער 1939. אין דרויסן האָבן זיך געשטעלט ברענענדיקע פרעסט, וואָס זענען געקומען ווי אַ צולאָג צו די אַלע אומגליקן. נאָך די רויבערייען, ארעסטן, כאַפּן אויף אַרבעט און געטאָ־גזירה, האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן נייע אומגליקן, וואָס דערוואַרטן אונז. די דייטשע מאַכט האָט געמאָלדן, אַז זי האָט אַ גרויסן חלק פון פּוילן אָפיציעל געמאַכט פאַר אַ טייל פון דייטשלאַנד. צווישן די אומגליקלעכע יידן פון וואַרשע האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט אַן אומרואיקייט: וואָס וועט געשען מיט די יידן פון יענע שטעט, וואָס זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין דייטשלאַנד?

דאָס הויז פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה איז פול געווען מיט הונדערטער מענטשן. איינער האָט געדאַרפט באַגראָבן אַ מת, איינער האָט געדאַרפט אַ דאָקטאָר, און נאָך אַנדערע זענען געקומען בעטן הילף און שוץ קעגן די רציחות פון די דייטשן.

די שרעק איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די אָפטע וויזיטן פון די געסטאַפּאָ־לייט, וועלכע האָבן זיך ארומגעדרייט אין דער יידי־שער קהילה ווי רוצחים, שטויסנדיק די מענטשן אין אַלע זייטן. יעדעס מאָל, וואָס אַ דייטשער געסטאַפּאָ־אויטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ פאַר דער געביידע פון דער יידישער קהילה, באַטייט אַ גזירה. און יעדער אַזאַ וויזיט ווערט פון מויל צו מויל גלייך צעטראָגן איבער דער שטאָט און מאַכן יידן קומען באַלד צולויפן און פרעגן:

— וואָס איז ווידער געקומען אויף אונז? זאָגט אונז אויף אַמאָל, ציט נישט ארויס די נשמה. אַ סוף, לאָמיר וויסן אַלץ.

אין איינעם פון אַזעלכע טעג, ווען איך בין געזעסן צוזאַמען מיט אַ צווייטן מיטגליד פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, האָט זיך צו אונז געמאָלדן אַ דעלעגאַציע פון פאַרטריבענע יידן פון דעם שטעטל שערפּץ.

מיר האָבן אַריינגערופן די דעלעגאַציע. פאַר אונז זענען גע־שטאַנען צוויי יונגע יידישע אַרבעטער, זייערע פּנימער זענען געווען פאַרחושכט. זייערע אויגן זענען דערשראָקן אַרומגעלאָפן אין אַלע

זייטן, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אויך אין דעם צימער פון דער יידישער קהילה געפילט נישט זיכער. זייערע קליידער און שיך זענען געווען צעריסן און פאַרשטויבט. עס האָט לאַנג גענומען ביז זיי האָבן אָפּ־געאָטעמט און געקאָנט דערציילן, ווי עס געהער צו זיין.

און אָט וואָס זיי האָבן דערציילט:

אין זייער שטעטל איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ מיליץ פון „פאָלקס־דייטשן". דאָס זענען געווען דייטשע פויערים, וועלכע האָבן געוואוינט אין די אַרומיקע דערפער אַלס פוילישע בירגער. דאָס פאַרמעגן פון יידן האָט מען גלייך פון ערשטן טאָג אָן דערקלערט פאַר הפקר. פריער האָט מען אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער געמיינדע פון שערפּץ אַ שווערע קאָנטריבוציע. דערביי האָט מען גענומען זאַקלאַדניקעס (מענטשן אַלס משכּנות) פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן געזאָלט דערשאָסן ווערן, אויב די קאָנטריבוציע וועט נישט איינגעצאָלט ווערן צו דער צייט.

דערנאָך האָט מען אַלע יידן געהייסן פאַרמאַכן זייערע קראָמען. אַ טאָג שפּעטער האָט מען זיי באַפוילן צו עפענען די קראָמען און אַליין אַוועקגיין. די יידישע קראָמען זענען אינגאַנצן אויסגערויבט געוואָרן. נאָכדעם איז מען מיט פערד און וואָגן און לאַסט־אויטאָס פאַרפאָרן צו אַלע יידישע וואוינונגען און גרינטלעך גענישטערט און אויסגערוימט אַלע וואוינונגען, צונעמענדיק אַלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען, אויך מעבל און אפילו געפעס און בעזימער. אין דעם רויב האָבן זיך באַטייליקט די דייטשע פויערים פון די אַרומיקע דייטשע קאָלאָניעס. אין איינצלנע פאַלן האָבן אויך פוילישע שכנים עפּעס גענומען. מאַנכע האָבן זיך דערביי פאַרענטפערט: „זעסט דאָך, אַז זיי נעמען סיי־ווי אַלץ צו, זאָל כאָטש עפּעס בלייבן ביי „אייגענע"...

און נאָך דעם אַלעמען איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יידן, אָן אויסנאַם, יינג און אַלט, זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק. האָט די מיליץ פון „פאָלקס־דייטשן" באַזוכט אַלע יידישע וואוינונגען, צי עס איז נישט ערגעץ געבליבן פאַרשטעקט אַ ייד. די פאַרזאַמלטע יידן אויפן מאַרק האָט מען געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט. מען האָט גרינטלעך אויסגענישטערט זייערע זאַכן, צי זיי האָבן נישט באַהאַלטן געלט אָדער צירונג. אַלץ האָט מען ביי זיי צוגענומען. דערביי האָט מען זיך איבער די יידן שרעקלעך איזדיעקעוועט. מען האָט אַלע יידן געהייסן נאַקעט־טערהייט טאַנצן און אַ סך יידן האָט מען דערביי ברוטאַל געשלאָגן. דערנאָך איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן זיך אָנטאָן. יעדער האָט פון זיינע צוגערויבטע געלט און צירונג באַקומען צוריק בלויז 10 זלאָטעס. ווען די יידן זענען שוין געווען אָנגעטאָן, האָט מען זיי

באפוילן זיך אויסצושטעלן אין רייען. די דייטשע מיליץ האָט אַרומ־גערינגלט די מחנה, אַ דייטשער אָרקעסטער האָט געשפּילט, און אַזוי האָט מען די יידן מיט מוזיק אוועקגעפירט צום וואָקזאַל. דאָרטן האָט מען זיי אַריינגעפּאַקט אין פראַכט־וואַגאָנעס, די וואַגאָנעס פאַרחתמעט, און די יידן זענען פּלוצלונג, בארויבטע פון אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַר־מאָגט, אַרויסגעפירט געוואָרן פון זייער שטאָט.

מיט דער באַן האָט מען זיי געפירט ביז קוטנע. אַ גאַנצן טאָג האָט געדויערט די רייזע. אין די וואַגאָנעס איז געווען ענג. ס'איז נישט געווען קיין לופט צו אָטעמען. די יידן האָבן נישט געהאַט מיט זיך קיין שפּייז, קיין טראָפּן וואַסער. מענטשן האָבן מאַסנווייז געחלשט. אויף די סטאַציעס האָבן זיי אויסגעשטרעקט די הענט דורך די קליינע פאַרקראַטעטע פענצטערלעך, געבעטלט אַ טראָפּן וואַסער. פּוילישע פּויערים און פּויערטעס האָבן זיי געוואָלט דערלאַנגען ברויט, וואַסער, אָבער די דייטשן האָבן זיי אַוועקגעטריבן.

אין קוטנע זענען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די וואַגאָ־נעס און מען האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון דער קוטנער דייטשער פּאָליציי. איצט זענען זיי אויך פון די לעצטע 10 זלאָטעס בארויבט געוואָרן.

מען האָט די יידן געטריבן אויף אַ מיליטערישן שטייגער. ווער עס האָט געפּרואווט אַנטלויפן, אויף דעם האָט מען געשאָסן; ווער עס איז געווען שוואַך און איז אָפּגעשטאַנען, דעם האָט מען מערדער־לעך געשלאָגן; ווער עס איז אַוועקגעפאַלן און אפילו די קלעפּ האָבן אים נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיס, דעם האָט מען פּשוט דער־שאָסן.

אין לאָוויטש זענען די יידן ווידער איבערגעגעבן געוואָרן צו דער לאָוויטשער דייטשער מיליץ, וועלכע האָט זיי ווייטער צופוס גע־טריבן קיין מאָדלין. און אַזוי כסדר. ביי יעדן טוישן זיך פון דער מיליץ האָבן זיך די פּייניקונגען אָנגעהויבן פונדאָסניי. אין קיין שום אָרט האָט מען זיי נישט געלאָזט זיך אָפּרוען. אין די שטעטלעך און דער־פער, וואָס זיי זענען פאַרביי־געגאַנגען, האָט מען דער פּוילישער באַ־פעלקערונג נישט דערלויבט זיי צו דערלאַנגען אַ ביסן ברויט אָדער אַ טרונק וואַסער.

זיי, די צוויי יינגעלייט, האָבן זיך נאָך נאָווידוואָר אוועקגעגנבעט פון דער מחנה און עס איז זיי געלונגען צו קומען צו לויפן קיין וואַרשע. די מחנה אַרויסגעטריבענע יידן פון שערפּץ איז נאָך געווען אין וועג. אַרויסגעטריבן האָט מען איבער 1700 מענער, פרויען און קינדער.

די אַרויסגעטריבענע יידן פון שערפּץ זענען אָנגעקומען קיין וואַר־שע נישט מיטאַמאָל. פאַר דער שטאָט האָט מען זיי אָפּגעלאָזט און באַפוילן צו גיין קיין וואַרשע. דערביי האָט מען זיי אָנגעזאָגט, אַז ווער עס וועט זיך דערוועגן צוריק קומען אין זיין שטעטל, וועט דאָרטן דערשאָסן ווערן.

אויפן דריטן טאָג נאָכן אָנקומען פון די צוויי שערפּצער ייִנגע־לייט, זענען שוין אין וואַרשע געווען 1200 שערפּצער יידן. אין די ווייטערדיקע טעג זענען אָנגעקומען נאָך. די יידישע קהילה האָט רע־גיסטרירט קנאַפּע 1600 שערפּצער יידן, וועלכע זענען דערגאַנגען קיין וואַרשע.

וואו זאָל מען די מענטשן אַהינטאָן אין דער חרובער שטאָט? מיר האָבן גענומען צו הילף די טויער פון דזשאָינט. מען האָט די יידן איינגעאָרדנט אין שולן און אין חסידים־שטיבלעך.

אין איין חסידים־שטיבל, אויף גזשיבאָווסקע גאַס, וואו ס'איז גע־ווען פּלאַץ העכסטנס פאַר פערציק מענטשן, האָבן זיך געפונען דריי הונדערט אַרויסגעטריבענע יידן פון שערפּץ. די מענטשן זענען גע־קומען קראַנקע און צעבראָכענע. זיי זענען צונעפאַלן צו די פּאָדלאָגעס און זיך טעג נאָכאַנאַנד נישט געקאָנט רירן. אין וואַרשע האָט שוין דאַן געבושעוועט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג די עפּידעמיע פון בויך־און פלעק־טיפוס. און כמעט גלייך פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט צווישן די אַרויסגעטריבענע יידן פון שערפּץ אָנגעהויבן בושעווען דער טיפוס. יעדן טאָג האָט מען פון די פּונקטן, וואו מען האָט זיי איינגעאָרדנט, צענדליקער געמוזט אָוועקפירן אין שפּיטאָל, און אַ סך פון זיי — אויפן בית־עולם.

שערפּץ איז געווען דער אָנהויב. עס איז געווען גלייך נאָכדעם, ווי דער גאַנצער מערב־טייל פון פּוילן, ביז טיף אין צענטראַל־פּוילן אַריין, איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דייטשלאַנד. צענדליקער גרוי־סע שטעט און קליינע שטעטלעך מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעל־קערונג האָבן, אויפן באַפעל פון די נאַציס, געמוזט ווערן „יידן־ריין". מ'האָט געטריבן צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס. די דייטשן האָבן דאָס אַרויסטרייבן דורכגעפירט אויף זייער ברוטאַלן און סאַדיסטישן שטייגער. קיין וואַרשע זענען יעדן טאָג אָנגעקומען טויזנטער פאַמיליעס פון פאַרשידענע שטעט.

די דייטשן האָבן די יידן פון יענע שטעט געטריבן אין די פיר דיסטריקטן, וואָס זענען נישט געוואָרן אָפיציעל אַ טייל פון נאַצי־לאַנד. אָפט האָט מען אין קליינטשינקע שטעטעלעך געבראַכט טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט וואו זיך אַהינצוטאָן.

אין דעם קליינעם שטעטל קאלושין (צווישן ווארשע און שעדלעץ), וואס איז פון די דייטשע לופט־באמבעס און פון די שלאכטן כמעט אינגאנצן חרוב געווארן און וואו עס זענען געבליבן עטלעכע היל־צערנע הייזלעך, האט מען אין א ברענענדיקן פראסט געבראכט קנאפע דריי טויזנט יידן פון קאליש, פאביאניץ און זגערזש. די מענטשן האט מען וואכנלאנג געשלעפט אין קאלטע פראכט־וואגאנעס, אן שפייז, אן וואסער, אן ווארעמע קליידער. און דאן האט מען זיי בוכשטעבלעך ארויסגעווארפן אויפן פארשנייטן פעלד און זיי האבן אפילו ניט גע־האט וואו אריינצוגיין זיך אנווארעמען. א דעלעגאציע פון די דאזיקע יידן האט זיך דערשלאגן קיין ווארשע. נאכדעם ווי מיר האבן אויס־געהערט זייער באריכט, האט זיך פאר אונז געשטעלט די ערשטע אויפ־גאבע — צו בויען פאר זיי באראקן, צו שאפן פאר זיי כאטש א צייט־ווייליקן דאך איבערן קאפ.

איבער גאנץ פוילן האבן זיך אין יענע וואכן געשלעפט צענד־ליקער טויזנטער אומגליקלעכע, פלוצלונג ארויסגעריסענע יידן, נא־קעטע און בלויזע. כמעט יעדן טאג האט מען דער ווארשעווער קהילה געמאלדן וועגן גרויסע טראנספארטן, וואס מען פירט פארביי ווארשע. אפט פלעגן די צוגן מיט טויזנטער פארפרוירענע מעת־לעתן־לאנג שטיין אויף זייטיקע ליניעס אוןווארטן אויף דער ווייטערדיקער רייזע. א סך פון די מענטשן זענען געווען קראנק. די יידישע אינסטי־טוציעס און אויך דער פוילישער רויטער קרייץ פלעגן זיך באמיען צוקומען צו די מענטשן, דערלאנגען זיי א ביסל שפייז, אבער זייער זעלטן פלעגט עס געלינגען, ווייל די דייטשן האבן דאס נישט דער־לויבט. די טראנספארטן מיט די דעפארטירטע פלעגן אויסגעלאדן ווערן אויף פארשידענע פונקטן פון ווארשעווער, לובלינער, קראקעווער און ראדאמער דיסטריקטן. טויזנטער פאמיליעס זענען דערביי צעשיידט געווארן. עלטערן האט מען געשיקט מיט איין טראנספארט, קינדער — מיט אן אנדערן. טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען מיט גוואלט ארויסגעריסן געווארן פון זייערע היימען, זענען איבערהויפט אין ערגעץ נישט אנגעקומען און קיינער ווייס נישט, וואו זייער געביין איז אהינגעקומען.

פון דעם טאג אן ווען צו אונז האט זיך געמאלדן די דעלעגאציע פון די ארויסגעטריבענע יידן פון שערפץ, האבן מיר מער קיין איין טאג רו נישט געהאט. יעדער טאג האט געבראכט א האגל מיט נייע שרעקלעכע ידיעות. די ברוטאליטעט פון די דייטשן ביי די ארויס־טרייבונגען האט יעדן אויפגעשוידערט, הגם קיינער האט זיך נישט גערעכנט אויף קיין מענטשלעכקייט מצד די נאצי־בעסטיעס. אין קא־

ליש, צום ביישפּיל, האָט מען עטלעכע טויזנט יידן געכאַפּט פון זייערע וואוינונגען און פון די גאַסן, און מען האָט זיי פאַרשפאַרט אין אַ גרויסן שטאָטישן סקלאַד. אַ וואָך האָט מען זיי דאָרטן געהאַלטן אָן שפּייז, אָן באַהייצונג. מען האָט מיט זיי קאָמאַנדעוועט, באַרויבט, און שפּעטער האָט מען זיי פונאַנדערגעשיקט אין פאַרשידענע ערטער.

צום שרעקלעכסטן איז דורכגעפירט געוואָרן די ארויסשיקונג פון אַ טייל פון דער גרויסער יידישער באַפעלקערונג פון לאָדזש.

אין דעצעמבער 1939 האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן זיך באַווייזן אין ווארשע הונדערטער יידישע פאַמיליעס, וועלכע זענען געקומען צולויפן אין ביטערן פראָסט פון לאָדזש קיין ווארשע, מערסטנס צו־פוס, מיט פעקלעך און קינדער אויף די פּלייצעס. דאָס וואָס זיי האָבן דערציילט, האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן, נישט גע־קוקט דערויף, וואָס מיר זענען שוין געווען צוגעוואוינט צו די שווי־דערלעכקייטן פון די דייטשע נאַצי־בעסטיעס.

אָט שטייט פאַר מיר אַ ייד מיט אַ צעשויבערטער באָרד, מיט צעריסענע, פון פראָסט פאַרשטייפטע מלבושים, ארומגעבונדן מיט אַ שטריקל. ער פּרואווט שוין צום וויפלטן מאָל מיר דערציילן זיין געשיכטע, אָבער עס קומט נישט ארויס. עס רייסן זיך פון אים ארויס איינצלנע ווערטער, וואָס קלינגען גיכער ווי קרעכצן. עס שטיקט אים כסדר אַ געוויין. ער קען ניט רעדן. דער דאָזיקער ייד איז געווען איי־נער פון די אָנגעזעענסטע סוחרים אין לאָדזש. און איצט שטייט ער דאָ און זעט אויס ווי ער וואָלט שוין יאָרן־לאַנג ארומגעגאַנגען אַלס בעטלער.

אין דער צווייטער העלפט דעצעמבער האָבן די דייטשן פלוצלונג אָפּגעצוימט גאַנצע בלאָקן הייזער אין לאָדזש און ארויסגעטריבן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון זייערע וואוינונגען. פאָרגעקומען איז עס אויף אַזאַ אופן:

די דייטשן האָבן אויף די הויפן ארויסגעגעבן דעם באַפעל:

— יודען, הערויס! דאַן האָבן זיי אויסגערופן, אַז יעדער ייד, וואָס וועט נאָך 20 מינוט זיין ביי זיך אין דער וואוינונג, וועט דער־שאָסן ווערן. נאָך די 20 מינוט האָט מען באַזוכט די יידישע וואוי־נונגען און ווי איז געווען צו דעם יידן, וועלכן מען האָט נאָך דעמאָלט געפונען אין זיין וואוינונג.

וואָס מען וויל פון זיי האָט קיינער פון די יידן נישט געוואוסט. מען האָט יעדערן געהייסן מאַכן זיך אַ קליין פּעקל מיט די נויטיקסטע זאַכן. מען האָט יעדערן באַזוכט צי ער האָט ביי זיך געלט. דאָס געלט

האָט מען צוגענומען און דערלויבט מיטצונעמען מיט זיך נאָר 10 מאַרק (20 זלאָטעס).

מען האָט די יידן אוועקגעפירט אין א קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואו מען האָט זיי געהאַלטן אָפּט ביז 8—10 טעג. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט האָבן די יידן געמוזט אויסשטיין די שרעקלעכסטע פּייניקונגען און דערנידעריקונגען.

אָט האָט מיר דערציילט די פרוי פון מיינעם א פּערזענלעכן פריינד, אז מען האָט זי אויף דעם זעלבן אופן אַרויסגעשלעפּט מיט אירע צוויי קינדער פון דער וואוינונג. מען האָט זי אוועקגעפירט אין א קאָנ־צענטראַציע־לאַגער הינטערן שטאָט. דאָרטן האָט מען זיי, צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער יידישע פרויען, געהייסן זיך אויסטאָן אינגאַנצן נאַקעט, פאַר די אויגן פון די דייטשע סאָלדאַטן. די נאַקעטע יידישע פרויען האָט מען שעהנלאַנג געהאַלטן אין דעם קאַלטן באַראַק. מען האָט זיי באַפוילן אויסשטעלן זיך אין רייען, מאַכן גימנאַסטיק, שפּרינגען. דערביי האָט מען זיך איזדיעקעוועט איבער זיי, געשלאָגן, געקאָפּעט מיט די שטיוול. כמעט ביי אַלע פרויען האָט מען דורכגעפירט עקלהאַפטע ברוטאַלע רעוויזיעס, צי זיי האָבן נישט באַהאַלטן קיין צירונג אין זייערע געשלעכטס־אָרגאַנען.

נאָך א וואָך צייט אָפּזיצן אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט מען מיין פריינדס פרוי מיט די קינדער אַריינגעפּאַקט אין א וואַגאָן, אין וועלכן זי איז צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער יידן, אָפּגעשיקט גע־וואָרן קיין קראָקע. די רייזע האָט געדויערט פיר טעג. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט האָבן זיי נישט באַקומען קיין שפּייז און קיין וואַסער און האָבן נישט געהאַט אפילו וואו זיך צוצוזעצן.

די פרוי האָט נאָך צוגעגעבן, אז פאַר איר יינגל, וועלכער איז אַלט 13 יאָר, האָט זי קוים אויסגעפּועלט מען זאָל אים דערלויבן צו פאָרן מיט איר צוזאַמען, ווייל די דייטשע באַנדיטן האָבן פונאַנדערגעטיילט באַזונדער מענער און באַזונדער פרויען, און אויף אַזא אופן צע־שיידט מענער פון ווייבער, עלטערן פון קינדער.

גלייך דעם ערשטן טאָג פון די דאָזיקע אַרויסשיקונגען פון לאָדזש האָט זיך צעווישן דער יידישער באַפעלקערונג אָנגעהויבן א שרעקלעכע בהלה. מען האָט געוואוסט, אז מען האָט הונדערטער פאַמיליעס אַרויס־געריסן פון זייערע וואוינונגען און ערגעץ פאַרשלעפּט. וואָס ס'איז מיט זיי געשען, האָט קיינער נישט געוואוסט. צענדליקער טויזנטער יידן האָבן דעריבער ניט געוואָלט וואַרטן, ביז וואַנען מיט זיי וועט געשען דאָס זעלבע און זיי האָבן זיך אַליין געלאָזט, וואו די אויגן וועלן זיי טראָגן. צומאַרגנס איז די שטאָט געוועזן נישט צו דערקענען. טויזנטער,

טויזנטער יידן האָבן געלאָזט אָפן און אויף הפקר זייערע געוועלבער און זענען מיט די ווייבער און קינדער, מיט פעק, ארויסגעגאנגען פון דער שטאָט.

די דאָזיקע בהלה האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך. אין פארלויף פון דער וואָך איז דער גאַנצער וועג פון לאָדזש ביז ווארשע געווען נעדיכט באַלייגט מיט פערד און וועגעלעך, מיט האַנט־וועגעלעך און פוס־גייער. יינג און אַלט, קינד און קייט איז געגאַנגען. אויפן וועג זענען די מענטשן אָפט רעווידירט געוואָרן דורך די דייטשע פּאַטרולן און זענען צום גרעסטן טייל באַרויבט געוואָרן פון דעם ביסל אָרימקייט, וואָס זיי האָבן באַוויזן מיט זיך צו נעמען. עס איז געווען אַ 30־גראַדיקער פראָסט אין יענער וואָך. הונדערטער קינדער און אויך דער־וואַקסענע זענען פארפרוירן געוואָרן. די פארשנייטע פעלדער לענג־אויס דעם שאָסיי זענען אין פארלויף פון דער דאָזיקער וואָך פארזייט געוואָרן מיט הונדערטער יידישע קינדער־קברים.

אין פארלויף פון איין דעצעמבער־וואָך (1939) זענען דורך די ארויסשיקונגען ווי אויך דורך דעם אַנטלויפן ארום הונדערט טויזנט יידן ארויס פון לאָדזש און געקומען על־פי רוב קיין ווארשע.

נאָך דער דאָזיקער וואָך האָבן די דייטשן געמאָלדן דער יידי־שער געמיינדע אין לאָדזש, אַז צוליב דער גרויסער צאָל טויט־פאַלן צווישן די דעפּאָרטירטע, שטעלן זיי צייטווייליק אָפּ די דעפּאָרטאַציע פון לאָדזש און זיי וועלן זיך צו איר אומקערן, ווי נאָר עס וועט ווערן אַ ביסל ווארעמער. דערביי האָט אָבער די דייטשע מאַכט גע־פאָדערט פון דער יידישער געמיינדע, אַז זי זאָל אַליין אָרגאַניזירן די שטופנווייזע אויסוואַנדערונג פון די יידן פון לאָדזש ביז וואַנען די דייטשן וועלן זיך ווידער צו דעם נעמען.

די איבערגעבליבענע יידן אין לאָדזש (איבער 200,000) האָבן זיי ארייננעפּאַקט אין איין געגנט, אין „באַלוט" (אַן אָרימער קוואַרטאַל פון לאָדזש), וועלכע איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ יידישער געטאָ. אויף די יידן אַליין האָט מען ארויפגעלייגט די פליכט צו שאַפן אַ מי־ליץ, אַ מין פּאָליציי, וואָס זאָל היטן די טויערן פון געטאָ. פאַר ארויס־גיין פון געטאָ איז באַשטימט געוואָרן טויט־שטראָף. ווען מען כאַפּט אַ יידן וואָס האָט זיך דערלויבט ארויסצוקומען פון געטאָ, ווערט נישט נאָר ער אַליין באַשטראָפט. אויך דער יידישער וועכטער פון דעם פּונקט, דורך וועלכן דער ייד איז ארויסגעקומען פון געטאָ, ווערט דערשאָסן. צוליב דער מורא פאַר דער טויט־שטראָף, זענען די יידן־וועכטער ביי די טויערן פון געטאָ זייער שטרענג.

ביזן סוף יאנואר 1940 זענען די דעפּאָרטאציעס פון די יידן אין נאצי־אָקופּירטן פּוילן בארעכנט געוואָרן אויף איבער א האלבן מי־ליאָן, פון וועלכע הונדערטער טויזנטער זענען געקומען קיין ווארשע.

ניט ווינציקער ברוטאל איז אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען דאָס דעפּאָרטירן פּאָליאקן פון די מערב־געגנטן פון פּוילן (פּאָ־מערן, פּויזן א.א.וו.). צוזאמען האָבן די דעפּאָרטאציעס אין פּוילן אין יאנואר 1940 שוין געהאט ארומגענומען קנאפּע צוויי מיליאָן מענטשן.

די יידן אין דער פראָווינץ

אין אַלע שטעט אָן אויסנאַם איז די ערשטע אויפגאַבע, וואָס די געסטאַפּאָ האָט געשטעלט די קהילות, געווען — אַ געלט־קאָנטריבוציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. פון דעם האָט זיך עס אָנגעהויבן. די קאָנטריבוציעס, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף די יידישע קהילות פון אַנדערע שטעט, זענען געווען פאַרהעלטניסמעסיק נאָך גרעסער, ווי די וואַרשעווער קאָנטריבוציע. אין אַ סך שטעט האָט מען באַלד נאָכן איינצאָלן פון איין קאָנטריבוציע באַשטימט אַ צווייטע, אַ גרעסערע, און דאַן גלייך אַ דריטע, נאָך אַ גרעסערע, ביז די יידן זענען שוין נישט געווען אימשטאַנד איינצוצאָלן. דעמאָלט זענען אַלס שטראָף פאַר „נישט אויספירן דעם באַפעל" געקומען פאַרשידענע פייניקונגען און גרושים.

אין וולאָצלאַוועק, למשל, האָט מען אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער קהילה אַ קאָנטריבוציע פון 150 טויזנט גילדן. ווען דאָס איז איינגעצאָלט געוואָרן, האָט מען אַרויפגעלייגט אַ נייע קאָנטריבוציע פון אַ פערטל מיליאָן. נאָכן איינצאָלן די צווייטע קאָנטריבוציע, האָט מען אַרויפגעלייגט אַ דריטע — פון אַ האַלבן מיליאָן... די וולאָצלאַווקער יידן האָבן שוין קיין האַלבן מיליאָן נישט געקענט צוזאַמענקלייבן, נאָר בלויז דריי הונדערט טויזנט. פאַר אָט דעם „פאַרברעכן", האָט מען עטלעכע צענדליק יידן אַרעסטירט און ערגעץ פאַרשלעפּט, און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. אחוץ דעם האָט מען עטלעכע צענדליק יידישע משפחות אַרויסגעטריבן פון די הויפּט־גאַסן און זיי פאַרשפּאַרט אין געטאָ, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע ענגע הינטערגעסלעך.

אין לובלין האָט מען נאָכן איינצאָלן אַ געלט־קאָנטריבוציע באַפוילן דער קהילה, זי זאָל צושטעלן דער געסטאַפּאָ בריליאַנטן אין ווערט פון דריי הונדערט טויזנט זלאָטעס, לויטן פאַרמלחמהדיקן פּרייז.

אין די שטעט און שטעטלעך פון וואַרשעווער קרייז האָט מען, נאָכן באַצאָלן די ערשטע קאָנטריבוציע, אַרויפגעלייגט אויף אַלע

יידישע קהילות נייע „שטראַף־קאָנטריבוציעס" פון אַזעלכע גרויסע סומען וואָס די יידן אין די דאָזיקע שטעטלעך האָבן קיינמאָל נישט פאַרמאָגט. דאָס איז געווען אַן עקסטרע שטראָף אויף די יידן דער־פאַר וואָס אַ פוילישער פויער האָט ערגעץ אין אַ דאָרף איבערגעריסן אַ דייטשן טעלעפאָן־דראָט.

ביים באַשטימען אַ קאָנטריבוציע ווערן אומעטום גענומען מענטשן אַלס משכּנות, וועלכע די געסטאַפּאָ דראָט צו דערשיסן, אויב מען וועט די קאָנטריבוציע נישט איינצאָלן.

אָבער אחוץ די אָפיציעלע קאָנטריבוציעס, ליִיגט אין די שטעטלעך יעדער געסטאַפּאָ־באַאַמטער באַזונדער אַרויף זיינע אייגענע קאָנטרי־בוציעס פאַר זיך פערזענלעך. איינעם מוזן די יידן פון „זיין" שטעטל יעדע וואָך צושטעלן זייד אויף קליידער פאַר זיין ווייב און פאַר זיינע געליבטע; אַן אַנדערן—זיידענע זאָקן און וועש; אַ דריטן—צירונג, און אַזוי ווייטער. אָפט קומט אַזאַ פאַרשוין אַריין אין אַ קהילה פון אַ שטעטל און פאָדערט, אַז מען זאָל אים תיכף צושטעלן פופציק יידן אַרויסצושיקן ערגעץ אין אַ לאַגער. די יידן, דערשראָקענע, הויבן אָן צו וויינען און בעטן; ביסלעכווייז, אַז דער געסטאַפּאָ־פאַרשוין וויל נישט נאָכלאָזן, הויבט מען אָן אַליין צו געבן צו פאַרשטיין, אַז אפשר קאָן מען זיך אויסקויפן מיט עפּעס אַנדערש. עס ענדיקט זיך מיט אַ צעטל פון פאַרשידענע זאַכן פאַר עטלעכע טויזנט און אָפט פאַר עטלעכע צענדליק טויזנט גילדן, וואָס די יידן דאַרפן אים צושטעלן אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה.

אויך אין אַלע אַנדערע שטעט פון פוילן האָט מען אויסגעשלאָסן די יידן פון יעדער שטאָטישער הילף און אומעטום זענען אַלע שטאָטישע נויטן אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף די קהילות, וועלכע האָבן אויסצושטיין די זעלבע צרות ווי די וואַרשעווער קהילה.

אין קראָקע האָט די געסטאַפּאָ צוגענומען דאָס גרויסע שיינע הויז פון די יידישע סטודענטן („יידישע אַקאַדעמיקער־הויז") און דאָרט איינגעאָרדנט אַ שאַנד־הויז פאַר דייטשע זעלנער.

כמעט אין אַלע שטעט האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע גע־שיכטע, וואָס אין וואַרשע: מען כאַפּט יידן פון די גאַסן און שטיבן אויף אַרבעט. די יידישע קהילות האָבן זיך געווענדט מיט פאָרשלאָגן, אַז זיי וועלן צושטעלן יידישע אַרבעטער און זאָל מען נישט כאַפּן פון די גאַסן. די פאָרשלאָגן זענען אָנגענומען געוואָרן. מען האָט פאַר די קהילות באַשטימט די צאָל יידישע אַרבעטער, וואָס זיי זענען מחויב צוצושטעלן, אָבער כאַפּן כאַפּט מען ווייטער, סיי פון די גאַסן און סיי פון די שטיבן.

אין לאָדזש, די צווייטע גרעסטע שטאָט אין פּוילן, האָט די געס־טאַפּאָ געשאַפן די יידישע קהילה פריער ווי אין אַנדערע שטעט. לאָדזש איז איינגענומען געוואָרן אויפן אַכטן טאָג פון דער מלחמה, ווען אין ווארשע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די העלדישע פאַרטיידיקונג. די יידן, וואָס זענען נאָמינירט געוואָרן אַלס די פירער פון דער לאָדזשער קהילה, האָבן געהאַט אויסצושטיין פאַרשידענע פּייניקונגען, דערני־דעריקונגען און טויט־שרעק פון דער געסטאַפּאָ. שפּעטער האָט זיך איינגעשטעלט אַ פאַרהעלטניסמעסיק נאָרמאַלע אַרבעט פון דער קהילה און אירע אינסטיטוציעס. זי האָט געהאַט דאָס רעכט צו באַנוצן אַ טייל פון די בלאָקירטע (אַרעסטירטע) יידישע געלטער פון די בענק צו קאָנען דעקן אירע אויסגאַבן. ס׳איז איר אַפילו געווען דערלויבט צו פירן די יידישע שולן. ס׳איז געווען קלאָר, אַז אויך דאָס, די פאַר־העלטניסמעסיקע „גוטסקייט״ צו דער לאָדזשער קהילה, איז עפּעס אַ צייטווייליקער קאַפּריז פון אַ געסטאַפּאָ־מאַן, אַז דאָס קאָן לאַנג נישט אָנהאַלטן.

מען האָט טאַקע נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. בלויז עטלעכע וואָכן האָט די לאָדזשער קהילה געקאָנט אָנגיין מיט איר אַרבעט. נאָכדעם האָט מען צוויי מיטגלידער פון קהילה־ראַט געשמיסן אין דער געסטאַפּאָ, ווען זיי זענען אַהין געקומען וועגן אַ גאַנץ געוויינלעכן ענין. אין דער זעלבער וואָך האָט מען פּלוצלונג אַרעסטירט כמעט אַלע מיטגלידער פון לאָדזשער קהילה־ראַט (אַחוץ דעם פּאָרזיצער, וועלכן מ׳האָט איבערגעלאָזט און אַחוץ איניקע, וועמען ס׳איז גע־לונגען צו אַנטלויפן) און מ׳האָט זיי פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז געקומען דער בלוטיקער גרוש פון הונדערט טויזנט לאָדזשער יידן און גלייך נאָכדעם — דאָס פאַרשפּאַרן אַלע איבעריקע לאָדזשער יידן אין געטאָ אין „באַלוט״.

צו דעם אַלעמען דאַרף מען צוגעבן נאָך צוויי „פּערל״ פון נאַ־צישער ברוטאַליטעט אין פּוילן: זיי צינדן און פאָטאָגראַפירן; זיי ברענען כדי חרוב צו מאַכן, אויסצוראָטן און פאַרניכטן יידן און יידיש לעבן און זיי פאָטאָגראַפירן, פילמירן, כדי צו באַשווינדלען זייער אייגן פאָלק און די גאַנצע וועלט.

פאַראַיאָרן צו ימים־נוראים האָט מען די לאָדזשער יידן ניט דערלויבט צו דאַווענען אין די שולן. די שולן האָבן געמוזט זיין גע־שלאָסן. אָבער אַ פּאָר וואָכן נאָך די ימים־נוראים, האָט די געסטאַפּאָ באַפוילן דער יידישער קהילה, זי זאָל אין אַ פראָסטן מיטוואָך ברענגען אַכט הונדערט יידן אין דער גרויסער „דייטשער שול״ אריין. די יידן

זאָלן מיטברענגען זייערע טליתים און עס זאָל זיין דער חזן און דער כאָר. ווען די יידן זענען געווען פאַרזאַמלט אין דער גרויסער שול, זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ געסטאַפּאָ־באַנדע. מען האָט באַפוילן די יידן אָנצוטאָן די טליתים, דעם חזן — צו שטעלן זיך ביים עמוד און צו פּראַוועון אַ דאַוונען מיט כאָר־געזאַנג. די יידן אין די טליתים האָט מען געצוואונגען הויך צו שרייען און צו מאַכן פאַר־שידענע הוועיות, צו קרימען זיך און אַרויסצולאָזן ווילדע קולות. אַי־בער זייערע קעפּ האָבן געפּאַכעט די געסטאַפּאָ־נאַהייקעס און עס האָט געלויערט אַן אומבאַשטימטער, פינצטערער גורל. די יידן האָבן געשריגן און געוויינט. ס'איז געווען דאָס שרעקלעכסטע, דאָס טראַ־גישסטע דאַוונען, וואָס די לאָדזשער יידן האָבן ווען עס איז געדאַוונט.

אָט דאָס געצוואונגענע דאַוונען, מיט די געצוואונגענע קרומע הוועיות, מיט די געצוואונגענע ווילדע קולות און נישט געצוואונגענע געוויינען, האָבן די דייטשן פאָטאָגראַפירט מיט ספּעציעל־געבראַכטע פילם־אַפּאַראַטן. די געסטאַפּאָ־מערדער זענען געשטאַנען מיט נאַהייקעס און פילם־אַפּאַראַטן אויפן באַלעמער פון דער גרויסער שול, צווישן דער גרויסער עדה יידן אין טליתים, און געשריגן:

— העכער שרייען!

— פאַרקרימען זיך, העי דאָרט, דו, פאַרפלוכטער יודע!

— דאַוונט, שטאַרקער דאַוונט, יודען־געזינדל!...

אָבער נאָכדעם, ווי די דייטשן האָבן שוין געהאַט דעם פאָטאָגראַ־פישן באַווייז פון דער „רעליגיעזער פרייהייט", פון וועלכער יידן אין פוילן געניסן אונטער זייער אָקופּאַציע, האָבן די דייטשן די זעלבע נאַכט אונטערגעצונדן די לאָדזשער גרויסע שול. עטלעכע טעג האָט די שול געברענט און די גאַנצע צייט האָבן מונדירטע דייטשן באַוואַכט, אַז קיינער זאָל נישט פּרואוון לעשן.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן אויך די צווייטע גרויסע שול אין לאָדזש — אויף וואָלבאָרסקע גאַס. אויך דאָ האָט מען געהיט קיינער זאָל נישט לעשן.

מיטטיילנדיק די ידיעה, האָט דאָס דייטשע געסטאַפּאָ־בלעטל „לאָדזער צייטונג" „אומשולדיק" צוגעגעבן: „דאָס איז שוין דאָס צווייטע סינאַגאָגע־פייער אין לאָדזש אין לויף פון דער היינטיקער וואָך"...

אין שעדלעץ האָט מען פלוצלונג אונטערגעצונדן די שול און אַלע געביידעס אינם שול־הויף אין מיטן נאַכט. די שול איז דעמאָלט געווען פול מיט הונדערטער אַנטלאָפענע און דעפּאָרטירטע יידן פון די מערב־שטעט. שעדלעץ האָט געהערט צו די פיר דיסטריקטן פונם

„גענעראַל־גאָווערנעמענט" פון אָקופּירטן פּוילן, וואוהין מען האָט גע־ברענגט די אַרויסגעטריבענע יידן פון די שטעט פון מערב־פּוילן. די דערשראָקענע יידן, מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָבן זיך קוים געראַטעוועט פון די פלאַמען. אַ טייל האָבן געפּרוווט לעשן דאָס פייער, אָבער מען האָט אויף זיי געשאָסן פון די דערבייאיקע דעכער. דעמאָלט האָבן די יידן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין צופעליקע שׂרפה און זענען געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

הונדערטער מונדירטע געסטאַפּאָ־לייט, באַגלייט פון עטלעכע טויזנט באַוואָפנטע דייטשע זעלנער, האָבן אָפּגעשלאָסן דעם גאַנצן יידישן טייל פון קראָקע. זיי זענען אַריינגעדרונגען אין אַלע יידישע שטיבן און מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און רעוואָלווערן אין די הענט האָבן זיי אַלעמען באַפוילן אַרויסצוגיין פון די שטיבן, ווייל זיי מוזן זוכן געווער ביי די „פאַרפלוכטע יודען"

די מענער האָט מען אַראָפּגעפירט אויף די הויפן און אויסגע־שטעלט מיט די פּנימער צו דער וואַנט. הינטער זייערע רוקנס זענען געשטאַנען רייען היטלעריסטישע סאָלדאַטן און געשאָסן אין דער לופטן, אַרויסרופנדיק ביי די מענטשן דעם שרעקלעכן געפיל, אַז אָט־אָט ווערן זיי דערשאָסן. די פרויען און די קינדער האָט מען אויס־געשטעלט אין די הייזער לענג־אויס די שטיגן אויך מיט די פּנימער צו דער וואַנט. אויך זיי האָט מען באַפוילן נישט צו רירן זיך פון אָרט און נישט אומצוקוקן זיך.

48 שעה האָט געדויערט די דאָזיקע אָבלאַווע אויף יידן. אין יעדן הויז באַזונדער האָט די רעוויזיע געדויערט צווישן 10 און 18 שעה. פון 10 ביז 18 שעה זענען פרויען און קינדער געשטאַנען מיט די פּנימער צו דער וואַנט אויפן פראָסט און האָבן די גאַנצע צייט געהערט די שיסערייען אויף די הויפן, וואוהין מ'האָט פאַרשלעפּט זייערע מענער און פאָטערס... אַ סך האָבן נישט אויסגעהאַלטן די נערוון־שפּאַנונג. פיל האָבן באַקומען האַרץ־אַטאַקעס, נערוון־אָנפאַלן. קינדער האָבן געחלשט. אָבער פאַר יעדן פּרווו צו רירן זיך פון אָרט, פאַר יעדן געשריי און העכערן געוויין האָבן די געסטאַפּאָ־לייט ברוטאַל און מערדערלעך געשלאָגן.

ווען די רעוויזיע האָט זיך געענדיקט אין אַ הויז, האָט מען די מענטשן באַפוילן צוריק אַריינצוגיין אין די דירות און נישט דער־וועגן זיך צו רירן פון אָרט. אַ סך פון די געפייניקטע יידישע מענער און פרויען זענען צוריקגעקומען אין זייערע היימען גרוי געוואָרענע, צעבראָכענע און קראַנקע. זייערע וואוינונגען האָבן זיי געפונען אויס־געליידיקט פון אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. גרויסע לאַסט־אויטאָ־

מאָבילן האָבן אין פאַרלויף פון די 48 שעה געהאַלטן אין איין אַריינ־פאָרן אין די יידישע גאַסן לײדיקע און אַרויסגעפאָרן זענען זיי אָנ־געלאָדענע מיט דעם צוגערויבטן יידישן האָב און גוטס. 48 שעה זענען מענטשן געזעסן אָן שפּייז, אָן שלאָף, אין שטענדיקער אַנגסט, ווייל קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט זיי נאָך...

דאָס איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1939. פריער, אין פאַרלויף פון דריטהאַלבן חדשים, האָבן היטלעריסטישע באַנדעס גערויבט איינצלנע יידן אין זייערע וואוינונגען און אין די גאַסן. ערשט דער־נאָך איז געקומען דאָס אָרגאַניזירטע, אַלגעמיינע אויסרויבן דעם אַזוי גערופענעם „קוזמיר" — די יידישע געגנט פון קראָקע.

פון דעם ערשטן טאָג פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע זע־נען די יידן אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ. יעדער דייטש האָט אומבאַשטראָפט געקאָנט טאָן מיט יידן און מיט זייער פאַרמעגן וואָס אים האָט זיך געגלוסט.

עקאָנאָמישער חורבן

אין אַלע יידישע געשעפטן און פאַבריקן האָבן די דייטשן אַריינגעזעצט זייערע קאָמיסאַרן („טרוי־הענדלער"), וועלכע זענען גלייך געוואָרן די באַלעבאַטים פון די אונטערנעמונגען. זיי האָבן געצוואונגען יעדן יידישן באַלעבאָס צו אַרבעטן אַזוי לאַנג, ביז דער „טרוי־הענדלער" האָט זיך אויסגעלערנט אַלע איינגנשאַפטן פונם געשעפט. דאַן האָט מען דעם יידישן אונטערנעמער אינגאַנצן אַרויסגעטריבן און די קראָם אָדער פאַבריק האָט מען אינגאַנצן פון אים צוגענומען. יידישע רעסטאָראַנען און קאַפעען האָט מען איינעם נאָכן אַנדערן אָן צערעמאָניעס צוגענומען. מען איז פלוצלונג אַריינגעקומען, געהייסן די באַלעבאַטים אָפּגעבן די שליסלען פון געשעפט, די ביכער, דאָס געלט פון דער קאַסע און — זיך אָפּטראָגן.

זינט יאַנואַר 1940 האָט מען יידישע קרעמער כמעט אינגאַנצן ניט באַנייט זייערע פּאַטענטן. בלויז אַ קליינער צאָל קליינע יידישע קרעמער אין געטאָ האָט זיך איינגעגעבן אויסצובעטן זייערע פּאַטענטן. פון די אַנדערע האָט זיך אַ צאָל יידישע קרעמער איינגעגעבן צו באַקומען אַרישע שותפים, אויף וועמענס נעמען זייערע געשעפטן זענען איבערגעגאַנגען. אָבער דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אַרומגענומען אַ נישטיקן פּראָצענט פון די פריערדיקע יידישע סוחרים, פאַבריקאַנטן און בעל־מלאָכעס. אַלע גרעסערע און מיטעלע יידישע אונטערנעמונגען און געשעפטן זענען געוואָרן חרוב אָדער צוגענומען. אַפילו פון די גאָר קליינע קרעמלעך האָט מען אַכציק פּראָצענט צוגענומען.

דאָס אַלץ באַציט זיך בלויז אויף פיר דיסטריקטן פונם אַזוי גערופענעם „גענעראַל־גאָווערנעמענט" פון אָקופּירטן פּוילן (וואַרשעווער, לובלינער, ראַדאָמער און קראָקעווער). אין דעם גאַנצן מערב־טייל פון פּוילן, וואָס איז אָפיציעל דערקלערט געוואָרן פאַר אַ טייל פון דייטשלאַנד, האָט מען קיינעם פון די יידן נישט געגעבן אַפילו אַזאַ „גליק" ווי אינם „גענעראַל־גאָווערנעמענט". דאָרטן האָט מען אַלע יידן אָן אויסנאַם באַרויבט פון אַלעמען און אַרויסגעטריבן.

אינם „גענעראַל־גאָווערנעמענט" גופא איז אויך די לאַגע ניט אין אַלע ערטער גלייך. די לאַגע פון די יידן אין יעדן דיסטריקט איז

געוואָרן אָפּהענגיק פון העכסטן געסטאַפּאָ־באַאַמטן און פון דער אָרו־מיקער נישט־יידישער באַפעלקערונג. פאַראַן ערטער, וואו די פוילישע באַפעלקערונג פון די שטעטלעך און די פויערים פון די דערפער שטעלן זיך אליין אין געפאַר, כדי באַהאַלטענערהייט צו האַנדלען מיט זייערע באַקאַנטע יידן, צו געבן זיי זייערע פּראָדוקטן צו פאַרקויפן, געבן זיי צו פאַרדינען.

אָבער דאָס זענען אַלץ קליינע, נישטיקע אויסנאַמען. אין אַל־געמיין איז פאַר די יידן אין פוילן נישט געבליבן קיין שום מעגלעכ־קייט צו אַרבעטן, אָדער פירן וועלכע עס איז געשעפטן. מען לעבט פון שעה צו שעה, פון טאָג צו טאָג. מען איז פול מיט זאָרג און שרעק. עס קומט אויס, אַז מען קלערט בלויז, וואָס מען וועט היינט עסן, וואָס מ'וועט היינט טאָן. וואָס עס וועט זיין מאָרגן, דאָס קען קיינער נישט זאָגן און וועגן דעם האָט מען אַפילו מורא צו טראַכטן.

שוין אין די וואָכן פון דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע, ווען מ'איז טעג און נעכט געלעגן אין די קעלערן, איז געווען זייער שווער צו באַקומען שפּייז. אַרימע מענטשן, וועלכע האָבן קיין זאַפּאַסן עסנ־וואַרג נישט פאַרמאָגט, זענען געווען אין געפאַר אויסצושטאַרבן פון הונגער אין די קעלערן. האָט זיך אָבער אינם גרעסטן טייל פון די קעלערן איינגעשטעלט אַ מין בשותּפותדיק לעבן. די, וועלכע האָבן געהאַט שפּייז־זאַפּאַסן, האָבן נישט געקענט אַליין עסן און לאָזן, אַז פאַר זייערע אויגן זאָלן אַנדערע אויסגיין פון הונגער. מען האָט זיך דעריבער שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו טיילן מיטן ביסן.

אין אַ סך ערטער זענען געשאַפן געוואָרן בשותּפותדיקע ווירט־שאַפטן: מען האָט אויסגעזוכט אויפן הויף אַ וואוינונג, וועלכע איז לויט אַלעמען געווען די זיכערסטע קעגן די נאַצי־באָמבעס. יעדער האָט געבראַכט דאָס ביסל עסנוואַרג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און דאָרטן פלעגט מען קאָכן פאַר אַלעמען. נאַטירלעך האָט מען שוין אין שותּפות אַריינגענומען אויך יענע, וועלכע האָבן גאָרנישט געקענט געבן צו שטייער.

די שטענדיקע טויט־געפאַר, אונטער וועלכע עס האָבן געלעבט אַלע אָן אויסנאַם, האָט נאָך פאַרשטאַרקט די שותּפות. קיינער איז סיי־ווי נישט געווען זיכער מיט דעם וואָס ער האָט פאַרמאָגט. די באָמבעס און גראַנאַטן זענען כסדר געפאַלן נישט בלויז צו אָרימע־לייט אין די הייזער. אַ גביר מיט אַלדאָס גוטס ביי זיך אין הויז האָט אין אַ מינוט אַרום געקענט בלייבן אַן אָרימאַן, אָן אַ העמד אוי־בערצוטאָן אַפילו. דאָס האָבן אַלע געוואוסט און דאָס האָט אין אַלעמענס אויגן אַזוי ווי אָפּגענומען דעם ווערט פון אייגנטום; די

גרענעץ צווישן „מיין און דיין" איז כּמעט ווי פאַרשוואונדן. מען האָט זיך אַרויסגעהאָלפן איינער דעם אַנדערן, אַפילו ווען מען איז געווען ווילד־פרעמדע און מען האָט זיך פריער קיינמאָל נישט געקענט.

דאָס זעלבע געפיל, פון שטענדיקער טויט־געפאַר און פון אומזיכערקייט מיטן פאַרמעגן, איז געבליבן ביי די יידן אויך שפּעטער, ווען די באָמבאַרדירונג האָט אויפגעהערט און די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד. עס איז דעריבער אויך ווייטער געבליבן דאָס געפיל פון שותּפות צווישן יידן. פאַרדינען האָט מען נישט געקענט. צו באַקומען שפּייז איז אויך ווייטער געווען שווער.

דער וויכטיקסטער פּראָדוקט, מיט וועלכן מען פלעגט זיך שפּייזן אין די ערשטע וואָכן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, איז געווען — קרויט. זענען אין אַ סך ערטער איינגעהאַלטן געוואָרן די בשותּפותדיקע ווירטשאַפטן אויך אויף ווייטער: מען פלעגט אָפּקאָכן גרויסע טעפּ מיט קרויט, פון וועלכע אַלע פלעגן עסן.

ווען דער וואַרשעווער קהילה־ראַט פלעגט איינאָרדענען טויזנטער היימלאָזע פון דער איינגענער שטאָט און די צענדליקער טויזנטער אַרויסגעטריבענע יידן פון מערב־פּוילן אין קאָלעקטיווע היימען אין יידישע הויפן פון וואַרשע, פלעגן די יידישע איינוואוינער פון די הייזער, וועלכע האָבן אַליין געהונגערט, איבערנעמען אויף זיך צו באַזאָרגן די אומגליקלעכע מיט עסן אין דער ערשטער צייט. זיי פלעגן שאַפן ספּעציעלע הילפס־קאָמיטעטן, וועלכע פלעגן זאַמלען צווישן זיך געלט און שפּייז; זיי פלעגן קאָכן פאַר זיי און זיך באמת טיילן מיטן לעצטן ביסן. עס איז געוואָרן אַ נאַטירלעכע זאַך אַריינצוקומען אין אַ פרעמד הויז, זעצן זיך ביי אַ פרעמדן טיש און מיטעסן מיט אַלע שטוביקע מיט אַזאַ געפיל, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין פרעמדע שטוב און קיין פרעמדער טיש.

איך אַליין, ווען איך בין געיאָגט געוואָרן פון דער געסטאַפּאָ, פון וועלכער איך האָב זיך אַ צייט געמוזט אויסבאַהאַלטן, האָב פיל מאָל געגעסן פון די וואוינונגען און פון די טישן פון ווילד־פרעמדע יידן, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געזען, און זיי האָבן געטיילט מיט מיר זייער ברויט און זייער געלעגער מיט אַזאַ פּשוטקייט, גלייך ווי דאָס וואָלט מיר געקומען פון לאַנג, גלייך ווי עס וואָלט געווען אויך מיינס.

ווי שטענדיק, ווייזן יידן אַרויס אַ גוואַלטיקע רירעוודיקייט ביים אויסזוכן קוואַלן פון חיונה, אַפילו אין די שרעקלעכע באַדינגונגען. אין די ערשטע חדשים פון דער אָקופּאַציע, זענען די גאַסן

פון אַלע שטעט, און באַזונדערס פון וואַרשע, געווען פּאַרפּלייצט פון גאַסן־הענדלער. די געשעפטן זענען געווען חרוב; אַ סך פון די יידישע קראָמען, וועלכע זענען געבליבן גאַנץ פון די באָמבעס, זענען אויך נישט געעפנט געוואָרן צוליב דער מורא, אַז די דייטשן וועלן זיי צעראַבירן. איז דער גאַנצער האַנדל פאַרגעקומען אויף די גאַסן. עס האָבן אויף די גאַסן געהאַנדלט סיי יידן סיי פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אויך נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן. צווישן די פּוילישע גאַסן־הענדלער האָט מען געקענט זען אינטעליגענטן, געוועזענע באַאַמטע, פּונקט ווי אַרבעטער. אַזוי האָבן אויך אַלע שיכטן יידן געהאַנדלט אויף די גאַסן, אָבער נישט די דערוואַקסענע מענער און פרויען, נאָר זייערע קינדער. דערוואַקסענע יידן האָבן מורא געהאַט צו שטיין אויף די גאַסן, מען זאָל זיי ניט „כאַפּן אויף אַרבעט", אָדער שלאָגן און צונעמען דאָס ביסל סחורה. פלעגט מען אַרויסשיקן די קינדער. די גאַסן זענען געווען פאַרפּלייצט מיט יידישע קינדער, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט אַלץ. אַלץ איז דעמאָלט געווען אַ סחורה. אַ סך פון די קינדער האָבן געהאַט צו פאַרקויפן די זאַכן פון זייערע היימען, וואָס די עלטערן האָבן געוואָלט אויסטוישן אויף ברויט: דעם טאַטנס העמדער, דער מאַמעס אַ קלייד, אַ קאָרסעט, דעם טאַטנס שיך, אַ זייגער פון שטוב, אַ פּאָר לייכטער און אַזוי ווייטער. אָבער צום גרעסטן טייל האָבן די קינדער געהאַנדלט מיט נישטיקע קלייניקייטן, וועלכע קיינער וואָלט אין נאָרמאַלע צייטן אַפילו אין דער האַנט נישט גענומען: אַ קנעפּל, אַ פּאָר שיך־בענדלעך, אַלטע אָפּגענוצטע שאַליקלעך, העמדלעך „פון מלך סאָביעסקים צייטן".

אין דער זעלבער צייט האָבן די יידישע „הענדלער" אַרוים־געוויזן אַ גוואַלטיקן חוש פאַר די באַדערפענישן פון „מאַרק". אַזוי, למשל, אין די ערשטע וואָכן, ווען מענטשן זענען געווען אויסגע־הונגערט און ברויט איז געווען שווער צו קריגן, האָבן יידישע ווייבער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמתע דערפינדער: זיי האָבן אויסגע־באַקן — איין גאָט ווייסט פון וואָס — עפּעס אַזעלכע מאָדנע קי־כעלעך פון אַלערליי משונהדיקע קאָלירן און פאָרמען און זייערע קינדער האָבן די קיכעלעך פאַרקויפט אין די גאַסן. און אָט זענען געשטאַנען קינדער און אויף טעצלעך געהאַלטן אַ מין סענדוויטשעס: קלייניקע שטיקעלעך שוואַרץ ברויט, מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך ציבעלע. און הונגעריקע מענטשן האָבן עס געקויפט און זיך דערמיט געקוויקט גלייך אויפן אָרט.

באַזונדערס גרויס איז געווען דער האַנדל מיט סיגאַרעטן. טויזנ־טער קינדער, אַפילו פינף און זעקס־יעריקע, זענען געשטאַנען אין

די פרעסט מיט עטלעכע היימיש געמאכטע סיגאַרעטן אין אַ שעכ־טעלע. אויך די סיגאַרעטן זענען געווען געמאכט אין גאָט ווייסט פון וואָס. דאָס איינציקע באַלייכטונגס־מיטל איז געווען — אַלט־מאָדישע ליכט. האָבן די גאַסן־הענדלער צוגעשטעלט דער גרויסער שטאָט די דאָזיקע סחורה, אָן וועלכער מען האָט זיך נישט געקענט באַגיין. וואו די יידישע קינדער האָבן דערטאַפּט אפילו דאָס ביסל ליכט און שוועבעלעך, האָט קיינער בשום אופן נישט געקאָנט דער־גיין. אָבער ביסלעכווייז זענען אַנדערע סחורות געקומען אין גאַסן־האַנדל: שיך, קליידער און קליידער־שטאָף.

צו די באַדינגונגען פון גאַסן־האַנדל האָבן זיך אויך צוגעפּאַסט יענע ווינציקע יידישע באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן נאָך געהאַט אַ מעגלעכקייט עפּעס צו פּראָדוצירן. אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט, וועלכער האָט נאָך פאַרמאָגט אַ ביסל באַנוול, האָט אויסגעאַרבעט עטלעכע סוועטערס און אַרויסגעשיקט זיינע קינדער דאָס צו פאַרקויפן. אַ שניי־דער האָט אויפגענייט אַ פּאָר הויזן, אַ היטל־מאַכער — עטלעכע היטלען, און זייערע קינדער האָבן דאָס גלייך אַרויסגעטראָגן אין גאַס צו פאַרקויפן.

מען טאָר דערביי נישט פאַרגעסן, אַז דער האַנדל אויף די גאַסן איז פאַר די יידישע קינדער פאַרבונדן מיט טויזנטער געפאַרן און אומגליקן. זיי ווערן אָפט באַפאַלן, באַרויבט און געשלאָגן פון דייטשן, ווען די דייטשן דערקענען, אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ יידיש קינד. די דייטשע זעלנער האָבן זיך באַזונדערס געוואָרפן אויף די נאַשערייען, ווי צוקערלעך און אַנדערע זיסקייטן און האָבן דאָס „אויסגעקויפט". טייל דייטשע זעלנער פלעגן נעמען די סחורה, באַצאָלן דעם געפאָדערטן פרייז און אַוועקגיין. דער גרעסטער טייל אָבער פלעגט צופאַלן צו די קינדער, צונעמען אַלץ, וואָס האָט געהאַט פאַר זיי אַ ווערט און אָדער באַצאָלן עפּעס אַ נישטיקע מטבע, אָדער אינגאַנצן גאָרנישט צאָלן און אַוועקגיין. די קינדער פלעגן שרייען, פּראָטעסטירן, און אין אַזוינע פאַלן האָט נישט איינמאָל אַ ברוטאַלע נאַצי־פויסט צעשלאָגן אַ קינ־דעריש פּנימל.

טויזנטער יידישע קינדער זענען אין נאַצי־פּוילן געוואָרן די אמתע העלדן און מאַרטירערס פאַר זייערע פאַמיליעס. די יידישע קינדער האָבן אויך מיט אַ סך מוט און קלוגשאַפט גענומען אויף זיך די ראָלע פון באַשיצן זייערע עלטערן אויך אויף אַן אַנדער געביט: זיי פלעגן זיין די אויסשפּירער אויף די גאַסן און צו וויסן טאָן די עלטערע צי מען כאַפּט אויף דער גאַס אָדער נישט. צי מען קען גיין אָדער נישט... עס שטייען מיר פאַר די אויגן טויזנטער צע־

שראָקענע און פאַרביסענע יידישע קינדער־פּנימלעך, וועלכע האָבן באַהערשט זייער טויט־שרעק און מיט איינגעהאַלטענער קלוגשאַפט געפירט זייער שטרייט אָפּצוראַטעווען דאָס גראָשענע קרעמל פון די הענט פון די דייטשע רוצחים. איך זע פאַר די אויגן איינצלנע פּנימלעך אין פאַרשידענע סיטואַציעס, וועלכע איך האָב בייגעוואוינט: גרויס־געעפנטע שוואַרצע קינדער־אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געטוישט שרעק און מוט, מורא און האַס... איינע פון די סצענעס וועל איך דאָ דערציילן:

אין זאַקסישן גאָרטן אין וואַרשע איז צווישן הונדערטער הענדלער געשטאַנען אַ יידיש מיידל פון אַ יאָר זיבעצן. שלאַנק־געוואַקסן מיט זייער אַן אינטעליגענט פּנים. איר אויסזען און האַלטונג האָבן באַוויזן, אַז זי איז פון אַן אינטעליגענטער היים, וואַרשיינלעך אַ שילערין פון אַ גימנאַזיע אין געווינלעכע צייטן. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שאַכטל מיט עטלעכע שטיקלעך טואַלעט־זייף און אויפן אָרעם האָט זי געהאַט פאַרוואָרפן עטלעכע סוועטערס און עטלעכע פּאָר דאַמען־זאָקן.

דאָס איז געווען איר „קראָם". אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן דריי דייטשע זעלנער זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיידל און האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן איר סחורה. דאָס מיידל האָט געקוקט אויף זיי אַ דערשראָקענע: זי האָט פאַרשטאַנען, אַז פון די דאָזיקע „קונים" וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען. די דייטשע זעלנער האָבן ענדלעך באַשלאָסן, אַז די גאַנצע סחורה געפעלט זיי. איינער האָט אַראָפּגענומען די סוועטערס און די זאָקן פון איר אָרעם און דער צווייטער האָט אַרויסגענומען דאָס שאַכטל זייף פון אירע הענט. זיי האָבן אַריינגעשטופּט דעם מיידל צוויי מאַרק אין דער האַנט אַריין און האָבן זיך געלאָזט גיין.

אַ וויילע איז דאָס מיידל געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט, קוקנדיק אויף די צוויי מאַרק אין איר האַנט. מיטאַמאָל האָט זי זיך אָבער אַ ריס געטאָן פון איר אָרט און האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך די דייטשן. זי האָט זיי אָנגעיאָגט און האָט זיי אָנגעהויבן בעטן, זיי זאָלן איר אָפּגעבן די סחורה: זי האָט געטענהט צו זיי, אַז די סחורה באַטרעפט פינף און פערציק מאַרק, ס'איז דאָס איינציקע פאַרמעגן פון איר משפחה; איר פאָטער איז דערהרגעט געוואָרן בעת דער באָמבאַרדירונג, די מוטער ליגט קראַנק און אין שטוב זענען פאַראַן קליינע, הונגעריקע קינדער, וועלכע וואַרטן אויף איר פאַרדינסט. מיט וואָס זאָל זי איצט אַהיימקומען? זי האָט דאָס אַלץ גערעדט צו זיי אויף אַ הויך קול, לויפנדיק הינטער די דריי דייטשן, וואָס האָבן זיך

אפילו נישט געוואָלט אָפּשטעלן און אומקוקן. זי האָט איינעם אָנ־געכאַפּט ביים אָרבל און אַפּעלירט צו אים:

— איר זענט דאָך אויך מענטשן, איר זענט דאָך אויך פאָ־טערס, איר האָט דאָך אויך קינדער...

אָבער דער דייטש האָט זי אַוועקגעשטויסן און אַ האַוקע גע־טאָן:

— אַוועק! ריר מיך נישט אָן, פּרעכע יידין!

די דייטשן זענען אַרוים אויף דער קראָלעווסקע גאַס, דאָס מיידל נאָך זיי. זיי זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון פּילסודסקי־פּלאַץ, דאָס מיידל נאָך זיי. זיי האָבן זי געהאַלטן אין איין אַוועקשטויסן, אייניקע מאָל איז זי שוין אומגעפאַלן, אָבער זי האָט זיך אַלץ גע־קלאַמערט אין זייערע מונדירן, געוויינט, געמאָנט: „גיט מיר אָפּ די סחורה, ס׳איז די איינציקע שפּייז פאַר מיין משפּחה״... אירע שוואַרצע האָר זענען אין פּאַסמעס אַראָפּגעפאַלן אויף איר פּנים, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט טרערן. אירע קליידער זענען געווען אויסגעשמירט אין בלאָטע. זי איז נישט אָפּגעטראָטן, זאָל געשען וואָס עס וויל.

אויפן פּילסודסקי־פּלאַץ איז געווען דער דייטשער שטאָט־קאָמענ־דאַנט, אין דער געביידע פון געוועזענעם פּוילישן שטאַב. דאָרט זע־נען געשטאַנען דייטשע פּאַטראָלן אין מעטאַלענע העלמען. די דריי דייטשן האָבן דאָ נאָך ענערגישער געפּרוווט אָפּשטויסן פון זיך דאָס יידישע מיידל. אָבער דאָס מיידל האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט די נעגל אין זייערע מונדירן און האָט אין אַלץ גרעסערער פאַר־צווייפלונג געבעטן און געוויינט, מען זאָל איר צוריקגעבן די צוגע־רויבטע סחורה. פּלוצלונג האָט זי מיט אַלע כּוחות אָנגעהויבן שרייען:

— העלפּט! רויבער, זיי האָבן מיך באַרויבט! העלפּט!

איינער פון די דריי דייטשן האָט זיך אומגעקערט און ער האָט דעם מיידל דערלאַנגט מיט דער פויסט אין פּנים אַריין. זי איז אומגעפאַלן, אָבער האָט זיך גלייך צוריק אויפגעשטעלט. איצט האָט זי מער נישט געוויינט און נישט גערעדט. אירע ליפּן זענען געווען פאַרמאַכט און אַ דין שנירל בלוט האָט זיך פון זיי געצויגן. מיט אַ קול, וואָס איז געווען פאַרשטיקט פון כּעס און פון האַס, האָט זי אויף פּויליש אויסגעשריגן:

— פאַרפלוכטע הינט! איין מאָל לעבט מען נאָר...

און זי האָט דעם דייטש דערלאַנגט אַ פּראַסק אין פּנים אַריין.

אַלע פאַרבייגייער, וואָס האָבן בייגעוואוינט די סצענע, זענען געבליבן שטיין פאַרציטערטע. ווי פון אונטער דער ערד זענען אויס־געוואַקסן נאָך דייטשן אַרום דעם יידישן מיידל. מען האָט זי געכאַפּט פאַר די אָרעמס, פאַרן קאַרק און זי גענומען שלעפּן. זי האָט זיך גע־ווערט, געוואָרפן זיך אויף דער ערד, געקאַפּעט מיט די פיס, אָבער זיי האָבן זי געשלעפּט פאַר די האָר, דערלאַנגט מיט זייערע פויסטן. עס האָט זיך געשאָטן אויף איר קלעפּ, אָבער זי האָט מער נישט גע־וויינט, נישט געבעטן. זי האָט די גאַנצע צייט געשריגן: „הינט, מער־דער, פאַרשאָלטענע רויבער!" א פאַרבלוטיקטע האָט מען זי אַריינ־געשלעפּט אין דער געביידע. אירע קולות זענען פאַרשטומט געוואָרן ערשט ווען די טירן האָבן זיך נאָך איר פאַרמאַכט.

מיט פאַרביסענע ליפּן האָבן די פאַרבייגייער, פּאָליאַקן און יידן, זיך צוגעקוקט צו דער סצענע. לאַנג איז מען געשטאַנען, ווי צוגעקלעפּטע צו די ווענט פון די הייזער און געקוקט אין דעם טויער, וואו דאָס יידישע מיידל איז פאַרשוואונדן. מען האָט געוואוסט: דאָס דאָזיקע קינד וועט שוין לעבעדיק פון דאָרטן נישט אַרויס.

ביסלעכווייז איז דער גאַסן־האַנדל געוואָרן באַשרענקט. פריער איז אין וואַרשע פאַראָרדנט געוואָרן א געטאָ פאַר גאַסן־הענדלער: ס'איז אויסגערעכנט געוואָרן א געוויסע צאָל גאַסן, אין וועלכע יידישע הענדלער מעגן שטיין מיט זייערע סחורות. אין אַנדערע גאַסן איז עס זיי פאַרבאָטן געוואָרן. שפּעטער זענען אין גאַנץ פּוילן גע־קומען באַפעלן קעגן פרייען האַנדל מיט וויכטיקע אַרטיקלען, און עס זענען באַשטימט געוואָרן פרייזן, וואָס העכער פון זיי האָט דער הענדלער נישט געטאָרט פאַרלאַנגען. פאַר יעדן פּרואוו צו העכערן פרייזן, האָט מען באַשטראָפט מיט טויט. דאָס איז געווען נאָך אַן אויסרייד צו פייניקן און אויסצומאָרדן יידן. דער האַנדל איז אין א גרויסער מאָס אַראָפּ פון די גאַסן און האָט זיך געפירט אין געהיים דורך די הינטער־טירן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט שטאַרק פאַר־קלענערט סיי די מעגלעכקייטן עפּעס צו פאַרדינען און סיי די צאָל הענדלער.

נאָך שפּעטער זענען געקומען די געטאָס, דאָס פאַרשפּאַרן יידן אין א קליינעם טייל פון דער שטאָט. דאָס האָט נאָך מער פאַרקלע־נערט די מעגלעכקייטן פאַר יידן פריי זיך צו באַוועגן און צו האַנדלען.

די ענגשאַפט, אין וועלכער מען וואוינט אין די געטאָס, איז זיך גאָרנישט פאַרצושטעלן. מען וואוינט צו צוויי, דריי און אַפילו פיר פאַמיליעס אין איין צימער. אַלע איינוואוינער האָבן באַקומען קאַרטן אויף ברויט און אַנדערע איינפאַכע עסנווארג, אָבער יידן באַקומען

קלענערע פּאַרציעס, אחוץ דעם גייען אָפּט אוועק וואָכן, ווען מען באַקומט נישט אויף די קאַרטן אַפילו די פּאַרציעס, צו וועלכע מען איז געווען באַרעכטיקט. קויפן שפּייז אין געהיים קענען יידן פון די פּראָדוקטן, וואָס זייערע פּוילישע שכנים זענען אַמאָל אימשטאַנד צו פאַרקויפן אויך אין געהיים. די דאָזיקע שפּייז איז אומגעהויער טייער און זעלטן ווער עס קען זיך דערלויבן עס צו קויפן.

זיצט מען אין די געטאָס, מען העלפט זיך איינער דעם אַנדערן מיט וואָס מען קען און מען האַנדלט איינער מיטן אַנדערן מיט וואָס מען קען. און קיין סך מיט וואָס צו האַנדלען איז שוין לאַנג נישט געבליבן. למשל, לעדער אויף אַ פּאָר זוילן האָט מען שוין מיט אַ האַלב יאָר צוריק פאַר קיין געלט אַפילו נישט געקענט באַקומען.

די דייטשן קומען פון צייט צו צייט מיט וויזיטן אין געטאָ און יעדעס מאָל ברענגען זיי מיט זיך נייעם אומגליק. נאָך אַכט אָוונט טאָר זיך קיינער אויף די גאַסן נישט באַווייזן. זיצט מען אין די צימערן, אונטער פאַרהאַנגענע פענצטער און מען דערציילט זיך די גרוילן פון איבערגעלעבטן טאָג. קיין צייטונגען, קיין ראַדיאָ זענען נישטאָ. פאַרשפּרייטן זיך די משונהדיקסטע קלאַנגען וועגן דער וועלט, וועגן דער מלחמה. די דאָזיקע קלאַנגען דערציילט מען זיך אין די אָוונטן. מען מאַכט זיך האַרץ, מען גיט זיך האָפענונג, אַז שוין — עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן. אָט־אָט נעמט עס אַ סוף... היטלער וועט איינגעמען אַ מפּלה און מען וועט ווידער זיין פרייע מענטשן. וועלט וועט בלייבן וועלט.

וואָס שרעקלעכער, גרויזאַמער עס איז דער אומגליק, וואָס שרעקלעכער די נויט — אַלץ פאַנטאַסטישער זענען די קלאַנגען און אַלץ מער גאַרן די מענטשן צו גלויבן אַפילו אין די אומגלויבלעכסטע קלאַנגען. מען לייגט זיך אוים — צו דריי און פיר אויף אַ געלעגער — הונגעריקע און פאַרפּייניקטע, אָבער אויך מיט האָפענונג — אָן גרונט; אָבער מען האָפט, מען וויל האָפן, אַז אפשר וועט דער מאָרגנ־דיקער טאָג זיין גרינגער, אפשר וועט ער ברענגען עפּעס נייעס, עפּעס גוטס. מען טרייסט זיך און מ'האָפט, ווייל אָן דעם וואָלט געווען אומ־מעגלעך אריבערצוטראָגן דאָס לעבן פון רציחות, באַליידיקונגען און הונגער.

די לאַגע האָט זיך נאָך פאַרערגערט צוליב די מאַסן־גרושים פון הונדערטער טויזנטער יידן. די יידישע באַפעלקערונג אין אַלע שטעט פון די פיר דיסטריקטן איז אַ דאַנק די צוואַנג־דעפּאָרטאַציעס פון די מערב־שטעט, וואָס זענען געוואָרן אַ טייל פון דייטשלאַנד, שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן. אין וואַרשע, למשל, וועלכע האָט

אין נאָרמאַלע צייטן געהאַט דריי הונדערט מיט פופציק טויזנט יידן, זענען סוף 1940 געווען בערך א האַלבער מיליאָן. אין קראָקע, וועל־כע האָט נאָרמאַל געהאַט א 40 טויזנט יידן, זענען אין אָנהויב פון דער היטלער־אָקופּאַציע, פאַרן גירוש, געווען איבער הונדערט טויזנט; אין לאָדזש, וועלכע האָט נאָרמאַל געהאַט אַרום 200 טויזנט יידן, זענען פאַרן גירוש געווען אַרום דריי הונדערט טויזנט. קליינע שטעט־לעך, וועלכע האָבן נאָרמאַל פאַרמאָגט צו עטלעכע טויזנט יידן, זענען פאַרגרעסערט געוואָרן צו צענדליקער טויזנטער יידישע איינוואוינער.

די הונדערטער טויזנטער דעפּאָרטירטע מענטשן זענען צו־נויפגעפּרעסט געוואָרן אויף א קליינער שטרעקע, אָן שום אייגנטום, אָן געלט, אָן קליידער אפילו און עס ווערט זיי אַלץ ענגער און ענגער. פון אָנהויב אָן פלעגן מיר אין וואַרשע שאַצן, אַז וויניקסטנס א העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן איז אָן מיטלען צום לעבן. ס'איז אָבער כּסדר געוואָרן ערגער און ערגער.

נאָך איידער די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, איז געשאַפן געוואָרן א פאַראייניקטער קאָמיטעט פון די פיר וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס. אָט דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט געעפנט אין לאַנד א נעץ פון קיכן, היימען פאַר הײמלאָזע, קינדער־היימען, באַ־קליידונגס־פונקטן, סאַניטאַרע פונקטן אד"ג. די דאָזיקע קיכן האָבן אַרויסגעגעבן אין לאַנד עסן פאַר א האַלבן מיליאָן מענטשן, דערפון אין וואַרשע—פאַר הונדערט פופציק טויזנט מענטשן. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון א טעלער זופּ מיט א שטיקל ברויט איין מאָל א טאָג. אין די קיכן קומען גאַנצע משפּחות עסן. אין וואַרשע איז אחוץ דעם, דורך געוויסע אָרגאַניזאַציעס („בונד" און אַנדערע), וועלכע זענען גוט באַקאַנט צו די יידישע אַרבעטער, געעפנט געוואָרן טיי־האַלעס, אין וועלכע מען גיט אַרויס אויף פרישטיק א גלאָז טיי מיט א שטיקל ברויט, אָדער ווען קיין ברויט איז נישטאָ — א קאַרטאָפל־פּלעצל.

עס זענען אחוץ דעם אָרגאַניזירט געוואָרן א רייע בעקערייען, ווי אויך וועשערייען און ספּעציעלע וואַרשטאַטן אויף צו נייען פאַר די הײמלאָזע און נאַקעטע מענטשן העמדער, קליידער און שיך. דעם שטאָף צו מאַכן דאָס אַלץ האָט מען באַקומען פון צוויי קוואַלן: ערשטנס האָט מען דורכגעפירט א קליידער־זאַמלונג צווישן די וואַר־שעווער יידן, וועלכע האָט געגעבן איבעראַשנדיקע רעזולטאַטן; אפילו די אָרימסטע האָבן אָוועקגעגעבן זייער לעצט העמד, דאָס לעצטע קלייד, א פּאָר שיך. די דאָזיקע זאַכן זענען דעזינפעקצירט גע־וואָרן און איבערגעאַרבעט געוואָרן אין די ספּעציעלע וואַרשטאַטן. אחוץ דעם האָט מען פון יידישע סוחרים באַקומען א היפּש ביסל

פאַרשידענע שטאָפן סיי פאַר מזומן און סיי אויף קרעדיט — אמאָל אָפּצוגעבן. אַ טייל סוחרים האָבן דאָס אויך נעגעבן אַלס געשאַנק. פון אַט די שטאָפן האָט מען אין דער ספּעציעלער באַקליידונגס־אָפּטיי־לונג פון קאָמיטעט געמאַכט אַ זייער גרויסע צאָל נייע אָנצוגן, מאַנט־לען, העמדער, דאַמען־קליידער און שיך. אין די ערשטע חדשים האָט מען אין וואַרשע אַליין געהאַט באַזאָרגט מיט נייע קליידער פיר און צוואַנציק טויזנט מענטשן. אחוץ דעם האָט מען טויזנטער אָנצוגן געהאַט אַוועקגעשיקט אויך אויף דער פּראָווינץ.

אחוץ דער הילפס־אַרבעט פון דעם דערמאָנטן קאָמיטעט, האָבן אויך אַ גרויסע הילפס־אַרבעט באַזונדערס אַנטוויקלט די יידישע קהילות. אַזאַ הילפס־אַרבעט האָבן געפירט אַלע קהילות, אָבער באַ־זונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט די קהילות פון וואַרשע, פּיעטרי־קאָוו, לובלין און קראָקע.

צו דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכער הילף דאַרף אויך פאַר־רעכנט ווערן די הילפס־אַרבעט פון דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין וואַרשע איז היינט די שטערבלעכקייט פון יידן צוואַנציק מאָל גרעסער, ווי אין נאָרמאַלע צייטן. פיל טויזנטער זענען קראַנק אויף בויך־און פלעקן־טיפוס. צווישן יידישע קינדער איז פאַרשפּרייט דער שקאָרבוט — אַ קראַנקהייט, וואָס קומט פון מאַנגל אין דער־נערונג.

די יידן שטאַרבן אויס פון הונגער אין פּוילן אפילו שוין מיט דער הילף, וואָס זיי באַקומען פון די קהילות און אַנדערע אָרגאַני־זאַציעס. אָבער די מיטלען און די מעגלעכקייטן פאַר דער הילף שרומפּן איין, זיי שעפּן זיך אויס און די נאַצים טוען אַלץ, אַז די לעבנס־באַ־דינגונגען פאַר די יידן זאָל ווערן אַלץ ערגער, אַז די יידן זאָלן אויס־שטאַרבן.

און ביי דעם אַלעמען איז צו שטוינען און צו באַוואונדערן: די יידן אין פּוילן טראָגן אַריבער זייערע ליידן מיט אַזאַ ווירדע און שטאָלץ, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט.

די באַדייטונג פון דער יידישער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג

מען האָט זיך אַזוי איינגעוואוינט צו זען טאָג־טעגלעך דעם טויט פאַר די אויגן, אַז טויט איז געוואָרן אַ געוויינלעכע, אַ וואָכעדיקע זאַך. יעדן טאָג, ווען מיר, די מיטגלידער פון קהילה־ראַט, פלעגן קומען אין די קיכן און אין אַנדערע הילפס־אינסטיטוציעס פון יידישן קאָמיטעט, פלעגן מיר אויף די שטיגן געפינען ליגן טויטע, יאָ, טויטע מענטשן, מתים — געשטאָרבענע מענער און פרויען, אַלטע לייט און קינדער. דאָס האָבן טויזנטער פאַרטריבענע, היימלאָזע פאַמיליעס נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זייערע געשטאָרבענע. צו באַ־ערדיקן אַ מת מוז מען אָנקומען צו אָן אַ שיעור אינסטיטוציעס און באַאַמטע נאָך אַלערליי אונטערשריפטן און דערלויבענישן. דערצו איז דאָס גיין פון איין פלאַץ צום צווייטן פאַרבונדן מיט אַלערליי געפאַרן. דערפאַר האָבן די אומגליקלעכע פאַמיליעס אָנגעהויבן אונטערצו־וואַרפן זייערע מתים אויף די שטיגן פון יידישע הילפס־אינסטיטו־ציעס. אָפטמאָל זענען די אונטערגעוואָרפענע נאָך נישט געווען טויט, נאָר אין צושטאַנד פון גסיסה, אָדער ערב גסיסה. די אומ־גליקלעכע האָבן נישט וואו צו האַלטן זייערע קראַנקע. וואַרפט מען אָפּ אונטער דעם קראַנקן אין אַ יידישער הילפס־אינסטיטוציע.

און פונדעסטוועגן ביי אָט דעם שוידערלעכן גהינום, וואָס עס איז זיך פון דרויסן גאָר שווער אפילו פאָרצושטעלן, זענען די יידישע מאַסן אין פוילן מאָראַליש נישט צוזאַמענגעבראָכן, נישט געבליבן אַנטמוטיקט.

אַ ייד אין וואַרשע גייט היינט נישט אין גאַס, ווי מען גייט געוויינלעך: ער לויפט פון טויער צו טויער, באַהאַלט זיך אין יעדן טויער און שפּירט אויס, ווי אַ געיאָגטע חיה, צי ער קען אַ לויף טאָן די עטלעכע שפּאַן ביז דעם נאָענטסטן טויער. אָבער ווען איר וועט דעם ערשטן בעסטן יידן פּלוצלונג אָפּשטעלן און וועט אים אַ פרעג טאָן: „וואָס וועט זיין ווייטער?" — וועט ער אייך ענטפערן: „נישקשה, מיר וועלן איבערלעבן"... די נאַצישע בעסטיעס קאָנען פיזיש פיי־

ניקן, זיי קאָנען אויסמאָרדן טויזנטער יידן, אָבער זיי קאָנען נישט די יידן אין פוילן מאָראַליש צוזאַמענברעכן.

מיר איז אויסגעקומען בייצואוואוינען הונדערטער סצענעס פון נאַצישע כוליגאַנערייען איבער יידן, — סצענעס פון שלאָגן, פון רויבן, פון כאַפּן „אויף אַרבעט" און פון פּרואוון אויף פאַרשידענע אופנים באַליידיקן, דערנידעריקן, אָבער קיין מאָל איז די נאַצים נישט געלונגען צו מאַכן דעם ייד קליין און לעכערלעך.

אָט שטייט מיר פאַר די אויגן אַ קליינע גאַסן־סצענע, וואָס איך האָב בייגעוואוינט: אַ יידיש יינגל פון אַ יאָר צוועלף שטייט אויף לעשנאָ גאַס מיט אַן אָנגעהאָנגען קעסטל פּאַפּיראָסן און שוועבעלעך. ס'איז קאַלט און גליטשיק און דאָס יינגל בלאָזט זיך אין די פאַר־פרוירענע הענט, כדי זיי אָנצואוואַרעמען און רופט דערביי: „פּאַ־פּיראָסי, פּאַפּיראָסי!"

אין אַ געוויסן מאָמענט שטעלן זיך אָפּ צוויי מונדירטע דייטשן, מיט די איניציאַלן „ס. ד." אויף די אַרבל, דאָס מיינט „זאָנדער דינסט" — דאָס זענען געסטאַפּאָ־לייט, וואָס דינען ביים מיליטער, כדי צו היטן און שפּיאָנירן די זעלנער. איינער פון זיי האָט דעם יינגל אַרויפגערוקט דעם דאַשעק פון היטל און אַריינגעקוקט אין די אויגן:

— יודע?...

דאָס יינגל האָט אויף אים געפינטלט מיט די אויגן און גאָרנישט געענטפערט. דער דייטש האָט גענומען אַ זשמעניע סיגאַרעטן פון זיין קעסטל, האָט איינעם פאַררויכערט. דער סיגאַרעט האָט אַפנים דעם דייטש נישט געשמעקט, ווייל ער האָט אים אוועקגעוואָרפן און גע־זאָגט צום יינגל:

— דו שווינדלסט, קליינער, פאַרפלוכטער יודע. ס'איז מיסט.

ער האָט אַראָפּגעריסן פונם יינגל זיין קעסטל „סחורה" און עס גענומען אויסשיטן אויף דער ערד, אין דער בלאָטע אַריין. דאָס קינד האָט זיך געוואָרפן אויפן דייטש און געפּרואווט אַרויסרייסן זיין קעסטל פון דעם דייטשס הענט. אָבער דער דייטש האָט מיט אַ שטויס אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד. וויינענדיק הויך אויפן קול האָט דאָס יינגל זיך געריסן, צונויפגעקליבן זיין סחורה פון דער בלאָטע. אָבער דער צווייטער דייטש האָט זיך געמאַכט אַ „פאַרוויי־לונג": ער האָט געריסן דאָס היטל פון דעם יינגלס קאָפּ, האָט מיטן פוס איבערגעקערט דאָס יינגל יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך גע־פּרואווט אויפשטעלן. דער דייטש האָט אַזוי געהאַלטן אין איין אַי־

בערקוליען דאָס ייִנגל אַזוי, אַז דעם ייִנגלס הוועיות און קאַזשעלקעס זאָלן אויסקומען וואָס קאָמישער. דערביי האָט ער באַפוילן:

— זינג, זינג אַ ביסל, דו קליינער, יודישער טייפל...

אויף דער אַנדערער זייט גאַס האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּשער עולם, דער עיקר פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דער סצענע. די דייטשן האָבן געוואונקען צו די פּאָליאַקן, וועלנדיק זיי אַריינשלעפּן אין דעם „פאַרוויילן" זיך איבערן יידישן קינד.

אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט איז פון אַ דערבייאיקן טויער אַרויסגעקומען אַ יידישע פרוי, ווייזט אויס דעם ייִנגלס מוטער. מיט אַ פאַרביסן פּנים איז זי צוגעגאַנגען צום ייִנגל, האָט אים אויפגעשטעלט און נישט געבנדיק אפילו אַ בליק אויף די דייטשן, האָט זי הויך, מיט אַ שטרענגן טאָן, געזאָגט צום ייִנגל:

— הער אויף צו וויינען, חיים. טו אָן דאָס היטל, זע אויס ווי אַ מענטש...

און נישט אַ קוק טוענדיק אפילו אין דער זייט פון די דייטשן, האָט זי דאָס ייִנגל אַוועקגעפירט.

איר האַנדלונג איז געווען אַזוי ווירדיק און אַזוי איבעראַשנדיק, אַז אויף דער אַנדערער זייט גאַס האָט מען דייטלעך געקאָנט זען די צופרידנקייט און די באַוואונדערונג פון דעם פוילישן עולם און די שפּאָט־בליקן מיט וועלכע עס זענען באַגלייט געוואָרן די אַוועקגייענדיקע דייטשן. די ווערטער פון דער יידישער מאַמע זענען געבליבן ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון. אַלע מאָל, אין שווערע סיטואַציעס מיט די נאַציס, אין וועלכע איך האָב זיך אַליין געפונען, אָדער איך האָב געזען אַנדערע זיך געפינען, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט, אָדער צו די אַנדערע:

„גלייך אויס דאָס היטל, חיים. זע אויס ווי אַ מענטש!". דאָס האָט געהייסן: האַלט דיך ווירדיק, דערנידעריק זיך נישט, אפילו ווען דיר זאָל אויסקומען אומצוקומען.

די באַציאונג, וואָס די יידישע מאַסן ווייזן אַרויס צו די נאַציס, איז טאַקע ווי צו ווילדע חיות: מען האָט טאַקע מורא פאַר דער חיה, זי קען דערהרגענען; ווען זי בייסט, רייסט שטיקער פונם מענטש, טוט עס פּיזיש וויי, אָבער באַליידיקן זיך פון דער חיה, פילן זיך מאָראַליש דערנידעריקט און צוזאַמענגעבראָכן — דאָס נישט...

נישט קענענדיק די יידן פון פּוילן, זייער כאַראַקטער, האָבן די נאַציס דערוואַרט, אַז זייערע פייניקונגען זאָלן ברענגען אַ מאָראַלישן צוזאַמענבראָך. די דייטשן שטייען דערפאַר, ווי פאַר אַ רעטעניש: זיי זענען אָפּט צעמישט פון דער האַלטונג פון די יידן, זיי קענען עס

נישט פאַרשטיין. אַז די נאַציס האָבן, למשל, איינגעפירט די געלע לאַטעס פאַר די יידן, זענען זיי געווען זיכער, אַז די יידן וועלן זיך שעמען צו באַווייזן אויף די גאַסן. זיי זענען אָבער דערשטוינט געוואָרן פון דער האַלטונג, וואָס די יידן ווייזן אַרויס צו דער גזירה. די דייטשן רופן די געלע לאַטעס, אָדער די „יידישע בענדער" מיט די מגן־דודס: „דער יודען־שאַנדע־צייכן". אָבער די יידן שעמען זיך נישט מיט די דאָזיקע לאַטעס און „יידן־בענדער".

אין קאַליש האָט דער דייטשער קאָמענדאַנט געשיקט רופן צו זיך די פאָרשטייער פון די יידן און האָט פאַר זיי געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש און אַפשר אַ שעה צייט האָט ער געדונערט מיט שוים אויף די ליפּן קעגן די „פערפלוכטע פּאָלנישע יודען": „זיי זענען אומפאַרשעמט" — האָט ער געטענהט — „זיי האָבן נישט קיין זעלבסטווירדע". באַשר, די דייטשן טוען אַלץ, כּדי די יידן צו דערנידעריקן און צוזאַמענברעכן: זיי באַרויבן די יידן; זיי כאַפּן זיי ווי די הינט אויף די גאַסן; זיי האָבן זיי אָנגעטאָן געלע לאַטעס; אַריינגעשטופּט זיי אין געטאָס; באַרויבט פון אַלע מענטשלעכע רעכט, און זיי—די יידן—מאַכן זיך גאָרנישט דערפון. אַפילו קיין איינער פון זיי איז נישט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד... „אַ פרעך, אומפאַר־שעמט פאָלק, אָן אַ ברעקל גפיל פון זעלבסטווירדע" — אַזוי האָט געשטורמט דער דייטשער קאָמענדאַנט פון קאַליש.

אַן אומגעהויערע ראָלע אין דער האַלטונג פון די יידן שפּילט די עקזיסטענץ פון דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַווע־גונג. מיט יאָרן פריער איז דער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער געלונגען צו באַקומען די ענגסטע פאַרבינדונג מיט די ברייטסטע יידישע מאַסן און זייער אונטערשטיצונג אינם קאַמף פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס זי האָט אָנגעפירט אין פּוילן. אַן אויסדרוק פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג צווישן דער אַרבעטער־באַ־וועגונג מיט די ברייטסטע מאַסן איז געווען דאָס אָפּגעבן אין די גרויסע שטעט אַ מערהייט פון אַלע יידישע שטימען פאַרן „בונד" בשעת די וואַלן צו די שטאָט־ראַטן אין דעצעמבער 1938, און אין דער ערשטער העלפט פון 1939. פאַרשטייט זיך, אַז אָט די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, די אַלע פשוטע יידן און יידענעס, וואָס האָבן געשטימט פאַרן „בונד", זענען דערמיט נישט געוואָרן קיין בונדיסטן אין ענגן זין פון וואָרט. דאָס האָט אָבער יאָ באַטייט, אַז נאָך יאָרן דערפאַרונג און אויפקלערונג האָט די מער־הייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אויסגעקליבן די בונדישע ליר־

זונג פון זייערע פּראָבלעמען: מוטיקן קאַמף פאַר זייערע גלייכע רעכט צו לעבן אין פּוילן.

שוין דעמאָלט איז דער איינפלוס פון היטלערס אַגענטן אין פּוילן געווען זייער גרויס; די רעאַקציאָנערע פּוילישע פּאַרטייען האָבן געוואָלט איינגאַנצן צונעמען די בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט פון די יידן אין פּוילן. די וואַלן צו די שטאָט־ראַטן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אין אַ גרויסער מאָס געגעבן דער יידישער באַפעלקערונג אַ געלעגנהייט צו זאָגן, וואָס יידן זענען גרייט אויסצוקלייבן: אונטערגעבן זיך, מסכים זיין, אַז מ'איז פרעמדע אין דעם לאַנד, אָדער — אַרויסטרעטן מוטיק אַלס פולשטענדיקע בירגער, וועלכע זעען זייער צוקונפט, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער, נאָר אין דעם דאָזיקן לאַנד און אויפנעמען דעם קאַמף פאַר רעכט. די יידישע מאַסן האָבן אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג, דעם וועג פון קאַמף פאַר די רעכט.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט שוין אין יענער צייט געמוזט אָנווענדן אויסערגעוויינלעכע מיטלען. דער קאַמף פאַר רעכט איז אָפט אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די מוטיקע אַרויסטרעטונגען פון די געהיימע בונדישע זעלבסט־שוץ־אָפּטיילונגען קעגן פּרוּוואו פון פּוילישע פאַשיסטן צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן. אָט די אָרגאַניזירטע שוץ און הילף איז טיף געשעצט געוואָרן פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה זענען געווען אַ גוטע שול סיי פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, סיי פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. אָן אָפענע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן איז טאַקע געוואָרן אוממעגלעך, ווען היטלער איז געקומען, אָבער באַלד איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אונטערערדישע באַוועגונג.

אין דער ערשטער וואָך פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פון וואַרשע, ווען די באַפעלקערונג איז נאָך געווען אונטערן שווערן דרוק פון די גרוילן און טויט־אַנגסט־איבערלעבונגען פון די וואָכן באָמבאַרדירונג און קאַמף, ווען אונטער די חורבות פון די הייזער זענען נאָך געלעגן צענדליקער טויזנטער קרבנות פון דער ציוויל־באַפעלקערונג, האָבן די דייטשן גלייך אָנגעהויבן זייערע שענדלעכע מעשים — רויבן, מאָרדן, כאַפּן „אויף אַרבעט" און אַלדאָס איבעריקע. די לאַגע איז געווען אַ שרעקלעכע. דערצו האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן קלאַנגען, וואָס די דייטשן האָבן גלייך פון ערשטן טאָג אָן פאַרשפּרייט, וועגן לובלינער „רעזערוואַט" — וועגן דעם צענטראַלן געטאָ, אָדער „יודענשטאַט", ווי די דייטשן פלעגן עס מיט שפּאָט

אָנרופן — אין וועלכן אַלע יידן זאָלן פאַרשיקט ווערן. מען איז גע־וועז זיכער, אַז יעדע מינוט וועט מען קומען און יעדן ייד אַרויס־שלעפּן פון זיין היים און פאַרשלעפּן ערגעץ אויף פאַרפּייניקונג. יידן האָבן ממש זיך מורא געהאַט צו טרעפן איינער מיטן אַנדערן.

בערך אַ וואָך אָדער צען טעג שפּעטער נאָכן אריינקומען פון די דייטשן איז פּלוצלונג עפּעס געשען, אין די יידישע גאַסן און געס־לעך האָט מען זיך אָנגעהויבן עפּעס צו דערציילן פון אויער צו אויער און די אויגן האָבן דערביי אויפגעפינקלט.

אין טויזנטער יידישע וואוינונגען פון ווארשע האָבן זיך פּלוצ־לונג באַוויזן מענטשן, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען געשיקט פון „אונטערערדישן קאָמיטעט". זיי האָבן זיך ביי יעדער פאַמיליע אויסגעפרעגט צי עס זענען געשען אומגליקן צו די מענטשן, צי עס איז נויטיק עפּעס אַ ספּעציעלע הילף, אַ דאָקטאָר, אַ מעדיצין און דאָס גלייכן. אין יעדער וואוינונג האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ געלט־שטיצע. די גרויס פון דער סומע איז געווען אָפּהענגיק פון דער גרויס און פון צושטאַנד פון דער פאַמיליע, און זיי, די געהיימע שלוחים, האָבן געזאָגט:

„הויבט אויף די קעפּ, זייט נישט פאַרצווייפלט, זייט נישט פאַר־לוירן, איר זענט נישט אַליין, מיר לעבן... מיר וועלן איבערלעבן"... דאָס האָט געווירקט ווי אַ כּישוף.

די ידיעה וועגן אָט די געהיימניספולע באַזוכן פון די דרייסטע שלוחים האָבן זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט צווישן אַלע יידן און האָט ממש אַלעמען עלעקטריזירט. שוין דער פאַקט גופא, אַז ביים גאַנצן בלוטיקן טעראָר האָט זיך באַוויזן אַן אָרגאַניזירטע קראַפט, אַן אייגענע קראַפט, האָט אין אַלעמען אריינגעזעצט אַ נייע נשמה, אַ נייעם מוט.

אין דער זעלבער צייט זענען מיר אַלע געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן גורל פון די יידן אין אַלע יידישע שטעט פון פּוילן. מיר האָבן געזען וואָס זיי טוען מיט אונז אין ווארשע שוין איז דער ערשטער וואָך, היינט וואָס האָבן זיי שוין אָפּגעטאָן צו יידן אין אַלע אי־בעריקע שטעט אין די דריי וואָכן, וואָס ווארשע האָט זיך פאַרטיי־דיקט? די פּאָסט, טעלעפאָן און טעלעגראַף האָבן נישט געאַרבעט, באַנען אויך נישט. אַלע ווארשעווער וואָקזאַלן זענען געווען פאַר־ניכטעט. אגב איז דאָס פאָרן און אַפילו גיין צופוס פון איין שטאָט אין דער צווייטער געווען פאַר אַ ייד פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר. עס האָבן זיך געטראָגן די פאַרשידנסטע קלאַנגען וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אָפּ אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

ווידער איז עס געווען די אונטערערדישע באַוועגונג, וועלכע האָט געלייזט די שווערע אויפגאַבע פון קומען מיט טרייסט און הילף. צענדליקער באַשיידענע העלדן, וואָס קיינער האָט זייערע נעמען נישט געוואוסט, האָבן זיך ארויסגעלאָזט צופוס אין פיל שטעט און שטעט־לעך, טראָגנדיק אַהין טרייסט און דערמונטערונג און אויך מאַטער־יעלע הילף צו צענדליקער טויזנטער מענטשן.

די באַריכטן וואָס די געהיימע שלוחים האָבן געבראַכט פון די שטעט, די סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט בשעת זיי האָבן זיך אין די שטעטלעך באַוויזן, בשעת זיי האָבן פון הויז צו הויז געטראָגן הילף, טרייסט און דערמונטערונג — לאָזן זיך גאָרנישט באַשרייבן. די אויגן פון די באַשיידענע, העלדישע שלוחים האָבן געפינקלט מיט גליק, ווען זיי האָבן דערציילט, ווי מענטשן זענען אויפגעלעבט גע־וואָרן: „אַזוי, מען געדענקט וועגן אונז"?...

אַ סך פון די שלוחים איבער די שטעט האָבן פאַר זייער העל־דישקייט באַצאָלט מיט זייער פרייהייט, מאַנכע האָבן אפילו באַצאָלט מיט זייער לעבן. אָבער דאָס שטעלט נישט אָפּ די אַנדערע, און יעדן חודש לאָזן זיך ארוים איבערן לאַנד צענדליקער העלדן, איבער־געטאָן פאַר פויערטעס און פויערים, אָדער פאַרשטעלט עפּעס אויף אַן אַנדער אופן, צו טראָגן טרייסט און הילף, נייעס און דערמוטי־קונג.

די געהיימע שלוחים, וועלכע האָבן פרייוויליק איינגעשטעלט זייערע לעבנס צו העלפן אַנדערע, האָבן געגעבן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אַ ביישפּיל פון אידעאַליזם, אָפּפערווילּיקייט און מוט. דער ביישפּיל האָט געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג. ס'איז די מענטשן געוואָרן גרינגער צו טראָגן די אייגענע ליידן.

נאָך אַן איינגנשאַפט פאַרמאָגט די אונטערערדישע יידישע אַר־בעטער־באַוועגונג, וואָס איז פון אומגעהויערער באַדייטונג פאַר דער האַלטונג און שטימונג פון די יידישע מאַסן: זי נעמט ביי זיי אַראָפּ דאָס געפיל פון איינזאַמקייט. אַלע ווייסן, אַז פונקט ווי פריער איז די לעגאַלע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג געווען פאַרבונדן מיט דער פוילישער באַפעלקערונג דורך דער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַזוי איז איצט די אונטערערדישע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פאַר־בונדן מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג פון די פוילישע אַר־בעטער.

דאָס געפיל, אַז מען איז פאַרבונדן סיי אין לײדן, סיי אין געמײנזאַמע צילן און האָפנונגען מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד, מאַכט לײכטער די לײדן, פאַרשטאַרקט די האָפנונג און דערמוטיקט צום קאַמף אומעטום און צו יעדער צייט, ווען קאַמף איז נאָר מעגלעך.

די אונטערערדישע באַוועגונג איז ווי אַ וואונדער־דערשיינונג אין דער שווערער, פינצטערער צייט.

פוילן האָט זיך נישט אונטערגעגעבן

טראָץ דער גוואַלטיקער קראַפט, מיט וועלכער די דייטשן זענען אריין קיין פוילן, האָבן זיי זיך פון ערשטן טאָג אָן געפילט נישט זי־כער.

די נאַצים האָבן פון ערשטן טאָג אָן געזוכט מענטשן מיט באַרימטע נעמען, וועלכע זאָלן אויסבילדן אַ פוילישע קוויזלינג־רע־גירונג. זיי האָבן עס פּרובירט אויף פאַרשידענע אופנים. זיי האָבן אונטערגעשיקט איינעם פון דער פּריצים־פאַמיליע ראַניקער צום אַלטן פירשט זדזשיסלאַוו לובאָמירסקי (איינער פון די צוועלף משפּחות פון דער שטאָט וואַרשע), ער זאָל מסכּים זיין זיך צו שטעלן בראש פון אַזאַ „רעגירונג". זיי האָבן געפּרואווט פּאַר אים די זאַך פאַרצוּ־שטעלן אומשולדיק, אַז עס האַנדלט זיך דערוויל נאָר וועגן אַן „אויפ־זיכטס־ראַט" איבער פוילן („ראַדאַ אָפּיעקונטשאַ"), אָבער דער אַלטער פירשט האָט זיך אָפּגעזאָגט (די געשיכטע האָב איך געהערט פון אַלטן פירשט גופא).

שפּעטער האָבן די נאַצים געפּועלט ביי סטאַלינען, אַז ער זאָל זיי שיקן דעם פירשט ראַדזיוויל, וועלכער האָט זיך געפונען אין דעם באַלשעוויסטיש־אָקופּירטן טייל פון פוילן. די נאַצים האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל. אָבער אויך דער דאָזיקער פירשט האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די ראָלע פון אַ פאַררעטער.

די נאַצים האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין אָנגעזעענעם מענטשן צווישן די פּאָליאַקן, וועלכער זאָל מיט זיי שלום מאַכן. אויף יעדן, וועלכער וואָלט זיך אונטערגענומען צו שפּילן די ראָל פון אַ קוויז־לינג, וואָלט געפאַלן די קללה פון גאַנצן פאָלק.

די געפילן און שטימונגען פון די פוילישע מאַסן קענען די נאַצים קומען צום אויסדרוק ניט בלויז אין די אומלעגאַלע אויפרופן פון אונ־טערערדישע פוילישע סאָציאַליסטישע, פּאַטריאָטישע און מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר מען קען עס זייער אָפט באַמערקן גאַנץ אָפן אין די גאַסן.

עס האָט זיך, למשל, גלייך פון אָנהויב אָן געוויזן אַזאַ כאַראַקטע־ריסטישע דערשיינונג: די געסטאַפּאָ האָט אָנגעהויבן אירע טעגלעכע מאַסן־אויסשיסונגען פון „פאַרדעכטיקע" פּאָליאַקן, וועגן וועלכע זי האָט ניט געמאָלדן. אָבער גלייכצייטיק האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן די דייטשע פעלד־געריכטן, וואָס האָבן יעדן טאָג פאַרמשפּט צענדליקער מענטשן פאַר „באַזיצן געווער", פאַר „שטעלן אַ ווידערשטאַנד" די דייטשן און פאַר ענלעכע זינד. און זיי פלעגן יעדן טאָג דורך פּלאַ־קאַטן פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די מענטשן, וואָס זיי האָבן פאַר־משפּט צום טויט און צו לאַנגע טורמע־טערמינען, כּדי אָנצוזאָגן אַ שרעק אויף דער באַפעלקערונג. פאַקטיש אָבער האָבן זיי דערמיט דערגרייכט אַקוראַט אַ פאַרקערטן רעזולטאַט: די דאָזיקע פּלאַקאַטן פלעגן וועקן דעם שטאָלץ פון די פּאָליאַקן. יעדע מיטטיילונג וועגן אַ טויט־אורטייל „פאַר שטעלן אַ ווידערשטאַנד" די נאַציס, איז פאַר די מענטשן געווען אַן אומדירעקטער באַווייז אַז עס עקזיסטירן נאָך אונטערערדישע קרעפטן, וואָס קעמפן ווייטער און דאָס האָט געוועקט דעם קאַמפס־גייסט פון די אַנדערע און פאַרגרעסערט דעם האַס צו די נאַציס.

עס זענען געווען פאַלן, ווען די פּלאַקאַטן וועגן טויט־אורטיילן האָבן אַרויסגערופן צענדליקער איינדרוקספולע דעמאָנסטראַציעס. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אַזאַ פּלאַקאַט אויף די וואַרשעווער גאַסן. אויף יענעם פּלאַ־קאַט זענען געווען אָנגעגעבן די נעמען פון אייניקע קריסטן און איי־ניקע יידן, וועלכע זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר באַ־זיצן געווער און שטעלן אַ ווידערשטאַנד די נאַציס. צום סוף איז געווען אַ פּוילישע פרוי, מיטן ערשטן נאָמען מאַריאַ, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צו אייניקע יאָר טורמע פאַר אָנרופן די דייטשן „בלוטיקע הינט", בשעת זיי זענען געקומען צו איר מאַכן אַ רעוויזיע. צענד־ליקער מענטשן האָבן זיך געזאַמלט אויף די ערטער, וואו די פּלאַ־קאַטן זענען געווען אויסגעקלעפּט. מען האָט געלייענט די נעמען, מען האָט זיך שטילערהייט איבערגעקוקט און פון אַלעמענס מיילער האָט זיך געטראָגן דער אויסרוף:

— בראַוואָ, מאַרישאַ!...

אויף אָט די „טויט־פּלאַקאַטן", ווי אויך אויף אַנדערע פּלאַקאַטן פון דער נאַצישער מאַכט, האָבן זיך באַוויזן צוגעקלעבטע קליינע געדרוקטע צעטעלעך פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. די דאָ־זיקע צעטעלעך האָבן אָנגעזאָגט נקמה, דערמוטיקט צום קאַמף, צו ווידערשטאַנד.

א זייער איינגאַרטיקע און איינדרוקספולע דעמאָנסטראַציע האָט די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג דורכגעפירט אין וואַרשע דעם ערשטן נאָוועמבער (1939). אין דעם טאָג פאַלט אוים דער קאַטוילישער יום־טוב פון מזכיר־נשמות־זיין. די פּאָליאַקן רופן דעם דאָזיקן יום־טוב „זאַדושקי". מען גייט אויף די בית־עולמס און מען צינדט אָן ליכטלעך אויף די קברים פאַר די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע קרובים. אַלע וואַרשעווער גאַסן, אַלע סקווערן זענען נאָך דעמאָלט געווען פאַרזייט מיט טויזנטער קברים פון געפאַלענע בעת דער באָמ־באַרדירונג און פאַרטיידיקונג פון וואַרשע. עס זענען נאָך אויך נישט געווען אויסגעגראָבן די צענדליקער טויזנטער געהרגעטע, וואָס זענען געלעגן אונטער די חורבות פון די אויפגעריסענע הייזער. די פּוי־לישע באַפעלקערונג פון וואַרשע האָט אויסגענוצט דעם יום־טוב „זאַ־דושקי" אויף דורכצופירן אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון פּאַטריאָ־טיזם און פאַרערונג צו אירע געפאַלענע העלדן. הונדערטער טויזנטער מענטשן האָבן זיך געזאַמלט ביי די גאַסן־קברים. מען האָט אָנגע־צונדן ליכטלעך, מען האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די שטאַרצנדיקע ווענט פון די חורבות און דאָרטן אָנגעצונדן הונדערטער ליכטלעך פאַר די פאַרשאָטענע. באַזונדערס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אַ גרויס אויפגעריסן הויז אויפן עק מאַרשאַלקאָווסקע און ווספּולנע גאַס, אונטער וועלכן אַ גרויסע צאָל קרבנות זענען געפאַלן. גאַנץ הויך, אויף די חורבות פון יענעם הויז, האָבן געברענט הונדערטער ליכטלעך.

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט האָבן צענדליקער טויזנטער מענטשן געקניט ביי די באַלויכטענע קברים. אויפן קול האָט מען געזונגען רעליגיעזע לידער, אָבער שטילערהייט האָט מען צווישן זיך גערעדט ווערטער פון האַס און פאַראַכטונג צו די נאַציס.

באַוואָפנטע דייטשע פּאַטראָלן האָבן זיך געדרייט אַרום די קני־ענדיקע מאַסן, אָט האָבן זיי אויף איין אָרט פונאַנדערגעטריבן די מענטשן, אָבער אויף הונדערטער אַנדערע ערטער האָט ווייטער גע־דויערט די מאָדנע דעמאָנסטראַציע און עס האָט זיך געטראָגן פון טויזנטער העלזער געזאַנגען און ווערטער פון האַס צו די נאַציס.

לאַנג האָבן די טויזנטער ליכטלעך געברענט אויף די קברים און אויף די חורבות פון די וואַרשעווער גאַסן. אויף די אימפּראָ־וויזירטע צלמים פון די גאַסן־קברים זענען געבליבן הענגען פּויליש־נאַציאָנאַלע פענדלעך, היטלען פון פּוילישע זעלנער און אַנדערע פּאַ־טריאָטישע סימבאָלן, נאָכדעם ווי די מענטשן זענען אַוועק פון די קברים.

אָט די אַלע סימנים פון ווידערשטאַנד, פון בונט קעגן דער נאַציישער שקלאַפעריי, וועלכע די פּוילישע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן, האָבן אַרויסגעבראַכט די געסטאַפּאָ פון געדולד און אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף אַ טייל דייטשע זעלנער. בפרט, ווען די פיינטשאַפט צו די דייטשן האָט זיך אָנגעהויבן אויסצודריקן ניט נאָר אין ווערטער, נאָר טאַקע אין מעשים אויך. אַלץ אָפטער פלעגט מען געפינען דערהרגעטע דייטשע זעלנער, באַזונדערס אין די פאָרשטעט פון וואַרשע. פריער האָט מען צוויי דערשטאָכענע דייטשן געפונען אין דער פּוילישער אַרבעטער־פאָרשטאָט וואָליע; אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען געפונען אַ דערהרגעטן דייטש אין דער פאָרשטאָט פּראַגע. און אַזוי האָט זיך דאָס כּסדר איבערגעחזרט.

דאָס אַלץ האָט די דייטשן שטאַרק דענערווירט. די געסטאַפּאָ איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטע און געזוכט די שולדיקע. זי האָט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם טעראָר און האָט אפילו געפּרוּווט אַרויפצווינגען אויף די יידן די ראָלע אויסצוגעפינען פאַר איר די פּוילישע בונטאָווטשיקעס.

נאָך דער פריער־דערמאָנטער דעמאָנסטראַציע פון 1טן נאָוועמבער אין וואַרשע, האָבן זיך די דייטשן געגרייט צום 11טן נאָוועמבער, דעם יאָרטאָג פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. זיי האָבן אַריינגעפירט גרעסערע מיליטער־אָפּטיילונגען אין די שטעט, זיי האָבן אויפגעשטעלט קוילן־וואַרפערס אויף די גאַסן און דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן אין אַלע שטעט פון פּוילן. אין מיטן דער נאַכט פון 10טן אויפן 11טן נאָוועמבער האָבן זיי אַרויסגענומען פון די בעטן טויזנטער פּאָליאַקן און יידן אין וואַרשע, דער עיקר פון צווישן דער אינטעליגענץ. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן אין אַלע אַנדערע שטעט.

דעם 10טן נאָוועמבער (1939) האָבן זיי אויפגעשטעלט תּליות אין מיטן מאַרק פון לאָדזש, וואַרשע, לובלין און אַנדערע שטעט. אין לאָדזש האָבן זיי אויף פינף תּליות אויפן באַלוטער מאַרק אויפגעהאָנגען פינף מענטשן — דריי יידן און צוויי פּאָליאַקן; אין וואַרשע האָבן זיי געהאָנגען פיר מענטשן אין פּראַגע; אין לובלין — דריי מענטשן. אָבער אָנגעשראָקן האָבן די תּליות אַ סך ווייניקער, ווי די דייטשן האָבן גערעכנט; אין וואַרשע איז סיי־ווי פאָרגעקומען אַ שטילע פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציע: דעם 11טן נאָוועמבער זענען כּמעט אַלע פּאָליאַקן אַרויס אין די גאַסן מיט ווייס־רויטע קנעפּ אין די לאַצן (די פּוילישע נאַציאָנאַלע קאָלירן).

אין אַלע שטעט פון פּוילן ווערן יעדן טאָג דערשאָסן דורך דער געסטאַפּאָ הונדערטער „פּאָליטיש־פאַרדעכטיקע" פּאָליאַקן.

אין לובלין האָט מען אין דעצעמבער (1939) אַנטדעקט אַ גרופּע פּוילישע סטודענטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע. די דאָזיקע גרופּע, קנאַפּע צוואַנציק, האָט מען אָן אַ געריכט דערשאָסן.

אַ טיפן, אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק האָט אויף אַלעמען געמאַכט די בלוטיקע געשיכטע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין וואַווער, אַ קליין דאָטשע־אָרט, עטלעכע מייל הינטער וואַרשע. די דאָזיקע געשיכטע איז ביי אַלעמען פאַרבליבן אין זכרון, ווי „די בלוטיקע נאַכט אין וואַווער".

אין אַ שענק אין וואַווער זענען געזעסן עטלעכע דייטשע זעלנער און האָבן געטרונקען ביר. אין דער שענק זענען אויך געזעסן עטלעכע פּאָליאַקן. די נאַצי־דייטשן האָבן זיך אויפגעפירט זייער חוצפּהדיק. זיי האָבן באַליידיקט די פּאָליאַקן, געזידלט פּוילן און די „פּאָלנישע שווינען" אאַ"וו. מאַנכע פון די פּאָליאַקן האָבן עס ניט געקאָנט איבערטראָגן און האָבן אָנגעהויבן צוריק צו ענטפערן. עס איז דערגאַנגען צו אַ געשלעג צווישן די פּאָליאַקן און די דייטשן. וויפיל פּאָליאַקן עס זענען אין דעם געשלעג געפאַלן, האָט די געסטאַפּאָ נישט דערציילט, אָבער עס איז דערהרגעט געוואָרן איינער פון די דייטשע זעלנער. וועגן דעם האָט מען גלייך געלאָזט וויסן דער געסטאַפּאָ אין וואַרשע. אין דער זעלבער נאַכט איז באַנדע געסטאַפּאָווצעס אַראָפּגעקומען קיין וואַווער און אויסגעפירט אַ בעסטיאַלישע נקמה. אינמיטן נאַכט האָט מען אַרויסגענומען פון די בעטן 140 מאַן, פאַרשלאָפענערהייט, אין די נאַכט־וועש, ווי די מענטשן זענען געווען, האָט מען אַלע 140 דערשאָסן. צווישן די דערשאָסענע האָבן זיך אויך געפונען אַכט יידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין וואַווער. אין וואַרשע האָט מען דערציילט, אַז די געסטאַפּאָ האָט פאַר דעם דערהרגעטן דייטש געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך בלויז די פּאָליאַקן און די אַכט יידן זאָל מען האָבן דערשאָסן באַזונדער נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַגראָבן די דערשאָסענע פּאָליאַקן. אָבער פעסטשטעלן גענוי צי עס איז טאַקע אַזוי געווען, האָט מען נישט געקאָנט...

געוויינלעך רופט דער נאַצישער טעראָר אַרויס נאָך גרעסערע פאַרביסנקייט ביי די פּאָליאַקן און פאַרשטאַרקט נאָך דעם ווילן צו נקמה־אַקטן קעגן די נאַצים. אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס זאָרגן אויף פאַרשידענע אופנים דערפאַר, אַז עס זאָל איינגעהאַלטן ווערן

די מאָראַל פון דער באַפעלקערונג לגבי די דייטשן, און עס זאָל גע־שאַפן ווערן די געהעריקע באַיקאַט־אַטמאָספער אַרום יענע איינצלנע פּערזאָנען, וועלכע גיבן זיך מאָראַליש אונטער די נאַצים. אַזעלכע מענטשן באַקומען אַנאָנימע וואָרנונגען, אַז מען ווייסט וועגן זייערע מעשים און עס וועט זיי פאַררעכנט ווערן, ווען דער טאָג וועט קו־מען... ווען עס זענען באַקאַנט געוואָרן פאַלן פון פּוילישע פרויען, וועלכע האָבן זיך געחברט מיט דייטשן, האָבן נישט נאָר די פרויען פּערזענלעך באַקומען וואָרנונגען, נאָר טיילמאָל זענען אין אומלעגאַלע פּלאַקאַטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף די וואַרשעווער גאַסן, גע־וואָרן אויסגערעכנט זייערע נעמען און זיי זענען געטאַדלט געוואָרן. אויף די וואַרשעווער גאַסן האָבן זיך אויך באַוויזן קליינע געדרוקטע בלעטלעך מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „מען מאַכט באַקאַנט צו יענע פּוילישע פרויען, וועלכע האַלטן אָן פריינדלעכע באַציאונגען מיט דייטשן, אַז אין די שאַנד־הייזער זענען נאָך פאַראַן פרייע פּלעצער פאַר זיי"...

עס זענען געווים פאַראַן אין דער פּוילישער געזעלשאַפט אַ סך שלעכטע אויסנאַמען אויך. אָבער אַלם כּלל קען מען פעסטשטעלן, אַז די פּוילישע באַפעלקערונג איז מאָראַליש נישט געבראָכן; זי האָט זיך מאָראַליש נישט אונטערגעגעבן דעם שונא און האָט נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף מיט אים. צווישן די פּוילישע און יידישע אַרבעטער, צווישן זייערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, איז פאַראַן אַן ענגע פאַרבינדונג. זיי שטיצן זיך און העלפן זיך קעגנזייטיק, און זיי באַטראַכטן געמיינזאַם די צילן פון זייער קאַמף.

(די שילדערונגען פון אָנהויב פון חורבן אין נאַצי-אָקופּירטן פּוילן זענען געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס", 1940 און 1941)

מיין אָפּפאָר פון נאַצי־אָקופּירטן פּוילן

...אויף דער אַנדערער זייט גאַס איז געשטאַנען אַן איינזאַמע דראָזשקע.

די אויסגעדאַרטע גרויע קליאַטשע האָט געדרימלט אין פּראַסטיקן פרימאָרגן. אויף דער „קאָזלע" איז געזעסן דער דראָזשקאַזש איינגע־וויקלט אין פּאַטשיילעס, צו שיצן זיך קעגן דער קעלט. אין דעם האַלב־טונקל פון פאַרטאָג האָט ער אויסגעזען פאַנטאַסטיש גרויס אין זיין באַרג פון פּאַטשיילעס און שמאַטעס. ער איז געווען אַן אייגענער, פאַרטרויאונגספולער מענטש און זיין וואַרטן דאָ איז געווען אָפּגערעדט פון פריער. גלייך ווי איך האָב מיך באַוויזן אין טויער, האָט ער, ניט קוקנדיק אין מיין זייט אַריין, געגעבן אַ צייכן מיט דער בייטש, אַז עס איז „אין אָרדענונג". איך קאָן אַריין אין דער דראָזשקע, הייסט עס. איך בין אַריין אין דער דראָזשקע מיט דער אויפגעשטעלטער בויד און האָב מיך פאַררוקט אין אַ ווינקל. מיר האָבן זיך געהאָצקעט איבער די פאַרשנייטע גאַסן. איך האָב פון מיין ווינקל אַרום געזעגנט זיך מיט יעדן הויז, מיט יעדער חורבה. יעדעם ווינקל דאָ איז געווען אַ שטיק פון מיין לעבן. יעדער שטיין, יעדע חורבה האָט געהאַט פאַר מיר אַן אַ שיעור אויסדרוק, האָט מיך דערמאָנט גרויסע איבערגעלעבטע טעג און אַן אַ שיעור האָפענונגען און אַנטוי־שונגען. זיי זענען מיר געווען אַ שאָד, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע וועזנס.

דאָ און דאָרטן איז מיט אַ האַרטן טראָט פאַרביי־געגאַנגען אַ בלוי־מונדירטער דייטש אויפן טראָטואַר: „געסטאַפּאָ". האָב איך אויף זיי געקוקט און געטראַכט: צי געזעגן איך זיך טאַקע מיט זיי? צי וועל איך נישט צוריקקומען אין זייערע הענט אַריין?

עס האָבן זיך לאַנגזאַם פאַרבייגעגליטשט די חורבות פון מאַר־שאַלקאָווסקע גאַס. צווישן די חורבות האָבן איינצלנע, גאַנץ־געבליבענע הייזער, אַרויסגעסטאַרטשעט ווי איינציקע ציינער ביי אַן אַלטן מאַן אין מויל. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן דעם פאַרבראַנטן הויפּט־וואָקזאַל („ווינער וואָקזאַל") און מיר האָבן זיך אַריינגעדרייט אין די

יעראָזאָלימער אַלייען. פאַר די פאַרבליבענע רעשטלעך פונם נייעם הויפּט־וואָקזאַל, וואָס איז הארט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה אויפגעבויט געוואָרן אין ווארשע,־האָט זיך מיין דראָזשקע אָפּגעשטעלט. געווען איז דאָס אין יאַנואַר 1940.

1. אין וואָקזאַל

אין וואָקזאַל איז געווען טומלדיק און קאַלט. ער איז געווען פול מיט מענטשן אין פויערישע בגדים. מיט פּעק און קלומיקעס האָבן זיך מענטשן געשטופּט ביי דער איינציקער קאַסע, וואו מען האָט געקויפט די באַן־בילעטן. דייטשע פּאַטראָל־זעלנער אין הויכע פּעלצן, מיט אָרויפגעזעצטע באַגנעטן אויף די ביקסן, האָבן זיך געדרייט צווישן עולם און אַריינגעקוקט יעדן אין פּנים. די פּוילישע פויערים האָבן פון דער זייט נאָכגעקוקט די דייטשן און האָבן גערעדט אין אַ שטילן טאָן.

איינצלנע יידן מיט געלע לאַטעס און מיט יידישע „אָרעם־בענדער" האָבן זיך פאַרזיכטיק געשאַרט ביי די ווענט, געטוליעט זיך אין די ווינקלען. זיי האָבן געוואָלט מען זאָל זיי ניט אַרויסזען, די בליקן פון די דייטשן זאָלן אויף זיי נישט פאַלן.

דער פּראָוויזאָרישער וואָקזאַל איז באַשטאַנען פון אַ נישט־פאַר־ענדיקטן האַל, די ווענט זענען געווען נאַקעט, אייזערנע שטאַבעס און נאַקעטע הילצערנע בעלקעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון די ווענט. פון מיטן האַל האָבן טרעפּ געפירט אַראָפּ, צו די אָפענע פּלאַטפאָרמעס, פון וואַנען די צוגן האָבן באַדאַרפט אָפּגיין.

עס איז דאָ געווען אַ מוראַדיקע קעלט און אַ האַלבע טונקלקייט, ווי אין אַ מתים־הויז. אויף די מענטשן איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ האָפנונגסלאָזער אומעט און טרויער. די טומלדיקייט איז געווען אַן איינגעהאַלטענע, אַ טרויעריקע, ווי ביי אַ לוויה.

סטאַניסלאַוו, מיין פּוילישן חבר, האָב איך געפונען אויפן אָפּגע־רעדטן פּלאַץ. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער באַריערע פון די שטיגן, וואָס פירן צו די פּלאַטפאָרמעס. ביי זיינע פיס זענען געשטאַנען מיינע וואַליזעס. איך בין לעבן אים פאַרבייגעגאַנגען ווי אַ פרעמדער. ווען מיר האָבן זיך אויסגעגליכט, האָט ער מיר, אומבאַמערקט, אַריינ־געררוקט אין האַנט מיין באַן־בילעט. איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער אַנדערער זייט באַריערע. מיר האָבן זיך געדאַרפט האַלטן ווי צוויי פרעמדע, אומבאַקאַנטע פּאַסאַזשירן. ער האָט געדאַרפט אויף מיר אַכטונג געבן פון דערווייטנס, אַרויסהעלפן מיר אין אַ נויט־פאַל;

עווענטועל — מיטטיילן מיינע פריינד, אויב מיט מיר זאָל, חלילה, געשען אַן אומגליק אויפן וועג. אחוץ דעם האָט ער געפירט מיינע זאַכן און מיין רייזע־געלט, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז יידן ווערן באַרויבט אויפן וועג.

עס זענען שוין דעמאָלט געגאַנגען צוגן פון וואַרשע קיין בערלין דירעקט, אָבער אין וואַרשע האָט מען נאָך דעמאָלט נישט פאַרקויפט קיין באַן־בילעטן ביז דייטשלאַנד, נאָר בלויז ביז דער גרעניץ פונם „רייך". און די נייע גרעניץ פונם דייטשן רייך איז שוין דעמאָלט געווען אין לאַוויטש, גלייך הינטער וואַרשע. דאָרטן האָט מען גע־דאַרפט קויפן אַ בילעט צו פאָרן ווייטער, אָבער אַזוי ווי ביי דער גרעניץ האָב איך נישט געטאָרט האָבן מיט זיך מער ווי 10 מאַרק, וואָס וואָלט געווען צו ווינציק אַפילו אויף אַ באַן־בילעט בלויז ביז בערלין, וואָלט מיר געדראָט די געפאַר צו בלייבן שטעקן אין דייטש־לאַנד אָן געלט און אָן אַ באַן־בילעט פאַר דער ווייטערדיקער רייזע. מיין פּלאַן איז דעריבער געווען צו פאָרן צוערשט קיין קראָקע, וואו מען האָט שוין יאָ פאַרקויפט בילעטן דירעקט קיין בערלין און אפשר נאָך ווייטער, ביז דער האָלענדישער גרעניץ.

קיין קראָקע איז געגאַנגען אַ שנעלצוג. אָבער כּדי צו קענען פאָרן מיטן שנעלצוג האָט מען געדאַרפט באַקומען אַ ספּעציעלע דער־לויבעניש פון דער דייטשער אייזנבאַן־מאַכט. יידן האָט מען אַזעלכע דערלויבענישן נישט געגעבן, זיי האָבן געקאָנט פאָרן נאָר מיטן גע־ווייגלעכן שלעפּצוג, און דאָס אויך מיטן באַדינג אַז זיי זאָלן באַזיצן אַן „ענטלויזונגס־שיין" פון דער שטאָטישער סאַניטאַר־אָפּטיילונג (אויך אַזאַ פּאַפּיר האָט מיר מיין פּוילישער חבר באַזאָרגט).

איצט בין איך דאָ געשטאַנען — באַוואָפנט מיט אַלע פּאַפּירלעך און מיטן באַן־בילעט און האָב געוואַרט אויפן צוג, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגיין 9 אַזייגער אין דער פרי. אָבער עס איז אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה און קיין צוג האָט מען נישט געזען. עטלעכע מאָל איז סטאַניסלאַוו נעגאַנגען זיך דערוויסן, וואָס עס הערט זיך, און קומענדיק צוריק האָט ער, געוועגדעט צו אַנדערע פּאַסאַזשירן, הויך דערציילט, אַז קיינער ווייסט נישט, אַז מען קאָן ביי קיינעם קיין אינפאָרמאַציע נישט באַ־קומען ווען דער צוג וועט אָנקומען. דאָס האָט ער אויף אַזאַ אופן גערעדט צו מיר.

אינם וואָקזאַל האָבן זיך דערווייל אָנגעקליבן אַלץ מער פּאַסאַ־זשירן. אַזייגער 11 איז שוין געווען אַן עולם פון פיל הונדערטער מענטשן. אין דרויסן האָט געשיינט די זון און עס איז געווען אַ פראָסט פון 35 גראַד (צעלזיוס). די מענטשן אין וואָקזאַל האָבן אונטערגע־

טאַנצט אויף די פיס און האָבן אַריינגעהויכט אין די הענט אַריין, כּדי זיך אַביסל צו דערוואַרעמען. דער אומעטיקער וואָקזאַל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מאָדנע בילד מיט הונדערטער טאַנצענדיקע מענטשן, וועמענס פּנימער זענען געווען אומגעוויינלעך טרויעריק און דערשראָקן. די צונויפגעבייגלטע הענט, וואָס כּמעט אַלע האָבן געהאַלטן בײַ די מײַלער און האָבן אין זיי אַריינגעהויכט, זענען פון קעלט געווען געשוואָלן און רויט, ווי בוריקעס, אָבער קיינער איז נישט אָפּגעטראָטן — אַלע האָבן געוואַרט אויפן צוג, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט ווען ער וועט אָפּגיין.

אין אַ געוויסן מאָמענט איז אַריינגעקומען אַ נײַע גרופּע דײַטשן מיט ביקסן אויף די אַקסלען. מיט חוצפּה און רציחה אין זייערע רויט־אָנגעגאָסענע פּנימער האָבן די נײַ־אָנגעקומענע זיך אַרומגעקוקט. גלײַך האָבן זיי אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען מיט די אומגליקלעכע מענטשן און זיי געטריבן פון אָרט צו אָרט. אַלע יידן האָבן זיי אַרויסגעטריבן פון דער ריי, וועלכע האָט געוואַרט צו קויפן באַן־בילעטן בײַ דער קאַסע. דאַן האָבן זיי בּכלל געמאַכט אַ געיעג אויף די יידן אין וואָקזאַל. יענע יידן, וועלכע האָבן מיט זיך קיין שום פּעקלעך נישט געהאַט, זענען בלויז אָפּגעקומען מיט טויט־שרעק: פאַרן קאָלנער האָט מען זיי צוגעפירט צו דער טיר און מיט אַ בריקע פון פוס — אַרויסגעוואָרפן. די וועלכע האָבן געהאַט מיט זיך פּעקלעך און וואַליזעס, זענען אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ באַזונדער שטיבל, פון וואַנען זיי זענען שפּעטער אַרויסגעקומען אָן זייערע פּעקלעך, צעקנעפּלטע, צעהושטע, מיט רויטע און ברוין־בלויע צייכנס אויף די פּנימער. די דאָזיקע באַרויבטע יידן האָבן די דײַטשן, מיט אַ האַנט אויפן קאָלנער, געשלעפּט ביז דער טיר און פון דאָרט אַרויסגעשטופּט.

צווישן די יידן אין וואָקזאַל איז געוואָרן אַ שטילע מהומה. אַנדערע האָבן זיך אַליין געפּרואווט אַרויסשאַרן, זיי זענען אָבער מייסטנס געפּאַקט געוואָרן בײַ דער טיר; אַנדערע האָבן זיך גערוקט אין די ווינקלען, געפּרואווט זיך באַהאַלטן הינטער די פּלייצעס פון אַ גוי, האָבנדיק דערבײַ אין די בליקן דעם דערשיטערנדיקן אויסדרוק פון געיאָגטע חיות. אינם געיעג אויף די יידן האָבן זיך אויך באַטייליקט אייניקע ציוויל־געקליידעטע, וועמען מען האָט געקאָנט אָננעמען פאַר פּאָליאַקן. די פּוילישע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען געשטאַנען לעבן מיר, האָבן געהאַט פינצטערע פּנימער, זיי האָבן שטיל געבורטשעט קעגן די „פּרוסאַקעס" וואָס קאָמאַנדעווען מיט מענטשן ווי מיט בהמות. איצט האָבן זיי געקוקט אויף די ציווילע פאַרשוינען און האָבן נישט געקאָנט איינהאַלטן זייער פאַרוואונדערונג און כּעס.

מיין נאָענטסטע שכנה, א פּוילישע פרוי אין א פוטערשן פּעלץ, האָט אַזש הויך א געשריי געטאָן צו איינעם אַזאַ ציוויל־פּאַרשוין:

— העי, דו, דו ביסט דאָך נישט קיין דייטש! וואָס „פּענטעסט" דו זיך אַרום צוזאַמען מיט זיי?

אָבער דער פּאַרשוין האָט אויף איר א קוק געטאָן און בייז איר אָפּגעענטפערט, אויף דייטש:

— האַלט דיינע שנאָוצע, פּאָלנישע זוי!

איך האָב פאַר דער פרוי איבערגעזעצט זיין ענטפער און איך האָב געזען ווי זי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, דערוויסנדיק זיך אַז דאָס איז נישט קיין פּאָליאַק.

איך בין געווען אַזוי פאַרנומען מיט דעם וואָס אַרום מיר איז פאָרגעקומען, אַזוי פול מיט געפילן פון צאָרן און פאַרביטערונג, אַז איך האָב פאַרגעסן אַז מיר אַליין דראָט אויך די געפאַר אַרויס־געטריבן צו ווערן פון וואַקזאַל, וואָס וואָלט דערוויל צונישט געמאַכט מיין פּלאַן אָפּצופאָרן. מיין באַגלייטער אָבער האָט מיך געהאַט אויפן אויג. מיט א גלייכגילטיקער מינע איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט און אַזוי ווי צופעליק האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מיר. שנעל האָט ער אַריבערגעוואָרפן דעם הערבסט־מאַנטל וואָס ער האָט געהאַלטן, פון זיין אָרעם אויף מיינעם, פאַרשטעלנדיק מיט אים דעם יידן־באַנד וואָס איך האָב געטראָגן. ער האָט מיר, קוים צו באַמערקן, א ווינק געטאָן און איז לאַנגזאַם אַוועק צוריק אויף זיין פּלאַץ.

איצט האָב איך מיך אַליין גענומען היטן. איך האָב געזאָרגט, אַז דער מאַנטל אויף מיין אָרעם זאָל זיך נישט אַראָפּרוקן און זאָל נישט אויפדעקן מיין אָרעם־באַנד מיטן מגן־דוד און איך האָב מיך באַמיט צו האָבן א וואָס פרייערן און גלייכגילטיקן אויסזען. עטלעכע מאָל זענען די דייטשן פאַרבייגעגאַנגען און האָבן מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן, אָבער איך האָב אַלע מאָל געמאַכט דעם אָנשטעל אַז איך בין פאַרטיפט אין א געשפּרעך מיט מיין פּוילישער שכנה. זי האָט אויסגעזען, לויט אירע קליידער, ווי א פּויערטע, אָבער לויט איר רעדן האָב איך דערקענט אַז דאָס איז א שטאָטישע פרוי. אין געשפּרעך האָט זי מיר גאָר ניט געלאָזט מערקן צי זי דערקענט, אַז איך בין א ייד אָבער אין א געוויסן מאָמענט האָט זי פּלוצלונג אין א שטילן טאָן א זאָג געטאָן:

— דעקט גוט צו דאָס דאָזיקע... א הונט דערנעענטערט זיך הינטער אייערע פּלייצעס, פּאַניע... און זי האָט מיט די אויגן א וויז

געטאָן אויף מיין רעכטן אָרעם, וואו דער „יידן־באַנד" האָט זיך געפונען.

יעדעס מאָל וואָס אַ דייטש איז פאַרבייגעגאַנגען און איך בין געבליבן גאַנץ, פלעג איך זיך איבערבליקן מיט סטאַניסלאַוון. ער פלעגט מיר אומבאַמערקט אַ ווינק טאָן: „ס'איז גוט, עס גייט."

עס האָט זיך געטווישט די דייטשע וואַך. די נייע זעלנער האָבן ווידער גענומען מאַכן „אָרדענונג" לויט זייער געשמאַק. זיי האָבן גענומען קאָנטראָלירן, ווער עס האָט באַן־בילעטן. פון דער געדיכטער מאַסע מענטשן האָבן זיי אויסגעקליבן יענע פּאַסאַזשירן וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין באַן־בילעטן און האָבן זיי איינגאַנצן אַרויס־געטריבן פון וואָקזאַל. פון די פּאַסאַזשירן וואָס האָבן יאָ געהאַט באַן־בילעטן האָבן זיי אויסגעטיילט דאָס ביסל יידן, וועמען עס איז געלונגען זיך אַרויסצוגליטשן פון דעם פריערדיקן יידן־געיעג און האָבן זיי אַראָפּגעטריבן אונטן, צו די אָפענע פּלאַטפאָרמעס. דאָ אויבן איז געווען עטוואָס וואַרימער, האָבן זיי נישט פאַרגינען די יידן די דאָזיקע „באַקוועמלעכקייט".

מיר איז נמאס געוואָרן דאָס פאַרשטעלן זיך און איך בין אויך אַראָפּ אונטן. סטאַניסלאַוו איז פון דער ווייטנס געגאַנגען נאָך מיר. אָבער צו מיין פאַרוואונדערונג איז אויך מיין פּוילישע שכנה געגאַנגען לעבן מיר. איך האָב מיך אומגעקוקט און דערזען נאָך אייניקע פּאָ־ליאַקן, וועלכע זענען, שווייגנדיקע, מיט פינצטער־פאַרביסענע פּנימער, געגאַנגען אַראָפּ צוזאַמען מיט די יידן אין דער אָפענער, אומבארחמנות־דיקער קעלט אַריין. מיין שכנה האָט אָפּנים פאַרשטאַנען מיינע גע־דאַנקען. ווען מיר זענען שוין געווען אונטן, האָט זי מיט אַ שמייכל שטיל אַ זאָג געטאָן:

— מיר זענען אַלע גלייכע מענטשן... נישט אמת?

אין יענער שרעקלעכער אַטמאָספער זענען אָט די פּשוטע ווער־טער פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט געווען אַ גרויסע טרייסט.

די פּלאַטפאָרמעס זענען געווען אָפן פון אַלע זייטן צו דער גאַס. די קעלט איז געווען אומדערטרעגלעך. מיר זענען אַלע געלאָפן אהין און צוריק אויף דער פּלאַטפאָרמע, כּדי אינגאַנצן נישט פאַרפרוירן צו ווערן. די שעהן זענען דערווייל געקראָכן איינע נאָך דער אַנדערער. די זון האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין. עס איז געוואָרן אַלץ טונקעלער און טונקעלער. דעם צוג האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען.

דער דאָזיקער טאָג, דער ערשטער טאָג פון מיין רייזע, וועלכן איך האָב פאַרבראַכט אויף אַזאַ אומדערטרעגלעכן אופן, אין קעלט, אָן עסן, און דער עיקר אין דער אוממענטשלעכער אַטמאָספער פון

נאַציִשן סאַדיזם — האָט מיר נישט פּאַרויסגעזאָגט קיין גוטס אויך אויף ווייטער. ווער ווייסט וויפיל מעת־לעתן איך וועל אַזוי זיין אָנגעוויזן אויפן נאַציִשן גנאָד אין די באַנען, אויף די וועגן און אין די נאַציִשע שטעט?

ענדלעך אַזייגער 5 אין אָונט, ווען מיר זענען אַלע שוין געווען פאַרשטאַרט פון קעלט, האָט זיך אין דער טונקל אָנגעהויבן רודערן. הונדערטער מענטשן זענען אַראָפּגעלאָפן פון וואָקזאַל צו די אונטערשטע פּלאַטפאָרמעס. „דער צוג קומט אָן" — האָט מען פון אַלע זייטן געשריגן. אויף די פּלאַטפאָרמעס איז געוואָרן ענג, אַ גרויסע טונקעלע מענגע מיט פּעק און טלומיקעס האָט זיך געשטויסן נעענטער צו די באַן־רעלסן, כּדי צו קענען זיך אַריינבאַקומען אין די וואַגאָנען.

שווער סאַפּענדיק, איז דער צוג אָנגעקומען. ער איז באַשטאַנען פון אַ ריי פינצטערע פראַכט־וואַגאָנען און אייניקע אַלטע 4־טע קלאַס וואַגאָנען. אַלע האָבן זיך אויף אַמאָל אַ לאָז געטאָן צו די טירן. עס איז געוואָרן אַ מוראדיקע שטופּעניש און אַ געטומל פון צוזאַמענגעפּרעסטע מענטשן אין דער פינצטער. עס איז געווען קלאָר, אַז אַלע וועלן נישט קענען אַריין אין די עטלעכע וואַגאָנען. אָבער יעדערן איז עס געגאַנגען אין לעבן זיך אין די וואַגאָנען אַריינצושטופּן. נאָכן אָפּמאַטערן זיך אַ גאַנצן טאָג האָט קיינער נישט געוואָלט איבערבלייבן, ווען מען האָט זיך ענדלעך דערוואַרט אויפן צוג. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן הילכיק צו קאָמאַנדעווען און צו קלאַפּן מיט די ביקס־פּריקלאַדן איבער די מענטשלעכע קעפּ. דאָס געשריי אין דער פינצטער איז געוואָרן נאָך גרעסער. אָט האָט אַ דייטש דערלאַנגט מיטן פּריקלאַד אַיבערן קאָפּ אַ פּוילישער פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט דערפאַר וואָס זי האָט ניט פאַרשטאַנען זיינע באַפעלן און איז געגאַנגען פון אַן אַנדערער זייט, ווי ער האָט געוואָלט. די פרוי איז אומגעפאַלן און איז צוזאַמען מיטן קינד שיער נישט צעטרעטן געוואָרן. דאָס האָט אַרויסגערופן פּראָטעסטן און קללות פון גאַנצן עולם.

אין אַן ענג־צונויפגעדריקטער מענטשן־קנויל בין איך געטראָגן געוואָרן צום אַריינגאַנג פון אַ וואַגאָן, וועלכער איז שוין, דאַכט זיך, געווען פול געפּאַקט. הינטער מיר האָט זיך געשטופּט סטאַניסלאַוו און האָט מיך ממש געטראָגן אין דער לופטן. ווען איך בין שוין געווען ביים סאַמע אַריינגאַנג פון וואַגאָן און האָב שוין כּמעט געזאָלט אָנטאַפּן מיטן פוס דאָס טרעפּל, וואָס פירט אין וואַגאָן אַריין, האָט זיך איבער דער פּלאַטפאָרמע פּלוצלונג צעטראָגן אַ באַפעל פון די דייטשע ביר־העלזער:

— יודען, הערַאוס!

מיט לאַמטערנדלעך אין די הענט האָבן זיך די דייטשן אַריינגעשטופּט אין די מענטשן־קנויל, האָבן אַריינגעקוקט אין די פּנימער, האָבן באַלויכטן די אָרעמס, זוכנדיק די „יידן־בענדער", און וואו זיי האָבן דערקענט אַ ייד, האָבן זיי אים אַרויסגעשלײדערט פון דער ריי, דערלאַנגענדיק אים נאָך דערצו מיט די פּריקלאָדן און מיט די שטיוול. די יידן, אויסגעפּייניקטע פון דעם שרעקלעכן טאָג, האָבן מער נישט געקאָנט איינהאַלטן זייערע נערוון. הויכע, יאָמערדיקע געוויינען און קרעכצן האָבן זיך צעטראָגן איבער דער פינצטערער פּלאַטפאָרמע.

איך האָב מיך פאַרטראַכט וואָס צו טאָן. אָבער סטאַניסלאַוו, וואָס האָט זיך געפונען הינטער מיר, האָט מיך נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן. ער האָט אַראָפּגעריסן דעם „יידן־באַנד" פון מיין אָרעם און האָט אים באַהאַלטן ביי זיך אין קעשענע. באַלד איז געפאַלן אַ שיין פון אַ לאַמטערן אויף מיין פּנים. איך האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אַ נאַצישע פויסט האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים אַקסל און אַ פּאָר העלע חיהשע אויגן האָבן מיר אַריינגעקוקט אין פּנים. איך האָב אויסגעהאַלטן דעם בליק אָן אַ פינטל צו טאָן מיטן אויג. דער נאַצי האָט אַראָפּגעלאָזט זיין לאַמטערל נידעריקער און געוואָרפן אַ בליק אויף מיין רעכטן אָרעם. ער איז אַוועק ווייטער...

ענדלעך בין איך אַריינגעשטופּט געוואָרן אין קאָרידאָר פון וואַגאָן און בין דאָרט געבליבן שטעקן, ווי אַן אַריינגעקלאַפּטער טשוואָק, אין אַ געדיכטן מענטשן־קנויל. עס איז בוכשטעבלעך נישט מעגלעך געווען אַ ריר צו טאָן מיט אַן אבר. און באַלד איז שוין אויך געווען אוממעגלעך צו אָטעמען.

אַ לאַנגע צייט איז נאָך דער פינצטערער צוג מיט די צונויפגעפּרעסטע מענטשן־מאַסן געשטאַנען אויפן פּעראָן. פון דרויסן האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן די געשרייען פון די נאַצישע מחבלים, עס האָבן זיך נאָך אַלץ געהערט זייערע באַפעלן: „יודען, הערונטער!" — כּל־זמן דער צוג איז נאָך געשטאַנען האָט נאָך אַלץ עקזיסטירט די געפאַר איך זאָל אַרויסגעשלײדערט ווערן פון צוג.

2. דער צוג רירט

ענדלעך אָבער האָט דער צוג, פויל און שווער קרעכצנדיק, זיך גערירט פון אָרט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער עטאַפּ פון מיין געפאַרפולער רייזע דורך דעם נאַצישן גהינום.

דער פינצטערער צוג מיט די עטלעכע וואַגאָנען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן האָט זיך געשלעפּט דורך דער שניידיק־פראָסטיקער נאַכט

און איז פאר אונז געווען אן אמתער אינקוויזיציע־צוג. טראָץ דעם פראָסט אין דרויסן און טראָץ דעם, וואָס די וואַגאָנען זענען געווען נישט־באַהייצטע, איז אין זיי געווען אַ שטיקענדיקע היץ. די לופט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט זי געקענט שניידן, דאַכט זיך, מיט מעסערס. מען איז געשטאַנען אַזוי צוזאַמענגעדריקט אין ענג־שאַפט, אַז די געדיכטע מאַסע פּאַסאַזשירן האָט זיך נישט געקאָנט קיין ריר טאָן פון אָרט. שוין אין דער ערשטער שעה פון דער רייזע האָבן אייניקע מענטשן אין מיין וואַגאָן געחלשט פון דער היץ און שטיקעניש. יעדע ווייל האָט מען אין דער פינצטער געהערט פון אַן אַנדער ווינקל געשרייען, מען זאָל ראַטעווען, מען זאָל געבן אַ טראָפּן וואַסער פאַר אַ געחלשטן. אײן פרוי, וועלכע מען האָט בשום אופן ניט געקענט דערמינטערן, האָט מען מיט זייער גרויס מי קוים אַרויס־געשלעפּט פון דער צונויפגעקוועטשטער מאַסע און איבער די קעפּ האָט מען זי צוגעשלעפּט צו דער טיר, דערלאַנגענדיק דעם געחלשטן קערפּער איינער דעם אַנדערן אין די אויפגעהויבענע הענט.

איך אַליין האָב נאָך דעם שווערן און אויסמאַטערנדיקן טאָג, אין וועלכן איך האָב כמעט אין גאַנצן גאָר נישט געגעסן, אויך עטלעכע מאָל געפילט ווי צו חלשן פון מידקייט און ענגשאַפט.

פונדעסטוועגן זענען אַלע געווען צופרידן וואָס מען געפינט זיך כאָטש אין צוג און וואָס מען באַוועגט זיך פאַרויס. מען פאָרט טאַקע לאַנגזאַם, אָבער ווען־עס־איז וועט מען דאָך פאָרט ערגעץ דערפאָרן און די מאַטערנישן וועלן זיך ענדיקן. אַזוי האָבן געטראַכט און אַזוי האָבן אויך גערעדט די מערסטע פון די פּאַסאַזשירן. און ווען איך האָב דאָס געהערט, האָב איך ביי זיך געטראַכט: צי וועל איך אויך דערפאָרן צום ציל פון מיין רייזע?...

דער צונויפגעדריקטער עולם אין פינצטערן וואַגאָן האָט אין אָנפאַנג געשוויגן מיט אַ געדיכטער אומהיימלעכער שווייגעניש, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט מיט דעם כעס און פאַרביטערונג וואָס די אַרו־מיקע אַטמאָספער און די בייגעוואוינטע בילדער האָבן ביי אים אַרויסגערופן. שפּעטער אָבער האָט מען ביסלעכווייז אָנגעהויבן רעדן צווישן זיך, שטיל און מיט האַלבע ווערטער, מיט רמזים און אָנצור־הערענישן: ס'איז פינצטער, מען קען נישט קוקן דעם מיט־שמועסער אין פּנים און מען ווייסט נישט מיט וועמען מען האָט צו טאָן. מען מוז דעריבער זיין פאָרזיכטיק.

פאָרזיכטיק און אומגערן האָט מען געענטפערט אויף פראַגעס: וואוהין מען פאָרט, צו וועמען מען פאָרט. צום מערסטן האָט מען גע־רעדט אויף „נייטראַלע" טעמעס: וועגן די פרעסט, וואָס איין גאַנץ

ווייסט ווי לאַנג זיי וועלן נאָך אָנהאַלטן, און קיין קוילן צום הייצן קריגט מען נישט; וועגן דעם הונגער, וועגן דעם יקרות אויף ברויט. און אַזוי שמועסנדיק האָבן די מענטשן אָנגעהויבן דערציילן בײַשפּילן פון זייערע ערטער, ביז מען האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט — וואָס אַמאָל פריִער, פאַרגעסנדיק אין דער פאַרזיכטיקייט.

דעמאָלט ערשט האָבן זיך געעפנט די הערצער. איך האָב געהערט אין דער פינצטער אַ דיק, הייזעריק קול, וואָס האָט מיט אַ האַרטן פּויערישן אַקצענט דערציילט ווי אַזוי ער, דער פּויער, האָט געמוזט מיט די אייגענע הענט אַוועקגעבן זיין קו און זיין קאַלב — דאָס איינציקע וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט פון זיין פאַרמעגן, נאָכדעם ווי דאָס גאַנצע דאָרף זיינס איז אויפגעריסן און פאַרברענט געוואָרן אין די מלחמה־טעג. זיין אַלטע מוטער און אַ 13־יאָריקער זון, אַ קאַליקע, זענען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט דער כאַטע. זיי האָט ער ניט באַוויזן אַרויסצופירן אין וואַלד, ווי ער האָט עס געטאָן מיט דער קו און מיט דעם קאַלב. איצט האָט מען אים דאָס לעצטע אויך צוגענומען. — „און ווי אַזוי זאָל אַ מענטש לעבן? וואָס זאָל אַ מענטש נעמען אין מויל אַריין, אַז אַלץ איז פאַרברענט, אַז דאָס ברויט אין שייער איז נישטאָ מער און אַז די קו האָט מען אויך צוגענומען; ווי זאָל מען דאָס לעבן אין אַזאַ וועלט?" — האָט זיך דער פּויער געקלאָגט אין דער וועלט אַריין.

— וואָס איז דאָ צו רעדן וועגן אַ קו און וועגן עסן? — האָט זיך פון ערגיץ אַרויסגעריסן אַ ווייבעריש קול, וואָס איז געווען קווי־טשעדיק, מיט אַ נאָטקע פון פאַרצווייפלונג, — אַז דאָס לעבן איז נישט זיכער, אַז דו אַליין ביסט ערגער פון אַ בהמה. ביי מיר האָבן די „היצלעס" פון שטוב אַרויסגעשלעפּט מיין יינגל, זיי האָבן אים אַוועקגעשלעפּט אין וואַלד אַריין מיט נאָך אַנדערע יינגלעך; פון וואַלד האָבן מיר שפּעטער געהערט עטלעכע שאָסן, און שוין... מיין יינגל איז מער נישט צוריק געקומען. נאָר־וואָס איז ער געהאַט געקומען אַהיים פון פראָנט, געוואָלט זיך אַביסל אָפּרוען, מיין זון, מיין איינציקער יינגל... — און איבערן פינצטערן וואַגאָן האָבן זיך צעטראָגן היסטערישע שלוכצן פון דער פרוי.

אַ ווייל זענען אַלע געווען שטיל, ווי מען וואָלט זיך מיט כוונה איינגעהערט אין דעם יאָמערן פון דער פאַרצווייפלטער מוטער. דאַן האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַן אַנדער קול פון אַ מאַן: „און וואָס זיי צעטוען דאָס מיט די יידן, איז עס דען נישט אַן עבֿרה פאַר גאָט?"...

— הערט שוין אויף צו רעדן ! — האָט זיך עמיץ אָנגערופן. — מען ווייסט אַלץ אַליין ; יעדער זעט עס יעדן טאָג ביי זיך, און קיין גוטס קאָן אייך פונם רעדן נישט ארויסקומען.

דער עולם איז געבליבן שטיל, אַזוי ווי דערשראָקן פון דער וואָרנונג, און יעדערער האָט זיך אין דער פינצטער פאַר זיך געטראַכט זיינע געדאַנקען. די שטילקייט איז בלויז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם ריטמישן קלאַפּן פון די רעדער און דורכן שווערן סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו. אין אַ ווײַלע אַרום האָט עמיץ אין דער פינצטער פּלוצלונג זיך אָנגערופן, ניין, אויסגעשריגן אַ פראַגע, אַזוי ווי גע־ווענדט צו דער וועלט :

— און ווי לאַנג קאָן עס אַזוי געדויערן ? ווען וועט עס נעמען אַ סוף, מענטשן, ווען ? . . .

מען האָט געפילט אין דער פינצטער, ווי אַלע האָבן אויסגעדרייט זייערע קעפּ אין דער ריכטונג פון וואַנען דאָס קול איז געקומען און אַלע האָבן אָנגעשטרענגט געשוויגן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואַרט, אַז פון ערגעץ וועט קומען אַן ענטפער.

אַ ווייבעריש קול האָט זיך אָנגערופן :

— ביי אונז האָט דער גלח דערציילט, אַז ווען דער דייטש האָט פאַרברענט אונזער קלויסטער . . .

אָבער מער האָט די פרוי נישט באַוויזן צו זאָגן, ווייל אין דעם מאָמענט האָט זיך דער צוג פּלוצלונג, מיט אַ טראַסק אַהין און צוריק, אָפּגעשטעלט. מען האָט זיך געפרעגט איינער דעם אַנדערן : וואָס איז דאָ ? וואָס פאַר אַ סטאַציע ? אָבער דורך דער געעפנטער טיר האָט מען געזען בלויז דעם ווייסן שניי פון די פעלדער, וואָס האָט זיך געבלייכט פון דער נאַכט אַרויס. מיר זענען געשטאַנען אין פוסטן פעלד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַלטער, אָפּגענוצטער לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט געפירט אונזער צוג, האָט נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן ווייטער די אָנגעפילטע וואַגאָנען. מענטשן מיט לאַמטערנדלעך אין די הענט זענען פאַרבייגעלאָפן אונזער צוג, מיר האָבן געהערט קולות אין דער דייטשער און פּוילישער שפּראַך. מענטשן, וואָס זענען גע־שטאַנען נעענטער צו דער טיר, האָבן געפּרואווט אַרויסקוקן ; איינער איז אַפילו אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן, כדי זיך צו דערוויסן וואָס עס קומט פאָר. פּלוצלונג האָבן מיר אַלע איינגעהאַלטן דעם אָטעם : פון דער ווייטנס האָבן מיר דערהערט אַ סך קולות — טייל האָבן געוויינט, געקלאָגט, זיך געבעטן ; אַנדערע האָבן געשריגן, באַפוילן, געזידלט און געהירזשעט. איך בין געוואָרן אומרואיק. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס, וואָס קומט דאָרט פאָר אויפן פינצטערן פעלד, האָט

עפּעס אַ שייכות צו מיר און צו מיינסגלייכן. באַלד האָט זיך אין אונזער וואַגאָן פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז מען וואַרפט ארויס יידן פון די וואַגאָנען: עס זענען דאָ צופיל פּאַסאַזשירן, דער לאָקאָמאָטיוו קאָן נישט שלעפּן, וואַרפט מען אַרויס די יידן אין מיטן פעלד, אין דער נאַכט, אינם פראָסט.

גיך האָבן זיך די קולות דערטראָגן אויך צו אונזער וואַגאָן. עטלעכע פיגורן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע לאַמטערנעס איבער זייערע קעפּ און אַריינגעלויכטן אין אונזער וואַגאָן. פון זייערע מיילער איז געפאַלן דער באַפעל:

— אַלע יודען הערויס!

פון וואַגאָן האָט זיך קיינער נישט אָנגערופן. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט צו זען, וואָס דאָ וועט זיין. דאַן האָט זיך איינער פון דער גרופּע צעשריגן מיט רוגזה:

— פאַרפלוכטע יודען, האָט איר נישט געהערט, וואָס מען האָט געזאָגט? אַרונטערקומען!

ווידער האָט זיך קיינער פון וואַגאָן נישט אָנגערופן. איינער פון דער גרופּע האָט, שיקנדיק פאַרויס זיין לאַמטערן, געפּרואווט זיך אַריינשטופּן אין וואַגאָן. דאַן האָט זיך פון וואַגאָן דערהערט אַ שטימע:

— **דאָ ביי אונז זענען קיין יידן נישטאָ, סאַמע איינענע...**

די שטימע האָט גערעדט אויף פּויליש. איך האָב זי דערקענט. דאָס האָט גערעדט מיין פּוילישער באַגלייטער. דאָס וואָרט „יידן" האָט ער נישט אַרויסגעזאָגט אויף פּויליש, נאָר ער האָט געפּרואווט נאָכזאָגן אויף דייטש, און עס איז אַרויסגעקומען: „יודא ניט דאָ". דער דייטש וואָס האָט זיך געשטופּט פאַרויס האָט זיך אויסגעבויגן צו איינעם פון זיינע באַגלייטער און אים געפרעגט, וואָס די פּוילישע ווערטער באַדייטן. יענער האָט זיי פאַר אים איבערגעזעצט אויף דייטש. ער האָט אַ מינוט אַזוי ווי זיך מישב געווען און איך האָב געוואוסט, אַז פון זיין ישוב איז אָפּהענגיק מיין גורל. דער דייטש האָט זיך ווידער געווענדט צו די פּאַסאַזשירן פון וואַגאָן מיט אַ דראָענדיקער שטימע:

— מאַכט קיינע שווינדלען, יודען, קומט אַליין אַרויס; ווען איך וועל אייך אַרויסשלעפּן, וועט זיין ערגער!

איצט האָבן זיך עטלעכע שטימען מיט אַמאָל אָפּגערופן פון וואַגאָן, אַז דאָ זענען ווירקלעך קיין יידן נישטאָ. פון דרויסן איז נאָך עמיצער צוגעקומען צו דער גרופּע און האָט עפּעס געזאָגט מיט אַ צו שטילער שטימע, אַז איך זאָל עס קאָנען הערן. דער דייטש איז צוריק אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן־טרעפּל און האָט זיך אַריינגעמישט אינם

שמועס. און אזוי שמועסנדיק האָבן זיי זיך לאַנגזאַם דערווייטערט פון אונזער וואַגאָן.

פון די אַנדערע וואַגאָנען ווי אויך פון דעם פעלד האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן קולות און געוויינען. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ פייף. אומדערוואַרטעט פאַר אונז האָט זיך דער צוג לאַנגזאַם גערירט פון אָרט. מיט מי און מאַטערניש זענען מיר געפאָרן ווייטער. אין וואַגאָן איז געווען שטיל, קיינער האָט מער נישט גערעדט.

נאָך קנאַפּע פינף שעה רייזע האָבן מיר דערגרייכט קאָלושקי. נאָרמאַל האָט די רייזע ביז אהער געדויערט אַנדערהאַלבן שעה. אויפן וועג האָבן מיר געהאַט נאָך אייניקע איבעררייסונגען און סצענעס, ענלעכע צו דער אויבן־באַשריבענער. אָבער דאָס אמתע גהינום האָט ערשט אויף אונז געוואַרט אין קאָלושקי. דאָ איז געווען די אָפיציעלע גרעניץ מיטן „רייך", ווען מען איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון לאָדזש. אַלע פּאַסאַזשירן קיין לאָדזש האָבן דאָ געמוזט אויסשטייגן פון די וואַגאָנען און דורכגיין אַ שטרענגע פּערזענלעכע רעוויזיע. יידן, וועלכע האָבן געפּרוווט פאָרן קיין לאָדזש, האָט מען דערביי געפייניקט, געשלאָגן און באַרויבט, אויסטועגדיק זיי דערביי אָדם־נאַקעט. דאַן ערשט פלעגט מען די יידן טרייבן צוריק קיין וואַרשע. אויף דער „הייליקער" לאָדזשער ערד, וואָס די דייטשן האָבן פאַר־רעכנט צום „רייך", טאָרן קיין יידן ניט פאָרן. יענע יידן, וועלכע מען האָט פשוט באַרויבט און אוועקגעטריבן צוריק אין דער ריכטונג פון וואַרשע, האָבן נאָך אָפּגעשניטן גוט, ווייל זייער אַ סך יידן האָט מען אין קאָלושקי אַרעסטירט, פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זייער אַ סך פון זיי זענען מער קיינמאָל נישט צוריקגעקומען צו זייערע פאַמיליעס. יעדן טאָג האָבן זיך אויף דער סטאַציע קאָלושקי אָפּגע־שפּילט הונדערטער יידישע טראַגעדיעס.

ווען די דאָזיקע קאָלושקער טראַגעדיעס האָב איך פריער אַ סך געהערט. איצט איז מיר באַשערט געווען אַליין זיי בייצוואוינען און שיער נישט אַליין צו פאַלן אַ קרבן פון זיי. ווען מיר האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אין קאָלושקי, זענען אַ סך פּאַסאַזשירן אויסגעשטיגן. אין אונזער וואַגאָן איז געוואָרן שיטערער. גלייך האָבן זיך די טירן גע־עפנט און גרופּעס דייטשן אין מונדירן זענען אריין אין וואַגאָן, באַ־לויכטנדיק אים גרינטלעך מיט עלעקטרישע טאַשן־לאָמפּן און מיט נאַפט־לאַמטערנעס. זיי האָבן געפרעגט צי אַלע פּאַסאַזשירן וואָס פאָרן קיין לאָדזש זענען שוין אַרויס. ווען מען האָט זיי געענטפערט, אַז יאָ, האָבן זיי באַלויכטן דאָס פּנים פון יעדן פּאַסאַזשיר, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן און זיך געהייסן ווייזן דעם באַן־בילעט. ווען זיי האָבן

די דאָזיקע פּראָצעדור געהאַט געענדיקט, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ באַ־פעל, אַז אַלע יידן זאָלן אַראָפּגיין פון וואַגאָן, אַלצאיינס וואוהין זיי פאָרן. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. אַ טייל פון די דייטשן איז געשטאַנען ביי דער טיר און דריי פון זיי האָבן זיך ווידער געלאָזט מיט די לאַמטערנעס באַטראַכטן די פּנימער פון די פּאַסאַזשירן. דריי יידן — צוויי מענער און איין פרוי — האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון מיין וואַגאָן. צווישן די צוויי מענער איז איינער געווען אַ ייִנגער, אין אייראָפּעאישע קליידער, און איינער איז געווען אַן עלטערער אין אַ הויך באַראַנקע היטל. ווען די דייטשן האָבן אים פאַרבייגעשלעפּט נאָענט צו מיר, האָב איך ביים שיין פון זייערע לאַמטערנעס געזען, אַז דער ייד האָט אַ באָרד, וואָס ער האָט באַהאַלטן אונטערן אויפ־געשטעלטן קאָלנער פון זיין מאַנטל. און מאָרגע: סיי דער עלטערער ייד און סיי די פרוי זענען אַראָפּ פון וואַגאָן שווייגנדיקע און מיט אַ געוויסער ווירדע אין זייער האַלטונג. גראָד דער ייִנגערער האָט ניט אויסגעהאַלטן. ווען די דייטשן האָבן אים גענומען שלעפּן פון וואַגאָן, איז ער האַלב־משוגע געוואָרן פאַר שרעק, ער האָט גענומען שרייען, וויינען און בעטן זיך ביי די דייטשן מיט עפּעס אַזאַ יאָמערלעכן קול, אַז מען האָט געזען דאָס די נשמה גייט אים אויס פאַר שרעק. און שרעקן זיך האָט ער געהאַט פאַר וואָס.

די דריי דייטשן האָבן אויך מיר אַריינגעקוקט אין פּנים און האָבן מיך אַ רגע באַטראַכט. איך האָב אויפגעהויבן אויף זיי אַ פּאָר פאַר־וואונדערטע אויגן, ווי איך וואָלט געפרעגט, וואָס אַזוינס זיי ווילן פון מיר. איך ווייס נישט צי דאָס אָדער עפּעס אַנדערש האָט די דאָזיקע דייטשן אַריינגעפירט אין אַ טעות, אָבער זיי האָבן מיך, ווייזט אויס, אָנגענומען פאַר אַן „אַריער" און האָבן מיך געלאָזט צורו.

מיר זענען דאָן נאָך געשטאַנען איבער אַ האַלבע שעה אויף דער סטאַציע און איך האָב, אַרויסקוקנדיק אויף דעם באַלויכטענעם פּעראָן, צוגעזען צענדליקער סצענעס, פון וועלכע דאָס בלוט קאָן פאַר־גליווערט ווערן אין די אָדערן. עס זענען געווען ווינציק די סצענעס און איבערלעבונגען, די בילדער פון סאַדיזם און פאַרווילדונג, מיט וועלכע איך האָב זיך אָנגעזאָפּט פאַר די פּאָר חדשים אין וואַרשע. עס איז מיר נאָך באַשערט געווען, ביים אָפּשיידן זיך פון מיין אומ־גליקלעך לאַנד, נאָך אַמאָל איבערצולעבן אַ געדיכטע פּאַרציע אומ־מענטשלעכקייט, היהשן איזדעקעוון זיך איבער צענדליקער יידן, מענער און פרויען, וועלכע מען האָט דאָ אויף דער סטאַציע אַריינ־געכאַפּט ווי אין אַ פּאַסטקע. איך האָב געזען, ווי מען האָט זיי נאַקעטע אַרויסגעקאָפּעט מיט די שטיוול פון דעם רעוויזיע־צימערל אויף דעם

פאַרשנייטן פעראַן, נאָכוואַרפנדיק זיי זייערע זאַכן. איך האָב געזען מענטשן, פון וועלכע דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן בשעת זיי זענען פון דעם דאָזיקן צימערל אַרויסגעקומען. און דאָ ערשט האָבן אויף זיי געוואַרט דייטשן, וועלכע האָבן זיי מכבד געווען מיט נייע קלעפּ, מיט חוזק און דערנידערונגען. אָבער איך האָב אויך געזען אַנדערע, נאָך מער אומגליקלעכע: די, וועלכע מען האָט ניט אַרויסגעטריבן פון דעם דאָזיקן שטיבל, נאָר מען האָט זיי אַרויסגעפירט און מער נישט אָפּגעלאָזן פריי. זאָל איך דאָס אַלץ אויסרעכענען?...

איך בין געווען אַזוי זיכער, אַז אויך דאָ, אין קאַלושקי, האָט מיר דאָס מזל צוגעשפּילט און איך וועל אָן אַ מכשול פאָרן ווייטער, אַז איך האָב מיך צוגעזעצט צו סטאַניסלאַוון און מיר האָבן שטיל צווישן זיך געשמועסט. אינגאַנצן אומדערוואַרטעט איז, אייניקע מינוט פאַרן אָפּגיין פון צוג, אַז איין און איינציקער דייטש אַריינגעקומען אין אונזער וואַגאָן און ער האָט זייער ענערגיש גענומען אויפסניי דורכזוכן אַלע פּאַסאַזשירן. „יודען, אַרויס!" — האָט ער אומאויפ־הערלעך איבערגעחזרט יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַ פּאַסאַזשיר אַריינ־געקוקט אין די אויגן. ווידער האָב איך איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט אויף מיין גורל. דאָס לאַמטערנדל האָט זיך דערנעענטערט צו מיר. אַט איז שוין דער שיין פון לאַמטערנדל געפאַלן אויף מיין פּנים. נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט אויפצוהייבן די אויגן און זיך אָריענטירן אין דער לאַגע, האָט מיך דער דייטש מיט כּוח אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אָרעם. אויסרופנדיק מיט רוגזה: „פאַרפלוכטער יודע, פאַרשטעהסט דו ניכט דויטש!" — האָט ער מיך צוגעשלעפּט צו דער טיר און אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן. איך האָב מיך אויסגעצויגן, ווי גרויס איך בין. איך בין אַ מינוט אַזוי געלעגן, באַמיענדיק זיך צו באַרואיקן און זיך אַריינטראַכטן אין דער נייער סיטואַציע וואָס איז פּלוצלונג אויף מיר געקומען. איך האָב מיך אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט גיין לעבן די וואַגאָנען. אַ דייטש איז מיר אַנטקעגן גע־גאַנגען און איך האָב דערוואַרט, אַז ער וועט אַראָפּלאָזן זיין האַנט אויף מיר, כּדי מיך אַריינצושלעפּן אין אינקוויזיציע־צימערל, פּונקט ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט אַזוי פיל אַנדערע יידן. אָבער צו מיין פאַרוואונדערונג איז דער דייטש פאַרבייגעגאַנגען, לאָזנדיק מיך צורו, הגם ער האָט אויף מיר געקוקט. אינסטינקטיוו האָב איך אַ קוק געטאָן אויף מיין רעכטן אָרעם און האָב דערזען, אַז איך טראָג ניט דעם „יידן־באַנד"; איך האָב געהאַט פאַרגעסן, אַז מיין פּוילישער חבר האָט אים ביי מיר אַראָפּגעריסן נאָך בשעתן איינשטייגן אין צוג אין וואַרשע. איך בין געוואָרן זיכערער ביי זיך און האָב מיך געלאָזט גיין

דרייסט פאַרביי דער נייער גרופּע דייטשן, וועלכע איז מיר אַנטקעגן געקומען. כּדי די דייטשן אָראָפּצופירן פון וועג, האָב איך מיר אַפילו דערלויבט די דרייסטקייט איינעם פון זיי אַ פרעג צו טאָן, צי דאָס איז דער צוג וואָס גייט קיין טשענסטאָכאָוו. ער האָט מיר רואיק געענטפערט, אַז יאָ, און האָט צוגעגעבן: „פאַרט גלייך אָפּ, שטייגט נאָר איין". איך בין דרייסט אַרויף אויף די טרעפּלעך פון נאָענטסטן וואַגאָן און האָב מיך אומגעקוקט: פון דערווייטנס, ניט קוקנדיק אויף מיר און אַזוי ווי נישט אים מיינט מען, איז זיך סטאַניסלאַוו מיט מיינע ביידע וואַליזקעס אין די הענט, לאַנגזאַם געגאַנגען אין מיין ריכטונג. ער האָט קוים באַוויזן איינצושטייגן אין וואַגאָן, ווי דער צוג האָט זיך נערירט פון אָרט.

3. קראָקע

די לפי־ערך קורצע שטרעקע צווישן דעם טונעל און קראָקע האָט ביי אונז גענומען איבער 4 שעה. דער שלעפּצוג מיט עטלעכע קליינע אַלטפרענקישע פערטע קלאַס־וואַגאָנעס, נאָך פון די אַלטע עסטרייכישע צייטן, איז געווען איבערגעפּאַקט. אויף דעם אָפּשניט פון דער רייזע, ביזן אָנקומען אויף דער קראָקעווער סטאַציע, זענען קיין ספּעציעלע אַנטי־יידישע עקסצעסן ניט פאָרגעקומען. אין וואַגאָן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גאַנץ גרויסע צאָל יידן, וועלכע האָבן געטראָגן ווייסע, קלאָר־געוואַשענע און פריש־געפּרעסטע „יידן־בענדער" מיט בלויע מגן־דודס, ווייל פאַר טראָגן שמוציקע אָדער צעקנייטשטע „יידן־בענדער" איז מען שוין דעמאָלט שווער באַשטראָפט געוואָרן. די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין וואַגאָן, האָבן זיך צו די יידן באַצויגן פּשוט און מענטשלעך, עס האָט זיך געדאַכט, אַז די „יידן־בענדער" אויף די אָרעמס פון די יידן מאַכן שוין אויף זיי קיין שום איינדרוק ניט און זיי ציען שוין ניט צו זייער אויפמערקזאַמקייט. דייטשע באַן־קאָנטראָלערן זענען פון צייט צו צייט אַריינגעקומען אין וואַגאָן, אָבער זיי האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט די יידן אויפן געוויינלעכן נאַצישן שטייגער.

דערפאַר אָבער איז אונז אויף אַט־דעם אָפּשניט באַשערט געווען איבערצולעבן אַן אַנדער פיינלעכקייט. איינער פון די פּוילישע פּאַסאַזשירן, אַ יינגער, הויכער, אַטלעטישער פאַרשוין, האָט זיך צעדרשנט וועגן יידן אינגאַנצן אויפן נאַצישן שטייגער. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, וואָס דער דאָזיקער פאַרשוין האָט הויך און פריי זיך באַרימט, אַז ער איז אַ טוער און אַן אַגיטאַטאָר פון וויטאָסעס פּויערים־פּאַרטיי. ער האָט זיך אויך באַרימט, אַז ער

שטייט אין באַציאונגען מיט דעם צווייטן פירער פון דער פויערים־פּאַרטיי, ראטאי, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין תפיסה פון דער געסטאַפּאָ. דער דאָזיקער פּאַרשוין האָט מיט אַ חיהשער שנאה גערעדט, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז צו פאַרניכטן די יידן, אַז די יידן זענען שלאַנגען א.א.וו. ער האָט זיך מיט אַ שמייכעלע באַרימט, אַז ערשט נעכטן האָט ער שטילערהייט אריינגערוקט אַן אָנגעצונדענעם ציגאַר צו אַ יידן אין קעשענע. „זאָל ער פאַרברענט ווערן, דער זשיד״ — און דער פּאַרשוין האָט זיך צעלאַכט מיט פאַרגעניגן פון זיין גוואַלטיקן אויפטו.

די איבעריקע פּוילישע פּאַסאַזשירן האָבן שווייגנדיק געהערט די רייד פון דעם פּאַרשוין. מאַנכע פויערים, וועלכע זענען געווען נאָענט צו אים און צו וועלכע ער האָט דירעקט גערעדט, האָבן אויפן פויערישן שטייגער צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ניט אָנרופנדיק זיך מיט קיין איין וואָרט. מיט אַלע כוחות האָב איך מיך איינגעהאַלטן ניט אויפצושפּרינגען און ניט ארויסצורופן דאָ אַ סקאַנדאַל אין וואַגאָן. שטילערהייט האָב איך צו מיינע נאָענטסטע פּוילישע שכנים כסדר געמאַכט באַמערקונגען אויפן חשבון פון דעם פּוילישן היטלעריסט און פון זיינע רייד. איך האָב באַמערקט, אַז אויך סטאַניסלאַוו ווערט אָנגעצונדן אויפן פּנים און אַז אָט־אָט וועט ער ארויספּלאַצן אויפן הויכן שטייגער. מיט די בליקן האָבן מיר זיך קעגנזייטיק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר אונז ביידן לוינט זיך ניט אריינצומישן. אָבער איך בין געזעסן אין פיינלעכער דערוואַרטונג: צי וועלן אַלע פּוילישע פּאַסאַזשירן אויפנעמען שטילשווייגנדיק אָט די קרעציקע רייד? צי איז ניטאָ צווישן זיי קיין איינער, וואָס זאָל זיך פאַרשטיין אויף זייער אמתן ווערט און וואָס זאָל אים ענטפערן ווי עס געהער צו זיין? וואָס לענגער עס האָט געדויערט דאָס שטילשווייגן און דער פּאַרשוין האָט זיך פריי געדרשנט, אַלץ דריקנדיקער און פיינלעכער איז פאַר מיר געוואָרן דאָס וואַרטן. איך האָב געפילט, אַז איך וועל מיך ניט קאָנען איינהאַלטן ביזן סוף. ענדלעך האָט אַ פּשוטער פויער געלאַסן, מיט אַ רואיקן טאָן און מיט פויערישער פּשוטער קלוגשאַפט אויסגעשטרעקט דעם ווייזפינגער צו דעם פּאַרשוין און האָט אים אינמיטן זיינע רייד אריינגעוואָרפן אַ פראַגע:

— און וואו האָסטו דיך דאָס אויסגעלערנט אַזוי צו דרשנען אויף דייטש?...

געדרשנט האָט דער פּאַרשוין אויף פּויליש. דאָס באַצייכענען זיינע רייד אַלס „דייטשע״, האָט זיך באַצויגן צום היטלעריסטישן

אינהאַלט. דער פויער האָט מיט אַ ביטערן פינטל מיטן אויג גע־
לייגט דעם טראָפּ טאַקע אויף דעם וואָרט: — „ניעמעצקו“, ד. ה.
„דייטש“, און דער גאַנצער עולם אין וואַגאָן האָט זייער ריכטיק
פאַרשטאַנען די איראָניע פון דעם פויערס רייד און האָט אויסגע־
בראָכן אין אַ געלעכטער. איך האָב געפילט, אַז ניט נאָר פון מיר
אַליין האָט דער פויער אָראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרצן, נאָר
אויך ביים גאַנצן עולם אין וואַגאָן. מענטשן האָבן זיך איצטער
פרייער צערעדט, מען האָט קאָמענטירט און קריטיקירט די ווער־
טער פון דעם היטלעריסט. פון דער געדיכטער רעדעריי האָט זיך
זייער אָפט אויסגעטיילט דאָס וואָרט: „קאַנאַרעק“. מיט אָט דעם
וואָרט באַצייכנט דאָס פאָלק אין פוילן אַ זשאַנדאַר און אַ שפּיאָן.
דער פאַרשוין גופא האָט צוערשט געפּרוּווט עפּעס ענטפערן,
אָבער קיינער האָט אים שוין ניט געהערט און ער האָט זיך אָן
אָראָפּגעפאַלענער ביי זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און איז
שוין געבליבן שטיל ביז צום סוף.

*
**

מיר זענען אָנגעקומען קיין קראָקע אין אַ שרעקלעכן שניי־
שטורעם. אויפן פעראָן פאַרן אַריינגיין אין וואָקזאַל האָבן אוני־
פאָרמירטע דייטשן אַרויסגעשלעפּט אַלע יידן פונם עולם און זיי
באַפוילן זיך אויסשטעלן אין אַ באַזונדער ריי. די יידן האָבן
געמוזט פאַרבייגיין דורך אַ באַזונדער צימערל, וואו דייטשע זשאַנ־
דאַרן האָבן זיי באַזוכט און אויך געגישטערט אין זייערע פעקלעך.

פאַרן אָנקומען צום קראָקעווער וואָקזאַל, האָב איך אַרויפגע־
צויגן מיין „יידן־באַנד“ אויפן אָרעם. איך האָב ניט געוואָלט רי־
זיקירן צוליב דעם אַרעסטירט צו ווערן אויפן וואָקזאַל, אויב אַ
דייטש וועט אין מיר דערקענען, אַז איך בין אַ ייד. דערפאַר האָב
איך איצט זיך געמוזט אַוועקשטעלן אין דער יידישער ריי. לאַנג־
זאַם האָט זיך די ריי גערוקט פאָראויס. מען האָט ווייזט אויס לאַנג
און זעגוי בודק געווען יעדן יידן. עס האָט גענומען מינדסטנס אַ
האַלבע שעה ביז איך בין אָנגעקומען צו דער טיר פון דעם צימער,
אין וועלכן די רעוויזיע איז פאָרגעקומען. ווען איך בין אָנגעקומען
צו דער גרופּע דייטשן, פון וועלכע איינער האָט באַזוכט יעדן יידן
פערזענלעך און צוויי אַנדערע האָבן אַרויסגעוואָרפן דאָס אינגע־
וויד פון אַלע יידישע פעקלעך און וואַליזעס, האָב איך באַשלאָסן
דאָס ערשטע מאָל אויסצופּרובירן די ווירקונג פון דעם געסטאַפּאָ־

פּאַפּירל, וואָס איך האָב געטראָגן אין קעשענע. איך האָב מיך גע־ווענדעט צום עלטסטן פון די דייטשן, אונטערטראָגנדיק אים דאָס פּאַפּירל:

— איך פאָר נאָך האָלאַנד.

ער האָט באַטראַכט דאָס פּאַפּירל מיטן האַקן־קרייץ־שטעמפּל און האָט פון צווייטן צימער אַ רוף געטאָן נאָך אַן עלטערן פון זיך. יענער האָט איבערלייענענדיק דאָס פּאַפּירל, געהייסן מיך גיין:

— „מען וועט דיך שוין אונטערזוכן ביי דער גרענעץ" — האָט דער דייטש געזאָגט.

איך און מיין באַגלייטער האָבן זיך אריינגעזעצט אין אַ שליטן און האָבן זיך געלאָזט איבער די קראָקעווער גאַסן. אַ נאַסער גע־דיכטער שניי האָט אונז געפּלוכעט אין פּנים. אַ קאַלטער שניידי־קער ווינט האָט געריסן פון אַלע זייטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט אונז צוזאַמען מיטן שליטן אויפהויבן אין דער לופטן און אוועקטראָגן ערגעץ. איך האָב געהאַט אדרעסן צו אייניקע פריינד און באַקאַנטע. אָבער וואו איך בין אָנגעקומען, האָב איך קיינעם מער ניט געפונען. דאָס ערשטע הויז, וואו עס האָט פריער גע־וואוינט אַ פריינד, האָב איך געפונען אָפּגערייניקט פון אַלע איינ־וואוינער און אויפן פראָנט פון הויז איז געהאָנגען אַ צעטל מיט אַ האַקן־קרייץ־שטעמפּל, אַז דאָס גאַנצע הויז איז רעקוויזירט פאַר די דייטשן. אויף אַ צווייטן אדרעס האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די מענטשן, וועלכע איך זוך, זענען נאָך אין אָנפאַנג פון דער מלחמה ערגעץ אוועק און קיינער ווייסט ניט וואוהין. אויף אַ דריטן אדרעס האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיינע פריינד האָבן זיך ערגעץ אַרויסגעצויגן ערשט ניט לאַנג און מען ווייסט ניט וואוהין. גע־זאָגט איז עס געוואָרן אין אַזאַ טאָן, אַז איך האָב מיך אָנגעשטויסן, דאָס די מענטשן ווייסן שוין דווקא יאָ וואוהין מיינע פריינד האָבן זיך „איבערגעצויגן", נאָר עס איז גלייכער צו אומבאַקאַנטע מענטשן וועגן דעם ניט צו ריידן...

אַזוי זענען מיר געפאָרן פון אדרעס צו אדרעס און אומעטום האָט אונז געטראָפן אַ נייע אַנטוישונג. מען האָט זייער ניט גערן געענטפערט אויף אונזערע פראַגן, מען האָט אָפט אַפילו פאַרהאַקט די טירן פאַר אונזערע נעזער איינגאַנצן אָן אַן ענטפער אויך: אונ־טער דער נאַצי־אָקופּאַציע האָט מען ניט ליב, ווען אַן אומבאַקאַנ־טער פרעגט זיך אויס אויף מענטשן...

איך האָב רעזיגנירט פון זוכן באַקאַנטע און געבעטן אונז צו־פירן צו אַ יידישן האָטעל. אָבער ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר

פון דעם האָטעל־קאַנטאָר, האָט מיר דער ייד פון האָטעל אָנגעהויבן צו געבן צייכנס מיט די הענט, אַז איך זאָל אַוועקגיין. אין דער טיפעניש פון צימער האָב איך באַמערקט עטלעכע פיגורן אין דייטשע מונדירן. אַ מיידל איז אַרויסגעקומען פון קאַנטאָר און האָט אונז אויף שנעל אַ זאָג געטאָן, אַז נאָר וואָס האָט אַן אָפּטיילונג פון דייטשער פּאָליציי פאַרנומען אַ גאַנצן שטאָק אין דעם האָטעל און עס איז גלייכער, אַז מיר זאָלן דאָ קיין צימער ניט נעמען און בעסער באַלד אַוועקגיין.

נאָך איייניקע ווייטערדיקע ניט געלונגענע פּאַרזוכן צו געפינען אַ צימער אין אַ האָטעל, האָב איך ענדלעך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אַ ווייטן קרוב, וועלכן איך האָב קיינמאָל פריער ניט באַזוכט און וועמענס אַדרעס איך האָב לאַנג געדאַרפט זוכן, ווייל איך האָב אים ניט גענוי געדענקט. מיין קרוב האָט געוואוינט אין דעם געדיכטן יידישן קוואַרטאַל פון קראָקע, אין דעם אַזוי גערופענעם „קוזמיר". דאָ האָט מיך אַ פּשוטע עלטערע יידישע פרוי מיט אַ סך סמנים פון פּיין און צרות אויפן פּנים אויפגענומען האַרציק און פריינדלעך, נאָך דעם ווי איך האָב איר געזאָגט ווער איך בין. עס איז שוין גע־ווען די העכסטע צייט צו קאָנען אַריינקומען ערגעץ אונטער אַ דאַך. די נאַכט האָט שוין אָנגעהויבן צוצופאַלן און איך בין געווען אויס־געשעפּט און דערפרוירן ביזן העכסטן גראַד. מיין צושטאַנד נאָך די דריי מעת־לעת וואַנדערן אויף דעם דאָזיקן שרעקלעכן אופן און נאָך דריי מעת־לעת כמעט פולשטענדיק פאַסטן האָט זיך אַוודאי געמוזט אָפּשפּיגלען אויף מיין פּנים, ווייל די פרוי, וועלכע האָט מיך געזען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, האָט אפילו ניט גע־וואָלט פריער אויסהערן פון וואַנען איך קום און צוליב וואָס, נאָר האָט קודם כל גענומען זיך פּאָרען ביי דער קיך, כדי צו מאַכן פאַר מיר אַ גלאָז הייסע טיי. מיט אַ מוטערלעכער טריישאַפט האָט זי אַרויסגענומען ברויט, האָט מיר געהייסן דערווייל „עפּעס אַ כאַפּ טאָן", ווייל אַ ביסל שפּעטער וועט מען עסן עפּעס געקעכץ, ווען דער מאַן און די גאַנצע משפחה וועלן זיך צוזאַמענקומען. צו־ליב מיר האָט די פרוי מיט דער זעלבער גאַסטפריינדלעכקייט אויפ־גענומען אויך דעם „שייגעץ", וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט מיר.

דאָס ברויט און די הייסע ערזאַץ־טיי אָן צוקער האָבן מיר געשמעקט, ווי די טייערסטע שפּייזן. איך האָב עס ממש געשלונגען און האָב זיך געבריט מיט דער קאָכעדיקער ערזאַץ־טיי. נאָכדעם האָבן מיר זיך אַ ביסל פאַנאַנדערגעשמועסט. די פרוי איז געווען

אויסער זיך, הערנדיק, אז איך קום פון ווארשע און אז איך האָב בדעה צו פאָרן ערגעץ ווייטער. זי האָט ניט געפרעגט קיין קשיות, אָבער זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אז דאָ האנדלט זיך וועגן עפּעס אַ גאָר ווייטער רייזע. זי האָט באַמערקט, אז איך קוק מיך שטאַרק אַרום אין אירע צימערן, וועלכע האָבן אויסגעזען עפּעס מאָדנע פּוסט און אויסגעליידיקט, און האָט מיר גלייך געגומען דערציילן, אַז אויך זי און איר פאַמיליע זענען געווען קרבנות פון דעם שווידער־לעכן פיר מעת־לעתיקן רויב־פּאָגראָם, וואָס די דייטשן האָבן דאָ אָפיציעל אדורכגעפירט אינם יידישן קוואַרטאַל. זי האָט מיר דער־ציילט די גרויליקן, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט בשעת דער גאַנצער קוואַרטאַל איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אויף גאַנצע פיר מעת־לעת, אין וועלכע קיין איין ייד האָט ניט געטאָרט אַרויסגיין פון זיין וואוי־נונג. צוועלף שעה צייט האָט געדויערט דאָס אָרגאַניזירטע רויבן אין דעם הויז, אין וועלכן זי וואוינט. „און איצטער זעט", — האָט זי אָנגעוויזן אויף איר באַלעבאַטישקייט: די בעטן זענען גע־ווען אָן קישנס, אָן ליילעכער און אָן אַנדערע בעטציַיג, — די דייטשן האָבן עס אַוועקגערויבט; די קליידער־שאַנק איז געווען פּוסט — די דייטשן האָבן אַלץ אַוועקגענומען; די ווענט זענען געווען נאַקעט, מיט סימנים פון בילדער און גאָבעלינען, וואָס זענען דאָרט גע־האָנגען; דער קיך־קרעדענץ איז געווען אויסגעליידיקט פון דעם גאַנצן זילבער און ווערטפולע געפעסן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. די דייטשן האָבן אַלץ אַוועקגענומען און זיי האָבן נאָך אַחוץ דעם צוגערויבט דאָס גאַנצע געלט און צירונג, וואָס זיי האָבן געפונען אין הויז און אין די קעשענעס. זיי האָבן קיין איין הויז און קיין איין יידישע שטוב ניט געמיטן. — „אָבער — האָט די פרוי ווייטער דערציילט און טרערן זענען געפלאָסן איבער איר פּנים — דאָס ערגסטע איז געווען די שרעק, די טויט־שרעק. צוועלף שעה האָט מען אונז, די פרויען און די קינדער, געהאַלטן אויף די שטיגן מיט די פּנימער צו דער וואַנט, און די מענער האָט מען די גאַנצע צייט געהאַלטן אויפן הויף, וואו זיי האָבן אויך געמוזט שטיין מיט די פּנימער צו דער וואַנט און הינטער זייערע פּלייצעס האָט מען כסדר געשאָסן מיט ביקסן איבער זייערע קעפּ... אָט די שרעק... מען האָט געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן דאָס אויסצוהאַלטן און ניט אַלע זענען טאַקע געווען אַזוי שטאַרק"...

די פרוי האָט זיך אָן כוחות אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און האָט זיך שווער און ווייטאָגפול צעוויינט: דערציילנדיק האָט זי נאָך אַמאָל איבערגעלעבט די גרויל און פּיין פון יענע טעג.

אין אָוונט זענען מיר געזעסן ביי פאַרהאַנגענע פענצטער אַרום משפּחה־טיש און האָבן שטיל און וואַרעם געשמועסט וועגן יידישע אומגליקן און וועגן דער לאַגע בכלל. דער מאַן, דער פאָטער פון דער משפּחה, איז געווען אַ ייד מיט אַ גרוילעכער באָרד, אַ געלאַ־סענער, קלוגער מענטש און עס איז געווען אָנגענעם מיט אים צו שמועסן. מיין אָנקומען האָט אין דער משפּחה אַרויסגערופן אַ שטיקל סענסאַציע און אַ שטיקל אויפלעבונג. פאַר מיר דאַקעגן איז געווען אַן איבעראַשונג זיך צו דערוויסן, אַז דאָ אין קראָקע זענען צו די מענטשן דערגאַנגען קלאַנגען וועגן געוויסע מיינע האַנדלונגען אין וואַרשע, וועלכע האָבן געשטעלט מיין לעבן אין געפאַר, הגם זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז איך בין זייער קרוב. סטאַניסלאַוו איז די גאַנצע צייט געזעסן ביים טיש צוזאַמען מיט אונז. ער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פון אונזער געשפּרעך, ער האָט אונז געקוקט אין די מיילער און אַ ביסל טאַמעוואַטע געפּינטלט מיט די אויגן. צוליב אים האָבן מיר דעריבער פון צייט צו צייט אונזער געשפּרעך געפירט אין פּויליש. מיין קרוב איז געווען אויסער זיך פון דער געטריישאַפט, וואָס דער פּאָליאַק האָט צו מיר אַרויסגעוויזן און ער האָט זיך באַצויגן מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט צו דעם „גוטן גוי".

מיר זענען געווען זייער גערירט פון דעם אויפריכטיקן עגמת־נפש, וואָס די באַלעבאָסטע האָט געהאַט צוליב דעם, וואָס זי קאָן אונז ניט מכבד זיין מיט קיין לייטישע געלעגערס. איינגעוויקלט אין אונזערע אייגענע מאַנטלען, זענען מיר איבערגעשלאָפן די נאַכט אויף די אימפּראָוויזירטע געלעגערס פון שטולן און ברעטלעך, אַ סך געשמאַקער, ווי מיר וואָלטן אַן אַנדערש מאָל געשלאָפן אין די באַקוועמסטע בעטן.

4. קיין בערלין

צומאָרגנס איז מיר באַשערט געווען איבערצולעבן די ערשטע אַנטוישונג, וואָס האָט מיך געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון איינע פון די פאַרויס באַרעכנטע „באַקוועמלעכקייטן" פון מיין רייזע. אין וואַרשע האָב איך געהאַט אָפּגערעדט מיט אַ האָלענדישן זשורנאַליסט, וועלכער איז געקומען קיין פּוילן שטודירן די לאַגע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אַז ער וועט זיך מיט מיר באַגעגענען ביים האָלענדישן קאָנסול אין קראָקע, פון וואַנען ער וועט פאָרן צוזאַמען מיט מיר ביז האָלאַנד. ער האָט גענדאַרפט זיין מיין מליץ־יושר ביי דער גרע־נעץ, אַז די האָלענדער זאָלן מיך אַריינלאָזן כאָטש מיין וויזע איז

אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן דעם וויסן פון דער רעגירונג אין האַאַג. דער געדאַנק, אַז איך וועל פאָרן צוזאַמען מיט אַן איינפלוסרייכן האָלענדישן זשורנאַליסט האָט מיר צוגעגעבן האָפנונגען, אַז מיין אונטערנעמונג וועט געלינגען. אַחוץ דעם איז עס אויך געווען אַ געוויסע באַוואָרעניש, אַז איך וועל ניט בלייבן שטעקן אין מיטן וועג אָן געלט, ווייל ער, דער האָלענדער, וועלכער פאָרט מיט אַ דיפּלאָ־מאַטישן פּאַס, מעג האָבן ביי זיך געלט וויפיל ער וויל.

צומאָרגנס איז מער ניט געווען קיין שנייִ־שטורם, עס האָט זיך געשטעלט אַ שיינער ווינטערדיקער טאָג. די פאַרשנייטע גאַסן פון קראָקע האָבן געבלאַנקט אַנטקעגן דער זון, און אַ האַרטער פון פראָסט האָט דער שנייִ געסקריפּעט אונטער די פיס. מיט אַלע מיינע חושים האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך דאָס בילד פון דער שיינער אַלטער שטאָט. זינט לאַנגע מאָנאַטן איז מיין אויג געווען צוגע־וואוינט צו זען נאָר חורבות און חורבות, זעלטן האָט מען אין וואַרשע געקאָנט זען אַ גאַנץ הויז, וואָס זאָל ניט האָבן מער אָדער ווייניקער פאַרוואונדעטע געוואָרן אין די בלוטיקע טעג. און אַפילו די גאַנצע הייזער האָבן אויך געקוקט מיט בלינדע פענצטער — פאַרקלאַפּטע מיט טאָוולען און ברעטלעך, ווייל קיין שויבן איז כמעט אין קיין שום הויז אין וואַרשע נישט געבליבן. מיין בליק האָט דעריבער מיט זשעדנעקייט אויפגעכאַפּט די אומבאַשעדיקטע הייזער פון קראָקע. איך וואָלט געקאָנט אויף אַ רגע פאַרגעסן, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט און לאָזן מיין האַרץ אָנפילן מיט פרייד און זאָרגלאָזיקייט קוקנדיק אַזוי אויף די גאַסן פון דער אַל־טער שטאָט, ווען נישט דאָס, וואָס אויף שריט און טריט איז דאָס בילד געשענדעט געוואָרן דורך דעם אָנבליק פון אוניפאָרמירטע דייטשן.

אויך אין וואַרשע איז עס געווען פול מיט זיי, אָבער אַזוי פיל פאַרשידנאַרטיק־אוניפאָרמירטע דייטשן, ווי אין קראָקע, האָט מען אין וואַרשע ניט געקאָנט זען. אָנהויבנדיק פון די עלטערע דייטשע „לאַנדשטורמיסטן״, וועלכע האָבן דאָ אויסגעפירט די ראָלע פון טראַפיק־פּאָליציי, שטייענדיק אין מיטן גאַס, אין קאָמישע אוני־פאָרמען מיט אויפגעהאַנגענע בלעכן אויף די ברוסטן און מיט קאָ־לירטע פענדלעך אין די הענט, איז דאָ געווען אַ גאַנצע ריי פאַר־שידנאַרטיקע אוניפאָרמען: די פאַרשידנערליי פאָרמאַציעס פון דער געסטאַפּאָ, ס.ס., ס.א. טויטן־קאָפּ־קאָמאַנדע, היטלער־יוגנט, די יינגען פון „זאָנדער־דינסט״ אין זייערע געפּאַסטע גרויע אוניפאָרמען. האַקן־קרייצן, האַקן־קרייצן אין אַלע ווינקלען, פון די דעכער, פון די

הייזער־טויערן, פון די אָרעמס פון טויזנטער דייטשן, וועלכע האָבן פול געמאַכט די גאַסן. דאָס בילד האָט פּאַרמיאוסט די שטאָט און האָט ענג געמאַכט די וועלט. קראָקע איז געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון דעם „גענעראַל־גאָווערנעמענט" (אַזוי האָבן די דייטשן אָנגע־רופן דאָס אָקופּירטע פּוילן); דאָ קיניגט היטלערס גענעראַל־גובער־נאַטאָר דר. פראַנק. און דאָ איז עס פול מיט די טויזנטער דייטשן, וועלכע האָבן ווי די שפּינען פאַרשפּרייט זייערע נעצן; דאָ זענען אַלע צענטראַלע אַמטן און אינסטאַנצן, פון וואַנען עס גייען אַרויס די מאָרד־באַפעלן, די פּלענער פון אונטערדריקונג, באַליידיקונג און דערנידערונג. פון דאַנען טשאַטעוועט דער העסלעכער נאַצי־שפּין אויף דער אויסגעמאַטערטער באַפעלקערונג פון פּוילן און זויגט אויס איר בלוט און מאַרך.

עס איז נאָך געווען פרי, ווען איך בין אַרויס אין גאַס. אָבער די דייטשן זענען שוין געווען ביי דער „אַרבעט". טשאַטעסווייז זע־נען זיי געגאַנגען פון קראָם צו קראָם, האָבן רעווידירט און אָפּגע־ציילט די סחורות, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. אַלע קראָמען מיט לעדער און מאַנופאַקטור (קליידער־שטאָף) האָבן זיי פאַר־חתמעט, נישט זאָגנדיק דערביי גאָרניט די אַרויסגעטריבענע באַ־לעבאַטים. זייער אָנוועזנהייט אויף אַלע גאַסן האָט אַרויסגערופן אימה און פּאַניק ביי די מענטשן. די קרעמער, סיי פּאָליאַקן און סיי יידן, זענען אַרומגעלאָפן מיט בלאַסע און צעשראָקענע פּנימער. די דייטשן האָבן געשריגן און קאָמאַנדעוועט מיט די מענטשן און האָבן נאָך פאַרגרעסערט די אימה. יידן מיט צעפּלאָשעטע בערד און מיט שרעק אין די אויגן זענען שנעל געלאָפן איבער די גאַסן צו וואָרענען עמיצן אָדער זיך צו דערוויסן, ווי עס האַלט אין די אַנדערע גאַסן.

איך בין געפאָרן אין איינעם פון די קליינע שליטנס, און האָב זיך צוגעקוקט צו די סצענעס. די דייטשן האָבן פאַרדעכטיק גע־קוקט אויף יעדער פאַרבייפאָרנדיקער דראָזשקע: טאָמער פירט מען דאָס ערגעץ אַוועק אַרויסגעראַטעוועטע סחורות פון די קראָמען, וואָס זיי רעווידירן. עטלעכע מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט שטעלן זיי מיך אָפּ און נעמען רעווידירן מיין שליטן, אָבער זיי האָבן מיך פאַרבייגעלאָזט און איך בין אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק. אַזוי ווי געקאָרטשעט אין פיזישן ווייטאָג, האָב איך מיך טיפער אַריינגע־רוקט אינם געזעס און האָב העכער אַרויפגערוקט דעם רויטן צו־דעק, וואָס האָט פאַרשטעלט מיין יידישן אָרעם־באַנד. דער האָלענ־דישער קאָנסול האָט געוואוינט ווייט, אין אַ נייעם קוואַרטאַל, כמעט

הינטער דער שטאָט, אין אַ שיינער רייכער ווילע. איבער אַ שעה האָט גע־דויערט מיין פאָרן צו אים. און דורך דער גאַנצער צייט האָב איך געזען פאַר די אויגן דער עיקר דייטשן, אפילו אין די הינטערשטאָטישע געס־לעך איז געווען פול מיט זיי. איך האָב געזען זייער ווינציק ציווילע מענטשן אויף דער גאַס. פונדעסטוועגן איז די אַטמאָספער אין קראָקע געווען פיל לייכטער, ווי אין וואַרשע. די דייטשן זענען דאָ געווען אַ סך העפלעכער און אפשר אויך מענטשלעכער, ווי אין וואַרשע. איך האָב אין פאַרלויף פון טאָג געזען בלויז איין סצענע, ווי דייטשן האָבן זיך געיאָגט אין דער גאַס נאָך אַ יידישער פרוי, וועלכע האָט פאַרגעסן אָנצוטאָן איר „יידן־באַנד". אָבער ווען זיי האָבן די פרוי געכאַפּט, זענען זיי געווען אַזוי „איידל" נישט צו באַשיטן זי מיט קלעפּ. זיי האָבן זי בלויז אַריינגעפירט אין אַרעסט. אין וואַרשע אָבער האָט מען אויף שריט און טריט געקאָנט זען בילדער פון אכזריות, ווילדקייט און ברוטאַליטעט. דאָ האָט ווייזט אויס אַ ביסל געווירקט דער פאַקט, וואָס די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך דאָ געפונען. מען האָט דעריבער געמאַכט אַ מער צירלעכן אָנשטעל. מען איז די אכזריותן באַגאַנגען נישט אַזוי אויבן־אויף.

איך האָב געפונען דעם האָלענדישן קאָנסול, אָבער איך האָב נישט געפונען דעם האָלענדישן זשורנאַליסט. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער האָט זיינע פּלענער געענדערט, ער האָט קיין קראָקע געדאַרפט קומען ערשט מיט 10 טעג שפּעטער און פוילן האָט ער, לויט זיינע פּלענער, געדאַרפט פאַרלאָזן ערשט מיט צוויי וואָכן שפּעטער. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ קלאַפּ. וואַרטן נאָך צוויי וואָכן האָב איך נישט געקענט. ערשטנס צוליב דער געפאַר, וואָס האָט אויף מיר געלויערט, און צווייטנס, ווייל דאָס פּאַפּירל, וואָס איז געווען מיין פאָרמעלע דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון פוילן, וואָלט פאַרלוירן זיין ווערט. איך האָב מיך נאָכגעפרעגט ביים קאָנ־סול, וואו מיין פריינד געפינט זיך, צי וואָלט איך מיך נישט גע־קאָנט שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג, אָבער ערשטנס האָב איך געזען, אַז איך דאַרף אַ סך אַרבעטן מיטן קאָנסול, כּדי צו געווי־נען זיין צוטרוי, ווייל אפילו ער האָט נישט זייער גערן געגעבן אינ־פאָרמאַציעס וועגן אַ האָלענדישן בירגער צו אַן אומבאַקאַנטן מענטש. צווייטנס, וואָלט עס געדאַרפט נעמען זייער לאַנג ביז איך זאָל מיך בריוולעך פאַרבינדן מיט מיין געפּלאַנטן פּראָטעקטאָר. איך האָב דעריבער רעזיגנירט און האָב אויפן אָרט באַשלאָסן צו מאַכן מיין ווייטערדיקע רייזע אַליין. איך האָב געוויזן דעם קאָנסול מיין וויזע

און האָב זיך מיט אים מישב געווען צי עס איז נישט פאַראַן עפּעס אַ מיטל, וואָס זאָל מיר געבן די זיכערקייט, אַז די האָלענדער וועלן מיך אַריינלאָזן. ער האָט באַטראַכט מײַן וויזע און האָט זייער ספּקדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיט אַן אויסדרוק פון באַדויערן האָט ער מיר געקוקט אין פּנים און פאַרזיכטיק, ווי מען רעדט צו אַ קראַנקן, ווען מען וויל נישט אויף אַמאָל אָנזאָגן, אַז זיין קראַנקייט איז אַ געפערלעכע, האָט ער מיר געזאָגט:

— פאַרשטייט איר מיך, די וויזע איז אַ גוטע וויזע, אַלץ איז אין אָרדנונג, נאָר ריכטיקע וויזעס מיט וועלכע מען זאָל זיין זיכער, קאָן היינט קיין שום האָלענדישער קאָנסול אַליין נישט אַרויס־געבן. דאָס מוז געגעבן ווערן פון דער צענטראַלער האָלענדישער רעגירונג אין האאג... אָבער איך רעכן, אַז אייער וויזע איז גוט, אַלץ איז אויפן אָרט, דער שטעמפּל... די אונטערשריפט... איך קאָן אים זייער גוט, דעם וואַרשעווער קאָנסול. עס איז אַ גאַנץ גוטע וויזע. פונדעסטוועגן, ווען איר וואָלט נישט געמוזט אַזוי איילִיק פאָרן...

איך בין אַרויס פון קאָנסולאַט ווי אַ פאַראורטיילטער. איך האָב שוין איצט קיין שום ספק נישט געהאַט, אַז מיין וויזע איז גאָרנישט ווערט, אָבער פונדעסטוועגן האָב איך קיין צוריק־וועג נישט געהאַט. איך האָב געוואוסט, אַז דאָ דערוואַרט מיך דאָס ערגסטע, וואָס־זשע האָב איך אָנצוּוואַרן? איך האָב באַשלאָסן נישט צו פאַרלירן קיין צייט און זיך גלייך לאָזן אין ווייטערדיקן וועג אַריין. דער געדאַנק, אַז אפשר, אפשר וועל איך נאָך קאָנען אַטעמען מיט פרייער לופט ערגעץ אין אַ פריי לאַנד, האָט שוין צו שטאַרק געשטעקט אין מיר, אַז איך זאָל זיין אימשטאַנד זיך איצט צו־ריק צוציען פון האַלבן וועג.

סטאַניסלאַוו און מיינע קרובים זענען געווען באַזאָרגט פון דער נייס, אַז איך האָב נישט געפונען דעם האָלענדישן זשורנאַליסט. זיי זענען אַלע געווען אַזוי דורכגענומען מיט מיין אונטערנעמונג גלייך זיי אַליין וואָלטן זי געדאַרפט דורכמאַכן. מיין גאַסט־געבעריִן האָט געפּרוּווט מיך גאַנץ פאַרזיכטיק אָפּרעדן פון דער גאַנצער רייזע. — „וואָס הייסט, אַ מענטש וועט זיך לאָזן איינער אַליין גלייך צו די רוצחים אין די הענט אַריין — האָט זי געטענהט — וואָלט כאָטש דער האָלענדישער שרייבער געפאָרן מיט אייך צו־זאַמען. אָבער אַזוי, אינגאַנצן איינער אַליין"... זי האָט ביי מיר אויסגעדונגען ווייניקסטנס נאָך איין טאָג און עס איז געבליבן, אַז איך זאָל פאָרן ערשט צומאָרגנס אָוונט.

די רייזע ביז בערלין האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן מיט א זעלבסט־זיכערן זשעסט: איך האָב געבעטן סטאַניסלאַוו צו קויפן א בילעט צווייטע קלאַס שנעלצוג. איך האָב געטראַכט, אַז איך מוז סיי ווי אָננעמען א מינע פון פולשטענדיקער זעלבסט־זיכערקייט, אַז איך פאָר ווי א כשרער און לעגאַלער מענטש. איך האָב אויך אויס־גערעכנט אויף דעם, אַז מיט פּאַסאַזשירן פון צווייטער קלאַס זענען די באַאַמטע א ביסל העפלעכער. סטאַניסלאַוו האָט מיר געבראַכט א בילעט ביז דער סאַמע האָלענדישער גרענעץ. איך האָב אים אוועקגעגעבן דאָס גאַנצע איבעריקע געלט, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך, איבערלאָזנדיק מיר נאָר די 10 מאַרק, וועלכע איך מעג האָבן מיט זיך ביים אַריבערפאָרן די גרענעץ פון דייטשן רייך. דאָס געזעגנען זיך מיט מיר פון דעם פּוילישן אַרבעטער איז געווען מער ווי ברודערלעך. דער פאַרהאַרטעוועטער פּראָלעטאַריער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן זיינע טרערן און צו זיינע אויפריכטיקע וואונטשן איז קיין סוף נישט געווען.

וואָרעם און משפּחהדיק האָבן זיך מיט מיר געזעגנט מיינע גאַסט־געבער. עס איז געווען מערקווירדיק די נאָענטקייט, וואָס האָט שוין עקזיסטירט צווישן מיר מיט די מענטשן, וועלכע איך האָב מיט צוויי טעג צוריק נאָך גאָר נישט געהאַט געקענט אפילו. אַזעלכע גיכע דערנעענטערונגען צווישן מענטשן קאָנען פאָרקומען נאָר אין אַזעלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, ווען ביי יעדן הענגט דאָס לעבן אויף א האָר.

עס איז געווען א קאַלטער, פּראַסטיקער אָוונט, ווען איך בין אין א שליטן געפאָרן צום וואָקזאַל. איך האָב געפילט, ווי דאָס גאַנצע ביזאַיצטיקע לעבן שיילט זיך פון מיר אַראָפּ, ווי אַלץ אין מיר ציט זיך אָן, ווערט געשפּאַנט צו דעם געפערלעכן שפּרונג, וועלכן איך גיי דאָ מאַכן. וואָס נעענטער איך בין געקומען צום וואָקזאַל, אַלץ מער האָב איך געפילט, ווי איך וואָלט מיך דערנעענטערט צום ראַנד פון א תהום, וועלכן איך דאַרף אַריבערשפּרינגען. ווען מיין שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שוואַך־באַלויכטענעם וואָקזאַל, האָב איך אַראָפּגעריסן דעם יידן־באַנד פון מיין אָרעם, מיט דער אַנטשלאָסנקייט אים מער קיין מאָל נישט אָנצוטאָן. צונויפקוועטשנ־דיק דעם באַנד אין מיין קעשענע, האָב איך מיט א דרייסטן און רואיקן טאָן צוגערופן א טרעגער און געהייסן נעמען מיין וואַ־ליזקע:

— נאָך בערלין, צווייטע קלאַס... — האָב איך אים רואיק און לייטזעליק באַפוילן. געלאַסן און מיט א זעלבסט־זיכערער מינע

בין איך געגאַנגען נאָך דעם טרעגער. ביי דער טיר זענען צוזאַמען מיטן פּאָרטער, וועלכער האָט קאָנטראָלירט די בילעטן, געשטאַנען צוויי אוניפאָרמירטע און איינציקע ציוויל־געקליידעטע געסטאַפּאָ־לייט. איך האָב פון ווייטנס מיט אַ שנעלן בליק אָפּגעמאָסטן זייערע פּנימער: וועלן זיי מיך פאַרהאַלטן אָדער נישט? איך האָב געזען, ווי זיי קוקן יעדן, וואָס גייט אַדורך, אין פּנים. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב צווישן זיי איז נישטאָ אַזעלכער, וואָס האָט מיך געזען אין וואַר־שע, איז מיין גורל אָפּהענגיק נאָר פון דעם, צי זיי וועלן דערקענען, אַז איך בין אַ ייד אָדער נישט. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָב זיך באַמיט אַריינצוטאָן די זעלבסט־זיכערע שטרענגקייט אין מיין בליק. דער פּאָרטער האָט גענומען מיין בילעט, האָט אים דורכגעלעכערט און פון האַלבן וועג צו מיר האָט ער צוריק גענומען זיין האַנט, ווי ער וואָלט געוועזן פאַרוואונדערט פון דעם נאָמען פון דער שטאָט, וואָס איז דאָרט געווען אַרויסגעדרוקט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין בילעט און האָט מיך גוטמוטיק געפרעגט: „וואו ליגט דאָס די שטאָט, וואוהין איר פאָרט?" איינער פון די געסטאַפּאָ־אַגענטן האָט, קוקנדיק מיר אין פּנים, אויסגעשטרעקט זיין האַנט און גענומען דעם בילעט פונם פּאָרטער. אַ צווייטער אין ציווילע קליידער האָט זיך צוגעבויגן צו אים און צוזאַמען האָבן זיי באַטראַכט דעם בילעט. עס האָט געדויערט אַ מינוט צי אפשר ווינציקער, נאָר אין דער קורצער ווייל האָט זיך דאָס בלוט אָפּגעשטעלט אין מיינע אָדערן. אַלץ אין מיר איז געווען דערוואַרטונג, אָבער מיין פּנים איז געווען רואיק.

— האָבן זי איר פּאַפּירע אין אָרדנונג? — האָט מיך דער מונדירטער געפרעגט.

— יאָ, נאַטירלעך, — האָב איך געענטפערט מיט אַ רואיקער שטימע, אויפהויבנדיק געלאַסן מיין האַנט צו מיין בוזעם־טאַש, מיט גרייטקייט אַרויסצונעמען מיינע פערזענלעכע דאָקומענטן. אָבער דאָס איז ווייזט אויס געווען גענוג. ער האָט מיר געענטפערט: — „אויב אַזוי, איז גוט". — און ער האָט מיר צוריק דערלאַנגט דעם בילעט.

איך בין אַריין אין וואַגאָן און ממש געהערט, ווי הויך עס קלאַפּט מיין האַרץ פון דער נאַר־וואָס איבערגעלעבטער געשפּאַנט־קייט. אין קופּע איז געווען וואַרעם און פרידלעך. אין עטלעכע מי־נוט אַרום האָט דער צוג געדאַרפט רירן און מיך אָוועקפירן צו אומצייליקע געפאַרן, וואו מיין גורל האָט זיך געוואַקלט.

אין קאָפּ האָט זיך מיר געמישט פון בילדער שוין איבערגע־לעבטע, און פון נייע בילדער, וועלכע האָבן צו מיין פאַנטאַזיע גע־וואונקען פון דער צוקונפט אַרויס.

***

דער צוג איז גלאַטיק און זיכער געלאָפן איבער די רעלסן. איך בין געזעסן איינגעצוירעט אין מיין ווינקל און האָב באַטראַכט מיינע דריי מיט־פּאַסאַזשירן אין קופּע. אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ יינגער מענטש מיט אַ גלאַט ראַזירט, אינטעליגענט און אַ ביסל פאַרביסן פּנים. אין די אַנדערע צוויי ווינקלען פון קופּע זענען איינער אַנטקעגן אַנדערן געזעסן צוויי מיטל־יעריקע, אַ ביסל באַלייבטע דייטשן אין ציוויל־קליידער. איינער פון זיי איז געווען אַ גאַנץ הויכער, דער אַנדערער אַ קלענערער. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון גע־שעפטס־לייט. צובויגנדיק נאָענט זייערע קעפּ צו זיך האָבן זיי שטיל געשמועסט. מיין אַנטקעגנאיבערדיקער שכן איז פּונקט ווי איך גע־זעסן שווייגנדיק אין ווינקל און האָט אָבסערווירט די איבעריקע. עט־לעכע מאָל האָבן זיך אונזערע בליקן באַגעגנט. איך האָב געטראַכט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס קאָן זיין. אַ רגע האָט זיך מיר אויס־געדאַכט, אַז דאָס דאַרף זיין איינער פון די מענטשן, צו וועלכע מען קאָן האָבן צוטרוי, אָבער ווען אונזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, זענען זיינע אויגן געווען גרוי און האַרט מיטן קאַלטן אָפּגלאַנץ פון שטאָל. זיין בליק האָט זיך יעדעס מאָל איינגעגעסן אין מיינעם, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אויספאָרשן, דערגיין.

דאָס געשפּרעך פון די אַנדערע צוויי שכנים האָט זיך גיך אָפּ־געהאַקט. איינער פון זיי האָט בלויז הויך אַ פרעג געטאָן, ווי גיך עס וועט קומען די גרענעץ־רעוויזיע. קיינער האָט נישט געענטפערט און אַלע זענען געבליבן זיצן שטיל, אין געשפּאַנטער דערוואַרטונג.

דעם אמת גערעדט האָט מיך די געשפּאַנטקייט און בפירושע שרעק פון מיינע דייטשע מיט־רייזנדע אָנגעפילט מיט אומרו. איך האָב מיר געטראַכט: וויבאַלד זיי, דייטשן, האָבן אַזוי מורא פאַר דער געסטאַפּאָ־רעוויזיע אויף דער גרענעץ, וואָס־זשע דאַרף איך שוין זאָגן? דער געדאַנק, אַז שוין איצט ביים סאַמע אָנהויב פון מיין רייזע קאָן זי זיך טראַגיש ענדיקן, האָט מיך געצוואונגען צו שמייכ־לען צו זיך אַליין.

צוויי מאָל האָט זיך דער צוג געשטעלט אויף סטאַציעס נאָכן אַרויסרירן פון קראָקע. נאָך דעם ווי דער צוג האָט צום צווייטן

מאָל געריירט, איז די געשפּאַנטע שטילקייט אין אונזער קופּע אי־בערגעריסן געוואָרן. די טיר האָט זיך געעפנט, אַ דייטשער אוניפאָר־מירטער קאָנדוקטאָר האָט איבערגעטריבן הויך אַריינגעשריגן זיין „הייל היטלער" און האָט געבעטן זיך ווייזן די באַן־בילעטן. גלייך נאָך דעם, ווי ער איז אַרויס, האָט זיך ווידער געעפנט די טיר און צוויי יונגע דייטשן, איינער אין ציוויל און איינער אויסגעפּוצט אין אַן אויסגעפּאַסטן און גלאַנציקן מונדיר, פול מיט בלישטשענ־דיקע קנעפּ, האַקן־קרייצלעך, קריינדלעך און אַנדערע צאַצקעס. ביידע האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט אין הענטשקעס און האָבן אויס־געגרופן דעם היטלער־גרוס. „פּאַס־קאָנטראָל", האָבן זיי געמאָלדן.

די צוויי סוחרים האָבן די ערשטע דערלאַנגט זייערע דאָקו־מענטן. דאָס זענען געווען גאַנצע בינטלעך מיט פּאַפּירן, וועלכע ביידע באַאַמטע האָבן גענוי קאָנטראָלירט. זיי האָבן געשטעלט פראַגן און ביי איינעם האָבן זיי געפאָדערט עפּעס נאָך אַ פּאַפּירל, אַ דער־לויבעניש פאַר דער צוריק־רייזע. דער הויכער באַלייבטער סוחר האָט לאַנג און צערודערט געזוכט אין זיינע קעשענעס ביז ער האָט געפונען דאָס פאַרלאַנגטע פּאַפּירל. פון די פראַגן און ענטפערס האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די צוויי זענען טאַקע סוחרים פון דייטשלאַנד, וועלכע זענען געפאָרן אינם אָקופּירטן פּוילן, ווי אָפיציעלע שלוחים פון עפּעס דייטשע אָרגאַניזאַציעס, כּדי איינצופונדעווען אין פּוילן דייטשע האַנדלס־געשעפטן.

נאָך דעם קאָנטראָלירן די דאָקומענטן, איז געקומען די געלט־קאָנטראָלע, ווי ביי אַן אמתער גרענעץ. פּונקט אַזוי שטרענג און גענוי איז געווען די רעוויזיע ביי מיין אַנטקעגנאיבערדיקן שכן, הגם די באַ־אַמטע זענען דערביי געווען העפלעך ביזן העכסטן גראַד. „דאַנקע שען", „ביטע שען", האָבן זיך געשאָטן פון זייערע מיילער כּמעט ביי יעדער פראַזע. פון די פראַגן און ענטפערס האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין אַנטקעגנאיבערדיקער שכן איז אַ באַאַמטער פון עפּעס אַ ווירטשאַפטלעכן מלוכהשן אַמט.

איך בין געווען דער לעצטער צו דערלאַנגען מיינע דאָקומענטן. איך בין געווען כּמעט ווי זיכער, אַז עס וועט זיך אָנהויבן אַ לאַנגע סעריע פון פראַגעס און איך בין געווען צוגעגרייט אויף אַ שלעכטן אויסגאַנג. ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, ווען איך טרעף אַן אומ־פאַרמיידלעכע געפאַר, האָב איך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז עס איז פאַר־פאַלן: „אַז מען איז אין וואַסער, דאַרף מען שווימען". איך בין גע־ווען רואיק און האָב מיט אַ זיכערער באַוועגונג דערלאַנגט מיינע דאָקומענטן, קוקנדיק דעם געסטאַפּאָ־באַאַמטן גלייך אין די אויגן.

אָבער צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג, האָבן מיך די באַ־אַמטע אָפּגעפּאַרטיקט זייער גיך. זיי האָבן דורכגעקוקט מיין פּאַס, מיין רייזע־דערלויבעניש, אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל און די איינציקע פראַגע, וואָס זיי האָבן מיר געשטעלט, איז געווען וויפיל געלט איך האָב ביי זיך. זיי האָבן אַפילו נישט פאַרגעסן צוצוּוואַרפן מיר דעם „דאַנקע שען", ווען זיי האָבן מיר צוריק דערלאַנגט מיינע דאָקומענטן.

איך בין געוואָרן זיכערער ביי זיך. „עס גייט ווי אויף פּוטער" — האָב איך פאַר מיר איבערגעחזרט אויף פּויליש דאָס ווערטל, וואָס מיין פּוילישער חבר האָט כּסדר באַנוצט אויפן וועג אין אַזעלכע פאַלן. איך בין געוואָרן פרייליכער און האָב מיט אַ ביסל מער האָפענונג געטראַכט וועגן דער צוקונפט.

גלייך נאָך דער גרענעץ־רעוויזיע זענען מיינע מיט־פּאַסאַזשירן געוואָרן באַלעבאַט. די געשפּאַנטע דערוואַרטונג איז אויפגעלייזט געוואָרן און זייערע צינגער האָבן זיך אויפגעבונדן. אַלע דריי פּאַסאַזשירן האָבן איצט געפירט צווישן זיך אַ לעבהאַפטן געשפּרעך, גאָרגלענדיק די טיפּישע האַלז־רישן פונם בערלינער דייטש. זיי האָבן זיך איבערגעגעבן זייערע איינדרוקן פון פּוילן און באַזונדערס פון קראָקע. פאַרשטייט זיך, אַז זייער גיך האָבן זיי אָנגעהויבן צו ריידן וועגן יידן. זיי האָבן זיך דערציילט דעם איינדרוק, וואָס עס מאַכן די יידן מיט די אָרעם־בענדער און מיט די געלע לאַטעס. זיי האָבן אויך גערעדט וועגן דעם מאָדנעם אַלטפרענקישן טראַכט פון די פּוילישע יידן, וועגן די בערד, לאַנגע קאַפּאָטעס, גאַליציאַנער קאַפּעלושן. די צוויי סוחרים האָבן ביי מיר אַרויסגערופן דעם איינדרוק, אַז זיי זענען נישט פיינדלעך צו יידן. זיי האָבן נישט גערעדט קיין שלעכטס און נישט געחוזקט. זיי האָבן בכלל אַליין מער געשטעלט פראַגן און אויסגעהערט ענטפערס איידער אַליין דערציילט וועגן יידן. דער יינגער דאָקטער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אָפיציעלן היטלערישן „געלערנטן": ער איז געפאָרן קיין פּוילן ספּעציעל, כּדי שטודירן דאָקומענטן און ביכער פון יידישע ביבליאָטעקן און יידישן פאָלקלאָר. ער האָט דערציילט פאַרשידענע חכמות, ער האָט זיך גוט צוגעהערט אויף די גאַסן, ווי אַזוי יידן ריידן.

— די באַנוצן אַן אומגעפעלשטן פראַנקפורטער דיאַלעקט... קאָמיש...

זיינע ליפּן האָבן זיך דערביי פאַרקרימט אין אַן איראָניש שמייכעלע.

שפּעטער האָט זיך דער נאַצישער „געלערנטער" באַרואיקט, ער האָט זיך איינגענורעט אין זיין ווינקל און איז איינגעשלאָפן. די אַנדערע צוויי פּאַסאַזשירן האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט געשמועסט צווישן זיך גאַנץ שטיל. פון איינצלנע ווערטער, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען שלוחים פון עפּעס אַ דייטשן האַנדלס־קאָנצערן, וועלכער וויל באַקומען אין זיין באַזיץ די קוילן־גרובן פון פּוילישן אויבער־שלעזיע. זיי האָבן גערעדט וועגן שוועריקייטן, וועלכע מען מאַכט זיי, זיי האָבן געחשבונט, אָנגערופן ציפערן און כסדר איבערגעחזרט וועגן עמעצן, אַז „ווען ער זאָל נאָר נישט זיין דום"...

דאַן האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי האָבן געענדערט די טעמע פון זייער געשפּרעך, אַז זיי שמועסן שטילערהייט וועגן פּאָליטיק און וועגן יידן און הגם זיי האָבן גערעדט שטיל, האָב איך אויפגעכאַפּט איין גאַנצע פראַזע, וואָס האָט מיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט. איינער פון זיי, דער הויכער, האָט געזאָגט צו זיין חבר:

— נו יאָ, די האָבן דאָך רעכט צו זאָגן: מיר פאַרשפּרייטן אייער שפּראַך, און איר באַהאַנדלט אונז אַזוי...

ביסלעכווייז האָבן אויך די צוויי דייטשן אויפגעהערט צו שמועסן. דער הויכער האָט עטלעכע מאָל ברייט און פעט זיך אויסגעגענעצט און ביידע זענען ביסלעכווייז איינגעשלאָפן.

איך בין געוועזן דער איינציקער וואַכער פּאַסאַזשיר אין קופּע. איך בין נאַטירלעך געווען אויפגערודערט, פול מיט געדאַנקען און מיט אומרואיקייט. וועגן שלאָפן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אונזער צוג האָט זיך פון צייט צו צייט געשטעלט אויף פינצטערע, נישט באַלויכטענע סטאַציעס. נישט באַלויכטענע שטעט האָבן מיט דער טונקעלער מאַסע פון זייערע הייזער שווער און פינצטער באַגלייט פון צייט צו צייט דעם צוג. מיר האָבן זיך געשניטן אַלץ טיפער און טיפער אין דעם דייטשן רייך אַריין. און אין מיר איז אַלץ געוואַקסן דער געפיל פון פולשטענדיקער איינזאַמקייט און שוצלאָזיקייט. איך האָב אַלץ מער מיט אומרו געטראַכט וועגן דעם גורל פון מיין אונטערנעמונג. איך בין פולשטענדיק אין די הענט פון בלינדן מזל. איז דען מעגלעך, אַז דער מזל זאָל מיר כסדר צושפּילן?... וואָס מער איך האָב געטראַכט, אַלץ אומרואיקער בין איך געוואָרן וועגן מיין האַלענדישער וויזע. וואָס וועט זיין אויב די האָלענדער וועלן מיך טאַקע נישט אַריינלאָזן?... איך האָב מיר בשום־אופן נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער אויף דער פראַגע, נישט געקאָנט מאַכן קיין

שום פלאַן, איך האָב געזען פאַר זיך אַ טיפן פינצטערן תּהום אין וועלכן איך וועל פאַרזונקען ווערן, ווי אין טויט. פונדעסטוועגן בין איך געווען ווייט פון פאַרצווייפלונג, ווייל אין דער אמתן האָב איך ניט געגלויבט, אַז עס וועט טאַקע זיין אַזוי שלעכט מיט די האָ־לענדער.

ערשט איצט, נאָכדעם ווי איך בין דאָס ערשטע מאָל זינט פינף מאָנאַטן געזעסן עטלעכע שעה אין רואיקייט און אין זיכערקייט, האָבן מיינע נערוון אַביסל נאָכגעלאָזט. איך בין געווען צופרידן וואָס מיין פרוי און קיינער פון מיינע נאָענטסטע ווייסן נישט וועגן דעם, אַז דער האָלענדישער זשורנאַליסט פאַרט נישט מיט מיר און אויך נישט וועגן דער כּפּקדיקייט פון דער האָלענדישער וויזע. זיי וואָלטן זיך פאַרפייניקט פון אומרואיקייט, וואָס עס האָט זיי אָן דעם אויך נישט געפעלט. ווידער האָב איך געטראַכט וועגן זיי, די נאָענטע און ליבע מענטשן. איצט האָבן זיי מיר שוין אָנגעהויבן אויסצוזען ווייט, זייער ווייט, נישט דערגרייכבאַר — אַזוי ווי גאַנצע וועלטן וואָלטן אונז אָפּגע־טיילט. קיין צוריקגאַנג קיין וואַרשע האָט שוין פאַר מיר נישט עקזיס־טירט, איז באין אופן שוין נישט מעגלעך געווען.

טראַכטנדיק וועגן זיי, וועגן די לאַנגע חדשים און אפשר יאָרן, ווען זיי אַלע וועלן נאָך דאַרפן טראָגן די אוממענטשלעכע פּיין און דערנידערונג פון דער היטלער־אָקופּאַציע און טראַכטנדיק אויך וועגן די מאָנאַטן און יאָרן פון איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען וואָס זיי וועלן דאַרפן מאַכן אין דעם שטילן און העראָאישן קאַמף מיט דער געסטאַפּאָ, איז צערינען געוואָרן מיין אומרו וועגן זיך און עס איז צוריק געקומען מיין פריערדיקע זיכערקייט. דאָס איז נישט געווען קיין זיכערקייט, אַז מיין אונטערנעמונג וועט געלונגען, נאָר אַן אַנט־שלאָסנקייט אויפצונעמען אפילו דאָס ערגסטע, וואָס קאָן מיך טרעפן. גלויבט דאָס אָדער נישט, אָבער עס איז די פולשטענדיקע גרייטקייט צו שטאַרבן, וואָס גיט איבערמענטשלעכע כּוחות צו קאָנען קעמפן פאַרן לעבן. און אָט די פולשטענדיקע גרייטקייט רואיק אויפצונעמען דעם טויט, וועלכע האָט זיך אין מיר געהאַט פאַרפעסטיקט זינט דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין געבליבן אין וואַרשע אונטער די נאַצים, האָט מיר אויך איצט צוריקגעגעבן מיין רואיקייט און פעסטקייט.

איך האָב מיך אָפּגעגעבן מיין שטילסטן פאַרגעניגן: צו טראַכטן וועגן דעם לעבנסוועג און די מעשים פון יענע רעוואָלוציאָנערע העלדן און פירער, וועלכע איך האָב באַטראַכט פאַר מיינע לערער. איך בין אין געדאַנק נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט דאָס לעבן פון די פאָטערס און שעפער פון דער באַוועגונג, צו וועלכער איך האָב געהערט מיט מיין

ליִיב און נשמה. איך האָב מיך אַליין געוואונדערט, וואָס אפילו אין די אויסטערלישע באַדינגונגען, אין וועלכע איך האָב מיך געפונען, האָט דאָס מיר געגעבן דעם שטענדיקן געגוס פון רו און שיכּרות צוזאַמען.

און אָט אַזוי, האַלב אין טרוים און האַלב וואַך, האָט מײַן אויער אויפגענומען די אויסגערופענע סטאַציע: „בערלין"!...

מאָדנע: אָן ספּעציעלער גערירטקייט, אָן אַ באַזונדערער עמאָציע האָב איך גענומען מײַנע זאַכן, בין אַרויס פון וואַגאָן, בין צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַסאַזשירן דורכגעגאַנגען דעם טונעל, האָב אָפּגעגעבן מײַן בילעט בײַ דער טיר און בין געבליבן שטיין אינמיטן וואָקזאַל אַביסל צעטומלט און אַביסל פאַרוואונדערט. איך האָב זיך געוואונדערט וואָס איך געפין זיך אָט דאָ אין דער הויפּט־שטאָט פונם נאַצישן גהינום, וועגן וועלכער איך האָב צוזאַמען מיט מיליאָנען אַנדערע מענטשן געטרוימט, אַז זי זאָל ליגן אין חורבות, אַזוי ווי די שטעט פון מײַן לאַנד ליגן אין חורבות...

עס האָט געדויערט אַ קורצע צײַט ביז מײַנע חושים זענען צוריק וואַך געוואָרן און מײַן מוח האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן, ווי אַזוי זיך אַרויסצובאַקומען פון דער טויט־פּאַסטקע, אין וועלכער איך געפין זיך.

5. דאָס אָפּרייסן זיך פון וואַרשע — איבערגעחלומט אויף בערלינער גאַסן

אין אַ פּראַקטיקן פּרימאַרגן בין איך געבליבן שטיין אויפן שלעזישן וואָקזאַל אין בערלין — אָן אויסגעשעפּטער און האַלב־צעטומלטער, נישט וויסנדיק גענוי וואָס ווײַטער צו טאָן.

אין קאָפּ און אין אַלע גלידער זענען מיר געלעגן די איבערלעבונגען פון די לעצטע חדשים, די טויזנטער גרויל־בילדער וואָס קאָנען שוין קיינמאָל נישט אַרויס פון זכרון און וועלכע רויבן בײַ אַ מענטשן אויף אייביק צו זײַן רואיקייט. צום שטאַרקסטן אָבער האָב איך געפילט די אָנשטרענגונגען פון די לעצטע עטלעכע טעג. מײַנע נערוון און מײַן ווילן זענען געווען אָנגעשפּאַנט פון דעם באַוואוסטזײַן, אַז איך האָב אונטערגענומען אַ ריזיקאַלישע, כּמעט פאַנטאַסטישע רייזע, כּדי זיך אַרויסצוראַטעווען פון אַ זיכערן טויט, אָדער אפשר פון די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פון דער אינקוויזיציע פון דער געסטאַפּאָ, וואָס איז נאָך ערגער פון דעם טויט. די בילדער, מיט וועלכע איך בין געווען פול און דאָס אָנגעשטרענגטע טראַכטן ווי זיך אויפצופירן איצט, ווען איך געפין מיך שוין אין סאַמע צענטער פון נאַצי־לאַנד, האָבן געמאַכט, אַז איך בין אַ ווײַל געשטאַנען ווי

אויפן עולם־הדמיון, נישט באמערקנדיק כמעט וואס ארום מיר טוט זיך.

מענטשלעכע פיגורן האבן געשוועבט פארביי מיר ווי אין א נעפל. מענטשלעכע שטימען און ווערטער האבן זיך אפגעשלאגן אין מיין אויער און זענען נישט דערגאנגען צו מיין באוואוסטזיין. עמיצער האט מיך א שטויס געטאן, עמיצער האט מיך געבעטן „פארצייאונג", א רויטלעך פנים מיט קורץ־געשניטענע וואנסעם איז א סעקונדע געווען זייער נאענט פון מיינעם. איך האב מיך ביסלעכווייז אויפגעכאפט פון מיין פארגליווערונג און בין צוריקגעקומען צו דער רעאליטעט.

איך האב מיך ארומגעקוקט און האב באמערקט נייגעריקע בליקן, וועלכע באטראכטן מיך. מענטשן אין גרוי־בלויע מונדירן פון דער „ס. א.", אין שווארצע מונדירן פון הימלערס „טויטענקאפ־קאמאנדע" „ס. ס." זענען דא כסדר געגאנגען פארביי. עס זענען אויך געגאנגען מענטשן אין די מונדירן פון דער דייטשער „רייכסווער", מיט מעדאלן אויף די ברוסטן, טייל אפיצירן האבן געטראגן מאנאקלען אין די אויגן און מיט פאררייסענע קעפ אין דערהויך זענען זיי געגאנגען מיט אזא שטאלצן פאראד־גאנג, מיט וועלכן עס גייען די העלדן פון אלטע אפערעטעס.

דאס רויטלעכע פנים האט זיך ווידער דערנענטערט צו מיר. ס'איז געווען א באן־טרעגער: צי קאן ער מיר מיט עפעס דינען?

— „ניין, א דאנק".

אינם וואקזאל־האל האט געפעלט די אויפגערעגטע רירעוודיקייט און טומל, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר גרויסשטעטישע וואקזאלן. דורך די שווארץ־פארשמירטע שויבן פון די הויכע פענצטער (כדי ביינאכט זאל זיך קיין ליכט־שטראל נישט ארויסבאקומען) האט א טונקל ליכט איינגעהילט דעם וואקזאל אין טרויער. ס'איז פאר־העלטניסמעסיק געווען ווייניק מענטשן און צווישן זיי — גאר ווייניק ציווילע. די ציווילע מענטשן אויפן וואקזאל האבן זיך באקענט אן דער ספעציפישער עקזאלטאציע פון רייזנדע, זיי זענען געווען שווייגענדיקע און זענען געגאנגען אזוי ווי קעגן זייער ווילן. ביי דער וואנט, לעבן ארייננגאנג־טיר איז געשטאנען א ריי באן־טרעגער. זיי האבן געהאט מאגערע און טרויעריקע געזיכטער און האבן געשוויגן, ווי זיי וואלטן דא געווארט אויף עמיצנס לוויה. פון די ווענט האבן אראפגעשריגן קריגס־פלאקאטן, אילוסטרירטע מיט די „פריידיקע" בילדער פון ריזיקע פרייסישע זעלנער, וואס שפרייזן מיט גרויסע שטיוול און פון אונטער זייערע טריט וואקסן־אויס הייזער, זוניקע שטעט, מיט האקן־קרייצן, האקן־קרייצן... א פריידיקע בשורה פון

דער זוניקער וועלט, וואָס דער פּרייסישער זעלנער מיטן האָקן־קרייץ אויפן העלם גרייט פאַר זיין פאָלק. און אין מיין טעמפּן און „נישט־רעאַלן" קאָפּ האָבן די דאָזיקע בילדער גראָד אַרויסגערופן דעם אָנבליק פון די חורבות, וואָס דער זעלבער פּרייסישער זעלנער האָט געמאַכט אין די שטעט פון מיין לאַנד. און איך האָב אין מיין פאַנטאַזיע געזען די זעלבע חורבות אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט, וואו נאָר דער שטיוול פון פּרייסישן זעלנער וועט דערגרייכן. פון די ווענט האָבן אויך אַראָפּגעשריגן אין א שיעור פּלאַקאַטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער גרויסער איבערשריפט: „וואָרנונג". מען האָט געוואָרנט נישט צו רעדן, צו היטן זיך פאַר שפּיאָנען, לאַנגע אינסטרוקציעס האָבן געלערנט ווי זיך אויפצופירן בשעת א לופט־אַלאַרם.

די פּאַסאַזשירן פון דעם צוג, מיט וועלכן איך בין אָנגעקומען, זענען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען. דער וואָקזאַל איז געוועזן כמעט ליידיק. בלויז גרופּקעס זעלנער מיט זייערע פּעקלעך האָבן זיך נאָך געדרייט איבערן וואָקזאַל. זיי האָבן געוואָרפן אויף מיר בליקן. איך האָב אַליין אויף גיך מיטן בליק אַרומגעטאַפּט מיין פיגור. איך האָב מיך דערזען מיט די צוויי וואַליזעס אין ביידע הענט, מיט מיין גרויען ווינטער־מאַנטל מיטן געלן פוטערנעם קראַגן. איך האָב מיר פאָרגע־שטעלט, ווי פאַרמאַטערט און נישט־אויסגעשלאָפן עס מוז אויסזען מיין פּנים און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך טאָר דאָ אַזוי נישט שטיין, אַז איך זע אויס אַנדערש ווי אַלע מענטשן דאָ אַרום און מוז אוודאי צוציען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. איך האָב מיר ווידער קלאָר געמאַכט די געפאַר, וואָס הענגט איבער מיר. איך האָב אָפּגע־טרייסלט פון זיך די מידקייט און האָב אָנגעשפּיצט מיין גאַנצע וואַכ־זאַמקייט. אינסטינקטיוו האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ און האָב דערזען אין א ווינקל, צווישן די גרויסע טאַוולען מיט פאַר־פּלאַן־טאַבעלעס, א פּאַרשוין אין ציווילע קליידער, וועלכער איז כלומרשט פאַרטיפט אין די פאַר־פּלענער, אָבער ער שפּיזט מיך דורך מיט די אויגן.

מאָמענטאַל האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און בין מיט א זיכערן טראָט צוגעגאַנגען צו דער אינפאָרמאַציע־שטעלע. אין דעם בעסטן דייטש, וועלכן איך האָב נאָר געקאָנט פון זיך אַרויסברענגען, האָב איך געפרעגט ווען עס גייט אָפּ דער נאָענטסטער צוג קיין האַנאָ־ווער. אַן עלטערער אוניפאָרמירטער דייטש מיט א גוטמוטיק פּנים האָט מיר געענטפערט, אַז איך דאַרף וואַרטן ביז פאַרנאַכט. נאָכלעסיק, אַזוי ווי צוליב סתם נייגעריקייט, האָב איך, שוין זייענדיק אויסגע־דרייט אַוועקצוגיין, ווייטער א פרעג געטאָן, צי דער דאָזיקער צוג

גייט דירעקט ביז בענטהיים (די לעצטע דייטשע סטאַציע ביי דער האָלענדישער גרעניץ), און איך האָב מיך דערוואוסט, אַז ניין, אַפּילו ביז האַנאָווער גייט נישט דער צוג דירעקט און איך וועל ערגעץ מוזן זיך איבערזעצן.

איך בין געלאָזן אַוועק צו דער „בעוואַרונגס־שטעלע" און האָב אָוועקגעגעבן מיינע צוויי וואַליזעס. אַ באַפּרייטער פון לאַסט האָב איך מיך אַרומגעקוקט מיט אַ געמאַכטער געמיטלעכקייט. איך בין געווען בלויז עטלעכע שפּאַן אַוועק, ווען איך האָב באַמערקט ווי דער פּאַרשוין אין די ציווילע קליידער איז צוגעקומען צו דער „בעוואַרונגס־שטעלע" און האָט באַטראַכט מיינע וואַליזעס, שמועסנדיק עפּעס מיטן מאַן, וועלכער האָט געקלעפּט אויף זיי צעטלען.

אין קאַפע איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז שוין איצטער ביי מיינע ערשטע טריט אינם דייטשן רייך קאָן איך אַריינפאַלן. מיינע נערוון זענען געוואָרן אָנגעשפּאַנט, ווי סטרונעס. איך האָב דערפילט, אַז מיין יעדער טראַט, יעדע באַוועגונג מוז זיין געמאָסטן. איך האָב אַרויפגעצויגן אַן אויסגערעכנטע מאַסקע אויף מיין פּנים און בין גע־לאָזן צוגעגאַנגען צו דעם צייטונגס־קיאָסק. איך האָב געקויפט אַ פּעקל סיגאַרעטן און האָב גענומען באַטראַכטן די צייטונגען. מיט אַ רו־איקער באַוועגונג האָב איך אַרויסגעצויגן אַ „פעלקישן בעאָבאַכטער". אַ דייטשער זעלנער, וועלכער האָט איינגעהאַנדלט סיגאַרעטס, האָט אַריינגעקוקט אין מיין צייטונג. אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף אַ שרייענדיקן קאַפּ וועגן דערטרונקענע ענגלישע שיפן, האָט ער צו מיר גוטברודעריש אַ זאָג געטאָן:

— די ענגלענדער האָבן עס איצט פיין...

מיר האָבן ביידע געשמייכלט, קוקנדיק זיך אַ ווייל אין די אויגן, ווי גוטע „פאָלקס־גענאָסן".

איך האָב דערפילט עמעצן פון מיין לינקער זייט. איך האָב מיך אומגעקוקט און דערזען דעם זעלבן ציווילן פּאַרשוין. ער איז גע־שטאַנען און האָט כּלומרשט מיט אינטערעס באַטראַכט די אַנזיכטס־קאַרטן. הויך און אומגעשטערט האָב איך דעם זעלנער אַ פרעג געטאָן, צי ער פאָרט אויף אורלויב. ווען ער האָט, אַ זייער צופרידע־נער, באַשטעטיקט מיין פראַגע, האָב איך אים ווייטער אַ פרעג געטאָן, אין וועלכער ריכטונג ער פאָרט. — „פּילייכט פאָרן מיר צוזאַמען, קאַמעראַד?" — ניין, לײדער פאָרט ער אין אַן אַנדער ריכטונג. „שאַדע". און איך האָב אַרויסגענומען אַ סיגאַרעט פון דעם נאָר־וואָס געקויפטן פּעקל. דער ציווילער פּאַרשוין פון מיין לינקער זייט האָט גראָד געהאַט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע צו פאַררויכערן זיין

סיגאַרעט. איך האָב מיך אויסגעדרייט צו אים און מיט אַ פאַר־טרויליכן שמייכל אַ זאָג געטאָן: „וואָלטן זי זאָ פרוינדליך זיין? מאַן מוז הויטע פערדאַמט שפּאַרזאַם זיין". ער האָט אַריינגעטאָן אין זיינע שפּיזנדיקע אויגן עפּעס, אַזוי ווי אַ שמייכל, און האָט מיר העפלעך אונטערגעטראָגן פייער. בשעת איך האָב מיט מיין סיגאַ־רעט געצויגן דאָס פייער פון זיין האַנט, האָט ער כלומרשט צו־פעליק אַ פרעג געטאָן: „פאַרען זי וויט?" — „אָ, ניכט זייער" — האָב איך אויך אַזוי נאָכלעסיק געענטפערט — „נאָך האַנאָווער". איך האָב פאַרצויגן דעם רויך פון סיגאַרעט און מיט אַ פאַרטרויליכן בליק צוגעגעבן: „פאַמיליען־פליכטן".

ער האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויף מיין דיקן מאַנטל מיט דעם פוטערנעם קאָלנער און ווייטער אַזוי ווי צופעליק געפרעגט: „זי קאָמען וואַרשיינליך פון קאַלטע געגנדן?" — „יאַ, פון אָסטען" — האָב איך אַ וויז געטאָן מיטן קאָפּ. — „אָסט־פּרויסן?" — האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן. איך האָב אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אַזוי, אַז עס זאָל הייסן אי יאָ, אי ניין. דאַן האָב איך זיך צו מיינע ביידע מיטשמועסער רואיק אַ ווענד־געטאָן: „גריסע גאָט, צייט צו גיין". — „הייל היטלער" — האָבן ביידע אויסגעשטרעקט די הענט.

מיט אַ ניט געאיילטן טריט בין איך אַרויס פון וואָקזאַל. די גאַס פון בערלין האָט געבלענדט מיט דער ווייסקייט פון שניי. אַ שניידנדיק פרעסטל האָט מיך אַרומגענומען. פון דערווייטנס איז געשטאַנען אַ ריזיק־גרויסער און דיקער דייטשער פּאָליציי־מאַן אין זיין גרינעם מונדיר און האָט אויף מיר געקוקט. איך בין אַ רגע גע־שטאַנען און געטראַכט וואוהין צו גיין. אומבאַמערקט האָב איך אַריינגעוואָרפן בליקן אין וואָקזאַל, צו זען צי יענער פאַרשוין שפּירט מיר ניט נאָך. איך האָב באַמערקט, ווי ער איז צוזאַמען מיטן סאָל־דאַט פאַרבייגעגאַנגען דעם וואָקזאַל־האָל אין דער ריכטונג פון רעס־טאָראַן. איך האָב פריי ער אָפּגעאָטעמט און האָב מיך אַוועקגעלאָזן אויף מיין ערשטן שפּאַציר איבער די נאַציש־בערלינער גאַסן. איך בין געווען פול מיט שווערע פאַרגעפילן און האָב כמעט ניט פאַר־מאָגט קיין גלויבן, אַז עס איז מעגלעך דער נס, איך זאָל קאָנען אַרויסקומען פון אָט דעם גרויליקן לאַנד. דאָס וואָס איז מיט מיר ווייטער געשען איז מאָמענטנווייז געווען ערגער אַפילו פון דעם, וואָס איך האָב דערוואַרט, אָבער דער נס איז פאַרט געקומען.

***

איך האָב שפּאַצירט איבער די בערלינער גאַסן מיט דער גוט־מוטיקער מינע פון אַ געוויינלעכן שפּיס־בירגער. איבערטראַכטנדיק אַלע פּרטים פון מיין ווייטערדיקן פּלאַן, בין איך אין גדאַנק נאָך אַמאָל דורכגעגאַנגען מיין געפערלעכע אונטערנעמונג פון אָנהויב אָן: בלייבן אין ווארשע האָב איך מער ניט געקאָנט. שוין זינט וואָכן האָט די געסטאַפּאָ געפירט מיט מיר אַ קאַץ־און־מויז שפּיל. איך האָב ניט געקאָנט מער אָנגיין מיט מיין אַרבעט, און צוליב מיין ספּעציפישער לאַגע האָב איך מיך אויך ניט געקאָנט באַהאַלטן. איבער מיר איז געהאָנגען מיין גורל ווי אַ שווערד, גרייט יעדע מינוט זיך אַראָפּצולאָזן אויף מיין קאָפּ. אַלע מיינע פריינד האָבן געפילט, אַז איך שפּיל מיט פייער, אַז מיינע טעג, אפשר שעהן זענען געציילטע... זיי האָבן מיך געיאָגט איך זאָל וואָס גיכער אַנטרונען ווערן.

לאַנג האָט מען געפּלאַנט דעם אופן פון מיין אַנטרינען. עס זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פּלענער, מאַנכע פון זיי גאַנץ פאַנטאַסטישע. אַט איז באַשאַפן געוואָרן אַ פּאַספּאָרט פון אַ גע־בוירענעם טערק, וואָס האָט זיך אַמאָל נאַטוראַליזירט אַלס אַרגענ־טינישער בירגער, און האָט געהאַט זיין שטענדיקן וואוין־אָרט אין האָלענדישן קיראַסאָ. דער פּאַס איז געווען אויסגעשטעלט פון אַר־גענטינישן קאָנסולאַט אין פּאַריז. אין אים זענען געווען מייסטערהאַפט איבערגעמאַכט די געבורטס־דאַטן, צוגעפּאַסט צו מיר, און עס איז געווען אַריינגעקלעבט מיין פאָטאָגראַפיע. דער נאָמען איז געווען אַזאַ מאָדנער און לאַנגער, אַז איך געדענק אים אפילו ניט. עס קאָן זייער זיין, אַז מיט דעם דאָזיקן פּאַס, וועלכער וואָלט מיך געמאַכט פאַר אויס ייד און דערצו אַן אַרגענטינישן בירגער, וואָלט זיך מיר געווען איינגעגעבן רואיק און באַקוועם אַרויסצופאָרן פון די נאַ־צישע לענדער, אָבער מיר האָבן דעם פּלאַן פאַרוואָרפן: אַ טערק, וואָס איז אַן אַרגענטינישער בירגער, האָט פאַרבראַכט אין פּאַריז און האָט זיין שטענדיקע רעזידענץ אויף אַ האָלענדישן אינזל, — און ער קאָן נישט רעדן נישט קיין טערקיש, נישט קיין שפּאַניש, נישט קיין האָלענדיש און ניט קיין פראַנצויזיש, — „אַזאַ טערק מוז אוודאי זיין אַ פאַרדעכטיקער טערק", — האָב איך מיר געטראַכט. איך האָב די דאָזיקע „טערקישע" ריזיקע ניט געוואָלט נעמען. אחוץ דעם זענען געווען מאָטיוון פון מאָראַלישן כאַראַקטער, צוליב וועל־כע איך האָב ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך פאַר זיך צו אַנטלויפן פון פּוילן אונטער אַ פרעמדן נאָמען, ווייל דאָס וואָלט, צוליב אַ גע־

וויסער סיבה געקאָנט אפשר שטעלן אין געפאַר צענדליקער און אַפילו הונדערטער אַנדערע מענטשן. איך האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל אַוועק נאָר דאַן, ווען עס וועט געלינגען צו באַשאַפן כאָטש אַ שיין פון לעגאַליטעט פאַר מיין רייזע, ד. ה. איך זאָל אַרויספאָרן אונטער מיין אייגענעם נאָמען, און ערגעץ וואו זאָל אין אַ דייטשן אַמט בלייבן אַ סימן, אַז איך בין אַרויסגעפאָרן לעגאַל. איינצוזאָר־דענען דאָס דאָזיקע איז ניט פון די לייכטע זאַכן. עס האָט אַפילו אויסגעזען אוממעגלעך. מיר האָבן געוואוסט, אַז אין די דייטשע אָקופּאַציע־אַמטן אין וואַרשע הערשט קאָרופּציע, אַז ביי געוויסע באַאַמטע פון דער געסטאַפּאָ אַפילו קאָן מען זייער פיל אויפטאָן פאַר געלט. אָבער מען האָט געדאַרפט האָבן די נויטיקע פאַרביג־דונגען, כּדי צו קאָנען צוקומען צו זיי. און מיר האָבן אַזעלכע נישט פאַרמאָגט.

מיט די געציילטע חברים, וועלכע האָבן געוואוסט וועגן גאַנצן ענין פון מיין אַנטלויפן, האָבן מיר באַטראַכט פאַרשידענע פּלענער. מיר האָבן געוואויגן און געמאָסטן די שאַנסן וואָס יעדער פּלאַן האָט געגעבן און האָבן אָפּגעוואָרפן איינעם נאָכן אַנדערן. עס איז אַפילו געבוירן געוואָרן אַזאַ פאַנטאַסטישער פּראָיעקט, אַז איך זאָל פאַרמעל שטאַרבן. אַזוי ווי קיין מתים האָבן דעמאָלט אין וואַרשע נישט געפעלט, זאָל מען אַ פרעמדן מת באַגראָבן טאַקע אונטער מיין נאָמען, מען זאָל „מיר" מאַכן אַ לויה, און אין אַלע ביכער זאָל פאַרשריבן ווערן, אַז איך בין געשטאָרבן. דאַן וועל איך מיט אַ רואיק געוויסן קאָנען אַוועקפאָרן אונטער אַ פרעמדן נאָמען. אין אָנפאַנג איז דאָס מיר געפעלן און מען האָט אַפילו שוין אָנגעהויבן עפּעס טון, כּדי אָט־דעם פאַנטאַסטישן פּלאַן צו רעאַליזירן. אָבער שפּע־טער האָט עס מיר אויסגעזען שוין צופיל פאַנטאַסטיש און צו „גוט", עס זאָל קאָנען זיין אמתדיק. צופיל מענטשן האָבן מיך געקאָנט, און עס וואָלט דאָך געגוג געווען, אַז מען זאָל מיך ערגעץ דערקאָנען נאָך „מיין" לויה, עס זאָל זיך פאַרשפּרייטן דער סענסאַציאָנעלער קלאַנג, אַז דער געשטאָרבענער גייט נאָך אַרום אַ לעבעדיקער און דער קלאַנג זאָל דערגיין צו דער געסטאַפּאָ, און דער גאַנצער „גוטער פּלאַן" זאָל ערשט אויף אַן אמת באַגראָבן סיי מיך און סיי אפשר אויך אַנדערע. מיר האָבן דעריבער אויך דעם דאָזיקן פּלאַן פאַרוואָרפן און אַ לאַנגע צייט האָבן מיר געזוכט אַנדערע וועגן.

דערווייל זענען אַוועק וואָכן אין אומרואיקייט און פּיין, בשעת וועלכע סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט האָב איך יעדע סעקונדע דער־וואַרט, אַז אָט וועלן זיך דערהערן די האַרטע קלעפּ אין דער טיר

און עס וועלן זיך אריינרייסן נאָך מיין גוף און נשמה יענע לייט מיטן טויטן־שיידל אויף זייערע היטלען, וואָס בלויז זייער אָנבליק אין וועלכן עס איז הויז מאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן.

מאַניע—מיין בראווע פרוי און אַרטור—אונזער ניין יעריקער זון האָבן אַלץ געטאָן, כדי מיר גרינגער צו מאַכן דאָס לעבן פון יענע טעג. יעדן אינדערפרי פלעג איך אַרויסגיין פון שטוב, כדי צו טאָן יענע אַרבעטן, וואָס האָבן געדיכטער געמאַכט די טויט־געפאַר אַרום מיין קאָפּ. מאַניע פלעגט מיך באַגלייטן מיט אַ מוטיקן שמייכל אויף די ליפּן ביז דער טיר. אָבער איר בליק פלעגט מאָדנע הילפ־לאָז אַ פלאַטער טאָן, ווען זי פלעגט קוים צו הערן אַרויסשעפּטשען:

— זיי פאָרזיכטיק...

און אַרטעק, ליגנדיק אין זיין בעטל, מיט דער קאָלדרע ביז דער גאָמבע און שפּילנדיק זיך מיט דער פּאָרע פון זיין מויל אינם נישט געהייצטן צימער, פלעגט מיך אָפּגיסן מיט אַ לאַנגן בעטנדיקן בליק פון זיינע גרויסע, פאַרשטענדיקע אויגן:

— טאַטע, קום נישט שפּעט, טאַטע, ס'איז אַזוי אומעטיק...

ביידע פלעגן נישט פרעגן וואו איך וועל זיין: מאַניע — ווייל זי האָט געקענט אונזערע כּללים. און אַרטעק — ווייל באַלד אין אָנפאַנג האָב איך אים אָנגעזאָגט:

— מען טאָר היינט גאַרנישט פרעגן און קיינעם גאַרנישט ענט־פערן, פאַרשטייסט, זונעלע?

און ער, מיט אַ בלאַס און מיט אַן איבערנאַטירלעך ערנסט פּנימל און מיט גרויסע, גרויסע אויגן:

— יאָ, טאַטע, איך פאַרשטיי...

ער איז געוועזן ערנסט און שטאָלץ און געטריי זיין צוזאָג: ער האָט זיך געפילט אריינגענומען אין דער ערנסטער שפּיל פון די גרויסע.

ווען איך פלעג אין אָוונט, האַרט פאַר דער „פּאָליציי־שטונדע" עפענען די טיר, פלעגט מאַניע אַרויסלאָזן פון דער האַנט דאָס העמדל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין פאַרריכטן און ביים שפּיל פון ליכט און שאָטן, וואָס דאָס טאַנצנדיקע פלעמל פון חלבנעם ליכט האָט געשאַפן, פלעג איך קאָנען באַמערקן, ווי עפּעס אַן אָנגעשטרענגט־קייט אין איר פּנים און אין גאַנצן גוף לאָזט נאָך און גיט איר אַ דערלייכטערונג. כמעט אַן אָפּגעשטאַרבענע און אָן כּוחות פלעגט זי ענטפערן אויף מיין קוש, אַרויסברענגענדיק אַ קוים־אָנזעעוודיקן שמייכל אויף אירע ווייס געוואָרענע ליפּן. אַרטעק פלעגט אויפ־שפּרינגען פון זיין בוך, וואָס ער האָט געלעזן, האַלטנדיק זיין קאָפּ

במעט ביים סאַמע ליכט אויפן טיש, און טאַנצנדיק אַרום מיר, פלעגט ער מיך אָנכאַפּן פאַר די געפרווירענע הענט:

— אָ, ענדלעך ביזטו דאָ, טאַטע, מיר וועלן שפּילן היינט עפּעס אַ נייע שפּיל?...

די פרייד האָט געשפּראָצט פון זיין גאַנצן רירעוודיקן גופל.

אַ ביסל שפּעטער פלעג איך וואַרעמען די הענט ביים הייסן גלאָז בלאַסע טיי און עסנדיק דאָס מאָלצייט, וואָס מאַניע האָט גאָט ווייס פון וואָס אויסגעבישופט, פלעג איך אויסהערן איר טאָג־באַריכט. מיט האַלבע ווערטער און מיט אָנצוהערענישן, כדי דער קליינער זאָל נישט פאַרשטיין, פלעגט זי מיר דערציילן ווער עס איז דאָ היינט געווען פון מיינע חברים, וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן. זי פלעגט מיט אַ ווינק אָנווייזן וואו זי האָט עפּעס אַוועקגעלייגט, וואָס חברים האָבן געבראַכט.

אַרטעק פלעגט זיך דערביי מאַכן פאַרנומען מיט זיינע זאַכן: ער הערט גאָרנישט און פאַרשטייט גאָרנישט. אָבער אָפט פלעג איך איבערראַשט ווערן פון דעם פאַרשטנדיקן בליק פון זיינע גלאַנצנ־דיקע אויגן, וואָס ער פלעגט אויף אונז וואַרפן פון צייט צו צייט. אַ פאַרשעמטער פלעגט ער צוריקכאַפּן דעם בליק, יעדעס מאָל וואָס איך פלעג אים באַגעגענען, גלייך מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ פאַרברעכן... שפּעטער, פלעגט ער, געטריי דעם אָפּמאַך, ליגן אין זיין בעטל אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך מאַכן שלאָפן, בשעת איך פלעג נאָך שעהן לאַנג אַרבעטן ביים טיש. און איך האָב געוואוסט, אַז מיט אַלע פיבערן האָרכט ער זיך איין אינם רוישן פון פּאַפּיר, וואָס איך פּאַק פאַנאַנדער און אינם סקריפּן פון מיין פעדער, און אַז פּונקט ווי די מוטער ליגט ער מיט אַן איינגע־האַלטענעם אָטעם און שפּיצט אָן די אויערן: צי קלאַפּט מען נישט אין טויער? צי וועלן „זיי" מיך נישט פּאַקן אין מיטן דער פאַר־באָטענער אַרבעט?...

אַזוי האָט זיך געצויגן איין טאָג נאָכן צווייטן. יעדן טאָג האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט צענדליקער מענטשן, צווישן זיי אַ סך פון מיינע פריינד. אחוץ דעם פלעגט יעדן טאָג אַן אַנדערער פון מיינע פריינד באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען אין געסטאַפּאָ־אַפּיס „אויף אַ קאָנפערענץ". פון די דאָזיקע „קאָנפערענצן" פלעגט זיך במעט קיינער שוין מער נישט אומקערן אַהיים. פאַר מיינע אויגן שוועבן היינט די פּנימער פון אַ סך, אַ סך מיינע פריינד און חברים, וועלכע זענען אין יענע טעג אַרעסטירט געוואָרן אָדער ביי זיך אין די היימען, אָדער בשעת אַזעלכע „קאָנפערענצן". אַ טייל

פון זיי האָבן שוין לאַנג אויסגעהויכט די נשמות, שטאַרבנדיק ווי מאַרטירער אונטער די ראַפינירטע פּייניקונגען פון דער געסטאַפּאָ.

איך אַליין האָב אין יענע טעג געטאַנצט אויפן גליטשיקן אייז: יעדן טאָג פלעגט מיר עמיצער נאָכגיין טריט נאָך טריט. אָפט פלעג איך דערקענען דעם זעלבן מענטש, וואָס איז מיר נאָכגעגאַנגען נעכטן אָדער אייערנעכטן. אמאָל פלעגט דאָס זיין אַ מענטש אָנגעטאָן ווי אַ פּוילישער פּויער, אמאָל — ווי אַ נאָרמאַלער שטאָטישער איינוואוינער, און אמאָל — ווי אַ גאַסן־יינג. — „וואָס איז די שפּיל?" — פלעג איך טראַכטן — פאַרוואָס נעמען זיי מיך נישט גלייך? אַן אָנזאָג, אַז מען וועט מיך רופן צו אַ „קאָנפערענץ" האָב איך געהאַט שוין פון לאַנג. אויף וואָס־זשע וואַרטן זיי? — איך און מיינע חברים האָבן זיך אָנגעעשטויסן, אַז איידער זיי נעמען מיך ווילן זיי איך זאָל זיי אַרויספירן אויף די שפּורן פון אַ גאַנצער אָרגאַניזאַציע, פון די אונטערערדישע גרופּעס, וואָס זיי זוכן אַזוי אייפעריק אַרום און פאַר וועלכע זיי האָבן געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך גראָד די יידישע באַפעלקערונג. זיי האָבן געפאָדערט פונם „יודענראַט" ער זאָל זיי אַרויסגעבן די אָנפירער פון די געהיימע פּוילישע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס.

שעהן לאַנג פלעג איך אויף די גאַסן מאַנעווורירן כדי צו פאַרלירן דעם נישט־געוואונטשענעם „עק", וואָס האָט זיך מיר נאָכגעשלעפּט, איידער איך פלעג אַריינגיין צו די מענטשן וועלכע איך האָב געדאַרפט זען. אָפט פלעג איך גאַנצע טעג פּטרן אויף גאָרנישט, ווייל איך פלעג נישט קאָנען אָפּנאַרן מיין פאַרפאָלגער און פאַרשוואונדן ווערן פון זיינע אויגן. אָפט פלעג איך אויף דער גאַס נישט ענטפערן אויף באַגריסונגען פון מיינע פריינד, כדי נישט צו שטעלן זיי אונטער אַ חשד. דאָס איז געווען אַ מאָדנער לעבן מיט דעם אומדערטרעגלעכן געפיל פון אַ פאַרמשפּטן, וועלכן מען לאָזט זיך נאָך שפּילן אין פרייהייט, אָבער ווי לאַנג? דער פאַרמשפּטער ווייסט נישט ווען די לאַפּע וועט זיך אויסציען נאָך זיין קאָפּ — אין פינף מינוט אַרום, אין צוויי שעה, אָדער מאָרגן?... דאָס לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט אין זיך די פּיין פון אַ גאָר אייגנאַרטיקן מין. אָפט פלעג איך פילן ווי מיינע נערוון הויבן אָן נאָכלאָזן, זיי האָבן עס מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און איך האָב געמוזט מיט אַלע כוחות אונטערדריקן דעם חשק זיך צו וואַרפן אויף מיין פאַרפאָלגער אָדער פון אים צו פאָדערן ער זאָל מאַכן אַ סוף צו דער שפּיל. זאָל ער מיך נעמען, זאָלן זיי טאָן מיט מיר וואָס זיי ווילן, אָבער זאָל מען מיך אויפהערן צו פאַרפאָלגן.

אָבער נאָך ערגער איז געווען די כּסדרדיקע מורא, אַז איך וועל דאָך פאַרשלעפּן די שפּיאָנען צו די ערטער, וואָס זיי זוכן, אַז צוליב מיר וועלן מיינע נאָענטע חברים אָדער אַמאָל גאָר פרעמדע און אומשולדיקע מענטשן ליידן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיין פאַר־זיכטיקייט איז געווען פאַלקאָם, אַז איך בין שוין געווען פולשטענדיק „ריין", ווען איך בין שוין צו עמעצן אַריין. איינמאָל אָבער איז מיין זיכערקייט צעשטערט געוואָרן: איך בין אַריין זען מיין חבר דר. ב. ער איז געווען אַ טוער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָבער נישט פון יענע אַרויסגערוקטע פיגורן, וועלכע זענען גוט באַקאַנט דער ברייטער עפנטלעכקייט. בשעת דער פּאַרטיידיקונג פון וואַרשע האָט ער קיין עפנטלעכע ראָלע נישט געהאַט, און איצט האָט ער מיט אונזער געהיימער אַרבעט געהאַט נאָר אַ גאָר ווייטע שייכות. ער האָט דעריבער געהאָפט, אַז אים וועט אפשר געלינגען „אַריבערצושווימען", ווי אַ לעגאַלער מענטש, וועלכער האָט נישט קיין שייכות צו פּאָליטיק. ער האָט זיך מיט אונזער הילף איינגע־אָרדנט ווי איינער פון די אָנפירער פון אַן עפנטלעכער הילפס־אינסטי־טוציע, וועלכע פלעגט דאַרפן באַזאָרגן מיט קוואַרטירן די טויזנטער אומגליקלעכע היימלאָזע, וואָס דער מערדערישער בליץ־קריג און די נישט ווינציקער מערדערישע דעפּאָרטאַציעס, וואָס די דייטשן האָבן כּסדר דורכגעפירט, האָבן געשאַפן. די אינסטיטוציע איז געווען אַ טומלדיקע. שטענדיק פלעגן דאָרטן זיין הונדערטער מענטשן, וואָס פלעגן וואַרטן אויף אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. מיר האָבן דעם ד"ר ב. דעריבער אויסגענוצט ווי אַ פאַרבינדונגס־פּונקט צווישן אונז אין ספּעציעלע פאַלן. עס איז געווען זייער איינפאַך צו שטעלן זיך אין דער ריי פון היימלאָזע און צוקומענדיק צו אים זאָל מען פון אים באַקומען די עטלעכע ווערטער אינפאָרמאַציע אָדער אינסטרוקציע, וואָס אַן אַנדערער האָט אים פריער אויף דעם זעלבן אופן איבער־געלאָזן.

אין איינעם פון יענע טעג האָב איך געוואָלט דורך אים אי־בערגעבן אַ וויכטיקע ידיעה צו מיינע חברים. אָנקומענדיק פריער די געוויינלעכע פאָרזיכטיקייט־מיטלען בין איך אַריין אין דער אינסטי־טוציע און האָב מיך געשטעלט אין דער ריי. ער האָט מיך גיך באַ־מערקט און האָט מיך אַריינגענומען אין זיין צימער. כּלומרשט אויס־פילנדיק אַן אַפּליקאַציע אויף אַ וווינונג האָבן מיר צען מינוט גע־שמועסט וואָס מיר האָבן געדאַרפט. צוזאַמען האָט ער מיר געדאַרפט איבערגעבן אַן ענטפער פון מיינע חברים. אָבער צוזאַמען איז ער שוין מער צו דער אַרבעט נישט געקומען: פאַרטאָג האָט אים די

געסטאַפּאָ אַרעסטירט און ביז היינט צו טאָג איז נישט באַוואוסט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.*)

נאַטירלעך האָב איך מיך געקאָנט טרייסטן, אַז דער דאָזיקער אַרעסט איז אפשר פֿאָרגעקומען צוליב אַנדערע סיבות און נישט דערפֿאַר וואָס איך בין צו אים אַריין. בין איך דאָך פֿריער עטלעכע מאָל אויף דעם זעלבן שטיגער ביי אים געווען. אָבער דאָס וואָס איך האָב נישט געקאָנט האָבן קיין פֿולשטענדיקע זיכערקייט, אַז עס איז נישט געשען צוליב מיין שולד, האָט ביי מיר צוגערויבט דאָס לעצטע ביסל רואיקייט. דאָס שפּילן זיך מיט מיינע פֿאַרפֿאָלגער אויף די גאַסן האָט מיר מער נישט געגעבן יענע עמאָציע, און דאָס אָפּנאַרן זיי האָט מיר מער נישט געגעבן די סאַטיספֿאַקציע וואָס פֿריער, ווייל איצט האָב איך שוין ניט געהאַט די זיכערקייט צי עס געלינגט מיר טאַקע זיי אָפּצונאַרן. די אַזוי אויך ענגע וועלט איז מיר נאָך ענגער געוואָרן. איך האָב געפֿילט ווי אַ פֿעטליע וואָלט זיך אַלץ ענגער פֿאַרצויגן אַרום מיין האַלז און איצט האָב איך אַליין שוין אָנגעהויבן מיט אַלע חושים צו שטרעבן וואָס גיכער פֿון דעם אַלעמען פּטור צו ווערן. אַלץ אין מיר האָט גערופֿן: „אַרויס, אַרויס וואָס גיכער, איידער איך ווער אינגאַנצן דערשטיקט!" איצט האָב איך ווי מיט עפּעס אַן אינסטינקט געפֿילט, אַז עס דערנעענטערט זיך די קריטישע מינוט, ווען דאָס טירל פֿון דער פּאַסטקע, אין וועלכער איך האָב מיך געפֿונען, וועט זיך פֿאַרקלאַפּן.

גראַד דאַן האָט זיך אָפּגעזוכט די אַזוי לאַנג געגאַרטע פֿאַרבינדונג צו די קאָרומפּירטע באַאַמטע פֿון דער געסטאַפּאָ: געוויסע איינפֿלוסרייכע פּאָליאַקן האָבן זיך אונטערגענומען אַרויסצובאַקומען פֿאַר אַ געוויסער סומע אַן אויסרייזע־דערלויבעניש פֿון דער געסטאַפּאָ אויף מיין נאָמען. די פּראָצעדור איז געגאַנגען אויף דעם אופֿן, וואָס דער אונטערגעקויפֿטער באַאַמטער האָט געדאַרפֿט דאָס פּאַפּירל מיט מיין נאָמען אונטערדרוקן צום אונטערשרייבן צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאַק אַנדערע ענלעכע כשרע פּאַפּירן. די אויסרעכענונג איז געווען, אַז דער העכערער באַאַמטער וועט דאָס אויטאָמאַטיש אונטערשרייבן. פֿונדעסטוועגן איז געווען אַ געוויסע ריזיקע, אַז דער העכערער באַאַמטער זאָל זיך כאַפּן און אָנהויבן פֿרעגן ווער עס איז דאָס דער מענטש, וועמען ער דאַרף אונטערשרייבן די דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן אָדער ער זאָל זיך הייסן ווייזן די ביטע און דעם רעקאָרד פֿון דעם מענטשן. די וואָס האָבן זיך דאָס אונטערגענומען צו מאַכן האָבן מיר אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דער דאָזיקער געפֿאַר און געפֿרעגט צי איך

*) עס רעדט זיך דאָ וועגן אַדוואָקאַט בענקעל.

נעם די ריזיקע. איך האָב זי גענומען און זי האָט געאַרבעט: איך האָב דאָס פּאַפּירל באַקומען.

גלייכצייטיק האָט זיך אויך אונטערגערוקט אַ האָלענדישער ייִד מיט פאַרבינדונגען אין האָלענדישן קאָנסולאַט, וועלכער האָט אויף אַ פּאַרזיכטיקן אופן געפּרוּווט עפּעס פאַרדינען פון די דאָזיקע פאַרבינדונגען דורך אויסאַרבעטן פאַר געוויסע מענטשן האָלענדישע וויזעס. אַדאַנק דעם דאָזיקן ייִד בין איך געקומען אין פאַרבינדונג מיט אַ האָלענדישן זשורנאַליסט, וועלכער איז געקומען קיין וואַרשע שטודירן די לאַגע, און אויך מיטן האָלענדישן קאָנסול. דער קאָנסול האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַ וויזע. די דאָזיקע וויזע האָט ניט געגעבן קיין שום זיכערקייט, אַז מען וועט מיך טאַקע אַריינלאָזן קיין האָלאַנד. מיר האָבן געוואוסט, אַז די אויסלענדישע רעגירונגען באַציִען זיך איצט זייער שטרענג און פּאַרזיכטיק ביים אַריינלאָזן מענטשן אין זייערע לענדער און אַז אַ ריכטיקע האָלענדישע וויזע מוז פריער באַשטעטיקט ווערן דורך דער רעגירונג אין האאַג. אָבער דאָך האָט די וויזע געגעבן אַ געוויסן שאַנס און דער שאַנס איז געווען מיין איינציקע רעטונג, ווייל איך האָב סיי ווי נישט געהאַט וואָס אָנצוּוואָרן.

איך האָב פאַרמאָגט אַן אַלטן, פון לאַנג שוין אויסגעגאַנגענעם אויסלענדישן פּאַס. דאָס אַריינשרייבן אַן אַנטעדאַטירטע געפעלשטע פאַרלענגערונג אינם אַנטשפּרעכנדיקן בלעטל פון דאָזיקן פּאַס האָט פאַר ספּעציאַליסטן אויף דעם געביט נישט פאַרגעשטעלט קיין באַזונדערע שוועריקייט. און אינם דאָזיקן פּאַס איז אויך אַריינגעשריבן געוואָרן די האָלענדישע וויזע.

מיר האָבן זיך אַלזאָ אָפּגעשטעלט אויפן סאַמע פּשוטסטן און סאַמע געפערלעכסטן פּלאַן: איך זאָל פאָרן אויף מיין אייגענעם נאָמען דורך היטלער־דייטשלאַנד גופא, כדי צו פּרוּוון אַרויסקומען קיין מערב־אייראָפּע. קיין אַנדער וועג איז פאַר מיר סיי ווי נישט געווען. ביי דער גאַנצער געפערלעכקייט פון דער אונטערנעמונג האָבן מיר אויסגערעכנט, אַז ביי אַ ביסל גליק קאָן זי געלינגען: מיר האָבן גערעכנט אויף דעם כאַאָס, וואָס הערשט אין די דייטשע אָקופּאַציע־אַמטן, און די דאָזיקע אויסרעכענונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. מיר האָבן גערעכנט, אַז אין וואַרשע קאָן מיך די געסטאַפּאָ אַרומזוכן און אין בערלין זאָל מען וועגן דעם נישט וויסן. און אויך דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק.

אַגב — וואָס האָב איך געהאַט אָנצוּוואָרן? — אַרעסטירט צו ווערן אין וואַרשע אָדער אין בערלין איז איינס און דאָס זעלבע. אָבער

בשעת אין ווארשע האט מיין ארעסט געשיינט צו זיין אומפאר־מיידלעך, האט די רייזע מיר דאך געגעבן א געוויסן שאנס.

דער פלאן איז געווען פארטיק. אלע פארמאליטעטן זענען, מיט די גרעסטע שוועריקייטן, שוין געווען דורכגעפירט. איצטער איז נישט געווען מער קיין צייט צו טראכטן און זיך מיישב צו זיין. מען האט געדארפט האנדלען.

מיט אן אוונט פריער האבן מיינע נאענטסטע חברים, וועלכע האבן געוואוסט וועגן גאנצן פלאן, זיך מיט מיר געזעגנט אויף א רירנדן און הארציקן שטייגער: מיר זענען געזעסן פארמאכט הינטער שלאס און ריגל. די פענצטער פארהאנגען, עס זאל אונז קיין „גוט־אויג" ניט טרעפן. איין חבר האט ארויסגעשלעפט פון קעשענע א פלעשל בראנפן, א צווייטער האט אויפגעוויקלט א הערינג, א דריטער — דער באלעבאס פון דער דירה, אין וועלכער מיר האבן זיך געפונען, האט אונז גאר איבערראשט מיט די געקאכטע מאכלים, וואס ער האט צוגעגרייט. עס זענען געווען די סאמע איינפאכסטע מאכלים, אבער פאר אונז, אין היטלער־ווארשע, זענען דאס געווען ממש קעניגלעכע לוקסוס־שפייזן. עס איז געווען ליהודים, פריילעך, ווי אויף אן אמתער בונדישער „לאמע", הגם מיר האבן געצווימט אונזערע שטימען מען זאל אונז נישט הערן אין דרויסן. ווען עמעצער, א זייטיקער, וואלט אויף אונז דעמאלט א קוק געטאן, וואלט ער זיכער געמיינט, אז ער זעט פאר זיך א זארגלאזע און גליקלעכע חברה. עס איז נישט געווען צו דערקענען, אז דאס זענען מענטשן, אויף וועלכע עס לויערן פון אלע זייטן די הינט פון דער „געסטאפא", מענטשן, וועלכע שטעלן יעדן טאג איין זייער לעבן, און איבער וועלכע די טויט־געפאר הענגט טאקע שטענדיק.

דערביי אבער האבן מיר נישט פארגעסן דאס לעצטע מאל ארומצורעדן אלע פרטים פון דער ארבעט, פונם קאמף דא אויפן ארט און אויך די אויפגאבן, וואס מיינע חברים שטעלן פאר מיר דארטן, אין דעם פאנטאסטיש־פרייען „אויסלאנד", אויב מיר וועט אפגליקן ארויסצוקומען אהין א גאנצער.

דער באלעבאס פון דער דירה, איינער פון די דרייסטסטע מענטשן, וואס איך קען *), האט מיך ארומגענומען און ארייננקוקנדיק מיר מיט ברידערלעכער ליבשאפט אין די אויגן, האט ער געזאגט:

---

*) עס ווערט דא געמיינט בערנארד גאלדשטיין, א מיטגליד פון וואר־שעווער קאמיטעט פון „בונד" און בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה מיט־גליד פון אונטערערדישן צענטראל־קאמיטעט.

— אַלזאָ, מאָרגן פאַרטאָג לאָזטו זיך אין וועג אַריין. דו ביזט אַ מזלדיקער „יאַט". איך בין זיכער, אַז דיר וועט עס געלינגען... זע, פאַרגעס נישט וועגן אונז...

וועגן דעם דאָזיקן געזעגענען זיך מיט מיינע נאָענטסטע חברים האָב איך אומאויפהערלעך געטראַכט בשעתן פאַרפּאַקן מיינע זאַכן צומאָרגנס פאַרטאָג. — וועל איך זיי נאָך אַמאָל זען? וועל איך אַרויסקומען אַ לעבעדיקער אין יענעם טייל וועלט, וואָס איז נאָך פריי, און וועל איך קאָנען דאָרטן איבערגעבן וועגן זייער עקשנות־דיקער העלדישקייט, וועגן זייער שטילן, אָבער גרויסן מסירת־נפש? איינער נאָכן אַנדערן זענען מיר אין קאָפּ פאַרבייגעגאַנגען די געשטאַלטן פון יעדן פון די טייערע און נאָענטע מענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן צוזאַמען דורך צענדליקער יאָרן געאַרבעט און געקעמפט.

ס'איז געווען אַ גרויער ווינטערדיקער פאַרטאָג. איך און מאַניע האָבן זיך שווייגנדיק און אייליק געפּאַרעט אינם ענגן און טונקעלן צימערל. מיר האָבן נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, כּדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע שכנים, און כּדי נישט אויפצואוועקן אונזער ייִנגל, וואָס איז געלעגן אין זיין בעטל. ביים קאַרגן שיין וואָס איז געפאַלן דורכן פענצטער איז אונז אַלץ געפאַלן פון די הענט. מאַניע האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק און זי האָט אַפילו פאַרמאָגט גענוג כּוח, כּדי אַרויפצוציען אויף איר פּנים אַ שמייכל מיט אַן אָפּשיין פון זאָרגלאָזיקייט. זי האָט מיך געוואָלט באַרואיקן און איין גאָט ווייס וויפיל מי דאָס האָט איר געקאָסט. אָבער אַפילו ביים קאַרגן ליכט האָב איך געקאָנט זען דעם אויסדרוק פון אירע אויגן: ער האָט צונישט געמאַכט אירע באַמיאונגען, ער האָט אָפּגעלייקנט דעם שמייכל און די געמאַכטע זאָרגלאָזיקייט. וויפיל מאָל איך בין געווען אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן האָב איך געפילט, אַז זי האָט איבערגעריסן דאָס וואָס זי האָט געטאָן און איז געבליבן פולשטענדיק שטיל. איך בין געווען זיכער, אַז זי שטייט אומבאַוועגלעך און לעבט שטילערהייט איבער איר פּיין. איך האָב מיך איינגעהאַלטן נישט צו „כאַפּן" זי דערביי. איינמאָל אָבער האָב איך מיך פּאַרט אויסגעדרייט. מאַניע איז געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטע, אַ פאַרגליווערטע, מיט די פינגער צונויפגעפלאָכטן אויף דער ברוסט און מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט אויף מיר, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך מיין יעדע באַוועגונג. איר בליק האָט מיך דערשיטערט: אין אים איז געווען אַן אַ שיעור ווייטאָג און גרענעצלאָזע שרעק. ווען

זי האָט זיך געכאַפּט, אַז איך קוק אויף איר, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ שטילן, דערשראָקענעם „אָך!" און האָט זיך גלייך גענומען פּאַרען מיט דער זעלביקער רואיקייט, וואָס פריער. ווענדיק פּאַרדעקן וואָס זי לעבט איבער, האָט זי מיך גענומען מוסרן אין אַ זאַכלעכן טאָן:

— שטיי נישט אַזוי און קוק נישט אויף מיר... האָסט דען צייט צו שטיין? מען וועט דאָך באַלד קומען נאָך דיר...

זי האָט אָבער דאָס מאָל נישט געקאָנט באַהערשן איר שטימע, וועלכע איז געווען הייזעריקלעך און דורכגעזאַפּט מיט טרערן.

עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטילע קלעפּ אין טיר. עס איז געווען דער אָפּגערעדטער סיגנאַל פון מיין פּוילישן חבר, וועלכער האָט מיך געדאַרפט אָפּפירן ביז דער גרענעץ פון „גענעראַל־גאָווערנעמענט". שטיל האָבן מיר אים געעפנט. שעפּטשנדיק האָט ער אונז איבערגעגעבן, אַז די גאַס איז „ריין", פאַרן טויער שטייט נאָך נישט קיינער פון די שפּיר־הינט.

6. אַ שפּאַציר און אַ באַזוך אין בערלין

ביז צום אָפּגיין פון צוג אין דער ריכטונג פון דער האָלענדישער גרענעץ, האָב איך געהאַט פאַר זיך כמעט אַ גאַנצן טאָג. איך האָב מיך אַרויסגעלאָזן איבער די בערלינער גאַסן, דורך וועלכע איך האָב געלאָפן שפּאַצירט אָן אַ ציל. איך האָב אויפמערקזאַם באַטראַכט די מענטשן, די גאַסן, די שויפענצטער, אָבער דערביי האָב איך זיך באַמיט נישט צו ציען קיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיך, נישט צו מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פרעמדן.

מיט ווייטאָג און מיט אַ געוויסער פאַרביטערונג האָב איך קודם־כל פעסטגעשטעלט, אַז אויסערלעך האָט מען אויף דער דאָזיקער שטאָט כמעט אינגאַנצן נאָך נישט אָנגעזען די מלחמה. ביי אונז אין וואַרשע האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז גאַנצע קוואַרטאַלן פון בערלין ליגן אין חורבות, אַז די ענגלענדער האָבן אָפּגעצאָלט בערלין פאַר וואַרשע. נאָך די אַלע איבערלעבונגען פון דעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָר, נאָכן איבערלעבן די באָמבאַרדירונג און פאַרניכטונג פון וואַרשע און די קנאַפּע 5 מאָנאַטן פון גרוילטאַטן און ברוטאַלע מערדערייען, וואָס די דייטשע אָקופּאַנטן זענען פאַר מיינע אויגן באַגאַנגען לגבי די בירגער פון מיין לאַנד, וואָלט עס געווען פאַר מיר אַ גרויסע טרייסט און דערלייכטערונג, ווען איך וואָלט אין בערלין געזען כאָטש עטלעכע הייזער אויפ־

געריסענע פון באָמבעס. און דאָ בין איך געגאַנגען איבער דעם זעלבן בערלין, גאַס־איין גאַס־אויס, און האָב קיין שפּור אפילו פון קיין באָמבעס נישט געזען.

די הייזער זענען געשטאַנען מיט ציכטיק געפּוצטע שויבן, מיט ווייסע פאָרהאַנגען הינטער זיי. די גאַסן זענען געווען ריין און אין אָרדנונג. פון די שוי־פענצטער ביי די געשעפטן האָבן אַרויס־געקוקט צו דער גאַס פאַרשידענע מינים סחורות מיט צוגעטשע־פּעטע פּרייז־צעטלען צו זיי. איבער די גאַסן זענען געגאַנגען מענטשן אין ריינע קליידער, עס זענען געגאַנגען פרויען מיט קינדער ביי די הענט, זיי האָבן געמיטלעך און שמייכלדיק געפּלאַפּלט צווישן זיך... ניין, פון אויבן־אויף האָט בערלין נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרפייניקטער הויפּט־שטאָט פון אַ לאַנד, וועמענס כוחות גייען שוין אויס, אַזוי ווי מיר האָבן זיך דאָס פאָר־געשטעלט אין וואַרשע. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די אומ־געהויער גרויסע צאָל אוניפאָרמירטע מענטשן אויף די גאַסן, די גרויסע צאָל זעלנער און אָפיצירן, אָבער זיי האָבן נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון מיטגלידער פון אַזאַ אַרמיי, וואָס האַלט שוין ביי אויסהויכן דעם אָטעם: כמעט אַלע זענען זיי געווען שטאַרקע, הויך געוואַקסענע מענער, גוט געקליידעטע און מיט גוט אויסגעפּאַשעטע פּנימער.

אין אַ געוויסן זין האָבן מיינע נערוון אפילו אָפּגערוט בשעת דעם דאָזיקן שפּאַציר איבער די גאַסן פון בערלין: אין פאַרגלייך מיט דעם גהינום, וואָס די גאַסן פון וואַרשע האָבן מיט זיך פאָר־געשטעלט, זענען די גאַסן פון בערלין געווען אַ וואונדערלעך רו־איקער און פרידלעכער פּלאַץ. דאָ האָט קיינער נישט געטראָגן קיין געלע לאַטע, דאָ האָט מען קיינעם נישט געשלאָגן אויף די גאַסן, דאָ האָב איך נישט געדאַרפט קוקן אין אַלע זייטן, צי כאַפּט מען נישט מענטשן פון די גאַסן אויף אַרבעט, צי קומט נישט פאָר אַן אַנדער מין אַבלאַווע פון דער געסטאַפּאָ. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז די ערשטע שעהן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער הויפּט־שטאָט פון דעם לאַנד, אין וועלכן עס האָט אויף מיר געלויערט די גרעסטע געפאַר, זענען פאַר מיר גע־ווען שעהן פון אָפּרו, נאָך דעם אומבאַשרייבלעך שווערן לעבן אין וואַרשע.

אָבער ווען מען האָט זיך נעענטער צוגעקוקט צו דעם זעלבן בערלין, האָט מען דאָך דערזען די שפּורן פון דער מלחמה. די באַוועגונג אויף די גאַסן איז געווען אַ פּיל קלענערע, ווי זי פלעגט

זיין אמאָל, ווען בערלין איז געווען אַ פרייע וועלט־שטאָט. די מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען אויף די טראָטואַרן האָבן טאַקע אויסגעזען ציכטיק און פרידלעך, אָבער אויף זייערע פּנימער איז דאָך געלעגן אַ געוויסע איינגעהאַלטנקייט און אומעט. מען האָט זעלטן געהערט דאָס הויכע און זאָרגלאָזע ריידן, וואָס מען הערט געוויינלעך צווישן שפּאַצירנדע גרויסשטאָטישע מענטשן אויף די גאַסן, מען האָט זעלטן געהערט געלעכטער. האָט מען עמעצן גע־פרעגט אויף דער גאַס עפּעס אַן אינפאָרמאַציע, האָט ער העפלעך געענטפערט, אָבער מען האָט געקאָנט באַמערקן, אַז ער איז אומ־געדולדיק, אַז ער וויל זיך וואָס וויינציקער פאַרהאַלטן מיט אַן אומ־באַקאַנטן מענטשן, אַז ער וויל וואָס גיכער קאָנען ווייטער גיין זיין וועג. די פאַרהעלטניסמעסיק רייך אויסגעשטאַטע שוי־פענצטער פון די געשעפטן האָבן מיך אינטריגירט. איז עס דען מעגלעך, האָב איך מיר געטראַכט, אַז דאָ אין בערלין זאָלן זיך טאַקע געפינען אַזויפיל פאַרשידענע סחורות און אַז יעדער זאָל זיי קאָנען באַקו־מען? איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און בין אריין אין אַ שניידער־געשעפט, וואו אין שוי־פענצטער זענען געווען אויסגע־שטעלט פאַרשידענע מענער־און דאַמען־קליידער. איך האָב אָנגעוויזן אויף אַ בלויען אָנצוג אין שוי־פענצטער און געפרעגט וויפיל עס קאָסט. דער אָנגעשטעלטער האָט מיר געוויזן דעם זעלבן אָנצוג, וואָס אין שוי־פענצטער. צום פּרייז, וואָס איז אין שוי־פענצטער געווען אָנגעגעבן, זענען נאָך צוגעגאַנגען געוויסע פּראָצענטער, צוזאַמען האָט דער אָנצוג געדאַרפט קאָסטן אַרום 70 מאַרק. ווען עס האָט געהאַלטן ביים אָנמעסטן דעם אָנצוג, האָט מען מיך אַ פרעג געטאָן וועגן מיינע „קליידער־מאַרקן". איך האָב זיך געמאַכט זוכנדיק אין די קעשענעס און מיט באַדויערן געענטפערט, אַז לײדער האָב איך זיי פאַרגעסן אין דער היים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלע סחורות אין די שוי־פענצטער ווערן איינגעהאַלטן לויט אַ באַפעל פון דער מאַכט. דאָס איז נאָר צום אָנקוקן, קויפן אָבער אַזאַ אָנצוג קאָן מען נאָר איין מאָל אין צוויי יאָר אויף ספּעציעלע קאַרטן, וואָס יעדער באַקומט. אַנדערע קליידער־שטיקער קאָן מען קויפן איין מאָל אַ יאָר.

ווען מען האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט מען אויך געקאָנט באַמערקן די מלחמה אַרום די שפּייז־געשעפטן, פלייש־און פיש־געשעפטן. אויף דעם גרעסטן טייל פון די דאָזיקע געשעפטן זענען געהאָנגען אויפשריפטן, וואָס האָבן מודיע געווען, אַז דעם און דעם טאָג וועט מען פאַרקויפן פיש, אָדער עפּל, אָדער פלייש, ביי

מאַנכע פון די געשעפטן האָט מען געזען רייען פרויען, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט ביי די ווענט פון די הייזער. איך האָב זיך צוגעקוקט צו די מענטשן אין די רייען. דאָס זענען געווען בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע פרויען, אָנגעטאָן ציכטיק אָבער אין שטאַרק אָפּגעטראָגענע קליידער און אָן דעם ספּעציעלן „שיק", וואָס עס האָבן געוויינלעך גרויסשטאָטישע פרויען. זייערע פּנימער זענען געווען טרויעריקע און זיי האָבן זייער ווייניק גערעדט צווישן זיך.

אַזוי גייענדיק איבער די גאַסן פון בערלין און צוקוקנדיק זיך צו די מענטשן, האָב איך געמאַכט איבער זיך אַליין אַן עקספּערימענט: איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אומגעהויערן האַס און אַ ברענענדיק נקמה־געפיל קעגן די באַנדיטישע באַפאַלער פון מיין לאַנד, קעגן די ברוטאַלע מערדער פון מיינע שוועסטער און ברידער. גייענדיק דאָ איבער די גאַסן און קוקנדיק אויף די הייזער, האָב איך געפילט, אַז איך וואָלט דערלעבט דאָס גרעסטע גליק, ווען איך זאָל איצטער פּלוצלונג דערזען, ווי די דאָזיקע הייזער ווערן אויפגעריסן פון באָמבעס, פּונקט ווי איך האָב געזען, ווי די הייזער פון וואַרשע זענען אויפגעריסן געוואָרן. אָבער קוקנדיק אויף די מענטשן אין די גאַסן, אויף די פרויען, קינדער, אַלטע און מיטליעריקע מענער, האָט עס מיך נישט ווילנדיק געטריבן צו שטעלן זיך די פראַגע: „און וואָלסטו געוואָלט זען ווי די דאָזיקע מענטשן ווערן צעפליקט, ווי די אויגן און די פּנימער פון אָט־די פרויען און קינדער ווערן פּלוצלונג אָנגעפילט מיט פּאַניק און טויט־אַנגסט, פּונקט ווי דו האָסט עס געזען אויף די גאַסן פון וואַרשע?"... מיט אַ ווידערגעפיל האָב איך אָפּגעטריבן פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק. איך האָב מיר קלאָר געמאַכט, אַז דאָס דאָזיקע ווידערגעפיל צו בילדער פון מאָרד, וואָס איז געוויינלעך די טוגנט פון אָנשטענדיקע מענטשן, איז אין דער דאָזיקער מלחמה אויך זייער שוואַכקייט. אַז היטלער האָט העכסט־וואַרשיינלעך אַריינגענומען אין זיינע קאַלקולאַציעס אויך די דאָזיקע „שוואַכקייט" פון דעם רוב מענטשן אויף דער וועלט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז נישט נאָר מיט דער צאָל טאַנקען איז ער שטאַרקער פון אַנדערע, נאָר אויך מיט דער מאָס פון ריקזיכטלאָזיקייט און מאָרד־פעאיקייט.

כמעט אויף יעדן עק פון די גאַסן זענען געשטאַנען ציטונגס־פאַרקויפער און האָבן הויך אויסגערופן די מלחמה־נייעסן. פון די ציטונגען האָבן ריזיקע קעפּ אָנגעזאָגט די פרייַלעכע בשורות וועגן זיגן, זיגן, וואָס די דייטשן האַלטן אָפּ אומעטום. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און שווייגנדיק געקויפט די ציטונגען. עס האָט

זיך געוואָרפן אין די אויגן, וואָס די מענטשן, פאַר וועמען די פריי־לעכע בשורות זענען באַשטימט, ווייזן עפנטלעך נישט אַרויס קיין שום פריילעכקייט. גלייכגילטיק נעמען זיי די צייטונגען, גלייכ־גילטיק לייענען זיי די שרייענדיקע נצחון־קעפּ און גלייכגילטיק גייען זיי אַוועק ווייטער.

זייענדיק פאַרנומען מיט די אָבסערוואַציעס פון בערלין, האָב איך כמעט געהאַט פאַרגעסן וועגן זיך און מיינע אייגענע דאגות. ווען איך האָב זיך געכאַפּט, איז שוין געווען טיפער נאָכמיטאָג, איך בין געווען מיד פון שעהן־לאַנגן גיין און איך האָב מיך געפונען זייער ווייט אַוועק פון דעם וואָקזאַל. איך האָב געטראַכט מיט באַ־דויערן וועגן דעם, אַז איך האָב נישט קיין שום אַדרעס און קיין שום פאַרבינדונג אין בערלין. עס וואָלט געווען כדאי זיך מיט עמעצן מישב צו זיין איידער איך לאָז מיך אין דעם זייער נישט זיכערן וועג אַריין צו דער האָלענדישער גרענעץ. אפשר איז פאַראַן אַן אַנדער אויסוועג? איך האָב מיך דערמאָנט אַן אַדרעס פון אַ געוויסן מענטשן אין בערלין. מיט אַ מאָנאַט פריער איז פון וואַר־שע אַרויסגעפאָרן קיין בעלגיע אַ גוט־באַקאַנטע טוערין פון „בונד". בשעת איך האָב מיך מיט איר געזעגנט, האָט זי גראָד פאַרשריבן ביי זיך אין ביכעלע דעם אַדרעס פון אירן אַ קרוב אין בערלין, ביי וועלכן זי האָט זיך געקליבן אָפּצושטעלן. דעם דאָזיקן אַדרעס האָב איך זיך איצטער דערמאָנט. איך האָב געפּרואווט אַ פרעג טאָן, וואו עס געפינט זיך די גאַס און האָב זיך דערוואוסט, אַז זי ליגט פונקט אינם אַנדערן עק בערלין. איך האָב געפּרואווט זיך לאָזן גיין אין יענער ריכטונג. איך האָב דערביי נישט געטראַכט, אַז איך וועל איצטער באַווייזן צו דערגיין אַהין. אָבער צוריקגיין אין וואָקזאַל האָב איך נאָך סיי־ווי נישט געוואָלט. איך האָב גע־טראַכט, אַז עס איז פאַר מיר אַ סך געזינטער צו זיין אויף די גאַסן, איידער אין וואָקזאַל, וואָס איז פול מיט געסטאַפּאָ־אַגענטן, וועלכע קוקן יעדן אין פּנים אַריין.

עס האָט מיך געפייניקט דער הונגער, וועלכער איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט שטאַרקער. אין קעשענע האָב איך געהאַט די 10 מאַרק, פון וועלכע איך האָב נישט געוואָלט אויסגעבן אפילו איין פעניג, כדי איך זאָל האָבן אויף אַ בילעט ביז אַמסטערדאַם. איך האָב באַשלאָסן דאָך אויפצוזוכן דעם אומבאַקאַנטן מענטש, וועמעס אַדרעס איך האָב צופעליק געהאַט. איך בין אַריין אין דער „שטראַסן־באַן" און האָב מיך דערוואוסט ביים קאָנדוקטאָר, אויף וועלכער סטאַציע איך דאַרף אַראָפּגיין. די „שטראַסן־באַן"

איז געווען פול מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן עולם. גוט־געקליידעטע בירגער, אויסגעמאַגערטע אַרבעטער, זעלנער, פאַרשידענערליי אוני־פאָרמירטע באַאַמטע. איך האָב זיך איינגעהערט וועגן וואָס די מענטשן ריידן. זיי האָבן גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט וועגן דעם, אויף וואָס איך האָב געוואַרט, קיינער האָט מיט אַ וואָרט נישט דערמאָנט די מלחמה, נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן. גלייך עס וואָלט גאָר קיין מלחמה נישט עקזיסטירט פאַר דייטשלאַנד. קיינער האָט אויך נישט גערעדט וועגן די לעבנס־באַדינגונגען, וועגן דעם רעזשים, הגם אויף טריט און שריט האָט מען געזען דאָס כאַראַקטעריסטישע אויסציען די הענט פאַר זיך און מען האָט געהערט דעם „הייל היטלער".

אַזוי קוקנדיק אויף די מענטשן, האָב איך אינסטינקטיוו אַרייַנגעטאָן די האַנט אין קעשענע און האָב אַרויסגענומען איינע פון די, אין פּאַפּיר איינגעוויקלטע, סענדוויטשעס, וואָס מיין פרוי האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג אַריין. איך האָב געגעסן, ממש געשלונגען די פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט, מיט אַ וועלפישן אַפּעטיט. זייער גיך אָבער האָב איך האַסטיק צוריק פאַרוויקלט דאָס ברויט און עס באַהאַלטן אין קעשענע: איך האָב מיך געכאַפּט, אַז פון גרויס הונגער בין איך באַגאַנגען די ערשטע אומפאָרזיכטיקייט. פון אַלע זייטן האָבן מענטשן אויף מיר געקוקט. צוערשט האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז דאָס קוקן זיי גלאַט אַזוי, ווייל איך עס, שפּעטער אָבער האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דער קאָליר און אויסזען פון דעם ברויט, וואָס איך האָב געגעסן, האָט צוגעצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט. עס איז געווען אַנדערש ווי דאָס ברויט, וואָס זיי האָבן אין בערלין. און עס האָט זיי געקאָנט אַרויפפירן אויפן געדאַנק, אַז דאָס זיצט פאַר זיי אַ פרעמדער. דאָס האָט פאַר מיר נישט געטויגט.

עס איז שוין געווען טונקל, ווען איך האָב געפונען דאָס הויז. דעם מענטש, אַ 70־יעריקן מאַן, האָב איך געפונען אין דער היים. צוערשט איז ער געווען אַ ביסל דערשראָקן צוליב דעם אומבאַקאַנטן גאַסט און נאָך מער פון דעם, וואָס איך האָב מיך פאַררופן אויף זיין קרובה פון וואַרשע, וועלכע איז דאָ פאַרבייגעפאָרן. ער האָט אפילו געפרואווט לייקענען און זאָגן, אַז ער ווייסט בכלל נישט וועגן עמעצן, וואָס איז געפאָרן פון וואַרשע קיין בעלגיע. ביסלעכ־ווייז אָבער, נאָכדעם ווי איך האָב אים אָנגעגעבן אַ גאַנצע ריי סימנים אויך וועגן אַנדערע זיינע קרובים אין וואַרשע, האָב איך געוואונען זיין צוטרוי. קודם־כל, האָט ער מיך מכבד געווען מיט הייסע „קאַווע" און וויים ברויט. דאָס האָט ער מיר אָוועקגעגעבן

זיין איינענע פּאַרציע קאַרטן־ברויט. די „קאַווע" האָט בלויז מיט דער טונקלקייט דערמאָנט דעם געשמאַקן געטראַנק. פונדעסטוועגן האָב איך מיך מחיה געווען מיט דעם הייסן געטראַנק, ווייל שוין אַ מעת־לעת, ווי איך האָב קיין טראָפּן וואַרעם וואַסער אין מויל נישט געהאַט.

איך האָב דעם מענטש אויף גיך דערציילט מיין פּראָבלעם און האָב אים אויסגעפרעגט צי עס איז מעגלעך צו טראַכטן וועגן עפּעס אַן אַנדער וועג אַרויסצוקומען פון דייטשלאַנד. ער האָט אויף מיר געקוקט אַזוי ווי איך וואָלט אים געפרעגט צי עס איז פאַראַן אַ וועג צו דער לבנה. הייסט עס, האָב איך מיר געזאָגט, אַז קיין אַנדערער אויסוועג איז סיי־ווי נישטאָ. זאָל געשען, וואָס עס וויל, איך נעם דעם צוג קיין האָלאַנד.

בסוד־סודות האָט מיר דער מענטש געבאָרגט עטלעכע מאַרק (ער האָט פיל ריזיקירט, ווייל פאַר אויפנעמען אַזאַ געפערלעכן אויס־לענדער ווי איך בין און דערצו נאָך באָרגן אים געלט, האָט מען אין היטלערס קעניגרייך זייער שווער באַשטראָפט). ער האָט מיך אָפּגע־פירט צום וואָקזאַל, געהאָלפן מיר אַריבערפירן מיינע זאַכן צום „אַנהאַלטער" באַנהויף, פון וואַנען מיין צוג אין דער ריכטונג פון האַנאָווער האָט געדאַרפט אָפּגיין. מיר זענען אָנגעקומען פונקט אין צייט. דער מענטש, וועלכן איך האָב נאָר־וואָס דערקענט, האָט מיך געזעגנט, דריקנדיק מיר לאַנג און וואַרעם די האַנט און באַגלייטנדיק מיך מיט אַ לאַנגן וויימוטיקן בליק, אין וועלכן עס איז געלעגן אי אַ מין באַדויערן, מיט וועלכן מען באַגלייט אַ מענטש, וואָס גייט שפּרינגען במעט אין פייער אַריין, און אי אויך אַ קוים, קוים זיכטבאַרע קנאה, וואָס ער האָט געפילט צו דעם מענטש, וואָס נעמט פאַרט אַ שאַנס אַרויסצוקריגן זיך פון דעם היטלערישן גהינום...

7. צו דער האָלענדישער גרענעץ

צווישן אַ גרויסן עולם פּאַסאַזשירן האָב איך מיך אַריינגעבאַ־קומען אין וואַגאָן. ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די זייער גרויסע צאָל זעלנער. ווען אונזער צוג האָט גערירט, זענען אויפן פּעראָן געבליבן אַ סך מענטשן, דער עיקר עלטערע הערן און דאַ־מען, וועלכע האָבן געפאָכעט מיט טיכלעך, געשיקט האַנט־קושן. טייל האָבן געוויינט די אויגן. ביי די פענצטער זענען אַ לאַנגע צייט געשטאַנען מענטשן, הויפּטזעכלעך זעלנער, און האָבן צוריקגעוואונ־

קען מיט די הענט. די דאָזיקע סצענע פון פרידלעכן אָפּפאָרן און געזעגענען זיך, ווי ציוויליזירטע מענטשן, האָט מיך מאָדנע גערירט. איך האָב די סצענע געשלונגען מיט די אויגן, ווי אַן אויסגעהונגערטער שלינגט שפּייז. איך האָב שוין כּמעט געהאַט אָנגעוואוירן דעם גלויבן, אַז ציוויליזירטע לעבנס־פאָרמען צווישן מענטשן זענען נאָך מעגלעך.

אין קופּע איז געווען ענג און איך האָב נישט געהאַט וואו צו זיצן. אַ יינגער זעלנער האָט מיר העפלעך געהאָלפן אַוועקלייגן מיינע זאַכן, צוזאַמענדריקענדיק זיינע אייגענע פּעקלעך. אין קופּע זענען געווען בלויז דריי ציווילע פּאַסאַזשירן, די איבעריקע זענען געווען זעלנער. אויך אין קאָרידאָר איז געווען פול מיט מיליטער־לייט. נאָכדעם ווי אַלע האָבן זיך ווי עס איז איינגעאָרדענט, האָט דער זעלבער זעלנער, וואָס האָט מיר געהאָלפן אַוועקלייגן מיינע זאַכן, פאַרגעלייגט זיינע חברים זיך צוזאַמענצודריקן און האָט געמאַכט פאַר מיר אַ פּלאַץ. איך האָב, פאַרשטייט זיך, זייער גערן אָנגענומען די איינלאַדונג. גלייך ווי איך האָב מיך אַוועקגעזעצט, האָב איך דערפילט די מידקייט און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַ רעכט מיד צו זיין.

דאָס געשפּרעך צווישן די פּאַסאַזשירן איז געגאַנגען בלויז אַרום אומבאַדייטענדע טעגלעכע קלייניקייטן און העפלעכקייטן. וואו נאָר מען האָט געוואָרפן אַן אויג, זענען געהאַנגען פּלאַקאַטן, וואָס האָבן געוואָרנט מען זאָל נישט רעדן וועגן דער מלחמה, ווייל — „דער שונא הערט און צעשטערט". די גאַנצע צייט פון דער רייזע, אַחוץ ביים סוף ווען מיר זענען שוין געווען נאָענט צו דער האָלענדישער גרענעץ, האָב איך טאַקע פון קיינעם קיין וואָרט נישט געהערט וועגן דער מלחמה און בכלל וועגן פּאָליטיק. פונדעסטוועגן בין איך שטאַרק מסופק צי דאָס איז געווען צוליב דער וואָרנונג וועגן דעם אויסערלעכן שונא וואָס הערט. גיכער איז עס געווען צוליב די אינערלעכע „פריינד" פון דער געסטאַפּאָ, וואָס קאָנען הערן אומעטום. בכלל איז דער עולם געווען איינגעהאַלטן און עפּעס אַזוי ווי אַ געפרעסטער טרויער איז אויף אַלעמען געלעגן. פון דעם שטילן געשפּרעך פון די ציווילע פּאַסאַזשירן האָט זיך פון צייט צו צייט דערטראָגן אַ וואָרט, פון וועלכן מען האָט זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז זיי ריידן וועגן שפּייז־קאַרטן, שפּייז־שוועריקייטן און מאַנגל אין געזאָלין, צוליב וועלכן זיי קאָנען נישט נוצן זייערע אויטאָמאָבילן. די זעלנער האָבן דערציילט וועגן זייערע אורלויבן, זייערע היימען. צווישן זיי זענען געווען נאָך גאַנץ יינגע, וועלכע האָבן זיך שווייגנדיקע צוגעהערט

צום געשפּרעך פֿון זייערע עלטערע קאַמעראַדן. איינער פֿון זיי איז געווען אַ בלאָנדער יינגל מיט ליפּן, אויף וועלכע עס האָט געשוועבט אַ כמעט קינדערשער שמייכל. איך האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פֿון אים און האָב כסדר געפּרוווּט מיר קלאָר מאַכן ווי עס איז מעגלעך צוזאַמענצופּאָרן אָט דעם קינדערשן שמייכל מיט דער אוממענטשלעכער אכזריות, וואָס אַזעלכע דייטשע יינגלעך באַגייען כסדר אין פּוילן. די דאָזיקע אַנאַלאָגיע האָט ווידער אויפֿגעלעבט אין מיין זכרון פֿאַרשידענע גרויל־סצענעס, וואָס איך האָב אַליין בייגעוואוינט און אַזעלכע, וועגן וועלכע מען האָט מיר דערציילט. איך האָב דערזען דאָס בילד, ווי אַזאַ יינגל אין אַ זעלנערישן מונדיר האָט אויף רימאַרסקע גאַס אין וואַרשע אָנגעכאַפּט אַן עלטערן ייִדן ביי דער באָרד און אים אַ שליידער געטאָן צו דער ערד. ארויפֿשטעלנדיק זיין שטיוול אויפֿן ייִדנס האַלז, האָט ער מיט אַ פֿריילעכער שטימע גערופֿן זיינע חברים — אויך אַזעלכע יינגלעך ווי ער: „קאָם, האַנס, היער״... און יענע האָבן זיך פֿריילעכע אַ לאַז געטאָן צו פּייניקן דעם ייִדן, שלעפּענדיק זייערע באַגנעטן צום שניידן „די וואָל״ (די באָרד) פֿון דעם ייִדן. איך האָב זיך דערמאָנט די בילדער ווי יונגע דייטשע יינגלעך האָבן אויף די גאַסן פֿון לאָדזש אַרויסגעריסן קליינע קינדער פֿון די הענט פֿון זייערע ייִדישע מוטערס און, אַוועקשליידערנדיק זיי אויף דער ערד, האָבן זיי די קינדער געשלאָגן מיט שטעקנס פֿאַר די אויגן פֿון די מוטערס. פֿאַר מיין בליק איז אויך אויפֿגעשטאַנען דאָס בילד פֿון גרופּעס דייטשע פֿליער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען באַקוקן די חורבות פֿון וואַרשע, האָבן זיך געלאָזט פֿאָטאָגראַפֿירן אויף זייער הינטערגרונט מיט דער הייטערקייט פֿון אַ פֿריילעכער עקסקורסיע. און כמעט אַלע זענען זיי געווען אַזעלכע יונגע יינגלעך.

וואָס מער בילדער איך האָב זיך דערמאָנט, אַלץ ווייניקער האָב איך געקאָנט אָפּרייסן די בליקן פֿון דעם בלאָנדן זעלנער־יינגל. אין מיין מידער פֿאַנטאַזיע האָבן זיך די בילדער רעקאָנסטרואירט מיט אַ באַזונדערער בולטקייט, און מיין האַס־ און נקמה־געפֿיל צו די נאַצישע דייטשן האָט זיך אָנגעשאַרפּט ביז ווייטאָג. אין דעם בלאָנדן יינגל האָב איך איצט געזען די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער גאַנצער צביעות און קאַלטער אכזריות פֿון די דייטשן, וואָס איז איצט געוואָרן אַזאַ צעשטערערישע קראַפֿט. ווייזט אויס, אַז דאָס זעלנער־יינגל האָט דערפֿילט עפּעס אין מיין בליק, ווייל ער האָט פּלוצלונג אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און האָט לאַנג מיר געקוקט אין פּנים. אין זיין בלויען בליק איז געווען עפּעס אַזוי ווי אַ פֿאַרוואונ־

דערונג און זיינע ליפּן האָבן צו מיר געשמייכלט, לאַנג און קינדעריש געשמייכלט.

מיין רייזע איז געגאַנגען גלאַטיק. קאָנדוקטאָרן האָבן קאָנטראָ־לירט די בילעטן, נישט פרעגנדיק קיין קשיות. די פּאַסאַזשירן זענען געווען העפלעך צו מיר. איך האָב מיט פאַרוואונדערונג באַמערקט, אַז זיי נעמען מיך אָן פאַר אַן איינענעם, פאַר אַ דייטש. מאַנכע פון זיי האָבן מיך געפרעגט צי איך בין אַ בערלינער, וואוהין איך פאָר. געפרעגט איז דאָס געוואָרן מיט דער העפלעכער צוגעלאָזנקייט פון רייזע־פּאַסאַזשירן. איך האָב געגעבן אויסמיידענדיקע ענטפערס. איך האָב מיך באַמיט וואָס ווייניקער צו ריידן און אַז דאָס וואָס איך רעד יאָ אַרויס זאָל זיין קאָרעקט, אָבער נישט מיט דער איבערגעטריבענער קאָרעקטקייט, אין וועלכער מען דערקאָנט אַן אויסלענדער. מיינע העפלעכע מיטרייזענדע האָבן דערקענט אַז איך בין זייער מיד און שלעפעריק. „שוין צוויי טעג אין דער רייזע" — האָב איך זיך פאַר־ענטפערט. זיי זענען געווען אַזוי גוטמוטיק, מענטשלעך, און אַזוי פילבאַר צו מענטשלעכע ליידן, אַז זיי האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט, האָבן מיר אָפּגעטרעטן אַ פּלאַץ ביים פענצטער, כדי איך זאָל קאָנען שלאָפן, הגם איך האָב זיי איינגאַנצן נישט געבעטן וועגן דעם.

איך האָב מיך איינגעטוליעט אין ווינקל און זיך געגרייט צו כאַפּן אַ דרימל, טראַכטענדיק, אַז איך בין נאָך ווייט פון ציל און מסתּמא וואַרטן פאַר מיר נאָך זאַכן, צו וועלכע איך וועל דאַרפן כּוחות. איך וועל נאָך זען די נאַצישע חיה אין איר אַנדערער געשטאַלט אויך. אַנדערש וואָלט עס פּשוט געווען צו גוט.

איידער איך בין איינגעשלאָפן, האָב איך נאָך געטראַכט ווידער־אַמאָל וועגן דעם, ווי עס איז מעגלעך, אַז די זעלבע גוטמוטיקע מענטשן זאָלן קאָנען זיין אַזעלכע ברוטאַלע מערדער. „און וואָס וואָלט געווען" — האָב איך געטראַכט — „ווען די זעלבע מענטשן זאָלן זיך פּלוצלונג דערוויסן, אַז איך בין אַ ייד? אָדער אַן עלטסטער זאָל זיי באַפעלן מיך דאָ צו פאַרפייניקן אויפן אָרט?" — איך האָב נישט געצווייפלט, אַז זיי וואָלטן דעם באַפעל אויסגעפירט מיט דער גאַנצער דייטשער פּינקטלעכקייט.

***

מען האָט מיך אויפגעוועקט אויף עפּעס אַ סטאַציע. דאָ האָט מען געדאַרפט טוישן דעם צוג. עס איז געווען אין מיטן נאַכט. דער פּעראָן איז געווען נישט באַלויכטן. אינעווייניק, אין וואָקזאַל איז גע־ווען דאָס ליכט מאַסקירט און דער האָל מיט די מענטשן זענען געווען

איינגעהילט אין שאָטן. עס זענען געגאַנגען און געקומען זעלנער. דאָ האָט מען שוין געפילט די מלחמה. מען האָט זי אויך געפילט אין דער צערודערונג פון דער קאָמוניקאַציע: קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן גענוי ווען עס וועט אָפּגיין דער ווייטערדיקער צוג קיין האַנאָווער. מאַנכע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געקלאָגט, אַז די רייזע נעמט היינט אָן אַ שיעור מער צייט ווי געוויינלעך.

עטלעכע שעה האָבן מיר געוואַרט אויפן צוג. עס איז געווען קאַלט אין קנאָפּ־געהייצטן וואָקזאַל. איך בין געזעסן אין אַ ווייטן ווינקל פון וואָקזאַל־האַל און האָב מיך צוגעקוקט צו די מענטשן. איך האָב ווידער אויפגעגעסן איינעם פון די פּאַרדאַרטע סענד־וויטשעס, וואָס איך האָב געהאַט נאָך פון וואַרשע און האָב גע־טרוימט וועגן דעם, אַז אָט נאָך אַ ביסל, אפשר נאָך אַ מעת־לעת און עס וועט זיין אַ סוף צו דעם הונגער און צו דער געפאַר. איך האָב איצט געהאַט אַ מין קינדערשן צוטרוי, אַז אַזוי וועט עס זיין. די מענטשלעכע גוטמוטיקייט, וואָס איך האָב באַגעגנט אין דעם פאַרגאַנגענעם טאָג מצד די, צווישן וועלכע איך בין געווען אַזוי איינער אַליין, אַזוי איינזאַם אין אַ פיינדלעכער וועלט, אין וועלכער איך קאָן פאַרפאַלן ווערן אָן שפּורן, האָט מיך אָנגעפילט מיט די דאָזיקע קינדערשע טרוימען.

איך האָב זיך דערוואַרט אויפן פרימאָרגן און אויך אויפן צוג. כמעט אַ האַפּערדיקער בין איך איינגעשטיגן אין וואַגאָן. איך האָב מיט פרייד פעסטגעשטעלט דעם אומפאַרשטענדלעכן פאַקט, אַז איך פיל מיך היינט קרעפטיקער, ווי נעכטן, הגם עס איז אַוועק נאָך אַ טאָג כמעט אָן עסן און אָן שלאָף. מיט דער זעלבסטזיכער־קייט פון איינעם, וואָס פילט זיך ביי זיך אין דער היים, האָב איך פאַרנומען אַ פּלאַץ אין קופּע. די קופּע איז געווען פול מיט זעל־נער פון פאַרשידענע ראַנגען. דאָס זענען שוין אָבער נישט געווען יענע פרידלעכע, גוטמוטיקע מענטשן פון נעכטן. איך האָב איצט פאַרשטאַנען, אַז אויף יענע האָט נאָך גערוט די וואַרעמקייט און פרידלעכקייט פון זייערע היימען, די ווייכקייט פון זייערע מוטערס, פרויען און קינדער. אויף די איצטיקע איז געלעגן די רויקייט און האַרטקייט פון דער קאַזאַרמע. דאָס זענען געווען מיליטאַריסטיש אָפּגעריכטע יונגע, וואוקסיקע און קרעפטיקע מענער, עס האָט געאָטעמט פון זיי מיט דער סאָלדאַטעסקאַ. זיי האָבן זיך מיט קיינעם און מיט גאָרניט צערעמאָניעט. זיי האָבן זיך דערציילט גראָבע וויצן און האָבן פריי גערעדט וועגן די פרויען און מיידלעך, מיט וועל־כע זיי האָבן זיך באַגעגנט אין שטאָט, וועגן די פרייזן פון גע־

וויסע פּלעצער און וועגן דער קונסט, וואָס מאַנכע פון די מיידלעך
ווייזן אַרויס אין דער ליבע.

א שטיקל צייט נאָכדעם ווי דער צוג האָט געריירט, האָט די
גאַנצע גרופּע זיך קאָנצענטרירט אַרום איינעם, אַ מיטלוואוקסיקן
זעלנער מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט, וועלכער האָט דערציילט,
אַז ער קומט פון פּוילן. ער איז אַהינגעפאָרן שוין נאָכדעם, ווי
די מלחמה־קאַמפּאַניע איז געווען פאַרענדיקט. פונדעסטוועגן האָט
ער געמאַכט פון זיך אַ גאַנצן העלד. פון דער אויפמערקזאַמקייט,
וואָס די איבעריקע זעלנער האָבן אים אַרויסגעוויזן, האָב איך גע־
זען, אַז קומען פון פּוילן איז טאַקע ביי זיי פאַררעכנט פאַר אַ
מין העלדישקייט. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט געזען וואַר־
שע און האָט זיך באַרימט מיט דעם חורבן, וואָס „אונזער געווער"
האָט געמאַכט פון דער שטאָט. — „זאָ וואָס אום איינער שטאָדט
צו מאַכען"... — האָט ער מיט פאַרגעניגן זיך באַרימט. דאַן האָט
ער גענומען דערציילן וועגן יידן: „וואָס וויר מיט דעם יודען־דרעק
דאַ געמאַכט האַבען"... פון זיין מויל האָבן זיך געשאָטן בילדער,
חוזק און שפּאָט פון מענטשלעכע ליידן, ווילדע אוממענטשלעכע
הנאה פון געפּייניקטע פרויען, פון אַלטע „יודען־הונדע", וועלכע
מען האָט פאַר דער „וואָללע" געשליידערט מיט די קעפּ צו די
ווענט אַזוי, אַז זייערע קעפּ האָבן געפּלאַצט. און דאָס דאַזיקע „יודען־
געזינדעל דאָרט אים אָסטען" איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. ברי־
ליאַנטן, גאָלד, דאָלאַרן האָבן מיר ביי זיי געפונען... און „דיעזע
הונדע העצן די פּאָליאַקן קעגן די דויטשן"...

ער האָט זיך אַלץ מער צעהיצט מיט באַרימערייען און די
איבעריקע האָבן יעדעס מאָל אַרויסגעהירזשעט מיט אַ געלעכטער,
גלייך ער וואָלט זיי דערציילט די פריילעכסטע זאַכן. די רייזע
איז איצט פאַר מיר געווען אַ פּיין. זיי האָבן מיך, ווייזט אויס,
אויך אָנגענומען פאַר אַן אייגענעם און האָבן קיין באַזונדערע
אַכט אויף מיר נישט געלייגט. איין מאָל בלויז האָט איינער פון
זיי געווענדעט זיך צו מיר מיט באַמערקונגען, וועלנדיק מיך מכבד
זיין מיט זייער פריילעכקייט צוליב די „העלדישע" יידן־געשיכטעס
פון זייער חבר. איך האָב דאָס לאַנג נישט געקאָנט אַריבערטראָגן.
איך בין אַרויס פון קופּע און האָב מיך געשטעלט ביים פענצטער
אין קאָרידאָר. אין מיר האָט אַלץ געבראַוזעט פון אויפרעגונג און פּיין.
ווידער האָבן די געשיכטעס פון דעם זעלנער אויפגעלעבט די אַלע
שרעקלעכע בילדער, פון וועלכע איך האָב געוואָלט אַנטלויפן. אַ
לאַנגע צייט האָב איך נישט באַמערקט וואָס אַרום מיר טוט זיך.

ביי א שטאַרקערן שטורם פֿון וואַגאָן האָב איך עמעצן אָנגעשלאָגן מיטן עלנבויגן. „פּערצייאונג" — האָב איך מעכאַניש אַרויסגע־זאָגט און האָב זיך אומגעקוקט. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי. בלאָנד, אַ שטאַרק העל געזיכט, שמייכלענדיקע פולע ליפּן און אַן אַנטוויקלטער בוזעם. איינע פֿון יענע טיפּיש דייטשע פרויען, אויף וועלכע עס ליגט אויסגעגאָסן אַן אָפענע ווייבלעכקייט. זי האָט שמייכלענדיק מיר ווייך געוואָרפן אין פּנים אַריין דעם — „בּיטע שעהן, מאַכט ניכטס", מיט אַזאַ טאָן וואָס האָט ווי איינגע־לאַדן צו אַ געשפּרעך.

די מילדע, ווייבלעכע ווייכקייט און מוטערלעכקייט פֿון דער פרוי איז געווען אַ דערפרישנדיקע אָפּוועקסלונג נאָך דער גרויזאַמער נאַצי־אַטמאָספער, וואָס די זעלנער אין מיין קופּע האָבן באַשאַפֿן. זי האָט די ערשטע אָנגעהויבן:

— שעהנער ווינטער דרויסן.

— יאַ, אונד שעהנע פרויען דרין אים צוג...

— ווירקליך?...

און זי האָט קאָקעטיש אַ לאַך געטאָן, פאַרוואָרפנדיק דעם קאָפּ מיט אַזאַ לייכטזיניקער און חנעוודיקער באַוועגונג. זי האָט זייער גיך אויסגעפּלאַפּלט, אַז זי פאָרט צו איר מומען הינטער האַ־נאָווער. זי האָט נישט לאַנג צוריק חתונה געהאַט, אָבער איר מאַן האָט געמוזט גיין אין מיליטער, מוז זי איצטער צוריקפאָרן צו דער מומען, ווייל זי איז דאָך געבליבן „אַזוי אַליין". און עס איז דאָך שוין גאָר נישטאָ היינט מיט וועמען ריכטיק אַ לאַך און אַ שטיף צו טאָן. און אַלע זענען דאָך אין די היינטיקע צייטן אַזוי „פערפלוכט ערנסט". און וועט עס נאָך לאַנג אַזוי אָנהאַלטן, ווי גלויב איך? אַך, ווען נישט די „פערפלוכטע ענגלענדער און די יודען"... יאָ, צי גלויב איך, אַז די יידן זענען ווירקלעך אַזוי שלעכט? און זינט ווען איז עס אַזוי געוואָרן? זי האָט דאָך געהאַט נאָענטע חברטעס, וואָס זענען געווען יידינס — „אונד דענקען זי נאָר: איך האָב עס גאָרנישט דערקענט אָן זיי"...

זי האָט געפּלאַפּלט אָן אויפהער, עס האָט מיך ווייניק געאַרט וועגן וואָס זי רעדט, עס איז מיר געווען אָנגענעם צו הערן איר ווייכע שטימע, וואָס איז לייכט קלינגענדיק געפלאָסן ווי אַ טייכל. עס האָט פֿון איר געוויעט מיט גוטסקייט, מיט פּשוטער נישט איבער־געשפּיצטער מוטערלעכער מילדקייט. זי האָט מיט אַלע ווייסע ציין אַ לאַך געטאָן ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איך פאָר אויך ביז האַנאָווער.

— אך ווי גוט. „און בלייבן זי דאָרט? וויר ווערדען אונז דאָרט טרעפן קענען".

איך האָב איר נישט געזאָגט, אז איך בלייב נישט אין האנאָ־ווער, איך האָב איר מכבד געווען מיט א פאפיראָס און זי מיך מיט א קליין שטיקל שאָקאָלאַד, וואָס זי האָט ווי אן אוצר געהאַט איינגעוויקלט אין איר פארפומירטן האַנטבייטל. „דאָס האָב איך צום אָבשיד בעקאָמען" — האָט זי זיך פארענטפערט פאר דער אויסבערענגעריי צו עסן היינט אין דייטשלאַנד שאָקאָלאַד.

זי האָט ווייטער געפּלאַפּלט און מיר אָנגעהויבן עפּעס דער־ציילן וועגן איר מומען, צו וועלכער זי פאָרט. איך האָב געהאַט צו איר א געפיל פון דאַנקבאַרקייט, פאַרוואָס זי איז אַזוי נאַריש, פאַרוואָס זי פּלאַפּלט אַזוי פיל און לאָזט איבער מיר פליסן איר ווייכע שטימע, וועלכע ווירקט אַזוי מילד אויף מיין געמיט. פון מיין קופּע האָבן זיך אַלץ געטראָגן די שטימען און די הירזשענ־דיקע געלעכטערס פון די נאַצישע זעלנער. עס האָבן זיך אויך דער־טראָגן ווערטער און זאַצן פון זייערע געשפּרעכן. זיי האָבן נאָך אַלץ דערציילט גרויזאַמע געשיכטעס פון פּוילן, וואָס האָבן זיי פאַרשאַפט אַזוי פיל הנאה. עמעץ האָט א ביסל געעפנט די טיר פון קופּע און דאָס געשפּרעך האָט זיך איצט דייטלעך געהערט אין קאָרידאָר. מיין מיטשמועסערין האָט גענומען זיך איינהערן און האָט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען. „דער העלד" האָט איצט דער־ציילט עפּעס א געשיכטע, ווי מען האָט אין פּוילן געהאַנגען „באַנ־דיטן", צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען א ייד. ער האָט דערציילט ווי די געהאָנגענע האָבן קאָמיש געוואָרפן מיט די פיס אויף די תּליות. באַזונדערס דער יודע... זיין „וואַללע" האָט גע־פּלאַטערט און זיינע פיס האָבן אַזוי געטאַנצט, ווי ער וואָלט גע־וואָלט אַראָפּגיין פון דער תּליה. העי מאָזעס, ווילסט גיין אין סי־נאַגאָגע, — האָבן אונזערע יינגען צו אים גערופן...

די גאַנצע חברה האָט ווידער אַרויסגעהירזשעט א געלעכטער פון דעם „פריילעכן" בילד, וואָס ער האָט פאַר זיי געמאָלן. איך האָב אויפגעשוידערט, ווען איך האָב אין זייער כאָר דערהערט אויך דאָס קלינגענדיקע געלעכטער פון מיין מיטשמועסערין. זי האָט געלאַכט מיט דער זעלבער גוטער זאָרגלאָזיקייט, וואָס פריער פון אירע נאַרישע פּלאַפּלערייען. „איסט דאָס ניכט קאָמיש?" — האָט זי פאַרוואָרפנדיק קאָקעטיש דעם קאָפּ, מיך געפרעגט...

ווידער איז אַלץ אין מיר אַזוי אָפּגעשטאָרבן. די גאַנצע פאַר־גענינגנדיקע באַרואיקונג פון מיינע נערוון איז מיטאַמאָל פאַר־

שוואַונדן. און ווידער האָב איך געפילט, אַז איך שטיי פאַר אַ רעטעניש נישט צום לייזן. וואָס איז דאָס אַזוינס אין דער דאָזיקער פרוי, וועלכע פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל ווייבלעכקייט און מוטער־לעכע גוטסקייט און וועלכע קאָן צו דער זעלבער צייט האָבן אַזוי פיל הנאה פון גרויזאַמע בילדער, פון מענטשלעכער פיין און פון מאָרד?

איך בין איצט געשטאַנען אַ שווייגנדיקער און דערשלאָגענער און געקוקט דורכן פענצטער. מיר האָבן זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון דייטשלאַנד און האָבן זיך דערנענטערט צו וועסט־פאַלען. מיר האָבן זיך געטראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער צו דער זאָנע פון דעם מערב־פראָנט. עס האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן פאַר־שנייטע פעלדער, גאַנץ אָפּט האָבן ציכטיקע דייטשע דערפער און שטעטלעך פאַרבייגעוואונקען מיט זייערע ווייסע הייזער און טורעמ־דיקע רויטע דעכער. גאַנץ אָפּט האָבן אויך פאַרבייגעשוועבט מאָנאָ־טאָנע געביידעס פון לאַגערן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס זענען געלעגן ברייט און פלאַך אויסגעשפּרייט און האָבן גע־טייטלט מיט הויכע פאַבריקס־קוימענס צום הימל.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט אָן אייביקייט, אויף טייל סטאַ־ציעס איז ער געשטאַנען זייער לאַנג און האָט פאַרבייגעלאָזט מי־ליטערישע טראַנספּאָרטן. לאַנגע, לאַנגע צוגן מיט איבערגעדעקטע פראַכט־וואַגאָנעס האָבן זיך געשלעפּט פאַרביי אונז. דאָ און דאָרט האָבן פון אונטער גרינע ברעזענטן אַרויסגעקוקט מיילער פון האַר־מאַטן, רעדער און אַנדערע שטאָלענע אברים פון פאַרשידענע קריגס־מכשירים. דאָס אַלץ איז געגאַנגען פאַרביי אונז, איז געלאָפן פאַראויס אויף דעם וועג, וואָס איך דאַרף ערשט דורכמאַכן. קוקנדיק אויף דעם האָב איך געטראַכט: ווער ווייסט, צי איך וועל באַווייזן, ווער ווייסט, צי די דאָזיקע מכשירים וועלן ניט אָנהויבן צו פייערן אויף דער גרענעץ, נאָך איידער איך וועל אַהין אָנקומען?...

דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט מיין אומגעדולד, וואָס גיכער צו זיין אויף יענער זייט פון דעם דאָזיקן אומהיימלעכן און שרעקלעכן לאַנד. אָבער ווי אויף להכעיס האָט זיך דער צוג גע־שלעפּט אַלעמאָל לאַנגזאַמער און איז אַלע מאָל לענגער געשטאַנען אויף די סטאַציעס. מיר זענען אָנגעקומען קיין האַנאָווער נאָענט צו מיטן נאַכט. איך האָב גענומען מיינע זאַכן און זיך געלאָזט גיין אַרויס פון וואַגאָן צו דער פינצטערער סטאַציע. איך האָב קוים געמאַכט צוויי טריט, ווי איך האָב דערהערט הינטער זיך די

באַקאַנטע ווייכע און קלינגענדיקע שטימע, אין וועלכער עס איז געווען אַ מין פאַרוואורף:

— אַ, אַבער ניכט זאָ איילינ!

איך האָב מיך אומגעקוקט און דערזען מיין פריערדיקע דייטשע מיטשמועסערין. זי איז געשטאַנען מיט איר האַנט־געפעק אין אירעביידע הענט און האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ הילפלאָזער מינע און מיט אַ פאַרוואורף אינם בליק.

— זי שיינען מיך שאָן גאַנץ פאַרגעסען צו האַבען...

איר פּנים האָט דערביי אויסגעדריקט אַזוי פיל קינדעריש־חנווּדיקע באַליידיקונג, און איך האָב געמוזט אַ שמייכל טאָן. איך האָב גענומען די שווערערע פון אירע זאַכן און האָב איר געהאָלפן אַרויסקומען אויף דעם פינצטערן פּעראָן. מיר זענען אַריין אין דעם קוים באַלויכטענעם וואָקזאַל, פון וועלכן קיין איין ליכט־שטראַל האָט זיך נישט אַרויסבאַקומען אין דרויסן.

דער האַלב־טונקעלער וואָקזאַל איז געווען פול מיט מיליטער־לייט. זעלנער, אָפיצירן, מיט און אָן געווער, האָבן אָנגעפילט דעם האָל. איך האָב דאַכט זיך נישט באַמערקט קיין איין ציוויל־גע־קליידעטן פּאַסאַזשיר אַחוץ מיר. איך האָב געטראַכט, אַז עס איז גוט וואָס ביי מיין זייט האַלט זיך די דאָזיקע פּלאַפּלענדיקע דייטשע ליאַלקע. עס ציט ווייניקסטנס אָפּ דעם פאַרדאַכט, אַז איך בין אַ פרעמ־דער; אַ מייל פונדערווייטנס קאָן מען הערן איר האָגל פון דייטשע ווערטער.

זי האָט איצט גענומען באַטראַכטן די מונדירטע לייט און זיך אַנטציקן מיט זיי:

— ווי בראַוו זיי זעען אויס, ווי שיין...

ענדלעך איז איר צוג אָנגעקומען. טומלדיק, מיט „דאַנקע שעהנס" און „שנעלן ווידערזעהנס", האָט זי זיך מיט מיר געזעגנט, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן.

איך בין געבליבן אַליין אין מיטן נאַכט, צווישן דער גרויסער מאַסע דייטשע מיליטער־לייט. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מיין צוג קיין בענטהיים וועט אָפּגיין ערשט פינף פאַרטאָג. איך האָב געדאַרפט וואַרטן נאָך פינף שעה.

איך האָב זיך דערווייל געהאַלטן אין די טונקעלע ווינקלען פון וואָקזאַל. דער האָל גופא איז געוואָרן אַלע מאָל פולער און פולער. אין דער טונקלקייט האָט זיך געטומלט. זעלנער און אָפי־צירן מיט פּעק און געווער זענען גרופּעסווייז געגאַנגען הין און צוריק. איך האָב איצט באַמערקט טאַקע אין די טונקעלע ווינקלען

פון האָל אייניקע ציוויל־געקליידעטע, וועלכע זענען געשטאַנען און האָבן שאַרף אָבסערווירט דעם עולם. די דאָזיקע לייט זענען מיר שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן. איך האָב מיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, אָבער נאָך עטלעכע מינוטן האָב איך דערפילט, אַז עס באַפאַלט מיך אַ שלאָף און אַז זיצנדיק אַזוי וועל איך איינשלאָפן. עס איז מיך באַפאַלן אַן אינסטינקטיווע אַנגסט. איך בין געווען זיכער, אַז ווען איך זאָל דאָ איינשלאָפן, וועט מיט מיר געשען עפּעס שלעכטס. איך האָב זיך נאָך אַמאָל אַרומגעקוקט מיט וואַכע חושים און איך האָב גאַנץ קלאָר דערפילט אַ געפאַר, וואָס לויערט דאָ אַרום מיר, הגם קלאָר וואָלט איך אין יענעם מאָמענט נישט געקאָנט זאָגן אין וואָס זי באַשטייט. איך האָב זיך אומגעקוקט און דערזען גאַנץ האַרט לעבן זיך איינעם פון די ציוויל־געקליידעטע פאַרשוינען. ער האָט אַזוי ווי געקוקט איבער מיר. אָבער איך בין געווען זיכער, אַז דאָס אָבסערווירט ער מיך. אין געדאַנק האָב איך שוין צוגעגרייט וואָס צו ענטפערן, אויב ער זאָל מיך פּלוצלונג אָנהויבן פרעגן ווער און וואָס איך בין. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז דאָס וועט געשען יעדע סעקונדע.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט, האָב פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָב זיך געלאָזט גיין אַרויס פון וואָקזאַל. איך בין אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און האָב מיט דערלייכטערונג געלאָזט מיך פאַרשלינגען פון דער פינצטערניש. איך האָב זיך געהאַלטן האַרט ביי דער וואַנט פון וואָקזאַל־מויער. איך האָב אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט אַ מין נישע. איך האָב זיך דאָרט אַריינגעשטעלט. איך האָב אָבסערווירט די טונקעלע געשטאַלטן, וואָס האָבן פאַרבייגעשוועבט אין דער פינצטער. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך באַמערקט אַ הויכע טונקעלע פיגור, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט פון דער וואָקזאַל־טיר צו מיין ריכטונג. איך האָב איינגעהאַלטן מיין אָטעם. ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז דער זעלבער, וועלכער האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַזויפיל אַנגסט. ער האָט מיך כמעט אָנגערירט מיט זיינע קליידער. אָפּגייענדיק צוויי טריט פון דער נישע, אין וועלכער איך בין געשטאַנען צוגעפּרעסט צום מויער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער פינצטערניש. איך ווייס נישט ווי לאַנג ער איז געשטאַנען, אפשר אַ מינוט און אפשר צוויי, נאָר פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אייביקייט. דאַן האָט ער שפּאַנענדיק זייער לאַנגזאַם זיך געלאָזט ווייטער. ער איז צוגעגאַנגען ביז צום עק פון דער גאַס און האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

איך האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק, כּדי נישט צו פאַרלירן די טונקעלע פיגור פון די אויגן. איך האָב אויף גיך קאַלקולירט: אויב ער וועט זיך לאָזן צוריקגיין מיט דעם זעלבן וועג, איז פאַראַן די געפאַר, ער זאָל מיך באַמערקן. ווען ער זאָל מיך דאָ פּאַקן, באַ־האַלטן אין דער נישע, וואָלט איך מיך אַליין אַרויסגעגעבן און קיין שום תּירוצים וואָלטן שוין נישט געהאָלפן. איך האָב זיך גיך דעציִדירט, בין אַרויס פון דער נישע און האָב זיך געלאָזט גיין גלייך פאַר זיך צום מיטן פּלאַץ, וואָס פאַרן וואָקזאַל. דער פּלאַץ איז געווען פול מיט מונדירטע דייטשן. איך האָב זיך אויסגעמישט מיט זיי און האָב זיך געוואונדערט פאַרוואָס די זעלנער ריידן דאָ עפּעס מיט אַזעלכע שעפּטשענדיקע שטימען. גיך אָבער איז דאָס מיר אויפגעקלערט געוואָרן, ווען איך האָב צווישן זייערע שטימען דערהערט אויך דאָס כיכיקען און וואָרטשען פון פרויען־שטימען. איך האָב זיך אין דער פינצטער געשניטן ווייטער צום אַנטקעגנאַיבער־דיקן טראָטואַר, אויף וועלכן עס איז געפאַלן עפּעס אַ טונקעלער בלויער אָפּשיין פון אַ שטאַרק מאַסקירטער ליכט־שילד פון אַ האָטעל. ערשט דאָ האָב איך דערזען, אַז דער פּלאַץ איז אַן אמתער וויבער־מאַרק. צענדליקער פּראָסטיטוטקעס האָבן זיך דאָ געדרייט, האָבן זיך אָנגעהאָנגען אָן די אָרעמס דאָ פון איין זעלנער, דאָ פון אַ צווייטן. איך בין געגאַנגען ביז צום עק פון פּלאַץ און האָב מיך אַריינגע־דרייט אין אַ פינצטער געסל. אָפּגייענדיק עטלעכע טריט האָט מיך דער אָפּקלאַנג פון מיינע איינענע איינזאַמע טריט דערמאָנט, אַז עס טויג ניט פאַר מיר צו גיין איינער אַליין דורך די שטילע, פינצטערע גאַסן פון דער פרעמדער און פיינדלעכער שטאָט. דאָ ערשט קאָן ווערן אויפפאַלנדיק פאַר עמעצן וואָס איך דריי זיך דאָ אין מיטן דער נאַכט אין די גאַסן. איך בין צוריק אַוועק אויפן פּלאַץ און האָב באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע פאַר מיר וועט זיין זיך אויסצו־באַהאַלטן די עטלעכע שעה אין דער פינצטערניש צווישן די זעל־נער און זייערע גאַסן־פרויען.

אין מיטן פונם פּלאַץ האָט זיך געפונען עפּעס, וואָס איך האָב נישט געקאָנט פעסטשטעלן אין דער פינצטער צי דאָס איז אַ סטאַטוע, אָדער אַ פאָנטאַן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן אַרויסשטאַרצנדיקן קאַרניז פון דעם „עפּעס" און האָב געלאָזט זיך איינהילן אין דער פינצטערניש.

איך האָב זיך געפילט, ווי איך וואָלט נאָר־וואָס געהאַט אָפּ־געטאָן אַ שווערע פיזישע אַרבעט. עס איז געווען אַ מילדע ווינטער־נאַכט. נישט נאָר האָב איך נישט געפילט קיין קעלט, נאָר פאַר־

קערט, עטלעכע מאָל האָב איך געמוזט אָפּווישן דעם שווייס פון מיין שטערן. איך האָב ערשט איצט דערפילט, ווי שטאַרק עס איז געווען מיין פריערדיקע איבערלעבונג און איך בין געווען ביי זיך פולשטענדיק זיכער, אַז איך האָב נאָר־וואָס אויסגעמיטן אַ גרויסע געפאַר. אָבער אויף ווי לאַנג?...

איך האָב געקעמפט מיטן שלאָף און בין אַזוי געזעסן אין אַ האַלבן שלומער, אַליין ניט וויסנדיק ווי לאַנג. איך האָב זיך געפילט אויסגעהוילט פון אַלץ און אַ פאַרפאַלענער אין אַן אומענדלעכן תהום. מיר האָט זיך אין דעם מאָמענט געדאַכט, אַז איך וועל שוין קיין מאָל נישט קאָנען צוריק האָבן מיין נאָרמאַלן געמיט. די איינציקע זאַך, נאָך וועלכער איך האָב איצט געגאַרט, איז געווען — רו. אין מיין האַלב־שלומערנדיקער פאַנטאַזיע האָבן זיך געמאָלן איינזאַמע פאַרבאָרגענע הייזלעך ערגעץ אין ווייטע וויסטענישן, צווישן בוימער, וואָס האָבן מיר אויסגעזען ווי גן־עדנס, אין וועלכע מען קאָן אומגעשטערט שלאָפן, שלאָפן...

איך בין פאַרט איינגעשלאָפן, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך געפונען אויף דער ערד אין בלאָטיקן שניי. איך בין שלאָפנדיק אַראָפּגעפאַלן פון שמאָלן קאַרניז. איין וואַליזקע האָב איך געפונען לעבן זיך און די צווייטע האָב איך, טאַפּנדיק מיט די הענט אין דער פינצטער, געפונען עטלעכע טריט ווייטער אַן איבערגעקערטע. איך האָב מיט שרעק געטראַכט, אַז בשעת איך בין דאָ אַזוי געשלאָפן, האָט מיך יענער פאַרשוין געקאָנט געפינען. איך האָב זיך כּמעט ווי געוואונדערט פאַרוואָס עס איז אַזוי נישט געשען. איך האָב אָנגעהויבן מיר אַליין איינצורײדן, אַז די גאַנצע מעשה האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט, עס איז געווען נאָר אַ פּשוטער פּאַסאַזשיר, פּונקט ווי איך. איך האָב מיר צוגעגעבן מוט און געפּרואווט מיר אומקערן מיין זעלבסט־זיכערקייט און קוראַזש. ווען איך זאָל נאָר קאָנען ווידער איינשטייגן אין צוג, האָב איך געטראַכט, וועט מען זאָל נאָר נישט דאַרפן וואַרטן אַזוי לאַנג אויף די סטאַציעס. איך בין אַריבערגעגאַנגען אויפן טראָטואַר און האָב ביים קאַרגן ליכט־אָפּשיין פון האָטעל־שילד אַ קוק געטאָן אויף מיין זייגער. עס איז געווען צען מינוט צו פיר. עס איז מיר געוואָרן פרייליכער. איך האָב אַליין נישט געוואוסט, אַז איך בין אַזוי פיל צייט אָפּגעזעסן אויף דעם קאַרניז, אָדער אָפּגעלעגן אין דעם בלאָטיקן שניי. איך האָב אָנגעהויבן צו רייניקן מיין מאַנטל און אין דער פינצטער צורעכטצומאַכן מיינע האָר, כּדי אויסצוזען ווי אַ מענטש.

אויפֿן טראָטואַר און אויפֿן פּלאַץ איז נאָך אַלץ אַנגעגאַנגען דער ווייבער־מאַרק. איך האָב מיך איצט רואיקער צוגעקוקט צו די געשטאַלטן. איך האָב באַמערקט צווישן די געפּאַרבטע מיידלעך מאַנכע, וועלכע האָבן אין דער טונקל אויסגעזען אַזוי ווי קינדער. זיי האָבן זיך געהאַנדלט און אַריינגעוואָרטשעט זייערע „ליבעס־דערקלערונגען" צו די מענער, ווען זיי האָבן זיך געוואָלט פֿאַר־קויפֿן אויף אַ וויַיל.

וואַרטנדיק, האָב איך אונטערן שוץ פֿון דער פֿינצטערניש גיך שפּאַצירט הין און צוריק, כּדי צו דערוואַרעמען מיינע גלידער, וואָס זענען איצט געווען פֿאַרשטאַרט. ווידער האָב איך אויפֿגעגריזשעט אַ שטיקל פֿון דעם פֿאַרדאַרטן ברויט, וואָס איך האָב געהאַט אין קעשענע. איך האָב אַנגעטאַפּט מיין שפּייז־אוצר און האָב פֿעסט־געשטעלט, אַז איך פֿאַרמאָג נאָך צוויי סענדוויטשעס, אַחוץ אַן עפּל, וועלכן עס האָט מיר געגעבן אין בערלין דער פֿריינדלעכער מענטש, ווען איך האָב באַזוכט. די מינוטן זענען געקראָכן, אָבער די שעה איז פֿאַרט אַוועק. צען מינוט פֿאַר פֿינף האָב איך מיך פֿאַרקנעפּלט, איך האָב זיך אויסגעגלייכט און בין אַריין אין וואָקזאַל. איך בין גלייך אַוועק צום אַרויסגאַנג און האָב געוויזן דעם פּאָרטער מיין בילעט. ער האָט מיר געזאָגט, אויף וועלכן טראַק מיין צוג וועט זיין און האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן וועגן אַ פֿאַרשפּעטיקונג. אָבער איך בין געווען צופֿרידן וואָס ער האָט מיך אַרויסגעלאָזט. אויפֿן פּעראָן האָב איך געפֿונען אַ קראַן מיט קאַל־טע וואַסער. איך האָב מיר קיין מאָל נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז פּשוטע קאַלטע וואַסער אין אַ ווינטערדיקער נאַכט, קאָן זיין אַזוי געשמאַק, קאָן אַזוי אָפּפֿרישן אַ מענטשן.

דער צוג איז ענדלעך געקומען. איך בין איינגעשטיגן. אין קופּע איז געווען פֿאַרהעלטניסמעסיק וואַרעם. איך האָב מיך מיט פֿאַרגעניגן צוגעטוליעט צום ווייכן געזעס און בין כּמעט גלייך איינ־געשלאָפֿן.

עמעצער האָט מיך געשלעפּט פֿאַרן אַרבל. איך האָב זיך אויפֿ־געכאַפּט און דערזען דאָס שטייפֿע רויטע פּנים פֿון קאָנדוקטאָר. ער האָט געוואָלט מיין בילעט. מיר זענען שוין געווען אַ האַלבע שעה אין וועג. די האַלבע שעה שלאָפֿן אין פֿאַרהעלטניסמעסיקער וואַרעמקייט האָט געמאַכט, אַז מיינע גלידער זענען געווען אַזוי ווי אָפּגעשרויפֿט איינער פֿונעם אַנדערן. אָבער נאָך אַ וויַיל איז פֿאַרט געוואָרן לויטערער אין קאָפּ. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. עס איז געווען פֿרימאָרגן. איך האָב באַמערקט אַן אומאויפֿהער־

לעבע קייט פון מענטשלעכע ישובים. ס'איז געווען וועסטפאַלען, מיט די צאָלרייכע לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען. איך קום פאַרט נאָענט צו דער גרענעץ, האָב איך געטראַכט, און דאָרט וועט זיין — אָדער אַהין, אָדער אַהער.

איך האָב אַרויסגענומען פון מיין וואַליזע די נויטיקע זאַכן און בין אַוועק אין קליינעם טואַלעט זיך ראַזירן. איך האָב לאַנג געריבן דעם שמוץ פון מיינע הענט און האָב מיט פאַרגעניגן גע־לאָזט פליסן דעם שמאָלן שטראָם וואַסער איבער מיין פנים. איך האָב שפּעטער געזען מיין פריש ראַזירט פנים אין שפּיגל און האָב זיך געוואונדערט, וואָס איך זע נאָך אַלץ אויס ווי אַ מענטש...

אַ וואַכער און אַן אָפּגעפרישטער האָב איך איצט באַטראַכט די לאַנדשאַפט אין דרויסן. מיר זענען איצט געפאָרן גענוג לאַנגזאַם און אַלץ אָפטער האָבן מיר פאַרבייגעלאָזט לאַנגע מיליטער־טראַנס־פּאָרטן, וועמענס וואַגאָנעס זענען געווען זאַרגפעלטיק פאַרהאָנגען מיט גרויע ברעזענטן. אין קופּע איז איצט געזעסן בלויז איין אָפיציר, וועלכער האָט מיט קיינעם נישט געשמועסט. די איבעריקע זענען געווען ציווילע פּאַסאַזשירן. אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ גלאַט ראַזירטער מאָגערער מענטש אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט אומ־אויפהערלעך געזויגן זיין ליולקע. לעבן אים איז געזעסן אַן עלטערער דייטש, מיט אַ פּנים פון אַ גוטמוטיקן „אָנקל״, וועלכער האָט גערעדט מיט זיין שכן וועגן היימישע ענינים. ביי מיין זייט איז געזעסן אַ פּאָר־פאָלק, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט זיך. זי איז געווען אַן עלעגאַנט־געקליידעטע יונגע פרוי, וואָס האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק פון אַ דייטשקע. ער איז געווען אַ נידעריקער, פעטסט־געבויטער טונקעלער יונגער מענטש, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ייד. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך דייטש. איך בין געווען זייער נייגעריק צו וויסן ווער זיי זענען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען דייטשע יידן, וועלכע ווילן וואַרשיינלעך אויסוואַנדערן, פּונקט ווי איך. איך האָב אָבער נישט געוואָגט אָנצוקניפּן מיט וועמען עס איז אַ געשפּרעך.

דער טאָג איז געלאָפן און דער צוג האָט זיך געשלעפּט. מיטאָג־צייט בין איך אַוועק אין טואַלעט־צימער און האָב דאָרט ווידער אויפגעגריזשעט איינעם פון די צוויי לעצטע סענדוויטשעס, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, באַנעצנדיק אים מיט דעם נישט געשמאַקן וואַסער, וואָס איז געווען אין קראַן צו וואַשן זיך. דער אָפיציר איז אויסגעשטיגן אויף עפּעס אַ סטאַציע און ביסלעכוויין האָט זיך אָנגעקניפּט אַ געשפּרעך צווישן אַלע ציווילע פּאַסאַזשירן, אַחוץ

מיר. דאָס פאָר־פאָלק, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען ייִדן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר כּשרע „אַריער". ער איז געווען אַן איטאַליענער און זי אַ דייטשקע. זיי זענען געפאָרן פון פראַנקפורט, וואו ער איז געווען אַ פאָרשטייער פון אַן איטאַליענישער רייזע־פירמע און שיפס־געזעלשאַפט. די דייטשן האָבן דעם איטאַליענער געמאַכט קאָמפּלימענטן פאַר זיין גוטן דייטש. ער האָט זיי פאַרזי־כערט, אַז ער קאָן נאָך אייניקע שפּראַכן גאַנץ גוט. זיי האָבן אָנ־געהויבן צו ריידן וועגן די שפּראַך־פעאיקייטן פון פאַרשידענע פעל־קער און נאַטירלעך זענען זיי גלייך אַרויף אויף ייִדן.

מיין אַנטקעגנאיבערדיקער שכן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַרברענטן נאַצי און דערצו נאָך פאַר אַ גאַנצן „געלערנטן". מיט אַ נאַכלעסיקער פּראָפעסאָרישער שטימע האָט ער גערדרשנט וועגן דער „העסלעכער אייגנשאַפט" פון די ייִדן אויפצוכאַפּן פרעמדע שפּראַכן און זיך אַריינצוגנבענען אין פרעמדע פעלקער. דאַן האָט ער אָנגע־הויבן ריידן וועגן דער ראַסן־טעאָריע און וועגן פאַרשידענע בלוט־מישונגען. ער האָט דערציילט, אַז ער איז ערגעץ אַמאָל געווען מיט אַן אויספלוג אויף אַ טראָפּישן אינזל און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די „העסלעכסטע מישונג" איז פון ייִדן מיט נעגערס...

דער איטאַליענער האָט אונטערגעהאַלטן דעם טאָן פון דעם נאַצי. ער האָט דערציילט, אַז פראַנקפורט איז פריער געווען אַ „ייִדישע שטאָט". איצט אָבער איז געבליבן אין פראַנקפורט נאָר אַ קליינע צאָל ייִדן. וואוינונגען — האָט ער דערציילט — זענען איצט צוליב דעם אין פראַנקפורט פאַראַן אַ סך און ביליק.

ביסלעכווייז זענען זיי אַריבער צו ריידן וועגן דער מלחמה. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס איך האָב געהערט אין דייטש־לאַנד ריידן וועגן דער מלחמה אין אַן עפנטלעכן אָרט. דער דייטש האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן איטאַליע אַלס „גוטן פאַרבינדעטן". דער איטאַליענער האָט דאָס באַשטעטיקט. צו מיין איבעראַשונג האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס קעגנער פון דער מלחמה. ער האָט גע־גלויבט, אַז נאָכן ליקווידירן פּוילן קאָן קומען צו אַ פרידלעכן אויסגלייך מיט ענגלאַנד. דער דייטש האָט אין דעם נישט געגלויבט און ער האָט עס נישט געוואָלט. „מיר מוזן, האָט ער געטענהט, פאַרענדיקן, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן. דאָס דייטשע פאָלק האָט אַ מיסיע צו דערפילן פאַר דער מענטשהייט. די מיסיע קאָן דערפילט ווערן נאָר דורך קריג... קיין שום שלום קאָן נישט געבן דייטשלאַנד די נויטיקע העגעמאָניע אין דער וועלט"...

דער נאַצי האָט נאָך אַזוי געדרשנט אין דעם זעלבן זין שעהן לאַנג. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל און קאָנדוקטאָרן זענען ארומגעגאַנגען באַוואָרענען, אַז די פענצטער זאָלן ווערן גוט פאַר־דעקט. דער נאַצי האָט מיט אַ זעלבסט־זיכערן שמייכל געזאָגט:

— זיי מאַכן דאָס נאָר כדי אונז צוגעוואוינען צום קריג. עס וועט קיין מאָל נישט קומען דערצו, אַז מיר זאָלן ווירקלעך באָמבאַרדירט ווערן. אין אָנהויב האָבן מיר זיך געשראָקן דער־פאַר, היינט אָבער ווייסן מיר, אַז קיינער קאָן אונז נישט באָמבאַר־דירן...

די דאָזיקע ווערטער פון דעם נאַצי האָבן מיך געשטאָכן ווי שפּילקעס, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס איך האָב ערשט דאָ אין דייטשלאַנד פעסטגעשטעלט, אַז נאָך אַ קנאַפּן האַלבן יאָר, וואָס עס דויערט שוין די מלחמה, האָט נאָך קיין איין דייטשע שטאָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ לופט־אָנגריף.

עס איז געווען אין אָוונט, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין אָסנאַבּרוק. דאָ האָבן מיר ווידער געדאַרפט טוישן דעם צוג. די דייטשן האָבן זיך געזעגנט און זענען אַרויס די ערשטע. דער איטאַליענער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר און האָט מיך באַטראַכט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיין בליק פאָרשט מיך צי מען מעג מיט מיר ריידן אָדער נישט. איך האָב אים געפרעגט וואוהין ער פאָרט. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער פאָרט קיין בעלגיע דורך האָלאַנד. „עס איז מיין וועג" — האָב איך אים געזאָגט.

מיר זענען צוזאַמען איינגעשטיגן אין וואַגאָן און זענען אַריין אין דער זעלביקער קופּע. מיט אונז זענען אויך איינגעשטיגן דריי הויך־וואוקסיקע מענער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר האָ־לענדער. גלייך ווי דער צוג האָט גערירט, האָבן מיר דערפילט גאָר אַן אַנדער אַטמאָספער אַרום זיך. שוואַרץ מונדירטע דייטשע גרע־נעץ־פּאָליציי האָט זיך געדרייט אין וואַגאָן און האָט אָפט אַריינגעקוקט אין קופּע, באַטראַכטנדיק די פּאַסאַזשירן. פון אָסנאַ־בּרוק אָן האָט זיך שוין געדערכנט די מלחמהדיקע גרענעץ־זאָנע. פון דאַנען אָן האָט קיין שום פּאַסאַזשיר נישט געטאָרט אַרויס־קוקן דורך די וואַגאָן־פענצטער און יעדן פּאַסאַזשיר האָט מען געהאַט אויפן אויג.

מיר זענען אַלע אָנגעפילט געוואָרן מיט דער געשפּאַנטקייט פון אַריבערקומען די נאַצישע גרענעץ־קאָנטראָל, וואָס האָט זיך אייגנטלעך שוין אָנגעהויבן, הגם מיר האָבן נאָך געהאַט עטלעכע שעה רייזע ביז צו דער גרענעץ. דאָס דאָזיקע באַוואַכן אונז דורך

דער נאַצישער פּאָליציי האָט אויף אונז געדריקט. די האָלענדער האָבן גערעדט צווישן זיך שטיל, שיטנדיק שנעל האָלענדישע ווער־טער, צווישן מיר און דעם איטאַליענער האָט זיך קיין געשפּרעך נישט געקלעבט. בלויז זעלטענע פראַגן און זעלטענע ענטפערס וועגן דער רייזע גופא.

די מידקייט און שלעפעריקייט האָבן זיך איצט פון מיר אָפּ־געטאָן. איך דערנענטער זיך צו דעם פּונקט וואָס דאַרף באַשטי־מען מיין גורל. וועלן מיך די דייטשן אַרויסלאָזן? און וועלן מיך די האָלענדער אריינלאָזן? איך האָב מיר געפּרואווט איינרעדן, אַז אַלץ וועט גיין גוט. איך האָב שטילערהייט נאָך אַמאָל באַטראַכט מיינע רייזע־פּאַפּירן און האָב מיר אין געדאַנק דורכגעשטודירט אַלע ענטפערס און אויפקלערונגען וואָס איך זאָל געבן בשעתביידע גרענעץ־קאָנטראָלעס. זאָלן מיך נאָר די דייטשן אַרויסלאָזן, האָב איך געטראַכט, מיט די האָלענדער וועל איך מיר שוין אַן עצה געבן. אין ערגסטן פאַל וועלן זיי מיך אַרעסטירן און וועלן מיר געבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרבינדן מיט מיינע פריינד אין דער וועלט און אין האָלאַנד גופא. אָ, איך וועל זיכער אַרויסקומען, די האָלענדער וועלן נישט זיין אַזוי שלעכט, כדי מיך גלייך צוריקצושיקן קיין דייטשלאַנד. אַזוי האָב איך געטראַכט...

איך האָב אָנגעקניפּט אַ געשפּרעך מיט די דריי האָלענדער. זיי זענען געווען גוטמוטיקע און פריינדלעכע מענטשן און האָבן מיר פּילדייטיק צוגעזאָגט אַ גוטן אָפּרו אין האָלאַנד. זיי זענען גע־וואָרן נאָך פריינדלעכער צו מיר, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך פאָר פון וואַרשע. מיר זענען איצט געפאָרן ווי איין קאָמפּאַניע, שמועסנדיק צווישן זיך פון צייט צו צייט אין דער שטיל.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען קיין בענטהיים. די לעצטע דייטשע סטאַציע ביי דער האָלענדישער גרענעץ. די שוואַרץ־מונ־דירטע דייטשע פּאָליציי־לייט זענען געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג פון וואַגאָן און האָבן אַזוי ווי געציילט יעדן פון אונז. שווייגנדיקע זענען מיר אַריין אין דער געביידע, וואו עס קומט פאָר די גרענעץ־קאָנטראָל. איך האָב דערזען די פאַרשוינען אין די געסטאַפּאָ־מונ־דירן, וועלכע האָבן ווי באַלעבאַטים מושטירט די פּאַסאַזשירן, אויס־שטעלנדיק זיי אין אַ ריי ביי אַ נידעריקן קאָנטואַר, אויף וועלכן מען האָט אוועקגעלייגט דאָס האַנט־געפּעק. איך האָב זיך געשטעלט אין דער ריי און האָב געקוקט פאַר זיך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. אָבער איך האָב זיך באַמיט צו זיין רואיק און באַהערשט. נאָר זיכער, האָב איך מיר אַליין געזאָגט, נאָר נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך.

נאָך איין האַלבע שעה איבערצוקומען און איך וועל זיין פריי...
שפּרייזנדיק לאַנגזאַם ביי דער ריי פון אויסגעשטעלטע פּאַ־סאַזשירן און קוקנדיק יעדן אין פּנים אריין, האָט אַ נידעריקער, יינגער, בלוי־מונדירטער געסטאַפּאָ־מאַן זיך דערנעענטערט צו מיר.

8. אויף פרייער האָלענדישער ערד...

דער מונדירטער געסטאַפּאָ־באַאַמטער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר. ער האָט אַ ווייל געקוקט מיר אין פּנים און דאַן גע־בעטן מיינע פּאַפּירן. ער האָט געבלעטערט מיין פּאַס, אריינגעקוקט אין מיין „פּאַסיר־שיין" און האָט ווידער אויף מיר שאַרף אַ קוק געטאָן.

— זינט זי אַריער?

— ניין, איך בין — יודע.

— הערצוסטרעטען! — האָט ער מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט, — וואַרטן זי היר ביז צו ענדע.

ער האָט נאָך אַמאָל באַטראַכט מיינע פּאַפּירן, האָט מיך גע־פרעגט וואוהין איך פאָר. באַקוקנדיק מיין האָלענדישע וויזע, האָט ער מיט אַ פאַראַכטלעך שמייכעלע אַ זאָג געטאָן: „די האָלענדער וועלן דאָך אייך גאָר נישט אריינלאָזן". ער האָט מיר צוריקגעגעבן די פּאַפּירן און באַפעלנדיק מיר צו וואַרטן אויף דעם פּלאַץ, איז ער אַוועק.

די ריי פאַר מיר האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט. איך האָב גע־קוקט ווי דער זעלבער געסטאַפּאָ־באַאַמטער, וועלכער איז ווייזט אויס דאָ געווען דער אָנפירער, האָט גענוי בודק געווען די פּאַפּירן פון יעדן פּאַסאַזשיר. איך האָב באַמערקט, ווי אונטערטעניק די פּאַסאַ־זשירן ענטפערן אויף פראַגעס, ווי זיי צעשפּרייטן די הענט און קלערן אויף עפּעס. אַן אַנדער געסטאַפּאָ־באַאַמטער האָט די פּאַסאַ־זשירן באַזוכט, באַטאַפּט אין די קעשענעס, מאַנכע פון זיי האָט מען אריינגענומען אין אַ באַזונדער שטיבל פאַר אַ גרינטלעכער אונטער־זוכונג. דעמאָלט איז דער עלטסטער פון דער געסטאַפּאָ פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט זיי הינטער דער טיר, וואָס האָט אַלעמען געשראָקן.

די וואָס זענען אַדורכגעקומען די קאָנטראָל און אונטערזוכונג האָבן געמוזט אַדורכגיין דריי אַנדערע מונדירטע געסטאַפּאָ־לייט, וועלכע זענען געזעסן ביי טישלעך מיט גראָבע ביכער און פּאַפּירן. דער ערשטער האָט פאַרגליכן דעם נאָמען פון יעדן פּאַסאַזשיר צו די נעמען, וועלכע ער האָט געהאַט פאַרשריבן אין אַ דיקן בוך. דאָס

זענען וואַרשיינלעך געווען נעמען פון פאַרדעכטיקע דייטשן און אויסלענדער, וועלכע די געסטאַפּאָ זוכט אַרום. בײַ אַ צווייטן טיש האָט אַ געסטאַפּאָ־באַאַמטער געשטעלט פאַרשידענע פראַגן און פאַרשריבן די ענטפערס אין אַ בוך. בײַ אַ דריטן טיש האָט אַ דריטער געסטאַפּאָ־מאַן ווידער געשטעלט פראַגן, אַרײַנגעשריבן די נעמען און אַנדערע פּערזענלעכע דאַטן, און ער האָט ערשט געגעבן די דערלויבעניש אַריבערצוגיין אויף דער אַנדער זײַט, וואו אַ טיר האָט געפירט צו דער פּלאַטפאָרמע, בײַ וועלכער אַ צוג האָט שוין געוואַרט אָפּצופירן די פּאַסאַזשירן צו דער האָלענדישער גרענעץ־סטאַציע אָלדענזאַאַל.

איך האָב מיט בענקשאַפט געקוקט צו יענער טיר, וואָס האָט מיר אויסגעזען אומדערגרייכבאַר. פאַר מיר האָב איך נאָך געהאַט די גאַנצע פּראָצעדור פון דער געסטאַפּאָ־קאָנטראָל און איך האָב ניט געוואוסט, ווי זי וועט אויספאַלן. איך האָב געהאַט אַ גרונט זיך צו שרעקן פאַר איר. איך האָב געקוקט ווי די ריי פון מענטשן פאַר מיר איז אַלץ קלענער געוואָרן און איך האָב מיך געשראָקן פאַר דעם מאָמענט, ווען איך וועל בלײַבן דער לעצטער און איינער אַליין מיט די געסטאַפּאָ־לײַט. איך האָב געזען ווי דער איטאַליענער מיט זײַן ווײַב זענען לײַכט און העפלעך באַהאַנדלט געוואָרן בײַ דער קאָנטראָל. דער איטאַליענער האָט, אַרויסגייענדיק פון יענער טיר, וועלכע איז פאַר מיר אין דעם מאָמענט געווען דער סימבאָל פון פרײַהייט, אַ ווינק געטאָן צו מיר, אַז ער וואַרט, מיר זאָלן ווידער זיך זעצן אין איין וואַגאָן. איך האָב געזען, ווי די געסטאַפּאָ־לײַט האָבן זיך עפּעס לאַנג געאַמפּערט מיט איינעם פון די דרײַ האָלענדער, זיי האָבן אים אַרײַנגענומען אין דעם ספּעציעלן שטיבל פאַר אַ גענויער רעוויזיע. ער איז געווען זייער בלאַס און צעשראָקן.

דאָס באַזוכן דעם האָלענדער האָט געדויערט זייער לאַנג. די לעצטע פּאַסאַזשירן זענען שוין אַדורך די קאָנטראָלע. אין צימער איז מער קיינער נישט געבליבן אַחוץ מיר. איך בין געשטאַנען פון דער ווײַטנס, אויף דעם אָרט וואו דער עלטסטער געסטאַפּאָ־מאַן האָט מיך געהייסן וואַרטן. די געסטאַפּאָ־באַאַמטע האָבן מיך פון ווײַטן אַ פרעג געטאָן ווער איך בין און וואוהין איך פאָר. איך בין צוגעגאַנגען און האָב דעם ערשטן דערלאַנגט מײַנע פּאַפּירן. ער האָט זיי לאַנג און גענוי באַטראַכט. אויך ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן צי איך בין אַן „אַריער". נישט געפינענדיק אין מײַן פּאַס די געוויינלעכע דייטשישע אויסרייזע־וויזע („אויסרייזע־זיכט־פערמערק"),

האָט ער מיך פאַרוואונדערט אַ פרעג געטאָן, אויף וועלכן סמך איך פאַר אַרויס. איך האָב אים אָנגעוויזן אויף דעם פאַסיר־שיין וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. ער האָט דאָס גענוי באַטראַכט, באַקוקט די שטעמפּלען פון „גענעראַל־גאָווערנעמענט", פון דער וואַרשעווער געסטאַפּאָ, און איך האָב געזען, אַז דאָס האָט אים באַרואיקט. ער האָט מיר געפרעגט וואָס איך פיר מיט זיך, צי האָב איך ווערט־זאַכן, ווערט־פּאַפּירן, געלט, דאָקומענטן. ער האָט אויבערפלעכלעך באַטאַפּט מיינע קליידער און קעשענעס, געהייסן אַרויסלייגן אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג ביי זיך. איך בין געוואָרן רואיקער, ווייל איך האָב באַמערקט, אַז ער טוט דאָס אַלץ אויף אַ רוטינעם און פאָרמעלן אופן. דאָס איז געווען אַ יינגער מענטש. איך האָב געזען, אַז ער איז מיד און וויל דאָס וואָס גיכער אָפּפּטרן. איך בין אַרויס פון זיינע הענט און בין צוגעקומען צום ערשטן געסטאַפּאָ־מאַן ביים טישל מיטן דיקן בוך פון פאַרדעכטיקע. איך האָב מיך איצט גע־שראָקן פאַר צוויי זאַכן: טאַקע פאַר אָט דעם בוך, ווער ווייסט צי מיין נאָמען געפינט זיך נישט דאָרטן? און איך האָב מיך אויך געשראָקן פאַר דעם עלטסטן פון די געסטאַפּאָ־לייט, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען פאַרנומען מיטן האָלענדער אין דעם פאַרמאַכטן שטיבל, ער זאָל נישט אַרויסקומען און אָנהויבן מיט מיר דעם פאַרהער פונדאָסניי.

דער געסטאַפּאָ־מאַן האָט געהאַלטן מיין פּאַס אין האַנט און האָט געבלעטערט דאָס געפערלעכע בוך. נישט אויפהויבנדיק די אויגן פון דעם בוך, האָבן זיך פון זיין מויל געשאָטן פראַגן: ווער בין איך? וואוהין פאָר איך? צי בין איך שוין אַמאָל געווען אין דייטשלאַנד? צי בין איך שוין אַמאָל געווען אין אַנדערע לענדער? פאַרוואָס פאָר איך אַוועק פון דאַנען? ווען האָב איך אין האָ־לאַנד? וואָסערע פאַרבינדונגען האָב איך בכלל מיט אויסלאַנד? א.א.וו. די פראַגן האָבן זיך געשאָטן שטיל און אַזוי ווי צופעליק, ווייל ער איז דערביי כלומרשט געווען פאַרטיפט אין דעם שוואַרצן בוך וואָס ער האָט געבלעטערט. אָבער איך האָב געפילט, אַז מיין יעדער ענטפער ווערט גענוי פאַרנאָטירט און קאָנפראָנטירט מיט די אַנדערע ענטפערס, וואָס איך האָב שוין געגעבן אויף פריערדיקע פראַגן. פונדעסטוועגן האָב איך געענטפערט פריי, נישט טראַכטנדיק לאַנג. עפּעס איז די אַטמאָספער דאָ געווען אַ סך אַ לייכטערע, ווי אין אַנדערע ערטער, וואו איך האָב מיך באַגעגנט מיט דער געסטאַ־פּאָ. איך בין געווען כמעט זיכער, אַז איך וועל דורכגיין, די מאַ־גישע טיר, וואָס פירט אַרויס עטלעכע טריט ווייטער פון דאַנען, וואו

די געסטאַפּאָ האָט שוין מער קיין שליטה נישט, האָט מיר פאַרט אָנגעהויבן אויסצוזען דערגרייכבאַר.

ענדלעך האָט מיך דער מאַן מיטן שוואַרצן בוך אָפּגעלאָזט. מיינע פּאַפּירן האָבן אַריבערגעוואַנדערט צום צווייטן און איך צו־זאַמען מיט זיי. אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר פון דעם קליינעם שטיבל. צוערשט איז אַרויסגעקומען דער נידעריקער עלטסטער פון די געסטאַפּאָ־לייט און האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ בליק פון אַ באַלעבאָס. נאָך אים איז אַרויסגעקומען דער האָלענדער אַ רויטער אויפן פּנים, אַ דענערווירטער און אַ שטאַרק צעטראָגענער. שטייענדיק אין טיר, האָט ער מיט נערוועז ציטערנדיקע פינגער פאַרקנעפּלט זיינע קליידער.

דער קליינער געסטאַפּאָ־מאַן האָט מיט אַ טעאַטראַלישן זשעסט אויסגעצויגן צו מיר די האַנט מיטן אָנגעשפּיצטן ווייז־פינגער:

— זי, קאָמען זי הער!

די מאַגישע טיר פון פרייהייט איז אין מיין באַוואוסטזיין פּלוצלונג ווידער אוועקגעשוואומען מיילן ווייט. איך בין צוגעגאַנגען און געבליבן שטיין פאַר אים אַן אויסגעגלייכטער און אַ הילפלאָזער, אָנגעווייזן אינגאַנצן אויף זיין גנאָד. אַ לאַנגע ווייל איז ער אַזוי געשטאַנען האַרט לעבן מיר, אַן אויסגעצויגענער ווי אַ סטרונע און האָט מיר געקוקט אין פּנים אַריין מיט אַ „שטאַרקן" בליק.

— אונד זי זינט יודע, ניכט וואַר?

ער האָט דאָס אַרויסגעזייט דורך די ציין.

ווידער האָט ער מיר לאַנג און „שטאַרק" געקוקט אין די אויגן אַריין, האַלטנדיק זיין פּנים האַרט ביי מיינעם. געלאַסן האָט ער אויס־געצויגן אַן אָפענע האַנט:

— אירע ווערט־זאַכן !... — האָט ער באַפוילן.

— איך האָב נישט קיינע. — האָב איך געענטפערט אין אַ רואיקן טאָן.

זיין האַנט איז נאָך אַלץ געווען אויסגעשטרעקט פאַר מיר און אַזוי ווי ער וואָלט נישט געהערט מיין תשובה האָט ער איבערגע־חזרט :

— אירע ווערט־זאַכן!...

ווידער האָב איך אים געענטפערט, אַז איך האָב נישט מיט זיך קיין שום ווערט־זאַכן. „געלט?" — איך האָב נישט קיין געלט. — „האָבען זי גאַר קיינע ווערט־פּאַפּירע מיט זיך?" ווידער האָב איך געלאַסן געענטפערט, אַז איך האָב מיט זיך גאָרנישט און אַז איך בין שוין דאָ אונטערזוכט געוואָרן. איך האָב מיך געשראָקן, אַז

ער וועט מיך אריינפירן אין דעם באַזונדערן שטיבל, וואו אין דער טיר איז געשטאַנען אַ הויכער געסטאַפּאָ־מאַן מיט רויטע גרויסע הענט.

דער געסטאַפּאָ־מאַן, וועלכער האָט אויף מיר פריער געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איילט זיך, און וויל וואָס גיכער פּטור ווערן פונם גאַנצן עסק, איז צוגעקומען און האָט עפּעס אין אויער אריינגערוימט דעם עלטסטן. יענער האָט אים שטילערהייט געשטעלט עפּעס אַ פראַגע, און באַקומענדיק די תשובה, האָט ער מיר ווידער, אריינקוקנדיק שאַרף אין די אויגן, אַ זאָג געטאָן:

— האָבען זי ווירקליך גאַר ניכטס?

דאַן האָט ער באַפוילן מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט קאָמאַנדירט מינדעסטן מיט אַ קאָמפּאַניע זעלנער:

— געהען זי דאָרט הין! — און ער האָט מיר אָנגעוויזן צו די טישלעך מיט די געסטאַפּאָ־לייט.

איך האָב אויסגעמיטן דעם ערשטן, ביי וועלכן איך בין שוין געווען, דער צווייטער האָט מישנדיק די בלעטער פון זיין בוך ווידער מיך באַשאָטן מיט פראַגן. אַ סך פון די פראַגן זענען געווען די זעלבע, וואָס עס האָט מיר געשטעלט דער ערשטער, און איך האָב מיך באַמיט צו געבן די זעלבע ענטפערס. ער האָט עפּעס נאָטירט אין זיין בוך, איבערגעחזרט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די זעלבע פראַגן און ענדלעך האָבן מיינע פּאַפּירן איבערגעוואַנדערט צום דריטן געסטאַפּאָ־מאַן. דער איז געווען אַ יינגער מענטש מיט „אַ סימפּאַטיש פּנים".

דער האָט מיר ווידער געשטעלט פראַגן. צוערשט האָט ער די אויגן געהאַלטן פאַרשטעקט אין זיין בוך. אָבער עפּעס איז וואַרשיינלעך געווען אין מיין טאָן, וואָס האָט אים געצוואונגען אויפצוהייבן די אויגן. אַ ווייל האָט ער שטייענדיק געקוקט אויף מיר און דאַן האָט אויף זיין פּנים זיך צעגאָסן אַ לייכטער שמייכל, אַ מענטשלעכער, פּשוטער שמייכל... איך האָב געטראַכט: „דער דאָזיקער מענטש אין דעם געסטאַפּאָ־מונדיר, וועמעס אויפגאַבע עס איז צו פּייניקן און מאָרדן, האָט דאָך פאָרט אַ מענטשלעך און סימפּאַטיש פּנים. צי וואָלט ער מיך מיט דעם זעלבן שמייכל געקאָנט אויך פּייניקן?"... — איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, אַז אויף דער דאָזיקער פראַגע וועט מיר באַשערט זיין צו באַקומען אַן ענטפער מיט אַ צוויי וואָכן שפּעטער. איצט אָבער האָב איך מיט דערלייכטערונג געזען, ווי די איבעריקע געסטאַפּאָ־לייט זענען צוזאַמען אַרויס פונם וואָקזאַל און איך בין געבליבן מיט דעם דאָ־

זיקן כמעט אַליין, ווייל אחוץ אונז האָבן זיך נאָך געפונען די באַגאַזש־באַאמטע און צוויי מענטשן אין ציוויל־קליידער, וועלכע איך האָב אָנגענומען אַלס באַן־באַאמטע. איצט האָט דער געסטאַפּאָ־באַאמטער אויפגעהערט מיר צו שטעלן סתם פראַגן, ער האָט געפרעגט מיין נאָמען, עלטער, געבורטס־אָרט א.א.וו. און האָט דאָס אַלץ אריינגעשריבן אין זיין בוך. און אַזוי שרייבנדיק האָט ער מיך פלוצלונג א פרעג געטאָן אין א שטילן מענטשלעכן טאָן מיט א נאָטקע פון מיטגעפיל:

— און זענט איר צופרידן וואָס איר קריגט זיך אַרויס פון דאַנען?...

איך האָב נישט געוואָלט גלויבן מיינע אויערן, הגם אין זיי האָבן דייטלעך געקלונגען די דייטשע ווערטער: „זינט זי פראָה, דאָס זי הערראוסקאָמען?" איך האָב געשוויגן און ער האָט אויפהויבנדיק די אויגן איבערגעחזרט מיט א שמייכעלע זיין פראַגע. איך האָב נישט געוואוסט צי איז דאָס אַן אויפריכטיקע מענטשלעכע רעאַקציע, אָדער איז דאָס א מעטאָד אַזא, א מין נעץ, וועלכע מען שפּרייט פאַר מיר אויס אין דער לעצטער מינוט. איך האָב געזאָגט: „איך ווייס נישט ווי צו ענטפערן אויף דער פראַגע". ער האָט אין דעם זעלבן טאָן ווייטער געפרעגט:

— אונד ווערדען זי זעהר שימפען?...

איצט בין איך שוין געווען זיכער, אַז דאָס איז א מעטאָדע, א נעץ, וואָס מען שפּרייט פאַר מיר, מיט א מענטשלעך שמייכעלע אויף די ליפּן. איך האָב געענטפערט:

— איך פערזענלעך האָב נישט קיין גרונט צו שימפן...

ער האָט שטיל א לאַך געטאָן און האָט מיר דערלאַנגט מיינע פּאַפּירן:

— גליקלעכע רייזע...

איך האָב איצט אַפילו נישט באַמערקט, ווען איך בין אַרויס דורך דער טיר, צו וועלכער איך האָב אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי שעה אַזוי שטאַרק געבענקט. דאָס פּנים פון דעם לעצטן געס־טאַפּאָ־מאַן, זיין מענטשלעכער שמייכל און זיין מענטשלעכער, אַזוי ווי מיטפילנדער טאָן האָבן א לאַנגע צייט געשוועבט פאַר מיר ווי א רעטעניש. ביז איצט ווייס איך נישט, וואָס דאָס איז געווען: צביעותדיקע ראַפינירטע מעטאָדע, צי טאַקע אויפריכטיקע מענטש־לעכקייט?

אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן איז געשטאַנען א האַלענדער און האָט צו מיר געוואונקען מיט דער האַנט. דער צוג האָט שוין

געדאַרפֿט אָפּגיין און מײַנע רײַזע־קאָמפּאַניאָנען, באַזונדערס די האָלענדער זענען שוין געווען שטאַרק אומרואיק פֿאַרוואָס מען האַלט מיך אַזוי לאַנג. מיר זענען ווידער געזעסן אַלע צוזאַמען אין אַ קלײנער קופּע. דער צוג האָט געריִרט. אין דעם זעלבן מאָמענט איז אין אונזער קלײנער קופּע אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע פֿרײַ־לעכקייט און באַרעדעוודיקייט. באַזונדערס האָבן זיך געפֿרייט די האָלענדער און ספּעציעל דער וואָס איז אַזוי לאַנג אונטערזוכט גע־וואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. ער האָט נישט געקאָנט אײַנזיצן אויף אָן אָרט, ער האָט ממש געטאַנצט און געשפּרונגען, איבערחזרנדיק כּסדר: „מיר זענען פֿרײַ", „מיר זענען אין האָלאַנד", „מיר זענען ענדלעך אַרויס פֿון דעם חזיר־לאַנד", „מיר זענען אין האָלאַנד", „מיר זענען אין האָלאַנד"!...

פֿון זײַן אויפֿפֿירונג און פֿון דער אויפֿפֿירונג און רייד פֿון די איבעריקע האָלענדער, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער ווע־מען מען האָט לאַנג אונטערזוכט, האָט געהאַט עפּעס אַ גרונט מורא צו האָבן, ער האָט מיט עפּעס אָפּגענאַרט די געסטאַפּאָ. יעדער האָט איצט אָנגעהויבן דערציילן זײַנע דערפֿאַרונגען אין דײַטשלאַנד, מען האָט געחוזקט פֿון די מנהגים, פֿון דער שטײַפֿקייט און אָנגע־צווינגנקייט און פֿון די באַרימערייען פֿון די דײַטשן. אויך דער אי־טאַליענער און אַפֿילו זײַן דײַטשע פֿרוי האָבן געהאַט וואָס צו דער־ציילן. די פֿרייד איז געווען אַן אַלגעמיינע. מען איז פֿרײַ, מען האָט נישט מער וואָס מורא צו האָבן פֿאַר דער געסטאַפּאָ...

דערוויסנדיק זיך, אַז פֿון דער האָלענדישער גרענעץ־סטאַציע אָלדענזאַאַל האָבן מיר נאָר אַ צוג ביז אַ נאָענטער קלײנער שטאָט, וואו מען דאַרף וואַרטן ביז אײַנדערפֿרי אויף אַ ווײַטערדיקן צוג קיין אַמסטערדאַם, האָב איך מיט זאָרג פֿאַרטרויט, אַז איך בין אײַנגאַנצן אָן געלט, איך וועל אַפֿילו נישט האָבן אויף קיין האָטעל. איך האָב געפֿרעגט צי קאָן מיר אפֿשר עמעצער פֿון זיי באָרגן עט־לעכע האָלענדישע גולדן, ביז איך וועל אין אַמסטערדאַם באַקומען טעלעגראַפֿיש געלט פֿון מײַנע פֿרײַנד אין בעלגיע? אַלע דרײַ האָ־לענדער זענען אויפֿגעשפּרונגען מיט גרייטקייט מיר אַרויסצוהעלפֿן.

איך בין געווען אַזוי מיד, אַז איך בין נישט אימשטאַנד גע־ווען פֿולשטענדיק מיטצומאַכן די אַלגעמיינע פֿרייד. איך האָב איצט מער נישט מורא געהאַט פֿאַר דער האָלענדישער גרענעץ־רעוויזיע. איך בין געווען ביי זיך זיכער, אַז די האָלענדער וועלן מיך דורכ־לאָזן. אַלנפֿאַלס האָב איך נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז זיי קאָנען מיך צוריקשיקן קיין דײַטשלאַנד. אַ מידער און אויסגעשעפּ־

טער, האָב איך איצט שטילערהייט אין זיך איבערגעלעבט דאָס וואונדערבאַרע געפיל: איך בין פריי... די נעגל פון דער געסטאַפּאָ וועלן מיך מער נישט דערגרייכן... איך בין פריי... אַזוי ווי זיך אַליין צו איבערציינן, אַז דאָס איז טאַקע אמת, האָב איך אויפן קול איי־בערגעחזרט פאַר זיך די ווערטער: „איך בין פריי"...

איך האָב איצט ממש נישט געהאַט קיין כּוח מיט קיין אבר קיין ריר צו טאָן. מיט אויסגעשטרעקטע פיס פאַר זיך און מאַכט־לאָז אַראָפּגעהאָנגענע הענט, האָב איך מנוחהדיק געגאָסן די פריי־הייט און זיך געקוויקט מיט דעם געדאַנק, אַז נאָך אַ ביסל און איך וועל קאָנען אָנעסן זיך צו דער זאַט... און איך וועל קאָנען זיך אויסציען אין אַ ווייך קלאָר בעט... נאָך מיט צוויי שעה פריער האָבן די דאָזיקע זאַכן אויסגעזען פאַר מיר, ווי נישט רעאַלע פאַנטאַזיעס.

מיין מידקייט האָבן די האַלענדער אָנגענומען ווי אַ טרויע־ריקייט. אַלע דריי האָבן זיי אויף מיר אַ פליִיץ געטאָן אַ שטראָם פרייִדיקע רייד. איך זאָל נאָר נישט זאָרגן... איצט האָבן זיך אַלע צרות פאַר מיר פאַרענדיקט... זיי וועלן מיר באָרגן געלט. איך וועל ווידער זיין צווישן מענטשן, איך וועל מיך טרעפן מיט מיינע פריינד, נאָר איך זאָל נישט זאָרגן.

איך האָב מיט פרייד צוגעשטימט צו אַלץ, וואָס זיי האָבן מיר געזאָגט. עס איז געווען אַזוי גוט צו פילן אַרום זיך מענטש־לעכע גוטסקייט נאָך דער אַטמאָספער פון בעסטיאַליטעט און שפלות, אין וועלכער איך האָב אַ האַלב יאָר פאַרבראַכט, אַז איך האָב נישט געקאָנט איינהאַלטן מיין סענטימענטאַליטעט. אויב עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי גליק, בין איך אין יענעם מאָמענט געווען גליקלעך. איך האָב אין זיך שטילערהייט געגאָסן דאָס דאָזיקע גליק און די איינדרוקן פון די פאַרגאַנגענע טעג האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצושיילן פון מיר.

די רייזע פון בענטהיים ביז אַלדענזאַאל האָט געדויערט נאָר אַ צוואַנציק מינוט. אין מיטן פון אונזער טומלדיקער פרייד האָט זיך דער צוג געשטעלט. נאָך אַלץ אין אַ פריילעכער און רוישיקער שטימונג זענען מיר אַלע אַראָפּ פון וואַגאָן און האָבן זיך געלאָזט צום וואָקזאַל, וואו אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ ציוויל־געקליי־דעטער האָלענדישער באַאַמטער און האָט קאָנטראָלירט די פּעסער פון די פּאַסאַזשירן. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי פאַר דער טיר.

עטלעכע מינוט שפּעטער איז מיין גליק געווען געענדיקט.

9. דער וועג צוריק

פריילעכע האָבן די האָלענדער דערלאַנגט דעם גרענעץ־באַאַמטן זייערע פּעסער, זיי האָבן עפּעס צו אים גערעדט, ער האָט זיי געענט־פערט און אַלע צוזאַמען האָבן זיי געלאַכט. אינעווייניק אין וואַק־זאַל זענען געווען נאָך אַנדערע האָלענדישע גרענעץ־באַאַמטע אין ציוויל־קליידער, זיי זענען געווען פּשוט און מענטשלעך אין זייער באַנעמונג. אפילו די האָלענדישע גרענעץ־זשאַנדאַרן אין זייערע אַ ביסל קאָמישע און אָפּערן־אַרטיקע הויכע קאַסקעס מיט די פעדערן אויף די קעפּ, האָבן ליבלעך געשמייכלט צו די מענטשן. נאָך דער שטייפער אָנגעצויגנקייט און שטרענגער אָפיציעלקייט פון די דייטשע באַאַמטע, האָט די פּשוטע און אומגעקינצלטע אַטמאָספער דאָ גע־שאַפן אַן אָנטשפּאַנונג. איך בין צוגעקומען צום גרענעץ־באַאַמטן מיט דעם געפיל וואָס מען מוז האָבן, ווען מען דערזעט דאָס ערשטע מאָל אַ מענטשלעכע צורה, נאָכדעם ווי מען איז מאָנאַטן לאַנג אָפּ־געווען אויף אַ וויסטן אינזל ערגעץ צווישן חיות און בייזע כוחות. דער באַאַמטער איז געווען אַ מיטליעריקער מענטש מיט שוואַרצע וואָנסעלעך. ער האָט צו מיר געשמייכלט פּשוט און מענטשלעך, איך בין געווען גרייט אים אַרומצונעמען פאַר ליבשאַפט און פרייד. אַ פריילעכער האָב איך אים דערלאַנגט מיין פּאַס. ער האָט אַ וויילע גע־בלעטערט, אַריינגעקוקט אין די שטעמפּלען, געשטעלט מיר אייניקע פראַגן, און דאַן זענען פון די זעלבע ליפּן, וואָס האָבן אַזוי מענטשלעך געשמייכלט, געפאַלן דריי ווערטער בלויז, וועלכע האָבן פאַר מיר באַדייט דאָס זעלבע, וואָס אַ טויט־אורטייל:

— איר מוזט צוריקפאָרן...

מיין צונג איז אַזוי ווי געליימט געוואָרן. אַ רגע האָב איך נישט געקאָנט אַרויסריידן קיין וואָרט. ער האָט געמוזט באַמערקן וואָס מיט מיר קומט פאָר, ווייל ער האָט מיט אַ טרייסטנדיקן טאָן גע־נומען ריידן צו מיר:

— באַרואיקט אייך נאָר, עס איז נישט קיין אומגליק. איר האָט דאָך נאָר אַ טראַנזיט־וויזע דורך האָלאַנד, וואוהין פאָרט איר אייגנט־לעך?

— קיין בעלגיע.

— און וואו האָט איר די בעלגישע וויזע?

— איך וועל זי באַקומען אין אַמסטערדאַם. אין וואַרשע איז פאַר מיר נישט מעגלעך געווען זי צו קריגן.

— און האָט איר עפּעס אַ באַוויז, אַ בריוו, אָדער אַן אַנדערע באַ־שטעטיקונג, אַז אין אַמסטערדאַם וועט איר קריגן אַ בעלגישע וויזע?

— ניין, דאָס האָב איך נישט געקאָנט האָבן, אָבער איך פאַר־זיכער אייך, אַז איך וועל אין האָלאַנד פאַרברענגען נאָר עטלעכע טעג.

— איר מוזט צוריקפאָרן...

די גרויליקייט פון די דאָזיקע ווערטער איז פּלוצלונג מיט דער גאַנצער שאַרפקייט דערגאַנגען צו מיין באַוואוסטזיין. איך האָב דערזען פאַר די אויגן די געסטאַפּאָ־באַאַמטע און דעם גאַנצן שווי־דערלעכן תהום פון נאַצי־דייטשלאַנד, אין וועלכן מען וויל מיך ווי־דער אַריינשליידערן אויף פולשטענדיקער הילפלאָזיקייט און אומקום. מיין גאַנצע איבערצייגונגס־קראַפט האָב איך אַריינגעלייגט אין די ווערטער:

— מענטש, פאַרשטייט איר נישט, אַז איר שיקט מיך צום טויט? ווי קאָנט איר מיך שיקן צוריק נאָכדעם ווי איך האָב קוים דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג אַהער? זעט איר נישט, אַז אייער קאָנסול אין וואַרשע האָט געהאַלטן פאַר נויטיק מיר צו העלפן? ער האָט מיר געגעבן אַ וויזע. טוט דאָס נישט, שיקט מיך נישט צו־ריק, נעמט אַן אַנדערע מיטלען, פאַרזיכערט אייך אויף יעדן אַנדערן אופן, אַז איך וועל אין האָלאַנד נישט בלייבן, נאָר שיקט מיך נישט צוריק צו אַ זיכערן טויט.

ער האָט מיך אַ רגע באַטראַכט און האָט מיך געפרעגט:

— קענט איר פערזענלעך דעם האָלענדישן קאָנסול אין וואַרשע?

— יאָ.

— האָט ער אייך אַליין געגעבן די וויזע?

—יאָ.

— ער האָט דאָך געוואוסט, אַז ער טאָר אייך קיין וויזע נישט געבן אָן דעם הסכם פון דער האָלענדישער רעגירונג. האָט ער אייך נישט געוואָרנט וועגן דעם?

— יאָ, אָבער דאָך האָט ער מיר געגעבן די וויזע, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער שאַנס פאַר מיר זיך אַרויסצוראַטעווען פון וואַרשע. ווילט איר ביי מיר דעם איינציקן שאַנס אַוועקנעמען?

די סצענע האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען אויפן וואָקזאַל. אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט נישט ווייט פון אונז און האָבן זיך איינגעהערט. אין אַלעמענס בליקן האָב איך אַרויס־געלייענט מיטגעפיל מיט מיר. דער באַאַמטער האָט געהייסן מיך

װאַרטן, ער װעט גיין פרעגן אַ העכערן באַאַמטן. דערװײַל זאָל איך לאָזן די באַגאַזש־באַאַמטע רעװידירן מײַנע זאַכן.

מיר איז געװאָרן אַ ביסל לײַכטער: װײַבאַלד ער הײסט מיך לאָזן רעװידירן מײַנע זאַכן, הײסט דאָס, אַז עס איז פֿאַראַן אַן אױסזיכט ער זאָל מיך דורכלאָזן. איך האָב געעפֿנט מײַן װאַליזע, און װעלכער דער באַגאַזש־באַאַמטער האָט נאָר לפֿנים װעגן געװאָרפֿן אַ בליק. ער האָט מיך אױסגעפֿרעגט, װי עס איז דאָרט אין װאַרשע, צי איז עס אמת, אַז די דײַטשן מאָרדן אױס אַזױ פֿיל מענטשן אין פּױלן. מיט אַ פֿאַרזאָרגט און דערשראָקן פּנים האָט ער געזאָגט:

— און װאָס װעלן זײ מיט אונז מאַכן...

עס איז געװען עטלעכע װאָכן פֿאַר דעם דײַטשן אָנפֿאַל אױף האָלאַנד. די געשפּאַנטקײט איז געהאָנגען אין דער לופֿט און אַלע האָלענדער אױפֿן װאָקזאַל האָבן אין מיר געזען אַ מין װאָרנונג אָדער אַ מוסטער פֿון דעם, װאָס זײ אַלײן דערװאַרט. זײ האָבן אױף מיר געקוקט מיט נײַגעריקײט און מיט מיטגעפֿיל. טײל פֿון זײ זענען צו מיר צוגעגאַנגען, האָבן מיר געשטעלט פֿראַגן, אַנדערע האָבן מיך מכבד געװען מיט פּאַפּיראָסן. נאָך אַנדערע זענען גלאַט געשטאַנען עטלעכע טריט װײַטער און האָבן אױף מיר געקוקט מיט שמײכלענ־דיקע בליקן, װי זײ װאָלטן מיך געװאָלט דערמוטיקן און טרײסטן.

ענדלעך איז דער באַאַמטער צוריקגעקומען. ער האָט מיך צו־גערופֿן און האָט מיר אָנגעהױבן עפּעס אױפֿצוקלערן. שױן זײַנע ערשטע װערטער האָבן מיך אַרײַנגעשלײדערט אין פֿאַרצװײפֿלונג:

— זײט נאָר רואיק, זײט נאָר רואיק... איר מוזט פֿאַרשטײן, אַז מיר האָבן אונזערע געזעצן, מיר קאָנען אײַך נישט אַרײַנלאָזן. עס װעט אײַך מסתּמא גאָרנישט געשען. איר מוזט גלײַך צוריקפֿאָרן. נעמט אײַערע זאַכן...

מײַן טאָן איז געװאָרן אַ ביסעלע העכער, אָנגעזאָפּט מיט אַ נאָטע פֿון פּאַניק, װען איך האָב אים געזאָגט:

— איר מאַכט אַ מוראדיקן טעות, איר פֿאַרמשפּט אַ מענטשן צום טױט. איך בעט אײַך, אַרעסטירט מיך אױף איבער נאַכט און גיט מיר אַ מעגלעכקײט צו דעפּעשירן צו מײַנע פֿרײַנד. אױב עס װעט ביז מאָרגן פֿרי נישט זײַן קײן טעלעגראַפֿישע תּשובֿה מיט אַ פֿאַרזי־כערונג, אַז איך װעל באַקומען די װיזע קײן בעלגיע, װעט איר מיך דאַן שיקן צוריק קײן דײַטשלאַנד.

— דאָס קאָנען מיר נישט טאָן. — האָט ער האַרט געענטפֿערט.

— איר מוזט פֿאָרן צוריק.

איך האָב געפילט ווי די פּאַנישע שרעק פאַר דעם פאָרן צו־ריק שטייט אויף אין מיר און שטעכט מיך דורך מיט טויזנטער נאָד־לען. איך האָב ווי אַ וואַנזיניקער איבערגעחזרט אומאויפהערלעך: „אַרעסטירט מיך", „אַרעסטירט מיך", „אַרעסטירט מיך"...

צווישן די מענטשן אין וואָקזאַל איז געווען אַ גרויסע געשפּאַנט־קייט. זיי זענען געשטאַנען שטיל און איך האָב באַמערקט אייניקע פּנימער, וואָס זענען געווען בלאַס פון געריזטקייט. דער באַאַמטער האָט מיך דאַן אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע? וואָס האָט איר גע־טאָן אַזוינס, צוליב וואָס איר האָט געמוזט אַוועק פון וואַרשע?

די פראַגע איז פאַר מיר געווען אַ נייע ווענדונג. זי איז געווען ווי אַ רעטונג־שטריקל וואָס איז מיר געוואָרפן געוואָרן. איך האָב שוין געהאַט אויף די ליפּן די ערשטע ווערטער פון מיין גאַנצער גע־שיכטע, וואָס איך האָב מיך געקליבן אים צו דערציילן. אָבער בשעת איך האָב אויפגעהויבן די אויגן, האָב איך אָנגעטראָפן אַ שאַרפן בליק, וואָס האָט מיך דורכגעשפּיזט און אַ נישט גוטע מינע אויפן פּנים פון דעם באַאַמטן. עפּעס אַן אינערלעכער כּוח, אַן אינסטינקט, האָט מיר פאַרשלאָסן מיין מויל. עפּעס אין מיר האָט מיך געוואָרנט: „רעד נישט, דערצייל אים גאָרנישט"... איך האָב בלויז געענטפערט:

— איך האָב נישט געקאָנט לענגער בלייבן אין וואַרשע.

— איר מוזט זאָפאָרט פאָרן צוריק, נעמט אייערע זאַכן, דער צוג גייט גלייך אָפּ.

איך האָב מיך נישט גערירט פון אָרט. איך האָב דערפילט עמעצן האַרט הינטער זיך. איך האָב מיך אומגעקוקט און דערזען אַן אוניפאָרמירטן מענטש מיט מיינע זאַכן אין די הענט. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ מין היסטעריע און האָב אָנגעהויבן שרייען אויפן קול:

— איך וועל נישט גיין צוריק! אַרעסטירט מיך! איך וועל נישט גיין צוריק...

דער באַאַמטער האָט מיך געכאַפּט פאַר איין אָרעם, אַ פּאָליציי־מאַן האָט מיך געכאַפּט פאַרן צווייטן אָרעם, אַזוי שלעפּנדיק מיך מיט גוואַלט, האָט זיך די קליינע פּראָצעסיע גערוקט צו דער טיר. איך האָב אָן אויפהער זיך געוועהרט, געשריגן, געבעטן מען זאָל מיך אַרעס־טירן און אַרויסגעוואָרפן פון זיך נאָך עפּעס ווערטער, וואָס איך געדענק שוין אַליין נישט. אַמפּערנדיק זיך מיט די באַאַמטע האָב איך פון דער טיר נאָך געוואָרפן אַ בליק צוריק אין וואָקזאַל און כ'האָב באַמערקט די בלאַסע פּנימער פון די אויפגעטרייסלטע מענטשן

און צווישן זיי — מײַנע האָלענדישע מיטרײַזנדע, בײַ וועמען טרערן זענען גערונען איבערן פּנים.

מען האָט מיך אַרײַנגעשטויסן אין דער טיר פון אַ דריטן קלאַס וואַגאָן, וואוהין מען האָט אויך אַרײַנגעוואָרפן מײַנע זאַכן. די טיר איז צוגעקנאַקט געוואָרן. איך האָב מיך געוואָרפן אויף איר און גענומען רײַסן די קלאַמקע. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן. פאַר דער טיר זענען געשטאַנען בײדע האָלענדישע פּאָליציאַנטן און האָבן געהיט יעדע באַוועגונג מײַנע. דער צוג האָט גערירט. די פּאָליציאַנטן זענען נאָכגעגאַנגען דעם צוג און געקוקט אויף מיר דורך דער שויב, ביז דער צוג האָט אָנגעהויבן פאָרן אין אַ גיכן טעמפּאָ.

אַ צעשמעטערטער בין איך געשטאַנען אין דעם קלײנעם פינצ־טערן קאָרידאָרל פון וואַגאָן. אין מיר איז אויפגעגאַנגען אַ מוראדיקע פאַרצווייפלונג. די גאַנצע ביזאיצטיקע איבערמענטשלעכע אָנשטרענ־גונג איז אַרויסגעוואָרפן. אין עטלעכע מינוטן אַרום וועל איך זײַן צוריק אין בענטהיים, אין די הענט פון די געסטאַפּאָ־לײַט. וואָס וועל איך זיי זאָגן? וואָס וועלן זיי מיט מיר טאָן? און אויב אפילו זיי זאָלן מיך לאָזן פרײַ — וואוהין וועל איך גײן, אָן געלט, אָן רעכט זיך אויפצוהאַלטן אין דײַטשלאַנד? „דאָס איז דער סוף, דאָס איז דער סוף" — האָב איך אין מיר שטיל געיאָמערט. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געטראַכט וועגן טויט, ווי וועגן אַ דער־לײזער. דאָס ערשטע מאָל האָב איך ערנסט געטראַכט וועגן זעלבסט־מאָרד. ווידער האָב איך מיך געוואָרפן אויף דער טיר. ווען זי וואָלט נישט געווען פאַרשלאָסן, וואָלט איך אין יענעם מאָמענט זיכער געווען אַרויסגעשפּרונגען פון דעם לויפנדיקן צוג אין דער שוואַרצער נאַכט אַרײַן.

אָן אויסגעשעפּטער, פאַרצווייפלטער און באַגאָסענער מיט שווייס בין איך געבליבן אַ פאַרשטאַרטער בײַ דער קלאַמקע פון דער טיר. אַ פײַף פון לאָקאָמאָטיוו האָט מיט אַ מאָדנער שאַרפקייט אַ שניט געטאָן מײַן געהער. „מיר קומען דאָך שוין אָן, נאָך אַ מינוט און איך בין דאָך שוין ווידער בײַ זיי, וואָס טוט מען?"... איך האָב די ווערטער אַרויסגערעדט אויפן קול. איך האָב געמאַטערט איבער זיך אָן אָנשטרענגונג, כּדי צו קאָנען רואיק באַטראַכטן מײַן לאַגע. איך האָב מיך צוזאַמענגענומען. איך האָב דערהערט, ווי אינעווייניק אינם האַלב־טונקעלן וואַגאָן האָט עמעצער גערעדט דײַטש. איך האָב אַרײַנגעקוקט און געזען צוויי דײַטשע באַן־אַרבעטער. זיי זענען געזעסן מיט אויסגעמאַטערטע געזיכטער און האָבן צווישן זיך גע־שמועסט, פּיפּקענדיק דערבײַ זייערע ליולקעס. די אָנוועזנהייט פון

פשוטע מענטשן, די סימנים פון לײדן אויף זייערע פּנימער, האָבּן אין דעם צושטאַנד געהאַט אויף מיר אַ מאָדנע ווירקונג. עס האָט מיך געשטאַרקט. דאָס לעבּן האָט אָנגעהויבּן פון ערגעץ צו מיר אַנט־קעגן צו ווינקען, ווי אַ ליכט־שטראַל ווינקט פון ערגעץ אַריין אין אַ פינצטערן הייל. „מען מוז אָנהויבּן פון דאָסניי, מען מוז פּרואוון ווייטער, נישט אויפגעבּן אינמיטן", האָבּ איך צו מיר אַליין געזעדט און געפילט דערבּיי, אַז איך חזר איבּער פּוסטע ווערטער. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אין יענעם מאָמענט האָבּ איך פּלוצלונג דער־זען פאַר זיך אַזוי ווי לעבּעדיק דאָס בּלאַסע פּנימל פון מיין 9 יעריקן זון, מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבּן געפינקלט מיט טרערן בּשעת ער האָט אין דעם האַלבּ־טונקעלן צימער מיר אַריינגעשעפּט־שעט אין אויער זיינע געזעגנונגס־ווערטער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך פיל דעם וואַרעמען הויך פון זיין אָטעם אויף מיין אויער. „ער וואַרט אויף מיר, דאָס קליינע יינגל וואַרט אויף מיר, ער דאַרף מיך האָבּן"... איך האָבּ מיך ווידער געכאַפּט, אַז איך רעד צו זיך אַליין אויפן קול. איך גיי אַראָפּ פון זינען — האָבּ איך אַ טראַכט געטאָן. ווידער האָט דער לאָקאָמאָטיוו אַ פייף געטאָן. איך האָבּ אַראָפּגעטרייסלט פון זיך די פּאַניק. אַלץ אין מיר האָט זיך אָנגע־שפּאַנט. איך בּין געוועזן גרייט אויפצונעמען דאָס אומבּאַגרייפלעך שווערע, וואָס האָט מיך איצט דערוואַרט.

איך האָבּ אָנגעהויבּן מיט אַ סדר צו טראַכטן וואָס איך זאָל ענטפערן די געסטאַפּאָ־לייט. איידער איך האָבּ בּאַוויזן זיך אויסצו־אַרבּעטן אַ פּלאַן, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. איך בּין אַדורך דעם גאַנצן וואַגאָן און דורך דער טיר פון דער אַנדערער זייט בּין איך אַרויס אויפן פּעראָן. ס'איז געווען נאָך איינס אַ זייגער אינ־מיטן נאַכט. איך האָבּ זיך געשלעפּט מיט אַ לאַנגזאַמען טראָט פון אַ צום טויט פאַראורטיילטן. איך האָבּ געוואָלט, אַז דער וועג בּיז דער טיר פון וואָקזאַל זאָל דויערן אַן אייבּיקייט. איך האָבּ געזען פון דער ווייטנס בּלויז עטלעכע טונקעלע פיגורן אויף דעם נישט בּאַלויכטענעם פּעראָן, וועלכע האָבּן זיך פון די וואָגאָנעס בּאַוועגט צו דער טיר פון וואָקזאַל. איך האָבּ זיי אַדורכגעלאָזט פאַר זיך און האָבּ דער לעצטער פאַרזיכטיק אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער טיר, ווי אַ גנבֿ. איך האָבּ געזען די מונדירטע געסטאַפּאָ־לייט, די זעלבּע וועלכע האָבּן מיך מיט צוויי שעה פריער אויסגעפרעגט און קאָנטראָלירט. ווידער האָבּ איך מיך געפרעגט: וואָס וועלן זיי מיט מיר טאָן?

די עטלעכע דייטשע פּאַסאַזשירן, הויפּטזעכלעך אַרבעטער, זע־נען גיך אָפּגעפּאַרטיקט געוואָרן. איך בין געבליבן דער לעצטער, אָבער איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן פינצטערן פּעראָן מיטן קאָפּ אין דער טיר. איך האָב באַנייט מיין אַלטן באַשלוס: נאָר נישט גיין אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. אויב זיי נעמען מיך, וועל איך גלייך טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיי פּראָוואָצירן מיך צו דערשיסן אויפן אָרט, נאָר נישט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, — האָב איך פאַר זיך איבערגעחזרט.

די געסטאַפּאָ־באַאַמטע האָבן זיך וויזט אוים געאײַלט צו ליק־ווידירן זייער טאָג אַרבעט און אַוועקגיין. אייניקע זענען אַריין אין זייטיקע צימערן. איך האָב באַמערקט דעם געסטאַפּאָ־באַאַמטן, וועל־כער האָט מיך דער לעצטער אויסגעפרעגט און געמאַכט מיר יענע באַמערקונגען, וועלכע האָבן מיך פּאַרוואונדערט מיט זייער מענטש־לעכן טאָן. ער איז געשטאַנען ביי זיין טישל און האָט צוזאַמענגע־נומען די פּאַפּירן. דאַן האָט ער געמאַכט עטלעכע שפּאַן אין מיין ריכטונג און האָט עפּעס גערעדט צו איינעם פון די באַגאַזש־אַר־בעטער.

איך האָב געלאָזט שטיין מיינע זאַכן ביי דער טיר, האָב מיך אויסגעגלייכט און מיט דער פויסט אין קעשענע בין איך אים גע־גאַנגען אַנטקעגן.

10. אַ גהינום־נאַכט אין אַ ווייסן צימער

דער געסטאַפּאָ־מאַן האָט צוערשט געקוקט אויף מיר פּאַרוואונ־דערט און האָט אויך געמאַכט עטלעכע טריט אין מיין ריכטונג. איך האָב אים געקוקט גלייך אין די אויגן און ער האָט מיך דערקענט. ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט מיט פּאַרוואונדערונג און געפרעגט:

— זי, וואָס מאַכען זי ווידער היער?

איך האָב אים זייער געלאַסן אויפגעקלערט:

— די האָלענדישע גרענעץ־באַאַמטע האָבן געפונען, אַז עפּעס אַ פאָרמאַליטעט אין מיין וויזע איז נישט אין אָרדנונג. זיי האָבן מיר געראַטן צו פאָרן צוריק צום האָלענדישן קאָנסול אין בענטהיים ער זאָל דאָס פאַרריכטן. דאָס, מיין הער, איז די סיבה פאַרוואָס איך בין דאָ צוריק...

איך האָב געוואוסט די גאַנצע נאַאיוויטעט פון מיין פּאַרענט־פערונג. די געסטאַפּאָ־דינסט ביי דער גרענעץ האָט געוויס גענוג דערפאַרונג צו וויסן וועלכע פאָרמאַליטעטן עס זענען נויטיק אין

א האָלענדישער וויזע. אחוץ דעם איז געווען ער זאָל מיר הייסן נאָך אמאָל ווייזן מיינע פּאַפּירן, ער זאָל אין זיי געפינען, אַז די האָלענדער האָבן אויף מיין פּאַס ארויפגעשטעלט א שטעמפּל: „נישט צוגעלאָזט" — אָן שום וויטערדיקע אויפקלערונגען. ער וואָלט דעריבער גלייך געקאָנט זען, אַז מיין פאַרענטפערונג איז א פאַלשע. צווייטנס וואָלט ער אויף מיין וואַרשעווער פּאַסיר־שיין געזען די דייטשלעכע אויפשריפט, אַז איך טאָר מיך נישט פאַרהאַלטן אין קיין שום שטאָט אין דייטשלאַנד און אַז איך האָב נישט קיין רעכט אויף צו־זאַזיקער פּאַסיר־שיין צו פאָרן צוריק.

איך האָב אים געקוקט אין פּנים אריין, דריקנדיק קראַמפּהאַפט די פויסט אין מיין קעשענע. „ער וועט מיך אַרעסטירן... ער מוז מיך אַרעסטירן" — האָב איך געטראַכט. „און איינמאָל אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ, בין איך א פאַרפאַלענער" — בין איך ביי זיך זיכער געווען. איך האָב געקוקט אויף זיינע ליפּן, פון וועלכע עס האָט יעדע סעקונדע געזאָלט אַראָפּפאַלן מיין אורטייל.

— זאָ... — ער האָט א רגע געקוקט אויף מיר שווייגנדיק, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געוואויגן אין זיין טראַכטן. דאַן האָט ער זיך שנעל ארומקוקנדיק זיך, א זאָג געטאָן צו מיר אין א באַפעלערישן טאָן:

— אַלזאָ, מאָרגן פרי, מיט דעם ערשטן צוג מוזט איר אוועק־קומען פון דאַנען, אין איין זייט אריין, אָדער אין דער אַנדערער... איך וויל אייך נישט האָבן ביי דער גרענעץ...

איך האָב געפינטלט מיט די אויגן, ווי איך וואָלט נישט פאַר־שטאַנען וואָס ער האָט מיר געזאָגט. און איך האָב אין פלוג ווירק־לעך נישט באַנומען. עס האָט מיר אויסגעזען צו גוט. הייסט עס, איך בין פריי צו פאָרן וואוהין איך וויל „אין איין זייט אריין, אָדער אין דער אַנדערער", אָן אויספרעגעניש. ער הייסט מיר אפילו נישט ווייזן מיינע פּאַפּירן. סוף־כּל־סוף בין איך דאָך שוין געווען אויף האָלענדישער טעריטאָריע... איך בין געשטאַנען און האָב אים שווייגנדיק געקוקט אין די אויגן, ווי איך וואָלט געוואָלט ארויסלייע־נען פון זיי צי ער מיינט דאָס ערנסט, צי עס איז נישט עפּעס א שפּיצל.

זעענדיק מיין אומאַנטשלאָסענע פּאָזע האָט ער אין א ווייר־כערן טאָן געזאָגט:

—האָבן זי פאַרשטאַנען?

— יאָ מיין הער, איך דאַנקע...

ער איז אוועק. און איך האָב מיך אָנגעשפּאַרט אָן נידעריקן קאָנטואַר, גרייטנדיק זיך דאָ אויפן וואַקזאַל איבערצוואַרטן די נאַכט. איך האָב געפּרואווט אָפּטרייסלען פון זיך די פּאַניק און צוזאַמענגעמען מיינע געדאַנקען, כדי צו טראַכטן וואָס ווייטער צו טאָן. אָבער ער איז ווידער צוגעקומען צו מיר, וואָס האָט מיך נישט ווייניק דערשראָקן: „וואָס וויל ער איצטער?"

— אַלזאָ, וואָס טוט איר נאָך דאָ? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איר קאָנט גיין ביזן נאָענטסטן צוג.

— איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דאָ קאָנען איבערוואַרטן די נאַכט, מיין הער.

— ניין, דאָ קאָנט איר נישט בלייבן, דאָ ווערט געשלאָסן ביז אינדערפרי. איר מוזט גיין אין האָטעל.

— אָבער איך האָב דאָך נישט קיין געלט אויף אַ האָטעל, איך האָב ביי דער גרענעץ נאָר געמעגט האָבן 10 מאַרק און די האָב איך אויסגעגעבן אויף אַ באַן־בילעט פון דאַנען קיין אַמסטערדאַם. — האָב איך אים אויפגעקלערט מיין אויפריכטיקע זאָרג.

— מאַכן זי וואָס זי מאַכן וואָלן, היער קאָנען זי נישט בלייבן...

איך האָב גענומען מיינע זאַכן און האָב זיך געלאָזט צו דער טיר.

— און איך וויל אייך נישט זען אויף דער גאַס — האָט ער מיך געוואָרנט — איר מוזט גיין אין האָטעל...

איך האָב מיך געשלעפּט דורך די פינצטערע געסלעך פון נישט־באַלויכטענעם גרענעץ־שטעטל. ס'איז געווען אַ מילדע ווינטער־נאַכט. פון ערגעץ נישט קיין ווינטל און פון ערגעץ נישט קיין ליכט־שטראַל, און קיין לעבעדיקן נפש זעט מען אין ערגעץ נישט. ווי אַזוי געפינט מען דאָ דעם האָטעל? איך האָב מיך געשלעפּט מיט מיינע זאַכן, טאָפּטשענדיק אין טיפן שניי. איך בין געפאַלן פון די פיס און האָב מיך באַגאַסן מיט שווייס. איך האָב אויסגעמיטן פינצטערע, נישט־באַלויכטענע איין־שטאָקיקע הייזער, פון וועלכע מען האָט קיין שום קלאַנג נישט געהערט. איך האָב מיך געשלעפּט ווייטער, האָפנדיק, אַז ערגעץ וועל איך דאָך דערגיין. אָבער אין עטלעכע מינוטן אַרום האָב איך מיטן פוס אָנגעטאַפּט עפּעס אַ האַרטע זאַך. איך האָב מיך אָנגעבויגן און האָב עס אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט. עס זענען געווען די באַן־רעלסן. איך האָב מיך אָנגעשטרענגט עפּעס צו זען אין דער פינצטערניש אַרום, אָבער איך האָב אין ערגעץ נישט געזען קיין שאָטן פון אַ הויז. איך בין געווען אויסערן שטעטל, ביי די

באַן־רעלסן... איך האָב מיך איצט געפּרוּווט אָריענטירן אין וועלכער ריכטונג עס איז האָלאַנד. דער וואָקזאַל איז פון מיין לינקער זייט און געקומען איז דער צוג פון דער רעכטער זייט. הייסט עס, ווען איך זאָל ווייטער אַזוי גיין אין דער זעלבער ריכטונג, האַלטנדיק זיך ביי די באַן־רעלסן, וואָלט איך דערגאַנגען קיין האָלאַנד...

ווען איך זאָל נאָר וויסן גענוי דעם וועג און האָבן אַ ביסל מער כּוח... איך בין אַזוי געשטאַנען און זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דער פינצטערער ווייטקייט, וואו, מיר האָט זיך געדאַכט, עס געפינט זיך די פרייע האָלענדישע ערד, וואָס איך האָב שוין געהאַט דערגרייכט און בין פון איר אַזוי שנעל פאַרטריבן געוואָרן. אין אַ מאָמענט האָב איך שוין געהאַט אָנגענומען אַ באַשלוס. איך האָב איבערגעלאָזט מיינע וואַליזעס און געמאַכט עטלעכע שפּאַן... צוערשט אַזוי ווי בלויז אויסצופּרובירן, זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז מען קאָן. דערנאָך האָב איך גענומען גיין האַסטיקער. איך בין בלויז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, ווען פון דער ווייטער פינצטערניש ערגעץ האָט זיך דערטראָגן אַ שאַרפער פייף פון אַן אַלאַרם־פייפל. דאָס האָט נישט געקאָנט האָבן קיין שייכות צו מיר, אָבער דאָס האָט מיך צוריקגעבּרענגט צו דער ווירקלעכקייט. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט, אַז די גרענעץ מוז מען דאָך היטן פון ביידע זייטן און ס'איז קינדיש זיך אַזוי צו לאָזן מיט די רעלסן, נישט וויסנדיק דעם וועג און וואו אויסצומיידן די פּאַטראָלן. עס איז פּונקט, ווי באַגיין זעלבסטמאָרד.

טאַפּנדיק מיט די הענט און פיס, האָב איך קוים צוריקגעפונען מיינע וואַליזעס אין דער פינצטער. איך בין נאָך אַזוי געשטאַנען אַ מינוט און זיך איינגעהערט אין דער פינצטערניש, אַזוי ווי עס וואָלט מיר דאָך געווען אַ שאָד זיך צו געזעגענען מיט דעם וואַנזיניקן פּלאַן. איך האָב דערהערט שטימען פון ווייטן. איך האָב מיך אָריענטירט, אַז זיי קומען פון פּאַרן וואָקזאַל. מען האָט זיך געזעגנט, געוואונטשן אַ גוטע נאַכט, מען האָט נאָך עפּעס גערעדט און הויך געלאַכט. פון ווייטן האָט עס קוים אַ שימער געטאָן פון אַ מאַסקירט טאַשן־לאַמטערנדל. איך האָב מיך דערמאָנט די וואָרנונג: „און איך וויל אייך נישט זען אויף דער גאַס"... טאָמער גייען זיי איצט אויף אַן אינספּעקציע? טאָמער פּאַקט מען מיך דאָ... און אויב עס זאָל נאָך זיין אַן אַנדערער, נישט דער וואָס האָט מיר שוין צוויי מאָל געוויזן אַ מענטשלעך פּנים?... עס איז מיך באַפאַלן אַ פּאַנישע שרעק פאַר אָט דער עווענטואַליטעט. איך האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט ביז די שטימען זענען שטיל געוואָרן און

די טריט האָבן זיך דערווייטערט. איך האָב גענומען מיינע זאַכן און האָב זיך געלאָזט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. ווידער האָב איך געבראָדזשעט אין טיפן שניי. איך האָב פון ווייטן אויסגעמיטן דעם פינצטערן וואָקזאַל און האָב מיך געלאָזט טיפער אין שטעטל אַריין. בענטהיים איז אַ שטיל קור־שטעטל. עס הייסט „באַד בענטהיים". די הייזער זענען קליינע, איין־שטאָקיקע, מיט גערטנדלעך פון פאָרנט. איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ סך אַזעלכע הייזער, אָבער פון ערגעץ האָט זיך קיין סימן פון לעבן נישט געהערט. איך האָב מיך יעדע רגע אָפּגעשטעלט, כּדי אָפּצורוען און זיך אַרומצוקוקן. ענדלעך האָב איך פון ווייטן דערהערט שטימען. אַ טיר האָט זיך ערגעץ געעפנט און ווידער פאַרמאַכט. איך בין אַוועק אין יענער ריכטונג. צום סוף האָב איך עס דערגרייכט. עס איז געווען אַ האָטעל, אַ קליינער ציכטיקער האָטעל פון קור־שטעטל.

עטלעכע מענטשן זענען געזעסן אין פאָטעלן אין דער קליינער לאָבי. ביי אַ געריים ביוראָ־פענצטערל איז געשטאַנען אַן אַלטער דייטש, מיט גרויליכע וואָנצעס אַלאַ ווילהעלם. ער האָט זיך געהאַלטן מיט דער חשיבות פון אַ גענעראַל. איך האָב אָפּגעוואַרט ביז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די אַנדערע. אַ בלאָנדער יינגער בחורל האָט אַוועקגעטראָגן די זאַכן פון עפּעס אַ דאַמע, וועלכע האָט דעם אַלטן געוואונטשן אַ גוטע נאַכט. זיין בליק איז געפאַלן אויף מיר.

— וואָס ווינטשן זי?

— אַ צימער, ביטע.

— אויף ווי לאַנג?

— אויף איבערנאַכט.

— פאָרן זי נאָך האָלאַנד?

— יאָ.

— איר פּאַספּאָרט, ביטע.

און ער האָט מיר דערלאַנגט אַ גרויסן בויגן מיט אַ סך פראַגן אויסצופילן. מיט אַ האַנט, וואָס האָט געציטערט פון מידקייט, האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן אין דעם בויגן. און ער, מיט פּענסנע אויף דער נאָז, האָט גענומען שטודירן מיין פּאַס. פּלוצלונג האָט ער מיט אומגעדולד אַ פרעג געטאָן:

— ווי הייסט איר דען? —

ער האָט נישט געקאָנט איבערלייענען מיין נאָמען אין דער פוילישער אָרטאָגראַפיע. איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען.

— און וואו וואוינט איר?

— אין ווארשע.

— און זינד זי אריער?

— ניין, איך בין יודע.

— וואס?!...

ער האָט דעם „וואס" אויסגערופן אין אזא טאָן, אז די פעדער איז מיר ארויסגעפאַלן פון דער האַנט. איך האָב געוואַרט אויף דעם באַפעל איך זאָל מיך פאַרנעמען און גיין, קיין יידן ווינטשט מען זיך נישט דאָ א. א. וו. וועל איך דאָך מוזן בלייבן אויף דער גאַס. האָב איך מיט שרעק געטראַכט — און וואָס וועט די געסטאַפּאָ צו דעם זאָגן?...

מיין פּנים האָט דעמאָלט נישט געמוזט האָבן קיין זייער העל־דישע מינע, ווייל ער האָט אויף מיר א קוק געטאָן און האָט אין א ווייכערן טאָן געזאָגט:

— געהען זי דאָך לאָז — ער האָט מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אויפן בויגן, וואָס איז געלעגן פאַר מיר, איך זאָל אָנגיין מיטן אויספילן אים.

— דאָס צימער איז צוויי מארק פינפציג.

איך האָב געשוויגן.

— און האַבען זי פיר דאָס צימער צו בעצאַלען?

— יאָ — האָב איך געזאָגט ליגן.

מיינע זאַכן האָט קיינער נישט גענומען ארויפצוטראָגן אינם צימער. מען האָט מיך ארויפגעפירט אויפן ערשטן שטאָק, אריינ־געלאָזט אין א ציכטיק צימערל און מען האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל נישט רופן די דינערשאַפט און נישט קלינגען, ווייל קיין שום באַדינונג וועל איך נישט באַקומען. מען האָט מיר אויך אָנגעזאָגט, אז באַלד אינדערפרי דאַרף איך מיך אָפּטראָגן, אָדער ברענגען א ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער געסטאַפּאָ צו מענן דאָ וואוינען.

ענדלעך בין איך געווען אַליין. דאָס צימער איז געווען קליין, אָבער ציכטיק. די ווענט האָבן געבלאַנקט פון ווייסקייט, ווייסע מעבל, א פריש ווייס בעט מיט א געהאָפטענעם צודעק. אַן עלעקטרישער לאָמפּ האָט געוואָרפן אויף דעם בלאַנקן צימער א מילדן שיין. דאָס פענצטער איז געווען פאַרשטעלט מיט געניי געפּאַסטע ברעטער, וואָס האָבן קיין מינדסטן ליכט־שטראַל נישט דורכגעלאָזט. אויף די ווענט זענען געהאַנגען קליינע רעפּראָדוקציעס פון בילדער אויף סענטימענטאַלע טעמעס. ס'איז געווען די געמיטלעכקייט און די פרישקייט פּמעט פון א קינדער־צימער און דאָס האָט אויף מיר געווירקט דערדריקנדיק: עס איז געווען א מאָדנער קאָנטראַסט צו דער לאַגע, אין וועלכער איך האָב מיך געפונען. עס האָט זיך אזוי

ווי גערייצט מיט מיר, ווייזנדיק מיר די אנדערע, די ציוויליזירטע און באקוועמע זייט פון לעבן, אויף וועלכן איך האב איצט נישט געהאט וואס צו האפן. איך בין געשטאנען אין מיטן צימער אין שווערן מאנטל און הוט א האלב־צעמישטער, אזוי ווי איך וואלט מיר נישט געטרויט צו געניסן פון דעם דאזיקן פיינעם צימער. „ס'איז די באק־וועמלעכקייט פון א לעצטער נאכט פון א צום טויט־פארמשפטן" — איז מיר כסדר געקראכן אין קאפ אריין.

איך האב מעכאניש אראפגעווארפן פון זיך דעם מאנטל און מיין בליק איז געפאלן אויף דער קאראפקע מיט וואסער. איך האב אנגעגאסן איין גלאז, האב עס אויסגעטרונקען און גלייך א צווייטע. עסן — מיט א מאדנער שארפקייט האב איך דערשפירט דעם הונ־גער. ווי לאנג האב איך שוין נישט געגעסן? — האב איך געוואלט בארעכענען און נישט געקאנט. אין קאפ האט מיר גערוישט און די פיס האבן מיר געבראכן. „נאר נישט קראנק ווערן, נישט איצט", — האב איך צו מיר אליין געזאגט.

פלוצלונג בין איך אויפגעשפרונגען כמעט א גליקלעכער: איך האב מיך דערמאנט, אז איך פארמאג נאך אן עפל, וואס איך האב באקומען אין בערלין און די גאנצע צייט געהיט ווי אן אוצר, באהאלטנדיק אים אויף דער ערגסטער מינוט. איך בין איצט אפילו נישט אימשטאנד געווען צו טראכטן צי די ערגסטע מינוט איז שוין אנגעקומען אדער איך דארף אים האלטן אויף נאך אן ערגערע. מיט ציטערדיקע הענט האב איך אים ארויסגענומען פון מאנטל־קעשענע. נישט האבנדיק קיין געדולד צו ווארטן ביז איך וועל אים אפוואשן, האב איך מיינע ציין אין אים איינגעביסן.

איך בין איצט געווען געקרעפטיקט גענוג, כדי צו דערפילן ווי פולשטענדיק אויסגעשעפט איך בין. איך האב מיר פונדעסטוועגן נישט געקאנט אפזאגן דאס פארגעניגן זיך לאנג און גרינטלעך צו וואשן אין דער ווייסער וואש־שיסל. איך האב מיך אויסגעצויגן אויף דעם ווייסן בעט און האב כמעט נישט געקאנט גלויבן, אז אזא תענוג עקזיסטירט נאך אויף דער וועלט. ס'איז געווען נאענט צו דריי אזייגער פארטאג. איך בין אריינגעפאלן אין עפעס א קאשמארפולן צושטאנד, וואס איז גיכער געווען א מין טיילווייזער פארלירן דאס באוואוסטזיין, איידער א שלאף. אלע זאכן, פאר וועלכע איך האב מיך געהאט צו שרעקן ביז איצט און אויך אויף ווייטער, זענען איצט אויפגעשטאנען אין מיין פיבערדיקער פאנטאזיע אין פאנטאסטישע פארמען. געשפענסטער־ארטיקע געסטאפא־לייט האבן מיך געפייניקט. איך האב געזען מיינע נאענטסטע און ליבסטע

פאַרקריפּלטע און פאַרפּייניקטע, מיט טויט־בליכע געזיכטער. ס'איז געווען אַ פּיין, אַ שוידער, פון וועלכן איך האָב מיך געריסן צו באַפרייען, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'איז פאַראַן אַ וועג זיך צו באַפרייען, נאָר איך קאָן מיך אים נישט דערמאָנען בשום אופן...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער שוידערלעכער צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב מיך געפונען ציט זיך אַן אייביקייט. איך האָב געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, כּדי זיך אַרויסצורייסן פון דעם גהינום פון פּיין. מיטאַמאָל האָב איך מיך געגעבן אַ רייס־אויף און האָב מיך האַסטיק אויפגעזעצט. איך בין געווען באַגאָסן מיט שווייס, אָבער איך בין געווען פולשטענדיק וואַך. דער איבערגאַנג פון קאָשמאַר צו פולשטענדיקער וואַכקייט איז געווען אַן אוממיטלבאַרער, אַ האַסטיקער. און גלייך ווי איך האָב מיך אויפגעריסן האָט די רעאַליטעט פון מיין לאַגע מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַ שלאָג געטאָן צו מיין באַוואוסטזיין מיט פראַגן, וואָס האָבן ווי מיט שפּילקעס געשטאָכן מיין מוח: איך בין אין אַ נאַציש גרענעצשטעטל, אָן רעכט דאָ צו זיין און צו פאָרן צוריק. מען האָט מיך ברוטאַל צוריקגעשליידערט אין דעם גהינום־לאַנד אַריין. פון מיין טרוים זיך אַרויסצורייסן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. איצט בין איך דאָ, אַ פרעמדער אין אַן אומבאַגרייפלעך פיינדלעך לאַנד, איך בין הונגעריק ווי אַ הונט און האָב אַפילו נישט פאַר דעם האָטעל צו באַצאָלן. שוין אָפּגערעדט פון דער מעגלעכקייט צו קאָנען קויפן אַ באַן־בילעט, כּדי פון דאַנען אַוועקצופאָרן.

— וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן?... ווי אַזוי וועל איך מיך אַרויסקריגן פון דער לאַגע?

אַ פאַרצווייפלטער האָב איך גענומען שפּאַנען איבערן צימער, ברעכנדיק די הענט. איך האָב מיך אַליין געוואונדערט, ווי איך האָב פריער געקאָנט זיין אַזוי פאַרגליווערט און נישט טראַכטן וועגן דעם אַלעמען, ווי האָב איך געקאָנט הנאה האָבן פון דעם וואַסער, ווי האָב איך מיך געקאָנט לייגן שלאָפן? איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: עס איז געווען 3.30 פאַרטאָג. אינגאַנצן אַ האַלבע שעה האָט געדויערט מיין קאָשמאַרפולער דרעמל. איצט איז דער שלאָף געווען אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון מיר. איך האָב נישט געקאָנט איינשטיין און נישט איינזיצן אויף אַן אָרט. אומאויפהערלעך האָב איך געשפּאַנט אַהין און צוריק איבערן צימער און אַלעמאָל שאַרפער און האָפנונגסלאָזער האָב איך געזען מיין לאַגע.

צענדליקער מאָל אין פאַרלויף פון דער נאַכט האָב איך איבערגעלעבט אין געדאַנק די לעצטע שעהן פון מיין רייזע, די לאַנגע,

לאַנגע מינוטן בײַ דער נאַצישער גרענעץ־קאָנטראָל, ווען גליק און טויט, פרייהייט און געפענגעניש האָבן זיך געוואַקלט, געוואויגן אויף דער וואָג־שאָל, וואָס עפּעס אַ קליינער ברוטאַלער געסטאַפּאָ־יינג האָט געהאַלטן אין האַנט. די פרייד פון איבערטרעטן די שוועל צו פרייהייט, דאָס געפיל אַז עפּעס אַן אומגעהויער שווערע מאַסע איז דיר אַראָפּגעפאַלן פון די פּלייצעס, וועסט נישט זען מער קיין געסטאַפּאָ... שפּעטער — די מינוטן פון אומגעהויערן גליק, ווען דו פּיעשטשעסט אין געדאַנק דאָס צוייבערלעכע וואָרט: „פריי, איך בין פריי"... און די אַטמאָספער פון מענטשלעכער פריינדשאַפט אַרום דיר... און דאַן האָב איך מיט אַלע איינצלהייטן נאָכאַמאָל איבער־געלעבט די סצענע אויפן האָלענדישן וואָקזאַל און דעם שנעלן סוף פון מיין גליק.

איך האָב מיר איצט גענומען מאַכן פאָרוואורפן, אַז עס איז מיין אייגענע שולד. איבערטראַכטנדיק יעדעם וואָרט פון מיין געשפּרעך מיט דעם האָלענדישן באַאַמטן, האָב איך מיר פאָרגע־וואָרפן, אַז איך האָב אים געדאַרפט דערציילן דעם גאַנצן אמת וועגן זיך. פאַרוואָס האָב איך אים נישט געטרויט? וואָסער גרונט האָב איך געהאַט אים צו פאַרדעכטיקן, אַז ער האָט עפּעס צו טאָן מיט דער געסטאַפּאָ? אין מיין פאַרצווייפלונג האָב איך אַליין געריסן שטיקער פון מיינע אָזוי ווי אָפענע וואונדן:

— וואָס האָב איך געטאָן, וואָס האָב איך געטאָן? — האָב איך אַליין צו זיך געטענהט אין מיין טיפסטער האָפנונגסלאָזיקייט. איך האָב מיך געכאַפּט, אַז איך ברעך כסדר די הענט און רייס מיר די האָר פון קאָפּ, — זאַכן וואָס כ'האָב פריער קיין מאָל אין לעבן נישט געטאָן. ווידער און ווידער האָב איך איבערגעלעבט יעדע סצענע, יעדעם וואָרט, און האָב איבערגעחזרט די פאָרוואורפן צו מיר אַליין. מיין פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן וואָס מער איך האָב נישט גע־קאָנט צוטראַכטן קיין שום פּלאַן, קיין שום אויסוועג. ווי אַ געפאַנגע־נער אין אַ שטייג בין איך אָן אויפהער געלאָפן הין און צוריק אי־בערן צימער אין אַנפאַל פון זעלבסט־פּייניקונג, ביז איך האָב אַ פאַרמאַטערטער און אויסגעשעפּטער אַ פאַל געטאָן אויפן בעט, כדי אין אַ מינוט אַרום ווידער זיך אויפצורייסן און ווידער אָנצוהייבן דאָס לויפן איבערן קליינעם צימער.

איך האָב מיך געשראָקן פאַרן פרימאָרגן וואָס וועט אָנקומען, אָבער צו דער זעלבער צייט האָב איך כסדר געקוקט אויפן זייגער און די מינוטן האָבן זיך פאַר מיר געצויגן, ווי אייביקייטן. ס'איז געווען אַ לאַנגע, לאַנגע נאַכט פול מיט פּיין אין דעם דאָזיקן ווייסן,

אומשולדיקן צימערל. ענדלעך בין איך אויף אזוי פיל געקומען צו זיך, אז איך האָב זיך אליין אָנגעהויבן צו שטראָפן פאר מיין שוואכקייט. „וואס איז דער מער" — האָב איך געטענהט צו זיך אליין — „וועל איך אין ערגסטן פאל אומקומען. בין איך דען נישט זינט לאַנגע מאָנאטן געווען גרייט צו שטארבן?"... „וואס בין איך דאָס פּלוצלונג געוואָרן אזא יידענע, וואס ברעך איך די הענט"...

איך האָב אויסגעטרונקען א גלאָז קאלט וואסער און האָב א ביסל רואיקער גענומען טראכטן. איך האָב מיר אָפּגעגעבן א רעכ־נונג, אז דער ערשטער אָנפאל פון פארצווייפלונג וואס האָט מיך געקאָנט ברענגען צו משוגעת אָדער צו זעלבסטמאָרד איז געקו־מען צוליב די בליץ־שנעלע ענדערונגען אין מיין סיטואציע, צוליב דעם גיכן פארלירן די פרייהייט, וואס איך האָב שוין געהאט דער־גרייכט נאָך אזוי פיל איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען. איצט איז דער אָנפאל פאריבער. איך האָב מיך שוין, הייסט עס, איינגע־לעבט מיט דער נייער סיטואציע, שוין איבערגענעכטיקט מיט דער צרה. „דאָס איז גוט, — האָב איך מיר אליין געזאָגט, — איצט נאָר נישט פארלירן ווידער אמאָל דעם קאָפּ, רואיק אויפנעמען און באטראכטן די לאַגע און ווירדיק אקעגנגיין דעם נייעם, אומבאַ־קאַנטן טאָג".

איך האָב אויפגעקייטלט און געעפנט די לאָדנס אינם פענצ־טער. א בלאסער שיין פון ווינטערדיקן פרימאָרגן איז אריינגעפאלן אין צימער. עס איז געווען נאָך זעקס אזייגער. דאָס ליכט פון דעם נייעם טאָג, פאר וועלכן איך האָב מיך די גאנצע נאכט אזוי געשראָקן, האָט דאָך געהאט א באַרואיקנדיקע ווירקונג אויף מיינע נערוון. מיין קאָפּ איז געוואָרן א סך לויטערער, מיינע אינערלעכע כּוחות האָבן זיך אָנגעשפּאנט פון זיך אליין און מיין געוויינלעכע ענערגיע האָט זיך אָנגעהויבן אומצוקערן.

איך האָב מיך געוואשן אין דער ווייסער שיסל. איך האָב גענוי און אויפמערקזאם ראַזירט מיין פּנים. דאַן האָב איך פון מיין וואַ־ליזע ארויסגענומען א בערשטל און האָב גערייניקט מיינע קליידער און שיך. דערביי האָט מיין מוח די גאנצע צייט געארבעט און גע־זוכט פּלענער. איך בין איצט מער נישט געווען פארצווייפלט. איך האָב געהאט עפּעס אַן אומפארשטענדלעכע האָפנונג, אז איך וועל מיך שוין ארויסדרייען, הגם ווי אזוי, האָב איך נאָך אַלץ נישט געוואוסט. איך האָב מיך געמאטערט אָנצוכאַפּן עפּעס א פאָדים, וואס זאָל זיין מיין ערשטער טריט, די ווייטערדיקע וועלן שוין קו־מען פון זיך אליין.

11. צווישן היטלער־יוגנט

ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן אויספּיקן אָט דער ערשטער טריט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב געפונען דעם פאָדים פון וואָס אָנצוהויבן: איך וועל גיין צום היגן האָלענדישן קאָנסול, איך וועל מיך פאַר אים אויסטענהן, ער מוז געפינען פאַר מיר עפּעס אַן עצה. אפשר, אפשר איז נאָך פאַראַן עפּעס אַ שאַנס צו ראַטעווען די מעגלעכקייט דאָך אַריינצופאָרן קיין האָלאַנד... און אויב נישט דאָס, וועט מיר דער האָלענדישער קאָנסול מוזן העלפן קריגן געלט אויף דער צוריק־רייזע.

איך האָב איצט מיט אומגעדולד געוואַרט עס זאָל אַריבער נאָך אַ שעה. אַן אָנגעטאָענער אין מאַנטל און הוט בין איך געזעסן און געוואַרט, הערנדיק ווי דער האָטעל באַלעבט, טירן עפענען זיך און שטימען טראָגן זיך איבער די קאָרידאָרן.

איך האָב דערפילט הונגער אַזוי שאַרף און ווייטאָגדיק, אַז עס האָט מיר אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ. איך האָב אָפּגעציילט וויפיל געלט איך האָב ביי זיך. עס איז געווען איין מאַרק מיט דרייסיק פעניג. פאַר דעם האָטעל אַליין דאַרף איך באַצאָלן צוויי מיט אַ האַלבן מאַרק. עפּעס ממשותדיקעס צו עסן קאָן איך פאַר דעם געלט סיי־ווי נישט באַקומען, ווייל איך פאַרמאָג נישט קיין שפּייז־קאַרטן, אָבער אפשר וועל איך באַקומען אַ גלאָז הייסע קאַווע, זאָל זיין אָן צוקער, און אפשר עפּעס אַ פּרוכט?

איך האָב מיך געלאָזט גיין אַראָפּ מיט די שמאָלע און ציכטיקע שטיגן, דרייענדיק אין דער האַנט דעם בילעט קיין אַמסטערדאַם, וואָס איז מיר געבליבן דער איינציקער אָנדענק פון מיין טרוים און מי זיך אַרויסצורייסן קיין האָלאַנד. צי וועל איך אים נאָך אפשר באַנוצן — האָב איך געטראַכט מיט אַ שטילער, שטילער האָפנונג.

אויף דעם ערשטן שטאָק איז מיר אַקעגן געקומען אַ ווייס געקליידעט, בלאָנד מיידל. זי האָט פאַרבייגעשוועבט מיט „מאָיען מיין הער". אַ צימער־מיידל. צי ווייס זי נישט, אַז איך געהער נישט צו די געסט, וועלכע מען מעג באַגריסן? — ניין, זי האָט נישט געוואוסט. פונדעסטוועגן איז מיר די דאָזיקע געגנבעטע מענטשלעכע באַגריסונג נישט געווען אומאָנגענעם. פאַרקערט: די פריינדלעכקייט פון דעם ערשטן מענטשלעכן באַשעפעניש, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן, האָט מיר צוגעגעבן אַן אַ שיעור מוט. איך האָב געפילט אַ באַדערפעניש צו ריידן מיט מענטשן, איך האָב געבענקט נאָך מענטשלעכער פריינדלעכקייט. אין דער לאָבי

איז דער אַלטער דייטש נישט געווען. עס איז מיר לייכטער געוואָרן. הינטערן קאָנטואר איז געשטאַנען אַ יונגע פרוילין. זי האָט מיר פריינדלעך געענטפערט אויף מיין גוט־מאָרגן און האָט מיך געפרעגט פון וועלכן צימער איך בין. ווען איך האָב עס איר געזאָגט, האָט זי געוואָרפן אַ בליק אין דעם אָפענעם מעלדונג־בוך און זי האָט זיך מאָמענטאַל פאַרענדערט. זי איז געוואָרן פראָסט און אייז. זי האָט בלויז איין מאָל געוואָרפן אַ קורצן בליק אויף מיר און דאַן האָט זי מער אויף מיר נישט אויפגעהויבן די אויגן. מיט אַ שטימע, אין וועלכער זי האָט זיך באַמיט אַריינצוליינגן וואָס מער פאַראַכטונג און העכערקייט, האָט זי געפרעגט:

— צאָלען זי אירען רעכנונג יעצט?

— ניין, איך מוז צוערשט ביים האָלענדישן קאָנסול דערליידיקן מיינע פאָרמאַליטעטן.

— אום ניין אוהר דרייסיג מוזן זי איר צימער פריי מאַכן — האָט זי געוואָרפן, ווי אַ באַפעל.

מיך האָט די חוצפּהדיקע האַלטונג פון דעם דאָזיקן יינגן, אפשר 16 אָדער 17־יעריקן מיידל מער פאַראינטערעסירט ווי פאַרדראָסן. איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף איר העלן, כמעט קינדערשן פּנים, וואָס איז געווען לייכט פאַרבלווינט פון ווינט און זון און איז איצט געווען פאַרביסן אין אַן אָפיציעלן, איינגערעדטן אָדער אפשר טאַקע אויפריכטיקן האַס. זי האָט זיך געמאַכט איגנאָרירן מיין אַנוועזנהייט, זי האָט זיך געפאָרעט אין קאָנטאָר מיט האַסטיקע באַוועגונגען. צום סוף האָט זי עס דאָך נישט אויסגעהאַלטן און האָט אויפגעהויבן אירע אויגן אויף מיר, אירע באַקן האָבן זיך דערביי לייכט פאַררויטלט.

— קאָנען זי מיר פּיליכט זאָגן, גנעדיקעם פרוילין, וואו דער האָלענדישער קאָנסולאַט געפינט זיך?

זי האָט אַזוי ווי געקעמפט מיט זיך איידער זי האָט געענטפערט מיט אַ שטימע, וואָס איז געווען הייזעריקלעך געבראָכן צוליב אומדערצידירטקייט אָדער אפשר האַס:

— גייען זי אין דער ריכטונג צום באַן־הויף, דאָרטן ווערדן זי ערפאַרן.

די ווייסע באַשנייטע גאַסן פון דעם דייטשן גרענעץ־שטעטל זענען געווען מילד און פרידלעך. די זון האָט זיך אין דורכזיכטיקע וואָלקן געריטלט גאַנץ נידעריק. עס איז געווען אַ לייכט פרעסטל. די שיינע, איין־פאַמיליען־הייזער מיט די פאַרשנייטע גערטנדלעך הינטער נידעריקע, געפאַרבטע צוימען האָבן צוגעגעבן די גאַסן נאָך מער

פרידלעכקייט. עס איז געווען אומגלויבלעך, אז דאָ, אין דער דאָזיקער פרידלעכער מילדקייט, קאָן זיך יעדע מינוט פאַנאַנדערבינדן דער בלוטיקער שטורם פון בליץ־קריג. איך האָב מיט פאַרגעניגן אריינגעאָטעמט די לויטערע און מילדע לופט. עס איז געווען פרי. אויף די גאַסן זענען געווען זעלטענע פאַרבייגייער. קיין ציוויל־געקליידעטע האָב איך אינגאַנצן נישט געזען. פון ווייטנס האָב איך געזען איין פרוי פאַרבייגיין. אַלע איבעריקע זענען געווען אין מיליטערישע מונדירן, אָדער אין מונדירן פון באַן־באַאמטע. אָבער אויך זיי זענען געגאַנגען לאַנגזאַם און זייערע פּנימער זענען געווען מילדער און האָבן אָפּטער געשמייכלט, ווי די דייטשע פּנימער אין צענטראַל־דייטשלאַנד. פונדעסטוועגן האָט מיך באַאומרואיקט, ווען זיי האָבן געוואָרפן אויף מיר נייגעריקע בליקן. איך האָב געוואָלט וואָס ווייניקער באַמערקט ווערן דורך זיי.

נישט ווייט פון באַן־הויף האָב איך באַמערקט אַ מונדיר פון אַ געסטאַפּאָ־מאַן און איך האָב מיך געלאָזט אין אַ זייטיק־געסל. מיט די דאָזיקע לייט האָב איך געוואָלט אויסמיידן יעדע איבעריקע באַגעגעניש.

נישט פרעגנדיק ביי קיינעם האָב איך געפונען דאָס הויז, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער האָלענדישער קאָנסולאַט. נישט ווייט פון באַן־הויף האָב איך ביים אריינגאַנג צו אַ ניי הויז באַמערקט אַ קליינע שילד מיט דער אויפשריפט, אַז דאָ איז דער נידערלענדישער קאָנסול. איך האָב אָבער דערביי באַמערקט נאָך אַן אַנדער שילד, וואָס האָט מיר קיין פרייד און קיין האָפנונג נישט פאַרשאַפט: עס איז געווען אַ ניי, צוויי־שטאָקיק הויז. איבער דער גאַנצער ברייט פון הויז איז געהאָנגען אַ שילד מיט אַ גרויסער אויפשריפט: „דייטשע היטלער־יוגנט", און אונטן איז געהאָנגען אַ נאָך גרעסערע אויפשריפט אויף אַ לייוונט: „וויר קאָמען מיט!" — די לאָזונג פון דער היטלער־יוגנט. וואָס הייסט דאָס? ווי קומט דער האָלענדישער קאָנסול צו דער היטלער־יוגנט? — איך האָב מיך געפּרוּווט טרייסטן, אַז דאָס קאָן זיין אַ ריינער צופאַל, וואָס דער קאָנסול וואוינט גראָד אין דעם זעלבן הויז, וואָס די אָרגאַניזאַציע פון דער היטלער־יוגנט. פונדעסטוועגן בין איך געווען גאַנץ געפאַלן אין מיינע אויסזיכטן, ווען איך האָב געעפנט די טיר און בין אריינגעקומען אין אַ מין פאַרהויז, פול מיט היטלערישע לאָזונגען און פּלאַקאַטן אויף די ווענט. עס איז געווען אַ פאַרמאַכטע טיר און דערנעבן אַ פענצטערל פאַר אינפאָרמאַציע, וואָס איז נאָך געווען געשלאָסן. איך האָב באַמערקט, אַז דאָס איז נישט קיין הויז, אין

וועלכן עמעצער וואוינט, עס איז דאָס הויז פון דער היטלער־יוגנט, און ביי זיי האָט דאָס דער האָלענדישער קאָנסול זיין אָפיס. וואָס־זשע, אויב אזוי, האָב איך שוין פון אים צו דערוואַרטן? מיט נישט קיין געהויבן געמיט האָב איך אָנגעקלאַפּט אין פענצטערל. עס האָט זיך געעפנט און אַ מיידל אין אַ מונדיר פון דער נאַצישער יוגנט האָט מיר געוואונטשן „הייל־היטלער". איך האָב געפרעגט אויף דעם קאָנסול און זי האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז נאָך צו פרי. דער קאָנסול הויבט אָן אַמטירן ערשט פון ניין אַזייגער. ס'איז געווען נאָך איבער אַ האַלבע שעה צו וואַרטן.

ווידער האָב איך שפּאַצירט איבער די רואיקע גאַסן פון שטילן שטעטל. איצט זענען שוין געווען אַ ביסל מער פאַרבייגייער אויף די גאַסן, אָבער נאָך אַלץ גאַנץ ווינציק און דער עיקר מונדירטע, וועלכע האָבן זיך באַוועגט מיט גוטמוטיקער פאַרשלאָפנקייט. איך האָב געזוכט אַ יידיש פּנים צווישן די פאַרבייגייער, אָבער האָב נישט באַמערקט קיין איינס. איך האָב געטראַכט, אַז אין ערגסטן פאַל וועל איך דאַרפן אָפּזוכן אַ יידן. אָבער ווי זוכט מען אים? — אַז אויף דער גאַס טרעף איך נישט קיין איין מענטש, וואָס זאָל אויסזען ווי אַ ייד, פרעגן ביי די מונדירטע פאַרבייגייער אויף אַ ייד איז זייער געפערלעך, דאָס טאָר מען נישט טאָן. און ווער ווייס צי אין דעם נאַצישן גרענעץ־שטעטל געפינט זיך נאָך בכלל אַ ייד?

קיין שום קאַפע־הויז אָדער רעסטאָראַן, וואו איך זאָל פּרואוון באַקומען עפּעס אין מויל אַריין, האָב איך נישט באַמערקט, און פרעגן האָב איך נישט געוואָלט. מיין אָפּטימיזם איז גאַנץ שטאַרק געפאַלן און דאָס האָט מיר געמאַכט פאַרגעסן דעם הונגער. איך האָב געזען פאַר זיך די געפערלעכע פּערספּעקטיוו צו דאַרפן וואַנדערן צופוס איבער דער גאַנצער מערבדיקער גרענעץ־זאָנע פון היטלער־דייטשלאַנד. אָבער אפילו צו דעם האָלט עס נאָך ווייט, וואָרים וואו וועל איך נעמען צו באַצאָלן פאַרן האָטעל?

אָט מיט אַזעלכע געדאַנקען האָב איך ווידער אָנגעקלאַפּט אין פענצטערל פון דעם היטלער־יוגנט לאָקאַל. ווידער דאָס זעלבע מיידל אינם נאַצי־מונדיר. דער קאָנסול איז שוין דאָ. באַלד האָט זיך אין פענצטערל באַוויזן אַ ווייס פּנים, באַזוימט מיט אַ זילבער־ווייס בערדל, מיט ווייסע האָר אויפן קאָפּ און מיט זילבערנע פּענסנע אויף דער נאָז.

— וואָס ווינטשען זי?

איך האָב אים דערציילט, אַז דער האָלענדישער קאָנסול אין וואַרשע האָט מיר געגעבן אַ וויזע קיין האָלאַנד, אָבער די האָלענדישע

גרענעץ־באאמטע האָבן מיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איצט בין איך דאָ געבליבן שטעקן אָן געלט און אָן אַן אויסוועג. איך האָב פאַרלאַנגט, אַז אָדער ער זאָל געפינען אַן עצה מען זאָל מיך דאָך אַריינלאָזן קיין האָלאַנד, אָדער ער זאָל מיר פאַרשאַפן די מיטלען צו קאָנען צוריקפאָרן, ווייל דער האָלענדישער קאָנסול האָט דאָך מיך פאַרפירט אין דער שווערער לאַגע מיט דעם, וואָס ער האָט מיר געגעבן אַ וויזע, וואָס ווערט נישט אָנערקענט.

ער האָט מיר גלייך געענטפערט, אַז וועגן געלט קאָן ער גאָר־נישט טאָן. „ווענדען זי זיך צו דער געמיינדע" — האָט ער מיר געעצהט. „נאָך דאָס פעלט מיר — האָב איך געטראַכט — זיך ווענדן צו דער נאַצישער שטאָט־פאַרוואַלטונג". אָבער וואָס שייך דער וויזע, האָט ער מיך געבעטן אַריינקומען, ער וועט באַטראַכטן וואָס עס איז געשען.

ער האָט געעפנט די טיר און האָט מיך אַריינגעלאָזט אינעווייניק. עס איז געווען אַ גרויסער אָפיס־האָל, אין וועלכן אַ צוויי־צענדליק יונגע מענטשן זענען געזעסן ביי ביוראָ־טישן. צו וואָס דאַרף די היטלערישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין אַזאַ קליין שטעטל אַזאַ גרויסן אָפיס? עס איז מיר איינגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער אָפיס פאַר היטלערישער פראָפּאַגאַנדע קאָן האָבן אַ שייכות מיט דער גרענעץ און מיט דעם לאַנד, וואָס ליגט בלויז עטלעכע מייל פון דאַנען. עס איז אַן אָפיס וואָס פירט אָן מיט דער היטלער־פּראָפּאַ־גאַנדע און שפּיאָנאַזש אין האָלאַנד. אויב אַזוי, וואָס איז דאָ די ראָלע פון דעם מענטשן, וועלכער פירט אויס די פונקציעס פון דעם האָלענדישן קאָנסול?...

ער האָט מיך אויפגענומען טאַקע דאָ אין דעם אָפיס פון דער היטלער־יוגנט, צווישן די צענדליקער היטלעריסטישע פּאַרטיי־באַ־אַמטע. איך האָב באַמערקט, ווי ער באַנוצט זיך מיט די דאָזיקע באַ־אַמטע, און ווי זיי פאָלגן אים, גלייך ער וואָלט געווען זייער שעף. ער האָט באַטראַכט מיין וויזע און געזאָגט, אַז זי איז אין אָרדנונג, ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס מען האָט מיך נישט אַריינגעלאָזט. אפשר איז דאָס אַ צופאַל און אפשר נישט. ער האָט געראָטן איך זאָל פּרובירן נאָך אַמאָל, אָבער ער קאָן מיר קיין שום גאַראַנטיעס נישט געבן, אַז איצט וועט מען מיך שוין יאָ אַריינלאָזן.

— די גרענעץ־באַאַמטע אונטערליגן נישט מיר נאָר דעם אויס־לאַנדס־מיניסטעריום און איך ווייס נישט וואָסערע אינסטרוקציעס זיי האָבן לעצטנס באַקומען. דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן טאָן,

איז מיטגעבן אייך אַ בריוו, אַז לויט מיין מיינונג איז די ווייזע גוט און מען דאַרף אייך אַריינלאָזן.

פון אַלע מיינע פּלענער זיך אָפּנהערציק דורכצורײדן מיטן קאָנסול און געווינען זיין סימפּאַטיע און הילף האָט זיך, פאַרשטייט זיך, גאָר נישט אויסגעלאָזט. זעענדיק וואָס דאָ טוט זיך, האָב איך ווידער געטראַכט, אַז מיין אינסטינקט האָט מיך נישט אָפּגענאַרט, ווען איך האָב דעם האָלענדישן גרענעץ־באַאַמטן נישט געוואָלט געטרויען. די געסטאַפּאָ האָט וואַרשיינלעך גענוג אירע מענטשן צווישן די האָלענדישע באַאַמטע, באַזונדערס אויף דער גרענעץ. באין ברירה האָב איך מסכּים געווען צו נעמען פון אים אַזאַ בריוו, הגם עס איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז איך וועל מיך לאָזן נאָך אַמאָל צו דער האָלענדישער גרענעץ. ער האָט אַ רוף געטאָן:

— הילדאַ, קאָם מאַל הער!

עס איז צוגעקומען איינע פון די היטלער־מיידלעך און ער האָט איר באַפוילן זיך צו זעצן ביי דער שרייב־מאַשין און שרייבן וואָס ער וועט איר דיקטירן. ער האָט אָנגעהויבן די ערשטע ווער־טער און גענומען אַריינקוקן אין פּאַס, כּדי צו געפינען מיין נאָ־מען. פּלוצלונג האָט ער איבערגעריסן דאָס דיקטירן און האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר:

— זי זינד יודע?

— יאָ.

ער האָט געוואָרפן אַ באַפעל:

— האַלט, הילדאַ, דאָס בראַוך מאַן גאָר ניכט מער.

דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר און אָנגעהויבן אויפן גאַנצן קול:

— זאָ, זי זינד יודע. יעצט פאַרשטיי איך עס שוין... די האָ־לענדער ווילן קיינע יודען האַבן... זי האַבען קיינע אויסזיכטן, זי...

ער האָט גערעדט וואָס אַמאָל העכער און די יונגע היטלעריסטן האָבן זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער און גענומען מיך באַ־טראַכטן מיט שמייכעלעך אויף די ליפּן. זיי האָבן דאָ ווייזט אויס נישט אַזוי אָפט די געלעגנהייט אָנצוקוקן דאָס באַשעפעניש, וועגן וועלכן מען לערנט מיט זיי אַזוי פיל תּורה... איך האָב געפילט, אַז עס איז גלייכער וואָס גיכער זיך פון דאַנען אָפּצוטראָגן. איך האָב אַרויסגעריסן מיין פּאַס פון דעם אַלטנס האַנט. „איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך פאַר אַלעס" — האָב איך אויסגערופן צו אים און האָב אים איבערגעלאָזט אין מיטן פון זיין דרשה.

נאכן אפלויפן האסטיק א שטיקל וועג האב איך אנגעהויבן לאנג־זאם צו שלעפן די פיס אן א ציל.

איבערגעריסן דער פאדים, וואס מיר האט זיך גערדאכט, אז איך האב אים אנגעכאפט... וואס טוט מען ווייטער? פון וואנען הויבט מען ווידער אן? מיין ענערגיע האט מיך ווידער אנגעהויבן פאר־לאזן, און קאפ האט מיר גענומען שווינדלען. איך האב מיך געמוזט אנשפארן ביי דער וואנט. איך האב נישט געוואוסט וואוהין צו גיין, וואס צו טאן און מיין נויט.

12. דער מענטש איז גוט

איך בין געשטאנען אנגעשפארט אין דער וואנט פון א הויז. איך האב מיך געפילט צעבראכן און אפגעשוואכט. איך האב איצט מער נישט געפילט קיין הונגער, אבער איך האב געפילט, אז די כוחות גייען מיר אויס און פארשטאנען, אז מיין אפטימיזם און ענערגיע וואלטן מיך פונדעסטוועגן נישט פארלאזן אזוי גיך, ווען איך וואלט עפעס געהאט אין מיין מאגן. איך האב געמאכט עטלעכע טריט לענג־אויס דער וואנט ביי וועלכער איך בין געשטאנען. די וואנט האט זיך געענדיקט מיט א שארפן ווינקל און עס האט זיך אנטפלעקט א גערטנדל מיט אן אפן טירל. דער שניי אין דעם גערטנדל איז געלעגן הויך און אומבאריררט פון א מענטשלעכן פוס. איך בין אריין אינעווייניק און האב מיך איינגעבויגן. איך האב אוועק־געשארט די טונקעלע שפרענקעלעך סארדזשע, וואס זענען געווען פון אויבן אויפן שניי. אונטן איז דער שניי געווען קלאר און פינק־לענדיק. איך האב אנגענומען א פולן הויפן שניי און האב אים גענומען עסן. דער קאלטער שניי האט מיר געבריט דעם גומען און האט אין מיין מאגן ארויסגערופן א קיצלדיק געפיל, וואס איז שפעטער איבערגעגאנגען אין ווייטאג. די רעשטלעך פונם שניי הויפן זענען אין צעלאזענע טראפנס גערונען איבער מיין גאמבע און פון מיינע הענט. איך האב מיך אנגעבויגן און אנגענומען נאך א הויפן און אים געטראגן צום מויל. פלוצלונג האב איך דערהערט הינטער זיך:

— העי, פראזיט, דו!

איך האב מיך אומגעקוקט, עס איז געווען א באן־ארבעטער. ער איז געגאנגען מיט זיין רענצל אין דער האנט. ער האט געמיינט, אז דעם שניי עס איך פאר וואוילטאג און ער האט מיר שמייכלענ־דיק געוואונטשן לחיים, מאכנדיק מיט דער האנט א מין וואוילע־

רישן גרוס. איך האָב מיך באַמיט צו אים צוריק צו שמייכלען און האָב אים נאָכגעקוקט. ער איז פאַרשוואונדן הינטערן הויז־ווינקל און באַלד האָב איך געהערט ווי אַ טיר עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך.

פּלוצלונג האָב איך אוועקגענומען די האַנט מיט שניי פון מויל. „די באַן!" — איך בין כמעט אונטערגעשפּרונגען פון דעם געדאַנק, וואָס האָט מיך אַ ברי געטאָן. די באַן וועט באַלד אָפּגיין; וואָס שטיי איך דאָ, איך מוז דאָך עפּעס טאָן!

איך בין אַרויס פון גערטל און בין געגאַנגען אין דערזעלבער ריכטונג, וואו דער באַן־אַרבעטער איז אַ מינוט פריער געגאַנגען. נאָכן אויסמיידן בלויז עטלעכע הייזער בין איך געשטאַנען פאַרן וואָקזאַל. איך האָב לאַנגזאַם געעפנט די טיר און האָב אַריינגעקוקט אינעווייניק. ס'איז געווען אַ פאַרשלאָפן קליינשטעטלדיק וואָקזאַלעכל. איך האָב דערקאַנט די וואַנט, וואו איך האָב נעכטן ביינאַכט גע־קויפט דעם בילעט קיין אַמסטערדאַם. די אָפּטיילונג, וואו עס קומט פאַר די גרענעץ־רעוויזיע געפינט זיך אין דער הינטערשטער העלפט געביידע. דאָ אָבער זעט עס אויס פרידלעך און שלעפעריק. אויף די ווענט הענגען עטלעכע קריגס־פּלאַקאַטן און קאָלירפולע טוריסטן־פּלאַקאַטן, וועלכע חוזקן פון מענטשן מיט זייערע צוזאַגרישע פאַנ־טאַסטישע גליקן פון אַ ווייטער און שיינער וועלט. איצט איז דאָס וואָקזאַלעכל געווען ליידיק. פון צייט צו צייט בלויז איז עמעצער פאַרבייגעגאַנגען פון דער אַנדערער העלפט געביידע. ווען די טיר פון יענער העלפט האָט זיך געעפנט, האָב איך באַמערקט, אַז דאָרט איז נישט ליידיק, דאָרטן גרייט מען זיך וואַרשיינלעך צום צוג, וואָס דאַרף אָנקומען פון האָלאַנד. דאָס האָט מיך ווידער אַזוי ווי אַ ברי געטאָן. עס האָט מיך דערמאַנט, אַז איך האָב נישט קיין צייט צו פאַרלירן, איך מוז מיך גיך אויף עפּעס באַשליסן.

איך האָב פונוויטן אַריינגעקוקט אין קאַסע־פענצטערל. אַ גלאַט־ראַזירטער מיטליעריקער מענטש איז דאָרטן געזעסן און האָט זיך מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען ביי עפּעס געפּאָרעט. מיר איז עפּעס איינגעפאַלן. איך האָב אַרויסגענומען מיין נישט אויסגענוצטן בי־לעט קיין אַמסטערדאַם און אויך מיין פּאַס און בין צו צום קאַסע־פענצטערל.

— גוט מאָיען מיין הער.

ער האָט געענטפערט מיט אַ רואיקן שמייכל און האָט געוואַרט מיט אַ געשעפטלעכער מינע.

— איך האָב צו אייך אַ ביטע.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואַרט מיט אויפמערק־זאַמקייט.

— נעכטן אָוונט האָב איך דאָ געקויפט אַ בילעט קיין אַמס־טערדאַם, אָבער די האָלענדער האָבן מיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איצט בין איך דאָ צוריק, איך מוז צוריקפאָרן קיין בערלין, אָבער איך בין אינגאַנצן אָן געלט. דעם בילעט קיין אַמסטערדאַם האָב איך נישט אויסגענוצט, בלויז געפאָרן ביז אָלדענזאַאַל, צי וואָלט איר מיר נישט געקאָנט צוריקצאָלן פאַר דעם בילעט?

ער האָט באַטראַכט מיין בילעט און געזאָגט:

— אָבער איך טאָר דאָך דאָס גאָר נישט טאָן. דער בילעט איז שוין געלעכערט און איר האָט דאָך שוין געקאָנט מיט אים זיין אין אַמסטערדאַם אויך.

עס איז געווען מיין לעצטע קאָרט און איך האָב אויף איר געשטעלט אַלץ; איך האָב זי נישט געוואָלט אַזוי גיך אַרויסלאָזן פון האַנט. איך האָב אַריינגעלייגט מיין גאַנצע סוגעסטיע־קראַפט אין די ווערטער:

— פאָרמעל האָט איר רעכט, מיין הער, אָבער מען מוז די זאַכן באַטראַכטן מענטשלעך און נישט בלויז פאָרמאַליסטיש. אָט ביטע איז דער שטעמפל פון דער האָלענדישער גרענעץ מיט דער דאַטע פון היינט פאַרטאָג. פון דעם איז דאָך קלאָר, אַז אין אַמס־טערדאַם האָב איך נישט געקאָנט זיין. פאַר דעם בילעט האָב איך באַצאָלט דאָס לעצטע געלט, וואָס איך האָב געמעגט האָבן מיט זיך. אויב איר זאָלט מיר נישט צוריקצאָלן פאַר אים, בין איך דאָך אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע: דאָ זיצן ביי דער גרענעץ טאָר איך נישט און אַוועקצופאָרן האָב איך נישט מיט וואָס. ביטע, מיין הער, באַ־טראַכטן זי דאָס מענטשלעך.

ער האָט אויף מיר געקוקט, דאַן האָט ער מיך געבעטן וואַרטן. ער איז אַוועק מיט מיין בילעט טיפער אין צימער, וואו ביי אַ טיש איז געזעסן אַ מענטש, וועמענס פנים איך האָב נישט געקאָנט זען. זיי האָבן זיך באַראַטן און דערנאָך איז דער קאַסיר צוריקגעקומען:

— האָבען זי גאַר קיינע מיטלען?

— ניין, קיינע.

ער האָט גערעכנט מיט אַ בליישטיפט:

— אַלזאָ, ביז אָלדענזאַאַל זענט איר געפאָרן, דאָס מאַכט 93 פעניגע, זי בעקאָמען צוריק זיבן מאַרק מיט אַכציג פעניג.

— איך דאַנקע, מיין הער...

די וועלט האָט ווידער אָנגעהויבן אויסזען, ווי עפּעס אַ רעאַלע זאַך, אויף וועלכער עס איז נאָך אפשר כּדאי אַרומצוגיין...

— וויפל קאָסט אַ בילעט קיין בערלין, דריטע קלאַס פּערזאָנען־צוג?

ער האָט אָנגערופן אַ ציפער, וואָס איז פאַר מיר איצט געווען ריזיק גרויס.

— און וויפיל קאָסט אַ בילעט קיין — איקס?

— פינף מאַרק פערציג.

— ביטע גיט מיר אַ בילעט קיין איקס.

איך בין צוריקגעגאַנגען צו מיין האָטעל, אַ ביסל מונטערער, אָבער מיט אַ שטייגנדיקן וויטאָג אין מיין אינגעווייד. איך האָב אָפּגעשטופּט פון זיך די געדאַנקען וועגן דער צוקונפט, ווי למשל, וואָס איך וועל טאָן, ווען איך וועל שוין אָנקומען קיין איקס? איך האָב איצט געטראַכט דער עיקר וואָס צו טאָן שוין גלייך, כּדי איך זאָל נישט אַוועקפאַלן פאַר הונגער. איך האָב מורא געהאַט, אַז דאָס קאָן מיט מיר געשען יעדע מינוט.

אין דער קליינער לאָבי פון מיין האָטעל האָב איך געטראָפן אַ ווייס געקליידעטע פרייליין, אַ האָטעל־באַדינערין. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך פאַרלאָז גלייך דאָס צימער, ווייל מיין צוג וועט באַלד אַוועקגיין. אָבער גלייך האָב איך צוגעגעבן מיט אַ געמאַכטער לייכט־קייט:

— אָבער איך בין פאַרפלוכט הונגעריק. איך ווייס נישט וואו דאָ עטוואָס צו באַקומען און איך האָב שוין נישט קיין צייט צו זוכן, קאָנט איר מיר אפשר העלפן, גנעדיקעס פרויליין?

איר בליק האָט אָנגענומען אַן אויסדרוק פון אַ געוויסער פאַר־לוירנקייט:

— איך ווייס נישט, לעצטנס סערווירט מען ביי אונז נישט קיין שפייז.

— אָבער אפשר בלויז אַ קאַפע און עפּעס צו דעם. איך בין אַזוי הונגעריק — האָב איך געבעטן.

— איך וועל זען, אויב עס וועט גיין, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל און איז אַוועק.

איך בין געבליבן וואַרטן אין דער לאָבי.

באַלד איז געקומען די טאָכטער פון באַלעבאָס, די וואָס האָט מיך פריער אַזוי אומפריינדלעך אויפגענומען. זי האָט מיך אין אַ שטרענגן און אָפיציעלן טאָן געפרעגט:

— האָבען זי שפייזע־מאַרקען?

— ניין.
— בעדויער זייער, זי קאָנען נאָר איינע קאַפּע בעקאָמען.
— גוט, איך דאַנק זייער, אַ קאַפּע איז אויך בעסער ווי גאָר־נישט.

זי האָט מיך אריינגעפירט אין אַ קליינעם שפּייז־זאַל, וואָס איז געווען פאַרטונקלט, מיט פאַרהאָנגענע פענצטער. איך האָב מיך גע־זעצט ביי אַ טישל און געוואַרט.

נאָך עטלעכע מינוט איז די באַדינערין געקומען מיט אַ טעפּל שווארצע קאַווע.

— צוקער און ברויט קאָנט איר ליידער נישט באַקומען, אָבער איך האָב אייך געבראַכט אַט־דאָס, פּיללייכט וועט עס אייך שמעקן.

זי האָט אוועקגעשטעלט עפּעס אַ קליינע קיילעכדיקע זאַך אין אַ טעלערל. עס איז געווען טונקל און פּייכטלעך און קלעפּיק און איך ווייס ביז היינט נישט וואָס דאָס איז געווען — אַ קאַרטאָפל־לאַטקע צי עפּעס אַנדערש, נאָר איך האָב עס איינגעשלונגען נאָך איידער זי האָט באַוויזן אוועקצונעמען די האַנט. די ערזאַץ־קאַווע האָב איך געזופּט צוזאַמען מיט דער פּאַרע. זי איז געווען קאָכעדיק, נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן ביז זי וועט זיך אָפּקילן און האָב מיר געבריט דעם האַלז און דעם גומען. דאָס פרייליין האָט מיך ווייזט־אויס אָבסערווירט פון דער ווייטנס, ווייל נאָך איידער איך האָב געהאַט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע טעפּל קאַווע האָט זי מיר געבראַכט אַ צווייטס.

— דער מענטש איז פאַרט נישט אַזוי שלעכט — האָב איך געטראַכט און האָב זיך געקוויקט מיט דעם קאָכעדיקן געטראַנק.

— איך דאַנקע פילמאַלס — האָב איך געזאָגט דער באַדינערין, וואָס איז אריינגעקומען אַראָפּצונעמען פון טיש, אַזוי שנעל ווי איך האָב מיך אויפגעשטעלט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין זייגער — איך האָב נאָך געהאַט פופצן מינוט צום אָפּגיין פון צוג. איך בין אַרויפגעלאָפן אין מיין צימער און האָב אָפּגעציילט מיין פאַר־מעגן: איך האָב געהאַט פונקט אַזוי פיל, וויפיל עס האָט באַטראָפן דער צימער. איך האָב גענומען מיינע זאַכן און אַ שטאַרק פאַר־זאָרגטער בין איך אַראָפּ אין דער לאָבי. הינטערן קאָנטואַר איז ווידער געשטאַנען דעם באַלעבאָס טאָכטער.

— קאָן איך ריידן צום הער ווירט? — האָב איך זי געפרעגט.

זי האָט געעפנט אַ טיר אין אַ צימער אריין. פון דאָרט איז אַרויסגעקומען דער אַלטער מיט די ווילהעלם־וואָנצעס. ער איז געווען אין זיין מאָרגן־ראָק און האָט אויסגעזען מער היימיש.

איך האָב אָוועקגעלייגט פאַר אים דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב געהאַט און האָב אים געזאָגט:

— דאָ איז פּונקט פאַרן צימער, אָבער איך האָב אַחוץ דעם געהאַט אַ קאַווע און איך האָב נישט מער קיין געלט, איר ווייסט ווי עס טרעפט זיך אונטערוועגס. איך דאַרף פאָרן אַ לאַנגן וועג קיין בערלין און פון דאָרטן נאָך ווייטער און איך בלייב אָן איין פּעניג. וואָלט איר מיר געוואָלט טאָן די געפעליקייט און מיר צוריק־געבן פופציק פעניג און דערפאַר נעמען מיין זייגער? דער זייגער איז ווערט פיל מער און איר וועט מיר טאָן דערמיט אַ גרויסע טובה, וואָס איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

איך האָב אַוועקגעלייגט מיין זייגער אויפן טיש און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט אויף זיין רעאַקציע. איך בין געווען צו־געגרייט אויף אַ שטורם פון דונער און בליץ.

ער האָט מיר געקוקט אין די אויגן שווייגנדיק און מיט אַ שטרענג פּנים. וואָס לענגער עס האָט געדויערט זיין שווייגן, אַלץ געפּאַלענער בין איך ביי זיך געוואָרן. איך בין שוין געווען זיכער, אַז עס קומט אַ שטורם און אַ צרה, אין וועלכער איך האָב מיך אַליין אַריינגעפּאַקט. אָבער אָנשטאָט דעם האָב איך דערהערט אַ מענטשלעכע און מיטליידנדיקע שטימע:

— זאָ, זי זינט גאַנץ אָנע מיטעלן געבליבן?

— יאָ מיין הער.

— און נאָך האָלאַנד האָט מען אייך נישט אַריינגעלאָזט, איר מוזט צוריקפאָרן?

— דאָס איז שלעכט, זי ווערדען...

פּלוצלונג איז אין אים פאָרגעקומען אַ פאַרענדערונג. זיינע וואַנ־צעס האָבן זיך אַזוי ווי אויפגעשטעלט, זיין גאַנץ פּנים האָט באַקומען אַ שטרענגן, פּרייסישן אויסזען. ער האָט מיט רוגזה אַ שאַר געטאָן מיין זייגער פון טיש און האָט מיט כּעס אַ ברום געטאָן:

— נעמען זי דאַס וועג, מאַכען זי נור קיינע יודען־געשעפטען היר!...

די ענדערונג איז געקומען אַזוי פּלוצלונג און אומדערוואַרטעט, אַז איך בין געבליבן פאַרגליווערט. גלייך אָבער האָב איך באַמערקט, ווי ער שענקט עמעצן אַן אָפיציעלן שמייכל איבער מיין קאָפּ. איך האָב מיך אומגעקוקט און דערזען אַ ציוויל־געקליידעטן מאַן, וואָס איז אַריינגעקומען פון גאַס. דער מענטש איז פאַרבייגעגאַנגען די לאָבי, אויסטוישנדיק אַ „מאָיען" מיט דעם באַלעבאָס און ער איז לאַנגזאַם אַרויף מיט די טרעפּ צו די צימערן. גלייך ווי זיינע טריט

זענען אנטשוויגן געוואָרן, האָט דער באַלעבאָס צוריקבאַקומען זיין מענטשלעכן טאָן... איך האָב אָפּגעווישט דעם שווייס, וואָס האָט מיך באַשלאָגן, און ער, באַמערקנדיק מיין צערודערונג האָט מיטליידיק אַ זאָג געטאָן:

— גייען זי דאָך לאָז... מוזען זי אַלזאָ צוריק און זי האָבען קיינע מיטלען?

איך האָב שווייגנדיק אויף אים געקוקט.

ער האָט זיך מיטביידע עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן קאָנטואַר און האָט באַטראַכט דאָס געלט, וואָס איך האָב אוועקגעלייגט. ער האָט מיטן ווייז־פינגער אַ שאַר געטאָן צו מיר דעם זייגער.

— נעמען זי אירע אוהר צוריק, איך בראַוך זי נישט...

נאָכדעם האָט ער מיט דעם זעלבן וויַיז־פינגער אַ שאַר געטאָן צו מיר אַ גאַנצן מאַרק פון דעם געלט, וואָס איז פאַר אים געלעגן.

— און נעמען זי אויך דאָס צוריק...

— אָ, איך דאַנק, מיין הער, זי זינד זעהר גנעדיג — האָב איך געשטאַמלט אין צעטומלעניש.

— גליקלעכע רייזע. איר וועט עס מיר שוין אַמאָל צוריק־געבן ביי אַ געלעגנהייט. — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טיר פון זיין פּריוואַט־וואוינונג...

13. איך פאָר צום אומבאַוואוסטן...

איך בין ווידער אין באַן. אין מיין קופּע זעצן זיך אַ הער מיט אַ דאַמע, זיי קוקן מיך אָן מיט אַ געוויסער נייגעריקייט. עס הערשט אַ ביסל אַן עקזאַלטירטע שטימונג, ווי געוויינלעך ביי אַ גרע־נעץ. אַלע פּאַסאַזשירן אין מיין וואַגאָן זענען געקומען פון האָלאַנד און האָבן נאָר־וואָס אַדורכגעמאַכט די גרענעץ־רעוויזיע. זייערע אויגן קוקן מיט אומרואיקייט און נייגעריקייט אַרום זיך. מען רעדט נישט, ווי מען וואָלט זיך געהיט. מיינע שכנים וואַרפן בלויז פון צייט צו צייט צו זיך אַ וואָרט כמעט אין אויער אַריין אַזוי שטיל, אַז איך קאָן גאָר נישט הערן. אויך איך באַטראַכט די פּאַסאַזשירן מיט נייגעריקייט. איך וויל טרעפן ווער די מענטשן זענען, וועמען עס גלוסט זיך היינט צו פאָרן פון האָלאַנד קיין דייטשלאַנד; וואָ־סערע געשעפטן האָבן זיי דאָ? צי זענען זיי אַלע נאַציס?

שוואַרץ־מונדירטע גרענעץ־פּאָליציי־לייט גייען דורך אונזער וואַגאָן, קוקן אַלעמען אין פּנים אַריין און פאַרדעקן גענוי די פענצ־טער מיט טונקעלע פאָרהענגלעך. דער צוג רירט פון אָרט און גלייך

דערויף קומט אריין אַ ריזיק־גרויסער און דיקער שוואַרצער פּאָלי־ציאַנט. ער ציילט די פּאַסאַזשירן, טייטלענדיק אויף יעדן מיט זיין ריזיקן וויַיז־פינגער. ער פאַרשרייבט עפּעס אויף אַ צעטעלע און דאַן זאָגט ער אַז מען זאָל זיך נישט דערוועגן אויפצודעקן די פאָרהענג־לעך און אַרויסקוקן דורך די פענצטער. ער גייט אַרויס צו די ווייַ־טערדיקע קופּעס און ביי אונז בלייבט העגען אין דער לופטן זיין מאָדנע, כמעט ווייַבערשע שטימע, וועלכע איז אין אַזאַ שטאַרקער דיסהאַרמאָניע מיט זיין ריזיקן וואוקס... קיינער זאָגט קיין וואָרט נישט, מען קוקט זיך איבער מיט אומרואיקע און גרויסע אויגן. דאָס ציילן די מענטשן, די שטרענגע פאַרבאָטן, ווארפן אָן אַ שטיקל שרעק, מען פילט זיך ווי אַריינגעכאַפּט אין עפּעס אַ געפענגעניש דאָ, פון וועלכן עס איז נישט אַזוי לייכט זיך אַרויסצוקריגן. איך האָב געטראַכט, אַז באַזונדערס מוזן דאָס שווער פילן די פּאַסאַזשירן, וועלכע קומען פון פרייען האָלאַנד: מיט אַ שעה צוריק זענען זיי נאָך געפאָרן אין האָלענדישן צוג און האָבן געגאָסן די פרייקייט און זאָרגלאָזיקייט פון אַ רייזע איבער אַ פרייער וועלט, און דאָ פּלוצלונג אַזאַ איבער־גאַנג...

דער גרויסער פּאָליציאַנט איז ווידער אַריינגעקומען מיט אַ פּאַ־פּיר און בלייפעדער אין האַנט. ער האָט יעדן געפרעגט דעם נאָמען און די נאַציאָנאַליטעט און פאַרשריבן אין זיין פּאַפּירל. געטאָן האָט ער עס אויף אַ העפלעכן שטייגער און האָט יעדן געדאַנקט. אָבער ביי מיר האָט די דאָזיקע פּראָצעדור אַרויסגערופן אַ טיפע אומרואיקייט. איך האָב נישט געוואוסט צוליב וואָס ער טוט דאָס און איך האָב זיך געשראָקן, אַז דאָ זאָל זיך נישט אָנהויבן אַ נייע חקירה־ודרישה, מיט אַן אונטערזוכונג פון דאָקומענטן. איך האָב דאָך געוואוסט, אַז איך פאַרמאָג נישט קיין אָפיציעלע דערלויבעניש צו פאָרן צוריק דורך דייטשלאַנד. דאָס פּאַפּירל פון דער וואַרשעווער געסטאַפּאָ, וואָס איך האָב פאַר געלט באַקומען, האָט מיר בלויז דערלויבט אויסצואוואַנדערן קיין האָלאַנד דורך בענטהיים. דאָרט איז דייטלעך געווען געזאָגט, אַז איך האָב נישט קיין רעכט זיך אָפּ־צושטעלן אין קיין שום דייטשע שטאָט און וועגן פאָרן צוריק קאָן דאָך אוודאי קיין רייד נישט זיין. צי וואַרטן מיך נישט דאָ נייע צרות? איך האָב געקוקט אויף מיינע מיט־פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן אָנגעגעבן, אַז זייערע פּעסער זענען שווייצאַרישע: זיי האָבן אומרואיק געקוקט צום קאָרידאָר פון וואַגאָן, פון וואַנען עס האָבן זיך כסדר געהערט די שטימען פון די שוואַרצע פּאָליציאַנטן. איך האָב מיך

צום סוף באַרואיקט און געוואָרט מיט אַ געוויסער רעזיגנאַציע אויף דעם וואָס ווייטער וועט זיין.

דער גרויסער פּאָליציאַנט איז ווידער אַריינגעקומען מיט אַ פּאַק פּעסער אין האַנט. ער איז צו גלייך צו מיר און האָט מיך ווידער געפרעגט מיין נאָמען. איך האָב זיך באַמיט צו ענטפערן מיט אַ וואָס רואיקערער און זאַרגלאָזער שטימע. ער האָט איבערגע־קוקט אַלע פּעסער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, און האָט באַקומען זייער אַ פאַרזאָרגטע מינע.

— ווי, זאָגט איר איז אייער נאָמען? — ער האָט מיר געגעבן זיין בלייפעדער און געבעטן איך זאָל מיין נאָמען אויפשרייבן אַזוי ווי עס שטייט אין מיין פּאַס. ער איז אַרוים אַ פאַרזאָרגטער און איך האָב נאָך אַלץ נישט געוואוסט וועגן וואָס עס גייט. די שרעק, אַז דאָ איז מיט מיר עפּעס נישט גלאַט, איז אין מיר געוואַקסן.

דער גרויסער פּאָליציאַנט איז דערנאָך אַריינגעקומען מיט נאָך אַן אַנדערן און ביידע זענען געווען שטאַרק צערודערט. זיי האָבן זיך צו מיר געווענדט מיט אַ פראַגע:

— צי האָט איר געגעבן אייער פּאַס ביי דער גרענעץ־רעוויזיע?

— יאָ, נאַטירלעך.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך.

— דערקענט איר אייער פּאַס צווישן אָט־די? — האָט מיך געפרעגט דער אַנדערער, וויַיזנדיק מיר דעם גאַנצן פּאַק פּעסער.

— ניין, מיין פּאַס האָב איך ביי זיך.

— וואָס? ווי איז עס דען מעגלעך? — האָט איר נישט אָפּ־געגעבן אייער פּאַס ביי דער רעוויזיע?

איך האָב שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס אַ מיס־פאַרשטענדניש, אַ טעות פאַר וועלכן איך קאָן באַצאָלן. איך האָב דעריבער געוואָלט וואָס גיכער אויפקלערן די מיספאַרשטענדניש.

— מיינע הערן — האָב איך געפרעגט — צי האָט איר ביי אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען היינט אַריבער די גרענעץ צוגענומען די פּעסער און איר גיט זיי אָפּ דאָ אין וואַגאָן?

— יאָ.

— איך בין אַריבער די גרענעץ נעכטן ביינאַכט.

זיי האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט.

— און איר זענט איינגעשטיגן היינט פון בענטהיים, נישט פון האָלענדישן צוג?

— יאָ.

— טאָ ווי קומט איר אין דעם וואַגאָן אַריין?

— אַ קאָנדוקטאָר האָט מיך געפרעגט צי איך קום פון דער האָלענדישער גרענעץ און ער האָט מיר געהייסן איינשטייגן אין דעם דאָזיקן וואַגאָן.

— און האָט איר אייער פּאַס? — האָט דער אַנדערער אויס־געצויגן זיין האַנט.

איך האָב אים געגעבן מיין פּאַס. אין דער צייט וואָס ער האָט אים באַטראַכט, האָב איך מיך שוין געגרייט צו אַ געפערלעכער רייזע פּראַגן.

— קאָמיש — האָט דערווייל געזאָגט דער גרויסער מיט דער דינער שטימע — און מיר האָבן געמיינט, אַז מיר האָבן אייער פּאַס ערגעץ פאַרוואָרפן אָדער געלאָזט אין בענטהיים.

— אָ, איינע געוויינלעכע מיספאַרשטענדניש — האָב איך געזאָגט מיט אַ טאָן צו באַגאַטעליזירן די גאַנצע זאַך.

— ווירקלעך — האָט געזאָגט דער, וואָס האָט געשטודירט מיין פּאַס — איר זענט דאָך גאָר אין האָלאַנד נישט געווען, מען האָט אייך גאָר נישט געוואָלט אריינלאָזן — האָט ער געטייטלט מיטן פינגער אויף דעם האָלענדישן שטעמפּל.

זיי איז ווייזט אויס מער געלעגן אין זין, אַז זייערע אייגענע עסקים זאָלן שטימען, ווי מיך צו פאַרשן. זיי האָבן מיר צוריקגעגעבן מיין פּאַס, מיט אַ מינע פון דערלייכטערונג, זיי האָבן אויך די אַנ־דערע פּאַסאַזשירן געגעבן זייערע פּעסער און זענען אַרויס.

איך האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט. די ערשטע שרעק איז אַריבער. איך האָב פאַררויכערט פון דעם פּעקל, וואָס כ'האָב געקויפט אין בענטהיים. אין קעשענע האָב איך געהאַט עפּעס מער פון אַ האַלבן מאַרק, אַדאַנק דער גוטסקייט פונם האָטעל־אייגנטימער אין בענט־היים, דער גוטסקייט, וואָס האָט זיך ווי אַ נס אַרויסגעריסן פון אונ־טער דעם נאַצישן אייז־צודעק און האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אין דער שעה פון נויט. דער דאָזיקער פאַקט האָט מיך געוואַרעמט און האָט מיר געגעבן מוט נישט צו זיין פאַרצווייפלט וועגן מיין ווייטערדיקן גורל, הגם איך האָב מיר אָפּגעגעבן אַ רעכנונג, אַז מיין לאַגע איז גאָר אַ קלאָגעדיקע, ווי באַלד מיין איינציקע אויסזיכט איז אויף אַזעלכע ניסים פון מענטשלעכקייט אין דעם נאַצי־לאַנד.

מיר זענען געפאָרן אין אַן אייגנאַרטיקער אַטמאָספער, וואָס מען קאָן טרעפן נאָר אין היטלער־דייטשלאַנד: די פענצטער זענען געווען פאַרהאָנגען, אין קאָרידאָר איז געשטאַנען די היטלער־פּאָלי־ציי, וועלכע האָט יעדן פּאַסאַזשיר געהאַט אויפן אויג. די טירן פון וואַגאָן זענען געווען געשלאָסן. בשעת דער צוג האָט זיך געשטעלט,

האָבן נאָר די פּאָליציאַנטן געקאָנט עפענען די טיר און אַרויסקוקן, די פּאַסאַזשירן האָבן דאָס נישט געטאָרט טאָן. איז מען געזעסן איינ־געשרומפּענע, דערדריקטע, נישט וואַגנדיק אַרויסצולאָזן די פּאַרע פון מויל. מען האָט נערוועז גערויכערט, מען האָט שווייגנדיקע גע־קוקט צו די בלינדע, פאַרהאַנגענע פענצטער, פאַרשטעלנדיק זיך, אַז הינטער זיי פליען פאַרביי לאַנדשאַפטן פון גאָטס פרייער, מיט זון באַלויכטענער וועלט. מען האָט זיך געפילט ווי אַרעסטאַנטן און מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז די רייזע זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן.

איך האָב נישט געוואוסט ווער עס זענען די אַנדערע פּאַסאַ־זשירן, אָבער עס איז דאָך קיין ספק נישט געווען, אַז זיי זענען אַלע כשרע מענטשן פאַר די נאַצים, אַנדערש וואָלט מען דאָך זיי נישט אַריינגעלאָזט פון אויסלאַנד. פונדעסטוועגן האָב איך ביי אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן אין די קופּעס, אין וועלכע איך האָב אַריינגעקוקט, באַ־מערקט די זעלבע געדריקטע שטימונג. און נאָך אַ זאַך האָב איך באַמערקט: אויפן וועג צו דער האָלענדישער גרענעץ, אויפן זעלבן פּלאַץ, איז אויך געווען די אייגענע פּראָצעדור מיט די פאַרהאַנגענע פענצטער און מיט די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אונז געהיט, פונ־דעסטוועגן האָט ביי אַלע פּאַסאַזשירן געהערשט אַן אויפגעהייטערטע שטימונג: מען האָט געפילט, אַז אָט־אָט און מען ווערט פּטור פון דעם אַלעמען, מען דערנעענטערט זיך צום סוף פון דעם אומהיימ־לעכן לאַנד. איצט אָבער איז עס געווען פאַרקערט: מען פאָרט אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין דעם דאָזיקן לאַנד און דאָס האָט אַלעמען אַריינגעקלאַמערט אין אַ טיף־געדריקטער שטימונג.

אַזוי זענען מיר געפאָרן ביז אָסנאַברוק, וואו מיר זענען אָנגע־קומען, ווען עס איז שוין געווען טונקל. דער צוג האָט זיך געשלעפּט לאַנג און האָט זיך אָפט געשטעלט אויף לאַנגע שעהן. דורך די פאַר־האַנגענע פענצטער האָבן מיר געהערט קולות פון מענטשן און דאָס פאַרבייפאָרן פון שווערע צוגן. אונזער צוג גופא איז אויף סטאַציעס געשלעפּט געוואָרן הין און צוריק ביז מיר זענען ערגעץ געבליבן שטיין און קיין קולות מער ניט געהערט. דעמאָלט האָבן מיר פאַר־שטאַנען, אַז מען האָט אונז אָוועקגעשטעלט ערגעץ אויף זייטיקע ליניעס, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר די מיליטערישע צוגן.

אין אָסנאַברוק האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן גענוג לאַנג אויף אַ ווייטערדיקן צוג. פון ווייטנס איז געשטאַנען אַ קליינער וואָקזאַל, וואָס האָט זיך אַלץ מער געהילט אין פינצטערניש. איך בין געווען הונגעריק און געטראַכט, אַז אפשר וואָלט איך אין וואָקזאַל עפּעס באַקומען, אָבער עס איז געווען צו נאָענט פון דער גרענעץ־זאָנע

און איך האָב געטראַכט, אַז ס'איז גלייכער פאַר מיר צו וואַרטן אין דעם שוין כמעט פינצטערן דרויסן. איך בין געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרם, האַרט ביי די באַן־שינעס און געוואַרט אויפן צוג.

ענדלעך איז אָנגעקומען א צוג. פּאַסאַזשירן זענען געווען ווייניק. א ביסל זעלנער און פּשוטע מענטשן פון דריטן קלאַס. קיין פּאָליציאַנטן, וואָס זאָלן היטן די פּאַסאַזשירן, זענען שוין דאָ נישט געווען, אָבער די פענצטער זענען אויך איצט געווען פאַרהאָנגען, דאָס מאָל נישט צוליב גרענעץ־סודות, נאָר ווייל עס איז שוין געוואָרן נאַכט, און עס האָט אין גאַנץ דייטשלאַנד פּאַרפליכטעט צו פאַרטונקלען די פענצטער צוליב דער מורא פון לופט־אַנגריפן.

הונגעריק און דענערווירט ווי איך בין געווען, האָב איך געטאָן דאָס בעסטע, וואָס איך האָב אין די באַדינגונגען געקאָנט טאָן: איך האָב מיך איינגעגנורעט אין א ווינקל און בין איינגעשלאָפן.

צוויי שעה האָב איך זיך געמאַטערט אין א קאָשמאַרפולן שלאָף, וואָס איז געווען כסדר איבערגעריסן פון זאָרגפולע מאָמענטן פון וואַכקייט. וואָס ווייטער איך בין געפאָרן, אַלץ אומרואיקער בין איך געוואָרן וועגן מיין ווייטערדיקן גורל. די אָטעם־פּויזע, וואָס דער בילעט קיין איקס האָט מיר געגעבן, דערנענטערט זיך צום סוף. וואָס וועל איך טאָן ווייטער? די זאָרג איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער און אַזוי האָבן זיך געטוישט פאַנטאַסטישע קאָשמאַר־בילדער פון האַלבן שלאָף מיט נישט ווינציקער פּייניקנדיקע בילדער פון פולער וואַכקייט.

אַרויסגערופן האָט מיך פון דעם צושטאַנד דער אויסרוף, אַז דער צוג גייט נישט ווייטער און ווער עס וויל פאָרן קיין איקס, דאַרף דאָ אַראָפּגיין און וואַרטן. די פּאַסאַזשירן זענען פון דעם געווען דייטלעך אומצופרידן. מיך אָבער האָט עס נישט געאַרט. פאַרקערט, איך האָב געוואָלט, אַז די רייזע קיין איקס זאָל זיך ציען וואָס לענגער, ווייל וואָס דערוואַרט מיך דען דאָרטן? ווייניקסטנס האָב איך געוואָלט די רייזע זאָל דויערן ביז אינדערפרי; איך זאָל קיין איקס נישט אָנקומען אינמיטן נאַכט.

איך בין אַראָפּ אויף דער סטאַציע, אויף דער פּלאַטפאָרם איז געווען א בופעט אין א קליינער סוכּה. זי איז געווען פול מיט זעלנער. איך האָב מיך דאָרט אַריינגעשטופּט און נאָך לאַנגן וואַרטן האָב איך באַקומען א טעפּל „קאַווע" אָן צוקער. איך האָב דאָרטן געפּאַקט נאָך א מציאה: עפּעס אַן אַלט פאַרדאַרט קיכל מיט א נאָכטעם פון שימל. עס האָט פונדעסטוועגן געשמעקט נישט שלעכט, אָבער עס איז אויף דעם אַוועק כּמעט מיין גאַנץ פאַרמעגן. איך האָב געקויפט נאָך

עטלעכע פאפיראָסן און בין געבליבן מיט עטלעכע געציילטע פעניג אין קעשענע.

— וואָס וועל איך טאָן אין איקס? וואָס וועל איך טאָן אין איקס?....

נישט ווילנדיק האָט זיך די טראַגישע פראַגע כסדר איבערגע־חזרט אין מיין מוח און וואָס אַמאָל העפטיקער, מיט מער קלאָרקייט און מיט מער צודרינגלעכקייט, ביז זי האָט מיך אָנגעפילט מיט אומרו, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ געפיל פון פּאַניק און פאַר־צווייפלונג.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער צוג. ער איז באַשטאַנען פון אַלטע, פינצטערע און אומבאַקוועמע וואַגאָנעס. איך האָב זיך אַריינגעזועצט אין אַ קופּע. עס זענען איינגעשטיגן נאָך פּאַסאַזשירן, דאָס מאָל בלויז מונדירטע זעלנער, באַאַמטע און שטורם־טרופּערס. ביים איינשטייגן האָב איך מיך שיער איבערגעקערט אויפן פינצטערן און גליטשיקן פּעראָן. עמעצער האָט מיך אונטערגעכאַפּט און האָט גע־נומען די וואַליזקע, וואָס איז מיר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ער האָט זי מיר נישט געוואָלט געבן צוריק און האָט זי מיר אַריינגע־טראָגן אין וואַגאָן אַריין און אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָלקע. עס איז געווען אַ יינגערמאַן אין דער אוניפאָרם פון דער היטלער־יוגנט. איך האָב אים געדאַנקט און ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, און אויס־גערופן אַ הויכן „הייל־היטלער". מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט און איך בין געווען צופרידן, וואָס דער יונגער היטלעריסט איז אַוועק ווייטער און האָט זיך נישט געזעצט אין מיין קופּע, ווייל צו־ליב העפלעכקייט וואָלט איך נישט געקאָנט אויסמיידן צו ריידן מיט אים, אויב ער וואָלט געפּרוּווט פאַרפירן מיט מיר אַ געשפּרעך.

די פענצטער זענען געווען פאַרהאָנגען און עס האָבן געברענט בלויז קליינע לעמפּלעך, וואָס האָבן אין קופּע געשאַפן מער שאָטן ווי ליכט. איך בין געווען צופרידן פון דעם, וואָס מיינע מונדירטע שכנים וועלן נישט קאָנען זען מיין פּנים. זיי זענען געזעסן און האָבן געדרעמלט און האָבן שטיל געשמועסט צווישן זיך. איך האָב געהערט בלויז אָפּגעריסענע ווערטער פון זייערע געשפּרעכן. זיי זענען געווען וועגן אומבאַדייטנדיקע קלייניקייטן, איינמאָל בלויז האָט מיך איינער פון זיי געצוואונגען צו עפענען מיינע האַלב־פאַר־מאַכטע אויגן און אָנשפּיצן די אויערן. ער האָט גערעדט וועגן דער מלחמה און איך האָב אין זיין טאָן נישט אַרויסגעפילט קיין פרייד, נאָר פּונקט דעם היפּוך. ער האָט געזאָגט:

— נאָ, עס קאָמט שׂאָן אויך היר, אין וועסטען, עס קאָמט שׂאָן... און נישט אימער ווירד עס איין שטילער קריג זיין, קאַמעראַדן..

איך האָב אָנגעשטרענגט מיינע אויגן אין דער טונקל, עס האָט גערעדט דער וואָס איז געזעסן אַנטקעגן מיר, זיין פּנים איז געווען אויסגעדרייט צו זיינע קאַמעראַדן און איך האָב געזען דעם פּראָפיל פון אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט טונקעלע וואָנסעס, אין אַ קיילעכיק זעלנער־היטל אָן אַ דאַשעק. דער קאָלנער פון זיין מונ־דיר איז געווען צעקנעפּלט און ער האָט זיך געווישט זיין האַלז מיט אַ גרוים טיכל. די איבעריקע זעלנער זענען געווען שטיל, ווי זיי וואָלטן געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט זיי געזאָגט. ער האָט ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— איך געדענק ווי עס איז אין יענעם וועלט־קריג געווען... פיר יאָר בין איך אויפן וועסט־פראָנט געווען...

— יאָ, דאָס שיים פון יענעם קריג וועט זיך מער ניכט ווי־דערהאָלן — האָט אים איבערגעריסן אַ יינגער זעלנער פון אַנדערן ווינקל — דעמאָלט האָבן מיר נישט געהאַט דעם פירער. היינט וועט עס דער פירער מיט זיי מאַכן בליץ און קורץ... זייט נאָר רואיק וועגן דעם. האָבן דען די ענגלענדער און די פראַנצויזן אַזוי מורא געהאַט פאַר אונז דעמאָלט, ווי היינט?

דער אַלטער זעלנער האָט אָפּגעהאַקט גלייך ווי יענער האָט זיך אָנגערופן. ער האָט זיך אַזוי ווי אויפגעוועקט, האָט זיך האַסטיק אַרומגעקוקט און ווי נאָר יענער האָט געענדיקט, האָט ער גיך און מיט איבערטריבענעם ענטוזיאַזם — ווי מיר האָט זיך געדאַכט — געזאָגט:

— יאָ, נאַטירלעך, היינט וועט עס אַנדערש זיין, זיגן וועלן מיר שוין, נאַטירלעך, דער פירער וועט שוין זען עס זאָל קומען שנעל, נאַטירלעך...

ער האָט פאַרקנעפּלט דעם קאָלנער פון זיין מונדיר, ווי ער וואָלט זיך געקליבן ערגעץ צו גיין, ער האָט מיט דער אויסערלעכער האַנט־פלאַך אַ וויש געטאָן זיינע וואָנסעס אַהין און צוריק און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זיי האָבן מער אויף דער טעמע נישט גערעדט און עס האָט לאַנג געהערשט אַ שטילקייט, ביז זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן ריידן וועגן קליינע און לאַנגווייליקע זאַכן. זייער קורצער געשפּרעך אויף אַ מלחמה־טעמע, וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט, זינט איך האָב געוואַנדערט איבער דייטשלאַנד, האָט מיך אינגאַנצן וואַך געמאַכט און איך האָב באַדויערט וואָס איך האָב נישט געקאָנט זען

די פנימער פון די זעלנער בשעת דעם דאָזיקן געשפּרעך. איך האָב געגלויבט, אַז איך וואָלט געקאָנט מער אַרויסלייענען פון זייערע פּנימער איידער פון די געהערטע ווערטער.

דער עלטערער זעלנער אַנטקעגן מיר איז איצט געזעסן שטיל. איך האָב פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. די אָנוועזנהייט פון דאָזיקן מענטשן וואָס כ'האָב אַפילו נישט געוואוסט געגוי ווי ער זעט אויס, אָבער וועלכער האָט אין זיינע רייד געלאָזט פילן אַ נאָטקע פון מענטשלעכער זאָרג און איז — ווי מיר האָט זיך געדאַכט — געווען אַן אַנטי־נאַצי, האָט אויף מיר געווירקט אַזוי, ווי איך וואָלט דאָ פּלוצלונג געפונען אַ פריינד אין דער אומגעהויערער איינזאַמ־קייט. אַזוי מוז מען פילן ווען מען דערזעט די שפּורן פון אַ מענטש נאָכן וואַלגערן זיך אַ לאַנגע צייט אין אַ וויסטעניש. איך האָב אים מיט אינטערעס אָבסערווירט און האָב אין אַ ווייל אַרום באַמערקט, ווי ער האַלט אויך זיינע אויגן אָנגעשטעלט אויף מיר. עס איז געווען טונקל און איך האָב מיך אַ ביסל אָנגעבויגן אויף פאָרנט, כדי צו זען זיינע אויגן. אָבער דעמאָלט האָט ער זיין בליק אוועק־גענומען פון מיר. ער האָט זיך גענומען אומרואיק באַוועגן און האָט עפּעס איינגערוימט זיין נאָענטסטן שכן אין אויער אַריין. דער איז געווען אויך אַן עלטערער זעלנער, אַ הויכער מיט אַ גלאַט ראַזירט פּנים.

עס איז דורכגעגאַנגען דער קאָנדוקטאָר און האָט קאָנטראָלירט די בילעטן. נאָכדעם האָבן די טאָרמאָזן שטאַרק געריבן די רעדער פון אונזער וואַגאָן; מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו אַ סטאַציע. ביידע עלטערע זעלנער האָבן זיך אויפגעשטעלט, אָנגעטאָן זייערע מאַנטלען און האָבן זיך געקליבן אויסצושטייגן. די איבעריקע זעל־נער האָבן זיך פון דעם אַזוי ווי אויפגעוועקט. מען האָט גערעדט, געזאָגט אומבאַדייטנדע וויצן. דער וואָס איז געזעסן אַנטקעגן מיר, האָט זיך מאָדנע געאיילט ביים פאַרקנעפּלען זיין זעלנערישן מאַנטל, ער האָט אַרויפגעוואָרפן זיין טאָרניסטער אויפן אַקסל, האָט גענומען אין האַנט נאָך עפּעס אַ פּעקל און וואָרפנדיק דעם היטלער־גרוס צו אַלעמען, איז ער אייליק אַרויס אין קאָרידאָר. נאָך אים איז גע־גאַנגען שווייגנדיק און איינגעבויגן זיין הויכער חבר מיטן ביינער־דיקן פּנים.

איך האָב בשעת מעשה געהאַט אַ מאָדנעם געפיל, ווי איך וואָלט עפּעס אָנגעוואוירן. איך האָב זיך געוואונדערט, ווי איך קאָן אַזוי פילן וועגן אַ מענטשן וואָס טראָגט דעם פאַרהאַסטן מונדיר פון דער היטלער־אַרמיי. פּלוצלונג האָט מיך אַ געדאַנק אַזוי ווי אַ ביס גע־

טאָן און איך בין אויפגעשפּרונגען, ווי איך וואָלט דעם זעלנער גע־וואָלט צוריקרופן: עס איז מיר איינגעפאַלן, אַז דער זעלנער איז אַנטלאָפן צום טייל אויך צוליב מיר, ער האָט זיך דאָ אַרויסגעכאַפּט מיט אומפאַרזיכטיקע רייד און איך האָב אויף אים געקוקט... ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ געסטאַפּאָ־אַגענט... און ווי קאָן ער עס דען וויסן צי איך בין עס טאַקע נישט? איך האָב מיך צוריקגעזעצט און האָב ביטער געשמייכלט צו זיך אַליין איבער דער איראָניע פון דער אומזיניקער סיטואַציע. איך האָב זיך אַרומגעקוקט. די פּנימער האָבן מיר אין דער טונקל אויסגעזען צו זיין פאַרביסענע און אומבּרח־מנותדיקע; אומעטום מונדירן, נאַציישע מונדירן... דאָס איז דער עיקר וואָס מיין אויג האָט אין דער טונקל אויפגעכאַפּט. די דאָזיקע מונ־דירן האָבן אין מיין זכּרון אַרויסגערופן אַזוי פיל אָפּשטויסנדיקע בילדער, אַז איך האָב ווידער נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי איך האָב געקאָנט גלויבן, אַז אונטער דעם דאָזיקן מונדיר קאָן זיך באַהאַלטן אַ מענטשלעך האַרץ... איך האָב אַ טראַכט געטאָן מיט ביטערניש, אַז ווער וויים צי יענער עלטערער זעלנער איז אַליין נישט אַן אַגענט פון דער געסטאַפּאָ און די גאַנצע אומפאַרזיכטיקע רייד זיינע זענען נישט געווען אַן אָנשטעל, כּדי צו כאַפּן עמעצן, אַ לייכט־גלויביקן אויף דער ווענטקע?—ווער וויים, אין דעם דאָזיקן פאַרשקלאַפטן און פאַרשפּיאָנטן געסטאַפּאָ־לאַנד איז אַלץ מעגלעך.

איך האָב אַזש אויפגעשווידערט פון דעם געדאַנק, אַז איך בין געווען גרייט און האָב אַפילו געבענקט מיט אים צו ריידן... איך האָב מיר פאַרזאָגט צו האַלטן זיך אין די הענט און מער נישט אַרויסווייזן אַזאַ שוואַכקייט.

באַמערקונג.

ש. מ. זיגעלבוים האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם ספּור־המעשה פון זיין רייזע איבער נאַצי־דייטשלאַנד. דער סוף פון דער ריזיקאַלישער נסיעה איז אַזוי פאַרלאָפן:

צוריקפאָרנדיק פון שטעטל ביי דער האָלענדישער גרענעץ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דייטשער שטאָט. צופעליק איז ביי אים געווען אַן אַדרעס פון אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט דאָרט געוואוינט. פון אים האָט ער באַקומען אויף הוצאות קיין בערלין. אין דער דייטשער הויפּט־שטאָט איז זיגעלבוים ווידער אַוועק צום קרוב פון דער „גוט־באַקאַנטער טוערין פון „בונד״ (אסתר איווינסקא) און ביי אים פאַר־

ברענגט בערך א וואך צייט. דורך דער בעלגישער אמבאסאדע האט זיגעלבוים זיך פארבונדן מיט אסתר איווינסקא, וועלכע האט צוזא־מען מיט פרידריך אדלער און אנדערע סאציאליסטישע פירער אין בעלגיע אויסגעפועלט א וויזע. אויף דער דייטש־בעלגישער גרענעץ איז עס צוגעגאנגען גארנישט אידיליש. די געסטאפא האט דארט איינגעשטעלט א מנהג, אז יעדער ארויספארנדער ייד האט ביים פארלאזן די דייטשע ערד באקומען מערדערלעך געשלאגן. זיגעלבוים איז נישט געווען קיין אויסנאם. א צעבלוטיקטער איז ער אוועק פון נאצי־לאנד. ביים דערליידיקן די פארמאליטעטן אויף דער גרענעץ האט צוליב א נישט־פינקטלעכקייט געהאלטן דערביי, אז די געסטאפא זאל אים פארהאלטן. אויף דער פראגע פון באשעפטיקונג האט זיגעלבוים בכיוון געענטפערט — ארבעטער, בעת אין זיין פוילישן פאס איז גע־שטאנען — „דזשענניקאזש" (זשורנאליסט). דער געסטאפאניק האט ארייננגערופן א פרוי, וועלכע איז דארט געווען באשעפטיקט און האט גע־רעדט פויליש. ער האט איר געפרעגט וואס עס באטייט דאס ווארט „דזשענניקאזש". איר תשובה איז געווען: טאג־לוינער... און דאס האט זיגעלבוימען געראטעוועט פון דער שווערער לאגע.

צו די אויערן פון דער וועלט

אַנערקענונג און אונטערשטיצונג פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע

די דעלעגאַטן צו דער פּאָליטישער קאָנפערענץ, גערופן אין שייכות מיטן באַשטימען אַ פאַרשטייער פון יידישן אַרבעטער־„בונד" אין פּוילן אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט, זונטאָג, דעם 22טן מערץ, 1942 אין האָטעל דיפּלאָמאַט, דריקן אויס זייער טיפע צופרידנקייט, וואָס ענדלעך וועט אין פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט געהערט ווערן די שטים פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן און עס וועלן פאַר דער גאַנצער וועלט פאַרמולירט ווערן זייערע פאָדערונגען און פאַר־לאַנגען.

די גרעסטע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע, וועלכע זיינען פאַרטרעטן דורך זייערע דעלעגאַטן אויף דער קאָנפע־רענץ, האָבן מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע און אָנערקענונג נאָכ־געפאָלגט דעם קאַמף פון דעם יידישן אַרבעטער־„בונד" אין פּוילן פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון די יידישע מאַסן און פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּוילן. אין דער צייט צווישן דער ערשטער און דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די יידישע אַרבע־טער־באַוועגונג פון פּוילן, געפירט דורך דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־„בונד", געווען די פרייד און שטאָלץ פון די אָרגאַניזירטע יידישע סאָציאַליסטישע מאַסן אין אַמעריקע.

דער אונטערערדישער קאַמף פון די יידישע מאַסן אין דעם אָקופּירטן פּוילן, וואָס באַלויכט דעם פינצטערן לעבן אין די געטאָס, איז אַ המשך פון דעם קאַמף, וואָס דער „בונד" האָט אָנגעפירט אין זעלבשטענדיקן פּוילן. נאָך מער ווי אין דער צייט פון פאַר דער מלחמה, זענען די יידישע פאָלקס־מאַסן פון אַמעריקע מיט אַלע זייערע געפילן פאַרבונדן מיט די העלדנמוטיקע קעמפער פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן. געזעגענענדיק זיך מיט דעם פאַר־שטייער פון פּוילישן „בונד", ח' זיגעלבוים, צו זיין אָפּפאָרן אין לאָנדאָן כדי דאָרטן צו דערפילן זיין שווערע אויפגאַבע אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט, דערקלערט די קאָנפערענץ, אַז ח' זיגעלבוים וועט

האָבן די פולע אָנערקענונג און אונטערשטיצונג פון די יידישע ארבעטער־מאַסן אין אַמעריקע אין זיין קאַמף פאַר די סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע פאָדערונגען פון די יידישע מאַסן אין פוילן און אין מזרח־אייראָפּע.

(פון דער דעקלאַראַציע, וואָס עס האָבן אָנגענומען די פאָרשטייער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אַרבעטער־רינג, פון די טרייד־יוניאָנס — „אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן" און „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס אָוו אַמעריקא", פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס).

דעקלאַראַציע אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט

צום ערשטן מאָל זייט דער פּוילישער נאַציאָנאַל־ראַט איז געשאַפן געוואָרן, האָבן דאָרט די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן זייערן אַ פאַר־שטייער.

אויף דעם דאָזיקן אַמט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" באַשטימט דעם פירער פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג ה ע נ ר י ק ע ר ל י ך. ער איז אָבער ווידער אַרעסטירט געוואָרן דורך די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען צוזאַמען מיטן צווייטן אָנגעזעענעם פירער פון „בונד" — װ י ק ט אָ ר א ל ט ע ר. אויף אַזאַ אופן זענען די צוויי באַקאַנטע קעמפער פאַר פרייהייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם באַ־רויבט געוואָרן פון דער מעגלעכקייט אָנצופירן מיטן אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אַזוי שווערער און טראַגישער שעה. די אָפּשאַצונג פון דער דאָזיקער האַנדלונג איז קלאָר. מיר פאָדערן פון די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען תיכף צו באַפרייען ביידע אַרעסטירטע. מיר דערוואַרטן פון דער פּוילישער רעגירונג, אַז זי וועט מאַכן אַלע באַמיאונגען פאַר זייער באַפרייאונג און פאַר דער־מעגלעכן זיי צו פאַרנעמען די פּאָזיציע, צו וועלכער זיי זענען באַרופן געוואָרן דורכן ווילן און צוטרוי פון די ברייטסטע יידישע מאַסן און וועלכע איך פאַרנעם דאָ בלויז אַלס זייער פאַרטרעטער אויסשליסלעך ביז דער צייט פון זייער באַפרייאונג.

איך האַלט פאַר מיין חוב לגבי דער ליידנדיקער און קעמפנדיקער באַפעלקערונג אין לאַנד אויסצונוצן אָט די טריבונע, פון וועלכער איך רעד היינט, אויף צו דעקלאַרירן די פּרינציפּן, מיט וועלכע עס ריכטן זיך די יידישע אַרבעטנדיקע שיכטן אין זייער קאַמף פאַר פרייהייט אין פּוילישן אונטערערד, און וועלכע וועלן בילדן די ריכטליניען פאַר דער טעטיקייט פון „בונד" אויפן באָדן פון פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט.

I.

עס איז נישט צו שילדערן מיט ווערטער די באַדינגונגען, אין וועל־כע עס לעבט און קעמפט די באַפעלקערונג פונם אָקופּירטן פּוילן. די נאַצישע חיות האָבן אין אַזאַ מאָס געשלאָגן דעם רעקאָרד פון בעס־

טיאַלישקייט, אַז אין דער מענטשלעכער שפּראַך פעלן ווערטער אויף צו שילדערן זייערע האַנדלונגען.

די שאַפער פון דער היטלעריסטישער „נייער אָרדענונג", פון יענער אָרדענונג, וועלכע טראָגט פאַר אַלע אונטעריאָכטע פעלקער די שרעקלעכסטע נויט און שקלאַפעריי, — זיי האָבן פון פּוילן געמאַכט אַן עקספּערימענטאַל פעלד פאַר זייערע באַרבאַרישע פּלענער. די באַפעלקערונג פון פּוילן ווערט מאַסנהאַפט אַרויסגעפירט צו שקלאַפן־אַרבעט אין טיף דייטשלאַנד, זי ווערט אויסגעראָטן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און קעלערן פון געסטאַפּאָ, זי ווערט בעסטיאַליש אויסגעשאָכטן, באַרויבט און פאַרטריבן פון אירע דורות־אַלטע היימען: גאַנץ פּוילן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן הענקער־קעלער. דאָס אַלץ — ווייל היטלער שטרעבט צו פאַרוואַנדלען דאָס עקשנותדיקע און אומבויגזאַמע העראָאישע פאָלק פון פּוילן אין אַ ווילנלאָזע און נשמהלאָזע אַרבעטס־געצייג אין די הענט פונם „הערן־פאָלק".

אָבער נאָך טיפער זענען די אָפּגרונטן, אין וועלכע היטלער וויל אַריינוואַרפן די יידישע באַפעלקערונג סיי אין פּוילן, סיי אין דער גאַנצער אָקופּירטער אייראָפּע. דאָס זענען נישט בלויז די פאַרשאָלטענע געטאָמויערן, נישט בלויז די ברענענדיקע „געלע לאַטע", נישט בלויז דער באַרבאַרישער כּלל פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נישט בלויז דאָס כּסדרדיקע יאָגן מענטשן פון איין פּלאַץ אויפן אַנדערן, ניט בלויז דער שוידערלעכער טעראָר פון געסטאַפּאָ, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צוואַנגס־אַרבעט, פּייניקונגען און מאַסן־עקזעקוציעס: היטלערס „נייע אָרדענונג" ברענגט אויסער דעם אַלעמען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פולשטענדיקן חורבן און פאַרטיליקונג. די דערשיטערנדיקע שטערבלעכקייט אין די געטאָס — אַ שטערבלעכקייט פון הונגער, פּיין און מגפה, וואָס לויט איר פאַרנעם דערמאָנט זי דעם שניט פון מיטל־אַלטערלעכן „שוואַרצן טויט", — דאָס איז דער נייסטער רעזולטאַט פון דער נאַציסטישער יידן־פאַרעסעריי, וואָס איר ציל איז אינגאַנצן צו פאַרניכטן און אויסצוראָטן די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן און אומעטום, וואו עס גרייכן די בלוטיקע לאַפּעס פון די ברוינע מאָנסטערס.

דער דאָזיקער ציל וועט ניט דערגרייכט ווערן.

היטלערס רוצחישער באַנדע ענטפערן מיר דאָ פון אָט דער טריבונע:

דאָס יידישע פאָלק וועט זיך נישט לאָזן פאַרניכטן אָדער צעברעכן. געהאַרטעוועט דורך לאַנגע יאָרהונדערטער פון קאַמף פאַר זיין קיום, אויסגעפּרואווט אין די שווערסטע פייער־פּרוואוון פון דער געשיכטע, וועט עס צוזאַמען מיטן פּוילישן פאָלק און צוזאַמען מיט אַלע לײדנ־

דיקע פעלקער פון דער וועלט, זינגעריש ארויסגיין פון דער היינטיקער שרעקלעכער פיין.

היטלער האט נישט באזיגט און וועט נישט באזיגן דאס יידישע פאלק, פונקט ווי ער האט נישט באזיגט און וועט נישט באזיגן קיין שום פאלק אין אקופירטן אייראפע.

און פונקט ווי צווישן די פוילישע מאסן, ווי צווישן די מאסן פון אלע לענדער און פעלקער, וועלכע קעמפן פאר פרייהייט, אזוי ברענט אויך צווישן די יידישע מאסן דער פייער פון בונט קעגן די היטלערישע הענקער, א פייער, וואס איצטער טליעט ער נאך פארבאהאלטן אבער מארגן וועט ער אויפפלאקערן מיט א קראפט, וואס וועט אראפּווישן דעם גאנצן אקופאציע־רעזשים און אלע זיינע סאטעליטן.

טריי די טראדיציעס פון „בונד" פון דער צייט פון זיין קאמף מיטן צאריזם — פירן די יידישע מאסן אין אונטערערד פון געטא געמיינזאם און סאלידאריש מיט די פוילישע א העלדישן קאמף קעגן דעם בלוטיקן אקופאנט. אויף אלע געביטן פון יידישן לעבן אין פוילן זענען אומאויפהערלעך טעטיק די אונטערערדישע קעמפער פון געטא, וועלכע נוצן אויס אלע מיטלען — צווישן אנדערע אויך דאס געהיימע גע־דרוקטע ווארט — אויף אונטערצוהאלטן צווישן דער יידישער באַ־פעלקערונג דעם גייסט פון קאמף און ווידערשטאנד, אויף צוצוגעבן זיי מוט און גלויבן אין א בעסערער צוקונפט.

דער גלויבן אין אומצערייסבארן פארבאנד און זיג פון די מחנות פוילישע, יידישע און אינטערנאציאנאלע פרייהייטס־קעמפער, דער אומ־דערשיטערלעכער גלויבן אין דער גאולה פון דער יידישער באפעלקע־רונג אינם אויסגעלייזטן פרייען און אומאפהענגיקן פוילן, אט דער גלויבן באזעלט אלע קעמערלעך און צווייגן פון דער אונטערערדישער יידישער באוועגונג אין דער אקופירטער היים. אן אויסערלעכער אויס־דרוק פון דעם גלויבן און א סימבאל איז, וואס איינע פון די צייטונגען פון דער אונטערערדישער יידישער באוועגונג האט זיך אויסגעקליבן פאר א נאמען דעם רומפולן רוף פון די פוילישע פאוסטאנצעס און רעוואלוציאנערן: „פאר אונזער און אייער פרייהייט!"

II.

דער באוואוסטזיין פון געמיינזאמקייט פון גורל, וואס פארבינדט די יידישע מאסן אין פוילן מיט די פוילישע מאסן, — דאס איז א ווינקלשטיין פון דער אידעאלאגיע און פראקטיק פון „בונד".

די יידישע באַפעלקערונג — דאָס האָבן מיר געטענהט נעכטן, און מיר זאָגן דאָס היינט — איז אין פוילן נישט קיין „פרעמדע" און זי פילט זיך דאָרטן נישט „פרעמד". יידן לעבן אין פוילן פיל הונדער־טער יאָרן, זיי זענען איינגעוואָרצלט אין פוילנס ערד, אויף וועלכער טייכן פאַרגאָסן פויליש און יידיש בלוט מישן זיך איצט אויס פונ־דאַסניי. מיר האָבן דעריבער קיינמאָל נישט געזוכט, מיר זוכן היינט נישט און מיר וועלן ווייטער נישט זוכן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון פוילן קיין שום ניי פאָטערלאַנד אָדער היים, אַלץ איינס, צי אָט די „היים" זאָל הייסן פּאַלעסטינע, אָדער זאָל מיט זיך פאַרשטעלן אַ וועלכן ניט איז אַנדערן פאַרנומענעם אָדער ניט פאַרנומענעם ווינקל אויפן ערד־קויל.

די יידישע באַפעלקערונג פון פוילן האָט איר פאָטערלאַנד. דאָס־דאָזיקע פאָטערלאַנד איז פוילן, פונקט אַזוי ווי דאָס איז דאָס פאָטער־לאַנד פון די פוילישע מאַסן.

מיר האָבן באַקעמפט — און מיר באַקעמפן יעטוועדן פּרוּוו צו לייזן די יידן־פראַגע אויפן וועג פון פולשטענדיקער אָדער טייל־ווייזער עמיגראַציע פון יידן פון פוילן. מיר לייקענען נישט: עמיגראַ־ציע קאָן זיין אין געוויסע באַדינגונגען אַ וויכטיק פּראָבלעם. דאָס איז אָבער נישט — און פאַר אַן אמת דעמאָקראַטיש פוילן קאָן דאָס נישט זיין — אַ יידיש פּראָבלעם. דאָס איז אַן ענין אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפט־לעכער, אַן ענין, וואָס מען דאַרף טראַקטירן אומאָפּהענגיק פון דער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט פונם עמיגראַנט, באַהאַנדלענדיק דערביי אויף אַ גלייכן אופן יידן און נישט־יידן.

די אָנגעווייטאָגטע פראַגן פון יידישן לעבן אין פוילן, וואָס זענען אַגב דער עיקר אַ רעזולטאַט פון אַ רעאַקציאָנערער פּאָליטיק, זיי קאָנען און דאַרפן געלייזט ווערן אויסשליסלעך אויפן וועג פון גלייכן באַהאַנד־לען אַלע בירגער פון לאַנד.

לייזן די יידן־פראַגע איז בכלל מעגלעך אויסשליסלעך אויפן באָדן און אין די גרענעצן פון די לענדער, אין וועלכע די יידן לעבן, אַרבעטן און קעמפן היינט.

אַרויסגייענדיק פון אָט דער אַלגעמיינער גרונט־הנחה, רוקן מיר אַרויס פאָלגנדיקע פּאָסטולאַטן בנוגע דער יידן־פראַגע אין פוילן.

1. פולע פאַקטישע גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַ־פעלקערונג אויף אַלע געביטן פון פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן, ווירט־שאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.

2. גאַראַנטירן דער יידישער באַפעלקערונג די מעגלעכקייט פון פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג דורך איינפירן נאַציאָנאַל־קולטורעלע

אויטאָנאָמיע, אָנערקענען די יידישע שפּראַך דורך דער מלוכה און אָנערקענען דאָס רעכט פון באַנוצן די יידישע שפּראַך אין עפנטלעך־רעכטלעכע אינסטיטוציעס.

3. אויסוואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם סיי פון דער מלוכה־פּאָליטיק, סיי פונם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן; אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און דערציאונג אין אַנטיסעמיטישן גייסט דאַרפן באַהאַנדלט ווערן ווי אַ פאַרברעכן.

III.

מיר פלעגן קיין מאָל נישט אָפּטיילן אונזערע פּאָסטולאַטן אין דער יידן־פראַגע פון אונזערע אַלגעמיין־פּאָליטישע שטרעבונגען און צילן. אין דער פרייהייט און גלייכהייט פון אַלע פעלקער און לענדער זעען מיר די איינציקע גאַראַנטיע פאַר דער פרייהייט און גלייכהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג סיי אין פּוילן, סיי אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע און אין דער גאַנצער וועלט.

אין היינטיקן איבערברוך־מאָמענט אין דער געשיכטע, ווען דורך אימהדיקע שלאַכטן אויף אַלע ימען און קאָנטינענטן ווערן אַנטשידן דער גורל און די צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט אָן אויסנאַם, באַטראַכט אויך די יידישע באַפעלקערונג פאַרן ערשטן און וויכטיקסטן ציל פון קאַמף — צו באַזיגן די מלוכות פון דער „אַקס" און באַפרייען אויף אַזאַ אופן אונזער לאַנד און די גאַנצע וועלט פון די קאָשמאַרן פון היטלעריזם און פאַשיזם.

פּוילן און איר באַפעלקערונג קאָנען נישט זיין פריי אין אַ וועלט פון רעאַקציע און קנעכטשאַפט.

דעריבער איז פון אָנהויב אָן געווען אַ לעבנס־נעבאָט פאַר פּוילן צו פירן אַ דעצידירטן קאַמף מיטן היטלעריזם, פאַשיזם און מיט דער גאַנצער וועלט־רעאַקציע. מיר געדענקען, אַז געפירט האָט מען פריער אין פּוילן פּונקט אַ קעגנזעצלעכע פּאָליטיק. דורך לאַנגע יאָרן זענען דער איטאַליענישער פאַשיזם און שפּעטער דער דייטשער היטלעריזם און אַלע שטרעמונגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דער סאַנאַטאָריש־אָזאָנישער און ענדעקיש־אָענערישער רעאַקציע. די לאַנגדויערנדיקע צוזאַמענאַרבעט מיטן פאַשיזם און היטלעריזם איז באַגלייט געוואָרן מיט אַלץ אַ שאַרפערער רעאַקציע און דיקטאַטור אינווייניק אין לאַנד, און דאָס האָט ענדלעך דערפירט פּוילן צו דער טראַגישער קאַטאַסטראָפע פון סעפּטעמבער 1939.

אין די טעג פון דער קאטאסטראָפע האָבן די יידישע מאסן אין פוילן דערפילט פולשטענדיק זייער בירגערלעכן חוב. זיי האָבן אים דערפילט בעת די קאמפן אויפן פראָנט, זיי האָבן אים דערפילט אין די גערענקפולע טעג פון דער פארטיידיקונג פון ווארשע, זיי דערפילן אים און וועלן אים ווייטער דערפילן סיי אינם אָקופירטן לאנד, סיי דורך זייער אָנטייל אין אלע קאמפן און אויף אלע פראָנטן פון דער פוילישער ארמיי אין אויסלאנד.

די יידישע ארבעטנדיקע מאסן אין פוילן באציען זיך קעגנעריש צו די פּלענער צו שאפן ערגעץ־וואו א באזונדערע יידישע ארמיי. אונז זענען פרעמד די נאציאנאליסטישע צילן און אויסרעכענונגען, וואס ליגן אין יסוד פון אָט די פּלענער, און וואס געפינען זיך אין ווידער־שפּרוך סיי מיט די אמתע צילן פון קריג, סיי מיט די באדערפענישן פון די יידישע מאסן. מיר האלטן, אז די יידישע באפעלקערונג אין יעדן לאנד דארף און מוז שטעלן זיך צום קאמף זייט ביי זייט מיט דער אלגעמיינער באפעלקערונג מיט וועלכער זי לעבט צוזאמען, נישט אָפּשטעלן זיך פאר קיין קרבנות און אָנשטרענגונגען, וועלכע עס פאָ־דערט דער היינטיקער קריג קעגן די טויט־שונאים פון פרייהייט פון אלע פעלקער און לענדער.

אין קריג באטייליקן זיך גרויס־בריטאניע, ראטן־פארבאנד און די פאראייניקטע שטאטן פון צפון־אמעריקע און זיי טראָגן אריין זייערע ריזיקע מיטלען און קרעפטן אין גרויסן פיל־פעלקערדיקן אנטי־היטלע־ריסטישן לאגער. דאס איז אַן אָנזאָג אויפן אומפארמיידלעכן נצחון פון די אליאנטן איבער די מלוכות פון דער אקס. מיר זענען איבערצייגט, אז די ענגסטע צוזאמענארבעט פון אלע אליאנטן, — און דערין אויך די צוזאמענארבעט, וועלכע איז דערגרייכט געוואָרן א דאנק דעם פויליש־סאָוועטישן פאקט, — דאס איז אַן עיקר־באדינג אויף דערפאלגרייך צו פירן דעם קריג און אויף צו דערגרייכן דעם הויפּט־ציל פונם היינ־טיקן טאָג — ווי אַמשנעלסטן צו באזיגן דעם גאנצן היטלערישן בלאָק.

דער ציל פון היינטיקן קריג קאָן אָבער נישט זיין בלויז די מילי־טערישע צעשמעטערונג פונם שונא. דאס בלוט און אלע קרבנות פון אָט דער שרעקלעכסטער פון אלע מלחמות וועלן זיין אומזיסט און די מענטשהייט וועט אומקומען אין קעסל־גרוב פון די צוקונפטיקע מלחמות, אויב נאָך דער היינטיקער, שוין דער צווייטער, גרויסער מלחמה וועט נישט געשטירצט ווערן נישט בלויז די היטלעריסטישע פאשיסטישע און יאפּאנעזישע רעאקציע, נאָר אויך דער גאנצער קאפּיטאליסטי־שער סדר, וואס ברענגט אויף דער וועלט און האָדעוועט די אלע רע־

אַקציעס. נאָכן צעשמעטערן די היטלערישע מאַכט מוז אין אייראָפּע און אין דער גאַנצער וועלט אַנטשטיין אַן אָרדענונג פון אמתער פריי־הייט און דעמאָקראַטיע, אַן אָרדענונג, וואָס וועט אָפּשאַפן אַלע קלאַסן־פּריווילעגיעס, און צוזאַמען מיט דעם די הערשאַפט פון קלאַס איבער קלאַס, פון פאָלק איבער פאָלק, — אַן אָרדענונג פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם.

מיר גלויבן, אַז דער אונטערערדישער קאַמף, וואָס ווערט גע־פירט אין היינטיקן אייראָפּע, ווי אויך די ענגלישע אַרבעטער־באַווע־גונג, וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער — אַז זיי וועלן אין אַנטשפּרעכנדיקן מאָמענט אויסטיילן פון זיך די כּוחות, וועלכע זענען נויטיק אויף צו בויען אַזאַ אַלגעמיין־אייראָפּעאישן סאָציאַליסטישן סדר.

די הויפּט־יסודות פון דער אָרדענונג אינם נייעם, פרייען און אומאָפּהענגיקן פּוילן דאַרפן זיין, לויט אונזער מיינונג, פאָלגנדיקע:

1. אַ רעגירונג, וואָס שטיצט זיך אויפן צוטרוי פון די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן אין שטאָט און דאָרף, אָן אונטערשיד פון נאַציע — אַן אַרבעטער־און פּויערים־רעגירונג.

2. די רעגירונג דאַרף זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ פאָלקס־פאַר־טרעטונג געוויילט אויף די יסודות פון פינף־סימנדיקן וואַל־סיסטעם; די בירגער מוזן געניסן פון אַלע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, פון טעררי־טאָריאַלער, נאַציאָנאַלער אוןווירטשאַפטלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

3. עס מוזן אָפּגעשאַפט ווערן יעדע מין נאַציאָנאַלע אונטערדריי־קונג און באַגרענעצונגען; אַלע פעלקער מוז גאַראַנטירט ווערן די גליי־כע רעכט פון מיטבאַלעבאַטים פון לאַנד.

4. עס דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע פריערדיקע קלאַסן־פּריווילע־גיעס, און מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז עס זאָלן זיך שאַפן נייע; מען דאַרף צונעמען אָן אַנטשעדיקונג די ערד פון די פּריצים און גרויסע גוט־באַזיצער און דורכפירן אַ ראַדיקאַלע אַגראַר־רעפאָרם; מען דאַרף אַנטאייגנען אָן אַנטשעדיקונג די קאַפּיטאַליסטן, פאַרגעזעלשאַפטלעכן די גרויס־אינדוסטריע, האַנדל, קאָמוניקאַציע, ווי אויך דעם פינאַנץ־און קרעדיט־אַפּאַראַט.

5. די מלוכה מוז געבן הילף און זאָרגן פאַר די לאַנדווירט־שאַפטן, האַנטווערקער, קליינע האַנדלס־און אינדוסטריע־אונטערנע־מונגען און אויך קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס.

6. אַלע בירגער מוז פאַרזיכערט ווערן רעכט אויף אַרבעט, שוץ פון לעבן און געזונט, מענטשלעכע באַדינגונגען פון עקזיסטענץ; עס מוז

איינגעפירט ווערן א דעמאָקראַטיש אָרגאַניזירטע סיסטעם פון סאָ־ציאַלער פאַרזיכערונג.

7. דורכפירן דעם נאָכמלחמהדיקן צוריקאויפבוי פון לאַנד און אָרגאַניזירן דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון פוילן אויף יסודות פון פּלאַניזם, באַריקזיכטנדיק אין דער פולער מאָס די באַדערפעניש פון דער קאַטאַסטראָפאַל פאַראָרימטער יידישער באַפעלקערונג; דער פּלאַנ־מעסיקער צוריקאויפבוי און די ווירטשאַפט מוזן זיך שטיצן אויף פונ־דאַמענטן, וואָס זאָלן אויסשליסן יעדע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג און וואָס זאָלן דערמעגלעכן דאָס פונקציאָנירן פון א דעמאָקראַטישער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל.

8. אַלגעמיינע בילדונג אין אַלע שטופן; רעאָרגאַניזירן דעם שול־וועזן אין אמת־פּאָרשריטלעכן גייסט; פאַר די נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן — אין זייער מוטער־שפּראַך.

9. פאַרוועלטלעכן דאָס גאַנצע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע לעבן.

10. ברודערלעכע צוזאַמענאַרבעט מיט אַלע פעלקער און מלוכות פון דער וועלט; שאַפן א שטענדיקן פאַרבאַנד פון די פרייע פעלקער פון אייראָפּע, וואָס אָרגאַניזירט די צוזאַמענאַרבעט פון אַלע לענדער און פעלקער, וועלכע גייען אין אים אריין, אויף די יסודות פון גלייכ־הייט און אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד.

מיר זענען איבערצייגט, אַז אָט די פּרינציפּן אַנטשפּרעכן נישט נאָר די באַדערפענישן פונם גאַנצן אַרבעטנדיקן פאָלק אין פוילן, נאָר זיי בילדן אויך דעם איינציקן זיכערן פונדאַמענט, אויף וועלכן מען קאָן פונאַנדערבויען און פאַרפעסטיקן די פרייהייט און אומאָפּהענ־גיקייט פון אונזער לאַנד. מיר זענען איבערצייגט, אַז דער געמיינזאַמער קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין פוילן, געשטיצט אויף דער צווישנפעלקערלעכער סאָלידאַריטעט פון דער גאַנצער וועלט פון אַרבעט, וועט דערפירן צו רעאַליזירן די אַלע פאָסטולאַטן און צום אויפבוי פון א סאָציאַליסטישן פוילן אין א סאָציאַליסטישער אייראָפּע.

צום סוף נאָך וועגן אונזער שטעלונג צו דער פּוילישער רעגירונג.

אין די היינטיקע באַדינגונגען האַלטן מיר פאַר נויטיק, אַז אויף דער עמיגראַציע זאָל עקזיסטירן א פּוילישע רעגירונג, ווי אויך א נאַ־ציאָנאַל־ראַט.

מיר שטייען אָבער אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אפילו אויך אין אָט די באַדינגונגען געהערט די בכורה דעם לאַנד.

מיר האלטן, אז די עמיגראַציע־רעגירונג וועט פאַרלירן דאָס רעכט אויסצואיבן איר מאַכט פון מאָמענט אָן, ווען די באַפעלקערונג פון אונזער לאַנד וועט פריי ווערן פון די אָקופּאַנטישע קייטן. דעמאָלט וועלן דעם פּלאַץ פון דער עמיגראַציע־רעגירונג דאַרפן תיכּף פאַרנעמען מאַכט־אָרגאַנען אויסגעטיילט דורכן לאַנד, וואָס וועלן אַנטשטיין דורכן ווילן פון דער באַפרייטער באַפעלקערונג.

בכדי די רעגירונג אויף עמיגראַציע זאָל קאָנען ווי געהעריק אויס־פירן אירע באַגרענעצטע אָבער פונדעסטוועגן זייער וויכטיקע אויפגאַבן, דאַרף זי שוין היינט מיט זיך פאַרשטעלן אַ בריק צו אַן אמת און אויפריכטיק־דעמאָקראַטיש פאָלקס־פּוילן, צו יענעם פּוילן, וועלכע — ווי מיר האָבן דאָס שוין געזאָגט — דאַרף צוזאַמען מיט די באַ־פרייטע פעלקער פון אייראָפּע און מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן פון ענגלאַנד אַרויפגיין אויפן וועג פון פאַרווירקלעכן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

אַזעלכע פאָדערונגען קאָן נישט באַפרידיקן קיין שום רעגירונג, וואָס אין איר צוזאַמענשטעל גייען אַריין פּאַרטייען, גרופּירונגען און ריכטונגען, וועלכע האָבן פאַרן קריג געפירט אַ רעאַקציאָנערע פּאָליטיק און וועלכע זענען אין איצטיקן מאָמענט נישט פעאיק זיך אַנטקעגנ־שטעלן מיט דערפאָלג דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט געפירט אַפילו אויך היינט צו טאָג דורך געוויסע קרייזן פון דער פּוי־לישער געזעלשאַפט, און וועלכע וועלן נאָכן קריג, נאָכן צוריקדעראָ־בערן די אומאָפּהענגיקייט, ווערן אַ טאָרמאָז אין קאַמף פאַר אַן אמתן נייעם פּוילן פון מאָרגן.

מחמת דעם איז אונזער שטעלונג, די שטעלונג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן, אַן אָפּאָזיציאָנעלע לגבי דער היינטיקער פּוילישער רעגירונג, ווי צו אַזעלכער, וואָס שטיצט זיך אויף צוזאַ־מענאַרבעט מיט פאַרשידענע ריכטונגען פון דער רעאַקציע.

קעגן דער קאָנצעפּציע פון אַ רעגירונג, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט דער רעאַקציע, שטעלן מיר אַנטקעגן די קאָנצעפּציע פון אַ רעגירונג, וועלכע איז ווירקלעך און אויפריכטיק דעמאָקראַטיש, און אַזעלכע קאָן זיין אין די פּוילישע באַדינגונגען נאָר אַן אַרבעטער־און פּויערים־רעגירונג, אין וועלכער די אָנפירונג און דער דעצידירנדיקער איינפלוס וועט געהערן צו די אַרבעטנדיקע מאַסן אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, דאָס הייסט, צו דער סאָציאַליסטישער און צו דער פּויע־רים־באַוועגונג—די באַוועגונגען, וועלכע האָבן מאָביליזירט נעכטן און פאַרטרעטן אויך היינט דעם רוב מנין ורוב בנין פון דער גאַנצער פּוי־לישער דעמאָקראַטיע.

דאָס שאַפן אַזאַ רעגירונג וואָלט אומגעהויער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן, אַז דאָס פּוילן פון מאָרגן וועט איבעררייסן מיט אַלע דערשיי־נונגען פון רעאַקציע, קאָנסערוואַטיזם און אַנטיסעמיטיזם און וועט ווערן אַ לאַנד פון אמתער און דויערנדיקער פרייהייט פאַר אַלע ביר־גער.

מיט די פּרינציפּן און צילן, וועלכע זענען פאָרמולירט געוואָרן אין דער דאָזיקער דעקלאַראַציע, וועל איך זיך ריכטן אין מיין טעטיקייט אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־ראַט אַלס פאָרשטייער פון אַ פּאַרטיי, וועל־כע פאַרטרעט די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, ווי אויך אין נאָמען פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג פון אָקופּירטן לאַנד.

מיר זענען טיף איבערצייגט, אַז קעמפנדיק פאַר אונזערע פּרינ־ציפּן און צילן דינען מיר אַמבעסטן אונזער פאָלק, אונזער היימלאַנד, ווי אויך דער גרויסער זאַך פון נצחון פון פרייהייט איבער באַרבאַריי און קנעכטשאַפט.

געזעץ־פּראָיעקט קעגן אַנטיסעמיטיזם

דער נאַציאָנאַל־ראַט דריקט אויס זיין מיינונג, אַז די רעגירונג דאַרף אין דער נאָענטסטער צייט באַשליסן און פאַרעפנטלעכן אַ דעקרעט פון פאָלגנדיקן אינהאַלט:

1. ווער עס באַליידיקט עפנטלעך דעם יידישן צבור אָדער חוזקט פון אים, פאַלט אַרונטער אַ שטראָף, וואָס איז פאָרגעזען אין אַרטיקל 152 פון פּוילישן שטראָף־קאָדעקס.

2. ווער עס פאַרשפּרייט, אין וואָרט און אין טאַט, שנאה קעגן פּוילישע בירגער פון יידישן גלויבן אָדער נאַציאָנאַליטעט, מחמת זייער נאַציאָנאַלער, רעליגיעזער אָדער ראַסן־אָנגעהעריקייט, פאַלט אויך אַרונטער אַ שטראָף, אַזוי ווי אין פּונקט 1.

3. ווער עס פאַרשפּרייט פּרינציפּן, וואָס ציִלן איינצופירן באַגרענעצונגען אין ווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן, סאָציאַלן און קולטור־רעלן לעבן לגבי פּוילישע בירגער, מחמת זייער גלויבן אָדער נאַציאָנאַליטעט, פאַלט אַרונטער אַ שטראָף, אַזוי ווי אין אַרטיקל 1.

באַגרינדונג

פּאָליטישע מאָטיוון:

די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע און טעטיקייט שלאָגן אין גרונט־פּרינציפּ פון דער פּוילישער מלוכה אַלס בשותפותדיק אייגנטום פון אַלע אירע בירגער אָן חילוק פון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע. ווער עס אונטערשטיצט אַנטיסעמיטיזם, יענער גיט אין האַנט די שונאים פון פּוילן אַן אַרגומענט פאַר אַן עטנאָגראַפיש פּוילן. דער פּרוּוו פאָרצושטעלן די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן ווי געסט איז אין תוך פאַלש און איז אין סתירה צו די היסטאָרישע פאַקטן. די פּוילישע יידן לעבן אין אונזער לאַנד פיל יאָרהונדערטער און זענען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אויטאָכטאָנישער באַפעלקערונג.

אַנטיסעמיטיזם איז איינס פון די אָממערסטן געפערלעכע וואָפן פון די דייטשן, מיט וועלכן זיי באַוואָפנען זייער „פינפטע קאָלומנע" אין אַנדערע לענדער. כמעט אַלע מינים רעאַקציאָנערע באַוועגונגען,

וואס זענען געווענדט קעגן די אינטערעסן פון די אייגענע פאלקס־מאסן, באדינען זיך מיט אנטיסעמיטישער אגיטאציע.

פארשפרייטנדיק האס צו א געוויסער גרופע מיטבירגער, דעמאָ־ראליזירט דער אנטיסעמיטיזם און פלאנצט איין פארווילדונג צווישן די, וועלכע ווערן דורך אים באווירקט, די מאראלישע אטמאספער פון דער גאנצער געזעלשאפט ווערט דורך אים פארסמט.

דער אנטיסעמיטיזם שלאגט אין די יסודות אפילו פון דער מע־סיקסטער דעמאקראטיע דורך דער שטרעבונג צו שאפן א מצב פון אומגעזעצלעכקייט אדער פון יורידישע באגרענעצונגען פאר א גע־וויסער גרופע בירגער, וואס עס באדייט א פונדאמענטאלער דורכ־ברוך אין עצם פרינציפ פון גלייכבארעכטיקונג.

אין איצטיקן מאמענט, ווען די יידן אין פוילן זענען אן אביעקט פון אזעלכע שרעקלעכע פארפאלגונגען, וואס האבן פאר א ציל זיי פולשטענדיק צו פארניכטן, וועט דער פארגעשלאגענער דעקרעט זיין א נייע און בולטע דאקומענטירונג מצד דער פוילישער רעגירונג, אז זי פאראורטיילט די ראסיסטישע פרינציפן און פראקטיק.

יורידישע מאטיוון:

די קאנסטיטוציע פון דער פוילישער רעפובליק באצייכנט די מלוכה ווי דאס בשותפותדיקע אייגנטום פון אלע אירע בירגער. ווער עס חוזקט פון איין גרופע בירגער פון דער מלוכה, יענער שלאגט אין אינטערעס פון גאנצן כלל. דער ארטיקל 152 פון פוילישן שטראף־קאדעקס זאגט: „ווער עס באליידיקט עפנטלעך די פוילישע נאציע אדער מלוכה, אדער חוזקט פון זיי, פאלט ארונטער א שטראף" א. א. וו.

פון אינהאלט פון דעם ארטיקל דרינגט ארויס, אז ער שיצט די „פוילישע מלוכה" און די „פוילישע נאציע". די פוילישע מלוכה, אויף וועמענס ערד עס לעבט אויך די יידישע באפעלקערונג, איז א ברייטערער באגריף און האט א יורידיש ארגאניזירטע פארם. דערי־בער איז אויף דעם יידישן כלל, אין באגרענעצטן זין פוןווארט, נישט חל דער ארטיקל 152.

דער פארגעשלאגענער דעקרעט וועט אויך הארמאניש דער־גענצן דעם ארטיקל 173 פון פוילישן שטראף־קאדעקס, וואס שיצט די יורידיש אנערקענטע רעליגיע אדער רעליגיעזן פארבאנד.

לסוף וועט דער אויבנדערמאנטער פארגעשלאגענער דעקרעט אויך זיין א פראקטישע אויספירונג פון צווייטן פונקט פון דער רע־גירונג־דעקלאראציע פון 24 פעברואר 1942; ער וועט דעם פונקט פון דער פאליטישער דעקלאראציע פארוואנדלען אין א יורידישער נארמע.

די אונטערגעשריבענע אונטער דעם פאַרשלאַג ווילן דערביי אונ־טערשטרייכן, אַז פון מאָמענט, ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט, האָבן אַ ריי מלוכות אַרויסגעגעבן ענלעכע געזעצן, וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו שיצן די יידן און אַנדערע גרופּן פון דער באַפעלקערונג קעגן די אָנגריפן אויף זייער כבוד, מחמת זייער ראַסע, רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליטעט. אַזוי, למשל, האָט די האָלענדישע רעגירונג, לויטן פאָרשלאַג פון די האָלענדישע יידישע קהילות, דעם 19טן יולי 1934 אַריינגעפירט אין איר געזעץ־קאָדעקס די אַרטיקלען 137 ג און 137 ד. דעם 19טן פעברואַר 1934 האָט דער אַמעריקאַנער שטאַט ניו־דזשוירזי פאַרווערט דאָס פאַרשפּרייטן רעליגיעזן, ראַסישן און נאַציאָנאַלן האַס. ענלעכע געזעצן עקזיסטירן אויך אין אַנדערע לענדער.

זאָרג פאַרן איבערבלייב פון די פוילישע יידן

עטלעכע הונדערט טויזנט פוילישע יידן, וועלכע האָבן זיך גע־פונען אויף די טעריטאָריעס וואָס זענען אין סעפּטעמבער 1939 פאַר־נומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, זענען אין 1940 דעפּאָרטירט געוואָרן אין די טיף־רוסישע גובערניעס. זייער צאָל ווערט געשאַצט צווישן 300 און 500 טויזנט.

דער גרעסטער טייל פוילישע יידן אין רוסלאַנד איז פאַרשיקט גע־וואָרן אין אַרבעטס־לאַגערן אָדער אַזוי אויף פאַרשיקונג, ווי אויך אַלס געהילפן אין קאָלכאָזן. די שווערע אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען, דער שווערער קלימאַט אין די צפון־גובערניעס, הונגער און עפּידעמיעס און אויך די פיזישע ניט־צוגעפּאַסטקייט פון דעם עלעמענט צו די האַר־טע קלימאַטישע, אַרבעט־ און לעבנס־באַדינגונגען, זענען גורם אַן אומגעהויער גרויסע שטערבלעכקייט צווישן די פויליש־יידישע פּליטים פון רוסלאַנד. באַקענט מען זיך מיט דער סטאַטיסטיק וועגן דער שטערב־לעכקייט צווישן זיי, מוז מען זייער ערנסט באַאומרואיקט ווערן.

מיר האָבן פאַר זיך אַ סטאַטיסטיק פון די פוילישע פּליטים אין רוסלאַנד, אַריינגערעכנט פּאָליאַקן און יידן. עס איז ניט קיין פולע סטאַטיסטיק, עס זענען נאָר ביישפּילן, וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט זיך צו מאַכן אַן אַלגעמיין בילד.

אינם ערשטן פעריאָד, פאַר דעם פויליש־סאָוועטישן פּאַקט, וואַרפט זיך קודם־כל אין די אויגן די שטערבלעכקייט אין די טראַנס־פּאָרטן, בעת מען האָט די פּליטים געפירט פון די פאַרנומענע פוילישע געביטן אויף זייערע באַשטימונגס־ערטער. אין אַ טראַנספּאָרט פון טשאָרטקאָוו קיין גאָרקי זענען פון 165 מענטשן געשטאָרבן אויפן וועג 34, ד״ה 20 פּראָצ. עס איז נאָך ניט צוזאַמענגענומען געוואָרן קיין אַלגעמיינע סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל געשטאָרבענע אין אַלע טראַנספּאָרטן פון די הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועלכע מען האָט געפירט אין די טיף־רוסישע גובערניעס, אָבער עס איז כמעט ניט געווען קיין איין טראַנספּאָרט, פון וועלכן מען זאָל ניט האָבן גע־מאָלדן וועגן עטלעכע, און מינדסטנס איין טויטן אין יעדן וואַגאָן.

די גרעסטע קאָנצענטראַציע פון די פּליטים פון פּוילן איז אין די צפון־געביטן (ארכאַנגעלסקער, וואָלאָגדער געביט און די א. ס. ס. ר. קאָמי). פון דאָרטן טאַקע זענען די מערסטע ידיעות, וואָס מיר באַזיצן. ווינציקער זענען די ידיעות פון מיטל־אַזיע און צום ווינציקסטן פון דער ווייטער צפון־אַזיע.

כאַראַקטעריסטיש זענען די פאָלגנדיקע ציפערן וועגן דער שטערבלעכקייט אין לאַגערן און פאַרשיקונגס־ערטער אין די דער־מאָנטע געביטן (ארכאַנגעלסקער, וואָלאָגדער און קאָמי־רעפּובליק):

ארכאַנגעלסקער אָבלאַסט: פאַראַן דערפער וואו פון 300 פּליטים זענען אין פאַרלויף פון אָנדערהאַלבן יאָר גע־שטאָרבן 50, דאָס איז — 16 פּראָצענט. אין קאַרגיש, יעמעצקער ראַיאָן, זענען פון 480 פּליטים געשטאָרבן 250, אָדער 52 פּראָצענט.

וואָלאָגדער אָבלאַסט: אין קאַמטשוגאַ, טאָצמער ראַיאָן, זענען פון 518 פּליטים געשטאָרבן אין ערשטן פעריאָד (אי־בער אָנדערהאַלבן יאָר) — 100 פּערזאָן, אָדער 19 פּראָצ.

א. ס. ס. ר. קאָמי: אין וואַזש—יו, סקיטיוודינסקער ראַיאָן, זענען ביזן סוף 1941 געשטאָרבן 144 פון 389 פּליטים, ד״ה 36 פּראָצ. אויפן גאַנצן קאָמי־געביט זענען אין פאַרלויף פון אַ יאָר אומגעקו־מען פון שווינדזוכט אַליין פולע צוויי הונדערט פּליטים־פאַמיליעס.

גאָרקאָווסקער אָבלאַסט: אינם אַרבעטס־לאַגער סוכאָבעזוואָדניאַ זענען געווען 14000 פּליטים, וועלכע מען האָט אַרויס־געפירט פון פּוילן דעם 26טן יולי 1940. ביז דעצעמבער פון זעלבן יאָר זענען פון זיי אויסגעשטאָרבן 6000 מענטשן, ד״ה 44 פּראָצ.

אָמסקער אָבלאַסט: אין שאַדריכאַ זענען פון 512 פּליטים געשטאָרבן אין אָנדערהאַלבן יאָר — 62, אָדער 12 פּראָצ.; אין ראַיאָן אושט־אישימסק זענען אין ווינטער 1940 אויסגעשטאָרבן 30 פּראָצענט פון אַלע פּליטים, וואָס מען האָט געבראַכט פון פּוילן.

אירקוטסקער אָבלאַסט: אין איין אָרט זענען ביז אָקטאָבער 1941 פון 150 פּליטים געשטאָרבן 35, אָדער 23 פּראָצ.; אין אַן אַנדער אָרט זענען פון 350 געשטאָרבן 120, אָדער — 35 פּראָצ.

צפון־קאַזאַקסטאַנסקער אָבלאַסט: אין פאַרלויף פון 30 חדשים האָט די שטערבלעכקייט צווישן די פּליטים פון פּוילן אויסגעמאַכט 23 פּראָצ.

סווערדלאָווסקער אָבלאַסט: אין טשאַרי, סיעראָווסקער ראַיאָן, זענען פון 750 פּליטים וואָס מען האָט אַהין געבראַכט, געשטאָרבן אין די ערשטע חדשים 18 פּראָצ., אין אַן אַנדער אָרט זענען פון 189 געשטאָרבן 39 פּערזאָן, אָדער 21 פּראָצ.

אַ ל ט אַ י ס ק י ק ר אַ י: אין אוזבּרעזטאַנסקער ראַיאָן זענען פון 700 מענטשן אויסגעשטאָרבּן אין פאַרלויף פון 20 חדשים — 12 פּראָצ.

ק אָ ל י מ אַ: די שטערבּלעכקייט צווישן די פּליטים פון פּוילן אין ווינטער פון 1940 — 1941 ווערט אָנגעגעבּן אויף 30 פּראָצ.

נ אָ װ אָ י אַ ז ע מ ל י אַ: די דורכשניטלעכע שטערבּלעכקייט פון די פּוילישע פּליטים אין די לאַגערן האָט באַטראָפן 50 פּראָצ. יערלעך.

זינט דעם סאָוועטיש־פּוילישן אָפּמאַך (זומער 1941) זענען אַ סך פּליטים פון פּוילן באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן און עס האָט זיך אָנגעהויבּן אַ וואַנדערן פון צענדליקער טויזנטער פון צפון צו דרום. די דאָזיקע וואַנדערונגען זענען געווען פאַרבּונדן מיט דער האָפנונג צו קאָנען פאַרלאָזן דעם ראַטן־פאַרבּאַנד און אויך מיטן אַריבּערפירן זיי אויף אַרבּעט אין די קאָלכאָזן.

די ציפערן וועגן דער שטערבּלעכקייט אינם צווייטן פּעריאָד באַציען זיך צו דער דאָזיקער צייט. די שטערבּלעכקייט אין די טראַנספּאָרטן איז אויך דאָס מאָל אַ שרעקלעכע:

אין טראַנספּאָרט פון אַרכאַנגעלסקער אָבּלאַסט, וועלכער איז געווען 3 וואָכן אין וועג און האָט געציילט 1850 פּערזאָן, זענען געשטאָרבּן 20 פּערזאָן, אין דעם 14 קינדער.

אין טראַנספּאָרט פון קאָטלאַס, וואָס איז געווען אין וועג פון 22טן אָקטאָבּער ביזן 6טן נאָוועמבּער, זענען געשטאָרבּן — פאַרן אַרויספירן — 16 פּערזאָן, און אויפן וועג קיין קיראָוו — נאָך 4 פּערזאָן.

אין טראַנספּאָרט קיין קאָזשבּי (קאָמי־רעפּובּליק) זענען אין אַ טראַנספּאָרט פון 330 פּערזאָן אין פאַרלויף פון דריי וואָכן געשטאָרבּן 10 פּערזאָן.

אויפן וועג פון דאָרף נוכט־אָזיעראָ (פּליעסיעצקער ראַיאָן, אַרכאַנגעלסקער אָבּלאַסט) צו דער באַן־סטאַציע זענען געשטאָרבּן 7 פּערזאָן.

אויף דער באַן־סטאַציע קענעל, זענען אין איין פאַרבּייפאָרנדיקן טראַנספּאָרט, דעם 22טן דעצעמבּער 1941 געשטאָרבּן 2 קינדער און איין דערוואַקסענער. דעם 24טן דעצעמבּער זענען פון אַ צווייטן טראַנספּאָרט געשטאָרבּן אויף דער זעלבּער סטאַציע 6 קינדער, אין דעם 3 קינדער פון איין מוטער.

אויפן שטח פון צפון קיין טשעלאבינסק זענען צווישן 8טן נאָוועמבער 1941 און 21טן יאַנואַר 1942 געשטאָרבן פון פאַרבייפאַרנדיקע פוילישע פּליטים 121 פּערזאָן.

אין קויבישעוו זענען צווישן די אָנגעקומענע פּליטים צווישן 22טן נאָוועמבער 1941 און 15טן פעברואַר 1942 געשטאָרבן 43 קינדער, אין דעם 31 אין עלטער ביז 6 יאָר, 12 — פון 7 ביז 12 יאָר. די סיבות פון טויט: לונגען־ענטצינדונג, דעזינטעריע, דיפטעריט, מוח־אָנטצינדונג און מאָזלען.

פון 18 קינדער וואָס זענען אָנגעקומען קיין בוזולוק זענען 16 געשטאָרבן.

אין סוף 1941 זענען געגאַנגען טראַנספּאָרטן צו די דרום־גובערניעס, וואוהין מען האָט געפירט גרויסע מאַסן פוילישע פּליטים צו אַרבעטן אין די קאָלכאָזן. וועגן די באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן די פּליטים, דערציילן זייער אויסדריקלעך די פאָלגנדיקע ציפערן וועגן דער שטערבלעכקייט צווישן זיי אין די טראַנספּאָרטן:

אין טראַנספּאָרט נומער 1017, וועלכער האָט געציילט 1850 פּערזאָן, זענען אויף דער סטאַציע טיולקיבאַס, אין פאַרלויף פון 16־טעגיקן אויפהאַלט, געשטאָרבן 4 פּערזאָן.

אין טראַנספּאָרט 321, מיט 1600 פּערזאָן זענען אין פאַרלויף פון 6־טעגיקן אויפהאַלט אויף דער סטאַציע טיולקיבאַס געשטאָרבן 5 פּערזאָן.

אין טראַנספּאָרט 1017, פון דזשאַמבול זענען אויפן וועג געשטאָרבן 5 פּערזאָן.

אין דער צייט פון איבערפירן פּליטים פון אוזבעקיסטאַן קיין דרום־קאַזאַקסטאַן זענען געשטאָרבן 60 פּערזאָן.

בשעתן איבערפירן טראַנספּאָרטן מיט 11,653 פּליטים איבערן טייך אמור־דאַריאַ זענען 300 געשטאָרבן.

אינם טראַנספּאָרט פון בוזולוק קיין פאַראַב זענען אין צוויי חדשים געשטאָרבן 60 פּערזאָן, דערפון — 25 אויף דער סטאַציע פאַראַב. דער טראַנספּאָרט האָט געציילט 2200 פּערזאָן.

אינם טראַנספּאָרט וואָס איז אָנגעקומען פון אָמסק קיין טאַשקענט האָט מען געפונען 9 מתים.

פון 7טן ביזן 14טן נאָוועמבער 1941 האָט מען אויף דער סטאַציע קאַגאַן אַרויסגענומען פון די פוילישע פּליטים־טראַנספּאָרטן 70 געשטאָרבענע.

אין טראַנספּאָרט פון בוזולוק קיין קאַגאַן זענען געשטאָרבן 9 פּערזאָן.

פון לעצטן טראנספּאָרט, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פון בוזולוק, איז קיין איין קינד נישט אָנגעקומען לעבעדיק.

ביי אַלע באַריכטן ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די מענטשן פאַלן פון אויסשעפּונג, הונגער און טיפוס. „קינדער פאַלן ווי פליגן". „אויפן וועג וואַרפט מען אַרויס פון די צוגן מתים, ווי אָפּגענוצטע שמאַטעס".

בוכאַרער אָבלאַסט: אין דער צייט פון אויפלאָדעווען און איבערפירן די טראַנספּאָרטן זענען טעגלעך געשטאָרבן 10 — 15 פּערזאָן. דאָס זעלבע איז געשען אין טשימקענצקער אָבלאַסט, וואו עס זענען טעגלעך געשטאָרבן צו 10 פּערזאָן.

פרוזענסקאַיאַ אָבלאַסט: צווישן 10טן אָקטאָבער און 13טן דעצעמבער 1941 זענען פון 2500 פּערזאָן געשטאָרבן 37 אין דער צייט פון וואַרטן אויף פורן און אין די ערשטע 13 טעג אַרבעט אין די קאָלכאָזן.

אין מיטל־אַזיע וואו עס געפינען זיך אַרום 200,000 פּליטים פון פּוילן, איז אַרום 10 פּראָצענט אויסגעשטאָרבן פון דער טיפוס־עפּידעמיע. אין אוזבעקיסטאַן אַליין האָט די טיפוס־שטערבלעכקייט צווישן די פּליטים באַטראָפן 14 פּראָצענט פון אַלע פּליטים.

אין דזשאַמבול האָט די שטערבלעכקייט צוליבן טיפוס באַטראָפן 20 פּראָצ., אין קאַזאַקסטאַן — 25 פּראָצ., אין בוכאַרא זענען פון 9000 פּליטים דורכשניטלעך געשטאָרבן 25 — 30 מענטשן טעגלעך. אין גוזאַר זענען געשטאָרבן 30 — 40 מענטשן טעגלעך. אין סאַמאַרקאַנד זענען צווישן 1טן פעברואַר און 24טן אַפּריל געשטאָרבן 1632 פּערזאָן. פון טיפוס אַליין זענען געשטאָרבן 30 פּראָצ., די איבעריקע — פון אויסשעפּונג און הונגער.

אין טייל ערטער איז די שטערבלעכקייט געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט באַטראָפן 50 פּראָצענט פון אַלע קראַנקע. אין טייל משפחות זענען פון 9 מענטשן געשטאָרבן 6. אין אַנדערע זענען אַלע קינדער אויסגעשטאָרבן.

דעם גרעסטן שניט האָט די שטערבלעכקייט צווישן קינדער און עלטערע. פון די באַריכטן דרינגט אַרויס, אַז אַלע קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן אויף דער פאַרשיקונג אין אוראַל, זענען אויסגעשטאָרבן. גאָר גרויס איז אויך די שטערבלעכקייט ביי איבער 50 יעריקע. אָבער אויך אַלע אַנדערע קאַטעגאָריעס ווערן נישט געשאַנעוועט פון דער קאָסע פון טויט. אויך די קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין 1938 און אָנהויב 1939 זענען כמעט אַלע אויסגעשטאָרבן (99 פּראָצ.). די סיבות פון דער שטערבלעכקייט זענען אומעטום —

הונגער, אויסשעפּונג, שרעקלעכע היגיענישע באַדינגונגען און עפּי־דעמיעס.

די דאָזיקע ציפערן נעמען אַרום אַלע פּליטים, סיי פּאָליאַקן, סיי יידן. דערביי איז דאָרטן, וואו די שטערבלעכקייט איז צום גרעסטן, אין די דרום־געביטן, פאַראַן די גרעסטע צאָל יידן. אין אַ טייל פון די דאָזיקע גובערניעס באַטרעפן די יידן צווישן די פּוילישע פּליטים ביז 80 פּראָצענט. אחוץ דעם איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז די יידן צווישן די פּליטים זענען דער פיזיש־שוואַכערער עלעמענט. מיר באַ־זיצן נישט קיין באַזונדערע סטאַטיסטיק וועגן דער שטערבלעכקייט צווישן די יידישע פּליטים, אָבער ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז דער פּוילישער עלעמענט איז דער עיקר אַ פּויערישער, וועלכער איז פיל מער צוגעפּאַסט אויסצוהאַלטן די באַדינגונגען פון שווערער אַרבעט אין די לאַגערן און אין די קאָלכאָזן, איידער די יידן, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז צווישן די יידן איז די שטערבלעכקייט זיכער פיל גרעסער ווי דער דורכשניט.

מיר פאַרנעמען זיך איצט ניט מיט באַשולדיקונגען און אָפּשאַ־צונגען פון די סיבות. ניט דאָס איז אונזער כוונה. מיר נעמען אָן, אַז די סאָוועטישע מלוכה, וועלכע געפינט זיך אין פייער פון אַ ביטערער מלחמה, אין וועלכער איר אַרמיי ווייזט אַרויס אַזויפיל העלדישקייט, קאָן גאָרניט באַשאַפן קיין בעסערע באַדינגונגען פאַר די יידישע פּליטים פון פּוילן. פאַר איר זענען דאָס נאָר כּל־וכּל מענטשן אין דעם גרויסן ים פון אַ ריזיקער באַפעלקערונג, וואָס ליידט פון קריג. פאַר אונז אָבער זענען דאָס די רעשטן פון אונזער פאָלק אין פּוילן, די איבערגעבליבענע, ווענען עס איז פאַרשווינט געוואָרן דער גורל אומצוקומען אין די גאַז־קאַמערן און עלעקטראָ־עקזעקוציע־צימערן פון היטלעריזם, פאַרשוואונדן צו ווערן נאָמענלאָז אין איינעם פון די אומ־צייליקע מאַסן קברים פון יידן אין פּוילן. פאַר אונז זענען עס די, וועמען ס'איז אפשר באַשערט צו זיין די וואָגיקסטע קראַפט פון אונזער ווידערגעבורט. זאָלן מיר דערלאָזן, אַז אויך זיי זאָלן אומקומען פון הונגער, פון דערשעפּונג, פון טיפוס, אויף די ריזיקע סטעפּעס פון רוסלאַנד?

ניין, פאַר אונז זענען די פּויליש־יידישע פּליטים אין רוסלאַנד ניט סתם כּל־וכּל מענטשן. און מיר האָבן ניט נאָר אַ רעכט, נאָר אַ פליכט זיי צו שענקען אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און זאָרג. מיר מוזן זאָרגן זיי העלפן איבערקומען דעם שטורם.

צי איז עס ניט דעריבער אונזער פליכט תיכף אָנצוהויבן אַ ברייט פּאַרמאַסטענע אַקציע פאַר אַרויספירן וואָס מער פּויליש־יידישע פּלי־טים אין ערטער, וואו זיי זאָלן אין זיכערקייט און אין נאָרמאַלע מענטשלעכע באַדינגונגען קאָנען איבערוואַרטן די מלחמה, כּדי זיך אומצוקערן שפּעטער קיין פּוילן.

און צי איז דאָס צופיל, ווען מיר וואָלטן דערביי פאַרלאַנגט, אַז די סאָוועטן־רעגירונג זאָל די פּוילישע יידן אַרויסלאָזן פון אַלע פּאָ־ליטישע און דיפּלאָמאַטישע שפּילן, זי זאָל אַלע די, וואָס דערקלערן, אַז זיי באַטראַכטן זיך פאַר פּוילישע בירגער, ניט אָנוואַרפן די סאָ־וועטישע בירגערשאַפט, נאָר זיי דערלויבן צו פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד?

נעמט דאָס אַלץ אויף דער וואָג פון אייער געוויסן, פונם מענטש־לעכן, פונם יידישן געוויסן. עס איז ניט קיין פראַגע פון פּאָליטישע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. עס איז אַ פיל טיפערע פּראָבלעם און פון אַ שווערער היסטאָרישער אחריות, וואָס איז אויף אונזער דור אַרויפגעלייגט געוואָרן. לאָמיר האָבן מוט אויפצונעמען פּראָבלעמען, ווי שווער זיי זאָלן ניט זיין.

שטעלט אָפּ דאָס נאַצי־פאַרברעכן!

(רעדע דורכן בריטישן ראַדיאָ אין לאָנדאָן, דעם 2טן יולי 1942)

איר האָט נאָר־וואָס געהערט די שרעקלעכע נייעס פון פּוילן. דאָס זענען פאַקטן, וועלכע מאַכן גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. פּרוּווט אייך פאָרשטעלן די מענטשן אין די אָפּגעשלאָסענע געטאָס, וועלכע זעען יעדן טאָג, ווי זייערע נאָענטסטע ווערן אַוועקגעשלעפּט צו דער מאַסן־הינריכטונג און יעדער ווייס, אַז עס מוז קומען אויך זיין ריי... שטעלט אייך פאָר די טויזנטער יידישע מוטערס דאָרט, וואו די יידישע באַפעלקערונג ווערט אויסגעשטיקט מיט גיפט־גאַזן. די מוטערס קוקן אויף זייערע קינדער און ווייסן, אַז זייער גורל איז אומפאַרמיידלעך, יעדע מינוט וועלן קומען די הענקער און וועלן זיי אַוועקשלעפּן צום טויט... שטעלט אייך פאָר דאָס גרויזאַמע פאַרברעכן פלאַנמעסיק אויסצומאָרדן אַ גאַנץ פאָלק! יעדער פון אונז, וועלכער באַנעמט דעם גרויל פון פאַרברעכן, מוז אַרומגעכאַפּט ווערן מיט אַ געפיל פון חרפּה, וואָס ער געפינט זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע.

און עס וועט ווירקלעך זיין אַ חרפּה ווייטער צו לעבן, צו גע־הערן צום מענטשלעכן מין, אויב עס וועלן נישט תיכּף געפונען ווערן מיטלען אָפּצושטעלן דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. עס מוז אויפגעטרייסלט ווערן דאָס געוויסן פון יעדן, עס מוז אויפגעריסן ווערן די רואיקייט פון יענע, וועלכע פאַרטרייבן פון זיך די שוידערלעכע פאַקטן מיט דער זעלבסטנאַרעריי, אַז זיי זענען אומגלויבלעך. די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע מוזן געפינען מיטלען צו צווינגען די נאַצים אָפּצושטעלן דעם מאַסן־מאָרד. יעדער פון אונז וואָס וועט ניט טאָן אַלץ, כּדי אָפּצושטעלן די מאַסן־שחיטות, וועט נעמען אויף זיך די מאָראַלישע מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיי.

דער נאַצישער מאָנסטער אַנטפּלעקט אַלץ מער זיין העסלעכן פּרצוף. די פאַקטן פון פּוילן באַווייזן, אַז נישט נאָר מאַסן־שחיטות אויף די שלאַכט־פעלדער, נאָר אויך קאַלט־בלוטיקע, פּלאַנמעסיקע אויס־

ראַטונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין די באַהערשטע לענדער געהערט צו די נאַציִשע מיטלען פון באַהערשן די וועלט. דאָס אויס־מאָרדן די יידישע באַפעלקערונג פון פוילן איז נאָר אַ טייל פונם אַל־געמיינעם פּלאַן צו פאַרניכטן פוילן און איר גאַנצע באַפעלקערונג. אויב עס געפינט זיך נאָך עמעצער וואָס פאַרשטייט נישט דעם ריכטיקן זין פון היטלערס רייד וועגן אַ לעבנס־רוים פאַרן דייטשן פאָלק, ווערט עס אים איצטער קלאָר געמאַכט: „לעבנס־רוים פאַרן דייטשן פאָלק" באַדייט, אַז די אַנדערע פעלקער דאַרפן פאַרשווינדן, אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד. זייערע מענער, פרויען און קינדער דאַרפן מאַסנהאַפט צעפּליקט־ווערן פון האַנט־גראַנאַטן, געטויט ווערן פון מאַשין־ביקסן, אויסגעשטיקט ווערן מיט גיפט־גאַזן. דאָס וואָס עס קומט פאָר אין די געטאָס פון פוילן — דאָס איז דער גורל וואָס דערוואַרט יעדן פאָלק, וואָס וועט באַהערשט ווערן דורך היטלער־דייטשלאַנד. און דאָס וועט זיין דער גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט, אויב היטלער וועט געווינען די מלחמה.

דאָס מאַסן־פאַרברעכן, וואָס קומט פאָר אין פוילן, איז אַזוי טיף, אַז עס שלעפּט מיט די גאַנצע מענטשהייט אין אַ זינלאָזן אָפּ־גרונט. די מאַסן־גריבער, אין וועלכע טויזנטער יידישע פרויען, קינ־דער און זקנים ווערן יעדן טאָג אַריינגעשליידערט, זענען ברענענדיקע וואונדן, וואָס יעדער אָנשטענדיקער מענטש מוז עמפינדן ווי אַ פּיין און שענדונג וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן אים אַליין.

איך האָב אין מיינע הענט אַן אויסצוג פון אַ בריוו, וואָס אַ יידישע פרוי פון איין געטאָ האָט געשריבן צו איר שוועסטער אין אַן אַנדערן געטאָ פון פוילן. דער בריוו איז אייגנטלעך אַן אויפטרייס־לענדיקער רוף צו דער וועלט. די פרוי שרייבט:

„מיין האַנט ציטערט, איך קאָן נישט שרייבן. אונזערע מינוטן זענען געציילטע. איין גאָט ווייס צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען. איך שרייב און איך וויין און מיינע קינדער יאָמערן. זיי ווילן אַזוי לעבן... מיר אַלע געזעגענען אייך. אויב דו וועסט גיך נישט באַקומען קיין בריוו פון מיר, וועט עס זיין אַ באַוויַיז, אַז מיר לעבן שוין נישט".

אָט דאָס איז די אַטמאָספער, אין וועלכער מיליאָנען לעבן היינט אין די געטאָס פון פוילן.

אין נאָמען פון אָט די מיליאָנען הילפלאָזע, אומשולדיקע, צום טויט פאַראורטיילטע מענטשן אין די געטאָס פון פוילן, וועמענס אויס־געשטרעקטע הענט צו דער וועלט קאָנען נישט געזען ווערן, רוף איך צו אַלע מענטשן, צו אַלע פעלקער וועמענס געוויסן איז נאָך וואַך:

וואשט אָפּ די ברענענדיקע שאַנד, וואָס ווערט געוואָרפן אויף דער מענטשלעכער ראַסע!

שטעלט אָפּ דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע!

צווינגט די נאַצי־מערדער אָפּצושטעלן דאָס פּלאַנמעסיקע אויס־מאָרדן פון הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן!

רעדע אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מיטינג אין לאָנדאָן

(דעם צווייטן סעפטעמבער, 1942, צום דריטן יאָרטאָג פון וועלט־קריג).

נעכטן איז געוואָרן דריי יאָר זינט פוילן איז באַפאַלן געוואָרן. צו יענער צייט האָט נאָך קיינער באמת זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון וועגן דער שרעקלעכער באַדייטונג פון היטלערס בליץ־קריג פאַר דער מענטשהייט און וועגן די טייוולאָנישע צילן, וואָס דייטשלאַנד שטעלט זיך. קיינער האָט דעמאָלט נישט באַגריפן דעם גרויסן העראָאיזם, וואָס דאָס פוילישע פאָלק ווייזט ארויס, און די קרבנות, וואָס עס ברענגט אין זיין ווידערשטאַנד. דעריבער האָט מען דעמאָלט נישט אַרויסגעצויגן אין דער פולער מאָס די געהעריקע לערע פון דער שלאַכט אין פוילן, וואָס איז פאָרגעקומען אין סעפטעמבער 1939.

מאַנכע מיינען, אַז די דאָזיקע מלחמה זאָגט אָן אַ רעוואָלוציע. אויב דאָס איז אַזוי, קען מען זאָגן, אַז אירע ערשטע שריט זענען געמאַכט געוואָרן אין פוילן דורך די שטאָלצע מאַסן פון וואַרשע, וואָס האָבן געפירט די ערשטע עפּישע שלאַכטן אין דער מלחמה. די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע וואָלט געווען אוממעגלעך אָן דער פאַרביסענער דעצידירטקייט פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג, וואָס האָט גיכער געוואָלט טויט אין געראַנגל פאַר פרייהייט, איידער צו לעבן אונטערן היטלערישן יאָך.

די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע איז געווען אַ רעאַקציע קעגן דער פּאָליטיק פון אַלטן פּוילישן רעזשים, וואָס האָט במשך פון יאָרן אונדז איזאָלירט פון די דעמאָקראַטישע פעלקער און האָט דעם גורל פון אונזער לאַנד פאַרבונדן מיט היטלער־דייטשלאַנד. דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער ביטערער סכנה פון היטלערס „נייער אָרדענונג" און אַ גרויסער אויפּבּרויז קעגן אַ וועלט־אָרדענונג, וואָס דערלויבט צו אַנטשטיין און צו וואַקסן אַזעלכע בייזע באַשעפענישן, ווי היט־

לעריזם און פאשיזם, קענן א וועלט־אָרדענונג, וואָס איז געווען אומ־פעאיק צו באַשירמען די מענטשהייט פון די מלחמה־שרעקן.

איך נוץ אוים די איצטיקע געלעגנהייט אויסצודריקן יראת־הכבוד צו די פיל טויזנטער ווארשעווער ארבעטער, וועלכע האָבן פאַרמירט די פרייוויליקע באַטאַליאָנען און האָבן מיט גרייטקייט אוועקגעגעבן זייער לעבן פאר דער פרייהייט פון זייער לאַנד און פון דער מענטשהייט. מיט יראת־הכבוד דערמאָן איך דעם חבר מיע־טשיסלאוו ניעדזשאַלקאָווסקי, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון די דאָזיקע מאַסן און אויפגעהאַלטן זייער קאַמף־גייסט און דעצידירט־קייט. ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זיין לעבן.

די דייטשע פאַרקנעכטער קענען נישט מוחל זיין דעם פּוי־לישן פאָלק, וואָס עס גיט זיך נישט אונטער זייער פירער און וואָס זיי האָבן נישט געפונען קיין פּוילישן קווינזלינג.

די אָרגיעס פון בעסטיאַלישקייט און רציחה, וואָס ווערן געפּראַ־וועט פון סאַמע אָנהויב אָן זינט פּוילן איז אָקופּירט געוואָרן, זענען אַזוי חיהש, אַז ס'איז שווער צו גלויבן, אַז מענטשלעכע ברואים זאָלן קענען זינקען אַזוי נידעריק. און דאָך, וואָס עס זעט אוים אומ־גלויבלעך, איז צום אומגליק אַן אמת. דאָס וואָס ס'איז פאַרגעקומען אין אָנהויב פון דער אָקופּאַציע טיילווייז אויף אַ כאַאָטישן און קאַ־פּריזנעם אופן, ווערט איצט געטאָן סיסטעמאַטיש, אין הסכם מיט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן און אין אַ ברייטן פאַרנעם.

אין פּוילן ווערן באַגאַנגען פאַרברעכנס, וואָס האָבן נישט זייערס גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אַזעלכע מאָנסטעריעזע פאַר־ברעכנס, אַנטקעגן וועלכע די ערגסטע באַרבאַרישע מעשים פון דער פאַרגאַנגענהייט זעען אוים צו זיין אַ קינדער־שפּיל. אין פּוילן ווערט קאַלטבלוטיק פאַרטיליקט אַ גאַנץ פאָלק.

די לעצטע באַריכטן פון מקורים אין אונזער לאַנד, וואָס מען קען אַממערסטן גלויבן, דערציילן וועגן אונטערצינדן גאַנצע ישובים צוזאַמען מיט זייערע איינוואוינער; וועגן מאַסן־אַרויסשיקונגען פון הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועלכע מוזן זייער גאַנצן האָב און גוטס איבערלאָזן פאַר די דייטשן, וואָס מען באַזעצט אין זייערע היימען; וועגן דער שטייגנדער צאָל מאַסן־עקזעקוציעס, ווי אויך וועגן אַנדערע פאַקטן, וואָס ווייזן, אַז די אָקופּאַנטן זענען אַנטשלאָסן שנעל צו פאַרענדיקן זייער אויסראָטונגס־מלאכה, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן מיט דריי יאָר צוריק.

די גרעסטע בראָך האָט אָבער געטראָפן די פּוילישע יידן. נישט בלויז, וואָס זיי זענען געצוואונגען צו טראָגן די געלע לאַטע; נישט

בלויז, וואָס זיי זענען צונויפגעטריבן אין די געטאָס, וואָס מען האָט זיי צוגערויבט זייערע רעכט, זייער האָב און גוטס, זייערע רעכט צו אַרבעטן און צו פאַרדינען אויף פּרנסה.

פון אָנהויב אָן האָבן די נאַצי־פאַרשטייער אָפן דערקלערט, אַז בעת זיי זענען פאַראויס פאַר די פּאָליאַקן די ראָל פון שקלאַפן ביים „הערן־פאָלק", קענען זיי נישט זען קיין שום צוקונפט פאַר די יידן. די יידן זאָלן אָפּגעווישט ווערן פון אויבערפלאַך פון דער ערד.

און די דייטשן האָבן געפונען אַ וועג, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן זייער דראָאונג. זיי האָבן אויסגעחשבונט די שפּייז־נאָרמעס פאַר די יידן אין די געטאָס אַזוי, אַז זיי זאָלן פאַרהונגערן צום טויט, ווייל קיינער קען ביי אַזעלכע קאַרגע נאָרמעס נישט לעבן. אַלס פּועל־יוצא דערפון, שטאַרבן יערלעך 20 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידי־שער באַפעלקערונג. אין הסכם מיט די דייטשע אויסרעכענונגען, זאָלן במשך פון 5 יאָר אַלע יידן אומקומען. די דייטשן זענען אָבער אומגעדולדיק צו וואַרטן אַזוי לאַנג. דעריבער האָבן זיי אויסגע־אַרבעט אַ פּלאַן אויסצוראָטן די יידן מיט נאָך אַנדערע מיטלען.

אין אַן אַ שיעור שטעט פון פּוילן איז די יידישע באַפעלקערונג, אומאָפּהענגיק פון געשלעכט און עלטער, צונויפגעטריבן געוואָרן צוזאַמען און אויסגעשאָסן געוואָרן פון קוילנוואַרפערס. בלויז אין ווילנע האָט מען במשך פון אַ קורצער צייט דערמאָרדעט פון 50 ביז 60 טויזנט יידן; אין ווילנער ראַיאָן און אין ליטע זענען 300 טויזנט יידן אומגעקומען אין די שחיטות. אין אַנדערע טיילן פון לאַנד באַנוצן די באַרבאַרן מאָדערנע מעטאָדן ביים אויסשעכטן צענדליקער טויזנטער מענער, פרויען און קינדער. אין אַ ריי ערטער האָבן זיי איינגעאָרדנט ספּעציעלע קאַמערן, וואו די הריגות קומען פאָר דורך גיפטיקע גאַזן. צענדליקער טויזנטער קרבנות ווערן צו־נויפגעטריבן אין די דאָזיקע ערטער, וואו זיי וואַרטן אויף זייער ריי צו ווערן אומגעברענגט, ווייל „בלויז" טויזנט מענטשן אַ טאָג קען מען דערמאָרדן אין איין גאַז־קאַמער. אין כעלמנאָ האָט מען 40 טויזנט מענטשן פאַרגיפטעט מיט גאַז במשך פון 50 טעג. די קרבנות זענען געווען געצוואונגען מקבר צו זיין די מאַסע, וואָס מען האָט פריער דערמאָרדעט. אין באַריכטן פון מענטשן, וועלכע האָבן דאָס אַליין צוגעזען, געפינען מיר די נעמען פון קרבנות, וועלכע מען האָט געצוואונגען צו באַגראָבן זייערע אייגענע ווייבער, קינדער אָדער עלטערן. דאָרט זענען אויך פאַראַן באַשרייבונגען, ווי אַזוי מאַמעס מיט זייערע זויג־קינדער ביי די ברוסטן זענען אַריינגעשליידערט גע־וואָרן אין די גאַז־קאַמערן, ווי אַזוי די דייטשן האָבן אַרויסגעריסן

גאָלדענע ציין פון מויל פון זייערע טויטע קרבנות, ביי וועמען מען האָט פריער צוגערויבט אַלע מלבושים און אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

די דייטשן האָבן אויסגעקליבן פוילן פאַרן עקזעקוציע־פּלאַץ פון די יידן פון אַלע אַנדערע אָקופּירטע לענדער, ווי אויך פון דייטש־לאַנד גופא.

די לעצטע ידיעות, וואָס די פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן האָט דערהאַלטן, אַלאַרמירן, אַז די מאַסן־שחיטות אויף יידן האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אין וואַרשעווער געטאָ, וואו עס זענען קאָנ־צענטרירט קרוב 600 טויזנט נפשות. 7 טויזנט מענטשן ווערן טעג־לעך אוועקגעפירט פון געטאָ, כלומרשט צו ווערן דעפּאָרטירט, אָבער יעדער איינער אין געטאָ ווייס, אַז זיי ווערן געפירט צו דער שחיטה. און ועל כולם האָבן די אָקופּאַנטן אַ ספּעציעלע הנאה צו פּרואוון צווינגען די ראשי־הקהלס זיי זאָלן צונויפשטעלן אַ רשימה פון מענטשן, וועלכע מען זאָל פירן צו דער עקזעקוציע. כדי צו באַפרייען זיך פון אָט דער מיסיע, איז דער פאָרזיצער פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

מען שאַצט, אַז די אַלגעמיינע צאָל יידן, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין פוילן ביז חודש מאַי היי־יאָר, גרייכט די ציפער פון 700 טויזנט.

דער גורל פון די איבערגעבליבענע יידן אין די געטאָס, וועלכע דערוואַרטן דעם טויט, איז ערגער, ווי דער גורל פון יענע, וועלכע זענען שוין אומגעקומען.

אַלס אַ פאָרשטייער פון יענע מאַסן, ברענג איך צום אויסדרוק זייער אויסגעשריי פון פּיין און פּראָטעסט און זייער רוף צו דער מענטשהייט, אַז סיזאָלן געפונען ווערן מיטלען אָפּצושטעלן דעם גרעסטן פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע!

די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן פאַרשטייט, אַז די דאָזיקע פאַרברעכנס זענען בלויז אַ טייל פון אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, וואָס דאַרף מאַכן אַ פרייען „לעבנס־רוים" פאַרן „הערן־פאָלק".

היטלער האָט אויפן שייטערהויפן אוועקגעלאָזט מיטן רויך די קולטור פון פיל דורות און געשענדט דעם געוויסן פון זיין אייגן פאָלק; איצט באַמיט ער זיך אונטערצוצינדן די גאַנצע וועלט.

איך גלויב אין ענדגילטיקן זיג איבער היטלערן. איך גלויב, אַז פוילן וועט אויפשטיין תחית־המתים ווי אַן אומאָפּהענגיק פאָלק אין אַ פרייער, באַנייטער און גערעכטער וועלט. אַלס סאָציאַליסט גלויב איך, אַז אין יסוד פון דער היינטיקער מלחמה און מאָרגנדיקן

שלום ליגן די מאַטיוון און די כוחות, וואָס וועלן פירן די וועלט צום סאָציאַליזם.

מיר מוזן אָבער פאַרשטיין, אַז ס׳האַלט דערביי, ס׳זאָל נישט זיין בכלל וועמען צו ראַטעווען אין אייראָפּע, אויב מיר וועלן נישט געפינען די מיטלען באַצייטנס צו באַשירמען די באַפעלקערונג פון פוילן און פון אַנדערע אָקופּירטע לענדער. גאַנץ אייראָפּע וועט דאַן ווערן איין גרויסער בית־עולם.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, האָט אונזער פאָלק דאָך נישט פאַרלוירן זיין אמונה אין מענטש־לעכער ווירדע און טראָגט ווייטער צו זיין חלק אין דער איצטיקער מלחמה דורך זיין ווידערשטאַנד און עקשנותדיקן גייסט. אונזער פאָלק האָט נישט פאַרלוירן זיין גלויבן אין דער מענטשהייט. פון זיינע טויט־קאַמערן שטרעקט עס אויס די הענט צו אייך און הויבט אויף די שטים צו אייך פול מיט גלויבן און צוטרוי. איך צווייפל נים, אַז די ציוויליזירטע וועלט הערט זייער רוף, אַז איר וועט אָננעמען זייערע אויסגעשטרעקטע הענט און אַז איר וועט זיי העלפן אויסהאַלטן טראָץ אַלעם און זיי וועלן דערלעבן דעם טאָג פון זיג און אויסלייזונג.

צו מיינע ברידער

(רעדע דורכן בריטישן ראַדיאָ אין לאָנדאָן, דעם 27 נאָוועמבער 1942)

מיט עטלעכע חדשים צוריק זענען מיר דערשיטערט געוואָרן דורכן באַריכט פון פוילן וועגן פּלאַנמעסיקן מאַסן־מאָרד, וואָס ווערט קאַלטבלוטיק אויסגעפירט איבער דער גאַנצער יידישער באַפעלקע־רונג אין צענדליקער פוילישע שטעט. ס'איז געווען שווער צו גלויבן די שרעקלעכע ציפער פון 700,000 דערמאָרדעטע.

אין די לעצטע טעג איז צו דער פוילישער רעגירונג אָנגעקומען אַ נייער באַריכט, וואָס לאָ די ער באַשטעטיקט די פריערדיקע ידיעות, דערציילט ער נאָך וועגן וויי‌טערדיקע רציחות—נאָך מער שרעק־לעכע, נאָך מער אויפטרייסלענדיקע.

פון איבער אַ האַלבן מיליאָן באַפעלקערונג אין װאַרשעװער געטאָ זענען אין סעפּטעמבער געבליבן — 120,000, אין אָקטאָבער — שוין קוים 40,000.

פון יולי אָן האָט מען יעדן טאָג אַרויסגעשלעפּט פון װאַרשע־װער געטאָ צו מאַסן־עקזעקוציעס צו 7,000 מענטשן. גלייכצייטיק האָט מען אַרויסגעשלעפּט צום טויטן כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון לאָדזש, מינסק־מאַזאָװיעצק, קאַלושין, נאָווי דוואָר, פּאַלעניץ, לובלין, קעלץ, ראַדאָם און פיל אַנדערע ערטער.

אין בעלזשיץ, טרעבלינקע און סאָביבאָר האָט מען איינגעאָרדנט ריזיקע עקזעקוציע־פּלעצער, וואו מען מאָרדעט מיט דער הילף פון גאַז־קאַמערן, עלעקטרישן שטראָם א. ד. גל. הונדערטער טויזנטער יידן, אָן חילוק פון געשלעכט און עלטער. צום אויסגראָבן די מאַסן־קברים באַנוצן די תלינים גרויסע מאָדערנע מאַשינען.

אין משך פון דריי יאָר האָבן די דייטשן פאַרהונגערט מיליאָנען יידן אין די געטאָס פון פוילן. אויף הימלערס באַפעל האָט מען אחוץ דעם אָנגעהויבן שנעל צו פאַרטיליקן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין פוילן, באַנוצנדיק דערביי אויך אַנדערע מיטלען.

די דאָזיקע רציחה איז נישט די איינציקע, וואָס די דייטשן באַ־גייען אין פוילן, אָבער פון אַלע רציחות איז דאָס די שרעקלעכסטע.

מיר פרעגן שוין היינט די דייטשע הענקער:

— וואו זענען די דריי און אַ האַלבן מיליאָן פוילישע יידן?

דער דאָזיקער רוף וועט זיך הערן אַלץ שטאַרקער און דורך פיל דורות.

— וואו זענען אונזערע ברידער און שוועסטער, טאטעס און מאמעס, פרויען און קינדער? וואס האט איר מיט זיי געטאן?

אין זיין רעדע, אין חודש אקטאבער, האט גערינג געשראקן דאס דייטשע פאלק מיט יידישער נקמה אין פאל פון א פארשפילטער מלחמה. די גייסטער פון מיליאנען אומשולדיק דערמארדעטע קרבנות וועלן אייגנטלעך זיין דער אייביק ברענענדער פארוואורף און זיי וועלן עס גורם זיין צו נקמה און צו שטראף. די רציחה לגבי דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן שלאגט אויך אין דער גאנצער מענטשהייט. דעריבער ווען די רוצחים וועט טרעפן די שטראף און די נקמה, וועט דאס זיין א פסק פון דער גאנצער מענטשהייט.

די מענטשהייט וועט נישט זיין רייגעוואשן, אויב די רוצחים און די סיבות פון די רדיפות וועלן נישט ביזן ווארצל ווערן אויסגעריסן און אפגעמעקט פון אויבערפלאך פון דער ערד.

מיר ווייסן: וואס נעענטער ס'וועט זיין דער טאג פון דער ענדגילטיקער מפלה פון דייטשלאנד, אלץ גרעסער וועלן זיין זייערע רציחות אין די אקופירטע לענדער, און באזונדערס אין פוילן. דעריבער איז אונזער אלעמענס שטרעבונג, אז דאס פולשטענדיקע פארניכטן די מיליטערישע מאכט פון דייטשלאנד, וואס האט זיך שוין אנגעהויבן, זאל פארענדיקט ווערן וואס שנעלער. און מחמת דעם פאדערן מיר אויך פון די אליאירטע מלוכות תיכף צו באנוצן ספעציעלע מיטלען, וואס זאלן צווינגען די דייטשן אפצושטעלן דעם מאסן-מארד פון דער ציווילער באפעלקערונג אין פוילן.

ברידער מיינע, איך רעד צו אייך, א טיף דערשיטערטער מיטן באוואוסטזיין, אז איך ווייס אליין נישט וויפיל פון אייך זענען נאך געבליבן לעבן און וויפיל פון אייך הערן מיך. איך ווייס אבער, אז עס הערן מיך די פון אייך, וועלכע האלטן נאך, טראץ אלעם, אין די פארמאטערטע הענט די פאן פון מענטשלעכער ווירדע און שטעלן נאך ווייטער א ווידערשטאנד.

צו אייך, חברים, זאג איך: מיר זענען ניט דערוואקסן צו דעם, אז מיר זאלן אייך לערנען און געבן עצות. דערדריקט פון אייער מארטירערטום און פון אייער אומגעהויערן העראאיזם, ווייסן מיר, אז יעדער פון אייך וועט אויסהאלטן ביזן לעצט און וועט זיך נישט בויגן.

איך וויל אייך בלויז פארזיכערן, אז צוזאמען מיט אונז קוקט די גאנצע וועלט מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם אויף אייך, אויף אייער מארטירערטום און העלדנמוט. פאר אייערע ליידן וועט גענומען ווערן נקמה, אייערע קרבנות וועלן ווערן באלוינט.

רעטונג־אַפּיל פון די צום טויט געפּירטע יידן

(רעדע דורכן בריטישן ראַדיאָ אין לאָנדאָן, דעם 13טן דעצעמבער 1942).

הימלער האָט באַזוכט וואַרשע אין חודש יוני. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ באַפעל פון היטלערן צו דערמאָרדן אַלע יידן ביזן סוף פון יאָר. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן ספּעציעלע שולן אין דייטשלאַנד צוצוגרייטן די אַזוי־גערופענע „יודען־פאַרניכטונגס־קאָלאָנען". אין יולי האָבן די דאָזיקע באַנדעס אָנגעהויבן די אַקציע פון די מאַסן־שחיטות.

פון בערך אַ האַלבן מיליאָן יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין וואַרשע אין יולי פון היינטיקן יאָר, זענען געבליבן קוים פון 30 ביז 35 טויזנט. פון 80 טויזנט אין לובלין זענען סוף אויגוסט געבליבן בלויז 4 טויזנט. אין לעמבערג קוים 20 טויזנט פון 120 טויזנט, אין ווילנע 12 טויזנט פון 80 טויזנט.

אָט די אַקציע טראָגט דעם שווינדלערישן נאָמען „עוואַקואַציע", אָבער אין פּוילן ווייס יעדער די נעמען פון די 3 ערטער סאָביבאָר, בעלזשיץ און טרעבלינקע. אַהין פירט מען די אַזוי־גערופענע עוואַקואירטע צו דער עקזעקוציע.

ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז אין אונזערע טעג קומט פאָר אין פּוילן דער פינאַל פון אַן אומפאַרגלייכלעכן מאַסן־מאָרד. איך ווייס ווי שווער ס'איז צו גלויבן, אַז אַזעלכע שרעקלעכקייטן זאָלן זיין אמת. ווי אַ מענטש פון פאָלק, וואָס פאַלט איצט אַ קרבן, פאַרזיכער איך אייך, אַז צום אומגליק איז די געשיכטע פון דער מאָוימדיקער טראַגעדיע אמת. די באַווייזן זענען שוין איבערגעגעבן געוואָרן צו די רעגירונגען פון די אַליאירטע פעלקער.

לאָמיר זיך דערמאָנען היטלערס רעדע פון 8טן נאָוועמבער, אין וועלכער ער האָט אָפן דערקלערט, אַז אַלע יידן וועלן פאַרטיליקט ווערן. היטלער האָט נישט געקאָנט האַלטן זיין צוזאָג צו דעראָבערן סטאַלינגראַד אָדער צו צעשמעטערן ענגלאַנד, אָבער בנוגע שוואַכע, אומבאַוואָפנטע יידישע קינדער, פרויען און מענער, וועלכע געפינען

זיך אין רשות פון זיינע באנדעס, קען ער באוויזן אויסצופירן דאס, וואס ער זאגט.

די מאסן, וועלכע ווערן טאג־טעגלעך געשלעפט צום טויט, האבן מיך באפולמעכטיקט איבערצוגעבן זייער אפילו צו די אליאירטע פעלקער מ׳זאל זיי ראטעווען, איידער עס איז צו שפעט.

איך גיב זיך אפ א רעכענונג פון דער מעגלעכקייט, אז אין איצטיקן אויגנבליק, קען זיין, בין איך דער פארשטייער פון א געמיינדע פון בלויז גייסטער. אויב אבער ס׳איז דארט געבליבן כאטש א קליינער חלק פון מיין פאלק, רוף איך אין זייער נאמען צו מאכן אויסערגעוויינלעכע שריט פנים אל פנים מיט דעם אויסטערלישן פארברעכן, כדי צו צווינגען די נאצישע תלינים אפצושטעלן די שחיטה.

מיינע פריינד אין פוילן ענדיקן זייער באריכט מיט די דאזיקע ווערטער:

„וואס די דייטשן טוען איצט צו די יידן, דאס איז א מלחמה. א מלחמה, אין וועלכער אויף איין זייט שטייען די היטלערישע באנדיטן באוואפנט ביז די ציין, בעת אויף דער צווייטער זייט שטייט דער אומבאוואפנטער און שוצלאזער יידישער ישוב א פולשטענדיק הילפלאזער“.

אויב דער הילף־רוף פון די יידן אין פוילן זאל נישט דערהערט ווערן, וועט איינער פון היטלערס קריגס־צילן — די פארניכטונג פון אייראפעאישן יידנטום — דערגרייכט ווערן, אומאפהענגיק פון מיליטערישן רעזולטאט פון דער מלחמה.

צו אייך, יידישע אַרבעטער

(ראַדיאָ־רעדע פון לאָנדאָן קיין פּוילן)

איך רעד איצט צו אייך, יידישע אַרבעטער, יידישע פֿאָלקסמאַסן אין פּוילן, אונטער אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען, אינמיטן פון דעם בלוטיקן וועלט־שטורם, אין וועלכן עס ווערט דעצידירט דער גורל פון דער מענטשהייט. איך רעד צו אייך אין נאָמען פון טויזנטער חברים און פריינד, וועמען די מלחמה האָט אָפּגעשיידט פון אייך. זיי זענען איצט צע־וואָרפן איבער דער וועלט, אָבער מיט אַלע פֿעדים פון זייער נשמה זע־נען זיי מיט אייך פאַרבונדן, בענקען נאָך אייך, באַוואונדערן אייך און זענען שטאָלץ וואָס איר האָט אין די שרעקלעכע באַדינגונגען פון נאַציִשן טעראָר נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט אונזער אַלטע, הייליקע בונדישע פאָן, וואָס האָט דורות יידישע אַרבעטער געלערנט הויך צו האַלטן זייער מענטשלעכע ווירדע און נישט אונטערצוגעבן זיך קיין שום טיראַניי. דאָס איז די פאָן, וואָס האָט אַלעמאָל גע־שמידט דעם מוט פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אינם קאַמף פאַר זייער פרייהייט און גלייכהייט, פאַר דער פרייהייט און גלייכהייט פון אַלע מענטשן.

איך ברענג אייך אויך דעם גרוס און די באַוואונדערונג פון מי־ליאָנען יידישע און נישט יידישע אַרבעטער פון דער וועלט, וועלכע וויסן פון אייערע ליידן און וויסן אָבער אויך אייער מוט און פון אייער מסירת־נפשדיקן קאַמף.

חברים, יידישע אַרבעטער! אונזער לאַנד איז געווען דער ערש־טער קרבן אין דער איצטיקער מלחמה; דער ערשטער עטאַפּ פונם נאַציסטישן רויב־צוג צו באַהערשן און פאַרשקלאַפן די וועלט. אייך, די יידישע ווי די פּוילישע מאַסן פון אונזער לאַנד, קומט דעריבער אויס צו ליידן לענגער פון דער בלוטיקער נאַצי־הערשאַפט, איידער די אַנ־דערע לענדער, וועלכע זענען פאַרגוואַלטיקט געוואָרן. ווייסט אָבער, אַז אייערע ליידן זענען נישט אומזיסט. פון די געטאָס, אין וועלכע די נאַצי־באַרבאַרן האָבן אייך פאַרשפאַרט, דורך די ווענט פון דער תפיסה, אין וועלכער זיי האָבן פאַרוואַנדלט אונזער לאַנד, דערגייען צו דער וועלט נישט בלויז די קרעכצן פון פאַרפייניקטע, נאָר אויך די

ליכטיקע, די גאָלדענע פונקטן פון אייער העלדנמוט, מיט וועלכן איר באַלויכט דעם פינצטערן וועג פאַרן פאָלק, מיט וועלכן איר טרייסט די פאָלקס־מאַסן און לערנט זיי ווירדיק אויסצוהאַלטן די פּיין, אויס־צודויערן ביזן טאָג פון באַפרייאונג.

זייט־זשע וויסן, טייערע חברים און ברידער, אַז דער טאָג פון אונזער אַלעמענס באַפרייאונג, דער טאָג פון מפלה פאַרן נאַציזם און פאַשיזם וועט אומפאַרמיידלעך אָנקומען. דאָס געוויסן פון די אַרבע־טער און פאָלקס־מאַסן פון דער וועלט איז אויפגעטרייסלט. די אַר־בעטער־מאַסן פון ענגלאַנד שטייען אין מיטן פון אַן אומגעהויער העל־דישן קאַמף. דער נאַצישער אָנגריף ווערט דורך זיי בלוטיק אָפּגע־שטויסן. די פאַשיסטישע אַרמייען אין אַפריקע ווערן דורך זיי אויס־געראָטן און פאַרניכטעט. די גאַנצע איבעריקע וועלט זאַמלט כוחות, מאָביליזירט זיך. דער קאַמף קעגן נאַציזם און פאַשיזם הייבט זיך ערשט אָן; דער זיג פון די פאָלקס־מאַסן פון דער וועלט איבער דער נאַצי־פאַשיסטישער באַרבאַריי איז זיכער. שוין היינט וואַקלט זיך די הערשאַפט פון מוסאָליני אין איטאַליע, מאָרגן וועט אומפאַר־מיידלעך קומען דער צוזאַמענברוך פון דער נאַצי־הערשאַפט אין דייטש־לאַנד. מיר מוזן האָבן געדולד, טייערע חברים, און אויסדויער־קראַפט; אונזער באַלוינונג וועט זיכער קומען. עס וועלן מקוים ווערן אונ־זערע חלומות און שטרעבונגען, אין נאָמען פון וועלכע איר זענט זיך היינט מוסר־נפש: פון דעם בלוטיקן קנויל וועט אויפגיין אַ וועלט פון פרייהייט און גלייכהייט, אַ וועלט אין וועלכער עס וועלן קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן יענע הויכע אידעאַלן, וועלכע זענען אויסגע־פלאַכטן אויף אונזער אַלטער פאָן וואָס איר הייליקט היינט מיט אייער קאַמף.

חברים, יידישע אַרבעטער פון פּוילן! צוזאַמען מיט גאַנץ אייר־ראָפּע וועט באַפרייט ווערן אויך פּוילן, אונזער לאַנד. עס וועט אויפ־שטיין אַ פרייז און זעלבסטשטענדיק פּוילן. און מיר, יידישע אַרבע־טער, צוזאַמען מיט די פּוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן, מיט וועלכע מיר זענען פאַרבונדן, וועלן זאָרגן, אַז אונזער לאַנד זאָל זיין באמת פריי און באמת אומאָפּהענגיק. עס קאָנען נישט און וועלן נישט אויפ־שטיין צום לעבן יענע הערשאַפט־סיסטעמען און יענע עלעמענטן, וועלכע האָבן די ברייטע פאָלקס־שיכטן פון אונזער לאַנד געהאַלטן פאַרשקלאַפט יאָרן פאַר דער מלחמה און האָבן פאַרשפּרייט אין פּוילן דעם סם פון היטלעריזם, פון ראַסן־האַס, פון בלוטיקער שקלאַפעריי און טראָגן דעריבער די פּאָליטישע און מאָראַלישע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דער מפלה פון אונזער לאַנד. די פּוילישע און יידישע

מאסן האָבן בלוטיק באַצאָלט פאַר די פאַרברעכנס פון אָט די עלע־מענטן פון אונזער לאַנד; זיי וועלן דעריבער ארויסציען אַלע קאָנ־סעקווענצן פון דער בלוטיקער לעקציע.

חברים, מיר רופן אייך צו וואַכזאַמקייט און אויסדויער. די פּוי־לישע אַרבעטער־מאַסן און מיר, די יידישע אַרבעטער, וועלכע פירן היינט צוזאַמען דעם העלדישן קאַמף — מיר מוזן זיין גרייט צו ווערן די בויער און באַלעבאַטים פונם נייעם, באַפרייטן, סאָציאַליסטישן פּוילן, וועמענס אויפקומען איז שוין נישט ווייט!

איך ענדיק מיינע ווערטער מיטן וואונטש, מיר זאָלן זיך וואָס גיכער ווידערזען אינם נייעם, באמת פרייען פּוילן.

פרייהייט! חברשאַפט!

ווענדונג צו פּרעזידענט רוזוועלט
און פּרעמיער טשורטשיל

אַלס באַפולמעכטיקטער פאַרשטייער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, וואָס אירע געהיימע אָרגאַניזאַציעס זענען נאָך געווען טעטיק אין פּוילן סוף זומער 1942 און זענען צום יענעם מאָמענט געווען די איינציקע אָרגאַניזירטע צענטרען פון פּוילישן יידנטום, ווענד איך זיך צו אייער רעגירונג מיט דעם לעצטן פאַרצווייפלטן אַפּיל, — אין נאָמען פון די יידן, וואָס ווערן מאַסנווייז אויסגעמאָרדעט הינטער די מויערן פון געטאָ.

אָט איז אַן אויסצוג פון דעם לעצטן באַריכט, וואָס איז אָנגעקומען פון וואַרשע מיט דער דאַטע פון 31טן אויגוסט, 1942:

„אַ ווילדער שטורם בושעוועט איבער די קעפּ פון פּוילישן יידנטום און דער שרעקלעכער שטורם ווערט מיט יעדן טאָג שטאַרקער. לעצטנס קומען אום שוין אַפילו נישט קיין טויזנטער, נאָר צענדליקער טויזנטער און הונדערטער טויזנטער — די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג ווערט אויסגעראָטן: די מענער, די פרויען און די קינדער. פון די דריי און אַ האַלבן מיליאָן יידן אין פּוילן פאַרן קריג, זענען איצט געבליבן לעבן נישט מער ווי אַ מיליאָן, אָדער אַ מיליאָן און אַ פערטל. און די מאָסן־מאָרדן דויערן נאָך ווייטער".

די יידן אין פּוילן בעטן אייך צו געפינען מיטלען, ווי אַזוי צו ראַטעווען די רעשט פּוילישע יידן, וואָס זענען נאָך געבליבן ביים לעבן.

אַלס אַ מענטש, וואָס רעפּרעזענטירט די אומגליקלעכע יידישע באַפעלקערונג פון פּוילן, גיב איך אייך איבער זייער לעצטן אַפּיל וועגן רעטונג.

פון זיגעלבוימס לאָנדאָנער בריוו צו דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" אין פּוילן

נאָך דער רעדע פון וויצע־פּרעמיער מיקאָלאַיטשיק אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט (גלות־פּאַרלאַמענט) וועגן די יידן־שחיטות האָב איך אַריינגעטראָגן דריי פּאָרשלאָגן:

1) דער פּוילישער נאַציאָנאַל־ראַט פּאָדערט אויף די רעגירונג זי זאָל גלייך פּאַרלאַנגען פון אַלע אַליאירטע רעגירונגען, באַזונדערס פון אַמעריקע און ענגלאַנד, אַז עס זאָל תיכף אויסגעאַרבעט ווערן אַ פּלאַן פון ספּעציעלע אַקטן קעגן דייטשלאַנד (רעטאָרסיע), וואָס זאָלן זי צווינגען אָפּצושטעלן די שחיטות אויף יידן.

2) די רעגירונג זאָל געבן די איניציאַטיוו, אַז גענויע באַשרייבונגען פון די שחיטות אויף יידן זאָלן אין דער דייטשער שפּראַך אין גרויסע צאָלן אַראָפּגעוואָרפן ווערן פון עראָפּלאַנען איבער דייטשלאַנד.

3) די רעגירונג זאָל מאַכן שריט, אַז גאָר גיך זאָל צוזאַמענגערופן ווערן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון אַלע אַליאירטע רעגירונגען, וועלכע זאָל אין נאָמען פון אַלע קעמפנדיקע פעלקער פאַרעפנטלעכן אַ פלאַמיקן פּראָטעסט און אַ שאַרפע וואָרנונג דעם דייטשן פאָלק און זיין רעגירונג.

נעכטן האָב איך געהאַט אַ קאָנפערענץ מיט ראַטשינסקין (אויסערן־מיניסטער). קודם האָבן מיר אַרומגערעדט די לאַגע אין לאַנד און די דריי פּאָליטישע פּאָרשלאָגן. ער האָט מיר דערקלערט, אַז די פּאָדערונג וועגן „רעפּרייזלס" איז שוין מער ווי איין מאָל אַרויסגערוקט געוואָרן, אָבער ענגלאַנד וואַרפט דאָס קאַטעגאָריש אָפּ. איך האָב דערקלערט, אַז איצט זענען נייע אומדערהערטע פאַקטן, אַ נייע לאַגע און מען דאַרף די פּאָדערונג אַרויסרוקן אויפסניי. ער האָט באַשטעלט אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ מיט דעם ענגלישן אויסערן־מיניסטער אידען אויף מאָנטאָג (מאָרגן), און ער וועט מיט אים אַרומרעדן אַלע מיינע דריי פּאָרשלאָגן. וואָס איז שייך די אינטעראַליאירטע קאָנפערענצן, זענען זיי ביז היינט פּאָרגעקומען אָן דעם אָנטייל פון אַמעריקע און ענגלאַנד, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אין זיי אָפיציעל

אַנטייל נעמען. די דאָזיקע (אַזוי גערופענע „סענט דזשעימס קאָנפע־רענצן") זענען דעריבער געווען בלויז פון די אָקופּירטע לענדער. איך האָב איצט פאַרלאַנגט פון אים אַרויסצורוקן די פאָדערונג, אַז אויף דער פון מיר פאַרלאַנגטער קאָנפערענץ זאָלן אויך אַנטיילנעמען אַמע־ריקע, ענגלאַנד און רוסלאַנד.

(28טער נאָוועמבער, 1942).

⁂

איך האָב אָפּגעהאַלטן ספּעציעלע קאָנפערענצן מיט דעם פּאָלי־טישן רעדאַקטאָר פון לאָנדאָנער „טיימס", מיטן סוב־עדיטאָר פון רויטער־אַגענטור, מיטן לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון „ניו יאָרק טיימס" און מיטן דירעקטאָר פון בריטישן ראַדיאָ (ב.ב.סי.).

מיינע קאָנפערענצן האָבן געהאַט דעם רעזולטאַט וואָס אין לאָנ־דאָנער „טיימס" זענען דריי טעג נאָכאַנאַנד געווען גרויסע אויסצוגן פון אונזער באַריכט (וועגן די יידן־שחיטות) און זונטאָג — אַ גרוי־סער לייט־אַרטיקל. די רויטער־אַגענטור האָט פאַנאַנדערגעשיקט צו דער פּרעסע אַ גרויסן סך־הכל פון באַריכט, צום „ניו יאָרק טיימס" איז אָוועקגעשיקט געוואָרן אַ גרויסער קייבל. אין „דיילי טעלעגראַף" זענען געדרוקט געוואָרן מיינע פאָרשלאָגן אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט מיט אַ פּאָזיטיווער שטעלונג פון דער צייטונג. אין בריטישן ראַ־דיאָ (ב.ב.סי.) האָט מען אָנגעהויבן צו געבן זייער קאַרגע ידיעות וועגן די שחיטות, און דאָס — בלויז אין די אוידיציעס פאַר אייראָפּע און נישט פאַר ענגלאַנד.

דורך דער לייבאָר־פּאַרטיי האָב איך זיך פאַרבונדן מיט דעם ברי־טישן אויסערן־מיניסטעריום דירעקט. איך האָב זיך דריי מאָל געטראָפן מיט אַ מענטש, וועלכן דער אויסערן־מיניסטער אידען האָט ספּעציעל באַשטימט פאַר דעם צוועק און וועלכער איז דער עקספּערט איבער פּוילישע ענינים.

מאָנטאָג נאָכמיטאָג האָב איך מיך ווידער געטראָפן מיט ראַטשינ־סקין, וועלכער האָט מיך אינפאָרמירט וועגן זיין געשפּרעך מיט אי־דענען. איך האָב פאָרגעלייגט ראַטשינסקין, אַז ער זאָל תיכף אין אַן אָפיציעלער נאָטע מיטטיילן אַלע אינפאָרמאַציעס צו די רעגירונגען און פאַרלאַנגען פון זיי אַן אַקציע.

אין די קרייזן פון דער פּוילישער רעגירונג האָט מען שוין איצט, נישט ווילנדיק, געמוזט נאָכלאָזן פון דער פריערדיקער טענדענץ בשום אופן נישט פאַרצושטעלן פאַר דער וועלט, אַז יידן לײַדן אין פּוילן

מער, ווי די פּאָליאַקן. מען האָט שוין מסכים געווען איצט צו טראַק־טירן די זאַך, ווי אַן אַקציע קעגן אויסראָטן די יידישע באַפעלקערונג.

אין די קרייזן פון דער בריטישער רעגירונג האָט מען נאָך נישט געגלויבט די אינפאָרמאַציעס. דער בריטישער ראַדיאָ האָט געהאַט באַקומען אַ געהיימע אָנווייזונג נישט צו מאַכן קיין גרויסע פּראָפּאַגאַנדע אַרום דער גאַנצער זאַך. איך האָב וועגן דעם ענין גערעדט מיטן פאָרשטייער פון בריטישן אויסערן־מיניסטעריום. ער האָט עס געלייקנט, אָבער דעם זעלבן אָוונט האָט מיר איבערגעגעבן פּאַרטרויִ־לעך איינער פון מיינע פריינד, וועלכער געהערט צום אינערלעכן סטעף פון בריטישן ראַדיאָ (ב.ב.סי.), אַז ער אַליין איז דעם אָוונט געווען אויף אַ זיצונג פון סטעף, אויף וועלכער עס איז איבערגעלייענט געוואָרן אַן אינסטרוקציע פון בריטישן אויסערן־מיניסטעריום צו געבן זייער פאָרזיכטיק ידיעות וועגן פּוילן און נישט קיין סך.

נאָך אַ וואָך פון אַקציע, געשפּרעכן, צושטעלן דאָקומענטן, סיי מצד דער פּוילישער רעגירונג, סיי מצד מיר, ווי אויך די אַקציע פון אַנדערע קרייזן דאָ און אין אַמעריקע, האָט זיך די לאַגע געביטן אויף אַזוי פיל, אַז די בריטישע רעגירונג האָט שוין געגלויבט די פאַקטן, דער עיקר וועגן וואַרשע. ס'איז שוין אויך צושטאַנד געקומען וועגן דעם ענין די ערשטע קאָנפערענץ פון די אויסערן־מיניסטאָרן פון די 9 רעגירונגען פון די אָקופּירטע לענדער (פאָרשטייער פון די דריי גרויס־מאַכטן זענען אָנוועזנד געווען אַלס אָבסערוואַטאָרן). דער בריטישער עקספּערט וועגן פּוילן האָט מיר געוויזן זיין עקספּערטיזע, וואָס ער האָט צונעשטעלט אידענען, אין וועלכער ער האָט דערקלערט די הריגה פון אַלע וואַרשעווער יידן פאַר אָפיציעל דערוויזן, די אויסראָטונג פון אַלע אַנדערע שטעט — פאַר וואַרשיינלעך אמת, אָבער ניט אָפיציעל דערוויזן. ס'האָט זיך גערוקט פון אָרט די פראַגע וועגן אַ דעקלאַראַציע פון די רעגירונגען.

אַ וואָך נאָך דער נעגאַטיווער אינסטרוקציע צו דעם בריטישן ראַדיאָ איז געקומען אַ פאַרקערטע, שוין נישט קיין געהיימע, וואָס מיין פריינד האָט מיר געגעבן איבערצולייענען. איר אינהאַלט איז געווען בערך אַזוי: היטלער האָט ביז היינט מיט דערפאָלג זיך באַנוצט מיטן אַנטיסעמיטיזם פאַר זיינע צוועקן. איצט איז געקומען דער טאָג, ווען מיר קענען אויסנוצן זיין אַנטיסעמיטיזם קעגן אים. מען דאַרף דעריבער ברייט אויפקלערן די אַנטי־יידישע שחיטות אין פּוילן.

דער דירעקטאָר פון ב.ב.סי. האָט מיך דעמאָלט איינגעלאַדן צו אַ נייער קאָנפערענץ; ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן דעם וואָסערע

שטעלן פון אונזער באַריכט (פון אונטערערדישן „בונד" אין פּוילן) ווי אויך פון די פּוילישע רעגירונג־באַריכטן מען זאָל ווידמען אַמ־מערסטן אויפמערקזאַמקייט אין ראַדיאָ. ער האָט מיר פאַרגעלייגט צו האַלטן אַן ענגלישע רעדע פון זעקס מינוט — אַלס דירעקטער פאַר־שטייער פון די, וועלכע ווערן געשאָכטן. דאָס איז געווען דעם 11־טן דעצעמבער. די רעדע האָב איך געהאַלטן דעם 13־טן דעצעמבער (זונטאָג) 10 פרי. זי האָט, ווי מיינע באַקאַנטע ענגלענדער האָבן מיר געזאָגט, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אויסצוגן פון איר זענען אין פאַרלויף פון טאָג איבערגעחזרט געוואָרן אין אַלע אווידיציעס.

דער באָאַרד אָוו דעפּיוטים האָט צוזאַמענגענומען אַן „עמויר־דזשענסי קאָנפערענץ" פון עטלעכע מענטשן, צו וועלכער ער האָט מיך איינגעלאַדן. איך בין געגאַנגען. מען האָט דאָרטן גערעדט וועגן אַ פּלאַן צו פּראָקלאַמירן אַ תענית און דער טשיף־ראַבאַי האָט רעפער־רירט זיין פּלאַן פון אַ טרויער־וואָך. איך האָב גענומען אַ וואָרט און דערציילט, אויפן סמך פון אונזער באַריכט, וואָס אין פּוילן קומט פאָר מיט די יידן. איך האָב דערקלערט, אַז דער תענית איז בלויז אַ פאָרמעל אָפּפּטרן די זאַך, כדי ווייטער צו קאָנען אַנגיין מיט די נאָר־מאַלע ביזנעס און פאַרגעניגנס. נישט היטלער, נישט די ענגלענ־דער און אפילו נישט די יידן וועלן ווערן באַאיינפלוסט דערפון. עס איז אייער פליכט צו טאָן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל באמת אויפטרייס־לען די וועלט, די ענגלישע רעגירונג, און צווינגען איר אָנצונעמען ווירקלעכע מיטלען צו ראַטעווען די יידן, עפּעס אַזוינס וואָס די וואַר־שעווער יידן וואָלטן געטאָן, ווען די לאַגע וואָלט געווען פאַרקערט. זאָלן 50 טויזנט לאָנדאָנער יידן מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע, זאָלן זיי בלאָקירן דאַונינג־סטריט; זאָלן זיי שרייען צום הימל אַזוי, עס זאָל אויפטרייסלען די וועלט און די רואיקייט פון די פּאָליטיקער, וועלכע זענען בכוח עפּעס צו טאָן. עס איז די לעצטע מינוט. דאָס יידישע פאָלק ווערט אויסגעשאָכטן.

איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג פון פּראָפּאַגאַנדע־דעפּאַרט־מענט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אַרויסצוטרעטן אויף אַ ריי מאַסן־מיטינגען פון דער ענגלישער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד אויף דער טעמע וועגן די יידן־שחיטות. מיט רעפעראַטן אין ענגלישע טרייד־יוניאָנס און לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער לייבאָר־פּאַרטיי בין איך שוין אַ סך מאָל אַרויסגעטרעטן. אין די ערשטע טעג יאַנואַר קומען שוין פאָר צוויי אַזעלכע מיטינגען — איינער אין אַ לאָנדאָנער פאָר־שטאָט, דער צווייטער — אין קוילן־ראַיאָן פאַר קוילנגרעבער. גלייכ־צייטיק האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז דער פּוילישער פּען־קלוב

באַמיט זיך וועגן אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג פון ענגלישן און אַנדערע פּען־קלובן, וואָס געפינען זיך דאָ, אויף וועלכער איך זאָל אַרויס־טרעטן.

(דו־טער דעצעמבער, 1942)

***

די אַלע רייד וועגן דעם, אַז איך בין „מיד געוואָרן", „אויסגע־שאָסן דעם פּולווער" — זענען נאַטירלעך נאָנסענס. איך טו וואָס ווייטער אַלץ מער אַרבעט און מער ווירקזאַמע. איך קאָן נישט העלפן דערצו וואָס די יידישע פּרעסע פאַרשווייגט מיך בכיוון... איך האָב נישט קיין צייט, קיין מעגלעכקייט און קיין געמיט זיך צו פאַר־נעמען מיט זעלבסט־רעקלאַמע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לעצטער אַקציע האָב איך דיר אַרויסגעשיקט אַ ריי דאָקומענטן.

איך ווייס נישט וואָס פון דעם אַלעמען דו האָסט דערהאַלטן. עס קאָן זיין, אַז איך האָב געמאַכט אַ פעלער וואָס איך האָב דיר נישט דעפּעשירט די פאַרשלאָגן וועלכע איך האָב אַריינגעטראָגן (אין פּוי־לישן נאַציאָנאַל־ראַט). זיי זענען געוואָרן איבערגעגעבן גענוי אין איט"אַ־קאָמוניקאַט. איך האָב נישט געגלויבט, אַז אַפילו אין דעם פאַל זאָל די ליבהאַרציקע יידישע פּרעסע דאָס פאַרשווייגן. אָבער — ווער קאָן דאָס שאַצן די יידישע כּלל־טוער און זייערע פעאיקייטן?

די וואָך האָב איך געהאַלטן אַ זייער שאַרפע און זייער אומאָנ־גענעמע רעדע אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט וועגן דער לאַגע און שטי־מונגען אין לאַנד. איך האָב געמאַכט אַ ריי שאַרפע באַשולדיקונגען קעגן די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַקטאָרן אין פּוילן.

(27־טער דעצעמבער, 1942).

***

אונזערע אַקציעס און פּראָטעסטן האָבן נישט קיין שום פּראַק־טישן ווערט. אַ שווידער גייט מיר אַדורך, ווען איך מאַך מיר קלאָר, אַז אין יולי, ווען איך דאָ און איר דאָרטן האָבן געמאַכט דעם גרויסן טומל אַרום דעם ערשטן באַריכט וועגן די שחיטות אין מזרח־פּוילן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין פּרילינג, און אונז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר טוען אונזער פליכט און דאָס בעסטע צו ראַטעווען די יידן פון ווייטערע שחיטות — אַז אין דער זעלבער צייט זענען אָנגעגאַנגען די גרויסע שחיטות אין וואַרשע און אין גאַנץ צענטראַל־פּוילן. מיר

זענען נישט אימשטאנד, איך בין נישט אימשטאנד עפּעס צו טאָן וואָס זאָל ראַטעווען אפילו איין מענטש, איין יידיש קינד פון שויי־דערלעכסטן טויט. און ווי קאָן איך אָנגיין ווייטער מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, מיט קומען אויף זיצונגען, מיט נעמען ווערטער צו פראַגן, וואָס זענען אַמאָל געווען אַזוי וויכטיק, אָבער האָבן היינט פאַרלוירן יעדן זין, מיט אָננעמען ווייטער לויב און טאַדל — אַלס זייער פאָרשטייער.

דאָס האָט נישט צו דעם וואָס איך האָב אויבן געשריבן. פאַר־קערט, ווייל די אַלגעמיינע לאַגע פון פוילישן יידנטום איז אַזוי טראַ־גיש, און אפשר נאָך ערגער ווי איך האָב עס אויסגעדריקט, איז נאָך מער דרינגענד צו מאַכן אַלע נויטיקע אָנשטרענגונגען צו ראַטעווען די געציילטע, וואָס קאָנען געראַטעוועט ווערן. און אַז דאָס איז מעגלעך און נויטיק באַווייזן די פאָדערונגען וואָס בערעזאָווסקי שיקט אין זייער נאָמען. איך קאָן מיר נישט מוחל זיין וואָס כ׳האָב אייך נישט געמאַטערט גענוג פריער איר זאָלט מיר באַזאָרגן וואָס מער געלט פאַר זיי. לאָמיר אויסמיידן אויף ווייטער צו דאַרפן זיך מאַכן אַזעלכע פאָרוואורפן.

איך האָב געשיקט אַ קאָפּיע פון מעמאָראַנדום, וואָס איז אין קויבישעוו דערלאַנגט געוואָרן וועגנדעל ווילקי, אין וועלכן מען רעדט זייער פיל וועגן העגריקן און וויקטאָרן (ערליך און אַלטער). איך שיק אַ רעזאָלוציע, וואָס איז וועגן דעם ענין אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ פון דער קאָאָפּעראַטיוו־פּאַרטיי אין לאָנדאָן. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 29־טן נאָוועמבער (1942) מיטן אָנטייל פון 158 דעלעגאַטן פון 90 קאָאָפּעראַטיוו־אָפּטיילונגען פון לאָנדאָן. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן כמעט איינשטימיק (קעגן עטלע־כע קאָמוניסטן).

איך בין געווען אַזוי צעטראָגן און דערשלאָגן די גאַנצע צייט, אַז איך האָב פאַרגעסן אייך פריער עס אַרויסצושיקן. איך שיק אייך קאָפּיעס פון מיין בריוו צום פּרעמיער־מיניסטער גענעראַל שיקאָרסקי און זיין ענטפער וועגן דער באַציאונג צו יידן אין דער אַרמיי אין רוסלאַנד.

(ו־טער יאַנואַר, 1943).

***

איך האָב נעכטן (17טן אַפּריל) אַריינגעטראָגן אין נאַציאָנאַל־ראַט 5 פאָרשלאָגן אין שייכות מיט דער ווייטערדיקער שחיטה, וואָס גייט אָן אין דער היים. איך לייג דאָ ביי אַן אָפּשריפט פון זיי. איך

ליג אויך ביי אן אויסשניט פון „מאַנטשעסטער גאַרדיען" מיט אַן אויסצוג פון דעם אַפּיל, וואָס איך האָב געמאַכט בשעת מיין בודזשעט־רעדע.

די ידיעות פון דער היים וועגן דער ליקווידאַציע פון קראָקע, וואָס איז שוין פאַרגעקומען, און פון לאָדזש, וואָס קומט איצט פאָר, זענען אייך מסתמא באַקאַנט פון דער פרעסע. וואָס טוט מען פאָרט, וואָס טוט מען וועגן דעם?

(דטער אַפּריל, 1943).

***

דעם 1־טן מאַי האָב איך גערעדט דורכן ראַדיאָ — אַהיים. אויפן מיטינג פון פּ.פּ.ס. האָט גערעדט לוציאַן. איך בין נאָך אַחוץ דעם אַרויסגעטרעטן אויף אַ מיטינג פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אין הול — אַ פּאָרט־שטאָט. דער מיטינג איז טאַקע געווען פון דאָק־אַרבעטער. ס'איז בעסער צו רעדן צו זיי, ווי צום נאַציאָנאַל־ראַט.

(3־טער מאַי, 1943).

***

די דאָזיקע דעפּעשע (פון פּוילן וועגן פּעסער פון נייטראַלע לענדער פאַר געווויסע פּערזאָנען) איז גלייכצייטיק די שרעקלעכסטע. עס אָטעמט דאָך פון איר אַרויס דער פאַקט, אַז אַלץ ענדיקט זיך, אַז די לעצטע זאָלן קאָנען זיך ראַטעווען, ווען עס וועט שוין נישט זיין בכלל מיט וועמען און פאַר וועמען צו בלייבן. עס איז דאָך נישט מעגלעך מיט דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין צו אַרבעטן, צו לעבן.

(30־טער אַפּריל, 1943).

לעצטער געזעגענונגס־בריוו

אַדרעסירט צום פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט וולאַדיסלאַוו ראַטשקעוויטש
און פּרעמיער־מיניסטער וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי

איך דערלויב זיך צו אַדרעסירן צו אייך מיינע לעצטע ווערטער, און דורך אייך צו דער פּוילישער רעגירונג און פּוילישן פֿאָלק, צו די רעגירונגען און פֿעלקער פֿון אַלע אַליאירטע מלוכות און צום געוויסן פֿון דער וועלט.

פֿון די לעצטע ידיעות, וואָס זענען דערהאַלטן געוואָרן פֿון פּוילן, איז קלאָר, אַז די דייטשן בּרענגען איצט אום מיט זייער שוידערלעכער אכזריות דאָס בּיסל יידן, וואָס זענען פֿאַרבּליבּן אין פּוילן. הינטער די מויערן פֿון געטאָ קומט איצט פֿאָר דער לעצטער אַקט פֿון דער טראַגעדיע, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע. די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם פֿאַרבּרעכן פֿון אויסמאָרדן די גאַנצע יידישע בּאַפֿעלקערונג אין פּוילן פֿאַלט אין דער ערשטער ריי אויף די מערדער גופֿא, אָבּער אומדירעקט בּאַלאַסטעט די דאָזיקע אחריות אויך די גאַנצע מענטשהייט, די פֿעלקער און די רעגירונגען פֿון די אַליאירטע מלוכות, וועלכע האָבּן בּיז איצט נישט געמאַכט קיין בּאַמיאונגען צו אַ ממשותדיקער אַקציע פֿאַר אָפּשטעלן דאָס פֿאַרבּרעכן. דורך פּאַסיוון צוקוקן זיך צו דער דערמאָרדונג פֿון שוצלאָזע מיליאָנען געפּייניקטע קינדער, פֿרויען און מענער זענען די דאָזיקע לענדער געוואָרן שותּפֿים פֿון די פֿאַרבּרעכער.

איך וויל אויך דערקלערן, אַז כאָטש די פּוילישע רעגירונג האָט אין אַ גרויסער מאָס בּייגעשטייערט צו בּאַווירקן די עפֿנטלעכע מיינונג פֿון דער וועלט, האָט זי עס אָבּער ניט געטאָן אויף אַ גענוגנדיקן אופֿן. זי האָט ניט געטאָן גאָרניט וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער אומגעהויערקייט פֿון דער דראַמע, וואָס קומט איצט פֿאָר אין פּוילן. פֿון די בּערך דריי און אַ האַלבּן מיליאָן פּוילישע יידן און פֿון די 700,000 יידן, וועלכע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פּוילן פֿון אַנדערע לענדער, האָבּן אין אַפּריל, 1943 — לויט דער אינפֿאָרמאַציע פֿון דעם אָנפֿירער פֿון דער אונטערערדישער בּונדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז צוגעשיקט

געוואָרן צו אונז דורך רעגירונגס־דעלעגאַטן — נאָך געלעבט נאָר 300,000. און די אויסראָטונג האַלט ווייטער אָן אָן אויפֿהער.

איך קאָן נישט בלייבן שטיל. איך קאָן נישט לעבן, ווען די רעשטלעך פֿון יידישן פֿאָלק אין פּוילן, וועמענס פֿאָרשטייער איך בין, ווערן אומגעבראַכט. מיינע חברים אין וואַרשעווער געטאָ זענען אומגעקומען מיט געווער אין האַנט אין דעם לעצטן העראָאישן געראַנגל. עס איז מיר נישט געווען באַשערט צו שטאַרבן אַזוי ווי זיי, צוזאַמען מיט זיי. אָבער איך געהער צו זיי און צו זייערע מאַסן־קברים.

מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן דער פּאַסיווקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דערלאָזט די אויסראָטונג פֿון יידישן פֿאָלק.

איך ווייס ווי ווייניק אַ מענטשלעך לעבן איז ווערט ביים היינטיקן טאָג, אָבער ווייל איך האָב נישט געקאָנט טאָן גאָרנישט בעת מיין לעבן, וועל איך אפשר מיט מיין טויט מיטהעלפֿן, אַז עס זאָל געבראָכן ווערן די גלייכגילטיקייט פֿון די, וועלכע האָבן די מעגלעכקייט צו ראַטעווען איצט, אפשר אין לעצטן מאָמענט, די נאָך־פֿאַרבליבענע פּוילישע יידן.

מיין לעבן געהערט צום יידישן פֿאָלק אין פּוילן און דערפֿאַר גיב איך עס אים אַוועק. מיין וואונטש איז, אַז דאָס ביסל, וואָס וועט פֿאַרבלייבן פֿון די פֿאָר מיליאָן פּוילישע יידן, זאָל דערלעבן צו זען, צוזאַמען מיט דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, די אויסלייזונג, וואָס קאָן פֿאַרווירקלעכט ווערן אין פּוילן, אין אַ וועלט פֿון פֿרייהייט און אין דער גערעכטיקייט פֿון סאָציאַליזם. איך גלויב, אַז אַזאַ פּוילן וועט אויפֿשטיין און אַז אַזאַ וועלט וועט קומען.

איך בין זיכער, אַז דער פּרעזידענט און דער פּרעמיער־מיניסטער וועלן איבערגעבן מיינע ווערטער צו די אַלע, צו וועלכע זיי זענען געווענדט און אַז די פּוילישע רעגירונג וועט באַלד אָנהייבן די אַנטשפּרעכנדיקע אַקציעס אויפֿן דיפּלאָמאַטישן געביט פֿאַר די, וועלכע לעבן נאָך. איך זאָג מיין „זייט געזונט" צו אַלעמען און צו אַלץ, וואָס איז מיר טייער און וואָס איך האָב ליב געהאַט.

שמואל זיגעלבוים

געזעגענונג מיט חברים און פריינד

מיט דער דעפּעשע געזעגן איך זיך און זאָג אַ זיי־געזונט צו אַלע מיינע חברים און פריינד, וועלכע איך האָב ליב. די רעשטלעך פֿון אונזער פֿאָלק אין פּוילן גייען היינט אוים און איך בין נישט געווען אימשטאַנד צו ראַטעווען כאָטש איינעם פֿון זיי. איך האָב אַ חוב צו צאָלן צו די אַלע, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אין דער היים, ווען איך בין אַרויסגעפֿאָרן פֿון וואַרשע אין 1940. נאָר וואָס זענען די לעצטע פֿון אונזערע חברים אין וואַרשע געשטאָרבן אין דעם העראָאישן ווידער־שטאַנד, וועלכן זיי האָבן אָנגעהויבן דעם 18טן אַפּריל. איך קען ניט לעבן אָן זיי. איך געהער דאָך צו זיי. איך נעם זיך דאָס לעבן ווי אַ דעמאָנסטראַציע פֿון פּראָטעסט קעגן די דעמאָ־קראַטישע פֿעלקער און רעגירונגען, וועלכע האָבן אַבסאָלוט גאָרנישט געטאָן, כדי אָפּצושטעלן די פֿולשטענדיקע פֿאַרניכ־טונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן. אפֿשר וועט מיין טויט דערגרייכן דאָס, וואָס איך בין נישט געווען אימ־שטאַנד צו דערגרייכן מיט מיין לעבן, — אַז אַ קאָנקרעטע אַק־ציע זאָל זיך אָנהויבן, כדי לכל הפחות צו ראַטעווען די ווייני־קער ווי דריי הונדערט טויזנט יידן, וועלכע לעבן נאָך היינט אין פּוילן, פֿון די דריי־מיט־אַ־האַלבן מיליאָן, וועלכע זענען דאָרט געווען פֿריער. ס'איז היינט די לעצטע מינוט פֿאַר אַזאַ אַקציע. איך דאַנק אייך אַלעמען פֿאַר דעם גליק און פֿרייד, וואָס איר האָט מיר געגעבן דורך די לאַנגע יאָרן, ווען מיר האָבן געאַרבעט און געלעבט און געקעמפֿט צוזאַמען. איר זענט מיר אַלע טייער. לאַנג לעבן זאָל דער „בונד”!

ש. זיגעלבוים



(דאָס איז די אונטערשריפֿט אויף דער געזעגענונגס־דעפּעשע, געשיקט צו דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פֿון „בונד” אין פּוילן)

II

מיינע טייערע לעאָן און לוציאַן:

איך בעט אייך ביידן, איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַר די אומאָנגענעמלעכקייטן וואָס איך פאַרשאַף אייך. עס איז צו שפּעט און עס איז ניטאָ קיין צייט פאַר לאַנגע דערקלערונגען און אויסדרוקן פון געפילן. איך בענטש, נעם אַרום און קוש אייך, מיינע טייערע חברים, וואָס האָבן באַדייט אַלץ אין מיין לעבן און האָבן מיר געהאָלפן. איר וועט פאַרשטיין אַלץ אָן אויפקלערונגען. און אויך די חברים אין ניו יאָרק און אין פוילן (וואו אַ טייל וועט אפשר מיך איבערלעבן — וואָס פאַר אַ פרייד און פאַרלייכטערונג וואָלט דאָס געווען צו קאָנען גלויבן אין דעם) וועלן מיך פאַרשטיין. איך שרייב נישט באַזונדער צו די חברים אין ניו יאָרק, ווייל איך בין זייער און זייער מיד.

איך לאָז איבער בריוו פאַרן פּרעזידענט, פאַרן פּרעמיער־מיניסטער, פאַר מיקאָלאַיטשיק און קאָט. איך לאָז איבער קאָ־פּיעס פון דעם בריוו. שיקט זיי צו*)...

מיינע טייערע פריינד, טרויערט נישט צופיל איבער מיר; ווידמעט אַלע אייערע זאָרגן דער אַקציע צו ראַטעווען די יידן, וואָס לעבן נאָך אין פוילן.

איך לאָז דאָ איבער אַן אונטערגעשריבענע דעפּעשע. איר וועט אַזוי גוט זיין זי איבערשיקן קיין ניו־יאָרק. דאָס איז מיין לעצטער זיי־געזונט צו אַלע מיינע חברים.

טייערער לעאָן, איך לאָז דאָ איבער 50 פונט און אַ טשעק. דאָס איז פאַר מיין משפחה.

מיינע טייערע פריינד, אויב אימיצער פון אייך וועט ווען עס איז זען מאַניען**) אָדער אימיצן פון מיינע קינדער, זאָגט זיי, אַז איך האָב קיין מאָל זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס איך האָב זיי איבערגעלאָזט.

ש. זיגעלבוים

*) אויסגערעכנט אַ ריי פּערזאָנען פון דער פּרעסע.

**) זיין פרוי.

פון אויפגערודערטן געוויסן

די שליחות פון געטאָ און זיגעלבוימס טויט

דאָס מאָל האָב איך דערוואַרט איינעם פון די פירער פון יידישן „בונד". זיין נאָמען איז געווען שמואל זיגעלבוים. ער איז געווען אין פוילן ביז 1940, האָט געאַרבעט אין דער יידישער אונטערערדי־שער באַוועגונג, איז געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער יידן־ראַט און איז, גלויב איך, אַפילו אַ צייט געווען אַ משכון ביי די נאַציס.

מיר האָבן זיך געדאַרפט טרעפן אין סטרעטאָן האַוז, נאָנט פון פּיקאַדילי, אַ הויז וואָס איז ווי אַ רוישיקער בינשטאָק אין אַ גאַס פון זעלבן נאָמען, וואו ס'איז געווען דאָס פּוילישע מיניסטעריום פאַר אינערן־ענינים. ווען איך בין אַריין אין איינעם פון די קליינע צי־מערן, איז שוין זיגעלבוים דאָרטן געווען. ער איז געזעסן אויף אַ שטול און רואיק געוואַרט. איך בין געווען מיד און מיטן בליק אים פאַרביילויפיק געפאָרשט, ווען מיר האָבן זיך באַגריסט.

זיגעלבוים האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין אַ טיפּ, וואָס איך האָב אָפט באַגעגנט צווישן יידישע פירער. אין זיינע אויגן איז געווען דער שאַרפער, אומצוטרוילעכער בליק פון דעם פּראָלעטאַריער, פון דעם אַליין אַרויפגעאַרבעטן מאַן, וועלכער לאָזט זיך ניט אָפּנאַרן און היט זיך תמיד פון פאַלשקייטן. איך וועל מוזן זיין פאָרזיכטיק און פּינקטלעך, האָב איך געטראַכט.

— וואָס ווילט איר הערן? — האָב איך געפרעגט.

— וועגן יידן, מיין טייערער. איך בין אַ ייד. זאָגט מיר וואָס איר ווייסט וועגן די יידן אין פוילן.

— צי האָט איר רעכט צו זען דאָס מאַטעריאַל, וואָס איך האָב באַקומען אויף די געמיינזאַמע קאָנפערענצן מיט די פירער פון יידישן „בונד" און פון די ציוניסטן?

— יאָ, איך האָב רעכט. איך פאַרטרעט דעם „בונד" אין פּוי־לישן נאַציאָנאַל־ראַט און איך בין געווען איינער פון די פירער פון „בונד" אין פוילן.

איך האָב אָנגעהויבן דערציילן קורץ און זאַכלעך. זיגעלבוים האָט געהערט אויפמערקזאַם און מיט אַזאַ גיריקן חשק נאָך ידיעות,

וואָס איז געווען אוממעגלעך צו באַפרידיקן. ער איז געזעסן שטייף מיט זיינע פיס ברייט צעשפּרייט און אַ האַנט אויף יעדער קני, מיטן קערפּער אַרויסגערוקט פאַראויס. זיינע ברייט געעפנטע אויגן האָבן געקוקט צו איין פּונקט אויף דער סטעליע וויט הינטער מיר. זיי האָבן קיין מאָל קיין פּינטל נישט געטאָן. דער אויסדרוק פון פּנים איז געווען ווי פאַרגליווערט, קיין מוסקל האָט זיך נישט באַוועגט, אַחוץ אַ נערוועזן ציק, וואָס איז פון צייט צו צייט דורכגעלאָפן אויף זיין באַק.

— די באַדינגונגען זענען שרעקלעכע. די באַפעלקערונג אין געטאָ לעבט אין אַ מצב פון גסיסה, אַ כסדרדיקער יסורימדיקער טויט, האָב איך כמעט מעכאַניש אַרויסגעוואָרפן פון מיין מויל די ווערטער. די אינסטרוקציעס וואָס די יידישע פירער אין געטאָ האָבן מיר געגעבן, קען מען נישט אויספירן צוליב פּאָליטישע און טאַקטישע טעמים. איך האָב גערעדט וועגן דעם צו די פאַרשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג. דער ענטפער איז געווען דער זעלבער, וואָס אייערע פירער אין פּוילן האָבן מיר פאַראויסגעזאָגט — „ניין, דאָס איז נישט מעג־לעך, מ'קען עס נישט טאָן".

זיגעלבוים האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיך דערנענטערט צו מיר אַ טריט אָדער צוויי. זיינע אויגן האָבן געבליצט מיט כעס און פאַראַכטונג. דאָס וואָס איך האָב אים נאָר־וואָס געזאָגט, האָט ער מבטל געמאַכט מיט אַ שאַרפן מאַך מיט דער האַנט. איך האָב זיך געפילט ווי איך וואָלט אין זיין דערווידערונג אויסגעפּאַטשט געוואָרן.

— הערט, — האָט ער כמעט ווי געשריגן, — איך בין נישט געקומען אַהער צו ריידן מיט אייך וועגן דעם וואָס עס געשעט דאָ. דערציילט מיר נישט וואָס מ'זאָגט און מ'טוט דאָ. איך ווייס דאָס אַליין. איך בין געקומען צו אייך הערן וואָס עס געשעט דאָרטן, וואָס זיי ווילן דאָרטן, וואָס זיי זאָגן דאָרטן!

איך האָב געענטפערט מיט ברוטאַלער פּשוטקייט און זאַכלעכ־קייט.

— נו, זייער גוט. דאָס ווילן זיי פון זייערע פירער אין די פרייע לענדער פון דער וועלט, אָט דאָס האָבן זיי מיר געהייסן זאָגן: „זאָלן זיי גיין צו אַלע וויכטיקע ענגלישע און אַמעריקאַנער אַמטן און אַגענ־טורן. זאָגט זיי, אַז זיי זאָלן נישט אָפּטרעטן ביז זיי וועלן נישט באַ־קומען קיין גאַראַנטיעס, אַז מען האָט באַשלאָסן צו לאָזן זיך אויף אַ וועג צו ראַטעווען די יידן. זאָלן זיי נישט עסן און נישט טרינקען, זאָלן זיי פּאַמעלעך אויסגיין פּנים אל פּנים מיט דער גלייכגילטיקייט

פון דער וועלט. זאָלן זיי שטאַרבן. דאָס וועט אפשר אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון דער וועלט".

זיגעלבוים איז אונטערגעשפּרונגען, ווי מען וואָלט אים אַ ביס געטאָן. אַן אויפגערעגטער האָט ער אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן אין צימער, ווי ער וואָלט זיך פאַרנומען צום לויפן. אַ בייזקייט האָט אַרויסגעקוקט פון צווישן די צוזאַמענגעצויגענע ברעמען און מיט איין האַנט האָט ער זיך געהאַלטן ביים קאָפּ ווי ער וואָלט אים ווייַ געטאָן.

— דאָס איז אוממעגלעך, האָט ער לסוף געזאָגט. איר ווייסט וואָס עס וועט געשען. זיי וואָלטן פּשוט געבערענגט צוויי פּאָליציילייט און וואָלטן מיך אַוועקגעשלעפּט אין אַן אינסטיטוציע. מיינט איר, אַז זיי וואָלטן מיך געלאָזט שטאַרבן מיט אַ פּאַמעלעכן טויט? בשום אופן נישט... זיי וואָלטן מיך קיינמאָל נישט געלאָזט.

מיר האָבן נאָך לאַנג גערעדט. איך האָב איבערגעגעבן אַלע פּרטים פון די אינסטרוקציעס, וואָס איך האָב געהאַט. איך האָב אים דערציילט אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט וועגן די יידן אין פּוילן און אַלץ וואָס איך האָב געזען. ער האָט געפרעגט אַן אַ שיעור פראַגעס, ער האָט געוואָלט מער און מער קאָנקרעטע און אפילו נישט וויכטיקע פּרטים. אפשר האָט ער געפילט, אַז ער וואָלט געקאָנט ליידן צוזאַמען מיט זיי, זיין פאַראייניקט מיט זיי, אויב דאָס בילד וואָס איך האָב אים געשילדערט וועט זיין גענוג קלאָר מיט אַלע איינצלהייטן. ער האָט מיך געפרעגט ווי אַזוי עס זעען אויס די הייזער, וואָסער פּנים עס האָבן די קינדער, ווערטלעך געננוי וואָס עס האָט געזאָגט די פרוי, וועלכע האָט אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף מיין אַקסל, ווען איך האָב געקוקט אויף דער „יאַגד" אין געטאָ; וואָס איז געווען מיין איינדרוק פון פירער פון „בונד", און וואָס איז ער געווען אָנגעטאָן, ווי אַזוי האָט ער גערעדט, צי איז ער געווען נערוועאיש? ער האָט געפרעגט ווי אַזוי עס זעען אויס די קערפּערס פון די טויטע יידן אויף די גאַסן פון געטאָ און צו איך געדענק די ווערטער פון קינד, וואָס איז אָפּגעשטאָרבן אין גאַס.

ער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסל.

— אָ, איך האָב פאַרגעסן. איר קענט נישט ריידן קיין יידיש, איר זענט נישט קיין ייד.

איך האָב זיך באַמיט ווי אַמבעסטן צו באַפרידיקן זיין דורשט צו וויסן וואָס מער פאַקטן און פּרטים, איך האָב אויסגעליידיקט פון מיין זכּרון אַלץ, וואָס האָט זיך דאָרט געהאַט אָנגעזאַמלט פאַר אַזאַ געלעגנהייט. צום סוף פון שמועס בין איך געווען זייער מיד, כ'האָב פּשוט נישט געהאַט קיין כּוח צו ענטפערן. ער האָט אויסגעזען נאָך

מער מיד, זיינע אויגן האָבן כמעט אַרויסגעשטאַרצט פון זייערע לע־
כער און דער ציק פון באַק האָט זיך נאָך אָפטער איבערגעחזרט. מיר
האָבן זיך געדריקט די הענט. זיגעלבוים האָט מיר געקוקט גלייך אין
די אויגן אַריין, מיט כוונה און שאלה.

— הער קאַרסקי, איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך קען זיי צו
העלפן. אַלץ! איך וועל טאָן אַלץ וואָס זיי פאָדערן — אויב איך
וועל נאָר האָבן אַ שאַנס. איר גלויבט מיר צי נישט?

מיין ענטפער איז געווען אַ קאַלטער און אומגעדולדיקער. איך
האָב זיך געפילט מיד, אויסגעשעפּט, אָנגעשטרענגט. אַזוי פיל גע־
שפּרעכן, אַזוי פיל באַגעגענישן...

—נאַטירלעך גלויב איך איך. איך בין זיכער, אַז איר וועט
טאָן אַלץ וואָס איר קענט און אַלץ וואָס זיי פאָדערן. מיין גאָט, יעדער
איינער פון אונז באַמיט זיך צו טאָן דאָס בעסטע.

אין מיין האַרץ, מיין איך, האָב איך געפילט, אַז זיגעלבוים טרייבט
איבער אָדער לכל־הפחות זאָגט צו אַן ישוב־הדעת מער וויפיל ער
קען באַווייזן צו טאָן. איך האָב זיך געפילט אויפגערעגט און גע־
רייצט. ער האָט געשטעלט אַזוי פיל נויטיקע פראַגעס, וואָס
האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין באַריכט. „צי איך גלויב?" וואָסער
חילוק איז עס צי איך גלויב אָדער נישט? איך האָב מער נישט גע־
וואוסט וואָס איך האָב געגלויבט און וואָס נישט. ער האָט נישט גע־
האַט קיין רעכט ווייטער מיך צו צערודערן. איך האָב געהאַט גענוג
מיינע אייגענע צרות...

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך אין ווירבל פון אַן אַ שיעור
שמועסן און באַגעגענישן כמעט פאַרגעסן זיגעלבוימען. איך בין גע־
זעסן אין מיין צימער אין דאַלפין סקוועער און זיך אָפּגערוט. דער טע־
לעפאָן האָט געקלונגען. בכיוון האָב איך אים געלאָזט קלינגען דריי
אָדער פיר מאָל און דערנאָך האָב איך אַן חשש גענומען דאָס טרייבל
אין האַנט. ס'האָט גערעדט אַ באַאַמטער פון דער פּוילישער רעגירונג
אין לאָנדאָן.

— הער קאַרסקי, מען האָט מיר געהייסן אייך מודיע זיין, אַז
שמואל זיגעלבוים, מיטגליד פון פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט און פּאַר־
שטייער פון „בונד" אין לאָנדאָן, איז נעכטן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.
ער האָט איבערגעלאָזט אַ פּאָר נאָטיצן, אין וועלכע עס איז געזאָגט,
אַז ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט צו העלפן די יידן אין
פּוילן, אָבער עס האָט קיין פּעולה נישט געהאַט, אַז אַלע זיינע ברידער
וועלן אומקומען און אַז ער באַהעפט זיך מיט זיי.

לכתחילה האָב איך בכלל גאָרנישט געפילט, דערנאָך האָט מיך באַגאַנגען אַ כוואַליע פון געמישטע געפילן — דערשיטערונג, טרויער און שולד. איך האָב געפילט ווי כ׳וואָלט פערזענלעך געהאַט איבער־געגעבן זיגעלבוימען זיין טויט־אורטייל, הגם איך בין געווען בלויז דער שליח. ס׳איז געווען פיינלעך צו טראַכטן, אַז אפשר האָט מיין ענטפער אויף זיין לעצטער פראַגע אים אויסגעזען צו זיין קאַלט און אומפריינדלעך. כ׳האָב אליין געטראַכט, אַז איך בין געוואָרן אַזוי ציניש, אַזוי שנעל און רוי אין מיין טראַכטן, אַז איך קען נישט מער אָפּשאַצן די מדרגה פון אליין זיך מקריב זיין, וואָס איז מענגלעך ביי אַ מענטש ווי זיגעלבוים. טעג נאָכדעם האָב איך געפילט ווי עס ווערט נעלם מיין גאַנצער צוטרוי צו מיר גופא און צו מיין אַרבעט און איך האָב בכיוון מיך געצוואונגען צו אַרבעטן צוויי מאָל אַזוי שווער, כדי פּטור צו ווערן פון די דאָזיקע אומדערטרעגלעכע נאָכטראַכטונגען.

זינט דעמאָלט האָב איך אָפט געטראַכט וועגן שמואל זיגעלבוים, איינער פון די אָממערסטן טראַגישע קרבנות פון דער מלחמה און אירע שרעקלעכקייטן. וואָרום זיגעלבוימס טויט האָט נישט פאַרמאָגט קיין שאָטן פון טרייסט. דאָס איז געווען אַ טויט אליין זיך אויס־געקליבן און אָן שום האָפנונג עפּעס מתקן צו זיין. איך בין נייגעריק וויפיל מענטשן קאָנען פאַרשטיין וואָס עס מיינט צו שטאַרבן אַזוי ווי ער פאַר אַ זאַך וואָס וועט זיין זיגרייך, דאָך מיט דער זיכערקייט, אַז דער נצחון וועט ניט אָפּהאַלטן דעם קרבן פון זיין פאָלק, די פאַר־ניכטונג פון אַלץ, וואָס איז געווען פאַר אים פון העכסטער באַדיי־טונג. פון אַלע פאַלן פון טויט, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער איצטיקער מלחמה, איז זיגעלבוימס זיכער איינער פון די אָממערסטן אַלאַרמירנדיקע. דאָס איז די שאַרפסטע אַנטפּלעקונג ווי ווייט די וועלט איז געוואָרן קאַלט און אומפריינדלעך, ווי ווייט פעלקער און יחידים זענען אָפּגעזונדערט דורך אַן אומגעהויערן תהום פון גלייכ־גילטיקייט, עגאָאיזם און באַקוועמלעכקייט.

יאַן קאַרסקי

(פון בוך „סטאָרי אָוו עי סיקרעט סטייט״)

אין נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

במשך פון אונזער נאָנטער צוזאַמענאַרבעט אין ענגלאַנד האָבן מיר אין שמואל זיגעלבוימען דערזען אַ מענטש, וואָס איז געווען די נשמה פון ערע און וועמענס מעלות און אויפטואונגען פאַרדינען די העכסטע ליב; אַ מענטש, וועלכער האָט אומאייגננוציק און אומדער־מידלעך געווידמעט אַלע זיינע געדאַנקען און ענערגיע צו העלפן אַנדערע. אויף דער רעדנער־טריבונע, אין דער פּרעסע און דורכן ראַדיאָ האָט ער מיט זיין אומפאַרגלייכלעכער קענטעניש פון דער זאַך איבערצייגנדיק געשילדערט די ליידן פון די יידן אין פּוילן, וועלכע זענען קרבנות פון אַ באַרבאַרישער דייטשער פאַרפאָלגונג. זיינע אַרויסטרעטונגען האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. די יידן פון פּוילן האָבן ניט געקאָנט האָבן קיין בעסערן און העראָלעכערן פריינד.

די אַרבעטער־באַוועגונג פון דער וועלט טרויערט אויפן פאַרלוסט פון אַ לאָיאַלן חבר און מיטאַרבעטער.

די דאָזיקע דעקלאַראַציע האָבן אונטערגעשריבן:

דער עקזעקוטיוו פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי און פּאַר־שטייער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַ ריי לענדער — לואי דע ברוקער און קאַמיל הויסמאַנס (בעלגיע), יאַזעף בעלינאַ און גוסטאַוו ווינטער (טשעכאָסלאָוואַקיע), לוי לעווי (פראַנקרייך), י. וו. אַלאַבאַרדאַ (האָלאַנד), פּיער קריער (לוקסעמבורג), אַרנע אָרדינג (נאָרוועגיע), בערל לאָקער (פּאַלעסטינע), אַדאַם טשאַלקאַש און א. פּראַגער (פּוילן).

אין נאָמען פון דער פּוילישער רעגירונג

אין נאָמען פון דער פּוילישער רעגירונג בין איך געקומען אויסדריקן כבוד דעם אָנדענק פון שמואל זיגעלבוים. אַזוי ווי אין די דרייסיק יאָר פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט ער אוועק־געגעבן זיין ענערגיע און הארץ די יידישע אַרבעטער פון פּוילן, אַזוי האָט ער אויך פאַר זיי מקריב געווען זיין לעבן.

ער האָט ניט געקאָנט לעבן מיטן געדאַנק, אַז בעת זיינע ברידער אין געטאָ קעמפן פאַרצווייפלט, קאָן ער זיך ניט אַקטיוו מיטבאַטייליקן אין זייער גלענצנדן ווידערשטאַנד, וואָס וועט פאַרבלייבן אין זכרון אַלס איינער פון די אַממערסטן פאַרביסנסטע און פון די אַממערסטן באַוואונדערונג־ווערטע עפּיזאָדן פון איצטיקן קריג.

ווי דער טויט פון די 40 טויזנט יידן, וועלכע זענען געשטאָרבן מיט געווער אין זייערע הענט אין דער הויפּט־שטאָט פון פּוילן, אַזוי קאָן אויך דער טויט פון זייער פאָרשטייער אין לאָנדאָן ניט בלייבן אָן אַן אָפּקלאַנג. די דאָזיקע טויטע דאַרפן איבערצייגן די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס זענען ניט אימשטאַנד משיג צו זיין די אומגעהויערקייט פון פאַרברעך און וואָס וואַקלען זיך — ניט בלויז אַנצוּוואָוענדן נקמה, נאָר אַפילו צו דראָען דערמיט. יאָ, בלויז נקמה וואָלט געקאָנט אָפּשטעלן די דייטשע אכזרים און אָפּשרעקן די פּחדנים.

די רעגירונג פון דער פּוילישער רעפּובליק, די מוטער און שיצע־רין פון אַלע אירע בירגער, באַטראַכט פאַר איר חוב צו פאָדערן מיט איר גאַנצער ענערגיע אַזאַ שריט, וואָס איז נייטיק, צו ראַטעווען כאָטשבי איצט די קליינע צאָל יידן, וואָס דער דייטשער דעראָבערער האָט נאָך ניט אויסגעשאָכטן.

פּראָפעסאָר קאָט

(פון דער רעדע אויף דער לויה)

סימבאָל פון דער באַוועגונג

אַרטור איז געווען דער יעניקער צווישן אונז, וועלכער איז אויף אַ האַרמאָנישן אופן אַרויסגעוואַקסן פון פּוילישן „בונד". ער איז געווען דער לעבעדיקער ביישפּיל פון אומגעהויערן אויפשטייג פון יידישן אַרבעטער אין פּוילן אונטער דער פירונג פון „בונד". דער טראַ־גישער טויט פון אַרטורן איז אַן אויסדרוק פון זיין פולסטער איבער־געגעבנהייט דער באַוועגונג, וועלכע האָט אים אויסגעהאָדעוועט.

ס׳טרעפט, אַז אַ גרויסע מאַסן־באַוועגונג טיילט־אויס אַ יחיד, כדי אין פערזענלעכן לעבן פון דעם דאָזיקן אויסגעוויילטן סימבאָליזירן די עטאַפּן און געשעענישן פון דער באַוועגונג גופא. מיר, די צייט־גענאָסן פון דעם יחיד, ווייסן זעלטן די סיבות פאַרוואָס ער און נישט קיין צווייטער איז אויף אַזאַ אופן אויסגעצייכנט געוואָרן. מיר ווייסן אָבער, אַז דער אויסוואַל איז נישט קיין בלינדער צופאַל. ס׳איז נישט קיין צופאַל וואָס היסטאָרישע געשעענישן פון אונזער באַוועגונג פאַר די לעצטע יאָרן אין פּוילן זענען געווען — און זיי וועלן אויף שטענדיק פאַרבלייבן — געבונדן מיטן נאָמען אַרטור.

דורך זיין אַקט פון טויט האָט אַרטור געשטרעבט, פּונקט ווי מיט זיין גאַנץ לעבן, צו דינען דער ליידנדיקער יידישער פאָלקס־מאַסע.

זיין טראַגישער זעלבסטמאָרד האָט געזאָלט צעברעכן די וואַנט פון גלייכגילטיקייט, צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם וועלט־געוויסן צו דער שרעקלעכער טראַגעדיע פון די יידישע מאַסן אין פוילן אונטער דעם מעסער פון די נאַציס.

עמנואל נאָוואָגרודסקי

(„אונזער צייט", יוני 1943, ניו־יאָרק)

די טאַט

דער זעלבסטמאָרד פון ח' שמואל זיגעלבוים (ארטור) האָט אויפגערודערט די יידישע און טיילווייז די נישט־יידישע וועלט. ארטורס טאַט איז אריין אין דער יידישער געשיכטע. דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט נישט קענען אין דעם קאַפּיטל „יידיש לעבן, טויט און קאַמף אין נאַצי־פוילן" פאַרבייגיין דעם נאָמען שמואל זיגעלבוים. און ווייל ער איז דעם אַקט באַגאַנגען בעת ער האָט זיך געפונען אויף אַ וויכטיקן פּאָסטן, אויף וועלכן עס האָט אים אַוועקגעשטעלט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג — דער „בונד" — איז אַרטורס טראַגישער רוף און פּראָטעסט צו דער וועלט גלייכגילטיקייט אַן אַקט פון דער הערשאַפט יידישער אַרבעטערשאַפט. נישט נאָר איז ארטור אַ קינד פון „בונד", נישט נאָר האָט ארטור געשטאַלטיקט זיין כאַראַקטער אין „בונד", נישט נאָר האָט ער זיך געלערנט מוטיק קעמפן אין „בונד" — נאָר ער האָט די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן אויף אַן אויפטרייסלענדיקן אופן דעמאָנסטרירט די אַבסאָלוטע פאַרבונדנקייט פון „בונד" מיטן גורל פון די יידישע מאַסן. דער שליח זייערער האָט זיך נישט באַטראַכט בלויז ווי דאָס מויל פון די פאַרשטומטע און צעבלוטיקטע יידן, נאָר ער האָט געפילט ממש, אַז ער איז פיזיש אפילו אַ טייל פון דער דאָזיקער מאַסע. ווען זי ווערט געמאָרדעט און קומט אום, דאַן איז אים אוממעגלעך געוואָרן צו לעבן. נישט בלויז אין געדאַנק, נישט בלויז אין געפיל איז ער געווען באַהאַפטן מיט די העלדן פון געטאָ־גראַד — נאָר זיין פיזישע עקזיסטענץ איז געוואָרן אוממעגלעך, ער האָט זי אפילו עמפּפינדן ווי אוממאָראַליש, ווען ארום הערשט טויט און פאַרניכטונג.

ש. מענדעלסאָן

(„געטאָ אין פלאַמען", 1944)

עקדת זיגעלבוים

די לעצטע רגע זיינע וועט אין אונזער באוואוסטזיין ווערן אייביקייט. ווי די לעצטע רגע, אשטייגער, פון לעקערט.

די שפעטערדיקע ווירקונג פון זיגעלבוימס קרבן, בין איך זיכער, וועט זיין א גרויסע. אין דעם הארץ פון דער וועלט וועלן זיינע לעצטע ווערטער, די אומגעוויינלעכע אין זייער פשוטקייט און אין זייער באשולדיקונג, ארייגשניידן זיך, ווי אן אנגעגליטע חתימה און זיי וועלן דאס הארץ פון דער וועלט בריען און ברענען, ווי דאס דאזיקע הארץ פארדינט. נישקשה, עס וועט נאך זיין געגוג הארץ אין דער וועלט צו קלאגן אין פיין אונטערן דרוק פון זיגעלבוימס ווערטער. דאס הארץ פון דער וועלט וועט זיך דאס מאל נישט ארויסדרייען פון יסורים־אחריות, ווי עס האט זיך ארויסגעדרייט נאך דער ערשטער מלחמה.

אין טעקסט פון דעם באשולדיקונגס־אקט, וואס די וועלט וועט ארויסשטעלן קעגן זיך אליין, צווישן די ווערטער, וואס וועלן מיט א באזונדערן כוח פאטשן דער וועלט אין פנים אריין, וועלן דעם אויבנאן פארנעמען זיגעלבוימס ווערטער, וואס ער האט איבערגעלאזט אין זיין אפשייד־בריוו.

דאס זענען נישט קיין ווערטער פון א בעל־גאווהניק, וואס וויל אפילו זיינע לעצטע מינוטן אויספוצן מיט עפעקט, דאס זענען אויך נישט קיין ווערטער פון צו־להכעיס, פון פארביטערונג און פון פערזענלעכער מידקייט. זיי זענען דורך און דורך ווערטער פון גרויסער פאראנטווארטלעכקייט, פון ארנטלעכן באוואוסטזיין פון א רעוואלוציאנער, וואס וויל אין א וועלט פון ירידה ניט זיין דער יורד, וואס וויל נאכקומען זיין בארוף פון יענע סאציאליסטישע תקופות און פון יענער סאציאליסטישער ריינקייט און ארבעטער־תמימות, וואס אין דער היינטיקער וועלט זענען זיי שוין כמעט נישט בנמצא, אבער זיי זענען געווען בנמצא אין די טעג פון א הירש לעקערט. יענער ריינער אידעאליסטישער באוואוסטזיין פון קאמף קעגן רשעות און גראבער מאכט, וואס דערגרייכט זיין העכסטע הייליקייט און אמת גראד דעמאלט, ווען דער מענטש גיט אוועק אליין מיט פולער גרייטקייט און מיט פולער קלארקייט דאס טייערסטע, וואס ער פארמאגט — זיין אייגן לעבן.

ה. לייוויק

(„דער טאג‟, 13 יוני, 1943, ניו־יארק)

דער קדוש־השם נישט קיין צופעליקייט

ווען איך האָב אין ערשטן מלחמה־יאָר געהערט די לעגענדעס, וואָס גייען אַרום אין וואַרשע פון מויל צו מויל וועגן אַרטורן; ווען איך האָב געהערט, ווי ער איז געווען דער איינציקער אויף יענער היסטאָרישער זיצונג פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע, וועלכער האָט פאַרגעשלאָגן אָפּצואוואַרפן די נאַציִשע ווענדונג וועגן איינפירן אַ געטאָ און צו דערקלערן קריג דער אומבאַזיגבאַרער נאַצי־מאַכט, — ווען איך האָב דאָס געהערט, האָב איך געפילט, אַז דער דאָזיקער קדוש־השם־אַקט פון אַרטורן איז נישט קיין צופעליקייט. אַרטור האָט זיך טאַקע דאָס מאָל זייער הויך אויפגעהויבן, העכער איבער זיך אַליין, אָבער דאָס אויפהויבן זיך האָט אויסגעזען גאַנץ נאַטירלעך. עס איז געווען געוועג, אַז אַרטור זאָל דערפילן, אַז אין דער דאָזיקער היסטאָרישער מינוט רעדט ער אין נאָמען פון גאַנצן „בונד", כּדי ער זאָל אַרויף אויף יענע הויכקייטן, פון וועלכער מען קוקט אַראָפּ מיט אַ נישט־ערדישן שמייכל אויפן איינענעם לעבן.

אַרטור איז געווען דער איינציקער פאַרמיטלער צווישן דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן און דער דרויסנדיקער, אַזוי־גערופענער, ציוויליזירטער וועלט. צו אים האָבן יעדן טאָג געשטראָמט די איוב־בשורות פון וואַרשע, און ער האָט זיי אויסגעשריען פאַר דער וועלט. ער האָט געשריען מיט בלוט פון זיין האַרצן, ער האָט געשריען אַזוי, אַז מיליאָנען האָבן געהערט, אָבער — ביז־לעכוויז האָט זיך זיין שטים אַלץ מער גענומען ברעכן. אַרטור האָט גענומען פילן, אַז ער שרייט אומזיסט... צי דען האָט מען זיין שטים אויפגעהערט צו הערן? — ניין! מען האָט ווייטער געהערט, און דווקא מיט נאָך מער אָנערקענונג. נישט מער, אַרטור האָט אַלץ וויניקער געהאַט דעם גלויבן, אַז דאָס שרייען און דאָס הערן וועט מיט עפּעס העלפן די אַלע, וואָס מען פירט היינט צו דער שחיטה, און אויך די, וואָס מען וועט מאָרגן פירן...

אַרטור האָט היינט באַקומען אַ געשריי פון גאַז־קאַמערן, האָט ער גענומען דעם געשריי און אים איבערגעשיקט מיטן טעלעגראַף קיין אַמעריקע. ווען דער געשריי איז דאָ אָהער געקומען, איז ער אַריין אין די ציַיטונגען, און דערמיט האָט זיך עס אייגנטלעך געענדיקט: „דער סוף פון די וואַנדערונגען". פון אַ געשריי פון די גאַז־קאַמערן איז געוואָרן אַ ציַיטונגס־טעלעגראַמע, אַ שטיקל לעזע־שטאָף...

איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, ביז ער, דער פאַרמיטלער, האָט געזאָגט: גענוג...

ב. שעפּנער

(„פאָרווערטס", 22 מאַי, 1943, ניו-יאָרק)

אויף אייביק פאַרבונדן

וואו איז געווען דער געוויסן פון דער וועלט, בעת קעגן די נאַצישע מעשים־תעתועים לגבי דעם יידישן פאָלק אין פּוילן איז איינזאַם און אָן האָפנונגען אויפגעשטאַנען דער וואַרשעווער געטאָ? ס'איז העלדיש אויסגעגאַנגען אין בלוט די שארית־הפּליטה און דאָס בעסטע פונם פּוילישן יידנטום — און די וועלט האָט כסדר געשוויגן.

ער, שמואל זיגעלבוים, פונם צענטר פון דער מערבדיקער דעמאָקראַטיע, פון לאָנדאָן, האָט נישט אויפגעהערט צו געבן צו וויסן דער וועלט וועגן דער שרעקלעכער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּוילן; ער האָט מיט אַלע כוחות געפּרואווט אויפטרייסלען פון לעטאַרגישן שלאָף אָט דעם געוויסן פון דער ציוויליזירטער וועלט. אָבער אומזיסט. אויך זיין פאַרצווייפלטע שטים איז געוואָרן פאַרשטיקט דורך דעם אַרומיקן טויבן שטילשווייגן.

נאָר אפשר וואָלט איין טויטער קערפּער דאָ אין מערב, אין לאָנדאָן, האָבן מער פּעולה אויפצואוועקן דאָס פּשוטע מענטשן־געפיל, ווי מיליאָנען קברים דאָרטן, ווייט אין פּוילן הינטער די ווענט פון געטאָ?

ברענגט ער זיין איידל פאַרביטערט האַרץ, זיין פאַרקלעמט קעמפעריש לעבן אַ קרבן אָט דעם „אפשר דאָך".

עס וועלן אַוועקגיין דורות, מאַמעס וועלן דערציילן זייערע קינדער, זיידעס וועלן דערציילן אייניקלעך, יינגעלייט וועלן שטודירן אין ביכער די געשיכטע פון אונזער שרעקלעכער צייט. און אין מיטן פון די דערציילונגען, מינדלעכע און געשריבענע, וועט אויפשטיין די בלאַסע פיגור פון דעם פּויליש־יידישן סאָציאַליסט, מיטן נאָמען זיגעלבוים, און וועט שוין אָן ווערטער מאָנען און רופן:

— מענטשן, לעבעדיקע מענטשן, ווי אַזוי האָט איר זיך צוגעקוקט צו דעם, ווי קין מאָרדעוועט אויס זיינע ברידער, אייערע ברידער — און געשוויגן? ווי אַזוי האָט איר דערלאָזט די אויסראָטונג פון יידישן פאָלק?

איינזאם ליגט זיין קבר אויף א לאָנדאָנער בית־עולם, ווייט פון די, מיט וועלכע ער האָט געלעבט, פאר וועלכע ער האָט געקעמפט און געשטאָרבן. אָבער זיין לעבן און זיין טויט האָבן אים אויף אייביק פארבונדן מיט דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, מיט דעם העראָאישן אויפשטאַנד פון ווארשעווער געטאָ. און צווישן די פירער, קעמפער און מארטירער פון אונזער פאָלק וועט אויף אייביק פארבלייבן די געשטאַלט פון — שמואל זיגעלבוים.

פראָפ. ל. הערש.

(„דער באַגינען", באָנשטעטן, שווייץ, מאַי 1945)

אַ טייל פון די ווארשעווער געטאָ־שלאַכטן

א קינד פון פוילישן יידנטום, א געוועזענער פירער פון ווארשעווער געטאָ, ארטור זיגעלבוים, האָט געפרואווט דורכברעכן די וואַנט פון גלייכגילטיקייט און פון שווייגן, אויפטרייסלען די וועלט און צווינגען איר זיך צוצוהערן און צוצוזען צו דעם, וואָס מען טוט אָפּ אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מיט מיליאָנען שוצלאָזע מענטשן, — אָבער זיין העראָאישער זעלבסטמאָרד, וואָס מען מוז באטראַכטן אלס א באַשטאַנדטייל פון די ווארשעווער געטאָ־שלאַכטן, האָט ביז איצט נישט געהאַט די נויטיקע ווירקונג. אפשר דערפאר, וואָס די מאַסן פון יידישן פאָלק גופא, אין יענע לענדער, וואו יידן לעבן אין פרידן און זיכערקייט, האָבן אין זיך נישט געפונען אפילו א קליינעם טייל פון יענעם העראָאיזם און יענער מסירת־נפשדיקייט, מיט וועלכער עס איז איצט דורכגעדרונגען דאָס רעשטל פון אויסשטארבנדיקן פוילישן יידנטום.

ווען מען לייענט איצט די דערשיטערנדיקע באריכטן פון די לעצטע קעמפער, וואָס האָבן געשיקט זייערע גרוסן, אפשר אין די לעצטע מאָמענטן פון זייער לעבן, און מען הערט וואָס פאר א גוואַלטיקע ראָלע די מאָדערנע מאַקאַבעער, די פארטרעטער פון דער סאָציאַליסטישער יידישער ארבעטערשאַפט אין פוילן, — האָבן געשפילט אין די דאָזיקע עפּישע קאַמפן, וועלכע וועלן באזונגען ווערן פון די צוקונפטיקע דורות דיכטער, — קען מען זיך ניט באפרייען פון דעם געפיל, אז אפשר האָבן מיר דאָ ניט אַלץ געטאָן, כדי צו העלפן, כדי צו ראטעווען, וואָס איז נאָך געווען מעגלעך צו ראטעווען.

„פאָרווערטס"

(ניו־יאָרק, 26־טער מאַי, 1943)

צוזאַמען מיט זיי אין וואַרשעווער געטאָ

ער וואָלט געקאָנט שטיין אויף דער וואך אין לאָנדאָן אַ סך יאָרן. ער וואָלט געקאָנט אויספירן זיין עפנטלעכן אמט, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, שיקן אַלאַרם־טעלעגראַמעס צו דער וועלט... און נאָכדעם — זיצן אין דער היים אָדער אין געזעלשאַפט פון פריינד, קרעכצן, וויינען און... אַ ביסל הנאה האָבן פון לעבן... מיט איין וואָרט, טאָן דאָס אַלץ, וואָס מיר טוען... אַלע וויימיקן מיר צוליב דעם, וואָס עס ווערט געטאָן מיט די יידן אין אייראָפּע, שרייבן אַרטיקלען, שיקן מאָנונג־ און פּראָטעסט־טעלעגראַמעס... מיר ווייסן, אַז 4 מיליאָן שטייען פאַר אומקום און מיר רייסן נישט איבער אונזער נאָרמאַל לעבן. איז אויפגעשטאַנען דער בונדיסט, יידישיסט און אַנטי־ציוניסט זיגעלבוים און האָט געזאָגט: גענוג, איך קאָן מער נישט פאַרטראָגן די רואיקייט. די מנובלדיקע וועלט איז נישט פאַר מיר. איך וועל שטאַרבן צוזאַמען מיט מיינע ברידער אין וואַרשעווער געטאָ.

(„מצודה“, לאָנדאָן).

העראָאיזם פון פאַרצווייפלונג

דער דאָזיקער מענטש האָט ליב געהאַט קאַמף, און זיין טויט האָט קיין שום שייכות נישט מיט אַ וועלכן נישט איז אַנטלויפן פון לעבן. זיין טויט איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. אָט דער טויט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקע שיינקייט, ער אַנטהאַלט העראָאיזם פון פאַרצווייפלונג, טראַגישע חכמה. זיגעלבוים האָט פאַרשטאַנען, אַז טויט קאָן זיין אַ מיטל פון טאַט, אַז ער קאָן זיין ווירקזאַמער ווי דאָס לעבן גופא, מעג דאָס זיין אַפילו אַ לעבן אויסגעפילט מיט אַרבעט און קאַמף. ער האָט באַגריפן די נוצלעכקייט פון זיין אייגענעם טויט. ער האָט אים אָפּגעשאַצט ווי „אין תוך אַ נאָבעלע זאַך“. די באַנאַלע אַזוי צודרינגלעך דעוואַלואירטע „פּראָפּאַגאַנדע“ קריגט אין געגעבענעם פאַל אַ באַזונדערן גלאַנץ. אַן אויסגעריבענער פינפער וואָס גלאַנצט ווי אמתע גאָלד און פאַרמאָגט די וואָג פון גאָלד.

יעדער געדאַנקען־פּראָצעס, וואָס דערפירט צו זעלבסטמאָרד, ווי צו דעם אויספיר, מוז זיין אַ פּראָצעס אַ טראַגישער. אָבער דער

לעצטער שטריך אין אזא טראַכטן איז מסתמא דער רעיון, אַז טויט וועט ברענגען רו, אַז „טו דאַי, טו סליעפּ״. אין דעם פֿאַל אָבער האָט ביזן סאַמע סוף און אפילו נאָכן טויט נישט געלאָזט איינשלאָפֿן די פֿראַגע, צי דער טויט וועט האָבן אַ גענוג שטאַרקן ווידערקול. ביזן לעצטן דורכלויכט פֿונם שוין זיך לעשנדיקן באַוואוסטזיין האָט געענגבערט די פֿראַגע, וואָס פֿאַר אַ נוצן און אין אַ וועלכער מאָס וועט ברענגען אָט דער נישט געוויינטלעכער אויסשליסלעכער טויט, וואָס איז אַזוי אויסגעטאָן פֿון וועלכע נישט איז אינדיווידועלע טעמים. אַ טויט מיט פּראָפּאַגאַנדע־ציל, טויט ווי אַ פּאָליטישע אַקציע, טויט ווי אַ מאַניפֿעסט. אַן איינזאַמער טויט, וואָס איז דער אויסדרוק פֿון טויט פֿון מיליאָנען, אַ טויט אַ באַשיידענער אין זיין גרונט־יסוד און אין זעלבן גרונט־יסוד אַן עפֿעקטפֿולער. עפֿעקטפֿול ווי אַ טעאַטער־שפּיל.

אָבער דאָס איז טעאַטער אין זיין שענסטן מין: גריכישער טעאַ־טער. און אפשר נישט גריכישער? אפשר איז עס גאָרנישט טעאַטער נאָר אַ קאַפּיטל תהילים. אָט דער פּוילישער ייד האָט לאַנג געשלאָגן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט, אין דער מוראַדיקער וואַנט פֿון גלייכגילטיקייט. צום סוף איז ער געקומען צום אויספֿיר, אַז ער וועט דורכהאַקן די וואַנט, אויב ער וועט זיך אַ וואָרף טאָן אין איר מיטן גאַנצן אימפּעט, ווען אָט די וואַנט פֿון טרערן אָדער גלייכגילטיקייט וועט באַשפּריצט ווערן מיט זיין אייגענעם בלוט און מאַרך. דאָס האָט געדאַרפֿט זיין אַ מענטש, וואָס פֿילט טיף און איז פֿול מיט ליבע.

זיגמונט נאָוואַקאָווסקי
(„וויאַדאָמאָשטשי פּאָלסקע״, לאָנדאָן)

אַ קעמפֿער נאָכן טויט

אין די לעצטע טעג, ווען פֿון פּוילן האָבן זיך דורכגעריסן דורכן געררויש פֿון דער ווייסל און דורך די מאַזאָווישע ווינטן דער געשריי: „ראַטעוועט!״ ווען וואַרשע האָט געשיקט צו דער וועלט איר ס־אָ־ס — אָט אין די טעג האָט נישט אויסגעהאַלטן דאָס האַרץ פֿון דעם, וואָס האָט באַדאַרפֿט בלייבן ווייטער אויף זיין פּאָסטן, עקשנותדיק קעמפֿן און נישט אָפּטרעטן.

אָבער דאָס קעמפֿנדיקע וואַרשע וועט אים פֿאַרגעבן, וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען, וואָרום אַוועק איז ער נאָר פֿאַר איר. שמואל זיגעל־בוים (אַרטור), מיטגליד פֿון דער פּוילישער „ראַדאַ נאַראָדאָוואַ״,

מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד" האָט זיך געטויט אין לאָנדאָן, אויס־
דריקנדיק דערמיט זיין פּראָטעסט קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דער
וועלט לגבי זיין פלאַמיקן רוף צו דער וועלט וועגן הילף פאַר וואַרשע,
וועגן נקמה פאַר וואַרשע. אַוועק איז ער פריוויליק, נאָך פול מיט
כּוח, אין די בעסטע לעבנס־יאָרן. מיט זיין ווייטאָג און מיט זיין טראַ־
גישן טויט האָט ער געוואָלט אויפרודערן דאָס געוויסן פון דער וועלט.
אַוועק פון דער וועלט, פּראָטעסטירנדיק קעגן דער גלייכגילטיקייט פון
דער גרויזאַמקייט צו די ליידן פון דער קעמפנדער וואַרשע. און אין
זיין טראַגישן באַשלוס, אין זיין טאַט פון אַ מוטיקן מאַן און קעמ־
פער בלייבט איינגעשלאָסן אויף אייביק זיין גאַנצע ליבע צו וואַרשע.
הגם ער איז אומגעקומען — דורך זיין טויט קעמפט ער ווייטער. און
הגם זיין קערפּער איז אויפן לאָנדאָנער בית־עולם פאַרברענט געוואָרן
אויף אַש — לעבט זיגעלבוים, אַ סימבאָל פון פּראָטעסט קעגן די
טויבע און בלינדע, זאַטע און גלייכגילטיקע.

אַזוי איז זיגעלבוים אַלעמאָל געווען. ער האָט געלעבט פאַר אַנ־
דערע, ניט פאַר זיך.

מאַריאַן טשוכנאָווסקי

(„גאַזעטאַ פּאָלסקאַ", 2 יוני 1943, ירושלים)

די באַדייטונג פון קרבן

ערשט דער טראַגישער טויט פון פּרעכטיקן אידעאַליסט פון
„בונד", דעפּוטאַט זיגעלבוים, וועלכער איז אין דער עמיגראַציע
באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כדי אויף אַזאַ אופן אויפרודערן דעם געוויסן
פון דער וועלט, האָט אויפגעטרייסלט די ענגליש־רײדנדיקע וועלט.
ס'איז נויטיק געווען אַזאַ גרויסער קרבן, אַז די וועלט זאָל גלויבן דאָס,
וואָס איז פאָרגעקומען אין סאָביבאָר, מאַידאַנעק, אָשווענטשים, טרעב־
לינקע און אין אַלע אַנדערע שעכט־הייזער אָדער טויט־פאַבריקן, אין
וועלכע עס זענען אומגעקומען מיליאָנען יידן.

די לוויה פון דעם גרויסן אידעאַליסט האָט זיך אין לאָנדאָן פאַר־
וואַנדלט אין אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע און הילכיק אָפּגעקלונגען אויף
דער גאַנצער וועלט. ועל כּולם איז דאָס געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אין
דער באַציאונג פון די אַליאַנטן צו דער פראַגע. פון דעמאָלט אָן האָבן

קיין פּוילן אָנגעהויבן אָנקומען הילף־מיטלען, וואָס האָבן אין אַ גרויסער מאָס צוגעהאָלפן צו דער רעטונגס־אַקציע. גלייכצייטיק מיטן פאַרשטיין די ערנסטקייט פון דער לאַגע, האָט מען אַלץ מער גענומען פאָדערן נייע באַריכטן וועגן דעם מצב פון די יידן אין פּוילן.

מארעק ארטשינסקי

(„נאָווא עפּאָקאַ”, נומ׳ 17, 22-טער סעפּט. 1945, וואַרשע)

ז. שניאור

זיגעלבוימס קאַמף מיטן שאָטן*)

— לעצטע סצענע —

זיגעלבוים (בייס שפּיגל):

גענוג צו שפּיגלען זיך אזוי,
צו דאָפּלען זיך!
ביסט איינער.
דיין אורטייל ווארט,
דיין שטונדע האָט געשלאָגן.

שאָטן (שטרעקט אויס אַ האַנט פון שפּיגל):

האַלט! ניט איינער...
וואָס ווילסטו טאָן?

זיגעלבוים:

ווי אַ פּולווער־פאַס
מיין גוף און זעל געברויכן, —
אין דער טויטער שטילקייט
פונעם וועלט־געוויסן...
לאָז!

שאָטן (האַלט אים פעסט):

ער וועט ניט אויפריייסן אַצינד
דיין אָרעמינקער פּולווער.
ער איז פאַרנעצט,
איז דורכגעווייקט מיט דיינע
און מיט פרעמדע טרערן...

---

*) דאָס איז אַ פראַגמענט פון אַ דראַמאַטישער פּאָעמע: „הערױאיקאַ אויף דער יידישער גאַס”, וואו עס שפּילן אויס זייער לעבן, אין אַלערליי דערשיינונגען פון העלדנטום: לעקערט, ברענער, טרומפּעלדאָר, זיגעלבוים און קלעפּפּיש.—ז. ש.

זיגעלבוים:

לאז אפ, דו ציניקער!
(רייסט זיך אפ. שטאמלט פון כעס):
דו — דו —
דו פייגלינג וואס דו ביסט!
(ווישט זיך די אויגן, פארוואונדערט):
ווער ביסטו, אייגנטלעך?

שאטן:

דיין שכל, —
פון שפיגלראם ארויסגעגאנגען
זיך חברן מיט דיר!
כ'האב ביז אהער געפירט דיך,
דורך נויט און דורך געפארן, —
פון קראסניסטאוו ביז ווארשע,
און פון ווארשעווער שוצגראבנס
ביז לאנדאן.
איך בלייב מיט דיר. כ'וועל ניט דערלאזן
זאלסט אפגעבן אומזיסט דיין לעבן...

זיגעלבוים:

אומזיסט הייסט דאס ביי דיר?

שאטן (רואיק):

דיין קרבן וועט נאר זיין
א העפלעכקייט אזא צום גרויסן שונא, —
אים אפטרעטן דעם וועג...
אזוי האבן געטאן
נאר אומבאהאלפענע און קדושים,
פון אלע אייביקייטן אן.
געשטארבן א מארטירער־טויט,
די גרינע וועלט געלאזן פאר די טמאים.
נאר יענע זענען, פרעך און לוסטיק,
ארום שאפאט געשטאנען און געלאכט:
אדרבא!
וואס מער אזעלכע הייליקע —
אלץ מער ירושה בלייבט אונז...

זינגעלבוים:

און דו, וואָס מיינסטו דאַרף מען טאָן
אַצינד, אין נעפּלדיקן לאָנדאָן?
ווייטער שטויסן טרערן אין אַ שטויסל?

שאָטן:

אין דעם מאָמענט, אין נעפּלדיקן לאָנדאָן —
גאָרנישט!
נאָר צו פרי נישט שטאַרבן;
זיין אַן עדות,
אַ לעבעדיקער בלוט־שטעמפּל
אויפן פרעכן שטערן פון דער וועלט.
די שיסלען פון די זאַטע ביטער מאַכן,
די וויינען פון די זינגער אָפּסמען,
ביסלעכוויז... ביז וואַנען —

זינגעלבוים (שפּרינגט אויף):

ניטאָ קיין ביסלעכוויז אַצינד!
גלייך און אויף אַן אָרט.
ווי אַ שטורעם־באָק — אין שטאָט־מויער אַריין!
און זאָל מיין פוסטער שאַרבן
צעשפּרינגען, און צעברעכן
די שויבן אין די הויכע פענצטער...
(רואיקער)
כ'האָב אַלע וועגן אויספּרובירט,
געקלאַפּט אין אַלע טירן,
אַלע טויבע אויערן פאַרשריען:
„אַזאַ שייטערהויפן,
ווי עס ברענט אַצינד אין פּוילן, —
האָבן זיבן מיטלאַלטערס,
מיט זיבן טאָרקוועמאַדאַס
ניט אָנגעצונדן!"
עס האָט צו גאָרנישט־ניט געפירט.
און אָט איז זי, די לעצטע מאָנונג,
פון די הונדערט טויזנטער מאַרטירער:
שטאַרבן אויפן אָפּגעהאַקטן שוועל
פון די גרויסע מאַכטהאָבער!
אפשר וועלן זיי זיך אומקוקן...

שאטן:

מען שטארבט נים פאר אן אפשר...
זיי זענען ווילד, די קדושים דיינע
און האלבע קדושים, פון יסורים.
זיי טרינקען זיך אין בלוט און באפן אן
דעם שוואכן גוף דיינעם, —
א שטרוי אין לאנדאנס נעפלען...

זיגעלבוים:

מיין גוף איז ווערטלאז!
דער יחיד האט אצינד קיין ווערט נים,
מיינע אייגענע יסורים — שטויב!

שאטן:

שלאף זיך איבער, דו!
צו מארגן וועסטו
אנדערש זען און אנדערש פילן...

זיגעלבוים:

ניין און ניין! אפילו דרימלען
טאר יעצט נים דער יחיד,
נים פארגעסן זיך...

שאטן:

נים פארגעסן זאלסטו אויך
די אויסגעשטרעקטע ארעמס פון דיין ווייב,
די קינדער־אויגן, טרוימעריש־פארוואונדערטע,
וואס האבן נאכגעקוקט נאך דיר,
ווען דו ביסט, אין דער פינצטער,
פון דיין היים אנטלאפן.

זיגעלבוים:

אין ברענענדיקן יידן־וואלד
ברענט נאך א צווייגעלע, נאך צוויי.
וואס מאכט דאס אוים?...
(וואקלט):
גאט מיין גאט!

שאַטן:

האָסט שוין לאַנג זיין נאָמען
אויף דיינע ליפּן נישט אַרויפגעבראַכט...
צוליב וואָס דערמאָנען אים?
וואָס זאָל עס הייסן?

זיגעלבוים (שטאַרקט זיך):

עס הייסט: אַ רגע קליינמוט.
ס'איז שוין פאַרביי... פאַרביי...
כ'וועל טאָן מיין פליכט.

שאַטן:

ווידער פליכט און אָבער פליכט.
ביסט געוואוינט צו פליכטן,
ווי אַ משא־פערד צום וואָגן.
זינט איך קען דיך שלעפּסטו זיי,
אַלעמענס... נאָר ניט די פליכט
צו זיך אַליין.
געדענק אָבער — די פליכט פון אומקום, —
דיין לעצטן קרבן,
וועלן אָפּשאַצן נאָר די,
וועלכע זענ' אַליין קרבנות.

זיגעלבוים (שרייט):

ניין, די גאַנצע וועלט וועט אָפּשאַצן,
זי מוז!

שאַטן:

האַ־האַ, זי מוז!
הערסטו ניט ווי אָט די שיינע וועלט
רייבט זיך אין דער שטיל די הענט
און מורמלט.
יעדער פאָלק מאַכט חשבון:
המ... די יידלעך גייען אונטער,
ווייזט אויס אַזוי...
אַ שלעכטער מענטש דער „פירער", —
דאָס זאָגן אַלע.

נאָר איין זאַך טוט ער אויף, —
אַ גוטע זאַך:
דעם אַלטן יידן־קניפּל,
דעם לעדערנעם, אָן וועלכן
אַלע פעלקער האָבן זיך געבראָכן קעפּ און פינגער,
בינדט ער אויף,
מיט איין מעסער־שלאַג.
די גאַנצע יידן־פראַגע
מיט איין קלאַפּ פאַרענטפערט ער:
פאַרברענט, אין קאַלך־אויוונס, דעם אָריגינאַל
פון אַלטן און פון נייעם טעסטאַמענט.
די בלוט־חובות, פון דורי־דורות פעלקער,
פאַרווישט ער, מיטן ברוד־שוואָם
פון פאַרלוימדונג.
און מיט זיי צוזאַמען, —
מיליאָנען קאָנקורענטן
פון מאַכט און וואוילטאָג.
דערוויילע — פינף צי זעקס מיליאָנען...
ס'איז אַ ציפער!
און ווען ער האָט דאָס זייניקע געטאָן
דער גרויסער מאָרד־קינסטלער, —
דאַן קען ער גיין!
מיר נעמען־איבער דאָס פאַרמעגן,
וואָס איז געבליבן הפקר, —
אָן איין פלעק אויף אונזער רעפּוטאַציע
פון וועלט־דערלייזער,
מענטשן־רעכט־באַשיצער.
מיר זענען אומשולדיק.
מיר זענען ריין...

זיגעלבוים (שטאָפּט זיך די אויערן):

איך הער ניט מער! איך וויל ניט הערן!
אומקומען!
עס איז דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן
מיר, שליח אומבאַוואָפנטן,
פון אַן אומבאַוואָפנט פאָלק.
עס איז דאָס אַלטע וואָפן פון די שוואַכע,

וואָס האָט חרוב געמאַכט רוים און זיינע נעצן.
אויך דאָס נייע רוים פון קאַפּיטאַל —
וועט אַזוי חרוב ווערן!
(כאַפּט אַרויס אַ פּלעשעלע און טרינקט אויס):
אַזוי!
פאַרפלאַנצט מיינע יסורים
ווי גיפט־קערנער.
און דאָס מאַרטירערטום פון פּוילן
ווי שוואַרצן מאָן צעזייט.
דאָס פעלד זאָל אויפפלאַקערן, דערנאָך,
אין פייער־בלומען פון פּראָטעסט.
(כאַפּט זיך ביים האַרצן):
עס ברענט!
אַ פאַרבלאָנדזשעטער שטיק פייער דאָ אין ברוסט
פון מאַידאַנעק, טרעבלינקע;
פון אַ גאַנצן פאָלק וואָס פלאַקערט, ווי אַ וואַלד,
מיט פרויען און מיט קינדער,
און קיינער וויל ניט לעשן,
קיינער ניט...
(ברעכט צוזאַמען. שעפּטשעט):
נעפּל איבער לאָנדאָן. כ'בין אַליין.
מאַמע מיינע! כ'בין אַליין.
עס שמעקט מיט שטיינקויל און מיט ראָס.
וואַרשעווער ריחות: קוימענס און צוקערניעס...
דאָס געטאָ שימערט
מיט אויגן און מיט חלב־ליכטלעך.
קינדער־אויגלעך. כלה־מיידלעך...
חברים אויף דער „בירזשע" פון אַמאָל.
אויף דזיקאַ־גאַס, אויף דזיעלנאַ.
אין זאַקסישן גאָרטן אַן אַלעע;
לייבוש פּרץ שפּאַצירט דאָרטן אַרום.
זיין פּעלערינאַ פלאַטערט,
זיינע אויגן לויכטן —
אַ נייעם, פרייען דור אַנטקעגן...
וואו איז ער דאָס דער דור?
ער ברענט. סקעלעטן ברענען.
זייער רויטער אָפּשיין, אין עס הימל,

ווינט זיך...
דאָס איז אַלץ וואָס ס'איז פון דיר געבליבן.
(כאָרכלט)

שאָטן (בויגט זיך איין איבער אים):
איצטער בין איך — דו!
איצטער ווער איך איינס מיט דיר.
זיגעלבוים, האָסט מיך באַזיגט!
ביסט שטאַרקער ווי דיין שכל,
וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון דיר
און אָנגענומען מיין געשטאַלט.
דיך ראַטעווען האָב איך געוואָלט
און לעבן, לעבן פאַר זיך...
ס'איז אַן אומזין!
ווי דאָס וועלן ברענען
פון אַ קנויט אָן אויל...
(צעשמעלצט זיך אין דעם אויסגעצויגענעם גוף):
ביסט שטאַרקער, זיגעלבוים!
(דאָס ליכט גייט אויס).

ניו-יאָרק, 1944.

א. לעיעלעס (גלאַנץ)

דער יינגסטער זון

(פון דער פּאָעמע: „א יידישע שטוב אין פּוילן")

גענווידמעט מיט ליבשאַפט דעם ליכטיקן אָנדענק
פון דעם קדוש שמואל (אַרטור) זיגעלבוים.

...ס'איז די שטוב געוואַקסן, פול מיט גרויסע קינדער,
און געקוקט דורך פענצטער און געזען א גרויסע וועלט.
גוט די שטוב די אייגענע, דאָס יעקבשע געצעלט.
אָבער דרויסן פליסט דאָס לעבן פיל געשווינדער;
דרויסן פינקלט, רוישט און קאָכט, גלייך אונטערצינדער
וואָלטן יענע לייט געיאָגט מיט פייערן צעהעלט.
ציען גראָד די פייערן — אויב נישט צו לעשן,
איז אום עוולות אַלערליי דאָרט אויסצודרעשן.

אָנגעהויבן האָט די שטוב מיט פוילנס פרייהייט.
ס'האָט אין ווייסן אָדלער זיך מיט שטאָלץ פאַרפוצט דער בכור.
פויליש טראַכט ער, פויליש רעדט ער, צערנט שטאַרק, ביז גאַר,
וואָס עס לײַדט דער אָדלער; און קיין צייט נישט סטאַיעט
אים צו טראַכטן פון די קינות, פון דעם פּאַיעט (פּיוט),
וואָס דער פאָטער האָט געקנעלט מיט אים צום צענטן יאָר,
און וואָס האָט געגוי, אי יאָמערלעך, אי מעכטיק
אים געוויזן ס'אייגן פאָלק אין זיין פאַרקנעכטונג.

וואָס מיר ירמיה, יחזקאל, אַלע ספרים
מיט פאַרגעלטע מעשיות פון פאַרגלאָצטן יידן־בראָך?
וואָס מיר אינקוויזיציע, גזירות ת"ח און נאָך און נאָך?
פוילן־פיין — אים עסט אָט דער געהיימער וואָרעם,
אָט די עוולה דאַרף מען מיט אַ שטאַרקן אָרעם
אויסגלייכן, פאַרריכטן. דאָס איז זיין באַשערטער יאָך!
פוילן — ס'וואָרט אַליין צינדט אָן מיט ווײַ און גלי אים:
נאָרוויד און מיצקעוויטש זענען די נביאים.

שפּעטער איז געקומען איינע פון די טעכטער.
זי האָט זיך באַקלערט, אַז פרייהייט פון דעם פּוילן־לאַנד
איז צו קליין און אָן פּאַרנעם, כאָטש זיכער נישט קיין שאַנד.
רוסלאַנד יעדנפאַלס איז גרעסער. ס׳איז גערעכטער
צו פאַרשפּילן ס׳קליינע לעבן, אַז דער שעכטער
דאָרט אין פּעטערבורג זאָל ברענען אין אַ גרויסן בראַנד.
פאַר אַזאַ פאַרמעסטונג זענען יידן שוין אַוודאי
קליין געווען — צו־קליין די קלאָגערס נע־ונדע.

ווער עס זעט דאָס שפּילן פון די שטערן אין די הייכן
און אַנטציקט זיך מיט דער גלאַנציקער, געהיימער פּראַכט,
ווען דער שלאָף קומט נישט צום אויג און פלינקער דמיון וואַכט;
זי, די יידן־טאָכטער, האָט ביז טאָג, דעם בלייכן,
אָפּט געהויערט אין דעם בעט, דעם נישט צו־ווייכן,
ווייל די שנאה, ווי די ליבע, שטאַרקער איז ביינאַכט.
נאַכט און טאָג — עס האָבןביידע נישט געסטאַיעט
פאַר איר האַס צום צאַר, איר ליבע צו דער פרייהייט.

בעז אין פרילינג, רויזן רויטע אין דעם זומער.
בלומען זענען שיין צום אויג, נאָר מענטשן זענען שלעכט.
ס׳מיידל האָט נישט צוגעלאָזן זיך צו קיין שום רעכט
פון איר יינגער שיינקייט. איז געווען אַ נומער,
בלויז אַן איינס אין אַן אַרמיי, אַ פּעסטער, שטומער,
וואָס בסוד האָט אונטער ערד געפירט אַ וועלט־געפעכט.
זי, די עלטסטע טאָכטער און איר עלטסטער ברודער —
ביידע שרייפלעך צוויי אין אַ גיגאַנטן־רודער.

ביידע האָבן אין סיבירער ווייטער טונדרע
צייטיק אָנגעשפּאַרט און ביידע דאָרטן ליגן זיי
אונטער בערג פון גלייכגילטיקן אייז און ווייסן שניי.
זייערע לעצטע בריוו, געשריבענע באַזונדער,
האָבן פיל גערעדט מיט צערטלעכן באַוואונדער
פון דער שטוב מיט אירע נחתן און ליבן ווײ,
פון די ערלעכע, געטרייע דלד־אמות,
מיט דעם פאָטערס ברכות, מיט דער טרער דער מאַמעס.

סיני־בערגער זענען ברכות פון די טאטעס,
מאמעס טרערן — אַן אַ דנאָ אַ הייסער אָקעאַן.
אָבער וואָס אַזוינס קאָן אויף דער וועלט דאָ האַלטן שפּאַן
מיט דעם ברענען, מיט דער לײדנשאַפט און פּאַטאָס
פון די זין און טעכטער יידישע צו ווערן קוואַטערס
פאַר דער פרייהייט פון דער וועלט, אין יעדער לופט און לאַנד?
אין דעם „בוך פון מענטש", ביי דעם קאַפּיטל יידן,
וועלן הערצער שפּרינגען, טרערן דאַנקבאַר זידן.

***

אין דער שטוב האָט זיך דערווייל געגומען ווייזן
דאָ און דאָרט אַ נייס פון פרוכפּערדיקן שניט און גראַד.
אָט, אַ שטייגער, אַ גאַזעט, אַן אמת יידיש בלאַט.
ווערטער פּשוט־יידישע, מיט ראיות — אייזן,
מאָלן קלאָר, אַז ס'איז אַ מוטנער ים מיט גרייזן
דער באַגער צו זיין, ווי ס'זענען גויים אַקוראַט.
היינטוועלטיק — נאָר אַן הכנעה און אַן חידוש
פאַר דעם פרעמדן שפּיגל! — בלייבן דאַרף מען יידיש.

אָט די רייד. אַצינד צעדראָשענע און בלייכע,
האָבן דעמאָלט מיט אַ פרישן, רופנדיקן קלונג
דורכגעגליט די קינדער יינגערע מיט מוט און שוואונג.
ס'זענען טענער דאָ אויך אַנדערע, ווי איכה.
שטייפער האָבן זיך געשפּאַנט די סטרונעס ווייכע
פון זייער יידיש האַרץ מיט דרייסטן וואָרט אויף זייער צונג.
האָפערדיק צעקלונגען האָבן זיך די סטרונעס
אין דער שטוב מיט נייע ווייזעס און אמונות.

שניידערס האָבן אויפגעשטעלט אַ נייעם יחוס,
שוסטערס האָבן צוגעקלאַפּט מיט האַמערדיקן גראַם
צום געזאַלצענעם, צום טיפן, גרויסן טרערן־ים.
רייד פון קומענדיקע, גרויסע פרייהייט־וויכערס
האָבן זיך געפּאָרט מיט נייער יידן־שליחות,
מיט אחריות פאַר דעם אייגענעם, דעם אַלטן שטאַם.
האָט מען די אחריות ריכטיק נישט פאַרשטאַנען,
איז געווען ווער ס'זאָל אי לערנען, אי דערמאַנען.

ווער עס האָט צו זיך אַליין ניט קיין דרך־ארץ,
קאָן פֿאַר יענעם נישט, און אויך פֿאַר זיך נישט זיין קיין ליכט.
זעגען יידן ווי פֿאַר פֿרעמדן פיינדלעכן געריכט,
דאַרף זייער לעבן שטיין ביי טירן מיט אַ תירוץ.
אַט אַזוי האָט אונזער יצחק לייבוש פּרץ
אָפֿט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש מיט שטאָלץ געוויכט:
קיין פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר קיינעם איז נישט נייטיק —
גרויס איז אונזער זעאונג, הייליק אונזער ווייטיק.

***

אין די נייע ווינטן האָט זיך דער מוזינעק
אויסגעבאָוועט און געוואָרן אַ צעשטראַלטער יונג
מיט אַ שאַרפֿן קאָפּ און מיט אַ פֿלינקער, גרייטער צונג.
אַ פֿאַרקלערטער, אָבער דרייסט און איידל־זיניק,
האָט ער זיך געזאָגט: אַ טונקל־טובלער קליניק
איז די יידן־גאַס, און היילונג דאַרף זי, לייטערונג.
ס'פּרץ־וואָרט האָט טיף אין אים אַריינגעדרונגען,
און פֿאַרטיפֿט און אייגן האָט'ס פֿון אים אַרויסגעקלונגען.

ער איז שוין געגאַנגען אין די נייע שקאָלעס,
און די חכמה יון איז צו אים געווען באַוואוסט.
וויפֿיל נייקייט, ברייטקייט, וויפֿיל חלום, וויפֿיל גלוסט
האָט זי אויפֿגעוועקט! אויך וויפֿיל קללות...
פֿאַר דער אומבאַשיצטער סוכּה פֿון דעם „גלות"
איז ער אָפֿט געשטאַנען ביטער, מיט פֿאַרקלעמטער ברוסט.
און דורך אירע שפּאַרעס, דורך דעם דאַך מיט לעכער
האָט ער בענקענדיק געשיקט זיין בליק אַלץ העכער.

ס'האָט געטראָפֿן: דורך דער סוכּהס וויסטע שפּאַרעס
האָט ער נישט געזען בלויז אַ פֿאַרהאַסטן וויזל־טיר
מיט פֿאַרצוקונג אין דעם פּיסק, מיט חורבן אין קאָליר.
ס'האָט אַמאָל דורך אַלע חושכדיקע מראהס,
דורך דעם הורבנדיקן בליי פֿון שווערע כמאַרעס,
אים אַנטפּלעקט זיך אַ געשטאַלט מיט סוד אין יעדן ריר,
מיט אַ רוף פֿאַראויס און צו באַזאָרגן ווייטע ליכטער,
און באַרואיקט: ניין, איך בין נישט בלויז פֿאַרניכטער.

וויפיל מאָל האָט ער זיין יידישקייט פאַרשאָלטן,
און געזאָגט, ווי היינע: יידישקייט אַן אומגליק נאָר.
וויפיל מאָל געפליסטערט און געשריגן הויך: פאַרוואָר,
ס'פאָלק איז אַלט, אַ טאַפּ, צעלעכערט און געשפּאָלטן.
אויב ביז היינט האָט אים צו לעבן אָפּגעגאָלטן,
איז איצט צייט צו שטאַרבן. היינט — אַן אימהדיקע וואָר,
אַ רעטעניש און לאַסט פאַר אַנדערע, פאַר יענעם,
און פאַר זיך אַליין — אַ הויקער אין גהינום.

דענצמאָל פלעגט ער איינזויגן דעם שאַרלאַך־שימער
פון אַ סומנעם, בלוטיקן, צעפלאַמטן זון־פאַרגיי,
און זיך זאָגן: אָט אַזוי שטאַרבט דאָ דעם ליכטס אַרמיי.
שיין דער טויט, נאָר גרעסטע שאָנקייט איז דער גלימער
פון דעם האָפן אויפצושטיין און אייביק־אימער
ווידער זיך באַנייען מיט אַ פרישן ליכט־פאַרזוי.
דענצמאָל פלעגט ער מיט דער זון אין מערבס צונטער
שרייען: לעבן! בלייבן! נישט אַראָפּ־אַרונטער!

*
**

טורמען הויכע פעלזן איבער טיפע תהומות.
שלענגלט זיך פאַררעטעריש אַ סטעזשקע צווישן זיי.
אויבן קעלט און גליטש, און ווינטן בייסיקע און שניי.
אונטן אונטערגאַנג. דאָס שטעגל — זעסט קוים־קוים עס,
און אויף אים אַ מענטש, געהילט אין גאָלע אימהס,
מיט אַ לאַסט אַ שווערער, אַזש ער בייגט זיך באַלד אין צוויי.
גייט דער מענטש. אַ פאַלשער טראָט, און ער צעפליט זיך,
פאַלט אַרונטער און אויף ביינער דאָ צעשיט זיך.

און די לאַסט איז אים, דעם מענטשן, קענטיק טייער,
ווייל נישט אָפּלאָזן פון איר, כאָטש ס'וואַקסט אַלץ די געפאַר.
וואָס באַהאַלט די לאַסט? וואָס פאַר אַ גוטסקייט, ס'אַראַ שכר?
פרעג די צונג פון פלאַם, פאַרוואָס זי ליבט דאָס פייער.
פרעג זיך נאָך אויף דער פאַרוואַנדשאַפט דער געטרייער
פון דער צווייג צום וואָרצל, אין דער טיפעניש פאַרשפּאַרט.
צענטנער־שווער קאָן וועגן אָפט דאָס אייגן פּנים,
אָבער שטענדיק איז פאַרראַט — די לייכטקייט אַן אים.

פעלז און אָפּגרונט און די ווינטן וואָיען פרעכער.
פּרוּווט אים דער נסיון מיט פאַררעטערישער האַנט:
רייס די טאַטע־מאַמע וואָרצלען, מאַך זיי פּלינק צו־שאַנד!
הערט ער דענצמאָל זיפצן אונטן, הערט אַלץ העכער
דורות מתים וויינען אין דעם אָפּגרונטס לעכער:
„גיי און לעב! באַזין די האַק, די תּליה און דעם בראַנד.
טראָג די טרוימען אונזערע, די פּיינען, תּפילות.
היט דאָס לעבן. דיינס איז אונזערס, נישט פאַרשפּיל עס!”

גלייכט דער מענטש זיך אויס, ווערט האָפּערדיקער, ייִנגער.
ס'פאַלט די מאַנונג אויף זיין האַרץ און ווערט אַ קלאָר געבאָט.
נעמט ער שפּאַנען גראַד, מיט זיכערן, מיט פעסטן טראָט,
איז די לאַסט קיין לאַסט נישט, און דער פוס איז גרינגער.
ס'טאַנצט דער סוד פון וועלט און פאַלק אויף שפּיצן פינגער
ביי דעם יונג פון פּוילן. און מיט העלקייט און מיט שפּאָט
טראַכט ער טראַכטונגען סיי פּשוטע, סיי קלאָרע,
און אויך בייזע, אָבער ערלעכע און וואָרע.

כאַפּט מען לענדער, ווי אַ פרעסער כאַפּט אַ פּעניץ?
כאַפּט מען ערד פאַר זיך, און קיינעם לאָזט מען מער נישט צו
מיט אַ שווערט, צי מיט סקאָרבאָווע שפּרוכן פון טאַבו?
מוז ערד שטענדיק זיין צעהאַקט אויף גרענעץ־גרענעץ:
לענדער, לענדלעך, לענדעלעך, די גרויס אַ גענעץ,
און ס'דערוואַרט מיט אומגליק און מיט טויט אַ ראַנדעוואו
יענעם, וואָס רופט אויס, וואָס איז פונסניי מגלה:
ערד איז אַלעמענס און דאַרף זיין פריי פאַר אַלע?

אין מעת־לעתן שווערע, ביטערע און גרויע
האָט זיך אים געדאַכט — ער הערט דאָס צאַרנדיקע קול
פון אַ גרויסן נביא אין דערווייטערטן אַמאָל.
גלייך ישעיה, מיכה, עמוס פון תּקוע
וואָלטן מיט דיבורים הייליקע, געטרייע
דעם געדאַנק זיינעם געגעבן וואָג און וואָר און שטאָל.
איובס קלאָג־רייד, שלמהס קלוג־רייד אין קהלת
האָבן צוגעשפּילט — ווי זייטיקע קאַפּעליעס.

ריכטיק: ווי דער רייפער מאַן קאָן נישט צוריק צום וויגל
פון זיין קינדהייט און פאַרליולען זיך מיט קינד־געריד;
ווי דער בוים קאָן נישט געניסן מער די רו און פרייד
פון דעם ניסל אין דער ערד אין טאָל, אויף היגל,
כאָטש די וויכערס רייסן פרעך זיין יעדן ריגל,
און די ווילדע ווינטן פליקן אים זיין קרוין און קלייד:
קאָן דאָס פאָלק, וואָס האָט געטרוימט אין צפון, דרום,
און געלאָזט אין מזרח, מערב, זיינע קברים — —

קאָן אַזאַ מין פאָלק שוין נישט פאַרקריכן מערער
אין אַ קעסטעלע פאַר זיך, און זיין מיט זיך ביינאַנד.
ס'האָט דער וועלט־שפּאַנער נישט בחינם דאָך געשפּאַנט.
ס'איז זיין בליק געוואָרן ווייטיקדיק, נאָר קלערער.
ווייטיק איז אַ גרויזאַמער, נאָר קלוגער לערער
אין די וועגן פון דער וועלט, אין קומענדיקן שטאַנד.
מעג אַזאַ מין פאָלק זיך זעצן דאָ און דאָרטן —
ס'איז אַ וועלט־פאָלק אומעטום, ביי יעדן באָרטן.

ווער עס קוקט אי ווייט, אי הויך, דער קאָן אויך פּלוצים
אָנוווערן דעם לעצטן קריש פון אונטער זיינע פיס.
מוז מען האַלטן קאָפּ און אָלצדינג זען אַזוי ווי ס'איז.
פאַר דעם אַלטן פאָלק איז שפּעט שוין די באַפּוצונג
פון די גויים, און צו־הויל שוין די תירוצים
צו פאַרדעקן שלעכטס מיט נעמען וועלכע קלינגען זיס.
וואָס איז שלעכט איז שלעכט. עס מוז זיין אַנדערש, אַנדערש
ביי דעם פאָלק פון טויזנט ווייען, טויזנט וואַנדערס.

***

אָט אַזוי און מער נאָך האָט דער זון דער יינגסטער
פון דער שטוב אין פוילן זיין געדאַנקען־שנור געפירט.
ניין, ער איז נישט דאָ קיין פרעמדער, נאָר אַ גלייכער ווירט
אין אַ וועלט, וואו ס'דאַרף נישט זיין קיין גרעסטער, מינדסטער.
אַ, געוויס — עס וועט נאָך לאַנג זיין וועלפיש, פינצטער
ביז דאָס „בוך פון מענטש" וועט פריידיק, פאַרביק, פילקאָלירט
זיין אַ בוך פון גרויסע, מעכטיקע ישעיהס,
נישט קיין סומנע כראָניק פון אַ וואַלד מיט חיות.

אַט דער וואַלד — מען דאַרף אים מאַכן ליכטיק, צוימען.
אַנדערש איז נישט זיכער קיין שום ווינקל אויף דער ערד.
ער האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס עס האָט באַגערט
זיין צעגליטע יינגסטע שוועסטער, אירע טרויטען
האָבן אויסגעזען ביי אים ווי לעצטע שוימען
פון אַ צייט, וואָס אָפּ, און צו די געכטנס שוין געהערט.
נישט נאָך פּענער אין אַ וועלט פון בלוט און תהו,
נאָר פאַר אַלע — ס'ליכט פון פאַסטוך פון תקוע.

דאָס — זיין וועג, און מעג ער פירן דורך חיילות
פּרעמדע, פיינדלעכע און זיין פאַר זיי געזוכטער פאַנג;
מעג וואו לויערן אויף אים אַ הויכע תליה־שטאַנג,
אָדער פעסער פול מיט ברענענדיקע סמאָלעס —
ס'בלייבט זיין שלאַכטפעלד דער פאַרהאַסטער, לאַנגער גלות.
גלות — דאָס איז וועלט אין פיינלעכן גאולה־גאַנג.
אויב נישט היינט, וועט זיין ווער ס'זאָל אים מאָרגן אַרבן;
אויב נישט לעבן — ער וועט וויסן ווי צו שטאַרבן.

ז. סעגאַלאָוויטש

דאָרטן...*)

דעם נאָמען: שמואל (אַרטור) זיגעלבוים

צעגראָבן אין װאַרשע די גאַסן,
די הײַזער צעשמעטערט, צעשאָסן.
נישטאָ שוין אין שטאָט מער קיין װאַסער,
נאָר בלוט האָט װי װאַסער געפלאָסן.
די הויפּטשטאָט געשטעלט זיך פאַר פּוילן
און קרבן געפאָדערט, געפריידיקט...
מען װעט נאָך דערציילן, דערציילן,
װי װאַרשע האָט װאַרשע פאַרטיידיקט.
פיל צוימען פון אײַזן, בעטאָנען...
פון מוט און פון גלויבן, פיל כוח,
אליין זיך געגרייט פאַר קרבנות,
אליין זיך געשטעלט דעם מזבח...
די װאַרשעװער האָבן געגעבן
א טיפן, א בלוטיקן סימן,
פאַר צוקונפט, פאַר שטאָלץ און פאַר לעבן...
מען װעט זיי באַזינגען און רימען,
עס זענען גבורים װי ריזן
געבוירן געװאָרן אין פייער...
די װאַרשעװער האָבן באַוויזן,
װי פרייהייט איז הייליק און טייער...

פון פייער און כוח באַלעגערט.
דער שונא װעט זיינס שוין געניסן...
פון זיג ניט געװען שוין קיין פראַגע,
געװען איז בלויז טאָט פון געװיסן.

*) קאַפּיטלען פון א גרעסערער פּאָעמע.

דער שד מיט מיליאָנען פיל קוילן...
די ווארשע, זי איז שוין אין קייטן...
דער שד האָט געלערנט די גרוילן,
מיט חכמה שטודירט, ווי צו טייטן...
דריי וואָכן, דריי העלדישע וואָכן,
פון לעבן ביז שטאַרבן — סעקונדן...
פון קעלער צו קעלער געקראָכן,
און דאָרטן אויף אייביק פארשוואונדן...
פארטויבטע פון בליי ביז חלשות,
פארוואונדעטע פול מיט געשפענסטער...
עס האָבן זיך לעבנס געלאָשן,
ווי ליכט אין אָן אָפענעם פענצטער.
די נאכט, ווי דער טאָג איז שוין העלער
פון שרפות וואָס ווערן ניט קלענער,
פלאַם־פייער... און אין די שפּיטעלער
געברענט האָבן קראַנקע ווי שפּענער...

א ביסעלע וואסער צו קריגן,
פאר קינדער, פאר עופהלעך, ברעקעלעך,
באנדאזשן פאר די, וועלכע ליגן
פארוואונדעט און יאָמערן שרעקלעך.
אויף גאסן אין ווארשעווער הויפן,
איז לעבן אליין שוין א גבורה...
און ראטעווען יענעם און לויפן,
און ברענגען די מתים צו קבורה
אין יעניקע טעג פון פארוויסטן,
אין ראנגל מיט הונגער און פלאַמען,
באווייזן די יידן און קריסטן,
ווי שטארק מען קען ליידן צוזאַמען.
די זעלביקע ביקסן, גראנאטן...
די זעלביקע פארצאָרנטע אויגן...
איין טויט פון די זעלבע הארמאטן....
דאָס האָט זיך דריי וואָכן געצויגן.
צווישן די מענטשן, די דרייסטע
געוועז איז איין שווייגיקער ווילן;
פארשפּילן... דאָך מוטיק, באגייסטערט...
פארשפּילן... דאָך בלוטיק פארשפּילן...

סטאַזשינסקי, זאַרעמבאַ און העפּנער...
געדענקט זיי, די ליכטיקע נעמען!
דערמאָנט טשערניאַקאָוון וואָס עפּטער,
ביז האַרץ זאָל פון צער זיך פאַרקלעמען.
דער רבי פּיאַסעטשנער, שאַפּיראָ,
און אַנדערע ריינע געשטאַלטן.
און גוזשיק, דער דזשאָינטישער פירער,
ווי ווירדיק מען האָט זיך געהאַלטן.
דער חבר אַרטור, דאָס איז שמואל,
יאָ, זיגעלבוים שמואל, זיין נאָמען,
אין וואַרשעווער טעג פון עינויים
און שוידער פון גאַסן־מלחמה
געהאָלפן וואָר־וועד האָט געבלוטיקט,
געהאָלפן די גאַס צו באַשפּייזן,
געוועזן אומעטום און געמוטיקט
און וויפיל אַ מענטש קען באַווייזן.
און וואַרשע אין וויסטע רואינען...
איז וואַרשע פאַרבליבן אין גרויסקייטן,
צו להכעיס דעם טייוולס באַדינערס,
צו להכעיס טייוולאָנישער בייזקייט.

און ערגעצוואו ווייטער אַ ביסל
פאַרבט יעשען מיט גאָלד זיינע בלעטער...
און טייך האָט זיין רואיקן פליסן
ניט איבערגעריסן ביז שפּעטער
און הימל... צווישן שראַפּנעלן
האָט זילבערנער שפּינוועבס געציטערט,
דעם האַרבסט איז אַזוי דאָס געפעלן
דעם מענטשן צערייצן פאַרביטערט.
דריי וואָכן אין מאָרד און יסורים,
דריי וואָכן אין גרויזאַמען שעכטן,
דריי וואָכן אין פייער און שטורם...
דאָס גילט נאָך, דאָס איז ניט קיין נעכטן.
דאָס וועט זיך נאָך הילכיק צעזינגען
אין שפּעטיקע דורות מיט גלויבן...
אויב מענטש וועט אליין זיך באַצווינגען

דעם מענטשלעכן שטאָלץ צו דערהויבן.
פאַר יענע פאַרבלוטיקטע ערטער,
איז וואָרט ניט דערוואַקסן, באַשיידן...
טאָ לאָמיר איצט לאָזן די ווערטער,
און בויגן די קעפּ און ניט ריידן.

א. נ. שטענצל

שמואל זיגעלבוים

יאָ, פּונקט ווי פֿון זייער קאַמף און קאַמף-געשריי
ער איז דאָ געווען דער ווידערקול —
אַזוי איז ער געוואָרן איינער פֿון זיי,
ווען ער איז געפֿאַלן אונטער זיין עול.

עס האָט צוזאַמענגעבראָכן זיין לעבן
מיט זייער לעצטן גסיסה-געשריי —
אונטער זייער פֿינצטערער וואַנט צו ליגן
אַ געפֿאַלענער מיט זיי.

און דאָס ביסל אַש געלאָזן דאָ נאָך זיך,
אַז מיט אונזערע אויגן נאָך זאָלן מיר זען,
ווי דאָס אויפֿפֿלאַמען זייערס צום לעצטן קאַמף —
ווי ברענענדיק און ווי עכט ס'איז געווען.

לאָנדאָן

װלאַדיסלאַװ בראָניעװסקי

צו די פּױלישע ייִדן

דעם אָנדענק פון שמואל זיגעלבױם

פון פּױלישע שטעטלעך און שטעט מען הערט נישט קײן יאוש־געשרײ,
געפאַלן זענען װי שלאַכט־לײט פון װאַרשעװער געטאָ די העלדן...
איך טונק מײנע װערטער אין בלוט, מײן האַרץ אין גרױסן געװײן,
פאַר אײַך, אָ, פּױלישע ייִדן — איך װיל אױף מײן װאַנדער עס מעלדן.

נישט קײן מענטשן, נאָר בלוטיקע הינט, נישט קײן סאָלדאַטן, נאָר
הענקער
זענען געקומען אין אײַערע פרױען און קינדער צו שיסן.
אין קאַמערן מיט גאַז אײַך צו סמען, מיט קאַלך אײַך צו דערשטיקן
און צו לאַכן פון אײַך, מיט הכנעה געשטרעקטע צו גסיסה.

נאָר איר האָט א שטײן אױפגעהױבן אין אײַערע שונאים צו װאַרפן,
װאָס האָבן מיט פײַער און שנאה חרוב געמאַכט אײַערע הײמען...
אָ, זין פון די מכבײער! אױך איר האָט באַװיזן צו שטאַרבן
אין פלאַקער פון קאַמף און נקמה נעבן אײַערע פּױלישע שכנים.

פאַרקריצט עס אױף לוחות פון שטײן פאַר דורות אין פּױלנס זכרון:
אונזער הײם איז צעשטערט, אונזער בלוט איבערגאָסן טױט פליסן,
אונז פאַרבינדן די דראָטן פון לאַגערס, די װעגן צו דאַכאַו,
אָשװיענטשים,
יעדער אָרט פון א ברודער־קבר און יעדע קראַטע פון תפיסה.

ס׳װעט נאָך בלױען דער הימל אַמאָל איבער דעם חרובן װאַרשע,
װען נאָך די שלאַכטן די שװערע זיג װעט באַשײַנען די מענטשן.
און זײַן װעט פרײַהײט און רעכט און זײַן װעט ברױט פאַר אונז אַלע,
און זײַן װעט אײן ראַסע אױף ערד — די ראַסע פון אײדעלע מענטשן.

פון פּױליש: נחום באָמזע.

אינזשיניער אבֿרהם (אַבראַשאַ) בלום

אינזשעניער מיכאַל קלעפּפיש

אבֿרהם בערעק שניידמיל



ישראל גרילאַק

„מיינע חברים אין וואַרשעווער געטאָ זיינען אומגעקומען מיט געווער אין האַנט אין דעם לעצטן העראָאישן געראַנגל. עס איז מיר ניט געווען באַשערט צו שטאַרבן אַזוי ווי זיי, צוזאַמען מיט זיי. אָבער איך געהער צו זיי און צו זייערע מאַסן-קבֿרים."



זלמן פרידריך

לייב קערש

מרים שיפמאַן



לייב גרוזאַרין

ש. מ. זיגעלבוים, זיין ערשטע פרוי גאָלדע און זייער קינד
יוסף לייב.

אויף אַ גאַסן-דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע. פירער פון „בונד" — אין ערשטער ריי: ה. ערליך, וו. אַלטער; צווייטע ריי: וו. קאָסאָווסקי, ש. מענדלסאָן, וו. שולמאַן; דריטע ריי: מ. אָזשעך, ס. דובנאָוו-ערליך; אין דער לעצטער ריי: ש. מ. זיגעלבוים.



די 12 ערבניקעס („זאַקלאַדניקעס"), וואָס די דייטשען האָבן גענומען נאָכן דעראָבערן וואַרשע אין אָקטאָבער 1939. דער דריטער פון רעכטס אין דער צווייטער ריי איז ש. מ. זיגעלבוים; גלייך נאָך אים לינקס שטייט דער שטאָט-פּרעזידענט סטעפאַן סטאַזשינסקי.

דאָס פּרעזידיום פון אַ געמיינזאַמען פּאָליטישן מיטינג פון פּוילישע און יידישע אַרבעטער אין וואַרשע. אויפן בילד אָנגעזעענע פירער פון פּ.פּ.ס., „בונד" און פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן. אין פאָדערשטער ריי דער ערשטער רעכטס איז ש. מ. זיגעלבוים.

ש. מ. זיגעלבוים — אַ פּאָר טעג פאַרן אָפּפאָרן פון ניו-יאָרק קיין לאָנדאָן (1942), אין וואַן-קאָרטלאַנד-פּאַרק, בראָנקס, נ. י.

אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן (1942), אָרגאַניזירט דורך דער ענגלישער אַרבעטער-פאַרטיי. עס זיצן פירער פון אַ ריי סאָציאַליסטישע פאַרטייען. ש. מ. זיגעלבוים (שטייט ביים מיקראָפאָן) רעדט וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין אייראָפּע.

די לויה; בונדיסטן טראָגן דעם ארון.

פירער פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) אַדאַם טשאָלקאָש לייגט אַ קראַנץ בלומען. אין פראָנט זיצן מיטגלידער פון דער פוי-לישער גלות-רעגירונג אין לאָנדאָן מיט סטאַניסלאַוו מיקאָלאַיטשיק בראש.


לאַזער קלאַג


מאוריצי אָזשעך

ד״ר ש. פענסטערבלוי


משה קויפמאַן

„מיין לעבן געהערט צום יידישן פאָלק
אין פוילן און דערפאַר גיב איך עס אים
אַוועק.״

סאָניע נאָוואָגרודסקי

יאַנקל פוטערמאַן

אליהו באַרנבוים

אַ קראַסניסטאַווער ייד
(ר׳ משה מרדכי)

העניעך רוס